STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01154

ARBETER RING IN RANGLENISHN UN DERGRAYKHUNGEN (1914-1964)

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Marc Hirsh
in memory of
Albert Hirsh & Sarah Hirsh

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ ר בּ ע ט ע ר - ר י נ ג

אין ראַנגלענישן און דערגרייכונגען

●

(1964 — 1914)

אַרבעטער רינג

• אין

ראַנגלענישן

• און

דערגרייכונגען

(1914 — 1964)

רעדאַקטאָר:
יעפים ישורין

אַרויסגעגעבן פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב"
צו זיין פופציקסטן יובל

ניו-יאָרק 1964

ARBETER RING—

ITS STRIVINGS AND ATTAINMENTS

(ARBETER RING IN RANGLENISHN UN DERGREICHUNGEN)

COPYRIGHT 1964 BY THE
NATIONAL SOCIAL CLUB
175 East Broadway, New York, N. Y.

Printed in the U. S. A. by
KNIGHT PRINTING CORP., 382 LAFAYETTE ST., NEW YORK
96

50 יאָר לעבן און ווירקן פון אונדזער קלוב

צו גרויס זיינען די פאַרדינסטן פון קלוב און קאָלאָסאַל זיינען זיינע דערגרייכונגען, אום צו קענען, אויף די באַגרענעצטע שפּאַלטן פון דער בוך, געבן אַ גענוי בילד פון 50 יאָר לעבן און ווירקן פון אָט דער מערקווירדיקער, אינטערעסאַנטער און פאַרדינסטפולער אָרגאַניזאַציע.

מיר מוזן געבן קרעדיט די מענטשן, וועלכע האָבן פאַרטראַכט די גרינדונג פון קלוב. קיינעם פון יענע פּיאָנערן איז גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז דער קלוב וועט אויסוואַקסן צו אַזאַ גרויס און אַז די השפּעה פון קלוב וועט זיין אַזוי וויכטיק אין דעם וואוקס און לעבנס־געשיכטע פון אַרבעטער־רינג.

דער צוקונפטיקער היסטאָריקער פון אַרבעטער־רינג וועט זיכער פאַרצייכענען די גרויסע ראָלע וואָס דער קלוב האָט געשפּילט במשך פון די לעצטע 50 יאָר. די אויפגאַבן פון קלוב זיינען געווען גאַנץ גענויע — אָפּצוהיטן די גאַנצקייט און ריינקייט פון אַרבעטער־רינג, די טראַדיציעס פון אַרבעטער־רינג, זיינע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע פּירונגען, זיין אָנהענגערשאַפט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — דאָס איז געווען, דאָס איז איצט און דאָס וועט אַלע מאָל זיין די זאָרג פון קלוב. די וויכטיקסטע טוער אין אַרבעטער־רינג איבערן גאַנצן לאַנד, זיינען פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט אַלע זייערע פיבערן אין אונדזער קלוב — אָן פּערזענלעכע אַמביציעס, אָן דעם מינדעסטן ווילן צו קאָנטראָלירן, אָדער דיקטירן די פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעטן פון דער אָרגאַניזאַציע, אַזוי לאַנג ווי די מאָטיוון פון די פאַרוואַלטער זיינען פריי פון אויסנוצן זייער מאַכט און זייער איינפלוס אויף דעם אַרבעטער־רינג אין קעגנזאַץ צו די לאַנג־יאָריקע און איינגעפונדעוועטע טראַדיציעס און דער פּלאַטפאָרמע וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט פּראָקלאַמירט ביי זיין גרינדונג.

צום קרעדיט פון קלוב מוז צוגערעכנט ווערן זיין גוואַלדיק וויכטיקע ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט אין דער צייט ווען אויף

דער יידישער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער גאָס האָט געבושעוועט די קאָמוניסטישע וואַקכאַנאַליע, וואָס האָט געזוכט צו פֿאַרפֿירן און אַריינצושלעפּן די יידישע אַרבעטער אין דעם לאַגער פֿון די וואָס האָבן אַזוי גרויזאַם פֿאַרשקלאַפֿט אַ האַלבע וועלט. עס זיינען געווען מאָמענטן ווען דער אַרבעטער־רינג האָט געהאַלטן ביים איינגעשלונגען ווערן פֿון די חברים, וועלכע האָבן פֿאַרדאָרבן און פֿאַרשעמט דעם שיינעם אויסדרוק „חבר", דער אויסדרוק וועלכער איז געווען איינגעבאַקן אין אונדזערע הערצער און נשמות, ווען מיר האָבן געקעמפֿט אין אונדזערע אַלטע היימען קעגן דער דעספּאָטישער הערשאַפֿט פֿון דער רוסישער צאַרישער רעגירונג, ווען די בעסטע זין פֿון אונדזערע יידישע פֿאָלקסמאַסן זיינען געגאַנגען אין די סיבירישע טייגעס, אויף קאַטאָרזשנער אַרבעט, אויף באַריקאַדן און עשאַפֿאָטן.

דאָס וואָרט חבר איז דאַן געווען הייליק. קיינער פֿון אונדזערע סאָציאַליסטן־העלדן און מאַרטירער האָבן ניט געחלומט, אַז דאָס וואָרט וועט ווערן אַזוי פֿאַרשוועכט, דערנידעריקט און פֿאַרביליקט.

טריי צו יענער עפּאָכע, וועלכע מיר האָבן אַלע איבערגעלעבט, טריי צו דעם אָנדענק פֿון די לעקערטס, וועלכע זיינען געגאַנגען מוטיק און העלדיש אויף די צאַרישע עשאַפֿאָטן — האָבן מיר אַריבערגעבראַכט יענע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אידעען און אונדזערע קאַמעראַדן האָבן פֿאַרגעזעצט זייער איינפֿלוס אויף דער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מיר האָבן פֿאַרזייט דעם אַרבעטער־רינג אויף סאָציאַליסטישע יסודות און מיר האָבן אים געפֿירט אויף זיינע דערפֿאָלגרייכע וועגן און מיר האָבן אים דערפֿירט צו דער גרויסער גדולה וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין די אויגן פֿון דער גאַנצער יידישער דעמאָקראַטישער וועלט,

זיינען דאָס ניט גיגאַנטישע דערגרייכונגען?

האָבן מיר דען ניט קיין רעכט צו פֿילן זיך שטאָלץ אויף דער ראָלע וואָס אונדזערע מענטשן — אונדזער קלוב — האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פֿון דעם אַרבעטער־רינג?

קאַמעראַדן, קאָלעגן, פֿריינט —— מיר פֿייערן אונדזער גרויסן יום־טוב מיט פֿרייד, מיט שטאָלץ און מיט דער האָפֿענונג, נאָך מער און מער צו דינען דעם אַרבעטער־רינג. זאָל לעבן דער אַרבעטער־רינג און אונדזער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב"!

NATIONAL OFFICERS FOR 1963

PRESIDENT — MEYER WEINTRAUB, LOS ANGELES
SECRETARY - CHIEF — EPHIM H. JESHURIN
RECORDING SECRETARY — ABRAHAM HERSHKOWITZ
CHIEF JUSTICE — MARVIN STELMAN

ISRAEL LEVIN, GEORGE MANDEL, ALEX S. MILLER, SAMUEL ROSEN — *ASSOCIATE JUSTICES*

CHAIRMAN ENTERTAINMENTS — HERSCHEL SEIDMAN

LOUIS FRANK, MEYER GANS — *ASSISTANTS*

CHAIRMAN MEMBERSHIP COMMITTEE — ALEX FINKELSTEIN

SAMUEL BRUSKIN, SOL KARASICK, JACK RUBENSTEIN, AL STRAUSS — *MEMBERS MEMBERSHIP COMMITTEE*

MASTER OF CEREMONIES — LOUIS SILVER

MAX BARCAN, JOSEPH GOTTLIEB, LEO HOROWITZ, MAX KUSHNER — *ASSISTANTS*

CHAIRMAN WELFARE COMMITTEE — JOSEPH GLADSTONE

SAM CHIAET
HARRY ERDMAN
MEMBERS WELFARE COMMITTEE

MEDICAL ADVISOR — DR. JOSEPH G. KELLER
LEGAL ADVISOR — MAX DAVIDOFF
REGISTRAR — PHILIP BOXER

VICE - PRESIDENTS

ALABAMA — BARNEY FINESTONE
ARIZONA — PHILIP SHNEIDER
CALIFORNIA — MEYER HOFFSTEIN
CANADA-ONTARIO — JULIUS SELTZER
CANADA-QUEEBEC — HYMIE CHARNEY
CONNECTICUT — SAM BARNET
DISTRICT OF COLUMBIA — BENJAMIN MEIMAN
FLORIDA — MAX HASKEL
GEORGIA — HARRY SOKOL
ILLINOIS — JACOB SIEGEL
INDIANA — HYMAN SHNEIDER
MASSACHUSETS — DAVID A. EISENBERG
MICHIGAN — JOSEPH HEIDEMAN
NEW YORK — HENRY SOBOTKO
NEW JERSEY — DANIEL KOGAN
OHIO — NICHOLAS KIRTZMAN
PENNSYLVANIA — BENJAMIN FINGERBRENER
TEXAS —JOSEPH KESSLER

50th ANNIVERSARY COMMITTEE

NATHAN FREIMAN — *HONORARY CHAIRMAN*
MEYER WEINTRAUB, *PRESIDENT*
EPHIM H. JESHURIN, *SECRETARY-CHIEF*

EX - PRESIDENTS

B. LILIENBLOOM	1919	J. BORENSTEIN	1950
O. STERMAN	1929	A. LASSOW	1952
DR. S. SILVERBERG	1930	M. L. POLIN	1953
N. CHANIN	1934	J. TUVIM	1954
H. BERGER	1937	M. RUBINSTEIN	1955
DR. A. SELDIN	1938	J. BERNSTEIN	1956
PH. BLOCK	1939	E. EBERIL	1957
B. MEIMAN	1940	D. E. IFSHIN	1958
J. ROBERTS	1941	J. T. ZUKERMAN	1959
B. KAPLAN, N. Y.	1942	I. BRESLOW	1960
B. AXELROD	1944	J. DORFMAN	1961

A. LEFF 1962

OFFICERS OF THE NATIONAL SOCIAL CLUB

A. HERSHKOWITZ, *RECORDING SECRETARY*
M. STELMAN, *CHIEF JUSTICE*
H. SEIDMAN, *CHAIRMAN ENTERTAINMENTS*
A. FINKELSTEIN, *CHAIRMAN MEMBERSHIP COMMITTEE*
LOUIS SILVER, *MASTER OF CEREMONIES*
J. GLADSTONE, *CHAIRMAN WELFARE COMMITTEE*
L. SOSNOFF, *AUDITOR*
DR. J. KELLER, *MEDICAL ADVISOR*
M. DAVIDOFF, *LEGAL ADVISOR*
PH. BOXER, *REGISTRAR*

יעפים ישורין

ווילִיאַם באַקסט דער גרינדער פון אונדזער קלוב

ווילִיאַם באַקסט איז געשטאָרבן דעם 25טן מערץ, אָבער זיין ריזיקער גייסט, זיין דורשטיק אויג, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזער לעבן, איז ניט פאַרגעסן געוואָרן. ווער געדענקט דאָס ניט זיין געניאַלע סאַטירע אויף אַלע געשעענישן אין לעבן פון אונדזער משפחה. אונדזער קרייז מענטשן — איז געווען דער הויפט־פונקט פון זיין לעבן. זיין סאַטירישער טאַלאַנט איז געווען ניט קיין געקינסטלטער. ניין. ער האָט אויף זיין סאַטירע זיך ניט געדאַרפט אָנשטרענגען, דאָס איז אים אָנגעקומען זייער לייכט, דאָס איז געקומען פון זיינע ליפּן און פון זיין פעדער עקספּראָמפּט.

און וויפל ליבע און האַרציקע פריינדשאַפט דער מענטש האָט דאָס פאַרמאָגט. דאָס קענען אָפּשאַצן נור די חברים, וועלכע זיינען געקומען מיט אים אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט.

ער האָט פאַרמאָגט אַ האַרץ פון אַן אָקעאַן. ער איז געווען באַזעלט מיט אַזוי פיל הומאָר, אַז יעדער וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, האָט געשפּריצט מיט נאַטירלעכער סאַטירע, ער האָט געשפּאַסט אַפילו אין די טראַגישסטע מאָמענטן פון זיין לעבן, און אַזעלכע האָט ער געהאַט מערערע מאָל. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין געשטאַלט, זיין יום־טובדיקן אויסזען אויף דעם צוזאַמענפאָר פון אונדזער קלוב, וועלכן ער האָט ביי־געוואוינט נאָך אַן איבעררייס פון פיל יאָרן. דאָס באַגעגענען זיך מיט די אַלע אַלטע קאָלעגן, די אימפּאָזאַנטקייט פון דעם צוזאַמענפאָר האָט אים באַצויבערט. זיין האַרץ איז געווען אָנגעפילט מיט אַזוי פיל גליק און פריידן, אַז ער האָט ניט געקענט רעדן. ווער האָט דאָס ניט באַמערקט די זודיקע טרערן, וועלכע האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן...

ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט מרס. באַקסט אויף זיין לויה אין

א. גראָסמאַן און יעפים ישורין לייגן אַ קראַנץ אויפן קבר פון וויליאַם באַקסט אויפן אַרבעטער־רינג בית־עולם אין באָסטאָן

באָסטאָן, איז די ערשטע זאַך, וואָס זי האָט מיר פאַרטרויט אין דעם מאָמענט פון טרויער, אַז ווען באַקסט האָט זיך אומגעקערט פון אונדזער 25טן יובל־צוזאַמענפאָר, האָט ער איר און זיין פאַמיליע געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער מאָמענט פון זיין לעבן. אָבער דאָס גליק האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, מיט דריי חדשים שפּעטער איז אויסגעלאָשן געוואָרן זיין נשמה און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט זיין ברייט האַרץ... די פאָלגנדע

קורצע פּאָעמע פון דעם באַרימטן רוסישן דיכטער איז צוגעפּאַסט צו דעם אומפאַרגעסלעכן קאָלעגע באַקסט:

Не говорите мнѣ: онъ умеръ — онъ живетъ!
Пусть жертвенникъ разбитъ — огонь еще пылаетъ,
Пусть роза сорвана — она еще цвѣтаетъ,
Пусть арфа сломана — аккордъ еще рыдаетъ.

— С. Я. Надсонъ

* * *

באַקסט, וויליאַם — געבוירן אין אָשמענע, ווילנער גוב., רוסלאַנד. אין אַרבעטער־רינג פון 1901. דעלעגאַט אויף אַ־ר־קאָנווענשאָנס. 9—1907. צוויי טערמינען פאַרטראָטן שטאַט ראָוד איילאַנד אין נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באָארד אַ־ר., 1909 אין מאַסאַטשוזעטס קאָמ. אַקטיוו אין קאַמף פאַרן אַ־ר. אין דעם שטאַט. אין ברענטש 14. שפּעטער אין באָסטאָן אַ גרינדער פון ווילנער ברענטש 666. פאַרוואַלטער פון באָסטאָנער אָפּטיילונג פון פאָרווערטס. געשטאָרבן 25 מערץ 1939, עלטער 69 יאָר.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

יעפים ישורין

אונדזער ערשטער פּרעזידענט יוסף וויינבערג

יוסף וויינבערג איז געווען אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט אין אַרבעטער רינג, איינער פון די אַקטיוסטע טוער און וואָרטזאָגער פון דער אָרגאַני־זאַציע. ער, צוגלייך מיט אַ היפּש ביסל אַנדערע וויכטיקע טוער, האָבן געבויט און דערהויבן די אָרגאַניזאַציע צו דער מדרגה, אין וועלכער דער אַרבעטער־רינג געפינט זיך היינטיקן טאָג.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ, און ניט איצט איז די צייט, און ניט דער וואָס שרייבט אָט די נאָטיצן, איז באַרופן צו זיין דער היסטאָריקער פון אַרבעטער־רינג.

מיין אַבזיכט איז צו געבן אָנערקענונג איינעם, וועלכער איז איז פאַר־לויף פון 40 יאָר, מיט אַן איבעררייס נאָר פון עטלעכע יאָרן, געווען אָר־גאַניש פאַרבונדן מיט אונדזער קלוב.

איך ווייס און איך בין באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אונדזער קלוב. מיר זיינען געווען באַקאַנט די באַציאונגען פון אונדזער ערשטן פּרע־זידענט צו אונדזער קלוב. אין מיין רשות געפינען זיך אייניקע פון זיינע

רעזיגנאַציעס. מיר זיינען געגוי באַקאַנט די סיבות פון יענע רעזיגנאַציעס און די קאַפּריזן, מיט וועלכע די רעזיגנאַציעס זיינען געוועז פאַרבונדן. דאָס זיינען געווען פערזענלעכע צוזאַמענשטויסן מיט חברים. דאָס זיינען געווען פערזענלעכע אַמביציעס, וועלכע האָבן ניט געהאַט צו טאָן מיטן קלוב אַלס אַ גאַנצן. דערפאַר טאַקע האָט ווייגבערג אַלעמאָל געהאַט אַ וועג און אַ מעגלעכקייט אומצוקערן זיך אין אונדזערע רייען. איך וויל דאָ באַ־הויפּטן, אַז יעדן מאָל ווען ווייגבערג האָט זיך צוריקגעקערט אין קלוב, זיינען אַלע מיטגלידער געווען העכסט גליקלעך. זיין צוריקקומען איז אַלע־מאָל באַגעגנט געוואָרן מיט וואַרעמער גאַסט־פריינדשאַפט.

ווייגבערג האָט זיך לאַנג ניט געקענט געפינען אויסערהאַלב אונדזער משפחה. אָן אונדזער משפחה האָט ער זיך געפילט עלנט און אין דער פרעמד. ער האָט געוואוסט און געפילט, אַז זיין פּלאַץ איז אין אונדזערע רייען, וואו ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער צאָל חברים, מיט וועל־כע ער האָט צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד מיטגעאַרבעט אין די פאַרוואַלטנדע קאָמיטעטן און אויף קאָנווענשאָנס פון אַרבעטער־רינג.

איז דען מעגלעך געווען פאַר ווייגבערגן אַרויסגיין און זוכן נייע פריינד? און איבעראַנדערשן זיין לעבן און זיין באַציאונג צו מענטשן און חברים? ניין. נאָך אַלע זיינע עקספּערימענטן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, איז ער זיכער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די גרויסע צאָל פון זיינע חברים, וועלכע געפינען זיך אין קלוב, זיינען פּאַרט די נאָענטסטע און איבערגעבנסטע און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן אונדזערער אַ „נאָש בראַט".

ווייגבערג האָט ניט דערלעבט אונדזער גרויסן יום־טוב — 50 יאָר עקזיסטענץ פון קלוב, אָבער מיר דערמאָנען אים מיט גרויס דרך־ארץ.

טהייערער פריינד !

א פלאן וועלכער איז שוין 5 יאהר אלט, נאך פון די 9טע קאנווענשאן אין באלטימאר געהט יעצט אין פערווירקליכט ווערען, און דאס איז געמליך פאלגענדעס :

אין דיא 14 יאהר וואס דער „ארבייטער רינג“ עקזיסטירט זיינען פיעלע פון דיא אלטע מעמבערס פון גאנצען לאנד, וועלכע האבען געשלאסען זייער בעקאנטשאפט דורך קאנווענשאנס, אדער ביי אנדערע געלעגענהייטען, געווארען אמת'ע ווארעמע איבערגעבענדע פריינדע, דיא פריינדליכע געפיהלע וועלכע זייא האבען איינער צום צווייטען, איז פון א העכערען סארט, וויא עס פיהלען דיא דורכשניטליכע מעמבערס פון א. ר.

מיט דעם גרויסען וואוקס פון ארדען איז דיעזע פריינדשאפט בטל און פערפרעמדעט געווארען, פיעלע פון דיא עלטערע מעמבערס דערמאנען נאך יעצט, יענע אלטע גוטע יאהרען און יענע טעג וועלכע א צוזאמענפאהר איז געוועזען א הייליגער „יום טוב“ און בייא פארנאנדער פאהרען זיך האט זיך פון די אויגען טרערען אמת'ע ווארעמע, פריינדליכע טרערען געגאסען, און יעדע „זייט-געזונד“ איז אבגעענטפערט געווארען מיט אן אמת'ן „פאהר-געזונד“ פון וועלכען עס האט זיך געהערט א זיסער פריינדליכער טאן.

עס זיינען דא איבערן גאנצען לאנד צעהנדליגע אזעלכע וואהרעמע איבערגעבענע פריינדע וועלכע מיר ווייסען. ווערען עס אינטערעסירט דער לעבען און וואהלזיין פון יעדען אלטען פריינד, און דער פלאן איז, אט דיעזע אלטע טרייע „וועטעראנען“ פון דעם ארבייטער רינג'ס ארמעי צוזאמענשליעסען אין „איין בונד“, אין א שטארקע, פעסטע, פריינדליכע ארגאניזאציאן איבערן גאנצען לאנד.

דיעזע ארגאניזאציאן וועט אבסאלוט ניט האבען צו טאהן מיטן א. ר. אלס ארדען, איהר איינציגע אויפגאבע וועט נור זיין אנצוהאלטען און פערשטארקען די אלטע פריינדשאפט פון איהרע מעמבערס.

דער פארלויפיגער פלאן וויא דאס צו פערווירקליכען איז וויא פאלגט :

א קאמיטע וועלכע שטעצען אייער פריינדשאפט און בעקאנטשאפט, האט פארלויפיג גאנץ פארזיכטיג אויסגעארבייט א ליסט פון 36 פריינדע פון גאנצען לאנד וועלכע זאלען זיין דיא גרינדער פון דיעזע ארגאניזאציאן.

דיא פארלויפיגע ארבייט וועט זיין דאס :

1.) א צוזאמענפאהר אין ניו-יארק וועלכער וועט אנהאלטען 2 טעג, פון אלע 36 מעמבערס.

2.) דער צוזאמענפאהר וועט טראגען דעם כאראקטער ערשטענס, אויסארבייטען דיא פלאטפארם, געזעצע, מעמבערשיפ, און דיא נויטהיגע פארמאליטעטען, און צווייטענס איבערהויפט, וועט געפייערט ווערען דיא גרינדונג פון דיעזע ארגאניזאציאן דורך פערשיעדענע אונטערהאלטונגען און באנקעטען.

3.) 5 דאלאר זאל יעדער פריינד צושיקען וועלכע זאל געהן פאר דיא אויסגאבען פון דעם צוזאמענפאהר, און אלע אונטערהאלטונגען און אויך פאר דיא רייזע קאסטען פון דיא יעניגע פריינדע, וועלכע זיינען אויסער ניו-יארק (ווען זיי ווילען אזעלכע עקספענצעס פערלאנגען.)

דיא צייט און פלאץ פון דעם צוזאמענפאהר, וועט דיא קאמיטע בעשטימען נאכדעם וויא מיר וועלען ערהאלטען אנטווארטען אויף דיעזען בריעף.

וואס מיר פערלאנגען פון אייך איז אונז אויף דיעזען בריעף געבען א שריפטליכען אנטווארט, און געבען אייער מיינונג וועגען דיעזען פלאן (דיא אלע בריעף וועט נאכדעם צוזאמענגעשטעלט ווערען און צושיקט ווערען צו אלע איבעריגע פון דיא 36 מעמבערס.)

אנטווארטען מוזען מיר ערהאלטען ניט שפעטער וויא דעם 5טען אפריל, 1914. און ווען מיר וועלען נאך געפינען אין אייער בריעף א טשעק אויף 5 דאלאר וועט עס נאך שטארקער מאכען אייער מיינונג וועגען דיעזען פלאן.

ווען מיר ערהאלטען ניט קיין אנטווארט ביז דעם 5טען אפריל, 1914 וועט עס הייסען אז איהר ווילט אז אייער נאמען זאל אראבגענומען ווערען פון ליסט.

דיא קאמיטע האט מיר בעעהרט מיט דעם אמט פון פארלויפיגען קארעספאנדינג סעקרעטער וועלכען איך האב אנגענומען מיט פערגעניגען. איהר זייט דארום געבעטען צו שיקען דיא בריעף אויף מיין אדרעס, און איך וואלט זעהר געוואלט האבען דעם פערגעניגען צו זעהן אז מיינע פארלויפיגע ארבייט האט געבראכט דיא געווינשטע רעזולטאטען.

האפענטליך אייך צו זעהן צו אונזער ערשטען-צוזאמענפאהר און אייך דריקען אייער האנד מיט א ווארעמען האנד-דרוק

פערבלייב איך ערגעבענסטער אייערער,

אדרעסס :　　　　ווילליאם באקסט.

WILLIAM BAXT

7 Lowell Street, Boston, Mass.

נ. ב. דיא נעמען פון דיא 36 פריינדע וועט בלייבען פארלויפיג אונבעוואוסט ביז דעם ערשטען צוזאמענפאהר, אבער איך פערזיכער אייך אז איהר קענט זיך מיט יעדען אייגעם פון זייא, זעהר גוט.

דער ערשטער רוף צום גרינדן דעם קלוב

דער ערשטער פּראָטאָקאָל פון קלוב

אַפּריל 19, 1914

...מיר, די אונטערגעצייכנטע, פאַרזאַמלט היינט, זונטאָג, דעם 10טן אַפּריל, 1914, ביי פריינט ב. שפינראַד, 1524 שאַרלאָט סט., בראָנקס, ניו־יאָרק, פאַר דעם צוועק צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע פון די טעטיקסטע און אַלטע איבערגעגעבענע פריינד, וועלכע זענען דורך דעם אַרבעטער־רינג פאַר־אייניקט געוואָרן אַלס די איבערגע־געבנסטע פריינד אין דעם ריכטיקן זין וואָס דאָס וואָרט פריינד באַדייט, באַ־צוועקן מיט די דאָזיקע געשריבענע ציילן אין קורצן פאַרלויפיק פעסטצו־שטעלן די גרויסע נויטווענדיקייט פון דער דאָזיקער ניי־געגרינדעטער אָר־גאַניזאַציע, וואָס אירע מאָטיוון זענען און דאַרפן זיך אין דער צוקונפט אויסאַרבעטן.

...מיט די אייניקע פונקטן, וועל־כע וועלן היינט אָנגענומען ווערן, ווילן מיר עס זאָל בלייבן אַלס אָנדענקונג פאַר דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג און טעטיקייט, וואָס די דאָזיקע אָר־גאַניזאַציע וועט אַריינברענגען אין לעבן. און ניט נאָר זענען די וועלכע זענען אונטערגעשריבן דאָ אינגאַנצן די גרינדער פון דעם דאָזיקן פאַר־באַנד, נאָר פיל פון די באַליבטסטע און איבערגעגעבנסטע מיטגלידער פון אַר־בעטער־רינג איבערן גאַנצן לאַנד זע־נען שוין אַריינגעטראָטן צוזאַמען מיט אונדז אַלעמען.

די נעמען פון די גרינדער פון ניו־יאָרקער אָפּטיילונג:

ש. בולגאַטש
ס. וואָלאָס
ה. אַלפּערט
פּ. לעווין
לואיס זאַטיך
* ש. סאַוועצקי
* ב. וואָלאָוויטץ
דזשוליוס באַקסט
א. עפּשטיין
נ. פּילאָט
ה. אַנאָפּאָל
ד. האָכמאַן
נ. פריימאַן
ה. סעגאַלאָוויטץ
דזש. ראָטמאַן
דזש. וויינבערג
ס. נודעלמאַן
ב. ספּינראָד
הערים גאָלדין

* ר. קורהאַן

ב. פרישוואַסער
נ. פיינערמאַן

באַצייכנט * זיינען אַרויסגעפאַלן.



נייטען פריימאַנס דערינערונגען

נייטען פריימאַן

איז געווען באַשטימט אַלס דער לעצטער לעבן־פּאַרבליבענער גרינדער פון קלוב צו זיין ערן־פּאַרזיצער פון דעם אַראַנזשיר־קאָמיטעט פון דעם 50־יאָריקן יובל פון קלוב, אָבער ער האָט ניט דערלעבט די שמחה און איז, צו אונדזער גרויס־באַדויערן, אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען. לכבוד זיין אָנדענק, דרוקן מיר זיינע דעראינערונגען וועגן דער גרינדונג פון קלוב, וועלכע זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין „חברשאַפט" צום 40טן יובל פון קלוב.

מיין טייערער פריינד י. י. ישורין:

דערלויבט מיר אויסצודריקן צו אייך אַ האַרציקן דאַנק פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט צו זיין איינער פון די באַגריסער צום 40טן יערלעכן יובילײ פון אונדזער קלוב.

איך דענק, אַז איר האָט אָנגעטראָפן די ריכטיקע פּערזאָן וועגן דעם, און עס לוינט זיך צו פאַרנעמען אַ ביסל מער פּלאַץ אין אונדזער צייטונג „חברשאַפט" צו קענען געבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן אונדזער קלוב צו דער איצטיקער מיטגלידערשאַפט — ווען, ווי אַזוי און צוליב וואָס פאַר אַ צוועק דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן.

און איצט צו דער זאַך:

דאָס איז געווען אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט, אין דער וואָך פון לינקאָלנס בוירטדעי, אין פעברואַר 1914, ווען אונדזער אומפאַרגעסלעכער פריינד וויליאַם באַקסט איז יענעם טאָג געקומען פון באָסטאָן (וואו ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס"־אָפיס) וועגן „פאָרווערטס"־אַנגעלעגנהייטן. באַגעגנדיק מאַנכע פון אונדזערע פאַרוואַלטער און פריינד פון אַרבעטער־רינג (איך בין געווען איינער פון זיי), האָט ער אונדז דערקלערט פאָלגענדעס: איינער פון אונדזערע איבערגעגעבנסטע פריינד און ערשטער מעמבער פון אַרבעטער־רינג אין נואַרק, וועלכער האָט לעצטנס געאַרבעט אין שיקאַגאָ, איז דאָרטן שטאַרק קראַנק געוואָרן און געפינט זיך איצט אין נואַרק אין זייער אַ שלעכטער און געדריקטער פינאַנציעלער

לאַגע, און מיר מוזן עפּעס טאָן פאַר אים. און ער האָט רעקאָמענדירט צו נעמען פאַר אים אַ טעאַטער־בענעפיט.

גלייך דעם זעלבן אָוונט זיינען מיר אַוועק און געקויפט פאַר 200 דאָלער בילעטן, וואָס עס האָט אונדז געקאָסט 50 דאָלער. אין צייט פון צוויי וואָכן, זיינען די בילעטן פאַרקויפט געוואָרן און עס איז אַריינגעקומען אַ סומע פון 150 דאָלער (דעמאָלט איז דאָס געווען אַ גוואַלדיק גרויסע סומע).

דער טעאַטער־בענעפיט איז פאָרגעקומען די לעצטע וואָך אין מערץ. נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען מיר, אַלע פריינד, אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן אויף סעקאָנד עוועניו צו כאַפּן אַ ביס. ביים טיש האָבן מיר אַרומגערעדט די לאַגע פון אַרבעטער־רינג, דעם קאַמף פון יונגע און אַלטע. דעם זעלבן יאָר, אין מאַי, דאַרף פאָרקומען די 14טע קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג, וואו עס וועט אָפּגעגעבן ווערן אַ באַריכט פון דער 15ער קאָמיטע, צו אונטערזוכן די „ווינטערויב־אַפּערע" און אָנצוצייגן די מיטשולדיקע. מיר ווערן טעגלעך אַטאַקירט פון געוויסע פּערזאָנען, מיר מוזן זען זיך צו פאַראייניקן, כדי צו קענען אָפּשטויסן די אַלע ווילדע אַטאַקעס אויף אונדז. דעריבער רעקאָמענדירט פריינד וו. באַקסט, אַז מיר זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין דער פאָרם פון אַ קלוב. דאָס ווערט פון אַלע אָנוועזנדע אָנגענומען מיט באַגייסטערונג. עס ווערט אויסגעשטעלט אַ דערוויילונג־ליסטע פון 18 פּערזאָן, און צו מיר (אייער באַגריסער) ווערט צוגעטיילט דער כבוד אַרויסצושיקן בריוו פאַר דעם ערשטן אָפיציעלן צוזאַמענקונפט.

דער ערשטער מיטינג פון קלוב קומט פאָר דעם 3טן זונטיק אין אַפּריל, אין הויז פון ב. שפּינראַד (געשטאָרבן). אָנוועזנד ביים ערשטן מיטינג (ווי איך קען זיך דערמאָנען) זיינען געווען: ב. שפּינראַד, בר. 49; קורהאַן, בר. 36; נודעלמאַן, בר. 275; גאָלדין, עפּשטיין, בולגאַטש, לעווין, בר. 1; וויינבערג, בר. 2; גאָלד, בר. 8; דזש. ראָטמאַן, י. האָכמאַן, ב. פּרישוואָסער, בר. 49; זאַץ, בר. 74; נ. פריימאַן, בר. 39; וו. באַקסט (נישט געקענט קומען); אַלפּערט, בר. 23; וואָלאָס, בר. 75; איזידאָר קאָהען, בר. 43.

זייער אַ באַגייסטערטער צוזאַמענקונפט, און עס ווערט דאָרטן באַשלאָסן אונדזער נעקסטן מיטינג צו האָבן אין ניו־הייווען, דעם אָוונט פון דער קאָנווענשאָן־דערעפענונג.

ווען מיר זיינען יענעם אָוונט ווידער זיך צוזאַמענגעקומען, האָט פריינד וו. באַקסט דערקלערט, אַז עס זיינען דאָ פאַרטראָטן אַלס דעלעגאַטן פיל פון אונדזערע איבערגעגעבענע פריינד, פירער פון אַרבעטער־רינג אין פאַרשיידענע שטעט, און מען דאַרף זיי צוציען צו אונדזער גרופּע און

ער רעקאָמענדירט, אַז מען זאָל אונדזער איצטיקע מיטגלידערשאַפט פאַר־טאָפּלען — פון 18 מיטגלידער אויף 36 (צווייי מאָל חי).

דער ערשטער פאָרצושלאָגן האָב איך ווידער געהאַט דעם כבוד. איך האָב פאָרגעשלאָגן פריינד י. ישורין, אונדזער איצטיקער טשיף (אויב אייך פאַרדריסט דאָס, קענט איר זיך העלפן ביים איצטיקן צוזאַמענפאַר).

פריינד באַקסט האָט פאָרגעשלאָגן: פריינד אייזענבערג פון באָסטאָן, בענענסאָן און גאָלדין פון שיקאַגאָ, עלקין פון מאונט קלעמענס, מישיגען, בערנשטיין פון דעטראָיט, אַרקין און ווייסבערג פון פּיטסבורג, גילמאַן פון נואַרק, פיינערמאַן פון ניו־יאָרק, ל. ראָטמאַן פון ניו־יאָרק, דייווידאָף און ר. גינזבערג פון בר. 2, עטינגער, אַלמאַן און ביכאָווסקי פון פילאַדעלפיע, פּאָלאַק און פיינסילווער פון קאָנעטיקוט.

די אַלע אויבנדערמאָנטע, וואָס מערסטע פון זיי זיינען געווען דעלע־גאַטן, זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ זייער אינטימען באַנקעט אין טעפט האָטעל, ניו־הייווען,* פרייטיק אָוונט (און מאָרגן שבת האָט זיך די קאָנ־ווענשאָן געשלאָסן).

ביי יענעם באַנקעט איז אַרומגערעדט געוואָרן, ווי אַזוי צו באַקעמפן די זאָגענאַנטע יונגע. אָבער זייער פיל האָט אונדז אַרויסגעהאָלפן אַ גע־וויסער אינצידענט ביי דער קאָנווענשאַן, ווען דער סעקרעטאַר פון דער 15ער קאָמיטע (פריינד אַ. בלאַק) האָט גענומען פאָרלייענען זיין באַריכט פון אַ בוך פון קאַרגע 300 געדרוקטע און געשריבענע זייטן (צוויי־דריטל האָב איך פאַר זיי געדרוקט אויף אַ יידישן טייפּרייטער — זיי האָבן ניט געוואוסט אַז איך בין איינער פון די „אַלטע"), האָט איינער פון זייערע גע־טרייע אָנהענגער (דער פאַרשטאָרבענער פריינד ה. שער) זיך אויפגעשטעלט און מיט ביטערקייט אויסגעשריען: „ווי לאַנג קאָן מען אָנגיין מיט אַזאַ נודעריי, איך שלאָג פאַר אַז מען זאָל אויפהערן לייענען און נישט פאַר־שווענדן צופיל צייט". דאָס האָט די יונגע צעטומלט, און דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט.

נאָכדעם איז אויפגעטרעטן אונדזער איצטיקער טשיף, פריינד ישורין, אָפּצוגעבן זיין באַריכט פון דער קאָנטראָל קאָמיטע. אין זיין באַריכט האָט ער זייער ביטער אַטאַקירט די יונגע פאַר זייער נישט־ערנסטער טעטי־קייט. מיר האָבן ביי דער קאָנווענשאַן געהאַט זייער אַ גרויסע מאַיאָריטעט פון דעלעגאַטן שטימען.

ביי דער קאָנווענשאַן איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ נייע פאָרם פון פאַרוואַלטונג: אָנשטאָט אַן עקזעקוטיווע פון 9, אַ קאָנטראָל קאָמיטע פון

---

* ניט ריכטיק. דער באַנקעט איז געווען אין הויז פון פאַרשטאָרבענעם מאָריס רייס. — רעד.

9, אַן עדיוקיישאָנעל, סאַנאַטאָריום און פּרעס־קאָמיטע, וועלכע זיינען אַלע געווען אומאָפּהענגיקע קאָמיטעס, איז באַשלאָסן געוואָרן צו האָבן אַן עקזעקוטיווע פון 30 צעטיילט אין 6 קאָמיטעס צו 5 מיטגלידער און פאַראַנטוואָרטלעך צו דער גאַנצער עקזעקוטיווע.

ביי דער 15טער קאָנווענשאַן אין שיקאַגאָ, איז דערוויילט געוואָרן אַן עקזעקוטיווע וואָס איז באַשטאַנען נאָר פון די זאַגענאַנטע „יונגע״. מיר, די „אַלטע״, האָבן נישט געוואָלט אָנטיילנעמען. ביי דער 16טער קאָנווענשאַן אין שיקאַגאָ, האָט אונדזער קלוב געהאַט אַ צוזאַמענקונפט ביי איינעם פון אונדזערע מיטגלידער אין הויז. דאָס איז געווען ביי פריינד בענענסאָן אין הויז, עטלעכע דרייסיק אין צאָל. עס איז אומבאַשרייבלעך ווי מען האָט זיך דאַן געקושט און געהאַלדזט, און סאַפּער וואָס איז סערווירט געוואָרן פון מרס. בענענסאָן, מיט געבראָטענע טייבעלעך און אַנדערע גוטע זאַכן.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר יעדן יאָר געהאַט צוזאַמענקונפטן ביי אַ מיטגליד פון קלוב, אין וועלכער שטאָט די קאָנווענשאַן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן. דאָס איז אויסער אונדזערע יערלעכע צוזאַמענקונפטן וואָס פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן אין ניו־יאָרק די וואָך פון ניי־יאָר, וואָס פלעגן דויערן 3 טעג. מיר פלעגן ביי די יערלעכע צוזאַמענקונפטן דורכפירן פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען, געשריבן פון וו. באַקסט, נ. פיינערמאַן און ל. ראָטמאַן. עס האָבן אין דעם אָנטייל גענומען, אויסער די אויבענדערמאָנטע, אויך די פריינד י. ישורין, נודעלאַמן און מיין ווייניקייט. עס זענען אומבאַשרייבלעך יענע צוזאַמענקונפטן. און ווען אונדזער קלוב איז געוואָרן גרעסער, פלעגן מיר שוין דאַרפן מאַכן אונדזערע קאָנווענשאָנס און צוזאַמענקונפטן אין אַ האָטעל פון יענער שטאָט, וואו די אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן.

נאָך פיל יאָרן פון זיין אַ קלוב פון אַלטע און אַ קלוב פון יונגע, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַראייניקן זיך אין איין קלוב, צוליב דעם וואויל־זיין פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג און ספּעציעל צוליב דעם אַרבעטער־רינג, וועלכער האָט דעמאָלט אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף מיט די קאָמוניסטן.

איך האָב דעמאָלט ווידער געהאַט דעם גרויסן כבוד צו זיין דער וויים־פּרעזידענט פון ניו־יאָרק סטייט און האָב אָנטייל גענומען אין די פאַר־האַנדלונגען וועלכע האָבן געבראַכט גוטע רעזולטאַטן.

פיל מאָל בין איך געווען פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון אונדזער אַל־געמיינעם קלוב און פאַרנעם נאָך איצט דעם אַמט. און ביי דער געלעגנהייט פון אונדזער 40 יעריקן יום־טוב באַדאַנק איך אייך צוערשט פאַר אַלע כיבודים וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט און באַגריס אייך אַלעמען

הערציק צו אונדזער גרויסן יום־טוב און ווינטש מיר זאָלן זיך אַלע באַגעגענען ביי אונדזער 50 יאָריקן יובילײ.

* * *

פ ר י י מ אַ ן, נ ח ו ם (נייטען) — געבוירן 5 סעפּטעמבער 1885 אין שקלאָוו, מאָהליווער גוב., רוסלאַנד. זון פון הלל און שיינע רחל. פּאָטער, אויף בערלינקעס געפירט פּראַכט אויפן דניעפּר צווישן שקלאָוו און יעקאַטערינאָסלאַוו. געלערנט אין חדר, פאָלקס־שול, היי־סקול און אַ קורצער צייט אין אוניווערזיטעט. אין שקלאָוו געווען אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פון 1903 אין אַמעריקע. חתונה געהאַט מיט בעסי וויינשטיין. געווען אַ פּאָריער. איצט אַ ביכער־אָדיטאָר אין אַרבעטער־רינג. אין 1904 אַ גרינדער פון דער פּאָריערס־יוניאָן. 10 יאָר געווען פּאָרזיצער פון דזשאָינט־קאָונסיל און 17 יאָר וויצע־פּרעזידענט פון אינטערנאַציאָנאַלן פּאָריערס־יוניאָן. איצט אין יוניאָן פון אָפיס־אַרבעטער, אַ.פּ.ל. אין אַ־ר. פון 1903. מיטגליד פון בר. 39 און במשך לעצטע 20 יאָר פּאָרזיצער. פון 1911 ביז 1915 אין סאַנאַטאָריע־און קאָנטראָל־קאָמיטעט, פון 1916 ביז 1950 צוועלף טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט' 2 יאָר נאַציאָנאַלער קאַסירער. 18 יאָר סעקרעטאַר פון מעדיצינישן דעפּאַרטמענט און אַ צאָל יאָרן אויך קאַסירער. געהערט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איצט אין סאָצ. דעמ. פעדעראַציע, ליבעראַלער פּאַרטיי. אין „פאָרווערטס” אַסס׳ן פון 1903.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

אונדזערע גענעראַל־סעקרעטאַרן פון קלוב

פאַר די לעצטע 50 יאָר

יעפים ישורין

דער איצטיקער סעקרעטאַר־טשיף

אין אַמט פון 1926—1963 (גאַנצע 37 יאָר)



וויליאַם באַקסט



נייטען פיינערמאַן

דזשאַן דרייזשפיל

יעקב ראָבערטס

די געשיכטע פון דעם
נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב

אינהאַלט פון קאַפּיטלען:

אַ שטיקל הקדמה — אָדער אַ פּערזענלעכע דערקלערונג
וואָס איז באמת דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ ?
אַ ביסל אַרבעטער־רינג געשיכטע
די ערשטע גענעראַל־סעקרעטאַרן
די פּאָליטישע אויסקריסטאַליזירונג פון דעם אַרבעטער־רינג
דער סיכסוך צווישן דער עקזעקוטיווע און די אַנדערע קאָמיטעטן
„יונגע און אַלטע״ אין אַרבעטער־רינג
די ניו־יאָרקער סטייט־קאָמיטע פון אַרבעטער־רינג
די פילאַדעלפיער 13טע קאָנווענשאָן
די ווינטראָוב־אַפּערע
יעפים ישורין אַלס סעקרעטאַר פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע אין יאָר 1913
די 14נער קאָמיטע
וויליאַם עדלין ווערט גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג
די 14טע אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן און די גרינדונג פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״
נאָך דער גרינדונג פון „קלוב״ אין 1914 צעפלאַקערט זיך דער „יונגער און אַלטער״ קאַמף
דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ ווערט אַ שטאַרקער כוח אין אַרבעטער־רינג
צען יאָר קלוב
ווער זענען מיר און וואָס ווילן מיר
אונדזער קלוב
די היסטאָרישע 16טע קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג אין בראָנזוויל, די „ליקווידאַציע״ פון דער „יונגער״ באַוועגונג
וואָס איז געוואָרן פון דער „יונגער״ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג
דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ ווערט אַ וויכטיקע אַגענטור פאַר שטאַרקן דעם אַרבעטער־רינג
קאָנסטיטוציע פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״
איז ישורין דער „טשיף״ אָדער „באָס״ פונם קלוב
די 19טע און 20טע אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָנס אין באָסטאָן און נואַרק
די 22סטע קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע
קאָמוניסטישע אָפּאָזיציע און שפּאַלטונג
די ראָלע פונ „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ אין דעם קאָמוניסטישן שטרייט
נ. כאַנין אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג
י. ישורינס שטעלונג צו געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן
דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב — אַמאָל און היינט
אַ שלוס־וואָרט — אָדער אַ שטיקל סך־הכל
דער יונגער קלוב
וואָס טראַכטן אַקטיווע אַרבעטער־רינג טוער וועגן דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״
אינטערוויוען מיט: י. ט. זוקערמאַן, ד. איפּשין און א. לעף

אַ שטיקל הקדמה —
אָדער אַ פּערזענלעכע דערקלערונג

ווען דער „טשיף" פריינד יעפים ישורין האָט מיר פאָרגעשלאָגן אַז איך זאָל שרייבן וועגן 50 יאָר געשיכטע פונם קלוב „זקן", אָדער ווי ער איז איצט באַקאַנט אַלס דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב", האָב איך דאָס נאָך אַ קורצן יישוב־הדעת אָנגענומען מיט פאַרגעניגן און מיט אמתן אינטערעס, ווייל דאָס יאָר 1914, ווען דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן, איז אַ זייער וויכטיקער דאַטום אין מיין פערזענלעכן לעבן. אין 1913 אַ יאָר פאַר דער גרינדונג פון קלוב הייבט זיך אָן מיין געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט. דאַן בין איך צום ערשטן מאָל געוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון אַ נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אינם אַרבעטער־רינג, אין די „פרעס און עדיוקיישאָן קאָמיטע". אינם יאָר 1913 בין איך אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס אָרגאַניי־זער פונם אינטערנאַציאָנאַלן אָפיס פון דער קעפ און מילינערי יוניאָן. אין יאַנואַר 1913 בין איך אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דער סעקרעטאַר פון דער ניו יאָרקער סטייט קאָמיטע פונם אַרבעטער־רינג, וועלכע האָט אָנגעפירט מיטן קאַמף פון דער אַזוי גערופענער פעריאָדע פון „יונגע" און „אַלטע" אינם אַרבעטער־רינג.

איך ווייס ניט צי אָט די פערזענלעכע געשעענישן גיבן מיר אַן אַטעסטאַט אָדער סערטיפיקאַט צו זיין פּאַסיק צו שרייבן געשיכטע פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב". אָבער אַז די פאָזיציעס וואָס איך האָב באַקליידט, האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו זיין נאָענט צו די אַקטיוויטעטן פונם קלוב און האָבן מיך געבראַנגט פנים־אל־פנים מיט די אַקציעס, פּאָליסיס, פּאָליטיק און דער פירערשאַפט פונם קלוב, וועגן דעם קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. מיין פּאָזיציע ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַנייזער פון מיין יוניאָן האָט מיר אויך געגעבן די מעגלעכקייט צו זיין באַקאַנט מיט די שטרייטיקייטן און קאַמף פון „יונג און אַלט"

ניט נאָר אין ניו יאָרק, נאָר אויך איבערן לאַנד, וואו מיר איז אָפּט אויס־געקומען צו באַזוכן אין די אינטערעסן פון מיין יוניאָן. איך בין זייער אָפּט אַריינגעצויגן געוואָרן — ניט ווילנדיק — אין קאַמף אינם אַרבעטער־רינג. איך קען זיך דערפאַר באַטראַכטן ווי אַ לעבעדיקער עדות פון דעם.

נאָך צוויי פונקטן וויל איך דאָ, אין מיין הקדמה, קלאָר מאַכן: ער־שטנס, אַז דער לייענער זאָל אין מיין שרייבן ניט זוכן קיין „כראָנאָלאָ־גיע" און פּינקטלעכקייט פון דאַטומס, וואו פּאַסירונגען מוזן זיך קייטלען איינע אין דער צווייטער, וואָס דאָס איז אַ „מוז" פאַר געשולטע היסטאָ־ריקער. איך האָב אָנגענומען דעם אויסדרוק „אין מוקדם ומאוחר בתורה". דאַטומס זענען מינדערוויכטיק, דער עיקר זיינען די פ אַ ק ט ן און פּאַ־סירונגען. צווייטנס פאַרנעם איך זיך צו גריבלען אין די געשיכטע־ביכער פונם אַרבעטער־רינג, אין פאַרשידענע אַרבעטער־רינג זשורנאַלן, פּעריאָ־דישע שריפטן, ספּעציעל אינם „פריינד" פון יענע יאָרן. איך וועל פּרו־בירן זיין אַזוי אָביעקטיוו און אומפּאַרטייאיש ביים איבערגעבן פּאַסירונ־גען וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער אַקטיוויטעט פונם קלוב, וויפיל עס איז נאָר מעגלעך. אויב אָבער דאָ אָדער דאָרט וועט זיך פילן אַ פּער־זענלעכער קלאַנג, אָדער אַ פּאַרטייאישער טאָן, וועט מיר דער לייענער מוזן מוחל זיין. צו טיף בין איך געווען פאַרוויקלט און פאַרמישט אין די אַרבעטער־רינג קאַמפן און מחלוקות און עס קאָן דעריבער זיין אַז ביי געוויסע מאָמענטן וועט זיך מן־הסתם אַרויסרייסן אַ וואָרט, אָדער אַ זאַץ, וואָס וועט זיין מער אַ פּערזענלעכער געפיל ווי אַ טרוקענער פאַקט.

אויסדריקנדיק אַן אמתן דאַנק צום „טשיף" פאַר זיין צוטרוי צו מיר, טרעטן מיר צו צו דער אַרבעט פון אַרויסברענגען אין דער עפנטלעכקייט דעם אמתן ריכטיקן פּלאַץ וואָס דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" האָט אין משך פון 50 יאָר פאַרנומען אין דער אַנטוויקלונג, וואוקס און דער־פאָלג פונם אַרבעטער־רינג.

וואָס איז באמת דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב"?

עס איז קיין סוד ניט אַז דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" האָט ניט קיין „טשאַרטער" ווי אַן אָרגאַניזאַציע אינם געוויינלעכן זין פון דעם וואָרט. ער האָט ניט קיין קאָנסטיטוציע; האָט ניט קיין געשריבענע רעגו־לאַציעס, פּרינציפּן־דערקלערונגען, אָדער פאַרשריפטן, וואָס זאָלן אָנצייכע־נען זיינע פליכטן אָדער אַקטיוויטעטן.

דאָך איז קלאָר פאַר יעדן מיטגליד פון אַרבעטער־רינג, וואָס איז פאַראינטערעסירט אינם אַרבעטער־רינג, אַז דער קלוב האָט 50 יאָר צייט

געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אַלע פּאַסירונגען און פּראָבלעמען מיט וועלכע דער אַרבעטער־רינג איז געקומען פּנים־אל־פּנים. עס וועט ניט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז דער קלוב, דורך זיינע פירער, איז געווען דער שטאַרקער כוח און רעאַליטעט אין אַלע צייטן ווען דער אַרבעטער־רינג איז געווען פאַרמישט אָדער פאַרוויקלט אין ערנסטע און דעליקאַטע סיטואַציעס.

אונדז וועט שפּעטער אויסקומען, דורך געשיכטלעכע פאַקטן, צו באַ־ווייזן, די ראָלע וואָס דער קלוב האָט געשפּילט אין פאַרשידענע אומשטענ־דן און סיטואַציעס, כדי צו ראַטעווען דעם כבוד און אפשר טאַקע די עק־זיסטענץ פונם אַרבעטער־רינג. אָבער צוריק צו דער פראַגע וואָס איז אַזעלכעס דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״? איך מוז זיך מודה זיין, אַז פאַר די פינף און פערציק יאָר וואָס איך בין אַ מיטגליד אינם קלוב, האָבן מיך פריינד געפרעגט וואָס איז אַזעלכעס דער קלוב, וואָס זענען זיינע אויפגאַבן, און איך פלעג זיי געבן פאַרשידענע דערקלערונגען, אָבער ניט אלעמאָל בין איך אַליין געווען צופרידן מיט מיין דערקלערונג. פאַ־סירט אָבער, אַז לעצטן יאָר קומט צו מיר אין הויז אַ פריינד מיינער, אַ מיטגליד פון מיין ברענטש, און מיר כאַפּן אַ שפּאַציר אין דער הויפּט־גאַס פון דעם שטעטל אין לאָנג איילאַנד, וואו איך האָב מיין היים. גראָד דאַן, ווען ער פרעגט ביי מיר וועגן די אויפגאַבן פונם קלוב זיינען מיר געווען אין פראָנט פון אַ „פייער־הויז״. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און איך האָב דאַן געפונען דעם ריכטיקן ענטפער אויף זיין פראַגע.

— אָט זעסטו, זאָג איך, זיצן פייערלייט און לייענען צייטונגען, שפּילן אין קאָרטן און פאַרברענגען גאַנץ געמיטלעך; זיי קאָנען אַזוי אָפּזיצן טעג און אפשר וואָכן און עס פּאַסירט גאָרניט. די איינציקע זאַך וואָס מיר קענען באַמערקן איז, אַז ביי יעדן בענקל, וואו עס זיצט אַ פייערמאַן ליגן דאָרט אַ פּאָר „באָטס״, אָדער גרויסע שטיוול, אַ רעגן־מאַנטל און אַ רעגן־העט. פּלוצים צעקלינגען זיך די גרויסע גלאָקן. אַ צייכן אַז עס האָט ער־גען אויסגעבראָכן אַ שריפה און כהרף־עין, אין אַ סעקונדע, זענען אַלע פייערלייט אָנגעטון אין זייערע מלבושים און זיי לויפן מיט זייערע מכשי־רים צו ראַטעווען די קאָמיוניטי פון אַן ערנסטן פייער, און ווי אַן איינ־וואוינער פון דער קאָמיוניטי, ווייס איך, אַז אָט די פייער־בריגאַדע האָט שוין אַ סך מאָל געראַטעוועט דאָס שטעטל פון חורבן פון פאַרניכטונג. אָט ד אָ ס, מיין פריינד, איז דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״. ער זוכט ניט קיין טראָבל אָדער טומל, ער פאַרמאָגט ניט קיין פאַרגעשריבענע פּראָ־גראַם, אָבער ער איז שטענדיק גרייט צו פאַרטיידיקן די אָרגאַניזאַציע וואָס אירע מיטגלידער האָבן ליב, וואָס איז זיי טייער. יאָ, מיין פריינד, דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ איז דער פייער־דעפּאַרטמענט אָדער די

„פייער־בריגאַדע" וואָס היט אָפּ די גאַנצקייט און ווירקזאַמקייט פונם אַר־בעטער־רינג.

דאָס איז, מיין פריינד, די אורזאַך פון מיין אָנגעהעריקייט און לאָיאַלי־טעט צום „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב". און הגם איך בין ניט אַלעמאָל איינ־שטימיק מיט די האַנדלונגען פונם קלוב, און אפשר אַ מאָל געהאַט פּער־זענלעכע עוולהס פונם קלוב, שאַץ איך אָבער אָפּ די וויכטיקע אַרבעט און ראָלע וואָס דער קלוב האָט געשפּילט אין די ערנסטע קאַמפּן און סיטו־אַציעס, אין וועלכע דער אַרבעטער־רינג איז געווען פאַרוויקלט.

דער סך־הכל איז, אַז עס איז מיין ערנסטע איבערצייגונג, און איך וועל דאָס שפּעטער פּרובירן באַווייזן מיט פאַקטן, אַז דער קלוב האָט גע־ראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג אין זייער ערנסטע מאָמענטן פון שווערע סיטואַציעס. אָפּט טאַקע איינגעלאָשן פייערן, וואָס האָבן געדראָט דעם ווייטערן נאָרמאַלן גאַנג פון אַרבעטער־רינג.

מיר וועלן אויך פּרובירן פאַרצייכענען אַז דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַ־לער קלוב" האָט אין רואיקע צייטן געטאָן אַ סך צו העלפן יחידים, אַקטי־ווע מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג, ווען זיי זענען געווען אין מאַטעריעלער נויט. יאָ, דער קלוב האָט אין דער טראַדיציע פון „מתן־בסתר" געהאָלפן אַ סך מיטגלידער אין צייט פון קראַנקייט און נויט. דער קלוב האָט אויך אין ערנסטע מאָמענטן פון „מחלוקות בין אָדם לחבירו" געטאָן אַלעס מעגלעכע אויסצוגלייכן מיספאַרשטענדענישן און איינשטעלן שלום אין דעם אַרבעטער־רינג אַקטיוו.

איך בין אויך זיכער אַז מיין פריינד יעפים ישורין וועט מיר אַנט־שולדיקן ווען איך וועל אַ סך דערגרייכונגען און אַקציעס פון קלוב, ספּע־ציעל זיין אַגרעסיוויקייט און ווירקזאַמקייט, צושרייבן צו ישורינס שטאַרקן כאַראַקטער, זיין עקשנותדיקן אידעאַליזם, זיינע פעסטע רעאַליסטישע אי־בערצייגונגען, וואָס זיינען אָפּט געקומען פונקט אין דער ריכטיקער און פּראַקטישער צייט. ער האָט פיל געהאָלפן דעם קלוב אָנהאַלטן זיין פּרעס־טיזש און גלייכגעוויכט, וואָס עס פאָדערט זיך פאַר אַזאַ אָרגאַניזאַציע.

און איצט צו דער אַרבעט פון פאַקטן, פּאַסירונגען, אינצידענטן, עפּי־זאָדן, ערנסטע און קאָמישע, אינעם לעבן פונם „נאַציאָנאלן סאָציאַלן קלוב".

אַ ביסל אַרבעטער־רינג געשיכטע

מיר האָבן פריער דערמאָנט דעם קאַמף פון „יונגע און אַלטע", די שטאַרקע חלוקי־דעות פון צדדים אין אַ.־ר. אומאָפּהענגיק פון דעם צי

דאָס זענען געווען, ווי טייל דענקען, אידעאַלע און פּרינציפּיעלע קאַמפן, אָדער ווי אַנדערע „מפרשים" טייטשן אויס, אָדער טייטשן אַריין, אַז דאָס זענען געווען בלויז פּערזענלעכע אַמביציעזע מחלוקות פֿאַר כבוד און מאַכט, מוז מען אָבער צוגעבן, אַז דער קאַמף פֿון „יונגע" און „אַלטע" איז ניט געווען קיין פּנים־חדשות. דאָס איז ניט געווען קיין נייע פּלוצימדיקע דערשיינונג אינם לעבן פֿון אַ.־ר. דער קאַמף איז אויך ניט געווען קיין ספּאָנטאַנער, רעוואָלוציאָנערער אויסברוך צוליב געוויסע דערשיינונגען, אָדער פּאַסירונגען. דער קאַמף פֿון „יונגע און אַלטע", פּונקט ווי אַלע אַנדערע קאַמפן אין די ערשטע יאָרן פֿון דער גרינדונג פֿונם אַ.־ר., איז געווען דער רעזולטאַט, אָדער דער אַרויסוואוקס פֿון דער ניט סאָלידער, אָדער ניט קלאָרער פּרינציפּיעלער ליניע, אונטער וועלכער די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך פֿירן. עס איז נאָך ניט געווען קיין באַשטימטע פּרינציפּן־דערקלערונג, וועלכע זאָל אַנטהאַלטן אָנגעצייכנטע, אַזוי צו זאָגן, געזעצן און פּאַליסיס, וועלכע די פֿירער זאָלן זיין פֿאַרפּליכטעט נאָכצוקומען. יעדע פֿאַרוואַלטונג האָט זיך געפֿירט לויט איר באַגריף און געשאַפֿענער סיטואַציע. דערפֿאַר טאַקע האָבן זיך באַלד נאָכן גרינדן פֿון דער אָרגאַניזאַציע געשאַפֿן שאַרפֿע מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן און אָפֿטע מחלוקותן.

דער שרייבער פֿון די שורות האָט פֿאַר עטלעכע יאָר געאַרבעט אין אַ שאַפּ כמעט אַ מאַשין צו אַ מאַשין מיט מ. גאָלדרייך, איינער פֿון די גרינדער פֿון „אַרבעטער־רינג פֿאַראיין" און ממילא איינער פֿון די גרינדער פֿונם אַרבעטער־רינג.

אינם זעלבן שאַפּ האָבן אויך געאַרבעט די קעפּ־מייקער ליווי, עקשטיין און רינג, וואָס זענען אויך געווען פֿון די גרינדער פֿונם אַ.־ר. — דער לעצטער איז געווען זייער שטאָלץ דערמיט וואָס מען האָט דעם אַרבעטער־רינג אַ נאָמען געגעבן נאָך אים... האָבן אָבער די פֿיר גרינדערס ניט געקאָנט לעבן בשלום צווישן זיך וועגן דעם צי דער אַרבעטער־רינג קומט נאָך די פּרינציפּן און אויפֿגאַבן צוליב וואָס ער איז געשאַפֿן געוואָרן.

אין יעדער מיטאָג־שעה, מען האָט קוים אַרונטערגעשלונגען דעם ביסן ברויט, האָבן זיי זיך שוין געאַמפּערט וועגן דעם פּראָגרעס און דערפֿאָלג פֿונם אַ.־ר. אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז עקשטיין געווען אַנאַרכיסטיש געשטימט, בעת גאָלדרייך און רינג זענען געווען געניגט צו דער ס. ל. פּ. אינם זעלבן שאַפּ האָט מיט אונדז אויך געאַרבעט א. וואָליצקי, וואָס איז שוין דאַן געווען אַקטיוו אין אַ.־ר. ער איז געווען אַ סאָציאַליסט און געהערט צו דער „פֿאָרווערטס"־אַסאָסיעישאָן. אים פֿלעגן זיי דערגיין די יאָרן, אַז דער אַ.־ר. גייט אַרונטער פֿון גלייכן וועג; אַז מען נעמט אַריין אין אַ.־ר. אַלס מיטגלידער אַזעלכע וואָס זייערע פֿרויען פֿירן אַ כשרע קיך און בענטשן ליכט פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט. איבערהויפּט זענען

זיי געווען ברוגז, וואָס דער אַ־ר. נעמט אַריין אַלס מיטגלידער ניט קיין הונדערט פּראָצענטיקע פּראָלעטאַריער און ממילא ניט קיין יוניאָן־לייט.

גאָלדרייך פלעגט זיך אָפּט מיט שטאָלץ רימען, אַז ער האָט אין יאָר 1894 געשריבן אַן אויפרוף, ווען דער „אַרבעטער־רינג פאַראיין" האָט זיך געגרינדעט. אויף זייט 20 פון דער „אַרבעטער־רינג געשיכטע", געשריבן פון י. ש. הערץ, לייענען מיר דער אויפרוף:

„...וואָס איז דער אַרבעטער־רינג? דער אַרבעטער־רינג איז דער בעסטער לאָדזש פון אַלע לאָדזשן. דער בעסטער פאַראיין פון אַלע פאַראיינען, די איינציקע געזעלשאַפט פאַר דעם אַרבעטער וואו ער זאָל זיין גייסט בילדן — און מאַטעריעליש ניט פאַרלוירן גיין.

צו וואָס שטרעבט דער אַרבעטער־רינג? צו פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט, צו געווינען די מיטגלידער צו אַ צוזאַמענלעבן, שטרעבן צו איין ציל, שעפּן פון איין קוואַל, צו בילדן איין מעכטיקע אָרגאַניזאַציע דורך פריינטשאַפט, טרייהייט און איבערגעגעבנקייט איינער צום צווייטן.

וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט ער? ער ברענגט נוצן פאַר דער אַרבעטער־מאַסע, וואָס ער גיט איר די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן פון די לאָדזשן און אָנשליסן זיך אינעם אַ־ר., וואו דער אַרבעטער זאָל געפינען אַלע באַקוועמלעכקייטן וואָס אַ מיטגליד קאָן האָבן אין וועלכער ניט איז חברה, פאַראיין אָדער לאָדזש, און דערביי זאָל דער גייסט ניט פאַרדאָרבן ווערן. אין די חברות, לאָדזשן, פאַראיינען, ווערט דער גייסט פון די אַרבעטער פאַרדאָרבן. בעת מען פאַרנעמט זיך וועגן אַ פּרעזידענט, אַ שמש, שול־קלאַפּער, אַ שלישי, אַ מפטיר און נאָך אַזעלכע נאַרישע זאַכן, וואָס רויבט צו צייט אין אומנוצלעכע דעבאַטן און אַמאָל קומט נאָך צו — צאַנקעריי און פּערזענלעכע באַליידיקונגען, וואָס דאָס ווירקט זייער שלעכט אויף דעם גייסט און מאָראַל פון די מיטגלידער. אָנשטאָט דעם אַלעם פאַרברענגט דער מיטגליד פון אַ־ר. זיין צייט אין וויסנשאַפטלעכע לעקציעס, וואָס בילדעט זיין גייסט מאָראַליש, וואָס טרייסלט אָפּ פון זיין מאַרך דעם שטויב פון דער פעקטאָרי, וואָס קלערט אים אויף, אַנטוויקלט אים צו דענקען. עפנט אים זיינע אויגן ער זאָל זיך אומקוקן, אַז ער איז אַ מענטש, אַ מענטש מיט ענערגיע, מיט מוט און גייסט. אַ טייל פון דער נאַטור, וואָס האָט פאַר אים געגרייט צו גענימן דאָס צו וואָס ער איז באַרעכטיקט אַלס מענטש, און ניט צו עקזיסטירן אַלס שקלאַף, ווי אַ שאַפנדע חיה צו שאַפן פאַר אַנדערע און אַליין ניט צו גענימן".

מ. גאָלדרייך
(קאָמונאַר)

ס. מענאַקער

דוד אייבראַמס



אַ. ראַפּאַלאָפּסקי

ב. לעוויטאַן

הירש בלאַק

דערמאָנטע פּערזאָנען אין דעם אַרטיקל

נאָך דעם ווי ס'ווערט דערציילט וועגן די פּראַקטישע נוצן פונם אַ־ר. קומט דער פאָלגנדער רוף:

„...איצט, אָרנטלעכע אַרבעטער, פאָדערן מיר אייך אויף, וואַרפט אַוועק די אַלטע געטער, די חברות, לאַדזשן א. א. וו., וואו אייער גייסט ווערט אין נאַרישקייטן פאַרזונקען. שליסט זיך אָן אין אונזער ברידערלעכן בונד מיט איין ציל, מיט איין שטרעבונג, מיט איין אידעע — ווערן מיר אַלע גיין פאָראויס און אויפפרישן אונ־דזערע כוחות ביז מיר וועלן זיין אימשטאַנד צו צערייסן מיטאַמאָל אונדזערע קייטן און דערקלערן זיך פריי פון שקלאַפעריי און אונ־טערדריקונג. צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטשהייט וועלן מיר זיך דערקלערן פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט".

פון מיין פּערזענלעכער דערפאַרונג ווייס איך, אַז עקשטיין און ליוויי (אויך גרינדער פון אַרבעטער־רינג) זענען ווייט ניט געווען מסכים מיט אָט דער פּרינציפּיעלער דערקלערונג פון דעם אויבן געברענגטן אויפרוף. ה. ליוויס איידעם איז געווען אַ שוחט, האָט געמאַכט בריתן, ווען זיינע זין זענען געבוירן געוואָרן. און ליוויי האָט זיך פאַר אונדז מודה געווען, אַז ער איז אַפילו געווען דער סנדק ביי איין ברית פון אַן אייניקל, און דאָס האָט אים געמאַכט טריפה ביי די אַנדערע גרינדער פון אַ־ר. מען האָט בסוד נאָכדערציילט, אַז ס'איז אַ סברה, אַז מען האָט אים געוואָלט אַרויס־וואַרפן פון אַ־ר. פאַר אָט דעם פאַרברעכן.

די ניט באַשטימטקייט וועגן די פּרינציפּן פונם אַ־ר. איז געווען ניט קלאָר אינם „אַ־ר. פעראיין", אָבער אויך ווען דער אַרבעטער־רינג איז געוואָרן אַן אָרדן און האָט שוין געהאַט אַ היפּשע צאָל ברענטשעס אויך אויסער ניו־יאָרק, זענען נאָך אַלץ ניט געווען קיין באַשטימטע פּרינציפּן־דערקלערונגען און אָנגעצייכנטע רעגולאַציעס ווער עס קאָן געהערן צום אַ־ר. און ווער ס'איז ניט פּאַסיק אַלס מיטגליד.

אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פונם אַ־ר. איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקער קאַמף פון צוויי שאַטירונגען, פון צוויי אידעאַלע שטרעמונגען. זיי האָבן זיך דאַן ניט גערופן „יונג און אַלט", נאָר זיי זענען געווען אָנ־הענגער פון דער ס. ל. פּ. און דעם „אַבענד בלאַט", און אַ צווייטער צד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָנהענגער פונם „פאָרווערטס".

און אָט וואָס עס דערציילט י. ש. הערץ אין זיין אַ־ר. געשיכטע, אויף זייט 49:

„די ערשטע גענעראַל־סעקרעטאַרן

במשך די ערשטע פאַר יאָר זיינען געווען איינער נאָכן אַנדערן דריי גענעראַל־סעקרעטאַרן.

דער ערשטער איז געווען ב. פייגענבוים. קעגן אים איז געפירט געוואָרן אַ שאַרפע אָפּאָזיציע מצד דעם עלטסטן און וויכטיקסטן צווייג — ברענטש 1.

די דאָזיקע אָפּאָזיציע האָט געהאַט אַן אידעאישן אונטער־שלאַק. פייגענבוים איז דעמאָלט געווען מיט דער צייטונג פון דער ס. ל. פּ., 'אַבענד בלאַט', בעת דער עלטסטער ברענטש איז געווען אַ פעסטונג פון די פאָרווערטסיסטן און האָט אויך ממשותדיק געהאָלפן דעם ,פאָרווערטס', דורך געבן אים געלט אויף אַ לינאָטיפּ־מאַשין.

די אַנדערע ברענטשעס האָבן געשטיצט פייגענבוימען. דאָס הייסט ניט, אַז זיי זיינען געווען לויטער חסידים פון 'אַבענד בלאַט'. אַ סך פון זיי זיינען דווקא געווען אָנהענגער פון 'פאָרווערטס' זיי זיינען אָבער ניט געווען אַזוי פּאַרטייאיש אין דער פראַגע ווי ברענטש 1. בכלל האָט דער 'פאָרווערטס', הגם אָן ענטוזיאַזם, דאָך געשטיצט דעם א.־ר., בעת דער 'אַבענד בלאַט' האָט אים איגנאָ־רירט. ס'האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז דער 'אַבענד בלאַט' וואו פייגענבוים איז געווען אַ מיטאַרבעטער, האָט דעם א.־ר. פאַרשוויגן, און דער 'פאָרווערטס' האָט די באַריכטן — געשריבן טאַקע פון פייגענבוים — יאָ געדרוקט. צוליב די שאַרפע אַטאַקעס פון ברענטש 1, האָט פייגענבוים אין דעצעמבער 1901 זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע, אָבער די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט די דעמיסיע ניט אָנגענומען.

אין שייכות מיט דעם, האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָנפליקט צווישן דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע און ברענטש 1, און דער ברענטש איז געטאַדלט געוואָרן דורך דער העכסטער אָנפירונג פונם א.־ר. דער ברענטש האָט געשטעמפּלט פייגענבוימען ווי 'אַ דע ליאָן נומער 2'.

צו דער דריטער קאָנווענשאָן האָט דער ערשטער גענעראַל־סעק־רעטאַר דערלאַנגט זיין רעזיגנאַציע, און דערביי האָט ער רעקאָמענ־דירט אַלס זיין ממלא־מקום לעאָ ראָזענצווייג, וועלכער האָט פריער קאַנדידאַטירט פאַרן זעלבן אַמט, און באַקומען וויניקער שטימען פון פייגענבוימען.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען די רעזיגנאַציע, און ראָזענצווייג איז דורך אַ רעפערענדום אויסגעוויילט געוואָרן אַלס גענעראַל־סעק־רעטאַר. ב. פייגענבוים איז דאַן געוויילט געוואָרן ווי אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד מיט דער העכסטער צאָל שטימען, טראָץ די ווייטערדיקע אַטאַקעס פון ברענטש 1.

דער צווייטער גענעראַל־סעקרעטאַר האָט אַמטירט סך הכל ביז סוף 1904. אויך ער איז דורך טוער פון ברענטש 1 באַשולדיקט געוואָרן אין ׳דע ליאַניסטישע׳ גענג. נאָך אים איז געקומען און אָנגעפירט מיטן אַ.־ר. — אַ רייע יאָרן — י. ווײַנטרויב. מיטן אַוועק־גיין פון די ערשטע צוויי גענעראַל־סעקרעטאַרן האָט זיך אין אַ געווי־סער מאָס פאַרענדיקט אַ תקופה אינם לעבן פונם אַרבעטער־רינג.

אין די ערשטע יאָרן איז די מיטגלידערשאַפט געווען אַ מער געקליבענע, פון אַן אידעאָלאָגישן שטאַנדפונקט. ס׳איז דאַן בכלל געווען אַ צייט פון זעלבסט־באַשטימונג ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן. די פראַגע איז געווען, גיין ווייטער אויפן אויסגעטראָטענעם טראַ־דיציאָנעל־רעליגיעזן וועג, אָדער אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם רעליגיעזן יאָך, און איבערגיין אין לאַגער פון פריידענקערײַ.

ווען מען האָט געוואָלט אַריינטרעטן אין אַ ברענטש, פלעגט טרעפן, אַז ס׳זאָל זיך אויפשטעלן אַ מיטגליד און טענהן, אַז דער קאַנדידאַט איז ניט ראוי אָנגענומען צו ווערן. און דאָס בלויז אויפן סמך פון דעם וואָס דער קאַנדידאַט האָט געפּראַוועט אַ ברית, אָדער דערפאַר וואָס זיין פרוי בענטשט ליכט פרייטיק פאַר נאַכט. אָדער צוליב דעם וואָס דאָס פאַרפאָלק כאַפּט זיך אַריין יום־כיפור אין שול, זאָגן גוט־יום־טוב צו די עלטערן. אַ כשרע קיך האָט אויך גע־קאָנט זיין פּסול. עס איז דעמאָלט געווען אַ גאַנץ היפּשער שיכט אַרבעטער וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיטן סאָציאַליזם און איז מיט איין פוס שוין געשטאַנען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און מיטן צווייטן פוס נאָך געשטעקט אין דער וועלט פון אַלט־פרענקי־שער יידישקייט, דאָס איז אין יענער צייט געווען אַ וויכטיקע פראַגע. אין 1904, האָט פיליפּ קראַנץ אָפּגעדרוקט אין דער ׳צוקונפט׳ אַן אַרטיקל אין וועלכן ער האָט געזאָגט: די פראַגע איז דאָ, אויב דער אַ.־ר. זאָל צולאָזן, אַז די מערהייט זאָל זיין אַ רעליגיעזע אין גאַנצן אָרדן, אַזוי ווי דאָס איז שוין לײַדער דער פאַל אין פיל ברענטשעס״.

די ערשטע צוויי גענעראַל־סעקרעטאַרן זענען ביידע געווען פּרינציפּיעלע אַפּיקורסים, אָבער זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער פראַגע פון צולאָזן רעליגיעזע מענטשן אין אַ.־ר. פייגנבוים האָט געהאַלטן, אַז גלויביקע, ניט קיין פאַנאַטיקער, מעג מען אַריינעמען. אויב אַ פאָלקס־מענטש איז פרום פאַר זיך, איז עס ניט קיינעמס דאגה. אַזאַ מענטש קאָן זיין אַ גוטער מיטגליד אין אַ.־ר. און מיט דער צייט אַפילו באַווירקט ווערן פון דער פריידענקערישער אויפקלערונג. ער איז אָבער געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם, אַז אַ ברענטש, ווי אַ גאַנצער, זאָל זיך פאַרנעמען מיט מאַכן



ב. פייגענבוים

ל. ראָזענצווייג

יחיאל וויינטרויב

ד״ר פראַנק ראָזענבלאַט



צביון

וויליאַם עדלין

יוסף באַסקין

נחום כאַנין

ב. געבינער

סעקרעטאַרן פון אַרבעטער־רינג דערמאָנטע אינם אַרטיקל

אַ מנין צו ימים־נוראים, אָדער מיט אַנדערע ענינים וואָס האָבן צו טאָן מיט רעליגיע.

ראָזענצווייג איז געווען ניט בלויז קעגן דעם, אַז ברענטשעס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט איינאָרדענען מנינים, אָדער שמחות מיט רעליגיעזע צערע־מאָניעס, נאָר ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז לויט אים וואָלט מען פרומע בכלל ניט געדאַרפט אַריינלאָזן אין אַרבעטער־אָרדן. פיליפ קראַנץ האָט געשטיצט ראָזענצווייגס מיינונג און זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ס׳איז „אַ גרויסע געפאַר פאַר דער עקזיסטענץ פונם אַ.־ר. צוליב די צו אָפענע טירן פאַר די רעליגיעזע, ווי געגנאָסע פייגענבוים און זיינע אָנהענגער ווילן עס אָנהאַלטן״.

דער דריטער גענעראַל־סעקרעטאַר י. ווייגטרויב האָט די דיסקוסיע וועגן דעם פאַרענדיקט מיט די ווערטער אין זיין באַריכט צו דער 5טער יערלעכער קאָנווענשאָן.

„אַז דער אַ.־ר. דאַרף אַרונטערנעמען אונטער זיין פאָן אַלע אָרנטלעכע אַרבעטער און רעכטדענקנדע מענטשן״.

אָבער ניט קוקנדיק אויף ווייגטרויבס דערקלערונג, אַז דער אַ.־ר. איז אָפן פאַר אַלע אָרנטלעכע אַרבעטער און רעכטדענקנדע מענטשן, האָט דאָס דאַן ניט אָפגעשטעלט די קריטיק פון אַן אַנדער ווינקל. די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן האָט גענומען פּראָטעסטירן קעגן דעם וואָס דער אַ.־ר. נעמט אַריין מיטגלידער וואָס זיינען ניט קיין יוניאָן־מיטגלידער, טראָץ דעם, וואָס עס עקזיסטירן יוניאָנס אין זייער פאַך ביי וועלכן זיי זיינען באַשעפטיקט.

די געווערקשאַפטן זיינען נאָך געגאַנגען ווייטער, און געטענהט, אַז דער אַ.־ר. איז ניט מקפיד אין הלכות יוניאָניזם. אַז צווישן זיינע מיטגלידער זיינען פאַראַן ניט גאָר קיין כשרע מיטגלידער. מער היציקע אָנהענגער פון די געווערקשאַפטן האָבן געשריען, אַז דער אַ.־ר. איז איבערהויפּט „אַ נעסט פון סקעבס״.

אַזוינע קאָמפּלימענטן מצד די געווערקשאַפטן־פירער זיינען אָפט געפאַלן אויפן אַ.־ר. די אַרבעטער־רינג־טוער, פאַרשטייט זיך, האָבן אויך ניט געשוויגן און האָבן דערלאַנגט חזרה.

דער שולחן־ערוך פון יוניאָניזם — האָבן געטענהט די אַ.־ר.־טוער — איז ניט פאַרפאַסט געוואָרן בלויז פון די געווערקשאַפטן; — די פירער פונם אַ.־ר. — זיינען אויך יודע ספר און דאַרפן ניט קומען פרעגן שאלות ביי די געווערקשאַפטן־פירער, זיי קענען אַליין פסקענען אַ דין אין טרייד־יוניאָניזם. אלא וואָס דער פסק־דין געפעלט ניט די געווערקשאַפטן, מילא זאָל זיי ניט געפעלן . . .

עס איז ניט אונדזער אויפגאַבע דאָ איבערצוגעבן אין איינצלהייטן די מחלוקה צווישן די געווערקשאַפטן און דעם אַ.־ר. דער ענין פאַרנעמט זייער אַ סך זייטן אין דער געשיכטע פונם אַ.־ר. סיי פון א. ש. זאַקס און סיי פון דער געשיכטע געשריבן פון י. ש. הערץ.

איןביידע געשיכטעס זיינען דאָ לאַנגע דערקלערונגען געדרוקטע אין „פאָרווערטס״, וואו מען זשאַלעוועט זיך ניט קיין קאָמפּלימענטן איינער דעם צווייטן.

אַלע שבועות וואָס דער אַ.־ר. האָט געגעבן, אַז די אָרגאַניזאַציע איז פּרינציפּיעל דערפאַר, אַז יעדער אַ.־ר. מיטגליד זאָל געהערן צו דער יוניאָן פון זיין פאַך, און אַז דער אַ.־ר. איז אַ שולע פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, שטעלט ניט צופרידן די געווערקשאַפטן. זיי פאָדערן דורכאויס, אַז דער אַ.־ר. זאָל אַריינעמען אויסשטודירטע יוניאָן־לייט.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע פונם אַ.־ר. האָט געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן איינצושטעלן די מחלוקה. און אַ דאַנק אירע טאַקטישע רואיקע צושריפטן צו די ברענטשעס, זיינען דיליידנשאַפטלעכע, ניט איבערגעלייגטע און ניט באַרעכטיקטע, באַשולדיקונגען קעגן דעם אַ.־ר. ביסלעכווייז פאַרשוואונדן פון דער פּרעסע און די פאַרזאַמלונגען.

נאָכן לייענען אויפמערקזאַם די דאַמאָלסדיקע קאָרעספּאָנדענצן און פּאָלעמיק צווישן די געווערקשאַפטן און דעם אַ.־ר. איז מיין מיינונג, אַז אויך דאָ האָט פּערזענלעכער כבוד און אָנגעזעענקייט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. די געווערקשאַפטן זיינען געגרינדעט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר פריער ווי דער אַ.־ר. און האָט אָנגעפאַנגען שפּילן אַן איינפלוסרייכע ראָלע אויף דער אַרבעטער, געזעלשאַפטלעכער און יידישער גאַס. אָבער מיט דער אָרגאַניזירונג פונם אַ.־ר. האָבן די געווערקשאַפטן גענומען פילן אַז אָט דער פון אָנהייב אומבאַדייטנדער אַרבעטער־רינג הייבט זיך אָן מיט זיי פאַרמעסטן אין איינפלוס און פּרעסטיזש.

נאָכמער, דער אַ.־ר. האָט אָנגעהויבן זיי איבערוואַקסן אין אָרגאַניזאַציאָנס קראַפט און דיסציפּלין. אין דער ראַדיקאַלער פּרעסע האָט דער אַ.־ר. אָנגעהויבן צו פאַרנעמען דעם בכבודיקסטן פּלאַץ. האָט זיך נאַטירלעך פון אָנהויב אַנטוויקלט קנאה, שפּעטער שנאה פון די געווערקשאַפטן צום אַרבעטער־רינג.

די פראַגע וועגן דעם צי דער אַ.־ר. זאָל אַריינעמען מיטגלידער, וועלכע געהערן ניט צו דער יוניאָן, איז ענדלעך איינגעשטילט געוואָרן. און די טרויעריקע מיספאַרשטענדניס צווישן די טרייד־יוניאָנס און דעם אַרבעטער־רינג האָט זיך ענדלעך אָפיציעל געענדיקט. אָבער אַ לענגערע צייט האָט זיך נאָך אַלץ געפילט אַ שטילער ברוגז צווישן דער אָנפירערשאַפט פון די געווערקשאַפטן און דעם אַ.־ר. און אין משך פון לאַנגע יאָרן וועט איר געפי־

נען אַז זייער ווייניק יוניאָן־טוער האָבן אָנטייל גענומען אין דער אַקטי־וויטעט אָדער פאַרוואַלטונג פונם אַ.־ר.

ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָט זיך אָט די לאַגע זייער ראַדיקאַל געענדערט נאָכדעם ווי דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" האָט זיך געגרינדעט, און אַ צאָל יוניאָן טוער זיינען דערמוטיקט געוואָרן צו ווערן אַקטיוו אינם אַ.־ר.. בכלל האָט זיך די אַטמאָספערע היפּשלעך געענדערט, און דער אַ.־ר. איז געוואָרן אַן אמת נאָנטער מחותן אויף אַלע שמחות פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. און ווען די יידישע יוניאָנס האָבן אָנגעפירט שווערע, לאַנגע קאָסטבאַרע סטרייקן, איז דער אַ.־ר. געשטאַנען זייט ביי זייט מיט די יוניאָנס און זיי געהאָלפן ניט נאָר מאָראַליש, נאָר טאַקע ממשותדיק, פינאַנציעל. אַ חוץ די גרויסע סומען געלט וואָס דער אַ.־ר. האָט געשאַפן פאַר דער פירונג פון די סטרייקן, האָבן די ברענטשעס, וואָס האָבן געהאַט מיטגלידער וואָס זיינען געווען אין סטרייק, זיי אַרויסגעהאָלפן אויף פאַרשיידענע אופנים. אונדז איז באַקאַנט אַ היפּשע צאָל ברענטשעס וואָס האָבן באַשטייערט זייערע מיטגלידער מיט אַ באַשטימטע סומע געלט אַזוי לאַנג ווי די סטרייקן וועלן דויערן. אויך האָבן די ברענטשעס געשטיצט זייערע סטרייקנדע מיטגלידער מיט אַ וועכנטלעכע סומע געלט — מער אָדער ווייניקער — אויסצוהאַלטן זייערע פאַמיליעס זיי זאָלן חלילה ניט ליידן פון הונגער.

אונדז וועט נאָך אויסקומען אין די אַקטיוויטעטן פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" צו ריידן וועגן דער ראָלע וואָס דער אַ.־ר. האָט געשפּילט אינם אויפבוי פון דער יידישער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, אין די גרעסערע שטעט און ספּעציעל אין די קלענערע שטעטלעך פון אַמעריקע.

איך וועל דערציילן וועגן מיין אייגענער דערפאַרונג וואָס איך האָב געהאַט ווי אַ רייזנדער אָרגאַניזירער פון דער קעפּ און מילינערי יוניאָן.

די פּאָליטישע אויסקריסטאַליזירונג פון דעם אַ.־ר.

דער „אַרבעטער־רינג־פעראיין", וואָס האָט עקזיסטירט היפּשע עטלעכע יאָר פונם לעצטן יאָרהונדערט, איז באַשטאַנען פון אַ געמיש פון פאַרשיידענע פּאָליטישע גלויבנס. איבערהויפּט האָבן דאָרט דאָמינירט אין דער מיט־גלידערשאַפט, די פירער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.). די אַנאַרכיסטן האָבן אויך געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס און האָבן אָנגע־פירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר אַנאַרכיזם, וואָס האָט זיך אַממערסטן אָפּ־געגעבן אינם קאַמף קעגן רעליגיע. עס איז ניט געווען קיין אויסטערלישע דערשיינונג אַז אַ גרופּע אַנאַרכיסטן זאָלן אַ שבת אין דער פרי, ווען יידן

זיינען געגאַנגען דאַווענען אין די שולן, שפּאַצירן אָן היטלען מיט פּאַר־רויכערטע פּאַפּיראָסן אין מויל פּונקט אין פראָנט פון די שולן. זייער אָפּט פלעגן פּאָרקומען געשלעגן ביי אַזאַ דעמאָנסטראַציע. יום־כיפּור־אָוונט, אָדער ווי מען רופט דאָס „כל־נדרי״־נאַכט, פלעגן די אַנאַרכיסטן רופן מיטינגען אין פאַרשיידענע געגענטן פון שטאָט און געלעסטערט און געשאָלטן גאָט מיט טויטע קללות. דער שרייבער פון די שורות האָט דעם ערשטן יום־כיפּור וואָס ער איז געווען אין אַמעריקע, באַזוכט אַזאַ מיטינג „כל־נדרי״־נאַכט, אין קופּער יוניאָן, וואו ש. יאַנאָווסקי און אַנדערע אַנאַרכיסטן האָבן זיך אויסגעטנהט מיט גאָט, אים געזידלט און ממש געשאָלטן און גערופן צו מלחמה קעגן רעליגיע און גאָט, וואָס איז די קללה פון דער מענטשהייט. אָבער שפּעטער האָבן די מיטגלידער פונם אַ.־ר. גענומען זיך אָפּגרענעצן פון אַנאַרכיזם. הגם דאָ און דאָרט האָבן די אַנאַרכיסטן נאָך פּרובירט צו באַאיינפלוסן געוויסע ברענטשעס און מיטגלידער, איז אָבער זייער איינפלוס שוין געווען אומבאַדייטנד.

אין דער זעלבער צייט פונם גרינדונג פונם אַ.־ר. איז אויך געבוירן געוואָרן די נייע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (ס. פּ.). דאָס איז געווען אַ פּאַר־אייניקונג פון דער פריערדיקער קליינער ס. ד. פּאַרטיי אין דעם אָפּגעשפּאָלטענעם טייל פון דער אַלטער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי, (ס. ל. פּ.). די ס. פּ. איז כסדר געוואַקסן און געגאַנגען באַרג אַרויף, בעת די ס. ל. פּ. איז אַלץ מער איינגעשרומפּן געוואָרן. די ס. פּ. איז געוואָרן דער ווירקלעכער צענטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע.

אינם „פאָרווערטס״ פון 6טן מאַי 1903, שרייבט ב. פייגענבוים אין אַן אַרטיקל וועגן אַ.־ר. צווישן אַנדערס:

„... אָפּהיטנדיק זיין סאָציאַליסטישן כאַראַקטער וועט דער אַר־בעטער־רינג זיין די איינציקע דויערנדיקע סאָציאַליסטישע אָרגאַני־זאַציע פון יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, דאָס איז ער שוין אין פיל שטעט.

נאָך דעם מבול אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז אין די קלענערע שטעט ניט געבליבן קיין שריד ופליט פון קיין באַ־וועגונג. וויפל מען האָט ניט געאַרבעט צו גרינדן אַלערליי אָרגאַניזאַ־ציעס האָט מען גאָר ניט געקאָנט אויפטון, אָדער ס׳איז באַלד צע־פאַלן. דער אַרבעטער־רינג איז ווירקלעך דערשינען ווי אַ מלאך־הגואל פון דער באַוועגונג פאַרן סאָציאַליזם צווישן די יידישע אַרבעטער״.

אין אַן אַרטיקל אין די „צוקונפט" מאַי 1904, שרייבט אַ. ליעסין:

„...אומעטום ווערן די ארבעטער־רינג ברענטשעס דער מיטל־פונקט, אַרום וועלכן עס גרופּירן זיך אַלץ וואָס ס'איז ערלעך און פּראָגרעסיוו אין די רייען פון יידישע אַרבעטער. צוזאַמען מיט די ברענטשעס ווערט פאַרשפּרייט איבערן לאַנד אויך אונדזער סאָציאַ־ליסטישע פּרעסע פאַר וועלכע די מיטגלידער אַגיטירן ווי ווייט נאָר זיי קאָנען און וואו נאָר זיי קאָנען. די ,צוקונפט' ווערט כמעט פון זיי אויסגעהאַלטן".

אין אַ זאַמלבוך צו דער 4טער אַ.־ר. קאָנווענשאָן שרייבט ש. פּעסקין:

„...דער אַ.־ר. וואַקסט, ער איז היינט ניט נאָר דער צענטער, נאָר דער הויפּט בנין פון אונדזער יידישער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג, וואו נאָר עס איז דאָ אַ יידישער יישוב איז דאָ אַן ארבעטער־רינג און וואו נאָר עס איז דאָ אַן אַ.־ר. איז דאָ דער פונדאַמענט פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג".

אין „פריינד" (מאַי 1905) שרייבט ש. יאַנאָווסקי, אַן אַלטער אַנאַר־כיסטישער טוער:

„...די ארבעטער־רינג באַוועגונג איז אין אָנהויב געווען ווי אַ פרעמדע זאַך און איז פון אַלע זייטן באַגעגנט געוואָרן גאַנץ פיינט־לעך. די טרייד־יוניאָנס האָבן אין אַ.־ר. געזען — איך ווייס ניט פאַרוואָס, — אַ קאָנקורענט, און זיי האָבן געקוקט אויף אים און זיין אַרבעט גאַנץ קרומלעך.

די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע ארבעטער און טוער, האָבן אויך גאַנץ ווייניק ליבע געפילט פאַרן אַרבעטער־רינג, ווען ער איז נאָר וואָס געבוירן געוואָרן. אויב ער איז ניט אָפן און קעגנעריש באַקעמפט געוואָרן, איז עס געווען דערפאַר ווייל מען האָט ניט גע־גלויבט דאָס ער וועט ווירקלעך האָבן אַ קיום".

מיר האָבן בלויז אויבערפלעכלעך אָנגערירט די אינטערעסאַנטע פּער־יאָדע פון דער אַנטוויקלונג און פּרינציפּיעלן איינשטעל פונם אַ.־ר.

מיר האָבן באין אופן ניט אין זינען צו שרייבן אַרבעטער־רינג געשיכטע, וואָס מיר זיינען יאָ אויסן, איז אַרויסברענגען דאָס, וואָס איז נאָך אונדזער מיינונג אַ זיכערער פאַקט, אַז ביז דעם קאַמף פון „יונגע און אַלטע" און דער רעזולטאַט די גרינדונג פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" זיינען אין אַ.־ר. כסדר פאָרגעקומען חילוקי־דעות און שטרייטונגען, וואָס זיינען אָפט געווען זייער שטאַרקע און אָנגעווייטאָקטע. זיי זיינען אָבער ניט געווען אַזוי בולט

און שטאַרק פּעדזענלעך ווי די קאַמפּן פון „יונג און אַלט“ און „רעכט און לינק“, וואָס האָבן אָפּט באַדראָט די עקזיסטענץ פונם אַרבעטער־רינג.

בכדי צו קענען געבן אַ מער אָדער ווייניקער ריכטיק בילד און גע־שיכטע פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב“ האָבן מיר געפונען פאַר נויטיק בקיצור ברענגען אַביסל געשיכטע פון די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון אַרבעטער־רינג.

די סיסטעם פון פאַרוואַלטונג אין אַ.־ר., די קאָנטראָל קאָמיטע און סטענדינג קאָמיטעס

בכדי צו קענען היינטצוטאָג געבן אַ שטיקל באַגריף וועגן דער גרויסער און וויכטיקער ראָלע וואָס דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב“ האָט גע־שפּילט — הגם ניט אָפיציעל — אין דעם אויפבוי פונם אַרבעטער רינג, און איבערהויפּט אין אַריינברענגען אָרדנונג און צוטרוי צו די פאַרוואַל־טנדיקע קאָמיטעטן פונם אַ.־ר. מוז מען זיך באַקענען מיט דער פאָרם פון פאַרוואַלטונג וואָס האָט עקזיסטירט אין די ערשטע יאָרן פון דער אַ.־ר. טע־טיקייט. מ׳מוז בכלל כאָטש אַביסל זיין באַקאַנט מיט דער צו־להכעיס־פּאָליטיק, וואָס עס האָבן געפירט די הויפּט־קאָמיטעטן, די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע און די קאָנטראָל־קאָמיטע.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע איז געווען די פירנדיקע מאַכט פון דער אָר־גאַניזאַציע, זי האָט געמאַכט אַלע באַשלוסן פאַר דער אָנפירונג פון אַ.־ר. ווען אָבער וועלכער ניט איז באַשלוס איז דערביי געווען פאַרבונדן מיט הוצאות, האָט דאָס געמעגט זיין אפילו צען סענט פאַר פּאָסט, האָט די קאָנטראָל־קאָמיטע געהאַט דאָס רעכט צו וועטאָאירן די הוצאה. עס איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען צו וואָס פאַר אַ עקסטרעמען דאָס האָט געפירט און אָפּטמאָל צו קאָמישע סיטואַציעס, וואָס האָבן זיך געשאַפן פון דער „וועטאָ־רעכט“.

צו האָבן אַ שטיקל באַגריף וועגן די „וועטאָ־רעכטן“, ווילן מיר דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון דער אַ.־ר. געשיכטע (א. ש. זאַקס), זייט 558 פון אַ באַריכט וואָס עס האָט אָפּגעגעבן י. וויינטרויב צו אַ קאָנווענשאָן, נאָכ־דעם ווי ער איז עטלעכע מאָנאַטן געווען גענעראַל סעקרעטאַר פונם אַ.־ר. און אָט וואָס ער דערציילט:

ווען איך האָב איבערגענומען דעם אָפיס האָב איך זיך באַלד אָנגע־שטויסן אין שוועריקייטן. די שוועריקייטן זיינען געווען דאָס, וואָס יעדע נייע איינפירונג האָט געדאַרפט קאָסטן עקסטרע געלט. און דערפאַר האָט די

עקזעקוטיווע מורא געהאַט, און טאָמער האָט די עקזעקוטיווע שוין יאָ איינ־געוויליקט צו מאַכן די נויטיקע הוצאות, איז די קאָנטראָל־קאָמיטע געשטאַ־נען אין וועג.

איך פלעג פאַרלירן פיל צייט צו באַזאָרגן געוויסע זאַכן, וואָס איך וואָלט לייכט געקענט טון דורכן טעלעפאָן. האָב איך פאַרלאַנגט פון דער עקזעקוטיווע מען זאָל אַריינשטעלן אַ טעלעפאָן אין אָפיס. די עקזעקוטיווע האָט דאָס באַשלאָסן און מיך אינסטרואירט איך זאָל אָרדערן אַ טעלעפאָן. איך האָב באַלד דעם צווייטן טאָג געמאַכט אַן אַפּליקאַציע צו דער טעלעפאָן־קאָמפּאַני, מיט דעם האָב איך געדאַרפט איינצאָלן 15 דאָלער פאַר די ערשטע דריי מאָנאַטן אין פאָראויס. אויף דעם נעקסטן מיטינג פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע איז געוואָרן באַשלאָסן צו וועטאָאירן דעם באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע. די קאָנטראָל־קאָמיטע האָט מיך אינסטרואירט צוריקצו־רופן די אַפּליקאַציע און אָפּנעמען די 15 דאָלער. איך האָב זיך ניט געאיילט דורכצופירן דעם באַשלוס פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע. ביים נעקסטן מיטינג פון דער עקזעקוטיווע איז באַשלאָסן געוואָרן צו איגנאָרירן דעם וועטאָ פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע און דעם טעלעפאָן יאָ אַריינשטעלן. (עס איז שוין דאַן געגאַנגען אין אַמביציע). זעענדיק אַז דאָס וועט פירן צו קריגערייען, האָב איך גערופן אַ געמיינשאַפטלעכן מיטינג פוןביידע קאָמיטעטן און אויף דעם מיטינג האָט איינער פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע (דאָס איז געווען ס. וואָלאָס) געשטימט מיט דער עקזעקוטיווע, און אויף דעם אופן איז מיט 10 שטימען קעגן 8 באַשלאָסן געוואָרן אַריינצושטעלן אַ טעלעפאָן אינם אָפיס.

געענדיקט מיטן טעלעפאָן, איז געקומען אַ נייע סדרה מיט אַ שרייב־מאַשין און פאַרשיידענע דרוק אַרבעטן. יעדע נייע איינריכטונג וואָס עס האָט זיך געפאָדערט אום צו פאַרבעסערן די סיסטעם אין אָפיס, אויב עס איז נאָר געווען פאַרבונדן מיט דער קלענסטער הוצאה, איז מיר אָנגעקומען מיט גרויסע צרות. ווייל די עקזעקוטיווע האָט זיך שטענדיק געמוזט פאַר־ענטפערן וועגן די גרויסע הוצאות וואָס זי האָט געמאַכט.

און ניט נאָר זיינען פאָרגעקומען רייבונגען און סיכסוכים צווישן דער עקזעקוטיוו און קאָנטראָל־קאָמיטע, נאָר עס זיינען אָפט פאָרגעקומען שאַרפע מיספאַרשטענדענישן צווישן דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע און די אַנדערע פאַרוואַלטנדע קאָמיטעטן. און אָט וואָס די געשיכטע פון אַ.־ר. דערציילט אויף זייט 533, אין קאַפּיטל:

„דער סיכסוך צווישן דער עקזעקוטיוו און די אַנדערע קאָמיטעטן"

דער ווינטער 13—1914 איז ניט געווען קיין רואיקער אין אַ.־ר. די הויפּט רייבונגען זיינען פאָרגעקומען צווישן דער עקזעקוטיוו און קאָנטראָל־

קאָמיטע איבער וועטאָ־פּראַגן, און צווישן דער עקזעקוטיווע און די סטענ־דינג־קאָמיטעען איבער „יוריסדיקציע" פראַגן.

אין סעפּטעמבער 1912 איז א. ש. זאַקס איינשטימיק אויסגעוויילט גע־וואָרן פון דער פּרעס־קאָמיטע ווי רעדאַקטאָר פונם „פריינד", נאָכדעם ווי די פּרעס־קאָמיטע האָט צוגעשטעלט אַ צעטל פון די נאָמינירטע קאַנדידאַטן צו דער עקזעקוטיווע. די עקזעקוטיווע האָט געגעבן איר הסכמה צו דער ליסטע פון נאָמינירטע.

האָט אָבער שפּעטער די עקזעקוטיווע וועטאָאירט דעם אויסוואַל פון א. ש. זאַקס ווי רעדאַקטאָר מיט דער מאָטיווירונג: היות זאַקס איז דער רעדאַקטאָר פון „צוקונפט" וועט ער דאָך ניט האָבן קיין צייט צו רעדאַק־טירן דעם „פריינד".

די פּרעס־קאָמיטע האָט אָבער זיך געטון דאָס איריקע, און האָט קיין אַנדער רעדאַקטאָר ניט אויסגעקליבן, פאַרקערט, זי האָט מיט אַ צווייטער וואַל באַשטעטיקט די ערשטע. זי האָט זאַקסן נאָכאַמאָל איינשטימיק אויס־דערוויילט.

דער פאַל איז שפּעטער פאָרגעקומען פאַר דער קאָנווענשאַן אין פּילאַ־דעלפיע. די קאָנווענשאַן האָט סאַנקציאָנירט די דערוויילונג פון א. ש. זאַקס אַלס רעדאַקטאָר.

דער אינצידענט האָט געהאַט ניט ווייניק קאָמישעס אין זיך. זאַקסן האָט די עקזעקוטיווע ניט אָנערקענט. אָבער ווען מען האָט געדאַרפט עפּעס אָפיציעלעס וועגן „פריינד", האָט מען זיך כלומרשט געווענדעט צו י. ראָ־בערטס, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּרעס־קאָמיטע. אפילו טשעקס פאַר דעם רעדאַקטאָרס געהאַלט, זיינען פאַר אַ געוויסע צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף דעם נאָמען פון י. ראָבערטס.

אויף דער 13טער קאָנווענשאַן אין פילאַדעלפיע האָט חברה קיבעצער פאַרשפּרייט אַ געדרוקטע וויזיט־קאַרטע: י. ראָבערטס, רעדאַקטאָר פון „פריינד".

אַ חוץ דעם סיכסוך מיט דער פּרעסע־קאָמיטע איבער „יוריסדיקציע"־פּראַגן, זיינען פאָרגעקומען נאָך גרעסערע מחלוקתן מיט דער סאַניטאַריום־קאָמיטע. מחלוקת וואָס האָבן געפירט דערצו, אַז 5 מיטגלידער פון דער אָריגינעלער סאַניטאַריום־קאָמיטע האָבן רעזיגנירט. דער פאַקט, אַז כמעט אַ גאַנצע סטענדינג־קאָמיטע זאָל רעזיגנירן אין פּראָטעסט קעגן דער עקזע־קוטיוו־קאָמיטע, שטייט זיך איינער אַליין אין דער געשיכטע פון דעם אַרבעטער־רינג.

אין איר רעזיגנאַציע וואָס די סאַניטאַריום־קאָמיטע האָט צוגעשיקט צו דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע האָט זי אָנגעהויבן פאָלגנדע סיבות:

„1) מיר האָבן פאַרלאַנגט, אַז די קאָמיטע, וועלכע איר שיקט אין

סאַניטאַריום, זאָלן ניט קריגן באַצאָלט פאַר זונטאָגס. ווען זיי פאָרן, פונקט ווי מיר טוען דאָס — איר האָט דאָס צוריקגעוויזן.

2) מיר האָבן פאָרלאַנגט, דאָס די הוצאות וואָס איר מאַכט, שיקנדיק אייערע קאָמיטעס, זאָלן ניט גענומען ווערן פון סאַניטאַריום־פאָנד. מאָטיוון האָבן מיר דאַן אָנגעגעבן — איר האָט דאָס צוריקגעוויזן.

3) מיר האָבן באַשלאָסן צו קויפן אַ קערידזש פאַר דער סומע פון 40 דאָלער, וועלכע מען דאַרף נויטיק האָבן — איר האָט דאָס צוריקגעוויזן.

4) מיר האָבן באַשלאָסן, דאָס יאָר ווי אַלע יאָר, לויט אַ באַשלוס פון קאָנווענשאָן, צו מאַכן אַ יערלעכן פעסט אין מאָנאַט פעברואַר, די צייט פון גרינדונג פון סאַניטאַריום, אַזוי ווי אַלע שטעט טוען דאָס — איר האָט דאָס צוריקגעוויזן.

5) מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן בשותפות דעם פּיקניק פון דער סעמע־טערי קאָמיטע, וועלכע זיי אַראַנזשירן יערלעך, עס וואָלט זיכער געבראַכט פּראָפיט פאַרן סאַניטאַריום־פאָנד, — איר האָט דאָס צוריקגעוויזן.

6) באַלד ווי איר זייט אינסטאָלירט געוואָרן, האָבן מיר אייך אויפמערק־זאַם געמאַכט, אַז ביז ווינטער מוז געבויט ווערן אַ וואוינונג פאַר אונדזערע אָנגעשטעלטע אין סאַניטאַריום, ווייל ווינטער וועלן זיי ניט האָבן וואו צו שלאָפן. מיר האָבן באַשלאָסן אַזאַ וואוינונג צו בויען. איר האָט געשיקט דריי מאָל קאָמיטעס צו אונטערזוכן, אויב עס איז נויטיק. און טראָץ דעם, וואָס אייערע קאָמיטעס האָבן באַריכטעט, אַז עס איז נויטיק, האָט איר עס אַלץ אָפּגעלייגט, פאַרצויגן, ניט אַכטנדיק אויף דעם וואָס מיר האָבן אייך דער־קלערט, אַז די צייט ווערט קורץ צום בויען, און מען קען זיך אָן דעם ניט באַגיין. און ווינטער קען מען ניט בויען אין ליבערטי. ערשט איצט, ענדע סעפּטעמבער, האָט איר אָנגענומען דעם אַבסורדן באַשלוס, אַז אין פּרינציפּ באַשליסט איר צו בויען, אָבער ניט יעצט, נאָר אין פרילינג. זעט איר דען אַליין ניט ווי לעכערלעך אַזאַ באַשלוס איז? ווייסט איר דען ניט, אַז מען קאָן ניט שלאָפן אויף אַ פּרינציפּ ווינטער, ווען עס איז קאַלט, און מען מוז האָבן אַ הויז?

די און נאָך אַנדערע באַשלוסן, וועלכע וואָלטן פאַרנומען צופיל פּלאַץ זיי אויסצורעכנען, וועלכע אונדזערע פּראַקטאָקאָלן וועלן קענען אָנצייגן, האָט איר צוריקגעוויזן, ניט אָנגעבנדיק זאָגאַר קיינע אורזאַכן.

איר האָט אַלעס צוריקגעוויזן, קיין איינציקן באַשלוס וואָס מיר האָבן געמאַכט האָט איר ניט גוטגעהייסן. איינזעענדיק דאָס אַלעס, און וויסנדיק די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס מיר האָבן צו דעם אַ.־ר. בכלל, און צו די פּאַציענטן בפרט. איינזעענדיק, דאָס מיר קענען גאָר ניט אויפטוען אונטער אַזעלכע אומשטענדן, זיינען מיר געצוואונגען צו רעזיגנירן".

אונטער דער רעזיגנאַציע זײַנען אונטערגעשריבן פינף מיטגלידער פון דער סאַניטאַריום־קאָמיטע: ב. שפּינראָד, ס. וואַלאַס, ל. גינצבערג, א. אָד־לער און מ. גאָלדינג.

די עקזעקוטיוו־קאָמיטע האָט אין נאָוועמבער־נומער „פרײַנד" געגעבן אַ לאַנגן ענטפער און דערקלערונג אויף אַלע פּונקטן וואָס די סאַניטאַריום־קאָמיטע האָט אָנגעגעבן אַלס אורזאַכן פאַר איר רעזיגנאַציע.

דער עיקר אָבער פון זײַער דערקלערונג איז, די אָנווײַזונג, אַז די קאָנסטיטוציע שרײַבט פאָר, אַז די עקזעקוטיווע האָט אַ רעכט אַרויפלייגן אַ „וועטאָ" אויף די באַשלוסן פון די „סטענדינג קאָמיטעס". פאַרשטייט זיך, אַז די סאַניטאַריום־קאָמיטע איז ניט שולדיק געבליבן קיין ענטפער.

ל. גינצבערג, איינער פון די 5 וואָס האָבן אונטערגעשריבן די רעזיג־נאַציע, האָט שפּעטער צוריקגעצויגן זײַן רעזיגנאַציע, און אויפן פּלאַץ פון די אַנדערע פיר רעזיגנירטע מיטגלידער האָט די עקזעקוטיוו צוגעצויגן ס. נודעלמאַן, ב. לעוויטאַן, דזש. דרײַשפּיל און ב. לילענבלום, דער לעצטער האָט שפּעטער רעזיגנירט, ווײַל ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס מענעדזשער אין סאַניטאַריום אויף דעם פּלאַץ פון ס. ראָזענבלוט.

וועגן די צוזאַמענשטויסן פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע מיט דער עקזע־קוטיווע וועט אונדז אויסקומען צו ריידן שפּעטער.

„יונגע און אַלטע" אין אַ.־ר.

פונם ערשטן טאָג פון דער גרינדונג פונם אַרבעטער־רינג, האָבן זיך גלײַך געשאַפן צוויי ריכטונגען, צוויי טענדענצן, וואָס האָבן אָנגענומען שאַרפע חילוקי־דעות; מיינונגס־פאַרשיידנהייטן וואָס האָבן אָפט דערפירט צו מחלוקתן און ניט צוטרויען צו דער פירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע. איין צד איז געווען אַ צענטראַליסטישער, וואָס האָט פאַרלאַנגט, אַז אַלע אַקטיוויטעטן זאָלן קאָנצענטרירט ווערן אינם גענעראַל־אָפיס. אַ צווייטער צד האָט געגלויבט אין דעצענטראַליזאַציע. דער צד האָט געשטרעבט און פאַרלאַנגט, אַז די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, אָדער ברענטשעס, זאָלן האָבן מער אויטאָנאָמיע, מער באַוועגונגס־פרײַהייט, מער זעלבסטשטענדיקייט, און ניט נאָר זײַנען ווי צדדים אַרויסגעטראָטן יחידים, טוער, פאַרוואַלטער פון דעם אַרבעטער־רינג, נאָר עס האָט זיך גלײַכצײַטיק אויך געשאַפן אַ צעטיילונג און חילוקי־דעות צווישן די ערשטע ברענטשעס אין דער אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס האָט געפירט צו מחלוקתן. ספּעציעל באַציט זיך עס צו די ברענטשעס, וואָס האָבן זיך באַטראַכט פאַר די „טאַטעס" פונם אָרדן. די ברענטשעס 1—2—5 זײַנען געווען פאַר צענטראַליזאַציע, אַז אַלץ דאַרף

און מוז געטאָן ווערן דורכן אָפּיס. און די ברענטשעס 3—4—6 זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, די „רעוואָלוציאָנערן" וואָס האָבן געקעמפט פאַר אויטאָנאָמיע און רעכט פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט צו באַשטימען וועגן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן וואוקס און פּראָגרעס פונם אַרבעטער־רינג. אָבער ס'האָט זיך אויסגעאַרבעט אַזוי, אַז די מערסטע פאַרוואַלטער זיינען געווען מיטגלידער פון די ברענטשעס איינס און צוויי. האָט די אָפּאָזיציע געהאַלטן אין איין רופן קאָנפערענצן און פּראָטעסט־מיטינגען קעגן די האַנדלונגען פון די אָפּיציעלע פירער און פאַרוואַלטער פונם גענעראַל־אָפּיס. איין מאָל אַ חודש האָבן די „פּראָגרעסיווע" ברענטשעס — ווי זיי האָבן זיך דאַן גערופן — אָפּגעהאַלטן אַ געמיינשאַפטלעכן מיטינג, און מען האָט קריטיקירט און פּראָטעסטירט קעגן יעדער האַנדלונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, מען האָט אָנגענומען שאַרפע רעזאָלוציעס קעגן דער פאַרוואַלטונג און דעם גענעראַל־אָפּיס. די אָנגענומענע רעזאָלוציעס האָט מען פונאַנדערגעשיקט צו די אַרבעטער־רינג ברענטשעס. די שפּראַך און אויסדרוקן אין די רעזאָלוציעס, זיינען אָפט ניט געווען זייער איידל.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז ברענטש 3 איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע צו דער נאַציאָנאַלער באָאַרד אָוו דירעקטאָרס, פאַר פאַרלוימדונג, און ברענטש 3 איז אָנערקענט געוואָרן שולדיק, און טאַקע באַשטראָפט געוואָרן. דאַן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער ריכטיקער טומל. אָפּטמאָל האָט עס אויסגעזען, אַז עס וועט קומען צו אַ שפּאַלטונג פונם אַרבעטער־רינג, דאַן זיינען אָבער איינגעפירט געוואָרן די „סטייט־קאָמיטעס" איבערן לאַנד, וועמענס אויפגאַבן ס'זיינען געווען אָנצופירן מיט דער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט פאַרן אַרבעטער־רינג און העלפן אָנפירן מיט דער קולטורעלער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע — פאַרשטייט זיך, אונטער דער אויפזיכט פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די ברענטשעס האָבן אויפגעהערט פירן אייגענע פּאָליטיק, און האָבן אַלע עוולות געברענגט צו דער סטייט־קאָמיטע, ספּעציעל איז די ניו־יאָרקער סטייט־קאָמיטע געוואָרן די פרייע פּלאַטפאָרם פון אַלע מיספאַרשטענדנישן מיט דער פאַרוואַלטונג. עס איז ניט מיין אויפגאַבע דאָ צו דערציילן וועגן די פאַרשיידענע מחלוקתן און הייסע דעבאַטן, וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן יעדן חודש ווען די סטייט־קאָמיטע האָט אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען. די באַליידיקונגען, זידלערייען און באַשולדיקונגען וואָס מען האָט דאָרט געמאַכט קעגן די פאַרוואַלטונגען פונם אַ.־ר. זייער אָפט האָט מען זיך ניט באַגנוגנט מיט בלויז וואַרפן שמוץ און באַליידיקן יחידים וועמען מען האָט כמעט ניט געקענט פערזענלעך, נאָר פילמאָל האָט מען אפילו געהויבן הענט קעגן די, וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן די ניט־עטישע און ניט־אָנשטענדיקע האַנדלונגען.



אַב. קאַהאַן

מאיר לאָנדאָן

מ. ווינטשעווסקי

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

א. ש. זאַקס

פיליפ קראַנץ



ה. קרעטשמאַר

אַדאָלף העלד

א. ליעסין

דערמאָנטע פערזאָנען אין דעם אַרטיקל

למען האמת מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז די גרעסטע צאָל פּאַרטרעטער פון די ברענטשעס צו דער סטייט־קאָמיטע זיינען געווען ערלעכע, אינטעלי־גענטע מענטשן, וואָס האָבן ליב געהאַט דעם אַרבעטער־רינג, און האָבן געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דער אָרגאַניזאַציע, אַז דער א.־ר. וועט אַנטוויקלען דעם געשמאַק פון זיינע מיטגלידער פאַר אַ שענערן און בעסערן לעבן. זיי האָבן געהאָפּט, אַז דער א.־ר. וועט אַנטוויקלען אין די אַרבעטער־מאַסן אַ קולטורעלן, סאָציאַלן און מענטשלעכן באַוואוסטזיין. זיי האָבן באמת געגלויבט, אַז דער א.־ר. איז דער „רויטער קרייץ" פון דער מענטשהייט, און זיכער פונם אַרבעטער־קלאַס.

אונדז וועט נאָך אויסקומען צו ריידן וועגן די סטייט־קאָמיטעס, ווען מיר וועלן קומען צום קאַמף פון „יונגע און אַלטע", וועלכער האָט זיך באמת אָנגעהויבן נאָך דער 11טער קאָנווענשאָן. ביז צו דער ראָטשעסטער 11טער קאָנווענשאַן זיינען די מחלוקתן אין דער סטייט־קאָמיטע געווען קעגן דער פאַרוואַלטונג פונם אַרבעטער־רינג. און אָט וואָס א. ש. זאַקס שרייבט אין דער געשיכטע פונם אַרבעטער־רינג ווען ער רעדט וועגן דער ראָטשעסטער קאָנווענשאָן פון 1911, וועגן דעם אָנהייב פונם פּרינציפּיעלן קאַמף צווישן די „יונגע און אַלטע" אין אַרבעטער־רינג:

„...היציקע דעבאַטן ערב, און אויף דער קאָנווענשאָן האָט אַרויסגערופן דער ,פריינד', וואָס איז אינגאַנצן דעמאָלט אַלט געווען 5—6 חדשים.

דער 'פריינד' איז אין אַ געוויסן זין געווען דער מיטלפּונקט פון די דעבאַטן אויף דער קאָנווענשאָן. די פאַרשיידענע טוער פון א.־ר. און די דעלעגאַטן האָבן איינער די אַנדערע געוואָרפן שאַרפע ווערטער, מען האָט זיך 'מכבד' געווען אויף אַ גאַנץ היפּשן שטייגער.

אויף דער קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער איז צום ערשטן מאָל געצויגן געוואָרן אַ שאַרפע ליניע צווישן ,אַלטע' און ,יונגע' אין א.־ר. אויך פריער האָבן די ריכטונגען עקזיסטירט אין א.־ר. זיי זיינען אָבער ניט געווען אַזוי אויסגעשפּראָכן, אַזוי בולט. אין דער מחלוקה וועגן ,פריינד' האָבן זיך די גרענעצן צווישן דיביידע צדדים אָנגעהויבן שטאַרק אַרויסזען. פאַר דער קאָנווענשאָן איז געשטאַנען די פראַגע צי דער ,פריינד' זאָל דערשיינען איינמאָל אין דריי מאָנאַט, אָדער ער זאָל בלייבן אַ מאָנאַטלעכער זשורנאַל.

אַ דריי מאָנאַטלעכער ,פריינד' וואָלט געקאָסט 5 טויזנט דאָלער אַ יאָר, און אַ מאָנאַטלעכער האָט אויסגעמאַכט צו צען טויזנט דאָלער אַ יאָר. איז אָבער די גאַנצע פראַגע געווען וועגן איינשפּאָרן הוצאות?

ניין! אַלזאָ וועגן וואָס האָט מען זיך דאָ געריסן?

דער עדיטאָריאַל אין ,פֿריינד', יוני 1911, זאָגט וועגן דעם פֿאָלגענדעס :

,דאָ האָט זיך געהאַנדלט ניט וועגן ,פֿריינד' ספּעציעל, נאָר וועגן צוויי ריכטונגען אין אַרבעטער־רינג. פֿון איין זייט זאָל האָבן זיך אויסגעדריקט די ריכטונג, אַז די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון אַרבעטער־רינג דאַרף זיין זיינע אינשורנס און בענעפֿיטס, אין דער צייט ווען דער אַנדערער צד האָט פֿאַרטראָטן די מיינונג, אַז די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון אַ.־ר. איז די אידעאַלע זייט. עס איז געווען אַ קאַמף צווישן די ,אַלטע' און ,יונגע'...

די אַלטע ווילן דעם אַרבעטער־רינג אַלס אינשורנס־אָרדן און זיינען קעגן די נייע איינפֿירונגען אין אים, ווי אַ ספּעציעלע עדיוקיישיאָנאַל־קאָמיטע און אַ ספּעציעלן זשורנאַל. בעת די ,יונגע' ווילן זען אין דעם אַ.־ר. פֿיל מער ווי אַן איינפֿאַכן אינשורנס־אָרדן. זיי באַטראַכטן אים הויפּטזעכלעך ווי אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס צאָלט אויך אינשורנס".

גאַנץ ריכטיק, עס האָט זיך דאָ, אויף דער קאָנווענשאַן, לחלוטין ניט געהאַנדלט וועגן דעם געלט, וואָס דער „פֿריינד" דאַרף קאָסטן, נאָר פּשוט וועגן דעם „פֿריינד" גופֿא, אַלס אַן אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־רינג שריפֿט, און וועגן די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אַרום דעם „פֿריינד".

די פֿאַרטיידיקער פֿון „פֿריינד" האָבן געזוכט צו פֿאַרגרעסערן און אויסברייטערן יענע צווייגן פֿון אַ.־ר., וואָס האָבן צו טאָן מיט אויפֿקלערונג און בילדונג, בעת די קעגנער פֿון „פֿריינד" האָבן אין אַזוינע זאַכן געזען אַן אָפּשוואַכונג פֿון די מאַטעריעלע נוצן וואָס דער אַ'־ר. גיט זיינע מיטגלידער.

ניט נאָר אין דער פֿראַגע וועגן „פֿריינד", האָבן זיך ביידע שטרעמונגען שטאַרק געלאָזט פֿילן. דאָס איז אויך געווען דער פֿאַל, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ צענטראַלע עדיוקיישיאָנאַל־קאָמיטע. די „אַלטע" זיינען געווען קעגן אַזאַ קאָמיטע און די „יונגע" זיינען געווען שטאָל און אייזן דערפֿאַר.

אָבער ווי שטאַרק און טומלדיק דער קאַמף פֿון „יונגע און אַלטע" איז געווען, זיינען אָבער קיין פֿעסט־אָנגעצייכנטע גרענעצן פֿון פֿראַקציעס ניט געווען. היינט האָבן אַ צאָל כלומרשט „אַלטע" געהאַלטן און געשטימט מיט די „יונגע" און מאָרגן האָבן עטלעכע „יונגע" געשטיצט די פֿאָרשלאַגן פֿון די „אַלטע". ספּעציעל זיינען דאַן קיין אָרגאַניזירטע קלובן, אָדער גרופּן־אָרגאַניזאַציעס ניט געווען. אמת, די „יונגע", זיינען געווען אין אַ בעסערער פּאָזיציע אָדער לאַגע, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ פֿרייע פּלאַטפֿאָרם פֿאַר זייער

אַגיטאַציע אין דער סטייט־קאָמיטע. למען האמת, דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז די מערסטע פירער פון די „אַלטע" האָבן באַיקאָטירט די סטייט־קאָמיטע און זיינען דאָרט ניט געקומען, און דאָרט ניט געווען אַקטיוו. דאָך זיינען אין דער סטייט־קאָמיטע געווען פאַרטראָטן אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די „אַלטע" און די „יונגע" האָבן אָפט געהאַט אַ שווערן „דזשאָב" דורכצופירן זייערע רעזאָלוציעס.

די געשיכטע פון אַ.־ר. געשריבן פון א. ש. זאַקס, זאָגט, אויף זייט 578, פאָלגענדעס וועגן דער אָנגעהעריקייט פון „יונגע און אַלטע":

„...די אַריבערגעקומענע אינטעליגענץ האָט מער סימפּאַטיזירט מיט די ,יונגע', צווישן די אַריבערגעקומענע אינטעליגענץ און די ,יונגע' האָט געהערשט אַ קרובהשאַפט, אַ מין שווייגנדער גייסטיקער אָפּמאַך זיך קעגנזייטיק צו אונטערשטיצן אין פאַרשיידענע קאַמפן. די ,יונגע' זיינען תמיד געווען מיט דער אָפּאָזיציע אין דער באַוועגונג און האָבן געבילדעט דעם רעוואָלוציאָנערן טייל אין אַרבעטער־רינג. די ,יונגע' זיינען ניט באַשטאַנען דוקא פון יונגע מענטשן פונקט ווי צווישן די ,אַלטע' האָבן ניט אַלע געמוזט האָבן גרויע קעפּ. צווישן די פירער פון די ,יונגע' איז געווען דער אַלט־יונגער מנקר, ה. בלאָק, ראַפּאַלאָווסקי, לעוויטאַן, ראָבערטס, אַבראַמס, אָשינסקי, ב. וואולף, א. בלאָק, שטיינבערג, סעמועלסאָן, דובאָווסקי (באַלטימאָר), און אַנדערע.

די טאָן־געבער פון די ,אַלטע' זיינען געווען אב. עפּשטיין, י. וויינבערג, ש. בולגאַטש, ס. וואָלאָס, ב. שפּינראָד, ס. סאַוויצקי, ל. בענעסאָן (פון שיקאַגאָ), ל. ארקין (פון פּיטסבורג) און אַנדערע. אין דעם קאַמף פון די סטייט־קאָמיטעס פאַר זעלבסטשטענדיקייט זיינען די ,יונגע' בכלל געווען די אָנפירער פון קאַמף, הגם אַ סך חסידים פון די סטייט־קאָמיטעס האָבן זיך איבערגעפּעקלט אינם לאַגער פון די ,אַלטע'. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ צענטראַליזירטער עדיוקיישאָן, זיינען די ,יונגע' געווען פאַר אַ גרעסערן בודזשעט און פאַר אַריינציען וואָס מער אינטעליגענטע כוחות, וועלכע זאָלן העלפן דעם אַרבעטער־רינג דערגרייכן זיינע העכסטע אידעאַלן. פון ,פריינד' האָבן זיי געוואָלט מאַכן אַ גרויסע וואָכנבלאַט וואָס זאָל זיך ניט אָפּגעבן בלויז מיט אַ.־ר.־ענינים נאָר וואָס זאָל איבערהויפּט האָבן די אויפגאַבע צו פאַרטיפן דעם געדאַנק, און צו פאַרפיינערן דעם געשמאַק פון די מיטגלידער".

פון דעם אַלעמען וואָס מיר האָבן ביז איצט געשריבן, קען מען אייגנטלעך קומען צום שלוס, און מיט רעכט, אַז דער קאַמף פון „יונגע" און

„אַלטע" אינם אַרבעטער־רינג, איז געווען בלויז אַן אידעאַלער, אַ פּרינציפּיעלער, אַז ביידע צדדים האָבן נאָר געהאַט אין זינען די אינטערעסן פון דער אַ.־ר. מיטגלידערשאַפט; אַז די „אָלד גאַרד", ווי מען האָט זיי דאַן גערופן, האָבן געוואָלט זען דעם אַ.־ר. אַלס אַ שטאַרקן פּראַטווירנאַל־אָרדן, וואָס זאָל באַזאָרגן זיינע מיטגלידער מיט קראַנקן בענעפיט, טויטן־בענעפיט, און אַנדערע בענעפיטן, וואָס זאָלן זיין בעסער פון די בענעפיטן וואָס זיינען דאַן פּראַקטיצירט געוואָרן פון אַנדערע אָרדנס אויף דער יידישער גאַס. און אַז די „יונגע" פון דער צווייטער זייט האָבן געוואָלט זען אינם אַ.־ר. אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס די בענעפיטן זאָלן זיין בלויז אַ נעבן זאַך, אַז דער עיקר זאָל דער אַ.־ר. זיך אָפּגעבן מיט קולטורעלער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג; זיך פאַראינטערעסירן אין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אין יענע יאָרן געווען ווייניק בעקאַנט דעם גרויסן יידישן עולם.

אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, זיינען צווישן די טויזנטער יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין אַמעריקע, געווען אַ גרויסע צאָל אינטעליגענטע יונגעלייט און מיידלעך, אַ סך סאָציאַליסטן, בונדיסטן, פּועלי־ציון און בכלל משכילים. עס זיינען אָבער אויך געווען אַ היפּשע צאָל אימיגראַנטן, וואָס זיינען געווען ווייניק באַוואוסטזיניק, ווייניק געלערנט, און די „יונגע" האָבן געוואָלט דורך דעם אַרבעטער־רינג בילדן, דערציען, און לערנען די „גרינע"; בעת די „אַלטע" האָבן געהאַלטן, אַז „אויסגרינען" און אויסמענטשלען די גרינע איז די פליכט און אויפגאַבע פון דער רעגירונג, און אירע אינסטיטוציעס, און ניט פון אַ פראַטערנאַלן אָדער בענעפיט־אָרדן.

מיר וועלן אָבער שפּעטער זען, אַז אפשר איז דער אָנהייב פונם קאַמף צווישן די „יונגע און אַלטע" טאַקע געווען אַ פּרינציפּיעלער, אַן אידעאַליסטישער. ליידער איז אָבער דער שטרייט ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַמף פאַר פּערזענלעכער מאַכט; אַ קאַמף פאַר דער פירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע. עס האָט זיך אויך מיט דער צייט אַנטוויקלט אַ באַהאַלטענער קאַמף, קעגן דעם „פאָרווערטס", וועלכער איז שוין דאַן געווען דערפאָלגרייך פינאַנציעל און מאָראַליש, און האָט שוין דאַן געהאַט אַ געוואַלדיקן איינפלוס אויף די יידישע מאַסן.

אינם קאַמף פון די „יונגע און אַלטע", איז דער „פאָרווערטס" אַלע־מאָל געשטאַנען מיטן אַלטן צד, און אַזוי ווי די מערסטע פירער פון די „אַלטע" זיינען געווען אָנגעשטעלטע פונם „פאָרווערטס", האָט דאָס גורם געווען, אַז דער קאַמף זאָל ווערן שאַרפער און ביטערער.

וועגן דעם וואָס עס זיינען געווען די גרונט־מאָטיוון פונם יונגן־קאַמף

קעגן „פאָרווערטס״, און פאַרוואָס אַ היפשע צאָל אינטעליגענטן און יידישע שרייבער האָבן גענומען ווערן אַקטיוו אינם דאָזיקן קאַמף, וועלן מיר געוואָר ווערן שפּעטער.

די ניו־יאָרקער סטייט־קאָמיטע פון אַ.־ר.

הגם אָפיציעל און קאָנסטיטוציאָנעל זיינען די סטייט־קאָמיטעס געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט און קאָנטראָל פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע פונם אַ.־ר., האָט זיך אָבער מיט דער צייט געשאַפן אַ לאַגע, אַז די ניו־יאָרקער סטייט־קאָמיטע, איז געוואָרן די אָפיציעלע אָפּאָזיציע קעגן די פאַרוואַלטנדע קאָמיטעען פונם נאַציאָנאַלן אָפיס. דערפאַר האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, נאָך דער ראָטשעסטער קאָנווענשאָן אין 1911, זיך פאַרנומען אָפּצוטויטן די סטייט־קאָמיטעס.

די קאָנסטיטוציאָנס־קאָמיטע האָט דאַן רעקאָמענדירט, אַז ס׳זאָלן געשאַפן ווערן ספּעציעלע סיטי און דיסטריקט אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעטן, וואָס זאָלן אונטער דעם אויפזיכט פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע אָנפירן מיט דער אָרגאַניזאַציאָנס אַרבעט איבערן לאַנד. וויסנדיק אָבער, אַז די סטייט־קאָמיטעס איבערן לאַנד זיינען זייער פּאָפּולער צווישן דער מיטגלידערשאַפט, האָט די עקזעקוטיוו־קאָמיטע פאָרגעשלאָגן, אַז די סטייט־קאָמיטעס זאָלן אָנפירן מיט דער קולטורעלער אַרבעט פונם אַ.־ר., און אַז די סטייט־קאָמיטעס האָבן אויך די פליכט צו העלפן טון די אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט אין זייערע סטייטס.

די עקזעקוטיווע האָט דעם פּראָיעקט פון דער קאָנסטיטוציאָנס־קאָמיטע אַרויסגעשיקט אין אַ ספּעציעלן רעפערענדום צו די בראַנטשעס פאַר אַן אָפּשטימונג. און אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם א. ש. זאַקס, אויף זייט 465, פון די „געשיכטע פונם אַרבעטער־רינג״:

„...די ניו־יאָרק סטייט־קאָמיטע זיגט איבער דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע:

צווישן די אָנהענגער פון דער סטייט־קאָמיטע זיינען געווען ׳יונגע׳, אָדער אַלט יונגע פּייערדיקע טוער. מנקר, ראַפּאַלאָווסקי, ב. וואולף, פיינערמאַן, אַשפּיז, ב. לעוויטאַן, י. ראָבערטס, פיינמאַן, אייבראַמס און אַנדערע. זיי זיינען געווען די הויפּט־אָנפירער פון קאַמף פאַר די סטייט־קאָמיטעס. אַ סך פון די דעמאָלטיקע ׳רעוואָלוציאָנערן׳ זיינען שפּעטער געוואָרן די טאָן־געבער אין דער נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג פון אַ.־ר.״.

זיי זיינען הייסט עס אַליין געוואָרן די רעגירונג, וועלכע זיי האָבן פריער אַזוי ביטער באַקעמפט. אין יענער צייט פון וועלכער מיר רעדן איצט, איז אָט די „יונגע״ ענערגישע חברה געווען אין דער אָפּאָזיציע, און מען מוז צוגעבן, אַז זי האָט איר אָפּאָזיציע געפירט זייער סטראַטעגיש און צום פונקט.

זי האָט ניט פאַרנאַכלעסיקט קיין איין איינציקע געלעגנהייט אויסצו־נוצן פאַר דער אָפּאָזיציע. יעדער פעלער פון דער „רעגירנדער פאַרטיי״ איז אויסגענוצט געוואָרן פון די „רעוואָלוציאָנערן״ אויפן בעסטן אופן. מענטשן מיט פעאיקייטן, מוט און כוח צו אַרבעטן, צווישן זיי גוטע פייער־דיקע רעדנער און גאַנץ נישטקשהדיקע דעבאַטאַנטן, סיי דורך וואָרט און סיי דורך שריפט, — האָבן זיי פאַרשטייט זיך געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די מיטגלידער.

צו זייערע צירקולאַרן האָט מען זיך צוגעהערט און מען האָט געפאָלגט זייערע עצות. אַזוי האָט אויך געווירקט זייער צירקולאַר פון 8.23.1911, צו שטימען קעגן דעם פונקט פון אַ ספּעציעלן רעפערענדום, צו האָבן אַ באַ־שטענדיקע אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע פון 5, וועלכע זאָל זיך אָפּגעבן מיט אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט.

דער פונקט איז דורכגעפאַלן ביי אַ רעפערענדום מיט אַ גרויסער מערהייט, און די סטייט־קאָמיטעס זיינען ווייטער געבליבן ביים אָנפירן די אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט פאַרן אַ.־ר. דאָס האָט ווייטער געגעבן די אָנפירער פון דער סטייט־קאָמיטע אַ געלעגנהייט צו קומען אין אָפטן קאָנטאַקט מיט די ברענטשעס פונם אַ.־ר. אַגב, אַז מען רעדט וועגן דער דאַמאָלסדיקער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט אינם אַרבעטער־רינג, איז ווערט אָנצודייטן, אַז די מערסטע אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע, איז געווען זיך ספּראַווען מיט די אַפּליקאַציעס פון אַ סך לאַנדסמאַנשאַפטן און פאַרשיידענע גרופּן וואָס האָבן געקלאַפּט אין די טירן און זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי אַריינ־נעמען אינם אַ.־ר. דער סטייט־קאָמיטע־סעקרעטאַר פלעגט שיקן אַ פאַר־טרעטער צו די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס אויסצוגעפינען צי זיי זיינען פּאַסנד אַלס מיטגלידער אינם אַ.־ר. צי געפינען זיך ניט צווישן זייערע קאַנדידאַטן און מיטגלידער „סקעבס״ אָדער ניט־כשרע געשעפטס־לייט.

אָבער אינם יאָר 1912 און אָנפאַנג 1913 האָט דער פייערדיקער שטערן פון דער סטייט־קאָמיטע זיך גענומען טונקלען. די גרויסע מיטגלידערשאַפט איז מיד געוואָרן פון די טאָג־טעגלעכע קאַמפן און קריגערייען מיט דער פאַרוואַלטונג פונם אַ.־ר. און ביי דער קאָנווענשאַן פון 1912 איז דער נאַציאָ־נאַלער עקזעקוטיווע געלונגען צוצונעמען די אויפזיכט פון דער סטייט־קאָ־מיטע איבער דער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט. עס זיינען געשאַפן געוואָרן סיטי־און דיסטריקט־קאָמיטעס איבערן לאַנד, וואָס האָבן אונטער דער דירעקטער

אויפזיכט פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע געדאַרפט אָנפירן די אָרגאַני־זאַציאָנס־אַרבעט.

עס האָבן זיך דאַן אַנטוויקלט אינערלעכע מחלוקותן און ניט צופרידנ־קייטן, צווישן דעם אַקטיוו פון דער סטייט־קאָמיטע וועגן די מעטאָדן, וואָס געוויסע פירער פון דער סטייט־קאָמיטע ווענדן אָן אין זייער קאַמף קעגן דער פאַרוואַלטונג. אַ צאָל אקטיווע איינפלוסרייכע טוער פון דער „יונגער" באַוועגונג זיינען איבערגעגאַנגען צו דער „אָלד גאַרד". און אינם אָנפאַנג פונם יאָר 1913, האָט עס אויסגעזעען, אַז די סטייט־קאָמיטע האַלט זיך ביים פונאַנדערפאַלן.

האָט אָבער נאָך דער 1913־קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע פּאַסירט די „וויינטרויב־אַפערע", וואָס האָט געגעבן אַן איינשפּריץ דער ניו־יאָרק סטייט־קאָמיטע, און ניט נאָר איז זי צוריקגעקומען צום לעבן, נאָר זי האָט ערשט אויפסניי אויפגעלעבט און אַקטיוויזירט. די „יונגע און אַלטע" סדרה פון קאַמף האָט זיך ערשט צעפלאַקערט מיט נייעם ברען און אימפּעט.

אָבער איידער מיר ריידן וועגן דער „וויינטרויב־אַפערע", וואָס איז געקומען ווי אַ שטאַרקער רעגן־שטורם אין אַ קלאָרן זוניקן טאָג, ווילן מיר זיך פאַר אַ ווייל אָפּשטעלן וועגן די מעטאָדן וואָס געוויסע „יונגע" פירער האָבן באַנוצט אין זייער קאַמף קעגן די „אַלטע", און אויך קעגן דער אַ.־ר. פאַרוואַלטונג. דאָס וואָס מיר דערציילן דאָ, איז פון אייגענער דערפאַרונג און אָנוועזנהייט.

די קאָנעטיקוט סטייט־קאָמיטע האָט פאַררופן אַ גרויסן מאַסן־מיטינג פאַר אַ זונטיק נאָכמיטיק אין ניו־הייווען, און זי האָט גערופן אַלע אַ.־ר.־מיט־גלידער פונם סטייט זיך צו באַטייליקן אינם מיטינג. די פראַגע וואָס מען האָט אויפגענומען ביים מיטינג איז געווען, דער באַשלוס, אָדער רעקאָמענ־דאַציע, פון דער נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע אָפּצושאַפן די סטייט־קאָמיטעס, און אויף זייער פּלאַץ גרינדן „סיטי־און דיסטריקט־קאָמיטעען", אָנצופירן מיט קולטור און אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט. די קאָנעטיקוט סטייט־קאָמיטע, האָט אויך איינגעלאַדן די ניו־יאָרקער סטייט־קאָמיטע, זי זאָל אויך זיין אָנוועזנד ביים מיטינג.

די ניו־יאָרקער סטייט־קאָמיטע האָט געשיקט איינעם פון אירע וויכטיקע פירער און אויך דעם שרייבער פון די שורות צו זיין אָנוועזנד ביים מיטינג. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין ניו־הייווען צום מיטינג, האָבן מיר געטראָפן אַ געפּאַקטן זאַל פון עטלעכע הונדערט אַרבעטער־רינג מיטגלידער. מען האָט אונדז אַרויסגערופן אויף דער פּלאַטפאָרם און מיר האָבן אַדרעסירט די פאַרזאַמלונג. מיר האָבן פאַרשטייט זיך געגעבן דעם שטאַנדפּונקט פון דער ניו־יאָרקער סטייט־קאָמיטע, ניט זשאַלעווענדיק קיין קריטיק אויף דער פאַרוואַלטונג. די פראַגע איז זאַכלעך און רואיק דיסקוטירט געוואָרן פון די

אַנוועזנדיקע. די מערהייט רעדנער זיינען געווען קעגן דער רעקאָמאַנדאַציע פון דער עקזעקוטיווע. מיין חבר פון ניו־יאָרק איז געזעסן און געשמייכלט פון צופרידנקייט.

אָבער שוין כמעט ביים ענדע פון דער רעדנער־ליסטע, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ ייד, אַ דענטיסט, אַ שיינער אינטעליגענטער רעדנער און האָט גענומען אַנאַליזירן די פראַגע זייער שכלדיק און פראַקטיש. ער האָט מיט פאַקטן און דערפאַרונג פון דער פאַרגאַנגענהייט געוויזן, אַז ספּעציעלע סיטי־און דיסטריקט־קאָמיטעען וואָלטן געווען אַ סך פּראַקטישער און ווירקזאַמער. זיין אַרט רעדן און אַרגומענטירן האָבן גענומען ווירקן אויפן עולם, און מען האָט פון דער פּלאַטפאָרם געקענט פילן, אַז די שטימונג ענדערט זיך. און ווען מען זאָל איצט די פראַגע נעמען צו אַן אָפּשטימונג, וועט די רעקאָמענדאַציע פון דער עקזעקוטיווע אָנגענומען ווערן. דאָ, פּלוצעם, שטעלט זיך מיין ניו־יאָרקער חבר אויף, און שפּאַצירט שנעל צו דעם פראָנט פון דער פּלאַטפאָרם, און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, טייטלענדיק מיט אַ פינגער, צום רעדנער, גיט ער מיט אַלע כוחות אַ געשריי: רב ייד! איר רעדט אויך? בעסער שווייגט, איר ווילט דאָך ניט, אַז איך זאָל דאָ דערציילן וועגן אייערע מעשים־טובים.

דער ייד איז געוואָרן אַ צעטומלטער, און עפּעס ווי אַ פאַרלוירענער.... גיט ער אַ זאָג, טפו זאָלט איר ווערן... און כאַפּט זיין הוט און לויפט אַרויס פונם זאַל.

דער עולם מורמלט צווישן זיך נערוועאיש. ס׳זעט אויס, אַז זיי קענען זיך ניט פונאַנדערקלייבן וואָס דאָ האָט פּאַסירט. דער פאַרזיצער גיט אַ קלאַפּ מיטן האַמער און נעמט די פראַגע צום שטימען, די סטייט־קאָמיטעניקעס געווינען מיט אַ גרויסער מערהייט. אויפן וועג צו דער קאַפעטעריע, וואו מיר זיינען געגאַנגען נאָכן מיטינג, פרעג איך אין דער שטיל מיין ניו־יאָרקער פריינט, זאָג מיר, חבר, וואָס ווייסטו וועגן דעם דאָקטער? וואָס איז זיין פאַרברעכן? מיין פריינט צעלאַכט זיך און זאָגט מיר, זייט ניט קיין יאָלד, איך האָב דעם מאַן קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען. איך ווייס וועגן אים אַזויפיל וויפל איר ווייסט. איך האָב געזען, אַז ער מאַכט אַן איינדרוק, און איך האָב מורא געהאַט אַז מיר וועלן פאַרלירן אויב איך לאָז אים ווייטער רעדן, האָב איך געמוזט אים „דערהרגענען״. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס איז ניט עטיש, ניט ערלעך, און זיכער ניט אַנשטענדיק, האָט מיר מיין חבר געענטפערט מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע. — אַבי מיר האָבן געוואונען...

אַ צווייטן פאַל ווילן מיר דאָ פאַרצייכענען.

דאָס איז געווען ביי אַ גרויסער קאָנפערענץ וואָס די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט גערופן וועגן דער רעזיגנאַציע פון 5 מיטגלידער פון דער

סאַניטאַריום־קאָמיטע, און הגם די רעזיגנירטע מיטגלידער פון דער סאַני־טאַריום־קאָמיטע זיינען געווען „אַלד־גאַרדניקעס" האָבן אָבער די פירער פון דער סטייט־קאָמיטע געהאַלטן מיט די רעזיגנירטע, ווייל דאָס איז געווען אַן אַקציע קעגן דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע.

די קאָנפערענץ איז געווען אַ טומלדיקע, דער סענטימענט פון עולם איז געווען פאַר דער האַנדלונג פון דער עקזעקוטיווע און קעגן די רעזיגנירטע. פריינט קרעטשמאַר, דער וויס־טשערמאַן פון דער עקזעקוטיווע, האָט געקראָגן דאָס לעצטע וואָרט צו דערקלערן דעם שטאַנדפונקט פון דער עקזעקוטיווע. ס'האָט זיכער אויסגעזען, אַז דער עולם וועט גוטהייסן די האַנדלונג פון דער עקזעקוטיווע, אָבער אַזוי שנעל ווי קרעטשמאַר האָט גענומען ריידן האָט זיך באַוויזן דער דזשעניטאָר פונם האַל, און האָט עפּעס איינגערוימט קרעטשמאַרן אַ סוד. קרעטשמאַר איז בלאַס געוואָרן, און האָט זיך אַנט־שולדיקט, אַז עפּעס האָט פּאַסירט אין זיין היים, און ער מוז גלייך אַהיימ־גיין. ער איז אַוועק און עס האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן אַ טומל, דער סוף איז געווען, אַז דער מיטינג איז אָפּגעבראָכן געוואָרן אָן אָנצונעמען אַ באַשלוס.

אַרויסגייענדיק פונם מיטינג האָט מיר אַן אַקטיווער טוער פון דער סטייט־קאָמיטע איינגערוימט אַ סוד, אַז דאָס איז געווען זיין מלאכה. ער האָט דאָס געגעבן אַ „טיפּ" דעם דזשעניטאָר, אַז ער זאָל דעם וויס־טשער־מאַן פון דער עקזעקוטיווע אַרויסרופן און אים זאָגן, אַז עפּעס שרעקלעכעס האָט פּאַסירט.

יאָ, אַזעלכע „סקיעמס" און „טריקס" זיינען ניט געווען קיין זעלטנהייט אינם קאַמף פון „יונג און אַלט" און אויך קעגן דער פּאַרוואַלטונג.

די פילאַדעלפיער 13טע קאָנווענשאָן

מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל באַמערקט, אַז די סטייט־קאָמיטע אין ניו־יאָרק האָט אין יאָר 1912 פאַרלוירן פיל פון איר גלאַנץ. ערשטנס דערפאַר, וואָס עטלעכע אָנגעזעענע פירער פון דער סטייט־קאָמיטע, ווי פיינערמאַן, אַשפּיז און נאָך עטלעכע „יונגע" אָנהענגער זיינען אַוועק צום אַזוי צו זאָגן „אַלטן" לאַגער. איבערהויפּט אָבער, איז דער איינפלוס פון דער סטייט־קאָמיטע אָפּגעשוואַכט געוואָרן דערפאַר, וואָס די אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די סיטי־און דיסטריקט־קאָמיטעען און די סטייט־קאָמיטע איז געבליבן אָן אַ „קנעלונג". אויך איז דאָס יאָר 1912 געווען זייער אַ פּרוכבאַרער אינם אַ.־ר. אויף אַלע געביטן. די מיטגלידער־שאַפט איז היפּשלעך פאַרגרעסערט געוואָרן.

די אַקטיוויטעטן אין די ברענטשעס האָבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט, אַלע ברענטשעס האָבן אָנגעפירט מיט לעקציעס, דיסקוסיעס. געבויט לייבאָר־לייסעאומס, געשאַפן זונטיק שולן, ביבליאָטעקן און בכלל אָנגעפירט מיט אינטערעסאַנטע פאַרזאַמלונגען. די ברענטשעס זיינען אויך געווען אַקטיוו אין שאַפן לאָון־פאָנדס. געשאַפן שטיצע און הילף צו נויטליידנדע, קראַנקע און נידערגעשלאָגענע מיטגלידער.

די ברענטשעס האָבן מיט אָפענע הענט און מיט ברייט האַרציקייט געשטיצט אַלע סטרייקן, און ספּעציעל געשטיצט זייערע אייגענע סטרייקנדע מיטגלידער. די ברענטשעס האָבן אויך ניט געזשאַלעוועט קיין שטיצע פאַר פּאַרטיי־אויפרופן און פּאָליטישע אַקטיוויטעטן.

מיט איין וואָרט, דער אַרבעטער־רינג האָט זיך קריסטאַליזירט און אָנגענומען די פאָרמע פון אַן אמתער אַרבעטער־און מאַסן־אָרגאַניזאַציע, און ס'איז געווען צו דערוואַרטן, אַז די 13טע קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע וועט זיין אַ יום־טובדיקע, אַ פייערלעכע. דערצו נאָך איז די 13 קאָנווענשאָן געווען אַ „גרויסע״ קאָנווענשאַן מיט גענויע זעקס הונדערט דעלעגאַטן, פאַרטראָטן פון כמעט אַלע ברענטשעס איבער גאַנץ אַמעריקע און קאַנאַדע.

טראָץ דעם וואָס די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט צו דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן צוגעגרייט אַ שיינעם און דערמוטיקנדיקן באַריכט, האָט מען פון דער עקזעקוטיווע געריסן פּאַסן. די קאָנטראָל־קאָמיטע און די אַנדערע סטענדינג קאָמיטעס האָבן אַלע געהאַט טענות צו דער עקזעקוטיווע, און אַלע האָבן געזיגט איבער דער עקזעקוטיווע.

די „יונגע״ האָבן ווידער אויפגעהויבן הויך די קעפּ און אַרונטערגעריסן יעדן טאָט און אַקציע פון דער עקזעקוטיווע. די קאָנטרי דעלעגאַטן, וואָס האָבן אַלעמאָל געהאַט אַ „האַרץ״ אויף דער פאַרוואַלטונג, אַז זי טוט ניט גענוג פאַר דער פּראָווינץ, האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט דער עקזעקוטיוו און האָבן אין אַלע פראַגן געשטימט מיט דער אָפּאָזיציע.

אויך האָט די אינטעליגענץ, וואָס איז געווען היפּשלעך פאַרטראָטן ביי דער קאָנווענשאַן, שטאַרק געהאָלפן די „יונגע״ אין זייער קאַמף קעגן דער עקזעקוטיווע.

פאַרשטייט זיך, אַז דער גרעסטער טייל פון דער קאָנווענשאַן האָט זיך מער צוגעהערט צו דער אינטעליגענץ, ווי צו די „אַלטע״ פּראַקטישע טוער פונם אַלטן חדר.

נאָך מיין מיינונג, איז די הויפּט־שולד געווען דאָס, וואָס גראָד יענעם יאָר איז די עקזעקוטיווע באַשטאַנען פון זייער שוואַכע רעדנער און דיסקוטאַנטן. די עקזעקוטיוו קאָמיטע איז יענעם יאָר באַשטאַנען פון מאיר דאַווידאָוו, פּאָרזיצער; ה. קרעטשמאַר, וויצע־פּאָרזיצער; א. פענזינער, קאַסירער;

ר. קורהאַן, דזש. מילער, א. בלאָק ל. דינערשטיין, דזש. באַקסט און מ. מאַליקין. הגם אַלע זייער גוטע אַ.־ר.־טוער, האָבן זיי זיך אָבער ניט געקענט ספּראַווען מיט אַזעלכע רעדנער און באַריכט־אָפּגעבער ווי ד״ר זשיטלאָווסקי, וו. עדלין, אשפּיז, בולגאַטש, א. עפּשטיין, י. וויינבערג, א. ראַפּאַלאָווסקי, דזש. דריישפּיל, וואָס האָבן באַריכטעט פאַר די פאַרשיידענע סטענדינג קאָמיטעס. מיין מיינונג איז אויך, אַז די הויפּט־סיבה פאַרוואָס די עקזעקוטיווע האָט אין פילאַדעלפיע פאַרלוירן אויף אַלע פראָנטן, איז געווען דאָס וואָס י. וויינטרויב, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונם אַ.־ר., וואָס איז איבער 7 יאָר צייט געווען דער אמתער פאַרטיידיקער און קעמפער פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע ביי יעדער קאָנווענשאָן, האָט זיך די גאַנצע צייט פון דער קאָנווענשאָן כמעט ניט געוויזן אויף דער פּלאַטפאָרם. מען האָט כלומרשט געזאָגט, אַז ער איז ניט ביים בעסטן געזונט. אָבער וועגן דעם טרויעריקן פאַל וויינטרויב — שפּעטער.

אויף דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאַן פון 1913 האָט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע, אָדער טומל, מיט דעם, וואָס אין זיין באַריכט פאַר דער עדיוקעישאָנעל־קאָמיטע, האָט ער רעקאָמענדירנדיק, אַז מען זאָל גרינדן יידישע שולן פאַר קינדער, אויך רעקאָמענדירט, אַז מען זאָל גרינדן ספּעציעלע שולן פאַר דערוואַקסענע מיטגלידער פונם אַ.־ר. און זיי לערנען לייענען און שרייבן יידיש. זיין הויפּט־אַרגומענט איז געווען, אַז ער ווייס פון זיכערע קוועלן, אַז 40 פּראָצענט פון די אַ.־ר.־מיטגלידער זיינען „אַנאַלפאַבעטן״ וואָס קענען אפילו קיין יידיש ניט שרייבן.

ד״ר זשיטלאָווסקיס באַהויפּטונג האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג צווישן די פירער און טוער פונם אַ.־ר. זיי האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ געוואַלדיקע באַליידיקונג און פאַלשע באַהויפּטונג.

די פיינטלעכע פּרעסע און בכלל פיינטלעכע עלעמענטן פונם אַ.־ר., האָבן ד״ר זשיטלאָווסקיס באַהויפּטונג צעטראָגן אויף טעלערלעך. די פיינטלעכע פּרעסע האָט עס דעמאַגאָגיש אויסגענוצט קעגן דעם אַ.־ר. פון איין זייט, און קעגן ד״ר זשיטלאָווסקי פון דער צווייטער זייט. מען האָט גענומען מאַכן „דערקלערונגען״ און קעגן־דערקלערונגען. עס איז געגאַנגען אַזוי וויית, אַז מען האָט שוין גערעדט וועגן אַ נייעם „שטורם״ אין אַ.־ר.

די מערסטע „יונגע״ האָבן זיך געשטעלט אויפן צד פון ד״ר זשיטלאָווסקי און מען האָט זיך „אָנגעגורט די לענדן״ פאַר אַ נייער מלחמה, און די „יונג־אַלט״ גוואַרדיעס האָבן זיך געהאַלטן אין גרייטן צו דער שלאַכט.

אָבער דאָ האָט געפּלאַצט אַ „באָמבע״, די „וויינטרויב־אַפערע״, וואָס האָט אַלץ אָפּגערוקט אין הינטער־גרונט.

די ווײנטרויב־אַפּערע

אַ וואָך נאָך דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאַן האָט דער „פאָרווערטס" פאַרעפנטלעכט אויף אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ די פאָלגנדע דערקלערונג:

„... צו אַלע ברענטשעס פונם אַרבעטער־רינג: — ווערטע פריינט! ביים דזשוינט מיטינג פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטעס פונם אַרבעטער־רינג, אָפּגעהאַלטן דעם 21טן מאַי 1913, איז באַשלאָסן געוואָרן צו סוספּענדירן י. ווײנטרויבן אַלס סעקרעטאַר פונם אַ.־ר.

די סוספּענדירונג איז באַשלאָסן געוואָרן נאָכדעם ווי קלאָגן זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן קעגן ווײנטרויבן אין מיסמענעדזשמענט און געלט־אַנגעלעגנהייטן. דער אַקאַונטענט פון אַ.־ר. אונטערזוכט איצט די ביכער און די דאָקומענטן אין אָפּיס. די דזשענעראַל עקזעקוטיווע און קאָנטראָל־קאָמיטעס קאָנען נאָך דערווייל ניט אָנגעבן קיינע איינצלהייטן.

אויף ווי ווייט עס איז ביז יעצט באַוואוסט איז די מיסברויכטע סומע פון 4 ביז 5 טויזנט דאָלער. י. ווײנטרויב שטייט אונטער באָנדס, און דער אַ.־ר. וועט דערפון ניט ליידן".

עס איז פּשוט פאַר אַלעמען געווען אומגלויבלעך, עס זאָל אַזאַ זאַך פּאַסירן אינם אַ.־ר. און נאָך מער מיט י. ווײנטרויב, וואָס איז פאַר 7—8 יאָר געווען דער רוקן־ביין פון דער אָרגאַניזאַציע. עס איז אָבער געווען אַ פאַקט, און דער פאַקט האָט געשטאָכן די אויגן. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גוואַלדיקער שטורם.

מיר ווילן דאָ געבן אַן אויסצוג פון דער געשיכטע פונם אַ.־ר. פון אַ. ש. זאַקס וועגן ווײנטרויבס ראָלע אינם אַרבעטער־רינג:

„... ווײנטרויבס ראָלע אין אַרבעטער־רינג איז אַ גרויסע און וויכטיקע, אַכט יאָר נאָכאַנאַנד איז ער געווען די צענטראַלע פיגור אין אונזער אָרגאַניזאַציע. אין אים, ווי אין אַ קנויל, האָבן זיך צו־נויפגעבונדן אַלע פעדים פון דעם פאַרצווייגטן בוים.

אין זיין צייט איז דער אַ.־ר. געוואָרן גרויס, שטאַרק און מעכ־טיק. ער האָט זיך מערקווירדיק שיין פונאַנדערגעוואַקסן, ער האָט זיך ברייט־ברייט פאַרצווייגט.

דער טרויעריקער אינצידענט צוליב וועלכן ווײנטרויב האָט פאַרלאָזן דעם אַרבעטער־רינג, אָדער בעסער, דער אַ.־ר. האָט אים פאַרלאָזן און איבערגעהאַקט זיין קאַריערע אין דער באַוועגונג, איז געקומען ווי אַ וואָלקן אין אַ זוניקן טאָג, אומדערוואַרטעט.

עס האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן שווערן איינדרוק אויף זיינע פריינט, וועלכע האָבן אים אין זיין אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט שטענדיק געשטיצט. און נאָך אַ שווערערן איינדרוק אויף זיינע קעגנער, וועלכע פלעגן אים שטאַרק קריטיקירן.

קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז מיט וויינטרויבן קען פּאַסירן דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט".

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז יחיאל וויינטרויב האָט אין די 8 יאָר אַלס סעקרעטאַר פונם אַ.־ר. זיך פאַרשאַפט מער נאָענטע איבערגעבענע פריינט צווישן דעם אַקטיוו פונם אַ.־ר. ווי וועלכער ניט איז אַנדער אַ.־ר.־באַאַמטער. ערשטנס איז ער בכלל געווען אַ פריינטלעכער און ליבער מענטש, ספּעציעל האָט ער געהאַט אַ צערטלעכע באַציאונג און אמתן דרך־ארץ פאַר יעדן אַקטיוון אַרבעטער־רינג טוער, הגם ער איז ניט געווען אין סימפּאַטיע מיט דער יונגער באַוועגונג.

אין אַ.־ר. האָט מען זייער אָפט קריטיקירט און באַקעמפט געוויסע מעטאָדן מיט וועלכע די „יונגע" פלעגן זיך באַנוצן. דאָך האָט דאָס וויינטרויבן ניט געשטערט צו זיין נאָענט מיט איניקע „יונגע" און זיך מיט זיי אָפט טרעפן אויסער די ראַמען פון אָרגאַניזאַציאָנס אַקטיוויטעטן.

דערפאַר איז זייער פאַרשטענדלעך, אַז אין די ערשטע טעג פון דער וויינטרויב־טראַגעדיע האָבן זיך די טוער ממש געשעמט זיך צו טרעפן אינם אָפיס. אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען ווי „פריטשמעלעטע", צערודערט און צעטומלט.

דער צושטאַנד האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. באַלד נאָך עטלעכע טעג האָט מען גענומען קוקן מיט חשד איינער אויפן אַנדערן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון באַשולדיקונגען איינער אויף דעם אַנדערן. מיין זיידע עליו השלום, האָט געהאַט אַ פּאַסנדן אויסדרוק פאַר אָט אַזאַ סדרה: דער טויבער האָט געהערט, ווי דער שטומער האָט דערציילט, אַז דער בלינדער האָט געזען ווי דער לאָמער איז געלאָפן. אָט אַזאַ לאַגע האָט זיך געשאַפן אַרום דעם אָפיס און אירע טוער.

יעדער רכילותניק האָט גענומען דערציילן, אַז אים האָט זיך שוין לאַנג געחלומט, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק אינם אָפיס. אַ צווייטן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז וויינטרויב גייט אָן מיט „קונקל־מונקל ביזנעס".

אָבער דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס מען האָט גענומען פאַרשפרייטן קלאַנגען, אַז וויינטרויב האָט געהאַט אַרויסהעלפער, און מען האָט גענומען טייטלען מיט די פינגער, היינט אויף דעם — מאָרגן אויף יענעם, און ס'האָט זיך באמת געשאַפן אַ דור־הפלגה־סיטואַציע, מען האָט גענומען דערציילן מעשיות, אַז געוויסע טוער פלעגן אויסגיין מיט וויינטרויבן אין „נייט קלאַבס" און מען פלעגט זאָגן „יחילקע — באַצאָל" און הגם די ערשטע

עטלעכע טעג האָט מען ניט געקענט זאָגן, אַז דאָס איז אַ „יונג און אַלטע״ פּראָבלעם, ווייל אַלע האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ צרת־משפחה, האָט זיך אָבער די לאַגע שנעל געענדערט. די „יונגע״ האָבן גענומען באַשולדיקן די „אַלטע״ וואָס זיינען ס׳רוב געווען אין דער פאַרוואַלטונג, אַז דאָס איז זייער שולד אין דער ווינטרויב־טראַגעדיע.

מען האָט גענומען דערציילן ניט געשטויגענע געשיכטעס. מען האָט אויך גענומען באַשולדיקן אַלטע טוער, אַז זיי האָבן געהאָלפן ווינטרויבן נעלם ווערן פון דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאַן. אינטערעסאַנט איז, אַז מענטשן וואָס האָבן ערשט נעכטן אַרויפגעקוקט צו ווינטרויבן מיט שטאָלץ און דרך־ארץ, זיינען מיט אַמאָל געוואָרן גרויסע חכמים, און גענומען ריידן מיט חוזק און ביטול וועגן ווינטרויבס פאַרדינסטן און אויפטואונגען.

דאָס ערגסטע פון דער ווינטרויב־טראַגעדיע איז אָבער געווען דאָס וואָס די גרויסע מיטגלידערשאַפט פונם אַ.־ר. האָט זיך ניט געקענט פונאַנדער־קלייבן וואָס ס׳האָט פּאַסירט. זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי די פאַרוואַלטנדע קאָמיטעען האָבן דערלאָזט צו אַזאַ צושטאַנד.

ווי אַ מיטגליד פון אַ פאַרוואַלטנדער קאָמיטע אינם אַ.־ר. פון יענעם יאָר, מוז איך מודה זיין, אַז יעדע קאָמיטע האָט טאַקע בלויז געהאַט אין זינען זייערע אייגענע אינטערעסן און פּאָליטיק. די צוויי הויפּט־קאָמיטעען, די עקזעקוטיווע און קאָנטראָל־קאָמיטע זיינען געווען מער פאַרנומען מיט פּאָליטיק און מחלוקת — ווי מיט אינערלעכע פינאַנציעלע ענינים.

אָבער צו זיין גערעכט צו אַלעמען מוז מען זאָגן, אַז דער צוטרוי און גלויבן אין י. ווינטרויב איז געווען אַזוי שטאַרק און אומבאַגרענעצט, אַז קיינעם האָט גאָר ניט געקענט איינפאַלן צו האָבן אַ חשד אויף זיין ערלעכ־קייט. מען האָט געוואוסט אַז ווינטרויב איז נאַכלעסיק און ניט פּינקטלעך אין געוויסע אַרבעטן אין אָפיס. אָבער וועגן זיין ערלעכקייט האָט קיינער ניט געצווייפלט.

דער עיקר אָבער איז געווען דאָס, וואָס די מיטגלידערשאַפט האָט געוו־מען פאָדערן פאַקטן. זיי האָבן געוואָלט וויסן די אמתע ציפערן און פאַקטן, ווי גרויס איז די גניבה? און פאַרוואָס האָבן די פאַרוואַלטנדע קאָמיטעען זיך פריער ניט געכאַפּט?

די עקזעקוטיווע און קאָנטראָל־קאָמיטעס האָבן דאַן פאַררופן אַ קאָנ־פערענץ פון אַלע ברענטשעס איבערן לאַנד אין ניו סטאַר קאַסינאָ אין האַרלעם, וואו די גאַנצע פראַגע פון ווינטרויבס מיסמענעדזשמענט איז באַ־ריכטעט געוואָרן. און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו אויסדערוויילן אַ קאָמיסיע פון 15 אַ.־ר.־מיטגלידער וואָס זיינען קיינמאָל אין דער פאַרוואַלטונג ניט געווען.

אָבער וועגן דעם שפּעטער. וואָס מיר ווילן דאָ פאַרצייכענען איז, אַז ביי

יענער גרויסער היסטאָרישער קאָנפערענץ, האָט זיך אויף דער פּלאַטפאָרם באַוויזן אַ נייער מענטש, וואָס איז כמעט געווען אומבאַקאַנט צו די דעלע־גאַטן און אין די אַ.־ר.־קרייזן, אָבער אַ דאַנק אים האָט די קאָנפערענץ, וואָס איז געווען פול מיט פּולווער זיך אַ ביסל באַרואיקט. ער האָט איינגעשטילט די געמיטער, און גענומען האַנדלען פּראַקטיש און רואיק און פּרובירט געפינען אַן אויסוועג צו דער טרויריקער וויינטרויב־טראַגעדיע.

יעפים ישורין אַלס סעקרעטאַר פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע אין יאָר 1913

איך וויל זיך דערלויבן דאָ מאַכן אַ פּערזענלעכע דערקלערונג.

קומענדיק יעצט נענטער צום ענין און תוך פון דעם צוועק פון מיין שרייבן וועגן דער געשיכטע פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" פאַר די לעצטע 50 יאָר, וועט מיר פאַרשטייט זיך אויסקומען זייער אָפט צו דער־מאָנען דעם נאָמען פון יעפים ישורין. איך בין זיכער, אַז זייער אָפט וועט דאָס קלינגען ווי חניפה. אָדער מען וועט מיר גאָר חושד זיין, אַז איך וויל זיך איינקויפן אין יחוס ביי דעם טשיף פונם קלוב. האָף איך, אַז מען וועט מיר גלויבן ווען איך וועל זאָגן, אַז פאַר מיר איז שוין שפּעט צו זוכן זכות־אבות ביים טשיף, און איך דאַרף אים קיין פאַלשע לויב־געזאַנגען ניט געבן. וואָס איך וועל שרייבן וועגן אים וועט עס זיין לויט מיין איבערצייגונג און דערפאַרונג. פאַר די לאַנגע יאָרן וואָס איך בין אַקטיוו אינם אַ.־ר., האָב איך אָפט געפירט קאָרעספּאָנדענץ אָדער פּאָלעמיק מיט ישורין וועגן פיל אַ.־ר.־ענינים מיט וועלכע איך בין ניט געווען איינשטימיק, זיכער האָב איך זיך מיט אים אָפט דורכגעשריבן וועגן „קלוב"־ענינים, וואָס זיינען מיר ניט געווען צום האַרצן.

איך האָב אָבער אַלעמאָל געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אים. ווייל ער פלעגט מיך אין זיינע ענטפערס באַהאַנדלען ווי אַ דזשענטעלמאַן, און מיר ענטפערן אויף אַן ערנסטן און אַנשטענדיקן אופן.

איך בין אַלעמאָל געווען צופרידן וואָס ער האָט זיך צו מיין קריטיק באַצויגן מיט ערנסט און אויפריכטיקייט. און אַלעס וואָס איך וועל זאָגן וועגן ישורין און זיין ראָלע אינם אַרבעטער־רינג, וועט דאָס זיין לויט מיין ערנסטע איבערצייגונג און קלאָרן ישוב־הדעת. מיט אַלע טענות וואָס מען קען האָבן קעגן ישורינען, מוז אָבער יעדער מענטש וואָס קען דעם אַ.־ר. און איבערהויפּט יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פונם אַ.־ר. און

זיינע קאַמפן אָנצוהאַלטן דעם וואווילזיין און פרעסטיזש פונם אַ.־ר. ישורין איז אַ ייד אַן עקשן, און אָפטמאָל דאַכט זיך, אַז ער טוט זאַכן צו להכעיס.

אָבער די וואָס ווייסן זיין אמתע ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט אינם אַ.־ר. פון דעם ערשטן טאָג וואָס ער איז געוואָרן סעקרעטאַר פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע אינם יאָר 1913 ביז היינט צו טאָג, מוזן האָבן פאַר אים גרויס דרך־ארץ. און אַלעס וואָס איך וועל שרייבן וועגן „קלוב" און זיינע פירער וויליאַם באַקסט, נ. פיינערמאַן, ל. אַרקין און דריישפּיל, וואָס זיינען געווען די ערשטע סעקרעטאַרן פונם „קלוב" קענען זיך ווייט ניט פאַרגלייכן מיט דער ראָלע און פאַרדינסטן פון יעפים ישורין אַלס דער פירער פונם „קלוב" פאַר 40 יאָר צייט. אָבער יעצט צוריק צו דער ווײנטרויב־אַפּערע.

ביי דער היסטאָרישער קאָנפערענץ אין ניו סטאַר קאַסינאָ, שבת און זונטיק, דעם 12טן און 13טן יולי 1913, האָבן די פאַרטרעטער פון דער עקזעקוטיווע פּרובירט מיט אַלע כוחות פונאַנדערגלידערן דעם גאַנצן ענין ווײנטרויב — אָבער אָן דערפאָלג. זיי האָבן זיך נעבעך געפּלאָנטערט אין די ציפערן און דאַטומס און ניט געקענט קלאָר מאַכן געוויסע פראַגן, וואָס די דעלעגאַטן האָבן געפרעגט.

דאַן איז דערשינען אויפן פּלאַטפאָרם אַ יונגערמאַן מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען וואָס זייער ווייניק דעלעגאַטן האָבן געקענט. ער האָט גענומען ריידן יידיש מיט אַ רוסישן אַקצענט, און ער האָט זיך טאַקע באַנוצט מיט אַ סך רוסישע אויסדרוקן. זיין אויסקוק און באַנעם איז געווען פון אַן אינטעליגענטן רוסישן סטודענט.

דער פאָרזיצער האָט אים פאָרגעשטעלט אַלס יעפים ישורין, אַ מיטגליד פון ברענטש 367 און דער סעקרעטאַר פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע וואָכן פריער אַריין אין אַמט. איך גלויב אַז דאָס איז געווען זיין ערשטער אויפטריט ביי אַ גרויסער אַ.־ר.־פאַרזאַמלונג *. אַלע דעלעגאַטן זיינען געוואָרן באַהערשט פון קוריאָז און אינטערעס צו הערן וואָס האָט צו זאָגן דער סעקרעטאַר פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע. אויף וויפל מיין זכרון דינט מיר האָט ער דעם עולם ניט אַנטוישט. מען האָט ישורינס באַריכט אויסגעהערט מיט אינטערעס. ער איז אַרויסגעקומען מיט טרוקענע פאַקטן און ציפערן אויף וויפל ס'איז נאָר דאַן מעגלעך געווען. ער האָט דערקלערט דעם אופן ווי אַזוי עס איז מעגלעך געווען פאַר וויינטרויבן צו פאַרנעמען געלטער פונם אָפיס, און קיינער זאָל אַ לאַנגע צייט

* לשם פּינקטלעכקייט איז עס ניט געווען ישורינס ערשטער ארויסטריט אויפן פאָרום פון אַרבעטער־רינג. אויף דער 13־טער קאָנווענשאָן פון אַ. ר. אין פילאַדעלפיע האָט זיין ארויסטריט מיט קריטיק קעגן דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע אים באַקאַנט געמאַכט אין די ברייטע קרייזן פון אַרבעטער־רינג. רעד.

דערפון ניט וויסן. מערסטנס זיינען די געלטער וואָס ער האָט פאַרנומען געוועז „טויטן־בענעפיט", וואָס די יורשים זיינען געווען אין איראָפּע. ער האָט געפעלשט די אינדאָרסמענטס אָדער אונטערשריפטן פון די יורשים, און איינקאַסירט די טשעקס, ווייל די מערסטע יורשים האָבן אפילו אַליין ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען די וועמען עס קומען צו בענעפיטן.

ישורין האָט אָנגעגעבן אַ רייע ציפערן און נעמען פון עניינים, פון וועלכע מען האָט שוין געוואוסט, אַז די טשעקס זיינען אונטערגעשריבן און איינ־קאַסירט געוואָרן פון ווינטרויבן.

ישורין האָט מיט זיין באַריכט געוואונען דעם דרך־ארץ פון די דעלע־גאַטן און מען קען זאָגן, אַז ער האָט זיך באַלד באַליבט געמאַכט ביים גרויסן עולם, מיט זיין געלאַסנקייט, מיט זיין אינטעליגענץ, וויסן און פּראַקטישקייט.

איבערהויפּט איז ישורין געווען דער היפוך פון די מערסטע פון אונ־דזערע אינטעליגענטן, וועלכע פלעגן באַגייסטערן דעם עולם מיט שטאַרקע פראַזן און מליצה. ישורין האָט גערעדט צום פּונקט — קורץ, שאַרף און פאַרשטענדלעך. און הגם ער איז נאָך געווען היפש גרינלעך אין הילכות־פּאָליטיק פונם אַ.־ר., האָט ער אָבער שוין דאַן ביי דער גרויסער קאָנפע־רענץ אַרויסגעוויזן אַ חוש פאַר פּאָליטיק און ווי אַזוי דאָס פאַרברענגען פאַרן עולם.

עס איז ניט מיין אויפגאַבע דאָ דערציילן פון אַ גאַנצער קייט פון חשבו־נות וואָס געוויסע מענטשן האָבן געגומען אויסנוצן קעגן דער אַ.־ר.־פאַר־וואַלטונג. למשל, מ. ווינטשעווסקי, וועלכער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן ווי דער אָנפירער פונם אָפּיס מיט אַ צייט צוריק, האָט געקראָגן די געלעגנהייט ביי יענער קאָנפערענץ זיך אָפּצורעכענען מיט דער פאַרוואַלטונג, מאַכנדיק פער־זענלעכע באַשולדיקונגען אויף געוויסע מענטשן, ספּעציעל אויף אַזעלכע מענטשן וואָס זיינען אויך געווען נאָנט צום „פאָרווערטס", מיט וועלכע ווינטשעווסקי איז ניט געווען שוה־בשוה.

ישורין ווי אַ נייער מענטש האָט זיך מיט אַלעמען געספּראָוועט אויף אַ העכסט אינטעליגענטן און פּראַקטישן אופן. און מיר שיינט, אַז אַ דאַנק ישורינס טאַקט און שכל־הישר האָט די קאָנפערענץ זיך באַרואיקט און באַ־שלאָסן אויסצוויילן אַ 15ער קאָמיטע אָדער קאָמישאָן, אַזעלכע מיטגלידער וואָס זיינען קיינמאָל נאָך ניט געווען אין דער אַ.־ר.־פאַרוואַלטונג. די קאָמיטע האָט געדאַרפט מאַכן אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג וועגן דער גאַנצער ווינ־טרויב־אַפּערע און וועגן דער סיסטעם פונם אָפּיס וואָס האָט מעגלעך גע־מאַכט אַזעלכע פּאַסירונגען. איבערהויפּט האָט די קאָמיטע געדאַרפט פעסט־שטעלן, צי ווינטרויב האָט געהאַט אַרויסהעלפער, און בכלל זאָל די קאָמיטע פאָרשלאָגן אויסבעסערונגען אין דער סיסטעם פון פאַרוואַלטונג, כדי אין דער צוקונפט זאָלן אַזעלכע פּאַסירונגען זיין אונמעגלעך.

דער באַריכט פון 15טער קאָמיטע האָט געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן צו דער 14טער קאָנווענשאָן וואָס איז געווען באַשטימט אויף מאַי 1914, אין ניו־הייווען.

די פופצענער קאָמיטע

ס'איז איבעריק נאָכאַמאָל אונטערצושטרייכן, אַז דער טרויעריקער ווייַנטרויב־פאַל האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס. דער אַרבעטער־רינג האָט שוין דאַן, אין 1913, געשפילט אַ גוואַלדיק וויכטיקע ראָלע אויף דער יידישער גאַס. דער אַ.־ר. האָט זייער אַקטיוו געהאָלפן אָנפירן די פּאָליטישע קאַמפּיינס אויף דער יידישער גאַס, און געשאַפן די נויטיקע געלט־מיטלען אָנצופירן די קאַמפּיינס פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן וואָס זיינען געלאָפן אין די יידישע און אַרבעטער־געגנטן. אגב, זיינען די סאָציאַליסטישע קאַמפּיין־מיטינגען אין יענער צייט געווען ניט בלויז פּאָליטישע וואַל־קאַמפּאַניעס, נאָר דער חדר, די שולע, פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און צייט־פראַגן פון דער נייער אַמעריקע.

די פאַרזאַמלונגען און אָפּען־עיר־מיטינגען האָבן אויפגעדעקט, און באַקעמפט די קאָרופּציע, מיט וועלכע די אינדוסטריעלע שטעט זיינען געווען פאַרפּעסטעט. די סאָציאַליסטישע רעדנער האָבן אַגיטירט און פּראָפּאַגאַנדירט ערלעכקייט און אָנשטענדיקייט אין געזעלשאַפטלעכע און רעגירונגס־פאַרוואַלטונגען. „און דאָ פּלוצים אַזאַ בראַך" — גניבה אין סאַמע רוקנביין פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. די אויפגאַבע פון דער 15טער קאָמיטע וואָס איז דערוויילט געוואָרן ביי דער גרויסער קאָנפערענץ פון אַ.־ר.־ברענטשעס, איז געווען ווי מיר האָבן פריער באַמערקט, ניט בלויז אויסצוגעפינען וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט ווייַנטרויבן, נאָר דער עיקר אויסצוגעפינען די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו דער טרויעריקער פּאַסירונג, און זען ברענגען רעקאָמענדאַציעס צו פאַרהיטן, אַז אין דער צוקונפט זאָל אַזעלכעס ניט מעגלעך זיין צו פּאַסירן.

פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע קאָנסערוואַטיווע פּרעסע האָט געאַרבעט מעשים צו פאַרשוואַרצן דעם אַ.־ר. אין די אויגן פון דער עפנטלעכער מיינונג. און ס'איז גאָר ניט געווען אַזוי לייכט צו פאַרמאַכן זיי דאָס מויל. ווייל דער וויטאָק ביי אונדזערע אייגענע מענטשן איז געווען זייער טיף און גרויס.

די 15טער קאָמיטע האָט זיך באמת גענומען צו דער אַרבעט מיט ערנסט און אויפריכטיקייט. זי האָט גענוי אונטערזוכט די גאַנצע אָפּיס־סיסטעם, געגריבלט זיך אין אַלע דאָקומענטן, און האָט געטאָן די אַרבעט בשלימות.

אָבער לויט מיין מיינונג, האָט די 15ער קאָמיטע געמאַכט צוויי קאַרדינאַלע טעותן.

ערשטנס, האָט זי ניט געדאַרפט אָנשטעלן מ. ווינטשעווסקין אַלס זייער אָנפירער און הויפּט־אונטערזוכער. מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז ווינטשעווסקי האָט געהאַט פּערזענלעכע חשבונות מיט דער פאַרוואַלטונג, ווייל זיי האָבן אים אָפּגעזאָגט פון זיין פּאָסטן.

צווייטנס, האָט זי באַגאַנגען אַ טעות, וואָס זי האָט — אפשר ניט באַוואוסטזיניק — זיך געשטעלט אויפן צד פון די „יונגע" אינם אַ.־ר. און ממילא האָבן זיי געפונען אַז די „אַלטע" זיינען געווען אַ סך שולדיק אין דער ווייַנטרויב־טראַגעדיע. און ווי ס'איז דער פאַל אין אַזעלכע סיטואַציעס, ווי ערלעך און ערנסט דער באַריכט זאָל ניט האָבן געווען האָט ער אָבער געמוזט שמעקן מיט פּאַרטייאישקייט.

איין זאַך איז אָבער געוואָרן קלאָר פון באַריכט און דאָס האָט אַביסל באַרואיקט די געמיטער פון די מיטגלידער, אַז נאָך דער גענויער אונטערזוכונג איז די 15ער קאָמיטע געקומען צום שלוס, אַז ווייַנטרויב האָט ניט געהאַט קיין שותפים אָדער מיטהעלפער אין זיינע „קונקל מונקל ביזנעס", און דאָס האָט זיכער באַרואיקט די נערוון ניט נאָר פון די אַקטיווע טוער אַרום דעם אַ.־ר. נאָר טאַקע אויך פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט.

די צרה איז געווען, — באַווייזט דער באַריכט, — וואָס מען האָט זיך אויף ווייַנטרויבן צופיל פאַרלאָזן, און קיינער האָט ניט געצווייפלט אין זיין ערלעכקייט. די קאָמיטע האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז דער געשריי אַז דער פאַרלוסט איז געווען אַ סך גרעסער ווי מען האָט געמאָלדן, איז ניט ריכטיק.

דעם רעזולטאַט פון איר אונטערזוכונג האָט די 15ער קאָמיטע איבערגעגעבן אין אַ לאַנגן באַריכט פון 32 זייטן אין אַפּריל־נומער „פריינד" 1914. דער באַריכט האָט אָבער געגעבן אָנצוהערעניש, און אפילו אָנגערופן נעמען פון אַלטע אַ.־ר־טוער, וועמען די קאָמיטע באַשולדיקט אין נאַכלעסיקייט, אָדער ניט גענוג וואַכזאַמקייט. דאָס האָט געגעבן די „יונגע" אַ געלעגנהייט ווידער אויפצובלאָזן דעם פייער פון קאַמף פון „יונגע" און „אַלטע" אינם אַ.־ר. דער קאַמף איז ווייטער געוואָרן אַ ביטערער און מער פאַרביסענער.

דער באַריכט פון דער 15ער קאָמיטע ענדיקט זיך מיט פאַרשיידענע רעקאָמענדאַציעס, וואָס דער אַ.־ר. דאַרף איינפירן, כדי זיך צו באַוואָרענען, אַז אַזעלכע פּאַסירונגען זאָלן זיך אין דער צוקונפט ניט איבערחזרן.

אַזוי ווי ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון דער 14טער קאָנווענשאָן פונם אַ.־ר., האָבן זיךביידע לאַגערן גענומען גרייטן צו דער קאָנווענשאָן. די „אַלטע" גוואַרדיע האָט געאַרבעט מעשים צו קריגן וואָס מער דעלעגאַטן פון איר צד. און די „יונגע" זיינען אויך ניט געשלאָפן און שווער געאַרבעט צו קריגן וואָס מער „יונגע" דעלעגאַטן צו דער קאָנווענשאָן.

וויליאַם עדלין ווערט גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַ.־ר.

אַ געוויסע צייט נאָך דער וויינטרויב־פּאַסירונג, איז ב. פּינגערהוד, דער אַסיסטענט־סעקרעטאַר — געווען דער אַקטן־סעקרעטאַר פונם אַ.־ר. דעם 4טן אויגוסט 1913 איז אויף אַ דזשוינט־מיטינג פון דער עקזעקוטיווע און קאָנטראָל־קאָמיטע אויסגעוויילט געוואָרן ווי גענעראַל־סעקרעטאַר וויליאַם עדלין.

וויליאַם עדלין איז דעמאָלט געווען באַקאַנט אין די אַרבעטער־קרייזן ווי אַ וואַרעמער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט. ער איז אַ געוויסע צייט געווען פאַרבונדן מיט דער קעפּ מייקערס יוניאָן אַלס רעדאַק־טאָר פונם „קעפּ־מייקערס זשורנאַל".

עדלין איז געווען אַ געבילדעטער מענטש, אַ גענעדיקטער זשורנאַליסט פון דעם ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט. ער איז אויך געווען באַקאַנט אַלס טעאַטער־און מוזיק־קריטיקער. ער איז בכלל געווען אַ פעאיקער און שיינער שרייבער, דערצו איז ער אויך געווען אַ שיינער און פליסיקער רעדנער אין ביידע שפּראַכן, יידיש און ענגליש. ער האָט אויך געהאַט אַן אַריסטאָ־קראַטישן אויסזען פון אַ הדרת־פּנים. אָבער וואָס שייך פּשוטע פּראַקטיש־קייט, זעט אויס, איז ער אָפּנים ניט געווען צופיל געבענטשט. דער אמת איז, אַז סיי דער אַקטיוו אינם אַ.־ר. און סיי די ברייטע מיטגלידערשאַפט איז געווען צופרידן מיטן אויסוואַל. נאָך זיין דערוויילונג, האָט דער נייער סעק־רעטאַר זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף און אַפּיל צו די אַ.־ר.־מיטגלידער זיך צו נעמען צו דער אַרבעט.

אַ קורצע צייט האָט עס אויסגעזען, אַז דער טרויעריקער וויינטרויב־פאַל ווערט צוביסלעך פאַרגעסן, און אַז די אַרבעט ווערט אָנגעפירט ניט נאָר נאָרמאַל, נאָר מיט נאָך מער אימפּעט און ענטוזיאַזם ווי געוויינלעך.

עדלינס גוטע מערכה אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר האָט זיך אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. עס איז אַוועק אַ קורצע צייט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן מחלוקתן צווישן אים און די פאַרוואַלטנדע קאָמיטעס. די עקזעקוטיוו־קאָמי־טע האָט אין איר באַריכט איבער איר אַרבעט אין 17טן סעפּטעמבער (1913) דערציילט, אַז זי האָט עדלינען אָנגעשטעלט אויף פּראָבע ביזן 1טן יאַנואַר 1914, מיט דער פאַרשטענדיקונג, אַז ביים אָנפאַנג פונם יאָר זיינען ביידע צדדים פריי צו האַנדלען. די עקזעקוטיוו־קאָמיטע איז אין איר מיטטיילונג געווען פאָרזיכטיק, און האָט ניט געזאָגט צי זי איז צופרידן מיט דעם נייעם סעקרעטאַר אָדער ניט, זי האָט בלויז געפינען פאַר נויטיק מודיע צו זיין, אַז די דערוויילונג פון וו. עדלין פאַר סעקרעטאַר איז גילטיק בלויז ביזן 1טן יאַנואַר. די וואַל פון סעקרעטאַר איז הייסט עס געווען בלויז אַ פּראָבע־וואַל.

אין קורצן איז די ברייטע מיטגלידערשאַפט געוואָר־געוואָרן, אַז עפּעס

קומט פאַר אין גענעראַל־אָפיס, צווישן דעם סעקרעטאַר און דער פאַרוואַלטונג. דערוואוסט האָבן זיי זיך עס פון אַן אַרטיקל וואָס עדלין האָט פאַרעפנט־לעכט אין פעברואַר־נומער „פריינד״ אונטערן נאָמען „ווער איז באַלעבאָס אין דזשענעראַל אָפיס?״. אין דעם אַרטיקל באַמיט זיך עדלין צו באַווייזן, אַז די קאָנטראָל־קאָמיטע האָט ניט קיין רעכט צו וועטאָאירן די באַשלוסן פון דער עקזעקוטיווע, אויב ס׳האַנדלט זיך וועגן העכערע שכירות פאַר די אָנ־געשטעלטע; אַזאַ זאַך, באַווייזט עדלין, איז ניט לויט דער קאָנסטיטוציע פון אַרבעטער־רינג און ניט אונטער דער יוריסדיקציע פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע. אין דעם אַרטיקל זיינען געווען אַזעלכע ווערטער, ריכטיקער, שטעכווערטער, וואָס האָט פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט דעם סוד, אַז אינם אָפיס לעבט מען ניט צו פרידלעך. עדלין דערקלערט: „און שולדיק פאַר דעם צושטאַנד זיינען צוויי קאָמיטעס פון אונדזער אָרדן — איינע מיט איר גע־וואַגטקייט, און די צווייטע מיט איר שוואַכקייט״. עדלין ווייזט אָן, אַז אין דער פאַרוואַלטונג הערשט אַ מיש־מאַש, און אַז אין דעם איצטיקן מאָמענט איז אַלץ אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס עס איז אַ שאַנדע, אַז אין אַזאַ גרויסער ראַדיקאַלער דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע זאָל אַזוינס עקזיסטירן. אַלע ווילן זיין די באַלעבאַטים, און פאַר דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע וויל קיינער ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך. „לענגער קען אַזוי ניט אָנגיין״...

אָט די קאַפּוליער אָנצוהערענישן האָבן אַרויסגערופן אַן ענטפער פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע, געשריבן פון יעפים ישורין (סעק. ק. ק.), אונטערן קעפל: „ווער וויל זיך מאַכן פאַר באַלעבאָס אין דזשענעראַל־אָפיס?״ דאָ איז שוין די קאָנטראָל־קאָמיטע אַרויס אין אַן אָפענעם קאַמף מיטן סעקרעטאַר. די קאָנטראָל־קאָמיטע וואַרפט פאָר עדלינען, אַז זיין אַרטיקל איז אַרויס־גערופן געוואָרן דורך דעם וואָס די קאָנטראָל־קאָמיטע האָט ניט באַוויליקט אַ העכערונג אין זיינע שכירות. אָט וואָס ישורין האָט געשריבן: —

„...און אויב פריינט עדלין האָט זיך דערלויבט אַרויסצוטרעטן מיט אַ טעאָרעטישן אַרטיקל וועגן אַ יוריסדיקציע־פראַגע, אין דער צייט וואָס דאָס האָט פּשוט געמיינט צו רעדן וועגן אַן אַבסאָלוט פערזענלעכע פּאַסירונג, געפין איך, אַלס איינער פון די פאַרוואַלטער און טאַקע פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע, פאַר נויטיק צו דערקלערן וואָס עס האָט אַזוי שטאַרק וויי געטון פר. עדלין.

נאָכדעם ווי פר. עדלין איז אָפּגעוועזן אַ פערטל יאָר צייט סעק־רעטאַר אויף פּראָבע, האָט די עקזעקוטיוו־קאָמיטע ביים ענדע פונם יאָר 1913 אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען די פראַגע וועגן זיין אָנשטעלונג אויף ווייטער. צו דעם צוועק איז גערופן געוואָרן אַ געמיינשאַפט־לעכער מיטינג פון דער עקזעקוטיווע צוזאַמען מיט דער קאָנטראָל־קאָמיטע. די קאָנטראָל־קאָמיטע, זייענדיק ענג פאַרבונדן מיט דער

אַרבעט אין אָפיס, האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס די פאָדערונגען וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן פון פריינט עדלין זיינען צו שווערע, כדי די קאָנטראָל־קאָמיטע זאָל זיי קענען באַוויליקן. ניט קוקנדיק וואָס די קאָנטראָל־קאָמיטע איז געווען קעגן די פאָדערונגען פון דעם סעקרעטאַר, האָט די עקזעקוטיווע דאָך אים באַוויליקט אַלץ און ווען ס׳איז געקומען צו דער קאָנטראָל־קאָמיטע, איז דער באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע וועטאָאירט געוואָרן.

דאַכט זיך אַ גאַנץ געוויינלעכע פּאַסירונג, און די עקזעקוטיווע האָט געדאַרפט אָנערקענען דאָס וועטאָ־רעכט פון קאָנטראָל־קאָמיטע אָדער אַפּעלירן צו דער לאָא און קאָנסטיטושאָן־קאָמיטע, ווי דאָס ווערט פאָרגעשריבן אין דער קאָנסטיטוציע. פר. עדלין האָט אָבער שווער געאַרבעט כדי צו דערקלערן די עקזעקוטיווע, אַז זיי דאַרפן זיך ניט לאָזן פירן פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע; אַז דער קאָנטראָל־קאָמיטע איז ניט געגעבן געוואָרן קיין רעכט צו וועטאָאירן ווייזשעס פון סעקרעטאַר אָדער וועלכן אַנדערן אָנגעשטעלטן אין אָפיס. און דאָס איינציקע וואָס ער האָט זיי געראָטן איז צו איגנאָרירן דעם אָרדער פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע".

נאָך דעם אויסטויש פון די בריוו צווישן וו. עדלין און יעפים ישורין, איז די לאַגע אינם אָפיס געוואָרן אַ געפערלעך אָנגעצויגענע. די לאַגע איז נאָך געווען מער קריטיש דערפאַר, ווייל ניט בלויז איז די קאָנטראָל־קאָמיטע געווען קעגן עדלינען נאָר אויך אייניקע פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע זיינען געווען קעגן אים. ספּעציעל זיינען פאָרגעקומען שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן עדלין און דעם פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע גופא, מ. דאַווידאָוון, וואָס האָט בעלאַנגט מיט עדלינען אין ברענטש 2. די באַציאונגען צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע אָנגעצויגענע און שאַרפע, אַז ס׳איז פּשוט געקומען צו פּעטש.

די מערהייט פון דער עקזעקוטיווע איז אָבער געווען מיט עדלינען, און דאָס האָט געצוואונגען דאַווידאָוון צו רעזיגנירן אין מיטן יאָר. ווי אַ פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע אויף זיין פּלאַץ איז אויסגעוויילט געוואָרן ס. יאַנאַס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון ערקלערונגען מצד דער עקזעקוטיווע און קעגן־דערקלערונגען מצד דער קאָנטראָל־קאָמיטע. אויבנאויף האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם סעקרעטאַרס שכירות. ווייל עדלינס שכירות איז דאַן געווען 35 דאָלער אַ וואָך, און ער איז באַשטאַנען, אַז ער וועט ניט אַרבעטן פאַר ווייניקער ווי 50 דאָלער אַ וואָך. אָבער די „יונגע" האָבן באַשולדיקט די „אַלטע", אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן שכירות, נאָר אַז זיי ווילן אַרויסשטופּן עדלינען פונם אָפיס,

ווייל ער סימפּאַטיזירט מיט די „יונגע״. די עקזעקוטיוו האָט אַפּעלירט די „קייס״ צו דער לאָאָ און קאָנסטיטושאָן־קאָמיטע, און זיי האָבן גוטגעהייסן דעם באַשלוס פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע.

די עדלין־פראַגע האָט ווידער צעהיצט דעם קאַמף פון „יונג און אַלט״, און קאָנפערענצן זיינען גערופן געוואָרן וועכנטלעך פוןביידע צדדים. אַזוי ווי ס׳האָט זיך אונטערגערוקט די 14טע קאָנווענשאָן, האָט דער קאַמף זיך ווידער פאַרשאַרפט. ביידע צדדים האָבן זיך גענומען צוגרייטן מיט זייערע טענות און אַרגומענטן באַצייטנס צו דער 14טער קאָנווענשאָן וואָס איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אָנהייב מאַי 1914, אין ניו־הייווען קאָנעטיקוט.

די 14טע אַ.־ר.־קאָנווענשאָן און די גרינדונג פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״

סיי די געשיכטע־שרייבער פונם אַ.־ר. און סיי די וואָס שרייבן פּער־זענלעכע זכרונות קענען קיינמאָל ניט פעסטשטעלן ווען ס׳האָט זיך אָנ־געפאַנגען אין אַ.־ר. דער קאַמף פון „יונגע און אַלטע״. וואָס מען ווייס יאָ איז, אַז פונם ערשטן טאָג וואָס דער אַ.־ר. האָט זיך געגרינדעט, זיינען שטענדיק געווען אָפּאָזיציעס און חילוקי־דעות צווישן דער פירערשאַפט פונם אַ.־ר. צי דאָס זיינען געווען מיינונגס־פאַרשיידענהייטן וועגן דער פאָרם פון פאַרוואַלטונג, צי דאָס זיינען געווען פּרינציפּיעלע שטרייטן וועגן דעם; ווער ס׳איז כשר צו זיין אַ מיטגליד פונם אַ.־ר.; קאַמפן וועגן פּאָליטישער אַקציע, אָדער וואָס זיינען די שטעלונגען פונם אַ.־ר. צו די טרייד יוניאָן אַקטיווי־טעטן; צי דאָס זיינען גאָר געווען שאַרפע חילוקי דעות וועגן רעליגיעזע פראַגן; וועגן קולטור און בילדונג; אָדער וועגן באַשטימען די שטעלונג פונם אַ.־ר. צו יידישע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וועגן אַלץ זיינען גע־פירט געוואָרן מחלוקות און אָפּאָזיציע.

וואָס פאַר אַ שטעלונג די אָפיציעלע פאַרוואַלטונג האָט ניט גענומען אין אַ באַשטימטער פראַגע, האָבן זיך גלייך געפונען ברענטשעס, וואָס האָבן פּראָ־טעסטירט קעגן זייער האַנדלונג. מען האָט גערופן קאָנפערענצן זיך אויס־צוטענהן מיט דער פאַרוואַלטונג. אין די מערסטע פאַלן זיינען אָנגענומען געוואָרן פּראָטעסט־רעזאָלוציעס, און נאָכדעם אַ סדרה פון „שטימען פון פאָלק״ אין דעם „פריינד״ און אינם „פאָרווערטס״. און ווי געוויינטלעך ענט־פערס פון דער פאַרוואַלטונג.

דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען ניט קיין באַשטימטע אָרגאַניזירטע אָפּאָ־זיציעס, נאָר צופעליקע מחלוקתן. עס האָט אויך גאַנץ אָפט געטראָפן, אַז גע־

וויסע מיטגלידער, וואָס זיינען היינט געווען אין אָפּאָזיציע צו דער פאַר־וואַלטונג, און האָבן אינספּירירט די ברענטשעס צו קעגנערשאַפט פון דער פאַרוואַלטונג זיינען נעקסטע וואָך געווען שטאָל און אייזן פאַר אַ שטעלונג וואָס די פאַרוואַלטונג האָט גענומען אין אַ צווייטער פראַגע.

קומענדיק צו אַ קאָנפערענץ האָט מען קיינמאָל ניט געקענט פאָרויס־זאָגן וואָס פאַר אַ שטעלונג דער אָדער יענער אַקטיווער טוער וועט נעמען אין אַ געוויסער פראַגע. מיט דעם אויסנאַם פון אַ געוויסע צאָל „פּראָפּע־סיאָנאַלע קיקערס", וואָס זיינען שטענדיק געווען קעגן אַלעס וואָס די פירער־שאַפט האָט געטון, איז מען קיינמאָל ניט געווען זיכער מיט וואָס פאַר אַ באַשלוס מען וועט אַוועקגיין פון די גאָר אָפטע קאָנפערענצן.

אינם יאָר 1908—1909 האָט זיך אָבער גענומען קריסטאַליזירן די לאַגע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן אַ באַשטימטער פּרינציפּיעלער קאַמף וועגן דעם אופן ווי אַזוי דער אַ.־ר. זאָל אָנפירן זיין קולטורעלע אַרבעט צווישן דער גרויסער מיטגלידערשאַפט. די סטייט־קאָמיטעס וואָס האָבן דאַן עקזיסטירט, און וועמענס אַרבעט האָט געדאַרפט זיין העלפן דער פאַר־וואַלטונג אין דער אָנפירערשאַפט פון אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט, האָט זיך ביסלעכווייז גענומען מישן אין דער אָנפירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע. ביסלעכווייז האָט זיך דאָרט אין די סטייט־קאָמיטעס, און ספּעציעל אין דער ניו־יאָרקער סטייט־קאָמיטע, גענומען שאַפן אַן אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע צו דער פאַרוואַלטונג. די פאַרוואַלטונג פונם אַ.־ר. איז, ווי פאַרשטענדלעך, דאַן באַשטאַנען מערסטענס פון עלטערע גענאָסן און מיטגלידער, וואָס זיינען שוין געווען אַ לענגערע צייט אין אַמעריקע, און האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן און בויען דעם אַ.־ר. ס'איז אויך געווען נאַטירלעך, אַז די מערסטע פון די מענטשן זיינען אויך געווען אַקטיווע טוער און גרינדער פונם „פאָרווערטס". אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען זאָגאַר געווען אָנגעשטעלטע פונם „פאָרווערטס". דאָס האָט געהאָלפן אַז די אָפּאָזיציע זאָל חושד זיין, אַז דער „פאָרווערטס" וויל פאַרכאַפּן דעם אַ.־ר.

דער „פאָרווערטס" איז שוין דאַן געווען אַן איינפלוסרייכער און שטאַר־קער כוח אין דער יידישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און מען האָט, ביי יעדן מיטינג פון דער סטייט־קאָמיטע, גענומען הערן אַזעלכע אויס־דרוקן, ווי מען דאַרף אַריינבעמען נייע יונגע כוחות אין דער פאַרוואַלטונג פונם אַ.־ר. כדאי צו באַמערקן, אַז די וואָס האָבן געפּרעדיקט, אַז מען דאַרף אַריינבעמען אין דער פאַרוואַלטונג יונגע כוחות מיט נייע אידעען, זיינען געווען אַזעלכע עלטערע מענטשן ווי ס. מנקר, הירש בלאָך, דאָרמאַן און פיינמאַן. מען האָט אָבער גענומען רעדן וועגן דער אָפּאָזיציע ווי די „יונגע", און ממילא איז דער צווייטער צד שוין באַצייכנט געוואָרן אַלס די „אַלטע". דער איינציקער אונטערשייד איז געווען דאָס, וואָס די „יונגע" האָבן גע־

האָט אַ פּלאַטפאָרם — אַן אָרגאַניזאַציע: די סטייט־קאָמיטע אָדער „פאַר־באַנד פון ניו־יאָרקער ברענטשעס". די „אַלטע" האָבן ניט געהאַט קיין אָר־גאַניזאַציע, זיי האָבן אפשר אַלס יחידים זיך דורכגערעדט אָדער צוזאַמענ־גערעדט וועגן די געוויסע פראַגן און פּראָבלעמען פונם אַ.־ר., אָבער קיין אָרגאַניזירטע „גרופּע", אָדער באַשטימטע אָרגאַניזאַציע האָבן זיי ניט געהאַט.

די „אַלטע" זיינען אָפּט אין דער מערהייט דערוויילט געוואָרן אין די פאַרוואַלטונג קאָמיטעס. ערשטנס דערפאַר, וואָס זייערע נעמען זיינען געווען מער באַקאַנט צו דער ברייטער מיטגלידערשאַפט. צווייטנס, דערפאַר, וואָס די „אַלטע" האָבן געהערט צו די גרעסערע ברענטשעס, וואָס האָבן זיי מערס־טענס אָפּגעגעבן אַ גרויסע צאָל שטימען.

אונדז וועט נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן די סיבות און אומשטענדן וואָס האָבן גורם געווען די אָרגאַניזירונג פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב". דערווייל ווילן מיר בלויז פאַרצייכענען, אַז זונטיק דעם 19 אַפּריל 1914, כמעט ערב דער 14טער קאָנווענשאָן, איז געגרינדעט געוואָרן די ניו־יאָרקער אָפּטיילונג פונם „קלוב". דער ערשטער פּראָטאָקאָל פונם קלוב גיט ניט אָן קיין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע. דערפאַר טאַקע האָט מען אַ געוויסע צייט גערופן דעם „קלוב" די „זקנים", און ביי דער 14טער ניו־הייווענער קאָנ־ווענשאָן האָט זיך שוין שטאַרק געפילט דער איינפלוס און כוח פונם „קלוב".

די פאַרטרעטערשאַפט פון דעלעגאַטן צו דער 14טער קאָנווענשאָן איז באַשטאַנען אין אַ גרויסער מערהייט פון אָנהענגער פון די „יונגע". פון דעסטוועגן האָבן די „אַלטע" קאָנטראָלירט דער קאָנווענשאָן און געוואונען כמעט אויף אַלע פראָנטן. די „יונגע" זיינען ניט געווען צוגעגרייט ווי אַן אָרגאַניזירטע און דיסציפּלינירטע אָפּאָזיציע. זיי האָבן זיך פאַרלוירן, און אין געוויסע פאַלן, האָבן זיי זיך אַליין צעטומלט און האָבן זיך צווישן זיך אַליין אַרומגעקריגט. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז זיי האָבן פאַרלוירן די סימפּאַטיע און שטיצע פון די דעלעגאַטן פון דער קאָונטרי אָדער פּראָווינץ.

די הויפּט־פּונקטן וואָס האָבן אַרויסגערופן הייס בלוט ביי דער 14טער קאָנווענשאָן זיינען געווען: די פראַגע איבערן גענעראַל־סעקרעטאַר (וו. עדלין) און דער באַריכט פון דער 15ער קאָמיטע וועגן דער ווייטרויב־אַפּערע, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער קאָנפערענץ.

מען איז געקומען צו דער קאָנווענשאָן אָנגעצויגן און אָנגעשטויסן. די „קאָונטרי" איז געווען אָנגעשטויסן אויף ניו־יאָרק, די „אַלטע" זיינען געווען אין כעס אויף די „יונגע". די עקזעקוטיווע איז געקומען מיט טענות קעגן דער קאָנטראָל־קאָמיטע. די קאָנטראָל־קאָמיטע האָט געהאַט שטאַרקע אויס־זעצונגען קעגן דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע. די אַטמאָספערע איז געווען אָנגע־

לאָדן מיט עלעקטריציטעט, און דער הימל איז געווען באַדעקט מיט שטורם־וואָלקנס.

אָט וואָס פיליפּ קראַנץ, דער רעדאַקטאָר פונם „פריינד", שרייבט אין זיינע באַטראַכטונגען איבער דער 14טער קאָנווענשאָן:

„...די בליצן און דונערן זיינען אָבער שנעל אַוועק, און דער סוף איז געווען, אַז די לופט איז געוואָרן פרישער און אָנגענעמער".

דעם ראַפּאָרט פון דער 15ער קאָמיטע האָט אָפּגעגעבן שטיינברוק פון פילאַדעלפיע. ער האָט געזאָגט, אַז די 15ער קאָמיטע דערפילט איר פליכט צו די מיטגלידער פונם אַ.־ר. נאַטירלעך — זאָגט ער — מוזן זיך אייניקע טוער פילן אומבאַקוועם, אָבער דערצו האָבן זיי גאָר ניט געקענט העלפן. די אַרבעט פון קריטיק וואָס איז אייגנטלעך געווען די אַרבעט פון דער קאָמיטע איז אַזעלכע, וואָס איז טיילווייז צעשטערנד. אָבער דערצו האָבן זיי גאָר ניט געקענט העלפן.

נאָך שטיינברוקן האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט אינם נאָמען פון דער 15ער קאָמיטע א. בלאָק, דער סעקרעטאַר פון דער קאָמיטע. אין זיין באַריכט האָט בלאָק אָנגערופן נעמען פון אַלטע טוער פונם אַ.־ר. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל, אַ ליאַרם. די פאַרשיידענע צדדים האָבן זיך געשטעלט איינער קעגן אַנדערן. דער באַריכט־אָפּגעבער איז אַלע ווײַלע איבערגעריסן געוואָרן. דער נייער קלוב פון די „אַלטע" האָט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן אָנגעפירט אַן אָבסטרוקציע קעגן דעם באַריכט־אָפּגעבער. עס איז געווען אַ הייסער טאָג און די קאָנווענשאָן־קאָמיטע האָט געסערווירט די דעלעגאַטן קאַלטע פלעש־לעך סאָדע. און אַזוי שנעל ווי א. בלאָק האָט דערמאָנט אַ נאָמען פון אַן אַלטן טוער האָבן אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן גענומען קלאַפּן מיט פלעש־לעך אויף די טישן: „זאָג, וואָס האָט ער געטון". אַזוי, איז דער טומל אָנ־געגאַנגען העכער אַ שעה צייט.

דאַן האָט מאיר לאָנדאָן, דער ליגעל־אַדווייזער, זיך אַריינגעמישט, און ענדלעך איינגעשטילט די דעלעגאַטן. ער האָט אַנאַליזירט די גאַנצע טרוי־ריקע ווינטרויב־אַפּערע, און ער האָט פאָרגעשלאָגן אַ רעזאָלוציע: „אַז די קאָנווענשאָן דריקט אויס באַדויערן וואָס אַזאַ טראַגישער פאַל האָט געקענט פּאַסירן אינם אַ.־ר. אָבער אַזוי ווי די 15ער קאָמיטע האָט ניט געקענט גע־פינען, אַז די שולד איז פון דער פאַרוואַלטונג, דריקט די קאָנווענשאָן אויס איר צוטרוי צו די פאַרוואַלטער".

די דעבאַטע איבער דער רעזאָלוציע איז געווען אַ לאַנגע און אַ היציקע. אָבער די פראַגע איז סוף־כל־סוף איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ קאָמיטע פון פינף. נעמלעך פ. קראַנץ פון „פריינד", ס. יאַנאַס, פאָרזיצער פון דער עק־זעקוטיוו קאָמיטע; מאיר לאָנדאָן, ליגעל אַדווייזער פונם אַ.־ר.; ד. אייזנ־בערג פון לייבאָר ליצג און וויליאַם עדלין, סעקרעטאַר פונם אַ.־ר. די דאָזיקע

קאָמיטע פון פינף האָט אויסגעאַרבעט אַ רעזאָלוציע אינם גייסט, ווי לאַנ־דאָן האָט פאָרגעשלאָגן. די קאָנווענשאָן האָט נאָכן שטורם אָנגענומען די רעזאָלוציע איינשטימיק. אַזוי איז דאָס קאַפּיטל 15ער קאָמיטע געשלאָסן געוואָרן וואָס אָנבאַלאַנגט דער קאָנווענשאָן. דער באַשלוס האָט אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג פאַר דער צווייטער ברענענדיקער קאָנווענשאָן־פּראַגע : די סעקרעטאַר־פּראָבלעם.

די קאָנווענשאָן האָט נאָך אַ קורצער דעבאַטע באַשלאָסן, אויסצוויילן אַ 5ער קאָמיטע, אויסצואַרבעטן אַ רעזאָלוציע, אויסצוגלייכן דעם סיכסוך אַרום דעם גענעראַל־סעקרעטאַר. אָט איז דער טעקסט פון דער רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער קאָנווענשאָן :

> די 5ער קאָמיטע ערווילט ביי דער 14טער קאָנווענשאָן וועגן דער פראַגע פון סעקרעטאַר.
>
> אויסהערנדיק די אַלע פאַראינטערעסירטע קאָמיטעס אין דער פראַגע אין דער אָנוועזנהייט פון איין מיטגליד פון יעדער קאָמיטע, און נאָך פולער איבערלייגונג, זיינען מיר געקומען צו פאָלגענדן שלוס :
>
> אַזוי ווי די עקזעקוטיווע האָט זיך מאָראַליש פאַרפליכטעט צו העכערן די שכירות פון סעקרעטאַר, רעקאָמענדירן מיר גוט צו הייסן זייער פאַרשפּרעכן.
>
> און אַזוי ווי די קאָנסטיטושאָן האָט דאָס געמאַכט מעגלעך פאַר דער עקזעקוטיוו, קאָנטראָל־קאָמיטע און לאָאַ און קאָנסטיטושאָן־קאָמיטע אויסטייטשן זייערע רעכטע, יעדער לויט זיינע איבערצייגונגען, רעקאָמענדירן מיר דעריבער, אַז די קאָנווענשאָן זאָל פאַרלאַנגען פון דער פאַרוואַלטונגס־קאָמיטע, אויסגעוויילט ביי דער איצטיקער קאָנווענשאָן אַריינצוברענגען אַ קלאָרע רעקאָמענדאַציע וועגן די אָנשטעלונג פון באַצאָלטע בעאַמטע אין אָפּיס אין דער צוקונפט. וואָס אָנבאַלאַנגט די פעאיקייטן פון סעקרעטאַר, ווילן מיר ניט, און קענען ניט אורטיילן, ווייל מיר זיינען מיט דער אַרבעט ניט באַקאַנט".

אונטערגעשריבן פון ס. יאָנאַס, פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע, מ. אַשפּיז, פאָרזיצער פון קאָנטראָל קאָמיטע, ב. שפּינראָד, סעקרעטאַר פון לאָאַ און קאָנסטיטושאָן־קאָמיטע.

דערמיט האָט זיך דער קאַמף אַרום דעם גענעראַל־סעקרעטאַר אויך געענדיקט ביי דער 14טער קאָנווענשאָן. מיר ווילן דאָ גאַנץ אָפּנהאַרציק זאָגן אונדזער מיינונג, אַז ניט געקוקט אויף דעם וואָס די „יונגע" האָבן געהאַט אַ מערהייט ביי דער קאָנווענשאָן, האָבן אָבער די „אַלטע", וואָס האָבן

שוין געהאַט דעם אָרגאַניזירטן קלוב, קאָנטראָלירט די לאַגע, און געלייזט די פראַגן מיט וואָס וויינּיקער „בלוט פאַרגיסונג“. די שרעק און נביאות, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען פאַר דער קאָנווענשאַן, אַז ביי אָט דער 14טער קאָנווענשאַן וועט זיכער קומען צו אַ שפּאַלטונג פונם אַ.־ר., איז ניט מקוים געוואָרן. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דער אַ.־ר. איז נאָך דער קאָנווענשאַן אַרויס שטאַרקער און אַקטיווער.

עס איז געווען אַ שטאַרקער געפיל ביי אַ סך אַקטיווע אַ.־ר.־טוער, אפילו ביי אַ גרויסע צאָל „יונגע“, אַז, נאָר די סטראַטעגיק און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונם נייעם אָרגאַניזירטן „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב“, וועלכער האָט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן גענומען רעאַגירן אויף אַלע וויכטיקע אַרבעטער־רינג־פּראָבלעמען, איז דער אַ.־ר. געראַטעוועט געוואָרן פון אַ שפּאַלטונג. הגם, פאַר דער עפנטלעכקייט, האָבן די טוער פונם קלוב געלייקנט, אַז זיי טוען עפּעס וואָס ס'האָט צו טון מיט דעם אַ.־ר., אָפיציעל אָדער אומאָפיציעל.

מיר וועלן אין די ווייטערדיקע אָפּשאַצונגען, וועגן די אַקטיוויטעטן פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב“, פּרובירן קלאָר מאַכן וועגן די אַקטיוויטעטן פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב“, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס זיינען ליידער דאָ ווייניק, אָדער כמעט גאָר ניט, קיין דאָקומענטאַלע פאַרצייכנונגען פון די 50 יאָר אַקטיווער אַרבעט פון קלוב, ספּעציעל, פון דער צייט וואָס יעפּים ישורין איז געוואָרן דער אָפיציעלער טשיף פונם קלוב.

מיר וועלן זיך נעמען דאָס רעכט, בלויז פון פּערזענלעכע באַאָבאַכטונגען און פּערזענלעכע זכרונות, צו זאָגן, אַז דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב“ איז געווען ביז היינטיקן טאָג, דער פּאַקטישער שומר פון דער גאַנצקייט און זיכערקייט פונם אַ.־ר., הגם מען קען געוויסע האַנדלונגען און שטעלונגען פונם קלוב קריטיקירן און געפינען אַ סך חסרונות און פּערזענלעכע עוולות פון יחידים.

דעם גרעסטן קרעדיט און דרך־ארץ פאַרדינט דער קלוב און זיין טשיף ישורין, וואָס פונם ערשטן טאָג פון זיין גרינדונג, האָט ער אויף זיך גענומען די אויפגאַבע און די אחריות, ניט צו דערלאָזן קיין הפקרות און ניט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט מצד יחידים אָדער גרופּן וואָס דענקען, אַז זיי קענען דעם אַ.־ר. אויסניצן פאַר פּערזענלעכע צוועקן.

דער קלוב, דורך זיין טשיף, האָבן אויך פאַר אַלע יאָרן געהאַט די אויפגאַבע צוצופּאַסן דעם אַ.־ר. און זיין קאָנסטיטוציע צו דער צייט, סיי אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן אין דער אייגענער ספּערע, און אויך אין זיין אַנטיילנעמען אינם עפנטלעכן יידישן, געזעלשאַפטלעכן און פּראָגרעסיוון לעבן.

דער אַרבעטער־רינג ווערט טאַקע אָרעמער אין זיין צאָל פון מיטגלידערשאַפט, צוליב פאַרשטענדלעכע אורזאַכן, אָבער גייסטיק און אידעאיש,

איז ער איצט אַזוי פריש, ריירעוודיק און צאַפּלדיק, ווי ער איז געווען מיט 50 יאָר צוריק, און זייער אַ גרויסן חלק קרעדיט קומט טאַקע דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" און זיין פירערשאַפט, וואָס פאַרלירט ניט זיין השפעה אויף די געשעענישן פון דער אָרגאַניזאַציע.

אין די פאַרשיידענע קאַמפן וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אינם אַ.־ר., ספּעציעל ווען די קאָמוניסטישע מגיפה און וואַקכאַנאַליע האָט זיך פאַרנומען צו פאַרכאַפּן דעם אַ.־ר., אָדער לכל הפחות צו צוברעכן דעם אַ.־ר., האָט דער קלוב, דורך זיין טשיף ישורין, געהאָלפן אָנצוהאַלטן די גאַנצקייט פונם אַ.־ר. און פאַרטרייבן די קאָמוניסטן פון אונדזערע רייען. אָפיציעל איז דער קרעדיט געגאַנגען צו פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. מיר וועלן אָבער פּרובירן דערציילן אַביסל סודות וועגן דעם ענין.

נאָך דער גרינדונג פונם „קלוב" אין 1914 צעפלאַקערט זיך דער „יונגער און אַלטער" קאַמף

ווען מיר האָבן דערציילט אינם לעצטן קאַפּיטל, אַז די צוויי ברענענדיקע פראַגן, די עדלין פראַגע און דער באַריכט פון דער 15ער קאָמיטע, זיינען אויף אַ באַשיידענעם אופן געסעטלט געוואָרן ביי דער 14טער קאָנווענשאַן, האָבן מיר גלייך באַמערקט, אַז די פראַגן זיינען געסעטלט געוואָרן „ביי דער קאָנווענשאָן". יעדער מענטש וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל חוש פאַר „פּאָליטיק" און איז געווען ביי דער קאָנווענשאַן, האָט געקענט פילן, אַז ביידע פראַגן זיינען ווייט פון זיין געלייזט. די סיבות פאַרוואָס ביידע צדדים זיינען געווען אַזוי טאָלעראַנט און האָבן כמעט איינשטימיק אָנגענומען די רעזאָלוציעס פון די ספּעציעל דערוויילטע קאָמיטעען, איז געווען פּשוט דערפאַר, וואָס די „יונגע" זיינען געווען איבערראַשט און צעטומלט פון דער פּלוצימדיקער דערשיינונג פון אַן אָרגאַניזירטן כוח אין דער פאָרם פון אַן אַלטן קלוב, וואָס האָט זייער קינסטלעך און קלוג מאַנעווּרירט מיט דער סטראַטעגיע אַרום ביידע ברענענדיקע פראַגן. זיי האָבן, ווי מען זאָגט, „געקאָרנערט דעם מאַרקעט", פּשוט גערעדט זיי האָבן געוואונען די סימפּאַטיע פון די קאַונטרי־דעלעגאַטן, אָן וועמענס שטימען קיין צד האָט ניט געקענט געווינען.

אָבער אַזוי שנעל ווי די קאָנווענשאַן איז געווען פאַרענדיקט און די „יונגע" זיינען צוריקגעקומען אין ניו־יאָרק, האָבן זיי זיך „אויסגעטשוכעט" און איינגעזען די טעותן, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען ביי דער קאָנווענשאַן. זיי האָבן זיך צוריק גענומען צו דער אַרבעט, און האָבן געגרינדעט דעם

„פאַרבאַנד פון ניו־יאָרקער ברענטשעס״, און מען האָט זיך ווידער גענומען באַנוצן מיט אַלע מיטלען צו באַשמוצן די „אַלטע״ טוער אינם אַ.־ר.. מען האָט פּשוט גענומען מאַכן בילבולים אויף מענטשן. דערציילן ניט גע־שטויגענע און ניט געפלויגענע מעשׂיות. מען האָט זיך גענומען באַנוצן מיט געוויסע אויסדרוקן פונם באַריכט פון דער 15ער קאָמיטע, אין שייכות מיט דער טרויעריקער וויינטרויב־אַפערע. מען האָט אַריינגעשלעפּט נעמען פון אומשולדיקע מענטשן, אַז זיי האָבן געהאַט „אַ האַנד״ אין דער וויינטרויב־צרה. מען האָט חלילה קיינעם דירעקט נישט באַשולדיקט אין זיין שותּפים צו וויינטרויבן און זיינע מעשׂים, נאָר מען האָט געגעבן „אָנ־צוהערענישן״, אַז דער אַלטער טוער האָט זיך אָפּט געסודעט מיט וויינ־טרויבן. אַן אַנדער טוער, האָט וויינטרויבן געהאַט אָפּט צו גאַסט ביי זיך אין הויז. זיי האָבן בלויז געגעבן אָנצוהערענישן, ווי ס'האָבן געטון שפּע־טער די קאָמוניסטן און ווי עס טוען דאָס ביז היינטיקן טאָג מיאוסע פּאָ־ליטישענס און געוויסנלאָזע מענטשן, ווען זיי ווילן אָפּטויטן אַ קעגנער, בכדי צו געווינען פאַר זיך כּבוד און אָנזען. מען האָט באַשולדיקט די „אַלטע״ און ספּעציעל דעם נאָר וואָס געגרינדעטען „אַלטן קלוב״, אַז זיי ווילן פּטור ווערן פון עדלינען, ווייל ער באַלאַנגט ניט צו זייער חדר, און דער קאַמף איז געוואָרן אַ פאַרביטערטער און אָפּטמאָל אַ גאַנץ שמוציקער.

מיר ווילן ניט אַריינגיין דאָ אין צופיל איינצלהייטן און אינצידענטן, וואָס האָבן פּאַסירט אין יענער צייט פונם קאַמף, ווייל די מערסטע מענטשן וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין דער גאָרניט אַנשטענדיקער מלאכה זיי־נען שוין אויפן עולם־האמת און מיר ווילן ניט שטערן זייער רו.

איך וויל דאָ, חלילה, ניט מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער צווייטער צד, דאָס הייסט די „אַלטע״ און אַלע קלוב־אָנפירער, זיינען ביז איינעם געווען צדיקים און אומשולדיקע טייבעלעך. אַ סך פון די „אַלטע״ האָבן זיך אויך באַנוצט מיט ניט איבערקלייבערישע מיטלען און האָבן אויך געגאָסן געננוג בוימל אויפן פייער און געזען, אַז דער קאַמף זאָל זיך מער צעברענען. אָט וואָס ס'דערציילט א. ש. זאַקס אין זיין אַ.־ר. געשיכטע :

„אין זומער פון 1914, ווען די נאָכוויי־ענישן פון דער 14טער קאָנווענשאָן זיינען נאָך געווען פריש, ווען דער קאַמף פון די „יונ־גע און אַלטע״ האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ מער שאַרפן כאַ־ראַקטער, האָט ברענטש 2 אַ.־ר. אַראַנזשירט עפנטלעכע דיסקוסיע־מיטינגען וועגן דער פראַגע „וואָס ווילן די יונגע אין אַ.־ר.״, די מיטינגען זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף דער פרייער לופט אין דעם גרויסן גאָרטן פון דעם הויז, וואָס ברענטש 2 האָט דאַן געהאַט אין האַרלעם.

אויך די „יונגע" האָבן אַראַנזשירט עטלעכע אַזעלכע דיסקוס־יאָנס־מיטינגען".

אין די יאָרן 1914—1916, האָט דער קאַמף צווישן די „יונגע און אַלטע" אָנגענומען אַ שאַרפֿן פֿאַרביטערטן כאַראַקטער. קאָנפֿערענצן און מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען אַמאָל פֿון איין צד, אַמאָל פֿון צווייטן צד, פֿלעגן פֿאָר־קומען כמעט אַלע וואָך.

די „אַלטע" זיינען בכלל געווען שטאַרקער מיט זייער חזקה אויפֿן אַ.־ר. צווישן די „יונגע" זיינען געווען ענערגישע טוער, וועלכע האָבן מיט אַלע כוחות געאַרבעט צו באַזיגן די „אָלד גאַרד".

אויף דער נאָמינייישאַן־קאָנפֿערענץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 14טן פֿעברואַר 1915 אין „פֿאָרווערטס" האָל, האָבן די „אָלד גראַד" זיך צוריקגע־געצויגן און ניט גענומען אין דער פֿאַרוואַלטונג. די „יונגע" האָבן געוואונען די פֿאַרוואַלטונג פֿאַרן יאָר 1915—16.

אויף דער נאָמינייישאַן־קאָנפֿערענץ, האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן געדרוקטע צעטעלעך מיט די נעמען פֿון די קאַנדידאַטן, וועמען די „יונגע" האָבן אַרויסגעשטעלט.

די „אַלטע" האָבן די פּאַסירונג אויסגענוצט. די פֿירער פֿון דער „אָלד גאַרד" האָבן געפֿאָדערט אַן ערקלערונג פֿון פֿאַרזיצער פֿון דער קאָנפֿערענץ, ווער ס'איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די „צעטעלעך".

דער פֿאָרזיצער, מנקר, האָט זיך אַנטזאָגט צוצולאָזן אַ דיסקוסיע וועגן דער פֿראַגע. עס איז געוואָרן אַ טומל, די אַלטע האָבן פֿאַרלאָזן די קאָנפֿערענץ, און האָבן זיך ניט באַטייליקט אין שטימען דעם נאָמינייישאַן באַלאָט. דאָס איז, אגב, געווען די איינציקע קאָנפֿערענץ וואו די „יונגע" האָבן געהאַט אַ מערהייט.

די „אַלטע" האָבן גלייך נאָך דער קאָנפֿערענץ פֿאַרעפֿנטלעכט אין „פֿאָרווערטס" פֿאָלגענדן אָפֿענעם בריוו אונטער דעם קעפּל: לינקע מעטאָדן פֿון „יונגע" פֿאַרדאַמט פֿון צענדליקער דעלעגאַטן: —

„אַן דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו־קאָמיטע פֿון אַ.־ר.

מיר די אונטערגעצייכנטע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן צוליב פּראָטעסט זיך אַנטזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דעם שטימען דעם באַלאָט, ביי דער נאָמינייישאַן־קאָנפֿערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, זונטיק דעם 14טן פֿעברואַר, אין 175 איסט בראָדוויי, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט, מאָנטיק אָוונט, דעם 15 פֿעברואַר, אין 175 איסט בראָדוועי און האָבן אָנגענומען די פֿאָל־גענדע רעזאָלוציע:

אין אָנבעטראַכט, אַז דער אַרבעטער־רינג איז געבויט אויף סאָציאַ־ליסטישע יסודות, וועלכע זאָלן דינען אַלס באַווייז פֿאַר דער סאָציאַליס־

טישער וועלט, אַז אַרבעטער זיינען פעאיק צו פאַרוואַלטן זייער אָרגאַניזאַציע;

אין אָנבאַטראַכט, אַז דער אַ.־ר. נעמט אַריין אַלע פּראָגרעסיווע ריכטונגען, וועמעס צוועק עס איז אָפּצושאַפן קאַפּיטאַליסטישע געוואַלט, און אָנשטאָט דעם, איינפירן יושר און גערעכטיקייט;

אין אָנבאַטראַכט, דאָס די פּרינציפּן פון אַ.־ר. האָבן אַלע מאָל געגעבן אַ געלעגנהייט יעדן מיטגליד אַריינצוגיין אין דער פאַרוואַלטונג, ניט פּרעגנדיק אים וועגן זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, אויב זיי זיינען נאָר געווען אין איינקלאַנג מיט דעם אַלגעמיינעם גייסט פון אַרבעטערס זעלבסטשטענדיקייט און סאָלידאַריטעט;

אין אָנבאַטראַכט אַז אויף דער נאָמינייִשאָן־קאָנפערענץ, וועלכע איז גערופן געוואָרן אויסצוקלייבן קאַנדידאַטן פאַר די נעקסטע פאַרוואַלטנדע קאָמיטעס, זיינען פאַרגוואַלטיקט געוואָרן די עלעמענטאַרע רעכט פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט, צוריקווייזנדיק יעדן איינעם, וועלכער האָט נאָר געהאַט זיין פּערזענלעכע מיינונג וועגן די פאָרמען פון פאַרוואַלטונג, אָדער וועגן געוויסע אַנדערע פּרינציפּיעלע פראַגן, און דערמיט וואָס עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן פאַרטיקע געדרוקטע צעטעלעך מיט נעמען פון קאַנדידאַטן, וועלכע זיינען פון געוויסע עלעמענטן שוין פון פריער באַשטימט געוואָרן, אַז נאָר די זאָלן אַרויף אויף דעם באַלאָט, איז אָוועקגערויבט געוואָרן ביי דער ברייטער מיטגלידערשאַפט דאָס רעכט אַליין אויסצוקלייבן זייערע רעפּרעזענטאַנטן;

אין אָנבאַטראַכט, אַז געוויסע פּערזאָנען, וועמענס כלומרשטע אויפגאַבן עס זיינען איינצופירן דעמאָקראַטישע רעפאָרמען, האָבן זיך באַנוצט מיט מיטלען פון בודעל־פּאָליטיקער אויסצוקלייבן זייערע קאַנדידאַטן, און אויף אַלע פּראָטעסטן האָבן זיי געענטפערט מיט אַ מעפיסטאָפאָלישן שמייכל, אַז זיי האָבן די מערהייט, און קאָנען דעריבער טון וואָס זיי געפעלט, ניט אַכטנדיק דערויף, אויב עס איז אין איינקלאַנג מיט די טראַדיציעס פון אַרבעטער־רינג;

אין אָנבאַטראַכט, אַז די באַלאָטס פון די דעלעגאַטן וואָס האָבן יאָ געשטימט, האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג געפונען אין די הענט פון פּריוואַטע פּערזאָנען, און ניט אונטער דער אויפזיכט פון דזשענעראַל אָפיס, ווי עס האָט זיך געפירט ביי אַלע געזעצלעכע קאָנפערענצן און קאָנווענשאָנס,

איז געוואָרן באַשלאָסן, העפטיק צו פּראָטעסטירן קעגן די דאָזיקע הפקר־טאַקטיק, וועלכע ברענגט אַריין, אונטער דעם מאַנטל פון דעמאָקראַטיע, כאַאָס און צעשטערונג אין די רייען פון אַ.־ר. און מיר פאָדערן אויף, אַז די ברענטשעס זאָלן פאַרלאַנגען פון דער דזשענעראַל־עקזעקוטיוו־קאָמיטע אויסצואיבן די געזעצלעכע רעכט, אויב אַזעלכעס איז מעגלעך,

אַרויסצושיקן דעם גאַנצן באַלאָט, מיט אַלע נאָמינירטע קאַנדידאַטן צו די ברענטשעס צום אָבשטימען.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, די רעזאָלוציע צו דרוקן אין דער פּרעסע, וועלכע איז אָנערקענט געוואָרן פון דער קאָנווענשאָן. און אויך שיקן אַ קאָפּיע צו דער דזשענעראַל־עקזעקוטיוו־קאָמיטע״.

די רעזאָלוציע איז געווען אונטערשריבן פון 70 דעלעגאַטן פון 55 אַ.־ר.־ברענטשעס.

די פּראָטעסטן האָבן ניט געקאָנט האָבן קיין געזעצלעכע ווירקונג. ווייל די גאָר גרויסע צאָל דעלעגאַטן זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט, נאָכדעם ווי די 70 דעלעגאַטן האָבן פאַרלאָזן דעם האָל. און אַזוי אַרום איז די פאַרוואַלטונג פון דעם יאָר 1915—1916 געווען אין די הענט פון די „יונגע״.

עס איז אינטערעסאַנט דאָ צו דערמאָנען, אַז די פּראָטעסט־רעזאָלוציע וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט, האָט געווירקט אויף אַזוי פיל, אַז צו די נעקסטע קאָנפערענצן וועגן פאַרשיידענע נאָמינאַציעס און וואַלן, האָבן ביידע צדדים צוגעגרייט געדרוקטע צעטעלעך פון זייערע קאַנדידאַטן און זיי זיינען פריי געטיילט געוואָרן צו אַלע דעלעגאַטן.

אין אויגוסט 1914, האָט די נייע עקזעקוטיווע, צוזאַמען מיט דער קאָנטראָל־קאָמיטע, אָנגעשטעלט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַ.־ר. ד״ר פרענק ראָזענבלאַט אָנשטאָט עדלין. דאָס, פאַרשטייט זיך, האָט אַרויסגע־רופן אַ גרויסע אומצופרידנהייט אין און אַרום דער לאַגער פון די „יונגע״ און אויך פון דער 15טער קאָמיטע, זיי האָבן אין דעם געזען אַ פאַרגוואַל־דיקונג־אַקט מצד דער „אַלד גאַרד״. זיי האָבן געטענהט, אַז עדלינס געהאַלט און אַנדערע פאַרלאַנגען זיינען גוטגעהייסן געוואָרן אויף דער 14 קאָנ־ווענשאָן, און די דזשוינט־קאָמיטע, (עקזעק. און קאָנטראָל) האָבן ניט געהאַט קיין רעכט אים אָפּצוזאָגן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה מיט פּראָטעסטן, קאָנפערענצן און רעזאָלוציעס. ברענטש 50 איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געפאָ־דערט אַ רעפערענדום וועגן אַ ספּעציעלער קאָנווענשאָן.

די אַריבערגעקומענע אינטעליגענץ, האָט מער סימפּאַטיזירט מיט די „יונגע״. צווישן די אַריבערגעקומענע אינטעליגענץ און די „יונגע״ האָט געהערשט אַ קרובהשאַפט, אַ מין גייסטיקער שווייגנדער אָפּמאַך, קעגנ־זייטיק זיך צו אונטערשטיצן אין פאַרשיידענע קאַמפן. די „יונגע״ זיינען תמיד געווען מיט דער אָפּאָזיציע אין דער באַוועגונג, און האָבן געבילדעט דעם רעוואָלוציאָנערן טייל אינם אַרבעטער־רינג.

ווען מען רעדט וועגן דער אינטעליגענץ, איז אינטערעסאַנט צו דער־ציילן, אַז ווען די „יונגע״ האָבן פאַרכאַפּט די פאַרוואַלטונג, זיינען זיי

געווען זיכער, אַז זיי זיינען שוין אין „זאַטל", און זיי קענען שוין זיך פאַרנעמען מיט וויכטיקערע זאַכן אין דער באַוועגונג. האָט מען דאַן זיך צוזאַמענגערעדט, אַז דאָס וויכטיקסטע וואָס מען קען טון פאַר דער באַוועגונג איז, שאַפן אַ נייע יידישע סאָציאַליסטישע צייטונג, וואָס זאָל קענען קאָנקורירן מיטן „פאָרווערטס", וועלכן זיי האָבן באַשולדיקט אין טעראָריזירן די באַוועגונג. מער פון אַלץ, האָט די דאַמאָלסדיקע אינטעליגענץ געהאַט אַ בייז האַרץ אויף אַב. קאַהן, דעם רעדאַקטאָר פונם „פאָרווערטס". זיי האָבן אים באַשולדיקט אין אַרומרינגלען זיך מיט שרייבער וואָס טאַנצן אויף זיין שטריקל. און אַז אַן אמתער שרייבער מיט אינדעפּעדענטס, זעלבסט-רעספּעקט און אייגענער מיינונג קען ניט זיין קיין מיטאַרבעטער אינם „פאָרווערטס". איבערהויפּט האָבן אַב. קאַהנען באַשולדיקט אַזעלכע שרייבער ווי ד"ר זשיטלאָווסקי, ד"ר פאַרענבערג, א. ש. זאַקס, אַז ער איז אַן אַסימילאַטאָר, אַ שונא פון יידיש און יידישן נאַציאָנאַליזם. אַז די שרייבער פונם „פאָרווערטס" מוזן שרייבן אויף אַ מאַרק-שפּראַך, צו געפעלן ווערן דעם ניט-באַוואוסטזיניקן יידישן לייענער. און אַז די כלומרשט סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע, וואָס דער „פאָרווערטס" פּרעדיקט, איז בלויז אַ מיטל פאַר געשעפט אַלס אַ קאָנקורענץ מיט די אַנדערע יידישע צייטונגען.

זיי זיינען געווען זיכער אַז איצט, ווען די פאַרוואַלטונג פונם אַרבעטער-רינג איז אין די הענט פון די „יונגע" און ניט אונטערן איינפלוס פון „פאָרווערטס"-מענטשן, קען דאָס לייכט געטון ווערן. ב. לעוויטאַן און דייוויד אַבראַמס זיינען אַרויסגעפאָרן איבערן לאַנד אַרבעטן פאַר דער גרינדונג פון אַזאַ יידישער צייטונג. עס איז ניט מיין אויפגאַבע איצט צו דערציילן וואָס פונם גאַנצן פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט.

די שליחים זיינען צוריקגעקומען פון טור און האָבן באַריכטעט, אַז דאָס לאַנד איז באַגייסטערט פון אַזאַ אונטערנעמונג און אַז זיי האָבן געבראַכט פּלעדזשעס פאַר איבער 50 טויזנט דאָלער אַלס אַן אָנפאַנג.

זייער קאָמיטע האָט דאַן גערופן אַ מיטינג פון אַ גרעסערע צאָל „יונגע" טוער אינם אַ.־ר. און מען האָט פאַר זיי פאָרגעלייגט דעם גאַנצן פּלאַן, און ווי אַזוי דער פּלאַן קען פאַרווירקלעכט ווערן.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ביים מיטינג האָט זיך אַ צאָל אַקטיווע טוער אָפּגעזאָגט צו זיין שותפים צו אַזאַ אַרבעט. די טוער ה. בלאַק, ב. וואָלף, א. ראַפאַלאָווסקי און יעקב ראָבערטס, האָבן גלייך רעזיגנירט פון דער עקזעקוטיווע פון דער סטייט-קאָמיטע און פונם „יונגן" פאַרבאַנד און מיט זיי איז אויך אַוועק אַ גרעסערע גרופּע פון אַקטיווע טוער פון דער סטייט-קאָמיטע.

פאַרשטייט זיך, אַז פונם גאַנצן פּלאַן איז גאָר ניט געוואָרן. אָבער דער קאַמף פון „יונג" און „אַלט" האָט זיך נאָכמער צעברענט. און די נייע „יונגע" פאַרוואַלטונג האָט זיך גענומען פאַרפּאַלגן געוויסע אַלטע טוער.

די ניי־דערוויילטע עקזעקוטיווע פון די „יונגע" האָט אויסגעוויילט עדלינען אַלס פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע. און ווען עס איז געקומען אין יאַנואַר 1916, די פראַגע פון אַ גענעראַל־סעקרעטאַר, האָט די „יונגע" עקזעקוטיווע ניט אָנגעשטעלט אויף ווייטער ד"ר ראָזענבלאַטן.

דאָ איז אויסגעקומען די מעשה פון די צוויי קריסטן וואָס פלעגן זאָגן, אויב דו שלאָגסט מיין יידן וועל איך שלאָגן דיין יידן. דאָ איז פאָר־געקומען די זעלבע זאַך ווי אין אויגוסט 1914, ווען די אַלטע עקזעקוטיווע האָט ניט צוריק אָנגעשטעלט וו. עדלין. דער באַשלוס איז פון אַ סך אויס־געטייטשט געוואָרן ווי אַ נקמה־אַקט, אַז עדלין און זיינע חסידים האָבן זיך דאָ געוואָלט נוקם זיין אין ראָזענבלאַטן, פאַרוואָס ער האָט פאַרנומען עדלינס פּלאַץ.

מען האָט באַשולדיקט די „יונגע", אַז זיי טרייבן אַ „פּערזענלעכע" פּאָליטיק. דאָס האָט אַרויסגערופן קעגן זיי שטאַרקע פּראָטעסטן, און ביי דער נאָמינייישאָן־קאָנפערענץ צו נאָמינירן קאַנדידאַטן פאָר דער פאַרוואַל־טונג, זיינען אַלע „יונגע" דורכגעפאַלן אַ חוץ א. ש. זאַקס, וועלכער איז געווען אין דער „יונגער" פאַרוואַלטונג דער פאָרזיצער פון דער עדיוקיי־שיאָנאַל־קאָמיטע.

עס מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז מיט דער פּערזענלעכער פּאָליטיק פון דער יונגער פאַרוואַלטונג, זיינען אַ היפּשע צאָל „יונגע" ניט געווען צופרידן. און האָבן זיך צוריקגעצויגן פונם קאַמף.

די „יונגע" האָבן אָבער זייער וואָפן ניט אַוועקגעלייגט. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיי האָבן פאַרלוירן די פאַרוואַלטונג. זיי האָבן פאָרטגע־זעצט דעם קאַמף מיט מער ענערגיע און פאַרביסנקייט. און זיך געגרייט צו דער 15טער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ צו קענען באַזיגן די „אַלד־גאַרד".

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" ווערט אַ שטאַרקער כוח אין אַ.־ר.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז ערב דער 14טער קאָנווענשאָן, איז דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" געבוירן געוואָרן. און אָט איז אַ קאָפּיע פונם ערשטן פּראָטאָקאָל פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

מיר מוזן מודה זיין, אַז דער שרייבער פונם פּראָטאָקאָל, האָט זייער אָרעם און מאָגער, איבערגעגעבן די גרונד־פּרינציפּן, פאַר וועלכע דער קלוב האָט זיך געגרינדעט. אָדער אפשר איז דאָס ניט דעם סעקרעטאַרס שולד. די גרינדער פונם קלוב — און דאָס איז טיילווייז אמת ביזן הייג־טיקן טאָג — האָבן פונם ערשטן טאָג פון דער גרינדונג פונם קלוב, גע־וואָלט מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער קלוב באַשטייט עפּעס פון אַ מיס־טעריעזער גרופּע טוער פונם אַ.־ר. וואָס איז געשאַפן געוואָרן בסוד־סודות, צו טון אַרבעט, וואָס ניט יעדער פּראָסטער חי־וקים איז ראוי צו וויסן. אין דער עפנטלעכקייט, פאַר דער וועלט, פּרובירט יעדער קלוב־טוער און פירער מאַכן דעם איינדרוק און טאַקע לאָזן אַלעמען וויסן, אַז דער קלוב האָט זיך געגרינדעט פאַר איין צוועק, אָנצוהאַלטן און צעמענטירן „פריינטשאַפט" צווישן די אַ.־ר. טוער און פריינט, אַז די אמתע אויפגאַבע פונם קלוב איז, צו האַלטן צוזאַמען די „פריינט" דורך אָרגאַניזירן אָפטע „הוליאַנקעס" און באַנקעטן. איינמאָל אַ יאָר, צוזאַמענברענגען די גאַנצע קלוב־משפּחה פונם גאַנצן לאַנד, אונטער איין דאַך, און זיך פריי און אויפריכטיק אַמוזירן ביזן ווייסן טאָג אַריין.

ביי יעדער געלעגנהייט, איז יעדער פירער גרייט צו שווערן ביי „באָרד און פּיאות", אַז דער קלוב, איז ריין פון פּאָליטיק, אַז פּאָליטיק איז ביים קלוב טריף ווי חזיר. און טאַקע אויף אַזאַ אופן און טאָן איז געשריבן געוואָרן דער ערשטער פּראָטאָקאָל.

אונדזער ערשטער פּראָטאָקאָל:

אַפּריל, דעם 19טן 1914.

מיר די אונטערגעצייכנטע, פאַרזאַמלט היינט, זונטאָג דעם 19טן אַפּריל 1914, ביי פריינד ב. שפּינראָד, 1524 שאַרלאָט סטריט, בראָנקס, ניו־יאָרק, פאַר דעם צוועק צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציאָן פון די טעטיקסטע און אַלטע איבערגעגעבענע פריינד, וועלכע זיי־נען דורכן אַ.־ר. פאַראייניקט געוואָרן אַלס די איבערגעבענסטע פריינד אין דעם ריכטיקן זינען פונם וואָרט, וואָס „פריינד" בע־דייטעט.

מיר באַצוועקן מיט דיזע געשריבענע צייל אין קורצן פאַר־לויפיק פעסט צו שטעלן, די גרויסע נויטווענדיקייט פון דיזער נייער געגרינדעטער אָרגאַניזאַציאָן. וואָס אירע מאָטיוון זיינען און וואָס דאַרפן זיך אין דער צוקונפט אויסאַרבעטן.

מיט אייניקע פּונקטן, וועלכע וועלן היינט אָנגענומען ווערן וויל מיר עס זאָל בלייבן אַלס אָנדענקונג פאַר די שפּעטערדיקע

אַנטוויקלונג און טעטיקייט וואָס דיזע אָרגאַניזאַציאָן וועט אַריינ־ברענגען אין לעבן. און ניט נאָר זיינען די וואָס זיינען אונטער־געשריבן דאָ אין גאַנצן די גרינדער פון דיזען פערבאַנד, נאָר פילע פון די באַליבסטע און איבערגעבנסטע מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג איבערן גאַנצן לאַנד זיינען שוין אַריינגעטראָטן צוזאַמען מיט אונדז אַלעמען.

די נעמען פון די גרינדער פון ניו־יאָרקער אָפּטיילונג: ש. בול־גאַטש, ס. וואָלאָס, ה. אַלפּערט, פ. לעווין, לואיס זאַץ, ש. סאַוויצקי, ב. וואָלאָוויטש, דזשוליוס באַקסט, אַ. עפּשטיין, נ. פּילאַט, ה. אַנאַ־פּאָל, ה. האָכמאַן, נ. פריימאַן, ה. סעגאַלאָוויטש, דזש. ראָטמאַן, דזש. וויינבערג, ב. פרישוואַסער, נ. פיינערמאַן, ס. גודעלמאַן, ב. שפּינראָד, ה. גאָלדין, ר. קורהאַן.

פון די אַלע אונטערגעשריבענע גרינדער־מיטגלידער פונם קלוב פונם יאָר 1914, איז לויט ווי מיר איז באַקאַנט, ליידער ניטאָ מער ווי איינער וואָס לעבט נאָך היינט. און דאָס איז ר. קורהאַן. אָבער ער איז אַרויס פון אַ.־ר. מיט פיל צענדליקער יאָר צוריק, און מיר קענען פון אים קיין אינפאָרמאַציע וועגן ערשטן מיטינג ניט קריגן.

אגב, וויל איך דאָ מאַכן אַ שטיקל פּערזענלעכע דערקלערונג. איך בין געווען זייער אַקטיוו אין דער „יונגער" באַוועגונג פונם יאָר 1908. איך בין געווען סעקרעטאַר פון דער סטייט־קאָמיטע פאַר אַ צייט. אָבער אַזוי שנעל ווי די „יונגע" האָבן זיך פאַרנומען צו גרינדן אַן אָפּאָזיציע־צייטונג קעגן „פאָרווערטס", בין איך אַוועק פון דער אַקטיוויטעט פונם אַ.־ר. אויף עטלעכע יאָר. איך בין אַלעמאָל געווען אַ הייסער חסיד פונם „פאָרווערטס". ווי אַן אַקטיווער טוער פון מיין יוניאָן, האָב איך געגלויבט, אַז דער „פאָרווערטס" העלפט בויען די טרייד־יוניאָן־באַוועגונג — און איך בין געבליבן אַן אמתער „פאָרווערטס"־מענטש ביזן היינטיקן טאָג. איך וויל אויך דאָ פאַרצייכענען, אַז די סטייט־קאָמיטע האָט קיינמאָל נישט באַשלאָסן זיך אויפצוגעבן אָדער אויפצולעזן. ווי דער סעקרעטאַר פון דער סטייט־קאָמיטע, האָב איך אַ געוויסן טאָג איינגעפּאַקט די ביכער פון דער סטייט־קאָמיטע, און זיי איבערגעבן צו ב. לעוויטאַן, וואָס איז געווען פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער סטייט־קאָמיטע. קיין מיטינגען פון דער סטייט־קאָמיטע זיינען מער ניט גערופן געוואָרן. די ווייטערדיקע אַרבעט פון דער סטייט־קאָמיטע האָט איבערגענומען דער „פאַרבאַנד" פון ניו־יאָר־קער אַ.־ר.־ברענטשעס, מיט וועלכן איך האָב מער קיין שייכות ניט געהאַט.

איך בין אָבער געווען מער אָדער ווייניקער אינפאָרמירט וועגן אַלע געשעענישן און אַקטיוויטעטן פונם אַ.־ר. צוזאַמען מיט מיר אינם יוניאָן־

אָפּיס האָט געאַרבעט א. וואַליצקי, מיט וועלכן איך בין געווען נאָנט באַ־פריינדעט. וואַליצקי איז דאַן געווען זייער אַקטיוו אינם אַ.־ר. און אויך אַקטיוו אינם „פאָרווערטס״־אָפּיס און ער האָט מיך כסדר וועגן אַלץ אינ־פאָרמירט. אינם יאָר 1919 בין איך געוואָרן אַ מיטגליד אינם „פאָר־ווערטס״־אַסס׳ן, און אין 1920 בין איך געוואָרן אַ מיטגליד אינם „נאַ־ציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״. איך בין צוריק געוואָרן אַקטיוו אינם אַ.־ר. און אין 1921 בין איך געוואָרן וויים־טשערמאַן פון דער נאַציאָנאַלער עקזע־קוטיווע פונם אַ.־ר. און בין געבליבן אַקטיוו אינם אַ.־ר. אויף פאַרשיידענע געביטן.

איך מאַך די פערזענלעכע דערקלערונג דערפאַר, ווייל דאָס איז די סיבה, וואָס מיר קומט אָן אַביסל שווערלעך צו שרייבן וועגן דעם קלובס אַקטיווּיטעטן אין די ערשטע יאָרן פון זיין אַקטיוויטעט און עקזיסטענץ.

ווי איך האָב שוין אויך פריער דערקלערט, איז בכלל שווער צו שרייבן געשיכטע פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״, ווייל עס זיינען דאָ זייער ווייניק דאָקומענטן אָדער פאַרצייכנטע מאַטעריאַלן וועגן די אַקטיוויטעטן פון קלוב. עס איז ביי מיר ניט קיין ספק, אַז ס׳איז ניטאָ קיין איין אַקציע פונם אַ.־ר. וואו דער קלוב איז ניט געווען פאַרמישט אין דער אַקטיוויטעט אויף פאַר־שיידענע אופנים. ספּעציעל ווען ישורין האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פונם קלוב, איז ער געוואָרן אַ שרויף אין דער מאַשין, וואָס האָט אָנגעטריבן די אַרבעט פאַרן פּראָגרעס און עקזיסטענץ פונם אַ.־ר.

מיר ווילן דאָ דעריבער געבן דאָס וואָרט, צו עטלעכע אַקטיווע טוער פונם קלוב, און הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן וועגן דעם קלוב.

און דאָס זיינען אַרטיקלען וואָס זיינען געשריבן געוואָרן צום 10טן יובילעאום פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ אין 1924. אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע פון „דער זקן״. די אַרטיקלען זיינען ניט קיין ספּאָנטאַנע אָדער צופעליקע. מיר זיינען זיכער, אַז זיי זיינען געשריבן געוואָרן מיט ישוב הדעת און געניער נאָכטראַכטונג. אָט וואָס עס שרייבט נ. פיינערמאַן אינם צענטן יובילעאום נומער פון יאַנואַר 1924.

צען יאָר קלוב

„צען יאָר אַז דער קלוב עקזיסטירט, צען יאָר אַז מיר קומען זיך צו־נויף צוזאַמען פאַרברענגען עטלעכע טעג, באַנקעטעווען אַפּ, קיבעצן זיך דורך און צעפאַרן זיך יעדערער אין זיי שטאָט און זיין פּלאַץ, צו זיין טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג און פאַרגעסן געוויינטלעך אין גאַנצן דעם קלוב ביז קומענדן יאָר, ווען מען דאַרף זיך גרייטן ווידער צו אַ צוזאַמענפאָר. אַזוי יאָר־איין יאָר־אויס, פאַר די לעצטע 10 יאָר.

איז עס מעגלעך, אַז מענטשן ניט קיין איבעריק פֿאַרמעגלעכע, וועלן אויסגעבן שיינע עטלעכע צענדליק דאָלער, פֿאָרן פֿאַר מיילן ווייט בלויז מיטן איינציקן צוועק צו פֿאַרברענגען 3 אָדער 4 טאָג, און צו עסן אַ וועטשע־רע בציבור, אָדער ווי מען רופֿט דאָס מיטן מאָדערנעם נאָמען, צו באַנקע־טעווען מיט חברה? און — ווי אונדזערע לצים זאָגן — נאָך מיט זייערע אייגענע ווייבער. דער קלוב מוז דאָך האָבן עפּעס אַזעלכע אייגנשאַפֿטן, דורך וועלכע ער איז בכוח צו ווירקן אַזוי מאַגנעטיש אויף זיינע מיטגלידער.

דער אמת מוז דאָך צוגעגעבן ווערן, אַז אויב ס׳זיינען פֿאַראַן געוויסע מיטגלידער וועלכע זיינען גלייכגילטיק צום קלוב, זיינען אָבער אויך פֿאַראַן אַזעלכע — און ווי עס שיינט פֿיל גרעסער אין צאָל — וועמען דער קלוב איז ווירקלעך ליב און טייער. וואו ליגט דעם קלובס כוח? דורך וואָס פֿאַראַ מיטלען און מיט וואָס פֿאַראַ שם־המפֿורש ווירקט ער אויף זיינע מיט־גלידער. טייל זיינען מיט דער מיינונג, אַז דער קלוב טראָגט אַריין אַ פּאָ־ליטישן כאַראַקטער, זיי ווייזן אָן, אַז דער קלוב איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יענע שטורמדיקע טעג ווען דער קאַמף צווישן די „אַלטע״ און „יונגע״ האָט געברענט, און דערגרייכט זיין העכסטן פּלאַקער, און באַשולדיקונגען און פֿאַרלוימדונגען מצד די „יונגע״ זיינען געפֿאַלן רעכטס און לינקס אויף די קעפּ פֿון די „אַלטע״. די אַלטע האָבן געפֿילט אינסטינקטיוו, אַז זיי מוזן פֿאַראייי־ניקטערהייט זיך פֿאַרטיידיקן און אָפּוואַרפֿן די ווילדע און אומגעלומפּערטע אַטאַקעס פֿון די „יונגע״ און אויף אַזאַ אופֿן איז דאַן דער קלוב אָרגאַניזירט געוואָרן.

די דאָזיקע מיינונג איז אַ פֿאַלשע און „היסטאָריש״ ניט באַגרינדעט. דער ערשטער בריוו צו אָרגאַניזירן דעם קלוב איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 16טן מערץ 1914. אַרום דעם 4טן אַפּריל פֿון זעלבן יאָר זיינען שוין די בריוו — פֿון די מערסטע מיטגלידער צו וועמען דער בריוו איז געשיקט געוואָרן — אַריינגעקומען מיט צופֿרידנשטעלנדע ענטפֿערס. דער קאַמף צווישן די „יונגע״ און „אַלטע״ וועלכער האָט אָנגענומען — מער אָדער ווייניקער — אַ באַשטימטן כאַראַקטער, איז אויסגעבראָכן אין מאָנאַט מאַי ביי דער קאָנווענשאָן פֿון אַ.־ר. אין ניו־הייווען. די ליביעס פֿון קאַמף זיינען געצויגן געוואָרן דעם זעלבן יאָר ביי דער היסטאָרישער קאָנפֿערענץ אין דעלענסי סטריט, ס׳איז אמת, אַז נאָך פֿריער, פֿאַר דער קאָנווענשאָן האָבן זיך באַוויזן סימנים פֿון „אַלטע״ און „יונגע״, אָבער ניט פֿון אַזאַ כאַראַק־טער, אַז עס זאָל נויטיק זיין וועגן דעם צו אָרגאַניזירן אַ קלוב. ווען דער קלוב איז שוין געווען אָרגאַניזירט, איז געווען נאַטירלעך און צוועקמע־סיק מען זאָל אַרויסטרעטן ווי אַ פֿאַראייניקטע גרופּע צו באַקעמפֿן אַ קעגנערישע גרופּע.

אַנדערע ווידער מיינען, אַז דער קלוב איז אָרגאַניזירט געוואָרן מיטן

צוועק צו זיין אַ מין סאָרט „לידזשאָן" פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג און ס'איז דעריבער די פליכט פונם קלוב אַלס גאַנצן, און פון יעדן מיטגליד באַזונדער, צו זיין אויף דער וואַך און אָנהאַלטן די גאַנצקייט פון דער באַוועגונג. ספּעציעל פונם אַרבעטער־רינג. (ווייל אַלע מיטגלידער פונם קלוב מוזן דאָך זיין מיטגלידער אינם אַ.־ר.).

די מיינונג איז נאָך ווייניקער באַרעכטיקט און גרונדלאָזער ווי די ערשטע. אויב די ערשטע מיינונג האָט נאָך אַמווייניקסטנס אַביסל לאָגיק אין זיך, איז די צווייטע פּשוט אַ זינלאָזע. ניט מיר דאַרפן, ניט מיר ווילן, און ניט מיר קענען אויף זיך נעמען אַזעלכע אויפגאַבן. אונדז שיינט, אַז די וואָס האָבן דאָס געזאָגט, אָדער געשריבן, איז עס ביי זיי געווען ניט מער ווי אַ„סליפּ אָוו די טהאַנג", רייד, אומגערן, ניט איבערגעטראַכטערהייט זיך אַרויסגעכאַפּט.

טאָ וואָס זשע פאַרט שטעלט מיט זיך פאָר דער קלוב? צוליב וואָס איז ער פאָרט אָרגאַניזירט געוואָרן, און וואָס באַצוועקט ער?

אַן ענטפער אויף דער פראַגע גיט אונדז דער ערשטער בריוו, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן און פון וועלכן מיר גיבן דאָ איבער די וויכטיקסטע שטעלן. דער בריוו איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין יאָר 1914, און לייענט זיך אין טייל ווי פאָלגט:

> אין די 14 יאָר וואָס דער אַרבעטער־רינג עקזיסטירט האָבן פיל פון די אַלטע מיטגלידער איבערן לאַנד, געשלאָסן באַקאַנטשאַפט דורך קאָנווענשאַנס, קאָנפערענצן און צוזאַמענקונפטן און געוואָרן אמתע וואַרעמע פריינד, די פריינדלעכע געפילן וועלכע זיי האָבן איינער צום צווייטן, איז פון אַ העכערן סאָרט ווי ס'פילן זיך דורכשניטלעכע מיטגלידער פונם אַ.־ר. מיט דעם גרויסן וואוקס פון אָרדען איז דיזע פריינטשאַפט בטל געוואָרן.
>
> אַ סך פון די עלטערע מיטגלידער דערמאָנען נאָך איצט יענע אַלטע גוטע יאָרן און יענע טעג, ווען אַ צוזאַמענפאָר איז געווען אַ הייליקער יום־טוב און ביים פאַנאַדערפאָרן האָבן זיך געגאָסן טרערן פון די אויגן. אמתע, וואַרעמע, פריינדלעכע טרערן. יעדער „זיי־געזונט", איז אָפּגעענטפערט געוואָרן מיט אַן אמתן „פאָר־געזונט" פון וועלכן ס'האָט זיך געהערט אַ זיסער פריינדלעכער טאָן.
>
> איבערן לאַנד זיינען פאַראַן צענדליקער אַזעלכע וואַרעמע איבערגעגעבענע פריינד, וועמען ס'אינטערעסירט דער לעבן און וואוילזיין פון יעדן אַלטן פריינד. און דער פּלאַן איז, אַז אָט דיזע אַלטע טרייע וועטעראַנען פון דער אַ.־ר.־אַרמיי צוזאַמענצושטעלן

אין איין בונד און אַ שטאַרקע פעסטע, פריינדלעכע אָרגאַניזאַציע איבערן גאַנצן לאַנד.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע וועט אבסאָלוט ניט האָבן צו טון מיטן אַרבעטער־רינג אַלס אָרדען. איר איינציקע אויפגאַבע וועט נור זיין אָנצוהאַלטן און פאַרשטאַרקערן די אַלטע פריינדשאַפט פון אירע מיטגלידער.

דאָס איז דער צוועק פאַר וועלכן דער קלוב איז אָרגאַניזירט געוואָרן. האָבן מיר אונדזער צוועק דערגרייכט? איז אונדז געלונגען אָט די פריינטשאַפט וועגן וועלכער ס׳רעדט זיך אין בריוו איינצופלאַנצן אין די הערצער פון אונדזערע מיטגלידער? ביז אַ גרויסער מאָס יאָ; אָבער פולע הונדערט פראָצענט ניט.

און ס׳איז אויך ניט נויטיק. וואָלטן מיר דאָס העכסטע וואָס מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט דערגרייכט, וואָלט דאַן פאַרלאָרן געגאַנגען דער גאַנצער אינטערעס צום קלוב. ניטאָ אין אונדזער זינדיקער וועלטל קיין פאָלקאָמענהייט. יעדע זאַך מוז געמאָסטן ווערן בלויז אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ענלעכע זאַכן אָדער קעגנשטאַנדן. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ענלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר אונדזער ציל דערגרייכט. אויב מיר האָבן ניט באַוויזן, אַז אַלע אונדזערע מיטגלידער זאָלן זיך קושן אין די פיסקלעך, האָבן מיר אָבער זיי געלערנט זיך צו פאַרטראָגן און טאָלערירן. צווישן אַ צוזאַמענשטעל פון אַזוי פיל פאַרשיידנאַרטיקע כאַראַקטערן, מיט פאַרשיידנאַרטיקע טעמפּעראַמענטן, ווי עס איז צוזאַמענגעשטעלט אונדזער מיטגלידערשאַפט, איז דאָס אַ גרויסער געווינס. מיר דעראינערן זיך, אַז אינעם יאָר 1916, איז דעם דאַמאָלסדיקן „אָפּיס" אויסגעקומען שיקן ספּעציעלע בריוו, און רופן אַ ספּעציעלע זיצונג מיטן איינציקן צוועק צו ווירקן אויף געוויסע מיטגלידער זיי זאָלן זיך טאָלערירן. און אינעם יאָר 1918 איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ גרעסערער צירקולאַר וועגן דער זעלבער פראַגע צו גאַנצע 21 פון אונדזערע מיטגלידער. צו יענער צייט איז טאַקע אונדזער „סופרים קאָורט" געשאַפן געוואָרן. ווען מיר גיבן אַ קוק אויף די לעצטע 4 יאָר און באַמערקן, אַז אַזעלכע בריוו זיינען ניט נויטיק געווען, אַז אונדזער „העכסטע אינסטאַנץ" האָט קיין שטאָך אַרבעט ניט געהאַט, דערלויבן מיר זיך צו באַהויפּטן אַז מיר האָבן פאַר דער צייט זייער אַ סך געלערנט. אויב עס האָבן אפילו פּאַסירט געוויסע רייבונגען צווישן מיטגליד און מיטגליד, זיינען דאָס אָבער געווען פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער ווי מיט יאָרן צוריק, זיכער מיט פיל ווייניקער ביטערניש. דאָס זיינען געווען פּאַסירונגען וואָס קענען טרעפן צווישן די אינטימסטע פאַמיליעס; קיין אויבערמענטשן זיינען מיר ניט און דאַרפן ניט שטרעבן דאָס צו ווערן. גוטע, פאַרנונפטלעכע, מענטשלעכע מענטשן — דאָס איז

וואָס מיר שטרעבן צו ווערן. מיר האָבן טאַקע אין די לעצטע עטלעכע יאָר אויף דעם געביט פיל פּראָגרעסירט. מעגן אונדזערע שונאים אויף אונדז קריצן מיט די ציינער און אונדז יעדן מאָל אונטערוואַרפן אַ נייעם „ממזר״, מיר לאַכן פון זייערע קעפּ, און מעגן מאַנכע פון אונדזערע פריינט זיך פריילעך מאַכן איבער דער פריינטשאַפט פון קלוב, אויב זיי קריגן ניט קיין פריינטשאַפט אין קלוב אין דער מאָס צו וועלכע — זיי דענקען — זיי זיינען באַרעכטיקט, האָבן מיר מורא, אַז ס׳איז מער זייער שולד ווי דעם קלובס. זאָלן זיי זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון אָדער אַ חשבון־הנפש. זאָלן זיי זייערע מעשים אונטערזוכן. זיינען זיי ניט מסוגל דערצו, ניט גענוג דער־וואַקסן, ווייל פריינטשאַפט און ליבע איז קעגנזייטיק און קען צו אָרדער ניט געשאַפן ווערן. דער קלוב ווי אַ גאַנצער האָט זיך אָנגעצייכנט זיין וועג, און גייט מיט ריזיקע שריט פאָרווערטס. מיר זיינען זיכער, אַז אויב איצט קענען מיר נאָך ניט ווי געהעריק אָפּשאַצן די פאַרדינסטן פון קלוב וועלן מיר אָבער מיט יאָרן שפּעטער, ווען מיר וועלן עלטער ווערן, און וואַרשיינלעך אויך קלוגער ווערן, ערשט דאַן אָפּשאַצן די אמתע ווערט פונם קלוב און בענטשן די איניציאַטאָרן און זיינע באַשעפער. אונדזער וואונטש צו אַלע קאָלעגן איז: צו דערלעבן פייערן דעם 20 יאָריקן יובילעאום, און זיין פעאיק גענוג אָפּצושאַצן די ווערט פון אמתער פריינטשאַפט״.

מיר גלויבן ניט אויב דער אַרטיקל דאַרף וועלכע ניט איז פאַרטייטשונג, אָדער קאָמענטאַרן. עס איז אַן אמתדיק בילד פון אַ באַנטן טוער פונם קלוב, און מען קען פון אים אַ סך לערנען.

איצט אַ צווייטער אַרטיקל פון אַ צוויטן קלוב־טוער, פון וועלכן מ׳קען אויך אַ סך לערנען וועגן די אויפגאַבן און פּרינציפּן פונם „נאַציאָנאַלן סאָ־ציאַלן קלוב״, און פונם „זקן״, פון 1924, געשריבן פון איזידאָר קאָהען, איינער פון די טיכטיקסטע קלוב מיטגלידער.

ווער זיינען מיר און וואָס ווילן מיר

„מיר זיינען ניט מער און ניט ווייניקער, מיט דעם אויסנאַם פון עטלעכע צעקראָכענע נשמות און זויערע לונג און לעבערס, אַ „באַנטש״ איינפאַכע בשר־ודמס, פּשוטע הי־וקימס, וועלכע האָבן ליב אַ גוטן וויץ, און פון צייט צו צייט אַ „לעב״ טון אויף אַ היימישן געזעלשאַפטלעכן שטייגער. מיר מישן זיך „אָפיציעל״ ניט חלילה אין פּאָליטיקס און מיר זאָגן ניט קיין דעה אין „הימל־שפּאַלטנדע״ פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר זיי־נען חלילה גאָט די נשמה שולדיק. פאַרקערט, דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ איז, אָדער דאַרף זיין, אַ מין קאַלטער „טוש״ פאַר די שוין צו אָפּט צעהיצטע מוחות אַביסל זיי אָפּצוקילן, און אַ פּלאַץ פאַר די דאָזיקע פאַר־

שוינען זיך אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון, אַז נאָך אַלעמען לוינט זיך ניט צו שאַפֿן פּערזענלעכע שונאים צוליב עולם־הבא זאַכן.

וואָס ווילן מיר? מיר ווילן גאָרנישט! אידיאָטן מיט צעקרומטע מוחות זיינען אונדז חושד אין אַלדאָס בייז. מיר האָבן שוין אפילו געהאַט די פּאַר־דאַמטע ערע עטלעכע מאָל דערמאָנט צו ווערן לגנאי אין דעם שרצים־בלעטל, און וואָס האָבן זיי אויף אונדז ניט געזאָגט? זיי האָבן אונדז פּאַר אַ שרעקלעכע אומזעבאַרע מאַכט פאַרגעשטעלט, עפּעס אַ מין „קאַמאַרילאַ", נאַטירלעך האָבן זיי דאָס געצונצט פּאַר אַ מין גיפטיקע שפּייז פאַר זייערע נאַרישע נאָכשלעפּערס, און דאָס האָט אונדז פאַרשאַפט אַ סך שפּאַס. אָבער אין דער אמתן איז דאָך דאָס אַ בלוט־בילבול. וואָס מיר ווילן טאַקע, איז, נאָר אַמאָל האָבן צייט פאַר זיך און אַ פּלאַץ וואו צו פאַרגעסן אָן דעם באַוועגונגס־טומל און לעבן ווי איינפאַכע מענטשן, ווי מענטשן אָן פּרעטענ־זיעס דאַרפן לעבן. אין דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" זוכן מיר דאָס צו געפינען. אויב מיר האָבן שוין דאָס געפונען איז נאָך אַ פראַגע. מיר האָבן ביי אונדז אַליין אויך עטלעכע... אָבער דאָך האָבן מיר זיי ליב, ווייל זיי זיינען און בלייבן דאָך אונדזערע... דאָך אויסגעפּרוווטע, נאָך אין רינ־שטאָק ניט אַריינגעצויגן און וועלן ניט אַריינגעצויגן ווערן. פּאָרט קרובים פון דער אייגענער משפּחה, און ווי קרובים קענען מיר דאָך זיך אַלעמאָל איבערבעטן.

צען יאָר עקזיסטענץ פון קלוב און וואָס? דאַכט זיך גאָר ניט, אָבער דאָך אַ סך. פאַר טייל ניט מער ווי אַ שיינע שפּיל; פאַר אַנדערע אָבער אַ נויטווענדיקייט; פאַר ווען בלויז אַ גייסטיקע נויטווענדיקייט, און פאַר ווען אַ גייסטיקע און אויך אַ נוצבאַרע. די פאַרבינדונג פון צען יאָר צו־ריק האָט זיכער געלאָזן אַ סך גוטע שפּורן הינטער זיך. אַ סך גליקלעכע מאָמענטן האָבן מיר צו פאַרצייכענען. אַ סך פריילעכע מינוטן איבערגעלעבט. ווען מיר ריידן פון קליינע פעלערן, מוזן מיר אויך דערמאָנען דאָס גוטע וואָס איז פון קלוב און דורכן קלוב געטון געוואָרן. געוויסע פון אונדזערע מיטגלידער האָבן ביי טייל געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן זייערע ברייטע הערצער און וואַרעמע נשמות. די יעניקע וואָס האָבן גענאָסן פון דער דאָזיקער ברייטקייט און וואַרעמקייט וועלן דאָס שטענדיק געדענקען...

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס פיל וואָס האָבן געהערט פון אונדזער קלוב האָבן אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג אריינצוקומען. עפּעס איז דער קלוב פאַר דער דרויסנדיקער וועלט איינגעוויקלט אין אַ מין געהיימען שלייער, וואָס פון דרויסן קוקט דאָס אויס זעלטן אינטערעסאַנט און אָנ־ציענד. גראָדע דערפאַר איז עס אַ זאַך פאַר זיך אַליין. פּויקט ניט און אַד־ווערטייזט זיך ניט, זוכט ניט קיין פּובליסיטי. און שטופּט זיך ניט אינם פּראָנט, דערפאַר טאַקע קוקט דער קלוב אויס ווי אַ רעטעניש פאַר דעם

זייטיקן. און דעריבער איז דער פאַרלאַנג ברענענדער זיך אָן אים אָנצושליסן.

איך ווייס ניט און קען ניט זאָגן פאָראויס, וואָס פאַר ראָלע עס קען נאָך פּילייכט אויסקומען דעם קלוב צו שפּילן אין דער צוקונפט. אַן אָרגאַניזאַציע וואָס באַשטייט פון אַלטע אויסגעפּרוווטע פּראַקטישע טוער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, קען, מעג, און וועט נאָך אַמאָל מוזן זאָגן איר וואָרט ווען עס וועט נויטיק זיין. מענטשן מיט דערפאַרונג וועלן נאָך דאַרפן אַמאָל זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט האָבן אַ „גוד־טיים" און אַ וויציק לידל...

עס קען נאָך אַמאָל אונדז אויסקומען עפּעס וויכטיקעס צו טון. און דערפאַר באַטאָן איך אַזוי שטאַרק ווי מעגלעך און חזר איבער מיין אַלטן פאַרלאַנג, אַז מיר זאָלן אַביסל לויז מאַכן אונדזער טיר, און אַריינגעמען צו אונדז נאָך מיטגלידער, אונדזערע סודות וועלן זיי ניט פאַרכאַפּן און נוצן פון זיי קענען מיר האָבן. זאָל דאָס זיין אונדזער מאַניפעסט צו אונדזער צען יאָריקן יובילעאום.

און וועמען אַריינצונעמען איז דאָ; עס זיינען דאָ גענוג פּערזאָנען, וועלכע וואָלטן געווען ווינטשנסווערט צו זיין מיט אונדז. לאָמיר זיי ניט לאָזן פאַרלוירן גיין. עס איז מער ווי זיכער, אַז אַ היפּשע עטלעכע מיטגלידער פון אונדזער קלוב וואָלטן שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן פון דער באַוועגונג און אפילו פון דער עפנטלעכקייט ווען ניט דער גליקלעכער צופאַל פון דער גרינדונג פונם קלוב אין 1914. דורך דעם קלוב איז די פאַרבינדונג נענטער, די פריינטשאַפט בעסער.

און אַלעס צוזאַמען — אַ שיינע האַרמאָניע. אונדזער מאָטאָ דאַרף איצט זיין: מערער מיטגלידער. אַ גרעסערן און שענערן קלוב און בעסערע און פריינטלעכערע באַציאונגען פון איינעם צום צווייטן.

שוין די גרינדונג פון אונדזער ליידיס־אוקזיליערי באַווייזט, אַז מיר זיינען באַרעכטיקט צו אונדזער עקזיסטענץ. פאַר די פרויען פון אונדזערע מיטגלידער האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט. די אייביק פאַריאָגטע און פאַרהאָרעוועטע וייב, מוטער און שקלאַפין פון קיך, וועלכע קען גאַנץ אָפט ניט געניסן די ברייטע און פולע פרייהייט, וואָס דער מאַן האָט, אָדער דערלויבט זיך צו האָבן. פאַר זיי, די פרויען פון אונדזערע מיטגלידער, וועלכע געניסן זאָגאַר ניט דעם פאַרגעניגן וואָס פרויען פון רעליגיעז־געשטימטע מענער האָבן. דעם פאַרגעניגן פון שבת, יום־טוב, שול,שמחות א. אַ.וו. פאַר זיי, זאָג איך, איז דער קלוב ווירקלעך אַן אמתער עונג־רוחני, דער אמתער גליק וואָס באַהערשט זיי. ווען מען נעמט זיך גרייטן צום צוזאַמענפאָר, ווער איז דאַן זייער גלייכן. מיט וואָס פאַר אַן ערנסטקייט און פאַרגעניגן עס זיינען פאַרבונדן זייערע מיטינגען און סתם די ברייטע באַקאַנטשאַפט. און די איבערגעבנהייט פון איינער צו דער אַנדערער. ווער קען אָפּשאַצן דעם פאַרגעניגן פון אַ אינטעליגענטער פרוי (אונדזערע פרויען מוזן דאָך זיין אינטע־

ליגענטע), ווען זי קען זיך טרעפן אָפּט מיט אַנדערע פריינדינס און ריידן אַ ניי וואָרט, אויסער מיט די שטענדיקע ווייבער יעדן פרימאָרגן אין גראָ־סערי־סטאָר, אין בוטשער־שאָפּ, וועלכע טרייבן די זעלבע רכילות טאָג־איין־טאָג־אויס. וואָס מיר זאָלן ניט זאָגן אויף דער לײדיס־אויקזעלערי, איין זאַך איז ביז היינט זיכער, אַז צווישן זייערע באַאַמטע איז נאָך פּאָרלויפיק ניטאָ אַזאַ זאַך ווי „טשיף; דזשאַדזש" און „קאָורט אָוו אַפּיעלס", זיי קריגן זיך ניט, זיי זיינען מיט אַלץ צופרידן, און זיי זאָגן, אַז ביז וואַנען, עס וועט קומען די צייט, ווען עס וועלן נאָמינירט ווערן 30 פרויען פאַר דער גענעראַל־עקזעקוטיוו באָארד פון אַ.־ר. און אַמווייניקסטנס אַ העלפט פרויען פון אַלע דעלעגאַטן צו אַ קאָנווענשאָן פון אַ.־ר., ביז יענער צייט, זאָגן זיי, קענען זיי נאָך לעבן בשלום צווישן זיך.

עס איז באמת אַ ווירקלעכער יום־טוב, נאָך 10 יאָר זיך אָפּגעטומלט אויף דער זינדיקער וועלטל; צען יאָר עלטער געוואָרן. זיינען מיר אויך קליגער אָדער נאַרישער געוואָרן? דאָס זאָלן אַנדערע אורטיילן. לאַנגע יאָרן דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב".

נאָך איין אַרטיקל וועלן מיר דאָ איבערגעבן, בכדי צו שאַפן אַ בילד, פון דריי אַקטיוועך טוער פונם קלוב, נאָכדעם ווי דער קלוב האָט שוין עקזיס־טירט 10 יאָר. דאָס איז אַן אַרטיקל פון שבתי בולגאַטש.

אונדזער קלוב

עס איז די פליכט פון מענטשן זיך צו פאַרטראַכטן און אָפּשאַצן די טעטיקייט פון אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שפּילן אַ ראָלע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. כאָטש אונדזער קלוב, דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב", איז אָפּי־ציעל ניט פאַרבונדן מיט וועלכן ניט איז טייל פון וועלכער באַוועגונג, וועט עס דאָך ניט זיין איבעריק צו געבן אַ בליק אויף אונדזער פאַרגאַנגענהייט כדי צו זען, וואָס פאַר אַ ראָלע מיר האָבן ביז איצט געשפּילט, און מיט וואָס מיר האָבן זיך באַשעפטיקט די גאַנצע צען יאָר פון אונדזער עקזיסטענץ.

יעדע אָרגאַניזאַציע, יעדע פאַראייניקונג פון מענטשן האָט אַ געוויסן צוועק, אַ געוויסע אויפגאַבע אין לעבן, און ס'איז ווינשענסווערט, אַז אונ־דזערע מיטגלידער, וויניקסטנס אונדזערע פריינט, זאָלן וויסן וואָס ס'האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט. פאַרוואָס זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען, און וואָס האָט אונדז צוזאַמענגעהאַלטן אין דעם קלוב.

די געשיכטע אין קורצן איז אַזאַ:

מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט מיט דעם צוועק, צוזאַמענצוברענגען און צוזאַמענצוהאַלטן די פאַרשיידענע מיטגלידער, וואָס זיינען געווען, און זיינען אויך איצט טעטיק אין דער אָדער יענער טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג,

ספעציעל אין אַרבעטער־רינג. געטון האָבן מיר עס דערפאַר, ווייל די דער־פאַרונג האָט אונדז באַוויזן, אַז די טעטיקע עלעמענטן, די אמתע טוער פון אַרבעטער־רינג, האָבן שטענדיק צוזאַמען געבויט, צוזאַמען געאַרבעט, צו־זאַמען געאָפּפערט און צוזאַמען געטראָגן די לאַסט פון טעטיקייט. די פליכט פון בויען דעם שיינעם טעמפּל פון פרייד און פרידן, פון ליבע און פריינט־שאַפט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַרבעטער־רינג און אַנדערע טיילן פון דער באַוועגונג.

יע! מיר האָבן אויך שטענדיק צוזאַמען אַטאַקירט דעם שונא.

מיר האָבן זיך אָבער קיינמאָל צוזאַמען ניט פאַרטיידיקט, קיינמאָל צו־זאַמען ניט געלעבט. און זיך אויך קיינמאָל איינע מיט די אַנדערע ניט אינטערעסירט. באַזויפן מיט דעם דערפאָלג פון אונדזער אַרבעט, האָבן מיר פאַרגעסן אונדזערע פאַרוואונדעטע צו העלפן און די געפאַלענע צו הויבן. אונדזער לעבן איז חוץ דעם קאַמף, וועלכן מיר האָבן געפירט פאַר דעם אַרבעטער־רינג, שטענדיק געווען וואָכעדיק און ניט אינטערעסאַנט. נו, זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען און באַשלאָסן צו שאַפן אַ ווינקל, אין וועלכן מיר וועלן זיך פון צייט צו צייט קענען צוזאַמענקומען און צוזאַמען פאַר־ברענגען; צוזאַמען לעבן און ווען נויטיק טאַקע אויך צוזאַמען צוריקשטויסן די פאַרלוימדונגען פון די טונקעלע פאַרשוינען וועלכע שפּילן אַ פאַלשע ראָלע אין אונדזער באַוועגונג.

מיר האָבן זיך פאַראייניקט, כדי צו האָבן אַ פּלאַץ, וואו מיר און אונ־דזערע פאַמיליעס זאָלן זיך קענען צוזאַמענטרעפן; זיך קענען באַפריינדן איינע מיט אַנדערע און געמיינשאַפטלעך קענען געניסן דעם פאַרגעניגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיט צען יאָר צוריק האָבן אייניקע פון אונדז געלייגט דעם ווינקלשטיין אין דעם „סאָציאַלן קלוב". היינט, מיט צען יאָר שפּעטער, קענען מיר זיך גראַטולירן מיט דעם דערפאָלג, וועלכן מיר האָבן געהאַט. מיט אַ געפיל פון פרייד און פאַרגעניגן באַגעגענען מיר דעם צענטן יערלעכן צוזאַמענפאָר, וועלכער פאַרנעמט ביי אונדז דעם פּלאַץ פון איינעם פון די שענסטע יום־טובים אין אונדזער לעבן. און אויב אַפילו געוויסע פון אונדז האָבן אין דעם קלוב ניט געפונען אַלץ וואָס זיי האָבן געזוכט, מעגן מיר אויך זיין צופרידן, ווייל עס איז זיכער, אַז מיר האָבן מיטן קלוב פיל בעסער גע־לעבט ווי אָן אים.

מעגלעך, אַז ניט אַלעמען האָבן מיר אַלע מאָל צופרידן געשטעלט. (איך אַליין טראָג זיך אַרום מיט אַ שיין פּעקל קריוודעס). דאָס ענדערט אָבער ניט דעם פאַקט, אַז מיר האָבן פיל, פיל מאָל דורך דעם קלוב, אונדזער קאַלטן אומעטיקן לעבן, געמאַכט וואַרעם און פריילעך. איינציקע

קריוודעס פון פערזאָנען קענען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן ניט שפּילן די הויפּט ראָלע. עס איז די אַלגעמיינע טעטיקייט מיט וועלכע מיר מוזן זיך רעכענען, און אַזוי לאַנג ווען מענטשן זיינען ערנסט, און אויפריכטיק אין זייער אַרבעט, מוזן מיר זיי העלפן. און זאָלן מיר עס מאַכן פאַר אונדזער אויפגאַבע צו זען און צו ווירקן, אַז פעלערן זאָלן ווי וויית מעגלעך פאַר־מידן ווערן.

זאָלן אונדזערע האַנדלונגען שטענדיק זיין אין איינקלאַנג מיט אונדזער גלויבן. ס׳איז ניט נויטיק צו שפּילן די ראָלע פון הייליקע, מיר דאַרפן זיך ניט נודען מיט קיין קאַלטע תפילות, ווייל זיי האָבן ניט קיין שום באַ־דייטונג אין אמתן לעבן. די וואָס רייבן זיך שטענדיק די הענט און גלאָנצן מיט די אויגן צום הימל, שפּילן געוויינטלעך אַ פאַלשע ראָלע. מיר דאַרפן זיין מענטשלעך אין אונדזערע האַנדלונגען, און זען אַז דער באַגריף פון יושר זאָל שטענדיק הערשן אין אונזער קלוב״.

* * *

עס איז אונדזער ערנסטע איבערצייגונג, אַז אין די 3 בריוו אָדער אַרטיקלען, וואָס מיר האָבן פאַרעפנטלעכט, גיבן אַן אמתן באַגריף, ווי פאַרשיידענע מענטשן, מיטגלידער פונם קלוב, האָבן יעדער, אויף זיין אופן, אויסגעטייטשט דעם אמתן זין, און נויטיקייט פאַר דער עקזיסטענץ פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״.

די 15טע אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן (שיקאַגאָ)

די 15טע אַ.־ר. קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ פון 2טן ביזן 8טן מאַי 1915. דאָס איז געווען די 2טע קאָנווענשאָן וואו די „יונגע״ זיינען געקומען פנים־אל־פנים מיט אַ שטאַרקע אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע.

און אויב ביי דער ניו־הייווענער 14טער קאָנווענשאָן האָבן די „יונגע״, וואָס האָבן געהאַט די מערהייט, לפנים געזיגט איבער די „אַלטע״, זיינען די „יונגע״ ביי דער שיקאַגער קאָנווענשאָן שוין געווען אין דער מינדערהייט, און זיינען באַזיגט געוואָרן אויף אַלע פראָנטן.

ביי דער ניו־הייווענער קאָנווענשאָן איז די עקזעקוטיוו־מאַכט, דער גע־נעראַל־סעקרעטאַר, געווען אַ „יונגער״ און די עקזעקוטיוו־קאָמיטע איז אין דער מערהייט געווען אַן „אַלטע״. די עקזעקוטיווע האָט טאַקע דעם יאָר איבערגעביטן דעם סעקרעטאַר.

אויף דער שיקאַגער קאָנווענשאַן איז די לאַגע געווען פּונקט פאַרקערט. דער גענעראַל־סעקרעטאַר איז געווען מיט די „אַלטע" און די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו־קאָמיטע, וואָס האָט געדאַרפט איבערנעמען די מאַכט גלייך נאָך דער קאָנווענשאָן איז געווען אַ „יונגע".

האָט זיך טאַקע אויף דער שיקאַגער קאָנווענשאָן געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע. די מערהייט דעלעגאַטן איז באַשטאַנען פון „אַלטע" אָבער די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, וואָס איז דערווײלט געוואָרן ביי אַ רעפערענדום, ווען זי האָט געדאַרפט אָנפאַרטרויען די פאַרוואַלטונג, איז געווען אַ „יונגע". די הערשנדע פּאַרטיי, האָט געדאַרפט באַשטעטיקן אַ רעגירונג פון דער אָפּאָזיציע־פּאַרטיי.

די קאָנווענשאָן האָט דאָס שטאַרק געפילט און האָט געזוכט אונטערצושטרייכן איר מיינונג דערמיט וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגן אַ דאַנק־רעזאָלוציע ניט פאַר אַלע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פונם פאַרגאַנגענעם יאָר, נאָר בלויז פאַר יענע, וועלכע האָבן אויסגעדריקט איר ריכטונג, אָדער וועלכע זיינען לכל־הפחות ניט געווען איינגעקשנטע „יונגע".

די קאָנווענשאָן האָט אויך אַרויסגעטראָגן אַ שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דעם „פאַרבאַנד פון ניו־יאָרקער ברענטשעס", וועמען זיי האָבן באַשולדיקט אין פאַראורזאַכן אַזאַ כאַאָס אין אונדזער אָרגאַניזאַציע און דערמיט געבראַכט שאָדן דעם דעמאָקראַטישן יסוד פון אונדזער אָרדן. עס איז געווען דער וואונטש פון דער קאָנווענשאָן, אַז אַזעלכע אומגעוואונטשענע און שעדלעכע האַנדלונגען זאָלן אין דער צוקונפט ניט פאָרקומען אין אונדזער אָרגאַניזאַציע.

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" האָט ביי דער שיקאַגער קאָנווענשאָן אַרויסגעוויזן דעם אמת קאָנטראָלירנדן כוח, ניט בלויז זיך צו פאַרטיידיקן און צוריקצושליידערן די אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען און ביל־בולים, וואָס די „יונגע" האָבן די לעצטע עטלעכע יאָרן געמאַכט קעגן דער „אָלד גאַרד", נאָר זיי זיינען געוואָרן דער אַגרעסיווער כוח, וואָס האָט ביי יעדער געלעגנהייט צוגענאָגלט די „יונגע" צו דער וואַנט און זיי ניט געלאָזט וואַרפן חשדים און אינסינואַציעס גלאַט אין דער וועלט אַריין. ווען זיי האָבן ניט געקראָגן קיין צופרידנשטעלנדיקן ענטפער האָבן זיי פון די „יונגע" געשונדן די הויט אובמרחמנותדיק.

דאָס איז געווען די סיבה וואָס די ניי־דערווײלטע פאַרוואַלטונג, וואָס איז באַשטאַנען אין גאַנצן פון „יונגע", איז אַהיימגעפאָרן מיט גאָר ניט קיין לייכט האַרץ. בלויז אויף עטלעכע שעה איז ביי דער שיקאַגער קאָנווענשאָן אָפּגעווישט געוואָרן די מחיצה פון „יונג" און „אַלט". דאָס איז געווען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער פראַגע פון פראַטערנאַל־

רייטס. עס איז פֿאָרגעקומען אַ הייסע און ליידנשאַפֿטלעכע דעבאַטע. קעגן דער איינפֿירונג פֿון רייטס זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן י. וויינבערג און אב. עפּשטיין. זיי האָבן דורך זייערע רעדעס און אַרגומענטן אויסגעדריקט דעם סענטימענט פֿון די עלטערע ברענטשעס, וועלכע האָבן מורא געהאַט, אַז די נייע סיסטעם פֿון צאָלונגען וועט פֿאַלן צו שווער אויף די עלטערע מיטגלידער.

צווישן די, וועלכע האָבן פֿאַרטיידיקט פּראָטערנאַל־רייטס, זיינען געווען דער דעמאָלסדיקער גענעראַל־סעקרעטאַר ד״ר פּ. ראָזנבלאַט, וויליאַם באַקסט און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

די דיסקוסיע אַרום דער פֿראַגע, איז געפֿירט געוואָרן זאַכלעך, רואיק און אָן יענער ביטערקייט, וועלכע מען באַגעגנט געוויינלעך צווישן צוויי קעמפֿנדע צדדים. די יידישע פּרעסע, האָט אין די נייעס, פֿון די קאָנווענ־שאָן־פֿאַרהאַנדלונגען אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ וועגן דער דעבאַטע איינצופֿירן פּראָטערנאַל־רייטס. געוויסע צייטונגען האָבן אַפֿילו אָפּגעדרוקט גרויסע טיילן פֿון די רעדעס וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן סיי פֿון די אָנהענגער, און סיי פֿון די קעגנער פֿון פּראָטערנאַל־רייטס.

דער רעזולטאַט פֿון דער אָפּשטימונג איז געווען אַ זיג פֿאַר די אָנ־הענגער פֿון דער נייער רעפֿאָרם. אַ גרויסע צאָל פֿון די דעלעגאַטן האָבן געשטימט, אַז די אָנפֿירונג פֿון פּראָטערנאַל־רייטס זאָל אָנגענומען ווערן, און די פֿראַגע זאָל גלייך געשיקט ווערן צו אַ רעפֿערענדום־אָפּשטימונג.

די צווייטע הייסע פֿראַגע וועגן גרינדן „יידישע קינדער שולן״ האָט שוין אויף דער קאָנווענשאָן אַרויסגערופֿן „הייס בלוט״. דאָ זיינען שוין די דיסקוסיעס געפֿירט געוואָרן מיט אַ מער ליידנשאַפֿטלעכן טעמפּעראַמענט, מיט מער היץ. די קעגנער פֿון יידישע שולן האָבן געטענהט, אַז דאָס איז אַ נייער מין „שאָוויניזם״ וואָס מען וויל אַריינברענגען אינם אַ.־ר. עס איז פֿאָרגעקומען אַ היציקע ווערטער־שלאַכט וואָס האָט פֿאַרנומען אַ גאַנצע זיצונג. זאָל דאָ אויך פֿאַרצייכנט ווערן, אַז אין דער פֿראַגע פֿון „יידישע קינדער שולן״ זיינען אויך די רייען פֿון „יונג״ און „אַלט״ געווען געשפּאָלטן.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די רעזאָלוציע וועגן קינדער־שולן איז ביי דער אָפּשטימונג דורך אַ „ראָל־קאָל״ דורכגעפֿאַלן מיט אַ זייער קליינער מערהייט. די שיקאַגער קאָנווענשאָן קען באַצייכנט ווערן אַלס די „פּראָטער־נאַל־רייטס״, און „יידישע קינדער־שולן״־קאָנווענשאָן. דאָ, ביי דער שיקאַגער קאָנווענשאָן, איז געלייגט געוואָרן דער פֿונדאַמענט, אויף וועלכן דער אַ.־ר. האָט דערנאָך אויפֿגעבויט און באַפֿעסטיקט סיי זיינע מאַטעריעלע, און סיי זיינע קולטורעלע אינסטיטוציעס.

ביי דער שיקאַגער קאָנווענשאָן האָט דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער

קלוב״ געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. דער קלוב האָט דאָ געהאַט אַ סטראַ־טעגישע קאָמיטע, אויך אַ פלאָר־לידער, מיט אַ שטאַרקע קאָנטראָלירטע דיסציפּלין צווישן אירע אָנהענגער. דער קלוב האָט אויך בעת דער קאָנ־ווענשאָן אין שיקאַגאָ געפייערט זיין יערלעכע עקזיסטענץ ביי אַ גרויסן באַנ־קעט, מיט אַלע קליפּערלעך. בעת פרישוואַסער האָט דאָרט אָנגעפירט מיט אַ טאַנץ־קלאַפּעריי, אַלס סימן פון אַ זיגרייכער אַרמיי. די טאַנץ־מוזיק איז פאַר אַ לאַנגער צייט געוואָרן אַ טראַדיציע ביי די קלוב־באַנקעטן.

וועגן דעם יאָר 1915—1916, אונטער דער פירערשאַפט פון דער ״יונ־גער״ פאַרוואַלטונג, וואָלט מען געקענט אָנשרייבן עטלעכע ביכער, ווייל דער גאַנצער יאָר איז אַוועק אין צו־להכעיס־פּאָליטיק. קודם כל, ווי מיר האָבן שוין פריער דערציילט, האָבן די ״יונגע״ אונטער עדלינס טשערמאַנשיפּ, אַוועקגעשיקט ד״ר פ. ראָזנבלאַט פון זיין אַמט אַלס גענעראַל־סערעטאַר און עטלעכע וואָכן פאַר דער 16טער קאָנווענשאָן האָבן זיי אָנגעשטעלט ד״ר ב. האָפמאַן (צביון) אַלס גענעראַל סעקרעטאַר. דאָס איז געווען אַ צו־להכעיס אָדער נקמה־אַקט, וואָס האָט אויפגערעגט אפילו אַ גרויסע צאָל אָנהענגער פון די ״יונגע״.

בכלל איז דעם יאָר ווייניק געטון געוואָרן אין אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט. די מיטגלידערשאַפט פונם אַ.־ר. האָבן שוין אָנגעהויבן מיד ווערן פון דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף צווישן די קעמפענדע צדדים. די ברענטשעס האָבן אָנ־געהויבן שרייבן אָפּטע בריוו, און האָבן אָנגענומען רעזאָלוציעס ביי די ברענטש־מיטינגען, אַפּעלירנדיק צו דער פאַרוואַלטונג אָפּצושטעלן דעם טומל און מחלוקות, און בעסער זיך נעמען צו טון ממשותדיקע אַרבעט לטובת דעם אַ.־ר.

דער אמת מוז געזאָגט ווערן, אַז די ״אַלטע״ זיינען זיכער ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. זיי האָבן [illegible] אויסגענוצט די געשאַפענע סיטואַציעס, אַז די ״יונגע״ עקזעקוטיווע האָט כסדר זיך געדאַרפט האַלטן אין איין פאַר־טיידיקן פאַרוואָס זיי האָבן יאָ געטון, און פאַרוואָס זיי האָבן ניט געטון.

אויף דער שיקאַגער קאָנווענשאָן האָבן שוין אָפּגעהילכט עכאָס פון די מלחמה־פראָנטן אין אייראָפּע. די קאָמוניקאַציע מיט די משפחות פון יענער זייט ים, איז כמעט ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן. די געמיטער פון די אַ.־ר.־מיטגלידער זיינען געוואָרן אָנגעצויגן. און דער קאָמפּס־לוסט אין די אייגענע רייען האָט זיך שטאַרק אָפּגעקילט.

די ״יונגע״ האָבן אָבער זייער קאַמף קעגן די ״אַלטע״ ניט אָפּגעשטעלט און זיכער ניט אויפגעגעבן. אָבער דער פייער איז שוין ווייט ניט געווען אַזוי פלאַמיק ווי אין די פריערדיקע יאָרן. די ״יונגע״ האָבן זיך דעם גאַנצן יאָר געגרייט צו דער 1916 קאָנווענשאָן, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין ברוקלין אָדער בראָנזוויל.

די היסטאָרישע 16טע קאָנוועגשאָן פון אַ.־ר. אין בראָנזוויל, די „ליקווידאַציע" פון דער „יונגער" באַוועגונג

די 16טע אַ.־ר. קאָנוועגשאָן אין בראָנזוויל איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פונם 2טן ביז דעם 8טן מאַי 1916. געעפנט די קאָנוועגשאָן האָט וויליאַם עדלין, דער דעמאָלסדיקער פּאַרזיצער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע.

דאָס איז געווען די דריטע, און טאַקע אויך די לעצטע קאָנוועגשאָן פון דעם פּעריאָד, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק דורגעפלאָכטן מיט אַלערליי סיכסוכים און פּערזענלעכע אַטאַקעס. אויף דער דאָזיקער קאָנוועגשאָן, איז דער גורל פון די „יונגע" אינם אַ.־ר. אינגאַנצן פאַרזיגלט געוואָרן.

אויף דער 14טער קאָנוועגשאָן אין ניו־הייווען האָבן די „יונגע" רעגירט, זיי האָבן געהאַט די מערהייט. אויף דער 15טער קאָנוועגשאָן אין שיקאַגאָ, זיינען זיי געווען אין אַ באַדייטנדער מינדערהייט און זיינען געשלאָגן גע־וואָרן אויף אַלע פראָנטן. אָבער זיי זיינען געווען פול מיט האָפנונג, אַז זיי וועלן צוריק געווינען זייער איינפלוס דורך דעם יאָר פאַרוואַלטונג, וואָס האָט זיי דערוואַרט. אויף דעם 16 קאָנוועגשאָן זיינען זיי געוואָרן אַראָפּ־געגנידערט צו אַ מאַכטלאָזער מינדערהייט וואָס האָט אינגאַנצן פאַרלוירן איר איינפלוס אין דער אָרגאַניזאַציע.

„די „יונגע" פאַרוואַלטונג איז אויף דער 16טער קאָנוועגשאָן געשטעלט געוואָרן אין אַ לאַגע, אַז זי האָט זיך אויף אַלע פּונקטן געמוזט פאַרטיידיקן און פאַר אַלע אירע מעשים זיך גענדאַרפט פאַרענטפערן. די וויכטיקסטע הויפּט אישוס פון דער קאָנוועגשאָן זיינען ווידער געווען די פראַגע פון אַ גע־נעראַל סעקרעטאַר און אויך דער פּונקט וואָס די „יונגע" עקזעקוטיווע האָט פאַרפעלט דורכצופירן דעם באַשלוס פון דער 15טער קאָנוועגשאָן וועגן „פראַטערנאַל־רייטס".

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָט די „יונגע" עקזעקוטיוו־קאָ־מיטע 7 וואָכן פאַר דער קאָנוועגשאָן אַוועקגעשיקט ד״ר ראָזענבלאַטן פון זיין אַמט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פונם אַ.־ר. און אויף זיין פּלאַץ אָנגעשטעלט ד״ר ב. האָפמאַן (צביון) אַלס גענעראַל סעקרעטאַר.

מיר זאָגן „אַוועקגעשיקט" ד״ר ראָזענבלאַטן, עס וואָלט געווען אַ סך ריכטיקער, ווען מיר וואָלטן געזאָגט „אַרויסגעוואָרפן" ד״ר ראָזענבלאַטן פונם אָפיס. גלייך נאָכדעם ווי די עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן אָפּזאָגן ד״ר ראָזענבלאַטן פון זיין אַמט, איז עדלין צומאָרגנס געקומען גאַנץ פרי אינם אָפיס און געענדערט די קאָמבינאַציע צום סייף, געמאַכט נייע שלעסער צו

די אָפּיס טירן, און פּשוט, מער ניט אַריינגעלאָזט ראָזענבלאַטן אינם אָפּיס. אַז דאָס איז געווען אַ פאַרביסענער נקמה־אַקט, קאָנען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין.

די נאַציאָנאַלע באָארד אָוו דירעקטאָרס, פון וועלכער יעפים ישורין איז געווען דער ניו־יאָרקער פאַרטרעטער, און אויך איר סעקרעטאַר, האָט גלייך גערופן אַ ספּעציעלן מיטינג פון דער ב. א. ד. און באַשלאָסן, אַז זי אָנערקענט ניט די דערוויילונג פון צביונען אַלס גענעראַל סעקרעטאַר און געאָרדערט די נאַציאָנאַלע־עקזעקוטיוו־קאָמיטע צוריק אָנצושטעלן פראַנק ראָזענבלאַטן ... די נאַציאָנאַלע־עקזעקוטיווע האָט אָבער געטענהט, אַז זי איז די איינציקע קערפּערשאַפט וואָס האָט דאָס רעכט אָפּצוזאָגן אָדער אָנשטעלן אַ גענעראַל־סעקרעטאַר. דערווייל איז צביון, פאַרשטייט זיך, געבליבן אין אָפּיס, ביז די פראַגע וועט געבראַכט ווערן צו דער 16טער קאָנווענשאָן.

די קאָנווענשאָן האָט פאַר זיך געהאַט אַ האַרטע נוס צו קנאַקן. ווייל וויפל די דעלעגאַטן האָבן ניט געפּילט, אַז דאָ איז באַגאַנגען געוואָרן אַ געוואַלדיקע אומרעכט און עוולה קעגן ד״ר ראָזענבלאַטן, האָבן זיי אָבער ניט געקענט פועלן און צושטימען, אַז די רעכט פון אָנשטעלן אַ גענעראַל־סעקרעטאַר זאָל צוגענומען ווערן פון דער נאַציאָנאַלער־עקזעקוטיווע און דאָס איבערגעבן צו דער באָארד אָוו דירעקטאָרס.

צביון האָט אָבער אַרויסגעהאָלפן אין דער דעליקאַטער סיטואַציע מיט דעם, וואָס ער האָט אויף דער קאָנווענשאָן רעזיגנירט אַלס גענעראַל סעקרע־טאַר. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון זעקס, (דריי פון דער נ. ע. ק. און דריי פון דער ב. א. ד.), וואָס האָט דעם סיכסוך געלייזט דורך פאָלגנדער רעזאָלוציע:

אין אָנבעטראַכט, אַז צוליב ניט קלאָרקייט אין דער קאָנ־סטיטוציע פון אַ.־ר., איז אַרויסגעקומען אַ גרויסער סיכסוך צווישן דער גענעראַל־עקזעקוטיוו־קאָמיטע און די באָארד אָוו דירעקטאָרס וועגן יוריסדיקציע, און אַז דיזער סיכסוך האָט אַרויסגערופן פיל מיספאַרשטענדענישן און לסוף אַ סך היים בלוט צווישן די פאַר־וואַלטער און די מיטגלידער פון אַ.־ר. און נעמענדיק אין אַכט, אַז די הויפּט־פראַגע וואָס האָט אַרויסגערופן דעם סיכסוך וועגן דעם סעקרעטאַר־אַמט. וועלכער איז אויסגעפילט געוואָרן פון דער גענ. עקזעק. דורך זייער דערוויילען ד״ר ב. האָפּמאַן אויף אַ יאָר צייט, 2 מאָנאַטן פאַר דער קאָנווענשאָן, געגען די פּראָטעסטן פון דער נ. ב. ד. און היות ד״ר האָפּמאַן, איינזעענדיק, אַז זיין פאַרבלייבן ווייטער אין אַמט איז אַ שטערונג צו דער אויסגלייכונג פון דעם סיכסוך און די שטרייטנדע צדדים אין דער פאַרוואַלטונג און פון

דער קאָנווענשאָן, און נעמענדיק אין אַכט, דאָס צו פאַרבלייבן ווייטער אין זיין אַמט וועט ניט טון קיין גוטעס דעם אַ.־ר. ווע־מעס גאַנצקייט איז אים טייער. און דאַרום רעזיגנירט ער פון דעם אַמט:

איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז די 16טע קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. נעמט אָן די רעזיגנאַציע פון ד״ר האָפּמאַן און דריקט אויס צופרידנקייט פאַר זיין באַלוס צו רעזיגנירן, כדי דערמיט צו העלפן מאַכן אַ סוף צו דעם טומל איבער דער פראַגע, וועלכע וועט האָפענטליך אין דער צוקונפט מער ניט אַרויפשווימען אין דער פאַרוואַלטונג פון אונדזער אָרדען.

ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, דאָס די קאָנווענשאָן אינדאָסירט אַלע פונקטן, אין וועלכע די פאַרטרעטער פון דער עקזעקוטיוו און פאַרטרעטער פון דער נ. ב. ד. האָבן זיך געאייניקט, און באַדאַנקט ביידע קאָמיטעס פאַר זייער מיה צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש וועגן אַ אָנגעוויטאַקטע פראַגע.

פאַר דער נאַציאָנאַלער עק. קאָמ.

ה. פעלדמאַן, דייוויד אייבראַמס, וויליאַם עדלין.

פאַר דער נאַצ. ב. אָוו דירעקטערס.

דזש. באָרענשטיין, ל. בענענסאָן, י. ישורין.

עדלין לייענט אויך פאָר דעם אָפּמאַך וואָס ביידע צדדים האָבן אויס־געאַרבעט צוזאַמען מיט צביונס רעזיגנאַציע, און אַז ביידע צדדים האָבן גוט־געהייסן און אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך. די קאָנווענשאָן נעמט איינשטימיק אָן אַלע רעזאָלוציעס און אָפּמאַכן פון דער געמיינשאַפטלעכער קאָמיטע. דער קאַפּיטל גענעראַל־סעקרעטאַר ווערט דאַן געשלאָסן מיט דעם, וואָס י. באַס־קין, דער אַסיסטענט־גענעראַל־סעקרעטאַר יעצט אין אָפּיס, ווערט פון דער קאָנווענשאָן דערוויילט אַלס עקטינג גענעראַל־סעקרעטאַר. אגב, איז י. באַס־קין גלייך נאָך דער קאָנווענשאָן אָנגעשטעלט געוואָרן פון דער נייער פאַר־וואַלטונג אַלס דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונם אַרבעטער־רינג, דעם אַמט וועלכן ער האָט אָנגעהאַלטן מיט כבוד ביז זיין טויט. נאָכדעם ווי די פראַגע איז געלייזט געוואָרן, האָט גענומען „האָגלען״ מיט רעזאָלוציעס קעגן דער „יונגער״ פאַרוואַלטונג. פון מילדער קריטיק ביז פאַרדאַמונגס־רעזאָלוציעס.

ספּעציעל איז די לעצטע זיצונג פון דער קאָנווענשאָן געווען אַ שטורמ־דיקע, ווען די קאָמיטע „אָן אָפיסערס רעפּאָרט״ האָט פאָרגעשלאָגן צו טאַד־לען דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע.

1) פאַר זייער האַנדלונג קעגן ד״ר ראָזענבלאַט.
2) פאַר אָנשטעלן אַ גענעראַל־סעקרעטאַר 7 וואָכן פאַר דער קאָנווענ־שאַן.
3) פאַר פאַרעפנטלעכן פאַרלוימדונגען קעגן קאַנדידאַטן צו דער פאַר־וואַלטונג.
4) אויסדרוקן אומצופרידנהייט מיט דעם טאָן אין וועלכן די עקזע־קוטיווע באַריכטן זיינען געשריבן געוואָרן.

די „יונגע״ וואָס זיינען געווען אין דער מינדערהייט האָבן ביטער גע־קעמפט קעגן דער רעזאָלוציע. זיי האָבן אַפּעלירט, אַז די קאָנווענשאָן זאָל ניט גיין אויפן רעקאָרד, אַז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו־קאָמיטע איז געטאַדלט געוואָרן — אַ זאַך וואָס איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען אויף קיין קאָנווענשאָן.

די אַלטע האָבן אָבער געהאַט די מערהייט און ביי דער אָפּשטימונג איז יעדער פונקט פון דער רעזאָלוציע אָנגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען. מיר וועלן דאָ פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל „יונגער״ און „אַלטער״ קאַמף מיט אויסצוגן פון אַן אַרטיקל פון מ. איוועסקי, וואָס איז געווען איינער פון די סעקרעטאַרן ביי דער בראָנזווילער קאָנווענשאָן. ער שרייבט:

„אין אַ געוויסן זין קען די 16טע קאָנווענשאָן אָנגערופן ווערן די ,ליקווידירנדיקע׳ קאָנווענשאָן פון דער ,יונגער׳ באַוועגונג.

ביי דער 16טער בראָנזווילער קאָנווענשאָן, איז פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן די באַוועגונג, וואָס האָט פאַר היפּשע עטלעכע יאָר געהאַלטן אין אויפרודערן די געמיטער פון די אַ.־ר.־מיט־גלידער. די באַוועגונג וואָס האָט זיך געפירט מיט טומל און פערזענלעכע אַטאַקעס. אַטאַקעס אונטערן גאַרטל. די באַוועגונג פון די אַזוי גערופענע ,יונגע׳ אינם אַ.־ר.

די „יונגע״ האָבן געהאַט אַ גאַנצן פּראָגראַם פון פאַרשפּרייטן קולטור און בילדונג צווישן די אַ.־ר.־מיטגלידער. אַ פּראָגראַם פון דערציאונג און קולטור.

אויסגעלאָזן האָט זיך אָבער אַנדערש. ווען זיי האָבן באַקומען מאַכט, האָבן זיי וועגן קולטור און בילדונג אין גאַנצן פאַרגעסן. דאָס וואָס זיי האָבן יאָ געטון איז געווען נקמה צו נעמען פון זייערע קעגנער. און ווי זאָגט זיך? „גולל אבן אליו תשוב״, ווען איינער קייקלט אַ שטיין צו טרעפן דעם שונא, קייקלט זיך דער שטיין צוריק אויף דעם, וואָס האָט דער שטיין געלאָזן אין באַ־וועגונג.

אין דער קורצער צייט וואָס די „יונגע״ האָבן געקיניגט אינם

> אָפּים, זיינען זיי באַגאַנגען טעותן, ניט פֿון פּרינציפּיעלן, נאָר פֿון פּערזענלעכן כאַראַקטער.
>
> די ,אַלטע' האָבן די פֿעלערן גוט אויסגעניצט, און טאַקע געשלאָגן פֿון דעם פּאָליטישן קאַפּיטאַל.
>
> נאָך יעדן פֿעלער פֿון דער עקזעקוטיווע פֿלעגן די ,אַלטע' צוזאַמענרופֿן פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונגען, און דאָרט פֿלעגן אָנגענומען ווערן פּראָטעסט רעזאָלוציעס. רעזאָלוציעס וואָס האָבן געהאַט אַ גוטע ווירקונג".

אויף דער קאָנווענשאָן איז אַרויסגעטראָטן עדלין מיט אַ שאַרפֿע רעדע קעגן דער ווירקונג פֿון „פֿאָרווערטס". די צייטונג האָט ער אָנגערופֿן די „כינעזישע וואַנט" פֿון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג עדלין איז דאַן געווען פֿאַרבונדן מיטן „טאָג".

די רעדע זיינע האָט געהאַט פּונקט אַ פֿאַרקערטע ווירקונג, זי האָט קיינעם ניט איבערצייגט. ווען מען האָט פֿאָרגעשלאָגן די רעזאָלוציע צו טאַדלען די עקזעקוטיווע, האָבן פֿאַר דער רעזאָלוציע געשטימט, אויך די דעלעגאַטן וואָס האָבן מיטן „פֿאָרווערטס" קיין שייכות ניט געהאַט.

די 16טע קאָנווענשאָן האָט געענדיקט אַ טרויעריקן אָבער דאָך זייער אינטערעסאַנטן פּעריאָד אינם לעבן פֿונם אַרבעטער־רינג. אַנדערע ווילן און פּרובירן פֿאַרגלייכן דעם „יונגן" קאַמף אין אַ.־ר. מיט דעם קאַמף פֿון די קאָמוניסטן אינם אַ.־ר. דאָס איז אַ געוואַלטיקער טעות און זיכער ווייט פֿון אמת. ווי מיר וועלן ווייטער פּרובירן קלאָר מאַכן, איז דער שפּעטערדיקער קאָמוניסטישער קאַמף געווען אַ געפּלאַנטע פֿאַרשווערונג צו צעברעכן דעם אַ.־ר. אויב זיי קענען אים ניט איבערנעמען פֿאַר קאָמוניסטישע צוועקן, אין דער צייט ווען די „יונגע" האָבן לכתחילה זיך אָרגאַניזירט מיט ריינע פּרינציפּיעלע צוועקן.

עס איז ביי מיר גאָר ניט קיין צווייפֿל, אַז אַ סך פֿון דער „אָלד גאַרד", וועלכע זיינען די ערשטע יאָרן געשטאַנען ביים רודער פֿון דער אָרגאַניזאַציע, האָבן אין זינען געהאַט דורכן אַ.־ר. צו קאָנקורירן מיט די עקזיסטירנדע יידישע אָרדנס אויפֿן געביט פֿון בענעפֿיטן. די „יונגע" האָבן זיכער געוועקט דעם געוויסן פֿונם אַ.־ר. און אים אַרויסגערוקט ווי אַ וועג־ווייזער פֿאַר פֿאָרשטריט און פּראָגרעס. די „יונגע" האָבן זיכער געהאָלפֿן דערנענטערן דעם אַ.־ר. צו יידישע און יידיש־געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן אַ טייל פֿונם לעבן און עקזיסטענץ פֿון דעם אַ.־ר. די צרה איז אָבער געווען, וואָס אין דער „יונגער" באַוועגונג האָבן זיך אַריינגעכאַפּט מענטשן מיט זייער באַשרענקטע אחריות און געוויסן און זיי האָבן גענומען די באַוועגונג אויסנוצן פֿאַר פּערזענלעכע צוועקן און כיבודים.

דאָס איז איצט זייער שווער צו דערקלערן שוואַרץ אויף ווייס. פּונקט

ווי עס איז שווער צו דערקלערן די אמתע ראָלע, וואָס דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" האָט געשפּילט אין דעם צונאָגלען צו דער וואַנט די אומ־פּאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן אין דער יונגער באַוועגונג.

דער קלוב האָט אויך געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע צו באַווייזן פאַר דער אַ.־ר. מיטגלידערשאַפט, אַז די מערסטע אינטעליגענטן, וואָס האָבן מיטגע־אַרבעט מיט די „יונגע", זיינען ניט געווען אויסן די טובה פונם אַ.־ר., און זיין מיטגלידערשאַפט, נאָר האָבן געוואָלט דורך דער יונגער באַוועגונג שעדיקן דעם „פאָרווערטס" מיט וועלכן זיי האָבן געהאַט פּערזענלעכע חשבו־נות. דער קלוב האָט דאָס קיינמאָל עפנטלעך ניט געקענט דערציילן. און דאָס איז זיכער אין ערגעץ ניט פאַרשריבן ווי אַזוי דער קלוב האָט אויס־געניצט די „פּראַקסי"־סיסטעם, מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט. אָדער די צענדליקער בריוו וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פונם „טשיף" כמעט וועכנטלעך צו די מיטגלידער פונם קלוב איבערן לאַנד מיט אינסטרוקציעס ווי אַזוי צו האַנדלען ביי די ברענטשעס אין פאַרשיידענע פראַגן. ספּעציעל ווען ישורין האָט איבערגענומען די פירערשאַפט און ער האָט איינגעפירט אין דער שטעל אַ כסדרדיקע קאָמוניקאַציע מיט אַלע אַקטיווע אַ.־ר.־טוער און מיטגלידער פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב".

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, די יאָרן פון קאַמף פון „יונגע און אַלטע", איז געווען אַן אינטערעסאַנטער פּעריאָד אינם לעבן פון דעם אַ.־ר. און אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטל אין דער 50 יאָריקער עקזיסטענץ פונם „נאַציאָ־נאַלן סאָציאַלן קלוב".

וואָס איז געוואָרן פון דער „יונגער" רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג

די וואָס זיינען באַקאַנט מיט רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען איבער דער וועלט, צי דאָס זיינען רעוואָלוציעס קעגן רעגירונגען, אָדער אפילו שטאַרקע אָפּאָזיציעס קעגן גרויסע אָרגאַניזאַציעס, ווייסן, אַז פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות ווערן ניט מיט איין מאָל אָפּגעטויט, זיי ווערן „באַזיגט", אָבער מיט איין מאָל ווערן זיי ניט אָפּגעווישט, פיל רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, נאָכ־דעם ווי זיי ווערן „באַזיגט", ווערן אָבער ניט די באַוועגונגען פּלוצים טויט. מערסטנס ווערן זיי „אונטערערדישע" באַוועגונגען, אָדער די אָנפירער אַנט־לויפן גאָר אין אַנדערע לענדער און פּרובירן פון דער ווייטנס נאָך אָנהאַלטן די באַוועגונג. אַ ריכטונג זאָל מיט איין מאָל אָפּשטאַרבן און ניט לאָזן נאָך זיך קיין זכר, דאָס איז אונמעגלעך. די „יונגע" באַוועגונג אינם אַ.־ר. איז אָבער נאָך די בראָנזווילער קאָנווענשאָן אַוועקגעשטאָרבן „בנשיקה", זי איז אינגאַנצן נעלם געוואָרן, עס איז פון איר קיין שריד ופליט ניט פאַרבליבן.

די מערסטע אַ.־ר. טוער ווילן דאָס אויסטייטשן, אַז דאָס איז דערפֿאַר, ווייל די „יונגע" באַוועגונג האָט לכתחילה ניט געהאַט קיין פּרינציפּן און איז ממילא געווען פֿאַראורטיילט צום טויט. איך בין ווייט ניט איינשטימיק מיט אָט דער סברא. ווי איינער, וואָס איז געווען אַ לענגערע צייט אַקטיוו אין דער „יונגער" באַוועגונג, בין איך איבערצייגט, אַז אין דעם אָנהויב פֿון דער באַוועגונג, און טאַקע אַ לענגערע צייט, איז די „יונגע" באַוועגונג באַשטאַנען פֿון אַן עכטער פּרינציפּיעלער גרופּע, וואָס האָט געהאָפּט דורכן אַ.־ר. ברענגען וויסן און קולטור צו די אימיגראַנטישע מאַסן, וועלכע זיינען געקומען אין אַמעריקע אַביסל רוי און ווייניק אַנטוויקלט. זיי האָבן געוואָלט דורכן אַ.־ר. וועקן און אויפוועקן דעם געוויסן און באַוואוסטזיין פֿון די מיטגלידער — עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, און אינטעלעקטועל.

מיר האָבן שוין פֿריער דערקלערט און מיר שטרייכן דאָ נאָכאַמאָל אונטער, אַז ליידער האָבן זיך אין דער דאָזיקער באַוועגונג אַריינגעכאַפּט פֿאַרשיידענע עלעמענטן, מענטשן וואָס האָבן געזוכט פּערזענלעכע נוצן און פּערזענלעכע חשבונות. צי דאָס זיינען געווען חשבונות פֿון דער אינטעליגענץ קעגן דעם „פּראָוועדטס", צי דאָס זיינען געווען גלאַט כּבוד־זוכער, אָדער גאָר גלאַט „קיקערס" און „קרענקס" — איז יעצט ניט וויכטיק. זיכער איז, אַז די באַוועגונג, אפשר מיט גוטע כוונות, איז אָבער אַוועק אויף שלעכטע דרכים, טאַקע דערפֿאַר, איז ווען זי איז באַזיגט געוואָרן זיינען זיך די פֿירער צעלאָפֿן ווי די מייז אין זייערע לעכער, און מען האָט פֿון זיי מער ניט געהערט. אַ סך זיינען בכלל אַוועק פֿון אַ.־ר.־אַקטיוויטעט ; אַ טייל איז אַוועק אין אָפּגעזונדערטן פּריוואַטן לעבן, אַנדערע האָבן זיך אַריינגעוואָרפֿן אין געשעפֿט. יעדנפֿאַלס — די „יונגע" באַוועגונג איז אַרונטער פֿון דער סצענע, כדי קיינמאָל זיך ניט צוריקצוקערן. אַ סך האָט אויך מיטגעהאָלפֿן דאָס וואָס דאַן איז אַמעריקע אַריין אין דער מלחמה, און מען האָט אָנגעהויבן מאָביליזירן אין דער אַרמיי די קינדער, אָדער גאָר די מיטגלידער. און כמעט יעדער אַ.־ר. מיטגליד האָט געהאַט אייגענע צרות און קאָפּדרייעניש.

אגב, איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז ס. מנקר, וועלכער איז דאַן געווען אַרום 60 יאָר אַלט און איינער פֿון די הויפּט־זיילן פֿון די „יונגע", האָט זיך פֿרייוויליק געמאָלדן אין דער אַרמיי אַלס אַ קיך־געהילף.

י. באַסקין אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר

די צייט פֿון פּייגענבוימס און ראָזענצווייגס אַדמיניסטראַציע קען ווערן כאַראַקטעריזירט ווי דער זאַמלונגס־פּעריאָד פֿונם אַ.־ר. וויינטרויב האָט דעם אַ.־ר. אַוועקגעשטעלט אויף אַ פֿעסטן פּראַקטישן פֿונדאַמענט. אונטער עדלין,

ראָזענבלאַט און צביון האָט מען זיך געטומלט; געפירט מחלוקות. טיילווייז זיינען אפשר די מחלוקות געווען פרינציפּיעלע, און זיינען געפירט געוואָרן לשם־שמים. מערסטנס אָבער זיינען די מחלוקותן געווען פּערזענלעכע וואָס האָבן געהאַט צו טון מער מיט קליינלעכע עקשנותן ווי מיט פּרינציפּן.

אַ גליק וואָס דער אַ״ר. איז שוין דאַן געווען פעסט איינגעוואָרצלט, און ברייט פאַרצווייגט. די פאַרשיידענע רייסערייען און פּאָליטישע צו להכ־עיסן האָבן אים שוין ניט געקענט שעדיקן. וואָס עס שיינט אונדז צו זיין אמת איז, אַז די דאָזיקע קאַמפן האָבן פון צייט צו צייט אָפּגעשטעלט דעם וואוקס פון מיטגלידערשאַפט אין אַ״ר.

נאָך די אַלע שטורעמס און גערודערס אין דער איבערגאַנגס־צייט, איז דער אַ״ר. צוריק געוואָרן פרישער, יינגער, לעבהאַפטיקער און ווידער־שטאַנדס־קרעפטיקער, די פּאָליטישע ווינטן האָבן פונם אַ״ר. אָפּגעריסן זיינע פוילע און צעפוילטע צווייגן. די שטורעמס האָבן פון אים אָפּגעוואַשן דעם שימל, אָבער דער שטאַם גופא אין פון דעם אַרויס געזונטער, ווי באַנייט, אָפּגעפרישט מיט אַ שטאַרקן גוף און מיט אַ ריינער נשמה.

ווען י. באַסקין האָט איבערגענומען די אַדמיניסטראַציע, איז דער אַ״ר. געווען ווי נאָך אַ קראַנקהייט; ער איז אָקאָרשט פון איר אַרויסגעקראָכן און האָט געדאַרפט און גאַנצן גענעזן ווערן. ווי געוויינלעך האָט דער אַ״ר. נאָך דער קראַנקהייט זיך געגנויטיקט אין רואיקייט, אין פאַרזיכטיקער אויפ־פּאַסונג, אַן אויפפּאַסונג, וואָס איז אָפט וויכטיקער נאָך דער קראַנקהייט, ווי אין דער צייט פון דער קראַנקהייט. אָט די אויפפּאַסונג פון דעם אַ״ר. און דער פּעריאָד פון זיין געזונט ווערן, איז אויסגעפאַלן אויפן גורל דעם סעקרעטאַר יוסף באַסקין.

אַן אינזשענער פון באַרוף, וועלכער בויט זאַכן מיט אַ מאַטעמאַטישער פאַרזיכטיקייט, האָט אויך באַסקין אין זיין אַדמיניסטראַציע געניצט מאַטע־מאַטיק. ער האָט זיך ניט געיאָגט נאָך סענסאַציע און גרויסע איבערנאַטיר־לעכע אויפטוען. פון אָנפאַנג אָן, ווען ער האָט איבערגענומען דעם אַמט, האָט ער זיך געהאַלטן אין דעם כלל, „בעסער לאַנגזאַמער, אָבער פאַרזיכטיקער". ער האָט ניט געלאָזט מאַכן קיין שריט, איידער ער איז געווען איבערצייגט, אַז אָט דער שריט איז וויכטיק און נויטיק פאַרן אַ״ר. זיין מאָטאָ איז גע־ווען דער רוסישער שפּריכוואָרט: „טישע יעדעש — דאַלשע בודיש" — „לאַנגזאַמער פאָרן — זיכערער און גיכער קומען".

אונטער פייגענבוימען און ראָזענצווייגן, איז אין אַ״ר. געווען מער „רוח־ניות". אונטער ווינטרויבן — מער „גשמיות". אונטער באַסקינען האָט דער אַ״ר. דערגרייכט די מדריגה פון גלייכגעוויכט צווישןביידע עלעמענטן, דער „גוף" און די „נשמה" האָבן זיך נאָרמאַל אַנטוויקלט צוזאַמען. דער גוף איז ניט געוואָרן צופיל משוגמדיק און די נשמה איז ניט געפלויגן צו הויך

אין די הימלען. די אַנטווילונג פונם אַ״ר. איז פאַרגעקומען האַרמאָניש. איין זייט איז ניט געוואַקסן אויפן חשבון פון דער צווייטער. דער קערפּער האָט ניט וואַכעדיק געמאַכט דעם גייסט, און דער גייסט האָט ניט אָפּגעשוואַכט דעם גוף. איין זאַך איז אונטער באַסקינס פאַרוואַלטונג געוואָרן בולט מער ווי פריער, און דאָס איז דאָס האַרץ פונם אַ״ר. דאָס קלאַפּן פון דעם גרויסן, ברייטן און פילנדיקן האַרץ פונם אַ״ר. האָט זיך אין די באַסקין־יאָרן שטאַרקער געהערט ווי פריער.

י. באַסקין האָט אויך געהאַט די מעלה וואָס ער פערזענלעך איז ניט געווען פאַרמישט אין די קאַמפן פון די פאַרשיידענע צדדים און ער האָט אַלעמען געקענט קוקן גלייך אין פנים און פאָדערן פון אַלעמען קאָאָפּעראַציע.

די רעליעף־אַרבעט פאַר די מלחמה־קרבנות דורכן פּיפּלס־רעליעף־קאָמיטעט, וואו דער אַ. ר. איז געווען דער הויפּט־טוער און דער הויפּט־געבער; די שטיצע פאַר די יידישע אימיגראַנטן דורכן „האיאַס״; הילף פאַר אַ האָספּיטאַל אין רוסלאַנד; די שטיצע פאַרן „אָרט״; פאַר די שולן אין די מלחמה־לענדער — אַט דאָס איז געטון געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס, און אויף אַן אמת שיינעם אופן אונטער באַסקינס השגחה און מיט זיין מיט־ווירקונג.

זאָל דאָ טאַקע אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אין די אַלע אַרבעטן האָט אַ סך געהאָלפן באַסקינען דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ דורך זיינע באַאַמטע.

האַנט אין האַנט מיט באַסקינען האָט געאַרבעט פ. געליבטער, דער עק־זעקוטיוו־סעקרעטאַר, וועלכער האָט פאַרמאָגט דעם נויטיקן טאַקט, געדולד און אַדמיניסטראַטיווע פעאיקייטן.

דער אַ״ר. האָט אין באַסקינען און געליבטערן געפונען אויסגעצייכנטע פאַרוואַלטערס, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס דער גענעראַל־אָפיס האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיינע מיטגלידער.

די איינציקע יאָרן פון איבערגאַנגס־צייט, די קורצטערמיניקע סעקרעטאַרן, האָבן איבערגעלאָזן ביים גרויסן עולם מיטגלידער, אַ זויערן טעם אין מויל. די כסדרדיקע מחלוקות, רייסערייען, זילזולים און אָנצוהערענישן האָבן שטאַרק דערעסן די מיטגלידערשאַפט. מען האָט געבענקט נאָך אַ ביסל פרידן, נאָך שטילקייט, נאָך רואיקייט. אַזאַ רואיקע צייט פאַר דער אַנטוויקלונג פונם אָרדן איז טאַקע געקומען נאָך דער 16טער קאָנווענשאָן.

דער שטורעם האָט אויפגעהערט; די געמיטער האָבן זיך באַרואיקט; דער כעס האָט זיך איינגעשטילט און עס איז געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד. די מיליטאַנטן פון די פאַרשיידענע „פיינטלעכע״ לאַגערן האָבן אָוועקגעלייגט זייער געווער און האָבן זיך גענומען מיט געמיינזאַמע כוחות אויסצוברייטן

די רייען פון אַ״ר. פון אויסנווייניק, און זיי באַפעסטיקן און פאַרשטאַרקן פון אינווייניק.

די ערשטע אַרבעט פון דער נייער אַדמיניסטראַציע איז געווען אַ קאַמ־פיין פאַר נייע מיטגלידער. די נ. ע. ק. האָט זיך געשטעלט פאַר איר אויפ־גאַבע צו קומען צו דער 17טער קאָנווענשאָן מיט 50 טויזנט מיטגלידער.

דער קאַמפּיין איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. אין דער צייט פון דעם קאַמפּיין זיינען אַרייגעקומען אין אַ״ר. איבער 8 טויזנט נייע מיטגלידער. אין איר ראַפּאָרט צו דער 17טער קאָנווענשאָן זאָגט די נאַציאָנאַל עקזעקוטיוו קאָמיטע:

„מיר פילן זיך באַזונדער גליקלעך צו קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, וואָס אַלע ברענטשעס, אָן אויסנאַמע, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אינם קאַמפּיין מיט אַלע זייערע כוחות, אַלטע חשבונות פון נאַרישע קרי־גערייען זיינען פאַרגעסן געוואָרן: מיינונגס־פאַרשיידנהייטן זיינען דאָ פאַרגעסן געוואָרן. און אַלע ברענטשעס האָבן זיך פאַראייניקט צו פאַרשטאַרקן אונדזער אָרדן און פאַרגרעסערן אונדזער אַרמיי.

דער דערפאָלג פון אונדזער קאַמפּיין באַשטייט ניט נאָר אין דעם צווואוקס פון מיטגלידער, — וואָס איז אַן און פאַר זיך אַ גוטער צוועק — אויך אינם אַריינברענגען אַ באַזונדערע לעבעדיקייט אין אַלע ברענטשעס, אויך אין דעם פאַראינטערעסירן די ברייטסטע מאַסן מיטן וואוילזיין פון אונדזער אָרדן״.

צו דער זעלביקער צייט האָט די לעבעדיקייט פון קאַמפּיין דערנענטערט אַלע מיטגלידער איינעם צום אַנדערן, און פאַרשטאַרקט די סאָלידאַרישע געפילן, וועלכע זיינען לעצטנס אין אַ״ר. ליידער אָפּגעקילט געוואָרן. פון אַלע שטאַנדפּונקטן איז דער קאַמפּיין געווען אַ גרויסער ערפאָלג.

דער גאַנצער אַקטיוו פונם אַ״ר. האָט זיך דאַן גענומען גרייטן צו דער 17טער קאָנווענשאָן, וואָס איז געווען אַ גרויסע קאָנווענשאָן פון איבער 700 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטראָטן 540 ברענטשעס און מער ווי 60 טויזנט מיטגלידער.

די 17טע קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין האָנטער־פוינט־פּאַ־לאַס אין ניו־יאָרק.

י. באַסקין איז אויף דער קאָנווענשאָן צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן מיט אַ באַריכט ווי דער סעקרעטאַר. אָנגעהויבן האָט באַסקין זיין רעפּעראַט מיט דעם צוזאָג, אַז ער וועט ניט מאָלן דעם אַ״ר. ניט צו העל און ניט צו שוואַרץ. נאָר ער וועט איבערגעבן די פאַקטן אַזוי ווי זיי זיינען. זיין באַ־ריכט איז באַגלייט געוואָרן מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן.

דער שלוס פון דער 17טער קאָנווענשאָן האָט כמעט ווי אָפּגעווישט די

שאַרפע ליניע, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן די 2 צדדים פאַר אַזוי פיל יאָרן.

וואָס פאַר אַן איינדרוק די 17טע קאָנווענשאָן האָט בכלל געמאַכט, איז גענוג צו ברענגען אַ פּאָר נאָטיצן פון „פריינד" (יוני 1917):

„יאָ, מיר האָבן באַוויזן, אַז מיר האָבן עפּעס געלערנט אין אונדזער נייעם פאָטערלאַנד, אַז מיר האָבן פּראָגרעסירט און אַז מיר זיינען אומשטאַנד צו קאָנטראָלירן זיך אַפילו אויף די גרעסטע אַסי־פות, און צו האַלטן זיך אין פּאַרלאַמענטאַרישע גרענעצן. אַלע פּראָ־בלעמען זיינען ערנסט און זאַכלעך פאַרהאַנדלט געוואָרן מיט פּאַר־לאַמענטאַרישער ווירדע, כמעט ווי ביי אַמעריקאַנער. די דעלעגאַטן האָבן געהאַט איינגעשטילט זייערע נערוון וואָס זיינען געווען אַזוי מוראַדיק צעשפּילט אין די לעצטע יאָרן".

די 17טע קאָנווענשאָן איז אָבער פון אַן אַנדער זייט אויך געווען אַ שטורמישע, עס איז ווידער געקומען אויף דער טאָג־אָרדנונג די פראַגע פון „פראַטערנאַל־רייטס".

די געשיכטע פון איינפירן „פראַטערנאַל־רייטס" איז אין קורצן אַזאַ: כדי צו קענען ווערן געזעצלעך אַנערקענט אין אַ צאָל שטאַטן אין אַמעריקע און קאַנאַדע, האָבן די אינשורנס־דעפּאַרטאַמענטס געפאָדערט, אַז מיר זאָלן איינפירן אַ וויסנשאַפטלעכע טאַבעלע פון צאָלונגען לויט די יאָרן, ווען דער מיטגליד איז אַריינגעקומען אין אַ.־ר. די פראַגע איז פאַר היפּשע עטלעכע יאָר דיסקוטירט געוואָרן ביי אַ צאָל קאָנווענשאָנס פון אַרבעטער־רינג. פאַר־שיידענע קאָמיטעס און עקספּערטן האָבן איבער דער פראַגע געאַרבעט עט־לעכע יאָר צייט. ביי דער 15טער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ איז נאָך אַ גרינדלעכער דעבאַטע איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן איינצופירן די רעפאָרמע און מעטאָדע פון צאָלונגען. עס איז אויך איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצושיקן די פראַגע צו אַ ספּעציעלן רעפערענדום. ביי אַ רעפערענ־דום האָבן 6485 מיטגלידער געשטימט אַנצונעמען „פראַטערנאַל־רייטס" און 4458 האָבן געשטימט קעגן. ניט געקוקט וואָס די מערהייט פון די מיטגלידער איז געווען אַ גרויסע פאַר איינפירן די נייע סיסטעם, האָט דער גרעסטער טייל פון דער דאַמאָלסדיקער „יונגע" עקזעקוטיווע אָנגעהויבן טענהן, אַז אַזוי ווי עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ נייער איינריכטונג אין אַ.־ר., וואָס איז פאַרבונדן מיט העכערן די צאָלונגען, דאַרף מען, לויט דער קאָנסטיטוציע פון אַ.־ר., האָבן דערפאַר ביים רעפערענדום אַ מערהייט פון צוויי דריטל שטימען.

די מינדערהייט פון דער עקזעקוטיווע האָט אָבער געטענהט, אַז רייטס

זיינען ניט קיין נייע איינריכטונג נאָר בלויז אַן אויסבעסערונג פון דער אַלטער סיסטעם. און ס'איז ניט נויטיק קיין צוויי דריטל שטימען.

דער סיכסוך איז פאַרשטייט זיך ניט פאַרבליבן אין די פיר ווענט פונם אָפיס פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע, נאָר איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין דרויסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער שטורעם צווישן די מיטגלידער. געוויינלעך איז די פּרינציפּיעלע פראַגע געווען אַ ביסל צוגעמישט מיט אַנדערע פּניות. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז ניט אַלע „יונגע" זיינען געווען מיט דער מערהייט, און ניט אַלע „אַלטע" זיינען געווען מיט דער מינדערהייט. גראָד די עלטסטע ברענטשעס, די הויפּט־פעסטונג פון דער „אָלד־גאַרד", די ברענטשעס 2—1, האָבן אין דעם פאַל אונטערשטיצט די „יונגע" פאַרוואַלטונג.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ לאַגע, וואָס אַזוינע „אַלטע" ווי י. וויינבערג און בולגאַטש, האָבן געדעדט פון דער זעלבער פּלאַטפאָרמע קעגן „רייטס", זייט ביי זייט מיט אַזוינע יונגע ווי ס. מנקר, אַ. ראַפּאַלאָווסקי וכדומה, די עקסטרעמען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען.

די נאַציאָנאַל באָאַרד אָוו דירעקטאָרס איז געווען קעגן דעם באַשלוס אָפּצולייגן די פראַגע, ווייל זיי האָבן אויך געהאַלטן, אַז „רייטס" איז ניט קיין נייע איינריכטונג און דאַרף ניט קיין צוויי דריטל שטימען.

דאָ האָט זיך ווידער שטאַרק צופלאַקערט דער קאַמף. מען האָט דאַן אַרויסגעשיקט אַ רעפערענדום פאַר די מיטגלידער צו באַשטימען צי מען דאַרף צוויי דריטל שטימען צי ניט. דער רעפערענדום האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף צוויי דריטל שטימען.

מיר קענען דאָ גענויער ניט פונאַנדערקלייבן זיך אינם קאַמף פון „פראַטערנאַל־רייטס". גענוג צו זאָגן, אַז אין דער געשיכטע פונם אַ.־ר. פאַרנעמט דער קאַפּיטל „רייטס" צענטליקער זייטן פון דער געשיכטע מיט די פאַרשיידענע קאָמיטע־באַריכטן און עקספּערטן באַריכטן. מיר ווילן דאָ בלויז געבן דעם רעזולטאַט פון אַ שווערן קאַמף וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן אין משך פון עטלעכע יאָר צייט. מען האָט די פראַגע סוף־כל־סוף נאָכאַמאָל אַרויסגעשיקט צו אַן אָפּשטימונג. ס'האָבן זיך אין דער אָפּשטימונג באַטייליקט איבער 18 טויזנט מיטגלידער. 13.191 האָבן געשטימט פאַר „פראַטערנאַל־רייטס" און 5062 קעגן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אינם אַ.־ר., אַז אַזאַ גרויסע צאָל מיטגלידער זאָל זיך באַטייליקן אין אַן אָפּשטימונג.

די סיסטעם פון „רייטס" איז איינגעפירט געוואָרן דעם 1טן יאַנואַר 1918.

דער „נאַציאָנאַל סאָציאַלער קלוב" ווערט אַ וויכטיקע אַגענטור פאַר שטאַרקן דעם אַ.־ר.

ווען דער „יונגער און אַלטער" קאַמף אינם אַ.־ר. האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן אַ סך אַ.־ר.־מיטגלידער געטראַכט, אַז דער קלוב האָט שוין דערפילט זיין אויפגאַבע, אַז ער האָט שוין מער ניט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אינם אַ.־ר. און אַז סוף־כל־סוף וועט דער קלוב זיך דאַרפן אויפלייזן. עס זיינען געווען טוער און פריינט וואָס האָבן אָפּן אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז די פּרעטענזיע, אַז דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן אָנצוהאַלטן „פריינטשאַפט" איז בלויז געווען אַ „סמאוק סקרין", אַ פאַלשער תירוץ, אָדער אויסרייד, בכדי צו קענען באַקעמפן די „יונגע". אָבער איצט, ווען די „יונגע" באַוועגונג איז טויט איז מער ניטאָ קיין נויטווענדיקייט פאַר אַן אָרגאַניזאַציע פון אַ.־ר.־טוער. אַנדערע האָבן דאָס איינגעוויקלט אין אַ פּרינציפּ, אַז דער קלוב טאָר גאָר ווייטער ניט עקזיסטירן און זאָגן דעות אין אַ.־ר. וועגן פאַרוואַלטונג אָדער זיך מישן אין די אינערלעכע ענינים פונם אַ.־ר. דער אַ.־ר., האָבן זיי געטענהט, איז אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, און די מיטגלידערשאַפט דאַרף און מוז האָבן די פרייהייט אַליין צו באַשטימען זייער גורל.

די פירערשאַפט פונם קלוב האָט אָבער גאַנץ אַנדערש געטראַכט, און געטראַכט האָבן זיי אַנדערש, פּשוט דערפאַר, וואָס די 2—3 יאָר פון דער עקזיסטענץ פון קלוב, האָט באַוויזן, אַז דער פּרינציפּ פון „פריינדשאַפט", איז גאָר ניט קיין חלום און זיכער ניט קיין תירוץ, אַז דאָס איז אַ מעגלעכקייט און אַ נויטווענדיקייט. פאַר די עטלעכע יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָבן זיך די אַ.־ר.־טוער צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז דער קלוב האָט פאַר זיי געעפנט אַן אוצר פון אמתער מענטשלעכקייט און פאַרשטענדניש. די פּראַקטיק פון קלוב האָט באַוויזן, אַז פריינטשאַפט אין פולן זינען פון וואָרט איז ניט נאָר גלאַט אַ וואָרט מיט וועלכן מען באַנוצט זיך פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, אַז אמתע פריינטשאַפט קען עקזיסטירן נאָר דורך קעגנזייטיקע פאַרשטענדניש. אַנשטאָט צו טראַכטן וועגן אויפגעבן דעם קלוב, האָבן די פירער גענומען פאַרשטאַרקן דעם קלוב. זיי האָבן גענומען אַראַנזשירן אָפטע צוזאַמענקונפטן און טאַקע גענומען באמת זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם לעבן און וואוילזיין פון זיינע מיטגלידער. מען האָט זיך גענומען משמח זיין מיט די שמחות ביי פריינט און מיטפילן מיט פריינט ווען זיי זיינען חלילה געווען אין טרויער. מען האָט אויך גענומען, דורך קעגנזייטיקע שטיצע, אַרויסצוהעלפן מיטגלידער ווען זיי זיינען געווען אין נויט (דורך מתן בסתר).

מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז דער קלוב האָט אין אָנפאַנג געהאַט

זיין הויפט־אָפיס אין באָסטאָן אונטער דער פירערשאַפט פון ווילקאַם באַקסט, דער ערשטער סעקרעטאַר פונם קלוב. אמת, די צוזאַמענקונפטן זיינען פאָר־געקומען אין ניו־יאָרק, מיט דער הילף און אונטער דער אויפזיכט פון דעם לאָקאַל ניו־יאָרק. באַקסט איז אויך פאַר אַ צייט געווען דער רעדאַקטאָר פונם „זקן״, אַן אָפיציעלער אָרגאַן פונם קלוב, וואָס איז דערשינען פון צייט צו צייט.

אַז דער קלוב איז ניט געגרינדעט געוואָרן פאַר שפּאַס, אָדער ווי אַ צייטווייליקע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צו באַקעמפן די „יונגע״, גיבן מיר דאָ איבער די אָנגענומענע קאָנסטיטוציע פון דעם קלוב, וואָס גיט אַן קלאָר וועגן דעם צוועק און אויפגאַבן פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״. איך ווייס ניט צי דער קלוב האָט ווען עס איז דורך אַ רעפערענדום געענדערט די געזעצן און פירונגען פון דער קאָנסטיטוציע, אָבער אַז אַזאַ קאָנסטיטוציע עקזיס־טירט, האָב איך ערשט איצט, 43 יאָר נאָכן זיין אַ מיטגליד פונם קלוב, אויס־געפונען, ווען איך האָב לעצטנס איבערגעבלעטערט די אַלטע נומערן פונם „זקן״. און אָט איז די קאָנסטיטושאָן, אַזוי ווי זי האָט עקזיסטירט עטלעכע יאָר נאָך דער גרינדונג פונם קלוב.

קאָנסטיטוציע פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״

אָנגענומען ביי דעם צווייטן צוזאַמענפאָר, יאַנואַר 1916

אַרטיקל 1.

דער נאָמען פון דיזער אָרגאַניזאַציע איז:

נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב

אַרטיקל 2.

צוועק: די אויפגאַבן פון דיזער אָרגאַניזאַציאָן זיינען צו פאַראייניקן אַלע אַקטיווע מיטגלידער איבער דעם גאַנצן לאַנד, וועלכע שטייען אין פריינדלעכע באַציאונגען איינער צום צווייטן, אין אַ פריינדלעכן און אמת ברידערלעכן קלוב, וואו די מיטגלידער זאָלן זיך פילן אַלס אַ גרויסע משפחה, אָנטייל צו נעמען איינער אין דעם צווייטנס שמחות און אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנד אין צייט פון נויט.

אַרטיקל 3.

מיטגלידערשאַפט

1) אַלס מיטגלידער קענען אויפגענומען ווערן נאָר אַזעלכע, וואָס זיינען ניט ווייניקער ווי 5 יאָר מעמבערס אין אַרבעטער־רינג,

ווען זיי וואוינען אין גרייטער ניו־יאָרק, און ניט ווייניקער ווי 3 יאָר ווען זיי וואוינען אויסער ניו־יאָרק.

2) אַ נייער מיטגליד פון גרייטער ניו־יאָרק דאַרף פאָרגעשלאָגן ווערן פון אַ מעמבער פון „נ. ס. ק.", ביי אַ מיטינג פון לאָקאַל ניו־יאָרק, און דאַרף זיין באַקאַנט, ניט ווייניקער ווי 2 יאָר צייט צו 5 מעמבערס פון „נ. ס. ק.", פאָרשלאַגער אַריינגערעכנט. אויב ער ווערט ניט צוריקגעוויזן פון קיינעם פון די אַנוועזנדע מיטגלידער ביים מיטינג, קען ער אויפגענומען ווערן אַלס מיטגליד ביי דעם נעקסטן מיטינג, נאָכדעם ווי ער ווערט גוטגעהייסן ביי דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו.

3) אַ נייער מיטגליד פון אויסער ניו־יאָרק, דאַרף פאָרגעשלאָגן ווערן פון אַ מעמבער פון „נ. ס. ק." צום גענעראַל־סעקרעטאַר, און דאַרף זיין באַקאַנט ניט ווייניקער ווי 2 יאָר צייט צו 3 מעמבערס פון „נ.ס.ק.", פאָרשלאָגער אַריינגערעכנט. דאַרף גוטגעהייסן ווערן פון לאָקאַל ניו־יאָרק, נאָכדעם ווי ער ווערט גוטגעהייסן פון דער גענעראַלער עקזעקוטיוו.

4) ווען אַ קאַנדידאַט פאַר מיטגליד ווערט צוריקגעוויזן אַפילו פון 1 מיטגליד, קען ער ניט אויפגענומען ווערן ווי אַ מיטגליד.

דער מיטגליד וועלכער מאַכט די צוריקווייזונג, דאַרף עס אָבער פאָרלייגן ביים מיטינג. און אויב דער מיטינג קען אויף דעם מיטגליד ניט ווירקן ער זאָל די צוריקווייזונג צוריקציען, קען דער קאַנדידאַט ניט אויפגענומען ווערן.

ארטיקל 4.

רעכטן און פליכטן פון מעמבערס:

1) דער „נ. ס. ק." מאַכט ניט קיינע דירעקטע פאַרפליכטונג צום מיטגליד, בלויז ווי אויסגעדריקט אין אַרטיקל 2.

די פליכטן פון די מעמבערס זיינען, נאָכצוקומען אַלע באַשלוסן און ביי־לאָאס פון דעם קלוב, און אויך די צאָלונגען וועלכע ווערן פון קלוב פון צייט צו צייט באַשטימט.

ארטיקל 5.

צאָלונגען:

1) יעדער מיטגליד פון דעם 'נ. ס. ק.' צאָלט 4 דאָלער אַ יאָר. די צאָלונגען ווערן געמאַכט יעדן קוואַרטאַל אין פאָראויס צו 1 דאָלער.

דיזע צאָלונגען קענען יעדן יאָר געענדערט ווערן.

ארטיקל 6.

פאַרוואַלטונג:

1) דער „נ. ס. ק." ווערט פאַרוואַלטעט פון אַ נאַציאָנאַלן פּרע־זידענט. נאַציאָנאַלן סעקרעטאַר, און 7 וויים־פּרעזידענטן, וועלכע ווערן אויסגעוויילט אויף די יערלעכע צוזאַמענפאָרן און בלייבן אין אַמט ביז די ניי־ערוויילטע בעאַמטע ווערן אינסטאַלירט.

2) דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פיגורירט אויך אַלס קאַ־סירער.

3) דער נאַציאָנאַלער פּרעזידענט, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר, וויים־פּרעזידענטן און אַלע עקס נאַציאָנאַלע פּרעזידענטן, שטעלן צו־זאַמען די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע.

4) דער נאַציאָנאַלער פּרעזידענט ווערט געוויילט פון ניו־יאָרק. דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר קען געוויילט ווערן פון וועלכער ניט איז אַנדער שטאָט.

5) ניט מער ווי 1 וויים־פּרעזידענט קען ערוויילט ווערן פון איין סטייט.

6) די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע קענען פאַרהאַנדלען זייערע געשעפטן שריפטלעך.

7) פאַר ניו־יאָרק ווערן ערוויילט אַ לאָקאַלער פינאַנס־קאָרעס־פּאָנדינג־סעקרעטאַר און אַ רעקאָרדינג־סעקרעטאַר.

8) דער וויים־פּרעזידענט פון ניו־יאָרק סטייט פיגורירט אַלס טשערמאַן פון לאָקאַל ניו־יאָרק.

9) דער נאַציאָנאַלער פּרעזידענט, דער לעצטער עקס־נעשאָנעל פּרעזידענט, דער וויים־פּרעזידענט פון ניו־יאָרק סטייט און די 2 סעקרעטאַרן פון ניו־יאָרקער לאָקאַלע עקזעקוטיווע.

ארטיקל 7.

צוזאַמענפאַר:

אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע מיטגלידער פון דעם „נ. ס. ק." קען אָפּגעהאַלטן ווערן איין מאָל אַ יאָר. צייט און פּלאַץ ווערט ביי איין צוזאַמענפאָר באַשטימט פאַר דעם צווייטן.

ארטיקל 8.

קלאַגן און אַפּעלאַציאָנען

1) ווען אַ מיטגליד האָט אַ קלאַגע קעגן אַ צווייטן מיטגליד פון „נ. ס. ק." דאַרף דער אָנקלאָגער ווענן דעם מעלדן צום נאַ־ציאָנאַלן פּרעזידענט. דער לעצטער דאַרף אין פאַרלויף פון 2 וואָכן

ציים, מיט דער צושטימונג פון נאַציאָנאַלן סעקרעטאַר, באַשטימען אַ קאָמיטע פון 3 מיטגלידער וועלכע דאַרפן דעם אָנקלאָגער און דעם אָנגעקלאָגטן אויסהערן.

די דאָזיקע אונטערזוכונגס־קאָמיטע טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַן ערן־געריכט און זייער אויפגאַבע איז: אָנצווענדן אַלע מיטלען אויסצוגלייכן די מיינונג־פאַרשיידנהייטן צווישן דעם אָנגעקלאָגטן און אָנקלעגער. די לעצטע זיינען פאַרפליכטעט אויסצופאָלגן דעם באַשלוס פון דער קאָמיטע.

2) קלאַגן וועלכע טראָגן דעם כאַראַקטער, צוליב וועלכע מען קען אין אַ.־ר. באַשטראָפט ווערן, דאַרפן פאָרגעבראַכט און פאַר־האַנדלט ווערן ביי אַ רעגולערן מיטינג.

אַרטיקל 9.

אויסשליסונג:

אַ מיטגליד פון דעם „נ. ס. ק.״ קען אויסגעשלאָסן ווערן:

1) פאַר ניט צאָלן קיין דיום אַ יאָר צייט.

2) ווען ער ווערט אויס מיטגליד פונם אַ.־ר.

3) ווען דער מיטגליד ווערט פון אַ.־ר. געזעצלעך אויסגע־שלאָסן אין פאַרברעכן די פּרינציפּן פון אַ.־ר.

4) ווען די באַציאונג פון מיטגליד צום קלוב איז אין קעגנ־זאַץ צום אַרטיקל 2 פון דעם רעגולאַמין.

5) מיטגלידער קענען צו יעדער צייט פאָדערן אַ רעפערענדום אויסצושליסן אַ מיטגליד פון קלוב. זיי מוזן אָבער אָנגעבן מאָטיוון, וועלכע דאַרפן אַרויסגעשיקט ווערן צו אַלע מיטגלידער צוזאַמען מיטן רעפערענדום.

* * *

קומען מיר צוריק צו דעם פּעריאָד פון 1917.

ווען דער קאַמף און אינערלעכע רייעסערייען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך דאָן דער קלוב געשטעלט אין דינסט פונם אַ.־ר. אין דער צייט פון מיטגלידערשאַפט־קאַמפּיינס, האָט דער קלוב אַרויסגעשיקט קאָמוניקאַטן און שטאַרקע אַפּילס צו זיינע מיטגלידער איבערן לאַנד, און זיי אויפגע־פאָדערט צו ווערן אַקטיוו אין די מיטגלידער־קאַמפּיינס. דאָס האָט אָן צווייפל געברענגט גאָר ממשותדיקע רעזולטאַטן.

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ האָט אויך אָפט באַמבאַרדירט די מיטגלידער זיינע מיט אויפפאָדערונגען צו העלפן אַלע אַ.־ר.־אַקציעס וועגן

רעליעף־אַרבעט פֿאַר די מלחמה־קרבנות, העלפֿן שטיצן דעם „האַיאַס", „אָרט" א. אַ. וו.

דער קלוב, דורך זיינע מיטגלידער, איז אויך געווען זייער אַקטיוו אינם „טעג־דעי" (אַפּצייכן־טאָג) וואָס דער אַ.־ר. האָט אַראַנזשירט פֿאַר די מלחמה־קרבנות דעם 22טן פֿעברואַר 1917, וואָס האָט אַריינגעברענגט איבער 22 טויזנט דאָלער. אויף די „פֿושקעס" איז געווען דער אויפֿשריפֿט „אַרבעטער רינג ׳טעג דעי׳ פֿאַר די יידישע מלחמה קרבנות". דאָס איז, פֿאַר יענער צייט, געווען אַ געוואַלדיק גרויסע סומע.

הגם דער פּיפּעלס־רעליעף האָט זיך געגרינדעט מיט דער הילף און אָנטייל פֿון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אַריינגערעכנט די ראַדיקאַלע ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, זיינען אָבער די אַ.־ר.־מיטגלידער און ברענטשעס, געווען די הויפּט־שטיצער און טוער פֿאַרן דער־פֿאָלג פֿון דעם פּיפּעלס־רעליעף. אויך אין דער אַרבעט האָט דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" אַ געוואַלדיקן חלק. די פֿירער פֿונם קלוב האָבן כסדר גערופֿן און געוועקט זייערע מיטגלידער צו טון זייער חוב, די קלוב־מיטגלידער האָבן ביי די ברענטש־מיטינגען אָנגעוואָרעמט די מיטגלידער און גערופֿן זיי אָנצוגיין מיט אַקטיווער אַרבעט לטובת די מלחמה־קרבנות.

אונדז וועט נאָך מן־הסתם אויסקומען צו רעדן וועגן דער אַרבעט וואָס איז פֿונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" געטון געוואָרן לטובת די מאָבילי־זירטע און פֿרייוויליקע קינדער פֿון אונדזערע מיטגלידער אין די פֿאַרשיידענע אַמעריקאַנער אַרמייען. די הונדערטער פּעקלעך וואָס זיינען דורכן קלוב אַרויסגעשיקט געוואָרן צו זיי. אויך וועגן די אַנדערע אַקטיוויטעטן וואָס דער קלוב האָט אָנגעפֿירט צו דערלייכטערן די געמיטער פֿון אונדזערע מיט־גלידער, וועלכע האָבן באַצאָלט דעם גרעסטן פּרייז פֿאַר דער מלחמה.

איך האָף, אַז מען וועט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס ס׳איז שווער עפּנטלעך צו דערציילן און איבערגעבן אַלץ וועגן די פֿאַרשיידענע אַרבעטן און אַקטיווי־טעטן פֿונם קלוב, וואָס ס׳איז געטון געוואָרן בכדי צו העלפֿן אָנהאַלטן די גאַנצקייט און פּרעסטיזש פֿון דער אָרגאַניזאַציע.

דער אמת מוז געזאָגט ווערן, אַז ניט אַלע מאָל האָט געהערשט שלום און פֿאַרשטענדניש צווישן דעם אַ.־ר.־אַקטיוו, הגם, זיי זיינען אַלע געווען מיטגלידער פֿונם קלוב. אונדז זיינען באַקאַנט פֿאַקטן, ווען דער קלוב האָט אויסגעוויילט ספּעציעלע קאָמיטעס אויסצוגלייכן סיכסוכים צווישן מיטגליד און מיטגליד, סיי אויפֿן געביט פֿון פּרינציפּיעלע פּראָבלעמען פֿונם אַ.־ר. און סיי וועגן פּערזענלעכע ענינים. מערסטנס, זיינען די מיספֿאַרשטענדענישן אויסגעגליכן געוואָרן הינטער פֿאַרמאַכטע טירן. עס זיינען אָבער געווען צייטן און פֿאַלן וואָס די פֿראַגן און מיספֿאַרשטענדענישן זיינען געווען אַזוי ערנסט און ריזיקאַליש צו דערשטיקן זיי, אַז ישורין, דער טשיף, איז אַרויס־

געקומען עפנטלעך אין „חברשאַפט״, דערלאַנגנדיק אַ פאָרציע מוסר און אַ שאַרפע לעקציע וועגן „פריינטשאַפט״ און חברשאַפט.

מיר גיבן דאָ איבער ישורינס צוויי אַרטיקלען וואָס רעדן פאַר זיך אַליין, און דאַרפן ניט קיין קאָמענטאַרן. די אַרטיקלען באַווייזן אָבער, אַז ניט אַלע מאָל איז אינם קלוב געגאַנגען „האַצי טאַצי״ צווישן די מיטגלי־דער פונם קלוב. אַז ניט אַלע מאָל האָבן טאַקע די פרינציפּן פון „פריינט־שאַפט״ עקזיסטירט אין אַ פולער מאָס. עס איז אַ פאַקט, אַז דער קלוב האָט נאָך עטלעכע יאָר עקזיסטענץ געדאַרפט אויסקלייבן אַ מין „סופרים קאָורט״, וועלכער האָט באמת אויסגעהערט עוולהס און קריוודעס, וואָס מיטגלידער האָבן געהאַט איינער פון צווייטן און זיי מערסטנס טאַקע אויסגעגלייכט.

אָט זיינען די צוויי אַרטיקלען פון פריינט ישורין :

ערשטער אַרטיקל :

דער העסלעכער סנאָביזם אין אונדזערע רייען מוז באַזייטיקט ווערן :

„דער 20טער יאָרהונדערט וועט פאַרצייכנט ווערן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אַלס דער וויכטיקסטער יאָרהונדערט זינט די וועלט עקזיסטירט. דערפינדונגען, וועלכע מ׳האָט מיט 25—50 יאָר צוריק זיך פאָרגעשטעלט נאָר אין דער פאַנטאַזיע, וועלכע קיין מענטש האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן זייער פאַרווירקלעכונג, זיינען אין דעם יאָרהונדערט געוואָרן פאַקטאָרן.

די צייט פון פאַנטאַזיעס איז שוין פאָראיבער. די מענטשלעכע פאַנ־טאַזיע קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן קיין מער וואונדערלעכע דערפינדונגען ווי דראָטלאָזער טעלעפאָן, ראַדיאָ, ראַדיום, עראָפּלאַנען און אַזעלכע „אומוויכטיקע״ דערפינדונגען ווי טעלעפאָן, עלעקטריציטעט, אייזנבאַנען, לופטבאַלאָנען א. אַ. וו.

די וועלט איז באַרייכערט געוואָרן מיט די אַלע אויסגערעכנטע דער־פינדונגען אַ דאַנק דעם, וואָס אין יעדן לאַנד האָבן זיך געפונען איינער אָדער מער גענ‌יאַלע קעפּ, וועלכע האָבן געמאַכט פאַר מעגלעך די אַלע דער־פינדונגען צו פאַרווירקלעכן. די נעמען פון מאַרקאָני, קוריע, די ברידער רייט, אַלעקסאַנדער בעלל, ראָבערט פולטאָן און טהאָמאַס עדיסאָן זיינען פאַראייביקט געוואָרן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די גאַנצע וועלט באַטראַכט די אַלע דערפינדער אַלס די וועגווייזער פון דער מענטש־לעכער אַנטוויקלונג.

וואָלט כאָטש איינער פון די וועלט־באַרימטע דערפינדער געקומען פון אונדזערע רייען, ד. ה. פון אונדזער קרוזשאָק מענטשן, וואָלט דאַן געווען אַ באַרעכטיקונג פאַר אונדז געוויינלעכע מענטשעלעך (וועלכע דערפינדן קיין זאַך ניט, נאָר געניסן די פרוכט פון יענעמס פראַצע) צו בוקן זיך פאַר די גאונישע קעפּ. צום גליק אָבער האָבן מיר ניט אין אונדזערע רייען אַזעלכע וויכטיקע פיגורן. מיר האָבן אָבער דערפאַר אין אונדזערע רייען טיפּן, וועל־שטעלן זיך אַליין אויף ניט קיין קלענערע פּיעדעסטאַלן ווי די מאַרקאָניס, איינשטיינס א. אַ. וו.

אמת, זיי האָבן ניט באַקומען קיין קלאַסישע בילדונג, אפילו ניט קיין מאָדערנע דערציאונג (עסן מיט אַ מעסער אין מויל), האָבן די וועלט און די מענטשהייט ניט באַרייכערט מיט קיין שום דערפינדונגען. זיי פּרעטענ־דירן אָבער אויף הויכער אינטעליגענץ נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געהערט וועגן אַ היינריך היינע, האָבן געלעזן אין יידיש שאָפּענהויערס און געטהעס ווערק.

אויב דער דאָזיקער באַגאַזש פון אינטעליגענץ איז ניט גענוגנד, האָבן זיי אַנדערע מאָטיוון צו גלויבן אין זייער אינטעליגענץ. זיי דיסקוטירן וועגן אַלץ אין דער וועלט. מעג דאָס זיין וועגן דער העכסטער וויסנשאַפט; וועגן סאָציאַלע פראַגן; וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע; וועגן אַלץ זיינען זיי בכוח צו רעדן. ווער רעדט שוין וועגן „סאָציאַליזמוס", „אַנאַרכיזמוס" און אַלע אַנדערע „איזמוסן" — דאָ פילן זיי זיך ווי אַ פיש אין וואַסער.

נו, ווען מען רעדט שוין און מען דיסקוטירט שוין וועגן אַזעלכע וויכ־טיקע פראַגן, זאָגט מען שוין אויך אַרויס מבינות וועגן ליטעראַטור. אָבער ניט טאָקע געוויינלעכע ליטעראַטור, נאָר טאָקע וועגן „שיין־שרייבעריי".

הכלל, ווען מען איז כלומרשט באַהאַוונט אין די אַלע זאַכן, פּאַסט שוין נאַטירלעך ניט צו קומען און נאָענטער באַרירונג מיט געוויינלעכע מענטשן, און מען פּאַניבראַטעוועט זיך מיט מענטשן, וועלכע האָבן אַ „געהויבענעם שטאַנד" אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. געוויינלעכע קרעמער, קליינע באַזיצער גייען ניט אַריין אין דעם קלאַס, מיט וועמען די טיפּן פאַרקערן. פּשוטע אַרבעטער וועלכע באַזיצן מאָזאָליעס אויף זייערע פאַרגרעבטע הענט, אוודאי און אַוודאי ניט. פלושקעט מען זיך דעריבער אַרום פּערזאָנען וועלכע פאַר־דינען אַ מינימום פון צען טויזנט אַ יאָר. מיט זיי דיסקוטירט מען דאָס וועגן קלאַסן־קאַמף; וועגן דער אונטערדריקונג און דערנידעריקונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און וועגן די אויסזיכטן פון דער יידישער שפּראַך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

כדי אָנצוהאַלטן דעם פולן פּאַסאַן פון אַ הונדערט־פּראָצענטיקן, ערנסטן, אינטעליגענטן און געבילדעטן מענטשן, זאָגט מען שוין מבינות אין ביר־זשע־ספּעקולאַציעס, אין מאַלעריי, מוזיק און געזאַנג. מען איז אויסגעבונדן

מיט וואַגנערס מוזיק. (מיט קיין ווינציקער ערנסטער מוזיק ווי וואַגנערס, טאָר מען זיך ניט אינטערעסירן, ווייל אַנטציקונג פאַר דער מוזיק פון ראָסיני, ביזעט און ווערדי, וואָלט געווען אַ פאַרלעצונג פון דער הויכער אינטעליגענץ).

אין איינקלאַנג מיט די אַלע אויסגערעכנטע כללים ווערט מען שוין אַ וויכטיקע פיגור, באַקומט מען שוין פרעטענזיעס פאַר עפנטלעכער אָנערקענונג, זוכט מען שוין אונטער דער ערד אַלע מעגלעכקייטן, אַז די נעמען זייערע זאָלן דערשיינען אין דער פרעסע. כדי צו מאַכן שטאַרקער דעם איינדרוק פון זייער ראַפינירטקייט, זוכט מען שוין אויך אַריינצוגעבן זייערע בילדער, און דאַן האָט שוין דער ברייטער עולם אַ פולשטענדיקע מעגלעכקייט צו אורטיילן וועגן זייער „אינטעליגענץ".

וואָלטן זיך די טיפּן באַנוגנט מיט דעם וואָס זיי ריידן זיך אַליין איין וועגן זייער גרויסקייט, וואָלט די געפאַר געווען ניט אַזוי גרויס. די צרה אָבער איז, וואָס די טיפּן קענען ניט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז אויסער זיי זיינען דאָ נאָך מענטשן, וועלכע באַזיצן אויך אינטעליגענץ, פעאיקייט און ווילן נעמען אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַנטקעגן וואָס זיינען אָט די פאַרשוינען אילוסטרירט געוואָרן אין דער באַשיידענער אָפּהאַנדלונג ?

געטון געוואָרן איז דאָס ווי אַן ענטפער צו די מיטגלידער פון אונדזער קלוב, וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט אַן אומצופרידנקייט, צוליב די באַציאונגען פון געוויסע מיטגלידער פון אונדזער קלוב, די יעניקע, וועלכע באַטראַכטן נידריקער פון זייער ווירדע צו חברן זיך מיט די דורכשניטלעכע מיטגלידער, וועלכע באַזיצן אַ גרעסערע מאָס בילדונג, מער נאַטירלעכע אינטעליגענץ, און דאָס וויכטיקסטע, זיי איבערשעצן ניט זיך און אונטערשעצן ניט אַנדערע.

וואָס אונדזערע מיטגלידער פעלט, איז מער נאַטירלעכקייט. מאַכט ניט פון זיך דאָס וואָס איר זייט ניט; פאַרמאַסקירט זיך ניט; ציט ניט אַרויף אויף זיך דעם ניט נאַטירלעכן פאַסאָן און רעדט זיך ניט איין, אַז איר זייט פעאיקער, קליגער, און אינטעליגענטער פאַר דעם אַנדערן. דער אונטערשייד פון די באַשיידענע טיפּן איז, וואָס זיי שטייען מיט זייערע פיס אויף דער ערד, בעת די חוצפּהדיקע טיפּן ווילן שפּילן די ראָלע פון „יאַטעביע דאַמס".

איך באַשולדיק אין איבערגעטריבענער איינגערעדטער גרויסקייט. זאָל לעבן און בליען די נאַטירלעכקייט".

(„חברשאַפט" נומער 13, יאַנואַר 1948)

דער צווייטער אַרטיקל פון יעפים ישורין:

קאָנען אונדזערע מענטשן זיך פאַרגינען צו לעבן אין אחדות

„אין אונדזער אַרטיקל „דער העסלעכער סנאָביזם אין אונדזערע רייען מוז באַזייטיקט ווערן", איז באַרירט געוואָרן אַן ערנסטע פראַגע. די טעמע האָט אָנגעריסן און האָט אַרויסגערופן אַ ברייטע דיסקוסיע אין די רייען פון אונדזער קלוב. די גרויסע צאָל בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען, זיינען דער בעסטער באַווייז, אַז אונדזערע מענטשן אינטערעסירן זיך מיט דער פראַגע.

„סנאָביזם" איז אָבער ניט דער איינציקער איבל, וואָס באַהערשט געוויסע עלעמענטן אין די רייען פון קלוב. עס עקזיסטירן נאָך אַנדערע שעדלעכע איבלען, וואָס באַהערשן אונדז אין מאָמענטן פון אויפרעגונג, צאָרן און כעס און וואָס עס איז אַמערגסטן, אַז אויך אין רואיקע מאָמענטן, טוען מיר עס גאַנץ „באַוואוסטזיניק".

עס פאַרדריסט באמת, ווייל מיר, וועלכע האָבן באַקומען אַ סאָציאַליסטישע דערציאונג און פרעדיקן דעם אינטערנאַציאָנאַלן דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם, אַז מיר אַליין זאָלן אָט די סאָציאַליסטישע יסודות ניט פּראַקטיצירן. קענען מיר זיך דען ניט באַפרייען פון די פּרימיטיווע אינסטינקטן פון יענע אַלטע צייטן, ווען מענטש האָט באַקעמפט מענטש, ווען פריינט האָט באַקעמפט פריינט, ווען פּרימיטיווע אינסטינקטן האָבן געהאַט די אויבערהאַנט איבער דעם מענטשן.

מיר זיינען אַ גרויסע פאַרצווייגטע משפחה; מיר זיינען אַ גרויסער קאָלעקטיוו פון מענטשן, וועלכע זיינען כמעט פון דעם זעלבן מאַטעריאַל; פון דעם זעלבן עלטער. כמעט אַלע זיינען דערצויגן געוואָרן אין דער זעלבער סביבה. ווער אין אַן אָרטאָדאָקסישער היים; ווער אין אַ וועלטלעכער היים. אַלע האָבן דורכגעמאַכט דעם זעלבן שטודיום: געלערנט זיך אין חדר און איר דער ישיבה, אַ קליינער פּראָצענט האָט באַקומען העכערע וועלטלעכע בילדונג.

מיר זיינען אַלע אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אויף דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור. מענדעלע מוכר־ספרים, שלום עליכם און י. ל. פּרץ האָבן אונדז געלערנט. די יידישע צייטונגען זיינען געווען אונדזערע אוניווערזיטעטן. אונדזערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואו מיר גיבן אַוועק אונדזער פרייע צייט, זיינען אונדזערע וועג־ווייזערס, דאַכט זיך, אַלע גלייכע מיוחסים; געלעזן די זעלבע צאָל ביכער; געלעבט אין דער זעלבער סביבה, און דאָך קענען מיר ניט האָבן קיין סאָציאַליסטישע באַציאונג איינער צום אַנדערן. איינער וואָלט געוואָלט דעם אַנדערן דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער. איינער

באַקעמפט דעם אַנדערן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַ שטענדיקער גע־יעג, אַ שטענדיקע קאָנקורענץ, צוליב וואָס? פאַרוואָס?

מיטגלידער פון איין גרויסער משפּחה, ווי מיר זיינען דאָס אין אונדזער קלוב, פאַרוואָס זאָלן מיר וועלן איינער דעם אַנדערן אַריינשטעכן אַ מעסער אין רוקן?

מיר שטויסן זיך אָן אויף אַזעלכע פּאַסירונגען טאָג טעגלעך, צו אונדז דערגרייכן אַזעלכע ידיעות פון אַלע טיילן פון לאַנד.

די פּראָווינץ איז ניט קיין אויסנאַם. ניו־יאָרק איז דער ערגסטער פּונקט, דאָ איז די קאָנקורענץ אַמשטאַרקסטן. מען פאַרגינט ניט איינער דעם אַנדערן.

וואָס וואָלט איר געזאָגט, בעטן מיר אייך, ווען איינער, וואָס איז אייערער אַ חבר און אַרבעט אַגב מיט אייך אין איין געשעפט, ווען יענער קומט אַלע טאָג צו זייער ביידנס באַלעבאָס און פאַרמסרט אייך, אַז איר טוט אויסער דער אַרבעט וואָס איר זענט פאַרפליכטעט צו טון, באַקומענדיק באַצאָלט דערפאַר, אויך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. יענער ווייס, אגב, אַז דער, וועמען ער מסרט יעדן טאָג, פאַרנאַכלעסיקט ניט זיינע פליכטן צום געשעפט. איז דאָס אַ חברשע באַציאונג? איז דאָס אַ סאָציאַליסטישע באַ־ציאונג פון מענטש צו מענטש, פון חבר צו חבר, פון קלוב־מיטגליד צו אַ קלוב־מיטגליד?

מיר ווייסן פון הונדערטער פאַקטן וועלכע וואָלטן פאַר אייך אי־לוסטרירט ווי אַזוי אונדזערע קלוב־מיטגלידער באַקעמפן איינער דעם אַנ־דערן צוליב פּערזענלעכע שנאה. דער באַשרענקטער פּלאַץ דערלויבט אָבער אונדז ניט זיי אויסצורעכענען. דער איינציקער פאַקט פון מסירה פון חבר קעגן חבר צו זייער ביידנס באַלעבאָס וואָס מיר האָבן געבראַכט, איז די גרעסטע אָנקלאַגע און דער איבערצייגנסטער אַרגומענט.

אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן זיך ניט קענען באַפרייען פון אָט די פּרימי־טיווע און עסלעכע אינסטינקטן; אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן ניט באַגרייפן, אַז דורך אונדזערע האַנדלונגען פאַרראַטן מיר די סאָציאַליסטישע און די מענטשלעכע לערעס און אַז מיר ווערן פאַרוואַנדלט אין חיות, וועט אונדזער אָרגאַניזאַציע ניט האָבן קיין קיום.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָר אַ קליינער פּראָצענט פון אַזעלכע מענטשן גע־פינען זיך אין אונדזערע רייען. זייער צאָל איז קליין, זייער איינפלוס איז — נול: מיר ווייסן, ווער זיי זיינען, וואָס זיי טוען. זייערע מעשים זיינען ניט קיין סוד.

אונדזער קלוב שטעלט מיט זיך פאָר פּונקט דעם היפּוך, וואָס יענע עלעמענטן רעפּרעזענטירן מיט זיך. די גרעסטע צאָל פון אונדזערע מיט־גלידער זיינען באמת דורכגעדרונגען מיט דעם געפיל פון פריינטשאַפט און

חברשאַפט איינער צום צווייטן. זיי האָבן דאָס אַרויסגעוויזן אין דער פּאַר־גאַנגענהייט; זיי ווייזן דאָס אַרויס אין דער איצטיקער צייט און וועלן דאָס אַרויסווייזן אין דער צוקונפט. מיר זיינען אַלע באַזעלט מיט דעם אמתן וואונטש, צוזאַמענלעבן זיך אין איין גרויסע משפחה, און גרויסע פאַמיליע. מיר ווילן לעבן פרידלעך און חבריש צוזאַמען. אונדז צעמענטירט דער גרויסער אַרבעטער־רינג, דורך וועלכן מיר האָבן זיך אַלע באַקענט און באַפריינדעט.

מיר האָבן דעם אַ־ר. געבויט און מיר וועלן אים ווייטער דינען און אים ווייטער בויען און באַפעסטיקן. וואָס פאַר אַ מיינונגס־פאַרשיידנהייטן עס זאָלן ניט זיין אין די רייען פון אַרבעטער־רינג, דאַרף דאָס ניט און טאָר דאָס ניט שטערן, אַז מיר זאָלן לעבן פרידלעך אין קלוב. דער קלוב איז דער איינציקער פּלאַץ, וואו מיר קומען זיך צוזאַמען אויסצורוען אונדזערע ביינער, אונדזערע געמיטער. דאָ געפינען מיר אַ פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער מיר קאָנען זיך אַלע אייניקן. די וואָס קענען ניט צוזאַמענלעבן זיך מיט אונדז, די וואָס פילן זיך פרעמד און אומבאַקוועם, זאָלן זיך בעסער באַזייטיקן.

אַ קליין הייפעלע מענטשן, וואָס קען זיך ניט צופּאַסן צו אונדזער קלוב און קען זיך ניט איינלעבן אין אונדזער קלוב־סביבה, אַזעלכע מענטשן שטעלן זיך אַליין אַוועק אויסער די גרענעצן פון קלוב.

דער סוף וועט זיין, אַז זיי וועלן זיך איזאָלירן. מיר ווילן אָבער האָפן, אַז אַלע אונדזערע מיטגלידער וועלן אָנהויבן לעבן אויף סאָציאַליסטישע יסודות, אָן האַס און אָן כעס, אָן קנאה און אָן שנאה, אָן מסירות און אָן קאָנקורענץ.

באַפעסטיקט דעם אַ־ר. דינט אים פּונקט אַזוי אויפריכטיק, ווי איר האָט דאָס געטון ביז איצט. פּערזענלעכע אַמביציעס מוזן באַזייטיקט ווערן. זוכט ניט קיין כבוד. דער כבוד וועט קומען צו אייך, אויב איר פאַרדינט אים.

באַפעסטיקט אונדזערע רייען, באַפעסטיקט אונדזער קלוב, צעמענטירט אונדזער פריינטשאַפט. פאַרדאַרבט ניט אונדזער משפחה־סביבה״.

(„חברשאַפט״ נומער 6, יולי 1945)

* * *

כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן די באַדינגונגען, שטימונגען און די באַציאונגען אינעם קלוב וועלן מיר דאָ ווייטער ברענגען אַ צאָל לייט־אַרטיקלען (עדיטאָריעלס) און אָפּרופן פון יעפים ישורין, דעם טשיף פונם קלוב און אויך אַנדערע אויסצוגן וואָס זיינען געוועזן פאַרעפנטלעכט אין „חברשאַפט״.

„זאָל הערשן אויפריכטיקע חברשאַפט אין אונדזערע רייען"

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אונדזער פּובליקאַציע טראָגט דעם נאָמען „חברשאַפט", דער נאָמען פון אונדזער פּובליקאַציע סימבאָליזירט דעם גאַנצן צוזאַמענשטעל פון אונדזער קלוב. אויף דעם פּרינציפּ פון חברשאַפט, איז דער קלוב געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1914. אין דער צייט ווען דער א.־ר. האָט איבערגעלעבט איינע פון די שטורעמדיקסטע קאַפּיטלען פון זיין גאַנצער געשיכטע. די אַקטיווסטע טוער פון א.־ר. האָבן דערפילט אין מאָמענט א נויטווענדיקייט צו פאַרמירן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל צוזאַמענהאַלטן און באַפעסטיקן די פריינדשאַפט און די נאָענטקייט, וואָס עס האָט פאַרבונדן לאַנגיאָריקע טוער פון א.־ר.

די באַזע אויף וועלכער דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן, איז געווען צו פאַרווירקלעכן חברשאַפט אין פולן זינען פון וואָרט. דאָס איז געווען די כוונה פון די גרינדער, וועלכע זיינען געווען אמת און אויפריכטיק; פון די, וואָס האָבן געהאַט זויבערע מאָטיוון, אָן וועלכע ניט איז רעזערוואַציעס, אָן וועלכע ניט איז פּערזענלעכע אַמביציעס.

באַלד ביים סאַמע אָנהייב האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עולם האָט טאַקע גענומען ערנסט און אויפריכטיק די מאָטיוון און די באַגרינדונג פון אַזאַ צוזאַמענלעבן פון די טוער פונם א.־ר.

גאַנץ אַנדערש האָבן דאָס פאַרשטאַנען די רעדל־פירער פון יענער צייט. עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן א קאַמף פאַר סופּעריאָריטי. עס האָט זיך געהאַנדלט ווער עס זאָל האָבן מער איינפלוס, מער ווירקונג און ווער וועט קענען מער דערגרייכן דורך זיין איינפלוס אין קלוב. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אינערלעכן, שטילן קאַמף; א קאַמף וואָס האָט אַרויסגערופן רעזיגנאַציעס און ברוגזן אין די רייען פון קלוב.

דאָס רעדט זיך אַליץ וועגן יענע צייטן ווען מיר זיינען נאָך געווען א יונגע אָרגאַניזאַציע, קליין אין צאָל און נאָך שוואַכער און איינפלוס. עס איז געווען אין די צייטן, ווען יעדער איינער האָט געוואָלט שפּילן די ראָלע פון א פּרימאַדאָנאַ; ווען די „פּרימאַדאָנעס" האָבן באמת געגלויבט, אַז ווען זיי באַזייטיקן זיך, וועט צעפאַלן ווערן דער גאַנצער בנין. פון זייערע האָפענונגען האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן א בוידעם. דער קלוב האָט עקזיסטירט און איז געוואָרן מער קאָנסטרוקטיוו.

די וואָס האָבן זיך ניט באַטראַכט אַלס פּרימאַדאָנעס, זיינען געבליבן ביים רודער פון קלוב, האָבן אים ווייטער געבויט און באַפעסטיקט. די לופט איז ביסלעכווייז אָפּגערייניקט געוואָרן; טיר און פענצטער זיינען געעפנט געוואָרן; די כינעזישע וואַנט וועלכע האָט אַרומגערינגלט

דעם קלוב, ווי אַ קלוב פון לויטער אַריסטאָקראַטן, איז אָפּגעווישט געוואָרן. עס האָט אָנגעהויבן אַריינשטראָמען אין אונדזערע רייען „דאָס פּאָלק"; די וואָס טראָגן ניט קיין אָנגעקראָכמאַלעטע קראַגנס; די וואָס בלאָזן זיך ניט און וואָס באַטראַכטן דעם צווייטן פּונקט אַזוי ווי זיך — וויכטיק און פּעאיק.

דער קלוב האָט שטופנווייז אָנגעהויבן צו באַקומען אַ גאַנץ אַנדער אויסזען. די מיטגלידער האָבן זיך אָנגעהויבן פילן פרייער און באמת היימישער; עס איז געוואָרן אַ היימישע אַטמאָספּערע. עס איז פאַרשוואונדן די אַמאָליקע קאָנקורענץ פון איינעם קעגן אַנדערן; דער אַריסטאָקראַטיזם איז פאַרשוואונדן געוואָרן. די קענער פון אַלץ אין דער וועלט, די וועלכע האָבן פּאַראַדירט מיט זייער בלומרשטדיקער אינטעליגענץ, האָבן דערפילט, אַז עס זיינען אָנגעקומען נייע צייטן; נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן און עס איז געוואָרן וואַרעמער, פריינטלעכער און אויפריכטיקער די באַציאונג פון איינעם צום צווייטן. מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרגינען איינער דעם צווייטן; אויס קאָנקורענץ; אויס איבעריאָגן איינער דעם אַנדערן.

אַזאַ שטימונג האָט געהערשט אין אונדזערע רייען אַ היפּשע צייט און מיר זיינען געווען איבערגליקלעך פון דעם.

לעצטנס, אָבער, פילט זיך אַן איבערברוך אין אונדזערע רייען. מען האָט זיך אָנגעהויבן צו קריגן, צו זידלען, צו באַקעמפן, צו בראַנדמאַרקן און צו פאַרניכטן איינער דעם אַנדערן. אַ ברודער טרעט אַרויס קעגן אַ ברודער; קאָלעגן טרעטן אַרויס קעגן קאָלעגן אויף אַ העסלעכן וועג, אָן אַ פאַרוואָס, אָן וועלכע ניט איז באַגרינדונג פאַר דעם. דאָס זיינען טאַטן פון מענטשן, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע קעפּ. מען שטעלט זיך ניט אָפּ אַפילו צו מאַכן בייזוויליקע באַשולדיקונגען.

עס איז צייט, אַז דאָס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן. אונדזערע מענטשן מוזן זיך דיסציפּלינירן. מוזן זיך צוגעוואוינען צו די עלעמענטאַרע מענטשלעכע באַציאונגען איינער צום צווייטן. ספּעציעל ווען עס האַנדלט זיך וועגן מיטגלידער פון אונדזער קלוב. מען קען ניט זיין אַ מיטגליד פונם קלוב, און אין דער זעלבער צייט עפנטלעך באַקעמפן איינער דעם צווייטן. אַזוי לאַנג ווי עס האַנדלט זיך ניט וועגן אידעאָלאָגיעס און פּרינציפּיעלע פראַגן, וועלכע שווימען אַרויף אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַפילו אין אַזעלכע צוזאַמענשטויסן דאַרף דער קאַמף געפירט ווערן חבריש, אָן גיפטיקע פיילן, אָן האַרמאַטן, אָן בלוט־פאַרגיסונג.

מיר קריגן באַריכטן פון אַלע טיילן פון לאַנד וואו אונדזערע קאָלעגן געפינען זיך, אַז מען באַקעמפט זיך איינער דעם צווייטן אויף אַן אומ־

ציוויליזירטן וועג פאַרגעסנדיק אין גאַנצן, אַז מען איז מיטגלידער פון איין אָרגאַניזאַציע, וועלכע פּרעדיקט פריינדשאַפט און חברשאַפט.

פאַר די עלעמענטן אין אונדזערע רייען, וועלכע קענען ניט באַהערשן זייערע בייזע געפילן און קענען ניט אַרויסווייזן די עלעמענטאַרסטע געפילן פון חברשאַפט און פריינטשאַפט, פאַר יענע עלעמענטן איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין אונדזער קלוב.

מיט אַ געפיל פון ווייטיק קאָנסטאַטירן מיר דעם צושטאַנד אין אונדזערע רייען. מיר טוען דאָס מיט דעם איינציקן ציל, אָפּצושטעלן אָט די ברידערליכע צוזאַמענשטויסן, אָט דעם אינערלעכן קאַמף, וועלכער דעמאָראַליזירט אונדזער קלוב און וועלכער שעדיקט די רעפּוטאַציע פון אונדזער קלוב.

צו גרויס, צו וויכטיק, צו קאָנסטרוקטיוו זיינען מיר אינם לעבן פון דעם אַ.ר., אַז אונדזער רעפּוטאַציע זאָל געמינדערט ווערן. אויב אין אונדזערע רייען געפינען זיך עלעמענטן, וועלכע קענען זיך ניט צוזאַמענלעבן מיט אונדז, מיטקעמפן און בויען אונדזער באַוועגונג, דאַרפן זיי זיך אַליין באַזייטיקן אָדער דער קלוב וועט דאָס מוזן טון אַדמיניסטראַטיוו.

מיר ווילן גלויבן, אַז אונדזערע ווערטער וועלן געפינען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין די הערצער פון אונדזער גאַנצער מיטגלידערשאַפט און אַז די וואָס שטערן דעם נאָרמאַלן לעבן און וואוקס פון אונדזער אָרגאַניזאַציע וועלן געשטעלט ווערן אין אַ לאַגע, אַז קיינער וועט מיט זיי ניט פאַרקערן.

היט אָפּ די גאַנצקייט פון אונדזער קלוב און האַלט אָן די אמתע חברשאַפט!

(„חברשאַפט”, נומער 13 יאַנואַר, 1945)

* * *

אונדזער קלוב מוז פאַרצווייגט און באַפעסטיקט ווערן

אין דעם איצטיקן מאָמענט, ווען אַלע פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס לעבן איבער שווערע ציטן איז אויך נאַטירלעך, אַז אונדזער אַ.ר. געפינט זיך אין דער זעלבער לאַגע. עס נויטיקט זיך איצט, מער ווי אין וועלכער ניט איז אַנדער צייט, אַז אַלע אַקטיווע טוער אין אַ.ר. זאָלן צושטעלן זייערע שולטערן און ווערן פון דאָס ניי אַקטיוו, ווי אַגענטן און אַגיטאַטאָרס פאַרן אַ.ר. אַזוי ווי זיי זיינען דאָס געווען אין די אַמאָליקע ציטן, ווען דער אַ.ר. האָט געהאַלטן אין וואַקסן און בליען.

מיר ווייסן פון דער דערפאַרונג, אַז די שטעט, וואו עס געפינען זיך

מיטגלידער פון אונדזער קלוב, גייט אָן אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט פאַרן אַ.־ר. אונדזערע קלוב־מיטגלידער זיינען דאָס די וואָס גיבן אַוועק זייער פרייע צייט, זייער גאַנצע ענערגיע פאַר דעם, אַז די אַקטיוויטעטן אין דעם לעבן פון אַ.־ר. זאָלן זיין ווירקזאַם און דערפאָלגרייך.

די אויסערלעכע וועלט האָט אַ פאַלשן באַגריף וועגן אונדזער קלוב. די בייזע וועלט באַשולדיקט אונדז, אַז מיר ווילן דיקטירן איבערן אַ.־ר., אַז קיין אַנדערע אינטערעסן האָבן מיר ניט. דאָס איז אָבער אַ בייזער בילבול. אונדזערע מיטגלידער ווייסן דאָס בעסער פון אַלעמען. אַז אַלץ וואָס אונדז אינטערעסירט אין אַ.־ר. איז די אָרגאַניזאַציע זאָל אָפּגעהיט ווערן פון די עלעמענטן וואָס זייער צוועק איז צו פאַרמיאוסן אונדזער אַ.־ר. און ווילן אים איבערגעבן אין די הענט פון די עלעמענטן, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט אונדזער שטאַרקע סאָציאַליסטישע און פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

אַ דאַנק דער איבערגעבענהייט פון די מיטגלידער פון אונדזער קלוב, איז די גאַנצע באַוועגונג געראַטעוועט געוואָרן פון אַן אמתן חורבן און אַוודאי און אַוודאי איז געראַטעוועט געוואָרן דער אַ.־ר. פון דעם, אַז ער זאָל איינגעשלונגען ווערן פון די קאָמוניסטישע כוחות. מיר זיינען דאָס די וואָס האָבן געראַטעוועט דעם אַ.־ר. אונדז, און נאָר אונדז, קומט דער גאַנצער קרעדיט פאַר דעם און דערפאַר, און נאָר דערפאַר, זיינען מיר אַקטיוו און באַוואַכן און באַשיצן אים צו יעדער צייט.

מיר זיינען ניט פאַראינטערעסירט צו רעגירן איבערן אַ.־ר. מיר זיינען אָבער יאָ פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז דער אַ.־ר. זאָל ניט פאַרפירט ווערן און זאָל ניט אָראָפּגעפירט ווערן פון זיין לאַנגיאָריגן וועג, אַלס אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אַלס איינע פון די דעמאָקראַטישסטע אָרגאַניזאַציעס אין דעם לעבן פון יידישע פאָלקס־מאַסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

יעדן נייעם מיטגליד וואָס מיר קריגן צו אין אונדזער קלוב, איז אַ גרויס געווינס פאַרן גאַנצן אַ.־ר. די נייע מיטגלידער ווערן באַלד רעקרוטירט צוזאַמען מיט אונדז, עלטערע מיטגלידער, און שטעלן צוזאַמען דעם אַקטיוו פונם אַ.־ר.

עס איז טאַקע אמת, אַז אונדזער קלוב־משפחה איז אַ באַדייטנדע, אַ פאַרצווייגטע און ביי נאָרמאַלע אומשטענדן וואָלט ניט געווען קיין נויטווענדיקייט אָנצופירן אַ קאַמפּאַניע פאַר נייע מיטגלידער. האָבנדיק אָבער אין זינען דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן ביז איצט, איז דאָ אַ דרינגנדיקע נויטווענדיקייט צו ווערבירן וואָס מער נייע מיטגלידער אין אונדזער קלוב, און דורכדעם צוקריגן לאָיאַלע און איבערגעגעבענע טוער פאַרן אַ.־ר.

מיר בעטן דערפאַר אַלע אונדזערע קאָלעגן, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ מאָביליזאַציע אין זייערע רעספּעקטיווע שטעט און געגנטן. באַטראַכטן די פּאַסיקייט פון זייערע מיטגלידער אין די רייען פון דעם אַ.־ר. און זיי פּאַרלייגן, ווי מיטגלידער פון אונדזער קלוב.

דער אַ.־ר. נויטיקט זיך איצט מער ווי אין וועלכער ניט איז אַנדער צייט אין וואָס מער טוער, אַגיטאַטאָרס און אַגענטן, פאַר דער וויכטיקער אַרבעט צו בויען און באַפעסטיקן אים אַזוי, ער זאָל ניט בלייבן הינטער־שטעליק אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. מיר דאַר־פן זיי האָבן אין אַלע שטעט און שטעטלעך, אין אַלע שטאַטן פון אַמעריקע. צי דאָרטן עקזיסטירן ברענטשעס צי ניט, זיי וועלן שוין גרינדן נייע ברענטשעס, זיי וועלן שוין זאָרגן פאַר דעם, אַז דער אַ.־ר. זאָל וואַקסן און בליען.

קאָלעגן: איר האָט אַ וויכטיקע אויפגאַבע, אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע, און מיר זיינען זיכער, אַז איר וועט זיין דערפאָלגרייך אויף דעם געביט.

(„חברשאַפט", נומער 12, אויגוסט 1947)

אויסצוגן פון הספּדים פאַר אונדזערע פאַרשטאָרבענע 4 סעקרעטאַרן פונם נ. ס. ק.

וויליאַם באַקסט דער גרינדער פון אונדזער קלוב

פון יעפים ישורין

וויליאַם באַקסט איז געשטאָרבן דעם 25טן מערץ 1939. אָבער זיין ריזיקער גייסט, זיין דורשטיק אויג, וואָס האָט אריינגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזער לעבן, איז ניט פאַרגעסן געוואָרן. ווער געדענקט דאָס ניט זיין סאַטירע אויף אַלע געשעענישן אין לעבן פון אונדזער משפּחה. אונדזער קרייז מענטשן — איז געווען דער הויפּט־פּונקט פון זיין לעבן.

זיין סאַטירישער טאַלאַנט איז געווען ניט קיין געקינצעלטער. ניין, ער האָט אויף זיין סאַטירע זיך ניט געדאַרפט אָנשטרענגען. דאָס איז אים אָנגעקומען זייער לייכט; דאָס איז געקומען עקספּראָמט פון זיינע ליפּן און פון זיין פעדער.

וויפל ליבע און האַרציקע פריינדשאַפט דער מענטש האָט דאָס פאַר־מאָגט, דאָס קענען אָפּשאַצן נאָר די חברים, וועלכע זיינען געקומען מיט

אים אים אין אַ נאָנטן קאָנטאַקט. ער האָט פאַרמאָגט אַ האַרץ פון אַן אָקעאַן. ער איז געווען באַזעלט מיט אַזוי פיל הומאָר, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט האָט געשפּריצט מיט נאַטירלעכע סאַטירע. ער האָט געשפּאַסט אַפילו אין די טראַגישסטע מאָמענטן פון זיין לעבן און אַזעלכע האָט ער געהאַט מערערע מאָל. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין געשטאַלט, זיין יום־טובדיקן אויסזען אויף דעם צוזאַמענפאָר פון אונדזער קלוב, וועלכן ער האָט ביינעוואוינט נאָך אַן איבעררייס פון פיל יאָרן. די אימפּאָזאַנטקייט פון דעם צוזאַמענפאָר האָט אים באַצויבערט, זיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט אַזויפיל גליק און פרייד, אַז ער האָט דאָס ניט באַמערקט די זודיקע טרערן. וועלכע האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

(„חברשאַפט” נומער 14, יאַנואַר 1943)

לעאָן אַרקין, דער צווייטער גענעראַל סעקרעטאַר פונם קלוב

לעאָן ארקין, וועלכער איז געווען קלוב־סעקרעטאַר אַ קורצע צייט, איז אַוועקגעשטאָרבן נאָך ווייט ניט אין קיין רייפן עלטער. דאָס טראַגישע דערביי איז דאָס, וואָס ער איז אַוועקגעשטאָרבן, ווען זיינע חלומות און האָפנונגען זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן, ער איז געוואָרן איינער פון די „פאָרווערטס”־פאַרוואַלטער, דאָ אין ניו־יאָרק. האָט אויך געקראָגן דעם גרעסטן כבוד וואָס אַן אַ.־ר.־טוער קען האָפן. ער איז געוואָרן דער פּרע־זידענט פונם אַ.־ר. און פאַר דער צייט פון פּרעזידענטסטוואָ האָט ער באַקליידט דעם אַמט מיט כבוד און ווירדע. ער איז געבליבן טריי צו די פּרינציפּן פון פריינדשאַפט און חברשאַפט פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב”. ער האָט זיך שטענדיק געגרייסט דערמיט, וואָס ער איז געווען איי־נער פון די גרינדער פונם קלוב.

נפתלי פיינערמאַן, דער דריטער סעקרעטאַר פונם קלוב

נ. פיינערמאַן האָט יאָרן לאַנג פאַרנומען אַ בכבודיקן שיינעם אָרט ביים סאַמע מזרח וואַנט פון אַ.־ר.

גייען זיי אַוועק די פּיאָנערן, די בויער פון אַ.־ר. עס ווערט שיטערער אין אונדזערע רייען. ווער ווייסט, צי דער צוקונפטיקער דור וועט קענען געבוי אַפּשאַצן די, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט אַזויפיל ענערגיע, אַזויפיל נשמה אין דעם אַ.־ר. אַפילו, מיר, פון עלטערן דור, האָבן געוויסע מאָל זייער אַ קורצן זכרון.

פיינערמאַן האָט איבערגעלעבט זייער שווערע מאָמענטן אין זיין לעבן.

פון זיינע ליידן האָבן אָבער געוווּסט, בלויז זיינע נאָנטע פריינט. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ געבוירענעם געפיל פון זעלבסטווירדע.

אַ גרויסע ראָלע האָט פיינערמאַן געשפּילט אין דער ענטוויקלונג פון די יידישע שולן און אין דעם קאַמף פאַר „פּראָטוירנאַל רייטס". מען האָט זיך געקענט אָפּשטעלן זייער פיל אויף דער ראָלע וואָס פיינערמאַן האָט געשפּילט ביי אַ סך געלעגנהייטן אין דער פראַגע פון דער דערציאונגס־אַרבעט. די לעצטע יאָרן האָט ער זיין אונשעפּבאַרע ענערגיע געווידמעט צו פאַרשטאַרקן מאַטעריעל די אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פון יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוו"א), אין קאַמף מיט די קאָמוניסטן. פיינער־מאַן איז געווען פון דעם טיפּ פון פּיאָנערן, וואָס וועגן זיי זאָגט דער פּסוק „לא המדרש עיקר אלא המעשה", ער איז געווען פון די איבער־צייגטע „עקשנים", האָט ער אין עפּעס געגלויבט, האָט ער דערפאַר גע־קעמפט מיט זיין גאַנצער ענערגיע.

מיט זיין עקשנות האָט ער אויך געטון אַלעס מעגלעכעס צו שטאַרקן און אַקטיוויזירן דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב".

דזשאָן דריישפּיל, לאַנגיעריקער סעקרעטאַר פון לאָקאַל ניו־יאָרק

דזשאָן דריישפּיל, אונדזער יונה, איז געשטאָרבן דעם אָנפאַנג פון 1951. דריישפּיל איז ניט נאָר געווען אָנגעזען אין אונדזערע רייען, נאָר אויך אין די רייען פון בכבודיקע בירגער פון אונדזער מעטראָפּאָליע, די שטאָט ניו־יאָרק, פאַר וועלכער ער האָט געאַרבעט.

זייענדיק איבערגעגבן זיין פּראָפעסיע, האָט ער זיך אַ סך אויסגעצייכנט אין זיין געביט, ווי אַן אינזשעניר. ער איז געווען אַן אימיגראַנט פון גראָד־נע און איז געבליבן זיין גאַנצן לעבן אַ יידישער ראַדיקאַל און אַן איבער־געבענער אַ.־ר.־טוער, טראָץ זיינע גרויסע פּראָפעסיאָנאַלע דערגרייכונגען.

זיין פּראָפעסיע האָט אים ניט פאַרפרעמדט פון דער אַ.־ר. טעטיקייט. גלייך נאָך זיין קומען קיין ניו־יאָרק איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין בראַנטש 74 אַ.־ר. ער איז געוואָרן טעטיק אין בראַנטש. געוואָרן אַ מיט־גליד פריער אין קאָנטראָל־קאָמיטע און שפּעטער אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע. ער האָט פיל געלייסטעט פאַרן אַ.־ר.־סאַניטאָריום, און אויך פאַר דער היים פאַר עלטערע מיטגלידער. אַ סך האָט ער געטאָן פאַרן סעמעטערי־דעפּאַרטמענט, וואו ער האָט געדינט ווי אַן אַדוויזער, — אַ משגיח פון אַלע סעמעטערים וואָס דער אַ.־ר. פאַרמאָגט.

דריישפּיל איז געווען אַ פריינד און חבר. ער האָט מיט באַשיידנקייט פיל געהאָלפן צעמענטירן די חברשאַפט און פריינדשאַפט פונם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב.

פריינדשאַפט און חברשאַפט זיינען אונדזערע לאָזונגען

פון יעקב סיגעל (שיקאַגאָ)

פריינדשאַפט און חברשאַפט זיינען פון די שענסטע אוצרות אין דעם לעבן פון מענטשן. דאָס זיינען אַזעלכע טייערע זאַכן, וועלכע מען קען נישט קויפן פאַר קיין שום פּרייז.

פריינדשאַפט און חברשאַפט מוז מען זיך פאַרדינען: מען מוז אָנ־שלאָגן די הייליקסטע און די דינסטע סטרונעס פון מיטמענטשן, וועלכע שטרעבן צו דערגרייכן דעם זעלבן ציל. עס מוזן זיין קעגנזייטיקע געפילן און אויך קעגנזייטיקע אַכטונג פון איינעם צום צווייטן.

אויב מיר פאַרמאָגן די אייגנשאַפטן קען מען שאַפן אַ דויערנדיקע פריינדשאַפט, וואָס קיין מיספאַרשטענדעניש קען נית צורייסן.

אַזאַ פריינדשאַפט ווערט נאָך פעסטער צעמענטירט ווען זי איז אויך געבויט אויף אידעאישע אייניגקייטן און אויף געמיינזאַמע שטרעבונגען צו העכערע צילן אין לעבן — פּאָליטישע, קולטורעלע און געזעלשאַפט־לעכע.

איך ווייס, אַז דאָס זיינען נית קיין לייכטע באַדינגונגען פאַר אמתער פריינדשאַפט און אמתער חברשאַפט, איך ווייס אָבער נית קיין לייכטערע באַדינגונגען וואָס זאָלן העלפן דערגרייכן דעם ציל.

איך מאַך די הקדמה און ענטפער אויף דער איינלאַדונג פון אונדזער טשיף יעפים ישורין, אַז איך זאָל עפּעס שרייבן פאַר דעם יערלעכן זשור־נאַל אויף דער טעמע: „וואָס איך האָב געוואונען ווערנדיק אַ מיטגליד פון קלוב אין שיקאַגאָ". איך נעם אָן די איינלאַדונג און איך וויל מאַכן די פאָלגענדע באַמערקונג:

איך האָב געוואונען אַ וואַרעמען ווינקל, וואו איך קען זיך פאַרזאַמ־לען מיט מענטשן וואָס בענקן און לעכצן נאָך דער זעלבער פריינטשאַפט און חברשאַפט ווי איך; וואו איך קען זיך אויספירן פריי אין מיינע נאַ־טירלעכע געדאַנקען און געפילן און וואו איך בין נישט געבונדן מיט די קייטן פון צירליך־מאַנירלעכקייט און וואו איך פיל ווי איך וואָלט זיין אין דער ענגער סביבה פון אַ נאָנטער משפחה.

אין דער היינטיקער וועלט פון „קאַלטער מלחמה" און פון אידעאַ־לאָגישע קאַמפן איז אונדזער וועלט אַזוי שטאַרק צעטיילט געוואָרן אין פיינדלעכע גרופן, אַז פיל מאָל טרעפט איר אָן מענטשן וואָס וואָלטן אייך געקענט דורכשטעכן מיט זייערע ביסטרע אויגן: זיי וואָלטן אפשר גע־טון ערגערע זאַכן צו מיר. אָבער צום גליק האָבן זיי נישט די מאַכט. די שנאה פילט אָבער אָן די לופט, און אָפט מאָל ווערט עס באמת שטיקענד און גיפטיק.

איך האָב אַלעמאָל געפונען אַ ווארעמקייט און אַ הארציקייט אין די היגע אַרבעטער־רינג־קרייזן פאַר קנאַפּע 45 יאָר, עס איז אָבער געווען מער אָדער ווייניקער אַן אָפּיציעלע ווארעמקייט: עס האָט געפעלט די פּערזענלעכע אינטימקייט און פריינטלעכקייט.

איך האָב זיך ניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן קעגן קיינעם. לאַנג איידער איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין קלוב האָב איך געקראָגן די פולסטע אונטערשטיצונג אין אַלע אַקציעס, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו פירן פאַר די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון אונדזער באַוועגונג. ווי געזאָגט, האָב איך אַלע מאָל געפילט, אַז דאָס טוט דער היגער טשיף צוליב די אידעען וואָס בינדן אונדז צוזאמען אין איין באַוועגונג. עס האָט אָבער געפעלט, ווי געזאָגט די נאָנטע פּערזענלעכע באַרירונג.

(„חברשאַפט" נומער 20, יאַנואַר 1955)

מערקווירדיקע דערגרייכונג — ביז איצט געשאַפן $4,653.50 פאַרן רעליף פאָנד

אין „חברשאַפט" פון 1טן מאַי 1946, איז דערשינען אַ ווענדונג צו אַלע אונדזערע מיטגלידער, צו שאַפן אַ רעליף פאָנד פאַר אונדזערע נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער.

די רעדאַקציע פון „חברשאַפט" האָט דאָס געטון אויף איר אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זי האָט זיך מיט קיינעם ניט מיישב געווען וועגן דעם און האָט דאָס אַליין באַשטימט — וויסנדיק וועגן אייניקע נויט־פאַלן צווישן אונדזערע מיטגלידער.

דאָס וואָס די רעדאַקציע האָט זיך אונטערנומען — איז באמת גע־ווען אַ גליקלעכער צופאַל. גלייך נאָך דעם ווי די ווענדונג איז אָפּגע־דרוקט געוואָרן, איז די לאַגע געוואָרן נאָך ערנסטער. עס זיינען באַלד צוגעקומען נאָך עטלעכע נויטפאַלן, און דער פאָנד האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן.

אונדזערע מיטגלידער מעגן זיך קאָמפּלימענטירן מיט דעם גרויסן דערפאָלג פון דער ווענדונג. עס האָט באַלד אָנגעהויבן שטראָמען מיט געלד פון אַלע זייטן.

געציילטע מיטגלידער פון קלוב — די וואָס זיינען קיינמאָל ניט צו־פרידן און באַפרידיקט, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף „לעגאַליטעט". זיי האָט געגעבערט די פראַגע וועגן דעם: צי איז דאָס אַ געזעצלעכער אַפּיל פון רעליף־פאָנד אָן דער באַראַטונג און דער צושטימונג פון אַ קלוב מיטינג.

דער ענטפער אויף דעם איז, אַז ווען עס ברענט אַ פייער, נעמט מען ניט קיין אָפּשטימונג וועגן דעם, צי מען זאָל רופן די פייערלעשער צי ניט.

קיינעם פון אָט די געזעץ־ליבענדע פּאַרלאַמענטאַריער איז קיין מאָל ניט איינגעפאַלן צו זאָרגן וועגן די וואָס זיינען נויטבאַדערפטיק. אויף אַזאַ המצאה זיינען זיי ניט געפאַלן. דער אונטערשיד פון די פּאַרלאַמענטאַריער און דער רעדאַקציע פון „חברשאַפט" איז, וואָס די רעדאַקציע זאָרגט וועגן דער מיטגלידערשאַפט פון קלוב, און די פּאַרלאַמענטאַריער פלושקען זיך אין „פּאָליטיק".

די געלטער פון דעם פאָנד ווערן געהאַלטן אין אַ באַזונדערער באַנק־אַקאַונט און דער פאָנד ווערט פאַרוואַלטעט פון אַ באַזונדערן קאָמיטעט (וועלפער־קאָמיטעט) באַשטימט פון אונדזער לעצטן יערלעכן צוזאַמענפאָר.

אַ גרויסן און האַרציקן דאַנק צו אַלע מנדבים, סיי די וואָס האָבן אַריינגעשיקט גרויסע סומען און סיי צו די וואָס האָבן אַריינגעשיקט קליינע סומען.

שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, לאָס אַנדזשעלעס און ניו־יאָרק האָבן געגעבן די גרויסע נדבות. קענענדיק געגנוי אונדזערע קאָלעגן — זיינען מיר אומשטאַנד צו אורטיילן אַלעמענס באַשטייערונגען און מיר זיינען גליקלעך צו קענען פעסטשטעלן, אַז מיט קליינע אויסנאַמען, האָבן אונדזערע מענטשן געגעבן לויט זייערע מעגלעכקייטן.

אייניקע באַשטייערונגען זיינען ניט אין דער געוווּנטשענער פּראָפּאָרציע מיט די פאַרדינסטן פון אונדזערע מענטשן און זייער פאַרמעגלעכקייט — אָבער דאָס איז אַ פראַגע פון געוויסן און מאָס פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס יעדער פון אונדז דאַרף באַזיצן. שמערצלעכער פון אַלץ איז אָבער, ווען מען שרייבט 3—4 בריוו צו אייניקע פון אונדזערע קאָלעגן און זיי ענטפערן ניט און שיקן ניט אַריין אַפילו די מינימאַלסטע באַשטייערונג. ווי אָרעם מען זאָל ניט זיין — קען יעדער עפּעס אַריינשיקן.

מיר דרוקן אַ פולע רשימה פון די אַלע געלדער וואָס זיינען אַריינגעקומען ביז דעם מאָמענט ווען „חברשאַפט" איז געגאַנגען צום דרוק. אַלע געלדער וואָס וועלן אַריינקומען שפּעטער — וועלן קוויטירט ווערן אין קומענדן נומער פון „חברשאַפט".

דער פּראַקטישסטער וועג וואָלט אייגנטלעך געווען אָפּצודרוקן די נעמען פון די וואָס האָבן ניט בייגעטראָגן צו דעם פאָנד, דאָס וואָלט פאַרנומען זייער ווינציק פּלאַץ . . .

אונדזער קלוב האָט אויסגעהאַלטן זיין עקזאַמען. דער רעליעף־פאָנד,

וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַדאַנק דער חברשער באַציאונג מצד אונדזערע מיטגלידער האָט באַוויזן די שטאַרקייט פון קלוב און האָט באַשטעטיקט זיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

(„חברשאַפט" נומער 10, אָקטאָבער 1946)

מיר מוזן ווידער שאַפן אַ גרויסן רעליף־פאָנד פאַר אונדזערע נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער

מיט 4 יאָר צוריק, איז דורך אַן אויפפאָדערונג פון אייערע נאַציאָנאַלע באַאַמטע געשאַפן געוואָרן אַ הילפס־פאָנד, פון וועלכן עס זאָלן אַרויסגעהאָלפן ווערן צו נויטליידנדיקע מיטגלידער פון אונדזער קלוב. דער אָפּרוף פון דער מיטגלידערשאַפט איז געווען מערקווירדיק וואַרעם און ברייטהאַרציק. אין משך פון געציילטע חדשים איז אויף אַ פרייוויליקן וועג געשאַפן געוואָרן די סומע פון 5000 דאָלער.

די געלטער פון דעם הילפס־פאָנד זיינען געהאַלטן געוואָרן אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע געלטער מיט וועלכע אונדזער קלוב אָפּערירט. פון דעם הילפס־פאָנד זיינען די געלטער אויסגעגעבן געוואָרן נאָר פאַר דעם איינציקן צוועק, אַרויסצוהעלפן אונדזערע מיטגלידער, וועלכע געפינען זיך פון צייט צו צייט אין אַ שווערע לאַגע. די קאַמעראַדן אונדזערע, וועלכע האָבן זיך געפינען אין אַן עת־צרה, זיינען אַרויסגעהאָלפן געוואָרן פון דעם פאָנד.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די הילף איז געגעבן געוואָרן פון אונדז אויף אַ חברישן וועג. אַזוי, אַז די געהאָלפענע דורך דעם פאָנד זאָלן ניט פילן, אַז עס ווערט זיי געגעבן צדקה. אונדזער הילף ווערט אויסגעטיילט צו אונדזערע חברים אויף אַזאַ וועג, אַז זיי זאָלן פילן, אַז דאָס איז אַן אויסדרוק פון פאַרשטענדיקונג און מיטגעפיל פון קאַמעראַדן און חברים — צו קאַמעראַדן און חברים.

דער גאַנצער צוזאַמענשטעל און דער כאַראַקטער פון אונדזער קלוב איז אַן אייגנאַרטיקער. דאָס איז ניט גלאַט אַזוי אַ געמיש פון מענטשן, וועלכע פילן זיך פרעמד איינער צום אַנדערן. ניין, דאָס איז אַ צוזאַמענלעבונג פון מענטשן, וועלכע האָבן אַ מערקווירדיקע צוגעבונדקייט איינער צום צווייטן, אַ דאַנק זייער מיטאַרבעטערשאַפט אויף אַלע געביטן פון דעם אַרבעטער־רינג.

אונדזערע מיטגלידער זיינען סאָלדאַטן פון דער גרויסער און ריזיקער אַרמיי — אַרבעטער־רינג־טוער, טוער וועלכע האָבן במשך פון צענדליקער יאָרן אַוועקגעגעבן זייערע כוחות און זייער גאַנצע ענערגיע אין דינסט פון אַ.ר.; דאָס זיינען מענטשן, וועלכע האָבן געבויט און אָפּגעהיט דעם

א.־ר. פון אַלע אָנגריפן און פאַרזוכן פון זיינע שונאים — אים צו צע־ברעכן און פאַרניכטן. אונדזער קלוב האָט אַ גרויסן חלק אין דעם וואוקס פון א.־ר.

דער פאָנד איז אָבער אויסגעצערט געוואָרן; די קאַסע ווערט אַלץ פוסטער און פוסטער און מען קען זיך נים פאַרלאָזן אויף ניסים.

ווען דער הילפס־פאָנד איז געגרינדעט געוואָרן האָבן מיר געהאָפט, אַז אונדזערע מיטגלידער, ספּעציעל די פאַרמעגלעכע, וועלן שוין זאָרגן פאַר דעם, אַז דער פאָנד זאָל קיינמאָל נים אויסגעצערט ווערן. מיר האָבן דערוואַרט און טאַקע עדיטאָריעל אין „חברשאַפט" אויפגעפאָדערט אונ־דזערע מיטגלידער, אַז אין זייערע צוואות זאָלן זיי אָפּשרייבן אַ קליינעם טייל פון זייער פאַרמעגן פאַרן קלוב. אָבער אונדזער וואונטש איז נים מקוים געוואָרן. די וועלכע זיינען אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז — האָבן אַזעלכע צוואות נים געמאַכט.

דערפאַר זיינען מיר איצט געצוואונגען פון דאָסניי אַרויסלאָזן אַ רוף צו אַלע אונדזערע מיטגלידער איבערן לאַנד — ווידעראַמאָל צו שאַפן אַ גרויסע סומע געלד פאַר דעם הילפס־פאָנד פון אונדזער קלוב. מיר ווילן האָפן, אַז קיינער, אָבער טאַקע קיינער נים, וועט זיך נים אָנטזאָגן צו זיין אַ מיטבויער פון דעם פאָנד, וועלכער איז פון גרויס וויכטיקייט און באַדייט.

צוליב דעם וואָס מיר זיינען אַ גרויסע און פאַרצווייגטע אָרגאַני־זאַציע, זיינען דאָ טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען וואָס מיר דאַרפן לייזן: אין פשוטע ווערטער — מיר דאַרפן שטאַרקן און קרעפטיקן אונדזערע מיטגלידער אַזוי, אַז זיי זאָלן נים אונטערגעוואָרפן ווערן צו די פילאַנ־טראָפּישע און הילפס־אָרגאַניזאַציעס פון זייערע געמיינדעס, וואו יעדער איינער זאָל טייטלען זיי אין פנים...

מיר זיינען איבערצייגט, אַז אונדזערע חברים זיינען באַזעלט מיט דעם געפיל פון אינטערעס און זאָרג און איבערגעבענקייט איינער צום אַנדערן. מיר זיינען זיכער אין דעם, אַז אַלע אונדזערע חברים, קראַנקע קאַמעראַדן, וועלכע לעבן נים אין וואוילטאָג און וועלכע נויטיקן זיך פון צייט צו צייט, און אַנדערע טאַקע שטענדיק, אין אונדזער פאַרשטענדי־קונג, אין אונדזער חברשע אויסדריקן פון מיטגעפיל...

אַלעביישטייערונגען צו דעם פאָנד וועלן קוויטירט ווערן אויף די שפּאַלטן פון „חברשאַפט", זאָל דערפאַר אָנהויבן צו שטראָמען מיט טשעקס אויף גרויסע סומען פון די, וואָס קענען געבן און מיט קלענערע סומען פון די וואָס זיינען אַליין אָרעמע לייט...

(„חברשאַפט" נומער 16, יאַנואַר 1951)

איז ישורין דער „טשיף״ אָדער „באָס״ פונם קלוב

ווען מען שרייבט וועגן דער געשיכטע פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״, ספּעציעל ווען מיר הויבן אָן איצט, דעם טרויעריקן קאַפּיטל פונם קאַמף אין אַ.־ר. מיט דער קאָמוניסטישער וואַקכאַנאַליע אָדער די קאָמוניסטישע מגיפה, וואָס האָט געדראָט דעם ווייטערן גאַנג פון דער אָרגאַניזאַציע, אָדער גאָר געסטראַשעט איר ווייטערדיקע עקזיסטענץ, מוז מען, למען־האמת, קלאָר מאַכן דעם פאַקט, אָדער די באַהויפּטונג וואָס מיר וועלן מאַכן, אַז אַ דאַנק יעפים ישורין און דעם קלוב, וואָס האָט מיט אמתער מסירת־נפש געקעמפט קעגן די קאָמוניסטן, איז דער אַ.־ר. געבליבן גאַנץ און אַרויס פון דער מלחמה מיט זייער ווייניק בלוט־פאַרלוסט, ווי ס׳איז נאָר געווען מעגלעך, אָבער דער ענטפער אויף דער פראַגע, צי איז ישורין „טשיף״ אָדער „באָס״ פונם קלוב איז מיין ענטפער אַ פּאָזיטיווער י ע ס — ער איז טשיף און „באָס״...

אָבער, מיינע פריינט, טוט מיר אַ טובה און טוט אַ פרעג אַ מיטגליד פון דער אינטערנייישאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, צי איז דוד דובינסקי בלויז דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן אָדער טאַקע דער „באָס״ פון דער יוניאָן? און זיין ענטפער וועט אויך זיין אַ פּאָזיטיווער י ע ס, ער איז דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן און טאַקע דער „באָס״ פון דער יוניאָן.

ווען איר וועט פרעגן אַ מיטגליד דער קעפּ און מילענערי יוניאָן צו איז אַלעקס ראָוז דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן אָדער „באָס״ פון דער יוניאָן, וועט איר קריגן דעם זעלבן פּאָזיטיוון ענטפער: יאָ,ביידע.

די פראַגע איז נאָר וואָס מען פאַרשטייט אונטער דעם אויסדרוק „באָס״, זיכער אויב מען רעדט וועגן „באָסעס״ פון דעם מין פון אַ „קראָוקער״ אָדער „מוירפי״ פון דעם אַמאָליקן „טעמעני האָל״. זיי האָבן אָנגעהאַלטן זייער ממשלה און פירערשאַפט מיט דער הילף פון גענגסטער, פון „גרעפט״, פון קאָרופּציע און קולאַק. דאָס איז געווען די ערגסטע קללה פאַר דער געזעלשאַפט און פאַרטיי, וועמען זיי האָבן כלומרשט פאַרטראָטן. זיי האָבן דעם אמת אַלס פירער פאַרמיאוסט, און דאָס וואָרט „באָס״ געמאַכט פאַר אַ שאַנד־וואָרט. זיי זיינען געווען געוויסנלאָזע, נידעריקע ברואים, וואָס האָבן געהאַט אין זינען בלויז זייערע פּערזענלעכע נוצן. ווען אָבער, מען האָט אין זינען אין אַ געוויינלעכן זין, אין אַן אָנשטענדיקן זינען, מיינט אַ „באָס״ אין דער אמת אַ באַלעבאָס און אויפפּאַסער, וואָס פּאַסט אויף, אויף זיין אייגנטום און זעט אַז אַלץ זאָל געטון ווערן לטובת דעם, וואָס איז אים ליב און טייער. דאָ האָט שוין דאָס וואָרט גאָר אַן אַנדערן זין און אַן אַנדער מיינונג און באַ־

דייטונג. עס איז שוין דאַן אַ כבוד און אַ פאַראַנטוואָרטלעכער אויסדרוק פון אַ שומר פון דאָס וואָס ער פאַרטרעט און פאַרמאָגט.

ניט נאָר איז דאָס דער אמת אין אינדוסטריעלע און עקאָנאָמישע אָר־גאַניזאַציעס, נאָר אין אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען. אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן אין דער שפּיץ פון זייער אָרגאַניזאַציע „פירער", וואָס קאָנען לייכט אָנגערופן ווערן „באָסעס", ווייל אָט די אָנער־קענטע פירער זיינען די, וואָס וואַכן און היטן דעם פּראָגרעס, דעם גאַנג, די גאַנצקייט, און דעם דערפאָלג פון דער אָרגאַניזאַציע. אין אַזעלכע פאַלן, איז זיין אַ „באָס" פון אַן אָרגאַניזאַציע ניט קיין „שאַנד־וואָרט" אָדער „זידל־וואָרט", נאָר פּונקט פאַרקערט, אַ כבוד און אַ געוואַלדיקע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם אַ.־ר., איז מיין ערנסטע מיינונג, אַז עס איז געווען אַ גליק פונם אַ.־ר., וואָס אַזעלכע מענטשן ווי ישורין האָבן געהאַט די געלעגנהייט, און איבערהויפּט, די געדולד, ערנסטקייט, און פעאיקייט, צו שטיין אויף דער וואַך און מיט איבערגעבנקייט היטן און פאַרהיטן דעם אַ.־ר. פון אַזעלכע אָנשיקענישן, ווי די קאָמוניסטישע כוליגאַנעס, וועלכע האָבן אָן רחמנות און אָן איינזעעניש געוואָלט פאַרניכטן דעם אַ.־ר.

דערפאַר איז אונדזער מיינונג, רופט ישורינען „טשיף", רופט אים „באָס", — זיינע פאַרדינסטן, אַרבעט און קרעדיט, האָף איך, וועט פאַר־בלייבן אין דער אַ.־ר.־געשיכטע לדורות, ווי דער פירער, וואָס האָט גע־קענט געווינען דעם צוטרוי פון אַ גרויסע צאָל מיטגלידער, טוער איבערן אַ.־ר. איבערן גאַנצן לאַנד, וועלכע האָבן אים נאָכגעפאָלגט, געטרויט און אויסגעפאָלגט; אַ סך מאָל, אַפילו בלינדערהייט אויסגעפירט זיינע אָר־דערס אָדער עצות, און דורך דעם האָבן זיי געהאָלפן דעם אַ.־ר. בלייבן וואָס ער איז.

אַ צווייטע פראַגע וואָס מען פרעגט אויך אָפט (און דאָס איז שוין גאָר אַ דעליקאַטע פראַגע), צי איז דאָס יושרדיק אָדער דעמאָקראַטיש, אַז דער קלוב אָדער ישורין זאָל קאָנטראָלירן דעם אויסוואַל פון מיטגלידער אין די פאַרוואַלטנדע קאָמיטעטן און אויך דעלעגאַטן צו קאָנווענשאָנס פונם אַרבעטער־רינג?

אויף דער פראַגע, וואָלט איך אויך געוואָלט ענטפערן אויף אַ יידישן אופן מיט אַ פראַגע: זאָגט מיר, ווער קען דען לייקענען, אַז די אינטער־נעישאָנאַל יוניאָן, די אַמאַלגאַמייטעד, די קעפּ און מילינערי יוניאָן, און אַלע אַנדערע יידישע פּראָגרעסיווע יוניאָנס, זיינען באמת דעמאָקראַטישע יוניאָנס, סיי אין זייער גייסט און סיי אין זייערע פירונגען, דאָך ווייסן אַלע, אַז וואָס אָנבעלאַנגט דעם אויסוואַל פאַר באַאַמטע פאַר דער יוניאָן און דעלעגאַטן צו די קאָנווענשאָנס, ווערט דאָס קאָנטראָלירט פון „קלובס",

אונטער פאַרשיידענע נעמען און טיטולן. דאָס איז פשוט דערפאַר, וואָס „לויזע דעמאָקראַטיע" איז פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און לעבעדיקע אָר־גאַניזאַציע אָפטמאָל שעדלעכער און געפערלעכער ווי קאָנסערוואַטיזם און רעאַקציע. צופעליקע „פליי־ביי־נייט"־פירערס און פאַרוואַלטערס האָבן חרוב געמאַכט אַ סך וויכטיקע, נויטיקע און שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס.

דאָ וויל איך עפּעס דערציילן פון מיין אייגענער דערפאַרונג:

מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען אַ צאָל יידישע יוניאָנס האָבן זיך באַ־נוצט מיט „גענגסטערס" — און דאָס איז לײדער אַן אמת — האָט לואי שייפער, וואָס איז דאַן געווען לייבאָר־עדיטאָר פונם „פאָרווערטס", אַראַנ־זשירט אַ סימפּאָזיום ביי אַ פאַרזאַמלונג פונם „פאָרווערטס"־אַסס׳ן אויף דער טעמע „מוזן יידישע יוניאָנס זיך באַנוצן מיט גענגסטערס?". און אַ צווייטע טעמע: „פאַרוואָס באַנוצן זיך די יוניאָנס מיט קאַפּיטאַליסטישע און פּאָליטישע אַדוואָקאַטן, ווען ס׳זיינען דאָ אַ גרויסע צאָל גוטע און פעאיקע אַדוואָקאַטן וואָס זיינען סאָציאַליסטן?"

פאַר באַטייליקן זיך אין דעם „סימפּאָזיום" האָט ער איינגעלאַדן לואי וואַלדמאַן, אַ לאָיער, און טאַקע אַ גוטע לאָיער און אַ סאָציאַליסט. א. שיפּ־לאַקאָוו, וועלכער איז דאַן געווען מענעדזשער פון דער פאַקעט־בוק־מיי־קערס יוניאָן, און מיין ווייניקייט, אַלס דער סעקרעטאַר־טרעזשורער פונם קעפּ־מייקערס דזשוינט קאָונסיל.

עס איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מיטינגען פונם „פאָר־ווערטס" אַסס׳ן און זיכער אַן אינטערעסאַנטער „סימפּאָזיום". איך וויל דאָ בלויז ברענגען אַ טייל פון מיינע אַרגומענטן איבער ביידע פראַגן. איך וועל דאָס מאַכן בקיצור:

אין 1913, בין איך באַשטימט געוואָרן פון מיין יוניאָן, אַלס אַן אָנ־פירער פון אַ סטרייק אין איסט־ניו־יאָרק, ביי איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע פירמעס פון אונדזער פאַך. דער שאַפּ, וועלכער איז געווען איינער פון די בעסטע יוניאָן־שעפּער, איז אַנטלאָפן פון יוניאָן־קאָנטראָל און זיך אַריבערגעצויגן אין איסט־ניו־יאָרק וואָס איז נאָך געווען ווייניק באַזעצט.

ווען איך מיט אַ יוניאָן־קאָמיטעט זיינען דאָרט געקומען און איינגע־שטעלט העדקוואָרטערס, האָבן מיר גענומען אַ פּיקעט־קאָמיטע און גע־קומען צום שאַפּ. דאָרט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אַ צען גענגסטער, פּראָפעסיאָנעלע שלעגער, וואָס די באַלעבאַטים האָבן געדונגען פאַר די „סקעבס" פּראָטעקציע.

אין עטלעכע טעג צייט, האָט מען אונדזערע פּיקעטס צעשלאָגן און צוממיתט אָן רחמנות. עטלעכע פון זיי האָט מען געמוזט אַוועקנעמען אין שפּיטאָל און מיר האָבן געהאַט דעם אויסוואַל, אָדער צוריקציען דעם

סטרייק און אַוועקנעמען די פּיקעטס, אָדער אָנפירן אַ קאַמף מיט די גענגסטערס. עס איז געווען זיכער, אַז מיט אונדזערע אייגענע כוחות האָבן מיר ניט געהאַט די מעגלעכקייט אָנצופירן מיטן סטרייק. זיינען מיר געווען געצוואונגען צו נוצן „גיפט קעגן גיפט". מיך וואַרפט נאָך איצט אין קדחת, ווען איך דערמאָן זיך, אַז איך בין געווען געצוואונגען אָנצושטעלן גרע־סערע גענגסטערס צו באַקעמפן די פירמע־גענגסטער: זייער אַ ביטערער פּיל... אָבער מיר האָבן דעם סטרייק אָנגעפירט 26 וואָכן און געוואונען אַ יוניאָן־שאָפּ. און שפּעטער אים צוריקגעברענגט קיין ניו־יאָרק. מיר האָבן אַפילו אונטערגעקויפט די בעלי־בתימס גענגסטער און זיי האָבן זיי „געדאָבלקראָסט", — אַזוי אַרום איז אונדזער יוניאָן באַקאַנט געוואָרן מיט גענגסטערס. ניט וויכטיק איז דאָ צו דערציילן, אַז מיר זיינען פון זיי שנעל פּטור געוואָרן, און ווי אַזוי די יוניאָנס זיינען באַפרייט געוואָרן פון גענגס־טעריזם.

מיין דערפאַרונג מיט לאָיערס איז אויך געווען ניט אַזוי גלאַטיק. מען האָט געהאַלטן אין איין אַרעסטירן אונדזערע סטרייקערס. מיר האָבן גע־נומען סאָציאַליסטישע לאָיערס, אָבער אונדזערע מיטגלידער זיינען גע־שיקט געוואָרן אין תפיסה. זיינען מיר געווען געצוואונגען צו נעמען פּאָ־ליטישע לאָיערס, אָבער אין יענער צייט, אונטער דער „טעמעני האָל"־רעזשים, זיינען אַלע אונדזערע מיטגלידער באַפרייט געוואָרן.

מיר האָבן דאָ דאָס אַלץ דערציילט קעגן דעם, וואָס די אָנפירונג אָדער סיסטעם פון „סלייטס" און צעטעלעך ביי אַ.־ר.־קאָנפערענצן זיינען דאָס צום ערשטן מאָל געקומען פון די „יונגע", וואָס האָבן פּלוצים ביי אַ קאָנפערענץ צו אויסוויילן אַ פּאַרוואַלטונג, אויסגעטיילט געדרוקטע צע־טעלעך מיט די נעמען פון זייערע קאַנדידאַטן. (מיר האָבן וועגן דעם פריער ברייטער אינפאָרמירט). די „אַלטע" סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטיש־גע־שטימטע דעלעגאַטן האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם. זיי האָבן אַפילו אַלס פּראָטעסט פאַרלאָזן די קאָנפערענץ. זיי האָבן פאַרעפנטלעכט רעזאָ־לוציעס און פּראָטעסטן אין דער פּרעסע, אָבער דערווייל האָבן די „יונגע" זייער „סלייט" דערוויילט.

אָבער אַפּנים, אַז דעם קלוב איז די המצאה שטאַרק געפעלן, און צו דער צווייטער קאָנפערענץ זיינען שוין דערשינען צוויי „סלייטס" מיט צוויי „סעטס" קאַנדידאַטן. און אַזוי איז דאָס שוין פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. זיכער ווערן אַמאָל באַגאַנגען עוולהס קעגן יחידים (איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך אַליין בין אויך געווען אַ קרבן פון אָט דער סיסטעם). איך האַלט, אַז פונקט, ווי אין די יוניאָנס איז דאָס אַ נויטווענדיקייט, אַז די פירערשאַפט זאָל האָבן אַ דעה אין דעם אויסוואַל פון זייערע עקזע־

קוטיוועס, טוט דאָס דעם אַ״ר. אויך ניט קיין צו גרויסן שאָדן, הגם, עס איז ניט אין גאַנצן אין איינקלאַנג מיט אמתער דעמאָקראַטיע.

זיכער ווענדט עס זיך שטאַרק, ווער עס שטייט אין שפּיץ פון דער אויסוואַל — אָדער סטירינג־קאָמיטע, צי די מענטשן זיינען געוויסנהאַפט, און האָבן ניט אין זינען קיין פּערזענלעכע אינטערעסן. הגם, אָפט טייטלט מען מיט די פינגער אויף ישורינען ווי דער פאַרגוואַלדיקער פון דער דע־מאָקראַטיע אין אַ״ר., גיבן אָבער די מערסטע טוער צו, און זיי ווייזן דאָס אַרויס אויף פאַרשיידענע אופנים, אַז יעפים ישורין איז ערנהאַפט אין זיין אַרבעט, ווי דער שומר און בעל־יועץ פון אַ״ר. אויסצוקלייבן און שאַפן די ריכטיקע און בעסטע פאַרוואַלטונגען.

* * *

וואָס עס דענקען וועגן ישורינען אַנגעזעענע מענטשן פון אונדזער באַ־וועגונג, ברענגען מיר דאָ אַ צאָל קורצע אויסצוגן פון „חברשאַפט״, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן לכבוד ישורינס 60טן און 65טן געבוירנטאָג:

אַב. קאַהאַן:

...„געניאָסע ישורין איז אַן אמת סימפּאַטישער מענטש. ער רעדט ניט צופיל, אָבער דאָס וואָס ער זאָגט מיינט ער פון טיפסטן האַרצן. און די וואָס הערן זיינע ווערטער פילן דאָס.

דער וואָס שרייבט די דאָזיקע שורות, פילט פון זיין טיפן האַר־צן אַ הויכן רעספּעקט און וואַרעמע טרייהייט צו אים. ענלעכעם פילן וועגן אים אַלע וואָס קענען אים אין אונדזער באַוועגונג״...

מ. איוועניסקי:

„ווערנדיק נאָענטער באַקאַנט מיט אים, האָב איך יאָ געפונען אין אים יידישע שטריכן און יידישע מידות. די וויכטיקסטע יידישע מידה איז עקשנות. גאָט און זיין נביא משה האָבן כאַראַקטעריזירט יידן אַלס „עם קשה עורף״, אַ האַרטנעקיג, עקשנותדיק פאָלק. אין דער אמתן, האָט די מידה געהאָלפן יידן אין זייערע שווערע קאַמפן קעגן אַזוי פיל שונאים אונטער אומגליקלעכע אומשטענדן. מענטשן מיט עקשנות האָבן אַ חוט השדרה, זיי קעמפן פאַר זייערע איבער־צייגונגען. זייערע איבערצייגונגען זיינען פאַר זיי אַן אינערלעכע אי־בערלעבונג. דער פאַקט וואָס ישורין איז אַן עקשן, האָט אים גע־האָלפן אין די אַ״ר.־מלחמות...״.

לעאָן קרישטאַל:

...„וואָלט ישורין ניט געווען קיין אינטעליגענט און וואָלט ער

ביז היינט צו טאָג געוואוינט אין ווילנע, וואָלט ער וואַרשיינלעך געווען באַקאַנט אַלס חיים דער עקשן.

ווייל עקשנות איז איינע פון די הויפּט שטריכן אין דעם כאַראַקטער פון ישורין, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער, דעם מענטש און זאַמלער.

ווען ס'איז אין אַ.־ר. אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן די ,אַלטע און יונגע' האָבן די אַזויגערופענע ,אַלטע' געהאַט קעגן זיך אַ גרויסע צאָל רוסיש־יידישע אינטעליגענטן. געקומען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס ד"ר זשיטלאָווסקי איז דעמאָלט געווען אַ מין טעאָרעטיקער פון די ,יונגע'. און אין יענע יאָרן, איז נאָך זשיטלאָווסקי באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם שיער־ניט געזאַלבטן פירער פון יענע רוסיש־יידישע אינטעליגענטן. מען האָט דעמאָלט געקענט דערוואַרטן, אַז אַזאַ רוסיש־יידישער אינטעליגענט ווי ישורין זאָל זיך אויך דערקלערן פאַר אַ ,יונגען' און פאַר אַ זשיטלאָווסקיאַנער. געשען איז אָבער דאָס פאַרקערטע....".

ש. מענדעלסאָן:

„...די אייגנשאַפטן וועלכע חבר ישורין ווייזט אַרויס ביים שרייב־טיש, פאַרלאָזן אים אויך ניט, ווען ער טרעט אַרויס אַלס וויכטיקער טוער אין אַ.־ר. און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. רויִקע, נישט עקזאַלטירטע, געטריישאַפט, עקשנות און כאַראַקטער־ערנסטקייט, און פאַראַנטוואָרטלעכקייט...".

ב. געבינער:

„...אין ישורין אימפּאָנירט מער זיין אינטערעס און זיין אויפריכטיקע באַציאונג צו אַ נאָענטן חבר, און פריינד. מען זאָגט, אַז ישורין איז אַ ,קאַלטער מענטש', אָבער די וואָס קענען אים אין זיין באַציאונג צו פריינד און חברים וויסן, אַז עס איז ניט אַזוי. אין ישורין געפעלט מיר זיין סיסטעמאַטישקייט און טיפער אינטערעס צו זאַכן, וועלכע האָבן אַ געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע באַדייטונג...".

י. באַסקין:

„...מען זאָגט, אַז ישורין איז אַן איינגעשפּאַרטער, און האָט ער איינמאָל ביי זיך אַ זאַך באַשלאָסן, קענט איר אים מער ניט ענדערן. דאָס איז אַבסאָלוט ניט ריכטיק. איך ווייס פון מיין אייגענער דערפאַרונג, אַז דאָס איז ניט אַזוי. מיר איז וויפל מאָל אויסגעקומען מיט אים צו אַרגומענטירן וועגן פאַרשיידענע זאַכן, אָבער

ער האָט אַלעמאָל געהאַט גענוג מוט צו אַנערקענען אַן אייגענעם פעלער.

זיין היינטיקע ראָלע אין אַ.ר. איז אייגנטלעך ניט קיין אָפּי־ציעלע. אָבער מען מעג זאָגן דעם אמת, אַז מיט זיין גאַנצן לעבן איז ער אַריינגעטון אין די פּראָבלעמען פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, און דענקט און טראַכט וועגן אונדזערע פּראָבלעמען. און העלפט מיט ראַט און טאַט, אין דער פירונג פון אונדזער אַ.ר. און זיין דער־פאָלג"...

ב. מיימאָן:

„...טראָץ דעם וואָס ישורין טוט אַזוי פיל זאַכן, האָט אים נאָך קיינער ניט באַשולדיקט אין פאַרנאַכלעסיקן עפּעס. דעם אמת גע־זאָגט, באַקלאָגט מען זיך גיכער וואָס ער טוט צופיל, ווי ער לאָזט עפּעס ניט געטון. און אַלץ וואָס ער טוט איז מיט אַ סיסטעם, מיט אָרדנונג. אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן. און צוליב דעם פאַרדינט ער כשר די באַוואונדערונג און פאַרערונג פון זיינע מיטמענטשן...".

נ. כאַנין:

„...עס זיינען דאָ מענטשן אין אַלע באַוועגונגען, וואָס ווען זיי טוען אַ געוויסע אַרבעט, אַפילו אַ נוצלעכע, אַ גוטע, האָבן זיי ליב, אַז אַלע זאָלן וויסן וואָס זיי טון. און ניט ווילנדיק אַמאָל, מאַכן זיי אַרום דעם אַזאַ טאַראַראַם, און מאַכן צו פילן, אַז מיט זייער אַרבעט ראַטעווען זיי די גאַנצע וועלט.

ישורין איז ניט פון די, וועלכע געהערן צו דיזער קאַטעגאָריע, אין אונדזער גרויסן היסטאָרישן קאַמף איינצוהאַלטן די פּאָזיציעס, און די אידעאָלאָגיע אין אונדזער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַ־וועגונג, האָט ער שטילערהייט, אויף אַ רואיקן און באַשיידענעם אופן, ביינגעטראָגן זיין גרויסן חלק. אין פאַרלויף פון די 25 יאָר וואָס איך קען אים — מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז ער פאַר־בונדן אַ סך לענגער — האָט ער זיך געשאַפן אַ סך פריינד, געקראָגן אַ סך שטילע אַנערקענונג פאַר זיין ביטראָג אין אונדזער קאַמף פאַר פרייהייט, דעמאָקראַטיע, סאָציאַליזם. אין זיין שטילער און באַ־שיידענער טעטיקייט האָט ער זיך ניט באַגרענעצט, זיך ניט פאַר־שלאָסן אין איין באַשטימטן ווינקל. ער האָט אויף זיין אופן אַ סך ביינגעטראָגן פאַר דער יידיש־וועלטלעכער קולטור. אין אַלע וויכטיקע קולטור־צווייגן פון אונדזער לעבן באַגעגנט ער אייך מיט אַ זייער טיפן אינטערעס, אין אַלע פּראָבלעמען פון אונדזער קולטור־לעבן...".

הלל ראָגאָף:

„... מיר איז אויסגעקומען אַ סך מאָל צו הערן ישורינען רעדן ווי אַ פֿאָרשטייער פֿונם אַ.־ר.

איך האָב אים געהערט ביי קאָנפֿערענצן, פֿאַרזאַמלונגען, וואו עס זיינען פֿאַרהאַנדלט געוואָרן אַלערליי פּראָבלעמען: יידישע און אַלגע־מיינע: פּאָליטישע און עקאָנאָמישע: געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־רעלע: און אין אַלע פֿאַלן האָט ער זיך אויסגעצייכנט, מיט זיינע גע־דאַנקן און קלאָרקייט און ציכטיקייט פֿון דער שפּראַך.

מיט זיין יעדן אויפֿטריט האָט ער פֿאַרשאַפֿט כבוד און אויפֿ־מערקזאַמקייט דער אָרגאַניזאַציע וואָס ער האָט פֿאַרטראָטן, און אַרויסגערופֿן רעספּעקט צו זיין אינטעליגענץ, פֿאַרשטענדעניש און אויפֿריכטיקייט..".

אַלעקסאַנדער קאָהן:

„... דער אַ.־ר. דאַרף זיין גליקלעך צו האָבן אַזאַ פּערזאָן ווי ישורין וועלכער האָט געווידמעט דער אָרגאַניזאַציע זיין לעבן. די איבערגעבנהייט, די פֿעאיקייט און דער אידעאַליזם פֿון אַזעלכע ווי ישורין האָבן פֿאַרוואַנדלט דעם אַ.־ר. אין דער וויכטיקסטער אָרגאַ־ניזאַציע אין יידישן לעבן...".

ל. פֿאָגעלמאַן:

„... שטרענגקייט און ערנסטקייט זיינען ניט קיין חסרונות אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן; פֿאַרקערט, דאָס זיינען גרויסע מעלות, וואָס מיר געפֿינען ליידער ניט אַזוי אָפֿט אין דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אין ישורין שאַץ איך אָפּ גראָד זיין ערנסטקייט און שטרענגקייט, וואָס ער וויזט אַרויס אין זיינע באַציאונגען צו געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן און צו געזעלשאַפֿטלעכע טוער. פֿאַר מיר איז דאָס גראָד אַן אַנגענעמע אייגנשאַפֿט אין אים, אַן אייגנשאַפֿט וואָס איז זייער נוצ־לעך און נויטיק אין אונדזער ניט־דיסציפּלינירטן, אַביסל צו לויזן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. און הלוואי וואָלט זי געווען נאָך אין אַ גרע־סערער מאָס ווי זי איז...".

ר. גוסקין:

„... ווען מען רעדט וועגן אַרבעטער־רינג, איז מיר, פּונקט ווי פֿאַר אַנדערע טוער פֿון דער אָרגאַניזאַציע, באַקאַנט דער פֿאַקט, וועגן דער וויכטיקער ראָל וואָס ישורין האָט געשפּילט און שפּילט אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פֿון אַלץ וואָס דער אַ.־ר. שטעלט מיט זיך פֿאָר, אין זיינע אינסטיטוציעס און טעטיקייטן. ישורין און

דער א.־ר. זיינען ענג צוזאמענגעבונדן אין פולסטן זינען פון ווארט. און אז דאס ווערט אפגעשאצט פון יעדן טוער אין אונדזער א.־ר. — אין דעם בין איך איבערצייגט. ישורינס פריינדשאפט, ישורינס חבר־שאפט, ישורינס נאנטקייט און אינטערעס צו א נאנטן פריינד און חבר איז א באזונדער קאפיטל אין זיין פערזענלעכן לעבן מיט וועל־כן ער מעג זיכער זיין שטאלץ...".

ס. רעגענסבערג:

„... אלס פרעזידענט פון א.־ר. פאר עטלעכע טערמינען האט ישורין מיט זיין אומדערשעפלעכער ענערגיע, מיט זיין חוש פאר אפ־רופן זיך אויף גוזעלשאפטלעכע פראגן, אויף וועלכע דער א.־ר. דארף רעאגירן, מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע ארגאניזאטארישע פע־איקייטן, האט ער געשאפן פיל פרעסטיזש און כבוד דעם א.־ר. זיין אידעאישע אויסגעהאלטנקייט גרעניצט זיך ניט מיט פאנאטיזם און דאגמע, נאר מיט בויגזאמקייט און עלאסטישקייט וואס מאכט אן אידעאל שפרודלדיק און לעבעדיק...

מאקס גאפט:

„... ישורין האט ארויפגעלייגט זיין שטעמפל אויף דעם אר־בעטער־רינג. אין יעדער אינסטיטוציע מערקט זיך זיין איינפלוס און זיין ווירקזאמקייט. און אויב דער א.־ר. איז אזוי איינפלוסרייך אין דעם יידישן לעבן און אינם אלגעמיינעם־פראגרעסיוון לעבן אין לאנד, אויב דער א.־ר. האט נאך באוויזן נאך 60 יאר עקזיסטענץ צו פארנעמען אזא בכבודיקן פלאץ אין אמעריקע — האט ישורין דער־צו א סך בייגעטראגן...".

זלמן זילבערצווייג:

„... ישורין האט באזוכט ארץ־ישראל, באאבאכטעט דאס לאנד און ווי יידן לעבן דארט פיזיש און גייסטיק. ער איז צוריקגעקומען א באגייסטערטער אנהענגער פון ארבעטנדיקן ארץ־ישראל. זיינע באאבאכטונגען האט ער איבערגעגעבן אויף גרויסע עפנטלעכע פאר־זאמלונגען איבערן גאנצן לאנד. — און געווירקט, אז די ריזיקע יידישע ארבעטער און פאלקס־ארגאניזאציעס אין אמעריקע זאל צו־קומען אלץ נענטער צו יידישע אינטערעסן און אידעאלן, אז אויף דער איצטיקער קאנווענשאן זאלן די מיטגלידער פונם א.־ר. קענען מיט א פולן באוואוסטזיין זאגן, אז אין דעם היסטארישן מאמענט וואס איז געשטאנען פארן יידישן פאלק אין משך פון דער גאנצער צייט

פון דעם גלות, איז דער גרויסער אָרדן געווען געטריי קודם־כל זיך אַליין — דעם יידישן פֿאָלק.

אויב ישורין וועט דאָס דורכפירן וועט ער זיכער פֿאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון די גרעסטע פּרעזידענטן פון אַרבעטער־רינג. . .״.

* * *

איך גלויב ניט, אַז איך אָדער ווער אַן אַנדערער קען מער זאָגן וועגן ישורינס פֿאַרדינסטן פֿאַרן אַ.־ר. ווי דאָס האָבן געטון די אָנגעזעענע מענטשן וואָס מיר האָבן בלויז געברענגט זייער קורצע אויסצוגן פון זייערע אַרטיקלען. איך וויל בלויז צוגעבן, אַז אויב מען באַצייכנט ישורינען אַלס „באָס״ פון אַ.־ר. איז דאָס ניט אין גאַנצן קיין בילבול. וואָלט איך ניט מורא געהאַט, אַז ישורין וועט זיך באַליידיקן, וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז אַ „וואַטש דאָג״ פונם אַ.־ר., אָדער ווייניקסטנס דער „וואַטשמאַן״ פון דעם אַ.־ר. וואָס פּאַסט אויף, אויף דער מאָראַל פונם אַ.־ר., אמת, ער שטעלט זיך ניט אָפּ אַמאָל ווי צו טון אַ פּריינט, ווען ער דענקט באמת, אַז דאָס קען זיין לטובֿת דעם אַ.־ר. ער פּרובירט אָבער אויף אַלע אופֿנים מאַכן די אָפּעראַציע, אויב זי איז נויטיק דורכצופירן, ווי אַ גוטער „סויר־דזשן״, מיט די בעסטע און פּאַסיקסטע אינסטרומענטן, אַז די נאָכווייעניש זאָלן וואָס לייכטער.

די 19טע און 20טע אַ.־ר. קאָנווענשאָנס אין באָסטאָן און נוארק

מיר האָבן דורכגעלאָזן די קאָנווענשאָנס פון די יאָרן 1917—1918 ניט דערפֿאַר וואָס ס׳זיינען דאָרטן ניט פֿאָרגעקומען קיין וויכטיקע פֿראַגן, נאָר פּשוט דערפֿאַר, ווייל אין די פֿראַגן וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן ביי די קאָנווענשאָנס, האָט דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ קיין באַזונדערע ראָלע ניט געשפּילט. למשל, ביי די קאָנווענשאָנס איז ענדלעך דערליידיקט געוואָרן די פֿראַגע פון „פּראָטוירנאַל רייטס״. אין דער פּראָבלעם איז קיין צדדים־צעטיילונג ניט געווען. „אַלטע״ „יונגע״, „רעכטע״ און „לינקע״, זיינען אינווייניק געווען צעטיילט אין זייערע מיינונגען: עס זיינען טאַקע געווען טיפֿע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן, וואָס האָבן צייטנווייז אַרויסגערופֿן שאַרפֿע אוןליידנשאַפֿטלעכע דיסקוסיעס, אָבער, ווי מען זאָגט, דאָ זיינען ניט געווען קיין פּאַרטי־ליינס. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן

דער פראַגע וועגן דער ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער פאָרמע פון אונ־דזער פאַרוואַלטונגס־סיסטעם. אין משך פון היפשע יאָרן, איז די פאַרוואַל־טונגס־סיסטעם באַהאַנדלט געוואָרן ביי קאָנווענשאָנס, און הגם דער „דזשויר־זי פּלאַן" איז געווען אַ פּראָדוקט פון דעם „יונגן" מנקר פון דזשוירזי, האָט עס אָבער געהאַט אַ סך אונטערשטיצונג פון פיל אַנדערע טוער און איז טאַקע סוף־כל־סוף אָנגענומען געוואָרן און מיט קליינע ענדערונגען עק־זיסטירט די סיסטעם ביז היינטצוטאָג.

אַ סך צייט איז אויך ביי די קאָנווענשאָנס אַוועקגעגעבן געוואָרן צו דער מאַסאַטשוזעטס־פּראַגע און לייבאָר־ליג. זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אין די אַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראַגן, האָט זיך אויך געגוג הייסע בלוט גע־שאַפן און מען האָט אָנגעפירט שאַרפע דיסקוסיעס, אָבער דאָ האָבן ניט געשפּילט קיין ספּעציעלע פּערזענלעכע עלעמענטן קיין שום ראָלע. עס זיינען טאַקע געווען צדדים, סיכסוכים און פאַרשיידענע חילוקי־דעות, אָבער ניט קיין גרופּן־צעטיילונגען, און די מיטגלידער פונם קלוב פונקט ווי די אַלגעמיינע מיטגלידערשאַפט זיינען געווען צעטיילט אין זייערע מיינונגען און אַלע האָבן געקעמפט פריי און ערלעך לויט זייערע איבערצייגונגען.

די צוויי יאָר 1917—1918 זיינען בכלל געווען שווערע ניט בלויז פאַרן אַ.־ר. נאָר בכלל פאַר אַמעריקע. אַ חוץ די מלחמה וואָס איז אָנגע־גאַנגען מיט איר שוידערלעכקייט, האָט אַמעריקע אין 1918 איבערגעלעבט אַ שרעקלעכע עפּידעמיע, די „גריפּ", וואָס האָט יעדן טאָג געקאָסט פיל טויזנטער קרבנות. דער מלאך־המוות איז געקומען פון די שלאַכט־פעלדער און האָט געשניטן אין די פרידלעכע היימען לינקס און רעכטס. דערביי האָט ער ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן יונג און אַלט, צווישן פרוי און מאַן.

ווען מען האָט אין אַזאַ צייט, ווען מען האָט ניט געוואוסט, וואָס ס'וועט זיין אין אַ פּאָר שעה שפּעטער, צי מען וועט זיין צווישן די לעבעדיקע אָדער טויטע — געקענט ליגן אין זינען אָרדנס, סאָסייטעס ?...

אַגב, דאַרף מען דאָ אָנמערקן, אַז דער אַ.־ר. האָט דאַן אָרגאַניזירט אַ „פּוירסט אייד בריגאַדע", וואָס האָט, ניט געקוקט אויף דער אייגענער געפאַר פון אָנשטעקן זיך מיט דער חולאת, באַזוכט די קראַנקע אַ.־ר.־מיט־גלידער, און מיט אַלע מעגלעכקייטן זיי אַרויסגעהאָלפן אין דער עת־צרה. מען דאַרף געדענקען, אַז אין דאָקטוירים און נוירסעס איז דאַן געווען אַ גרויסער דוחק.

אין דער צייט ווען די 19טע קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען איז שוין קיין מלחמה ניט געווען. אָבער פאַרשיידענע מלחמה־געזעצן זיינען נאָך געווען אין פולער קראַפט. די שטימונג אויף דער קאָנווענשאָן איז געווען אַ געמישטע. די וועלט־צרות האָבן אָפּגעקלונגען אזש אין דעטראָיט. מען

האָט נאָך אַלץ געדאַרפט זיין פאַרזיכטיק אַרויסצורייִדן אַ וואָרט; דער פאַר־קעמפער פאַר מענטשלעכע רעכט, יודזשין וו. דעבס, איז געזעסן הינטער גראַטעס אין אַטלאַנטער טורמע.

ביי דער 20טער קאָנווענשאָן איז אויך פאָרגעקומען אַ הייסער און ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע וועגן ענדערן די אַ.־ר.־קאָנסטיטוציע. דער אינשורנס דעפּאַרטאַמענט האָט געפאָדערט מען זאָל אַרויסנעמען דעם פּונקט:

„אַז יעדער מיטגליד אויב ער שטימט בכלל, זאָל שטימען נאָר פאַר פּאַרטייען, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט אַלס זייער ענד־ציל די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום".

מאיר לאָנדאָן, דער ליגאַל־אַדווייזער פונם אַ.־ר. האָט פאָרגעשלאָגן, אַז אין די אינטערעסן פון דער אַ.־ר.־זיכערקייט, זאָל מען ענדערן דעם פּונקט אין דער פּרינציפּן־דערקלערונג.

אַ סך פון די באַדייטנדע טוער פונם אַ.־ר. האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעבאַטע, אַ. עפּשטיין, י. באַסקין, וויינבערג, וואָלאָס, באַקסט, ר. זאַלצמאַן, פעלדמאַן פון האָדסאָן קאָונטי, שייפער פון טעקסעס, פּ. יודיטש, ב. פיינערמאַן, י. ראַטמאַן, שער און קאָבלענץ פון שיקאַגאָ, מ. לעווינסאָן, ב. לעוויטאַן און ה. גאָלדין. די מערסטע רעדנער זיינען געווען קעגן ענ־דערן דעם פּונקט פון אונדזערע פּרינציפּן־דערקלערונגען. די דעבאַטע האָט פאַרנומען 2 זיצונגען. צו ענדע ווערט דערוויילט אַ קאָמיטע פון 5 אַריינ־צוברענגען אַ רעזאָלוציע וועגן דער פראַגע. די קאָמיטע איז באַשטאַנען פון: וויינבערג, באַקסט, פיינערמאַן, גרינשפּאַן פון ברוקלין און דזשענ־קינס פון פּיטסבורג.

וויינבערג באַריכטעט דאַן פאַר דער קאָמיטע, נאָך אַ לאַנגע דערקלע־רונג, וועגן דער שטימונג פון אונדזערע מיטגלידער, און ווי הייליק עס זיינען פאַר אונדז אונדזערע פּרינציפּן. מיר זיינען אָבער צוליב די אינ־שורנס־דעפּאַרטאַמענט־געזעצן, געצוואונגען צו מאַכן געוויסע ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע און זיי שלאָגן פאַר די פאָלגענדע פּרינציפּן־דער־קלערונג:

„די געדריקטע מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטער און אַלס רעזולטאַט דערפון די אָפטע קראַנקהייט האָבן געבראַכט צו דער גרינדונג פון דעם אַ.־ר. וועלכער זאָל דורך אייניקייט, קעגנזייטיקע הילף, און אויפקלערונג פאַרלייכטערן און פאַרמיידן דיזע איבלען.

דער אַ.־ר. איז איבערצייגט, אַז די נויט און אָפטע קראַנקהייט זיינען געווייינלעכע דערשיינונגען אין דעם לעבן פון אַרבעטער, און דעריבער באַניגנט זיך ניט דער אַ.־ר. מיט דער קעגנזייטיקער הילף, נאָר ער שטרעבט צו פאַרווירקלעכן די אידעע פון באַפרייען די אַר־

בעטער פון זייער שטענדיקע אונטערדריקונג און דאָס איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען דער אַרבעטער וועט שטענדיק אויסנוצן זיינע רעכט אַלס אַרבעטער און בירגער אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן.

פאַר דעם צוועק באַטראַכט זיך דער אַ.־ר. אַלס אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג, ער שטרעבט צו העלפן די אַרבעטער, פאַרקירצן זייערע אַרבעטס־שטונדן און פאַרגרעסערן זייערע איינקונפטן און דעריבער פאַרפליכטעט ער זיינע מיטגלידער צו בעלאַנגען צו זייערע פאַך־אָרגאַניזאַציעס, ער שטרעבט אויך צו העלפן די אַרבעטער צו פאַרשטאַרקן זייער געזעלשאַפטלעכן איינפלוס דורך די אַנערקענטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס״.

די „פּרינציפּן־דערקלערונג״ ווערט געשטימט ביי אַ „ראָל קאָל״. דער רעזולטאַט איז 81 פאַר און 47 קעגן. די דאָזיקע פּרינציפּן־דערקלערונג, איז שפּעטער ביים רעפערענדום דורכגעפאַלן.

ביי דער 20טער קאָנווענשאָן האָט אויך דער פאָרזיצער פון דער סאַניטאַריום־קאָמיטע, ר. גוסקין, באַריכטעט, אַז זיי זיינען געווען געצוואונגען אויסצושליסן 5 פּאַציענטן פון סאַניטאַריום. דאָס האָבן זיי געטון מיט ווייטאָק אין האַרצן. זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. זיי האָבן דאָס געמוזט טון, כדי אויפצוהאַלטן דיסציפּלין און אָרדנונג אין סאַנאַטאָריום.

די אומרוען און אַ סטרייק אין סאַנאַטאָריום פון די פּאַציענטן האָט אויך געהאַט צו טוען מיט די רייבונגען צווישן „רעכטן און לינקן״־פליגל, וואָס האָט זיך געגומען אַנטוויקלען אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין די בראַנטשעס פון אַ.־ר.

אין זיין באַריכט צו דער ניו־יאָרקער קאָנווענשאָן האָט י. באַסקין זיך בּרייט אָפּגעשטעלט אויף אָט דער אַנטוויקלונג פון די פּאַרטיי־מחלוקות און אויף ווי ווייט זיי שעדיקן דעם אַ.־ר. מיר האָבן פאַרלוירן אַ צאָל עלטערע מיטגלידער, וואָס באַלאַנגען שוין צום אַ.־ר. 18—20 יאָר. נאָך גענויע און ספּעציעלע אונטערזוכונגען האָבן מיר אויסגעפונען, אַז די מערסטע שטרייכונגען קומען פאַר צוליב די מחלוקות אין די בראַנטשעס. אַ סך מיטגלידער האָבן אַריינגעשיקט זייערע רעזיגנאַציעס אין אָפּיס און אָנגעגעבן ווי אַ סיבה, אַז זיי ווילן נאָכאַמאָל קיין ברידערלעכע מלחמות ניט מיטמאַכן.

די 20טע קאָנווענשאָן האָט אויך אויסגעדריקט אַן ענערגישן פּראָטעסט קעגן די לאָסק־געזעצן, וועלכע האָבן געצילט צו אונטערדריקן די פרייהייט פון אונטערריכט און בילדונג אין שטאַט ניו־יאָרק. די קאָנווענשאָן האָט אויך פּראָטעסטירט קעגן דער אונטערדריקונג פון די אַזויגערופענע פרעמ־

דע שפּראַכן אין ניו־יאָרק און אויך אַנדערע שטאַטן פון אַמעריקע. מיט דעם וואָס מען דערלויבט ניט צו באַנוצן די פּאַבליק־סקולס פאַר לעקציעס און פאַרזאַמלונגען אויף יידיש און אַנדערע שפּראַכן אויסער ענגליש.

די 21טע קאָנווענשאָן אין באָסטאָן

די קאָנווענשאָן האָט געעפנט י. ישורין, דער פּרעזידענט פון אַ.־ר. ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „21 יאָר עקזיסטירט שוין דער אַ.־ר. 20 יערלעכע קאָנווענשאָנס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פאַרשיי־דענע שטעט איבערן לאַנד. אָבער ניט איינע פון די קאָנווענשאָנס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין באָסטאָן, וויל מיר זיינען ניט געווען געטשאַרטעט אינם סטייט פון מאַסאַטשוזעטס. מיר האָבן אַלע יאָר געהאָפט: „לשנה הבאה בבאָסטאָן". דער דאָזיקער חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. די פאַן פון אַ.־ר. האָט אָנגעהויבן פלאַטערן אין מאַסאַטשוזעטס־סטייט דעם 31טן יאַנואַר 1921".

אַגב, דער טשאַרטער אין מאַסאַטשוזעטס איז ניט אַזוי לייכט אָנגע־קומען, די לאָאָ פירמע פון ראַיער און ביראַק, וועלכן האָבן פאַר עטלעכע יאָר שווער געאַרבעט פאַרן טשאַרטער האָבן געקראָגן אָנערקענונג פאַר זייער אַרבעט.

די אַ.־ר.־געשיכטע פון אַ. ש. זאַקס, דערציילט וועגן דער ענדע פונם טשאַרטער קאַמף אין מאַסאַטשוזעטס:

מאָנטאָג ביי טאָג, דעם 31טן יאַנואַר 1921, האָט דער קאָמישיאָנער פון מאַסאַטשוזעטס אונטערשריבן דעם אַ.־ר. טשאַרטער.

„ווי אַ בליץ האָט זיך די נייעס פאַרשפּרייט איבער גאַנץ באָס־טאָן. אַלע פריינד פון אַ.־ר. האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום דעם „סטייט האוז" און האָבן מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף באָס־קין און ישורין, וועלכע זיינען נאָך דאָרט געווען, כדי צו פאַרענדיקן אַ פּאָר פאָרמאַליטעטן. ווען באָסקין האָט זיך באַוויזן אויפן טרעפּ פון „סטייט האוז" מיט דעם טשאַרטער אין זיין האַנד, איז געוואָרן אַן אמתער יום־טוב, מען האָט זיך געפילט ווי אַ זיגרייכע אַרמיי נאָך אַ געענדיקטער שלאַכט.

די שמחה צווישן די אַ.־ר.־מיטגלידער אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט, ווען מען האָט זיך דערוויסט אַז דער אַ.־ר. איז גע־וואָרן געזעצלעך אין מאַסעטשוזעטס, איז געווען זייער גרויס. עס איז לכבוד דעם אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסער באַנקעט, וואו כמעט אַלע ברענטשעס פון ניו־יאָרק און אומגעגנט האָבן זיך באַטייליקט".

די קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו רופן דעם אינדעפּענדענט אַ.־ר. צו אַ פאַראייניקונג מיטן אַ.־ר.

עס איז אויך אָנגענומען געוואָרן ביי דער קאָנווענשאָן אַ רעזאָלוציע וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד:

> אין אַנבעטראַכט, אַז דאָס רוסישע פאָלק זוכט צו לעבן אין פרידן מיט אַלע פעלקער און אַז דאָס רוסישע פאָלק ליידט דערפון, וואָס עס פעלן אים נייע מאַטעריאַלן, מאַשינעריע און אַנדערע נויט־ווענדיקייטן, און אַז עס איז גרייט צו האָבן האַנדל־באַציאונגען מיט אַמעריקע, און אין אַנבעטראַכט, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, טראַ־דיציאָנעל און היסטאָריש האָט שטענדיק אויסגעדרוקט זיינע סימפּאַ־טיעס צו פעלקער, וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון אויטאָקראַטיע; באַ־שליסט די 21טע קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. אויפצופאָדערן די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו שטעלן זיך אין פריינדלעכע האַנ־דעלס־באַציאונגען מיט סאָוויעט־רוסלאַנד".

אין יענעם יאָר זיינען דערשינען אויסגאַבן פון דער לינקער ריכטונג אין דער באַוועגונג: דער "קאַמף", "פּראָלעטאַריער" און "וואָירקערס־טשאַלענדזש". אַ סך דעלעגאַטן האָבן פאַרלאַנגט, אַז די רעזאָלוציע וועגן דער פרעסע זאָל אויך אַריינגעמען אָט די אויסגאַבן. עס איז פאָרגעקומען אַ הייסע דיסקוסיע.

די דעלעגאַטן וואָס האָבן גערעדט קעגן אונטערשטיצן די לינקע צײַ־טונגען, האָבן אונטערגעשטראָכן אַזוי שאַרף ווי מעגלעך אַז זיי זיינען פאַר פרייער פרעסע, פאַר דאָס רעכט פון מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן מוזן אָבער זיין באַרופן אויף טאָלערירן אידעאַלן־אונטער־שייד. און איבערהויפּט אויף אָנשטענדיקייט. די "לינקע" פּובליקאַציעס באַ־נוצן זיך אָבער מיט זידלען און אַרונטעררייסן מענטשן און אָרגאַניזאַציעס. באַליידיקן נעמען פון די רעכטע עלעמענטן און ספּעציעל פאַרלוימדן זיי די יוניאָן־פירער און דעם "פאָרווערטס".

דער לינקער צד האָט געטענהט אַז דער אַרבעטער־רינג מוז האָבן אַ פרייע פּלאַטפאָרם.

מיט 59 קעגן 56 איז די צוגאַבע נידערגעשטימט געוואָרן. און די לינקע פּובליקאַציעס ווערן ניט געשטיצט.

י. באַסקין לייענט אויך פאַר דעם אָפּמאַך וואָס דער אַ.־ר. האָט אויס־געאַרבעט מיטן "לייבאָר ליעג" אין מאַסאַטשוזעטס, און אויב די קאָנווענשאָן וועט אים גוטהייסן וועלן מיר איבערנעמען די לייבאָר ליעג ברענטשעס און זיי דערקלערן אַלס ברענטשעס פונם אַלגעמיינעם אַרבעטער־רינג.

די קאָנווענשאָן האָט גוט געהייסן דעם אגרימענט, און די קאָנווענשאָן

אינסטרואירט די ג. ע. ק. אָנגיין אַזוי שנעל ווי מעגלעך איבערצונעמען דעם לייבאָר ליעג.

אַגב, בין איך צופרידן וואָס איך, צוזאַמען מיט לואי דינערשטיין, זייַנען אויסגעקליבן געוואָרן צו אויספירן די מיסיע און פונקציע פון אַריינגעמען דעם „לייבאָר ליעג" אינם אַ.־ר. מיר האָבן פאַרברענגט אין מאַסאַטשוזעט אַרום 2 וואָכן. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם אופן, ווי אַזוי די ברענטשעס האָבן אונדז אויפגענומען, און זיך ממש געפרייט און געיובלט, וואָס ענדלעך זיינען זיי אָפיציעל געוואָרן אַ טייל פונם אַ.־ר.

איך באַטראַכט דאָס ביז היינט, פאַר אַ כבוד און אַ פערזענלעכן פאַרגעניגן.

דער אַ.־ר. איז דורכגעגאַנגען און דורכגעלעבט אַ שווערע צייט אין די יאָרן 20—21. די רעאַקציע האָט נאָך דאַן געוועלטיקט מיט איר פולער מאַכט. וועגן נייע אויפטואונגען איז גאָר קיין פראַגע ניט געווען; דער גייסט פון אַ פרייהייט־אידעע האָט ניט געהאַט קיין אַטמאָספערע. די זיילן פון דער גאַנצער ראַדיקאַלער באַוועגונג האָבן זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען פון די גרויסע שאָוויניסטישע הורא־געשרייען.

צו די שווערע, דריקנדע פּאָליטישע באַדינגונגען זיינען נאָך צוגעקומען די עקאָנאָמישע: אַ יקרות און אַ קריזיס. דער יקרות האָט דערגרייכט אַ געוואַלדיק הויכע מדרגה. פאַר די נויטווענדיקסטע לעבנס־מיטלען האָט מען געריסן בלוטיקע מלחמה־פרייזן. וואָלט דאָס נאָך אויך אפשר געווען אַ האַלבע צרה, ווען עס וואָלט געווען פון וואַנען. דעם יאָר זיינען אָבער צענדליקע טויזנטער מענטשן אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט. דער אַ.־ר. איז אָבער טראָץ דעם אַלעם געוואַקסן. געוואַקסן אין דער טיף און אין דער ברייט. אַ גרויסע צאָל אויסבעסערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַלע צווייגן און אָפּטיילונגען פון אָרדען.

די 22טע קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

אויסער דער קאַמף פון די קאָמוניסטן איז שוין אָנגעגאַנגען אַ היפּש שטיקל צייט אין אַ.־ר. און נאָך פריער אין דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אונטערן נאָמען „רעכטע און לינקע". ספּעציעל איז דער קאַמף געוואָרן שאַרף נאָך דער שפּאַלטונג פון דער „יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע" ביי דער קאָנווענשאָן אין סעפּטעמבער 1921, ווען אַ גרופּע אַזויגערופענע „רעכטע" זיינען געווען דערפאַר, אַז די „יידישע פעדעראַציע" זאָל פאַרבלייבן מיט דער עקזיסטירנדער „סאָציאַליסטישער פאַרטיי". ווען די רעכטע האָבן פאַרלוירן דעם קאַמף ביי דער קאָנווענשאָן, האָט די

גרופּע אַרויסמאַרשירט דעמאָנסטראַטיוו פונם קאָנווענשאָן־האָל, און האָבן געדונגען אַ צווייטן האָל, און געעפנט אָן אייגענע קאָנווענשאָן און געגרינ־דעט דעם „יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד". דאָן האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער ערשטער עפנטלעכער צוזאַמענשטויס מיט די קאָמוניסטן אין אַ.־ר. איז געקומען אָפיציעל ביי דער 22טער קאָנווענשאָן פונם אַ.־ר. אין טאָראָנטאָ.

אָבער איידער מיר דערציילן וועגן די פּאַסירונגען ביי דער 22ער קאָנ־ווענשאָן ווילן מיר דאָ ברענגען אויסצוגן פון דער אַ.־ר.־געשיכטע, גע־שריבן פון י. ש. הערץ.

קאָמוניסטישע אָפּאָזיציע און שפּאַלטונג

„אין פעברואר 1917 איז מקוים געוואָרן דער טרוים פון פיל אונטער־יאָכטע פעלקער און פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט. ווען דער בעכער פון פּיין און טרערן איז געוואָרן פיל, איז דער צאַרישער פאַרהאַס־טער רעזשים געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די אויפגעבראַוזטע פאָלקס־מאַסן. די זון פון פרייהייט און האָפענונג האָט אַריינגעשיינט אין די הער־צער פון די אונטערדריקטע און ליידנדיקע. די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד האָבן געפונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער וועלט און בפרט ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע, וועמענס אויס־וואַנדערונג פון דער אַלטער היים איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ פּועל־יוצא פון די נגישות און רשעות פון אַלטן רעזשים.

די געפילן פון דער אַ.־ר.־מיטגלידערשאַפט האָט געבראַכט צום אויס־דרוק דער אָפיציעלער אָרגאַן פון אָרדען אין פאָלגענדע ווערטער:

‚די יעניקע וואָס האָבן געהאַלטן די יידישע סאָציאַליסטן און רעוואָ־לוציאָנערן בכלל פאַר טרוימער און פאַרפירטע צוליבן גלויבן, אַז די פּאָ־ליטישע גלייכבארעכטיקונג קען נאָר קומען צוזאַמען מיט דער באַפרייאונג פון רוסישן פאָלק — די קענען איצט זען, ווי גערעכט ס'זיינען געווען יע־ניקע יידן, וועלכע האָבן ניט בלויז שטענדיק פעסט געגלויבט אין דער אויסלייזנדיקער מאַכט פון דעם רוסישן פרייהייט־קאַמף אויף פאַרן יידישן פאָלק, נאָר האָבן אויך מיטגעהאָלפן לויט זייערע קרעפטן אין דאָזיקן קאַמף, און האָבן געצאָלט דערפאַר, זייער טייער מיט זייער אייגענער פרייהייט, מיט זייערע אייגענע לייב און לעבנס'. („פריינד", אַפּריל 1917).

אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון 17 מערץ 1917 האָט די נ. ע. ק. באַשלאָסן צו שיקן אַ באַגריסונגס־דעפּעשע צו דער צייטווייליקער רעגי־רונג אויפן נאָמען פון יוסטיץ־מיניסטער קערענסקי. אין דער דעפּעשע איז געזאָגט געוואָרן: ‚מיר וועלן אויף יעדן מעגלעכסטן אופן אונטערשטיצן

די נייע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וועלכע איז געגרינדעט אויף אמת דע־מאָקראַטישע פּרינציפּן, פּונקט ווי מיר האָבן אונטערשטיצט די רוסישע רעוואָלוציע אין 1905. עס איז אונדזער ערנסטע האָפנונג, אַז אָנהייבנדיק פון דעם איצטיקן רעזשים, וועלן די יידן, אַזוי ווי אַנדערע אונטערדריקטע נאַציעס, געניסן אין רוסלאַנד די פולשטענדיקע נאַציאָנאַלע פרייהייט'.

דער אַ.־ר. צוזאַמען מיט אַנדערע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט דורכגעפירט אַ גרויסן מיטינג אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדן לכבוד דעם זיג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין אָקטאָבער פון זעלבן יאָר האָט די רוסלענדער רעוואָלוציע אָנ־גענומען אַ נייע ווענדונג. איין פראַקציע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג — דער באָלשעוויסטישער — איז געלונגען דורך אַן איבערקערע־ניש צו פאַרכאַפּן פאַר זיך די מאַכט און אַ קירעווע געטון די רעוואָלוציע אויף אַן אַנדער וועג. די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש האָט גורם געווען אַ צעמישונג און צערודערונג אין דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַר־בעטער־באַוועגונג. אין דער ערשטער רגע האָבן בלויז געציילטע סאָציאַ־ליסטישע פירער דערזען מיט פולער קלאָרקייט דעם וועג, אויף וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן זיך אַ לאָז געטון. פיל אַנדערע האָבן ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט זען די אַלע געפאַרן, מיט וועלכע אַזאַ וועג איז פאַר־בונדן. און אפילו אַזעלכע, וועלכע האָבן יאָ געזען, האָבן געהאָפט, אַז געוויסע שטריכן פון באָלשעוויסטישן סאָוועטישן רעזשים זיינען צייט־ווייליקע דערשיינונגען, ,קינדער־קראַנקהייטן', וואָס וועלן בקרוב פאַר־שווינדן. אַזוי זיינען כמעט אין אַלע לענדער אויסגעוואַקסן פּראָ־באָלשע־וויסטישע שטימונגען, און אויך אַמעריקע איז ניט געווען קיין אויסנאַם.

די מענטשן פון אַ.־ר. זיינען ניט געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר דעם, וואָס עס האָט געטון דער סאָוועטישער רעזשים אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ, אָבער זיי האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ רע־וואָלוציאָנערער מאַכט וועמען מען דאַרף ברידערלעך העלפן אין אַ נויט. די גרייטקייט צו העלפן — פּאָליטיש און מאַטעריעל — האָט דער אַ.־ר. אַרויסגעוויזן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. אין סעפּטעמבער 1919, האָט די נ. ע. ק. פון אַ.־ר. אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וואָס פאָדערט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אַז די אַליאירטע מלוכות זאָלן אַראָפּנעמען די בלאָקאַדע פון סאָוועט־רוסלאַנד. אין דער צייט פון שרעקלעכן הונגער, אין 1921, האָט דער אַ.־ר. אָרגאַניזירט אַ גרויסע הילפס־אַקציע פאַר דער סאָוועטישער יידישער באַפעלקערונג.

...דער אַ.־ר. האָט זיך אונטערגענומען אויסצושטאַטן אַ שפּיטאָל אין האָמעל. דער רוסישער רויטער קרייץ האָט איינגעלאַדן דעם אַ.־ר. צו שיקן פאָרשטייער צו זיין אָנוועזנד ביים לייגן דעם גרונד־שטיין פון שפּי־

טאַל. דער אַ.־ר. האָט געשיקט אַלס זיינע פאַרטרעטער י. ווײַנבערג און ר. גוסקין, און זיי באַאויפטראַגט אין בערלין איינצוקויפן די נויטיקע שפּי־טאַל־מכשירים... זיי האָבן אויך מיטגעפירט אָנווייזונגען אויף היפּשע סו־מען געלד, מיט די וואַרימסטע געפילן פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט פון אַ.־ר. צו זייערע ברידער אין רוסלאַנד. זיי האָבן אויך געפירט 15 טויזנט דאָלער פאַרן האַמלער שפּיטאָל, און 20 טויזנט דאָלער פאַר אַנדערע הילפס־צוועקן.

ווײַנבערג און גוסקין האָבן אָבער זייער שליחות ניט געקענט אויס־פירן. אין בערלין האָט מען זיי געלאָזט וויסן, אַז זיי וועלן קיין אַריינפיר־וויזעס קיין סאָוויעט־רוסלאַנד ניט באַקומען, די דעלעגאַציע האָט זיך דע־ריבער צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק".

באַציאונגען זיינען ניט קיין איינזייטיקער וועג, זיי קענען ניט אָנגע־האַלטן ווערן, ווען אויף גוטע געפילן און גוטע מעשים ענטפערט מען מיט בייזוויליקייט און באַליידיקונגען, און אַפילו קלעפּ. ס'איז דאַן שוין געווען קלאָר, אַז די סקאַנדאַליעזע האַנדלונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג איז גע־ווען אַ רעזולטאַט פון באַמיאונגען מצד די יידישע קאָמוניסטן אין אַמעריקע. וואָרום אַ רייע קאָמוניסטישע קאָנטראָלירטע אַ.־ר.־ברענטשעס האָבן אָנ־גענומען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס קעגן שיקן אַ דעלעגאַציע אין סאָוויעט־רוסלאַנד. דער כלומרשטער מאָטיוו איז געווען, אַז „ס'איז אַ שאָד די געלד־הוצאות". אין 1921 איז שוין אויך געשאַפן געוואָרן אַ־15ער קאָמוניסטישער קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ קאַמף וועגן דער אָנפירונג פונם אַ.־ר. דער קאָמיטעט האָט געטענהט, אַז „די אַדמיניסטראַציע האָט אָפּ־געשאַפט די דעמאָקראַטיע פון אַ.־ר. און האָט פאַרראַטן זיינע פּרינציפּן".

ביי דער 22 קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ איז דער קאַמף מיט די קאָמו־ניסטן געקומען אין זיין גאַנצער שאַרפקייט און ביטערקייט.

די יידישע אָפּטיילונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע האָט דאַן שוין אַרויסגעגעבן די „פרייהייט", אַ צייטונג, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין בילבולים און זילזולים אויף דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג און אויך אויפן אַ.־ר.

צווישן די באַגריסער צו דער קאָנווענשאָן איז אויך צוגעלאָזט געוואָרן אַלס באַגריסער פון דער „פרייהייט" און פון דער „יידישער סאָצ. פעדע־ראַציע" מ. אָלגין. ער זאָגט:

„איך בין באַאויפטראַגט געוואָרן פון דער יידישער סאָצ. פעדעראַציע און פון דער ,פרייהייט' צו באַגריסן די קאָנווענשאָן. די טוער פון דער פעדעראַציע זיינען ניט קיין נייע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. איר קענט זיי ניט נאָר פון אַמעריקע, נאָר אויך פון דער אַלטער היים: פּוילן, ליטא, און רוסלאַנד. די אַלטע טוער וואָס זיינען געווען טעטיק אין

דער אַלטער היים, זיינען אויך די טוער אין אַלע יידישע יוניאָנס, און הויפּטזעכלעך אין דעם אַ.־ר. עס איז מערקווירדיק, אַז מען באַשולדיקט די „לינקע", אַז זיי ווילן ברעכן דעם אַ.־ר. און די אַרבעטער־באַוועגונג.

עס איז ניט ריכטיק. מיר ווילן בלויז אַריינטראָגן אַ נייע נשמה, אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט אין די מוחות פון די אַרבעטער־מאַסן. אַנשטאָט די איצטיקע יוניאָנס, ווילן מיר שאַפן איין גרויסע אינדוסטריעלע יוניאָן, וועלכע זאָל פאַראייניקן אַלע אַרבעטער פון דעם לאַנד. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז טויט, מיר ווילן די אַרבעטער פאַראייניקן אונטער אַן אַנדער פּאַרטיי.

אין אַ.־ר., דענקען מיר, אַז יעדער מיטגליד האָט דאָס רעכט צו פּרעדיקן די אידעאַלן, וועלכע זיינען אים טייער. אין אַ.־ר. דאַרף זיין פּלאַץ פאַר אַלע ריכטונגען. מיר דענקען, אַז טראָץ דעם וואָס די אַ.־ר.־פירער זיינען ניט מיט אונדז, וועט אָבער קומען אַ צייט, ווען די מיט־גלידער וועלן זיין מיט אונדז".

אַלגין אַפּעלירט, אַז די קאָנווענשאָן זאָל שטיצן די „פרייהייט".

דער טשערמאַן שטעלט דאַן פאָר ב. כאַנין פון דעם „יידישן סאָציאַליסטן פאַרבאַנד". כאַנין קריגט אַ וואַרעמע און ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע. כאַנין זאָגט:

„איך באַגריס אייך אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע פון דעם ‚יידי־שן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד'. דעם גרויסן אַפּלאָוז, וועלכע די דעלעגאַטן האָבן מיר געגעבן נעם איך, נאַטירלעך, ניט אויף מיין חשבון, נאָר אויף דער רעכנונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, צו וועלכער דער פאָריקער רעדנער האָט ביז ניט לאַנג צוריק געהערט, און וועלכע ער באַטראַכט איצט אַלס טויט, ווייל ער איז פון איר אַרויסגעגאַנגען. לויט די אונטערזוכונגען, וואָס איך האָב געמאַכט, ווייזט זיך אַרויס, אַז 106 דעלעגאַטן, פון דער איצ־טיקער קאָנווענשאָן באַלאַנגען צו דער ס. פּ., די אַרבעטער־רינג מיטגלידער האָבן אָט די דעלעגאַטן דערווײלט און דאָס ווייזט, אַז די מיטגלידער פונם אַ.־ר. זיינען נאָך אַלץ מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

עס טוט מיר לייד, וואָס איך דאַרף רעדן נאָך דעם פאָריקן רעדנער, וועלכער האָט באַליידיקט אונדזערע געפילן און איז טראָץ דעם אויסגע־הערט געוואָרן מיט דער גרעסטער טאָלעראַנץ. איך וואָלט ניט געוואָלט רעדן אין גאַנצן וועגן די באַהאַלטענע אַטאַקעס, וואָס דער רעדנער האָט געמאַכט. אַלגין וויל אַריינברענגען אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן גייסט אין אַ.־ר. אָט די צעקראָכענע אינטעליגענטע נשמות, וואָס ווערן באַגייסטערט יעדן טאָג פון אַ נייעם אידעאַל, וועלכער איז אויפן מאַרקעט, רעדן פון אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט. וויפל איראָניע איז פאַראַן אין אָט די ווערטער; מיט 2 יאָר צוריק האָבן די זעלבע פּערזאָנען, דורך ביליקע פּאַטריאָטישע

פראַזן, גערופן די יידישע אַרבעטער צו מאָרד קעגן אַנדערע אַרבעטער. היינט רעדן זיי פון רעוואָלוציע. מיר זיינען אַרבעטער, אין וועמענס נאָמען כלומרשט דער פאַריקער רעדנער האָט גערעדט — פּראָסטע אַרבעטער, ניט קיין אינטעליגענטן, און מיט אונדזער געזונטן אינסטינקט פילן מיר, ווער עס זיינען אונדזערע ריכטיקע פריינד און ווער ס'וויל מאַכן אַ קאַר־יערע אויף דעם חשבון פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער אַ.־ר. האַלט היינט אַף די 22טע קאָנוועגשאָן. ער שטייט אויף זיינע אייגענע פיס און מיר דאַרפן ניט וואַרטן ביז אונדזערע אינטעליגענטן זאָלן אונדז קומען אַריינבלאָזן אַ נייע נשמה. מיר האָבן אַ געזונטע נשמה. און מיט אונדזער אַרבעט מאַכן מיר מעגלעך אויך, אַז קראַנקע וואַקלענדיקע נשמות זאָלן ניט פאַרלוירן גיין אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, נאָר זיי זאָלן זיך צוטוליען צו אונדזער קערפּער.

ווי איך האָב געזאָגט, האָט דער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד צווישן די דעלעגאַטן זייער פיל פריינד. איר האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אייערע אָוואַציעס. איך בין זיכער ווען דער פאַרבאַנד זאָל וועלן קריגן שטיצע פון דער קאָנוועגשאָן וואָלט ער דאָס געקראָגן אין אַ גרויסער מאָס. אָבער מיר ווילן ניט אריינברענגען קיין צוויסטיקייטן. און עס וואָלט געווען זייער ראַטזאַם פאַר אונדזערע ,לינקע' פאַרזאָרגער, זיי זאָלן נאָכטון אונדזער ביישפּיל.

מען רעדט איצט וועגן אַ פאַראייניקטן פראָנט. נאַטירלעך ווילן מיר אַ פאַראייניקטן פראָנט, אָבער אַ פאַראייניקטער פראָנט קען נאָר זיין ווען די דאָזיקע קעגנער וועלכע זוכן אונדז ביי יעדער געלעגנהייט צו פאַרשווארצן, וועלן געשלאָגן ווערן".

כאַניגס רעדע ווערט גאַנץ לאַנג און האַרציק אַפּלאָדירט. דער שטרייט פון „רעכטע" און „לינקע" קומט ווידער פאַר דער קאָנוועגשאָן ווען די רעזאָלוציאָנס־קאָמיטע האָט אַריינגעבראַכט די פאָלגנדע רעזאָלוציע וועגן „סאָוויעט רוסלאַנד".

„די 22טע קאָנוועגשאָן פון אַ.־ר. שליסט זיך אָן אין דער פאָדערונג פון דעם אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קלאַס, אַז די רוסישע סאָוויעט־רעגירונג זאָל אַנערקענט ווערן פון די מלוכות, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גענוא, און אויך פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זיינען דאָרט ניט פאַר־טראָטן.

גלייכצייטיק שליסט זיך די קאָנוועגשאָן אָן אין דעם פאַרלאַנג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער וועלט, אַז די סאָוויעט־רעגירונג זאָל געבן פולע פרייהייט צו אַלע סאָציאַליסטישע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע זיינען אין דער גאַנצער צייט פון זייער פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט

געבליבן טריי דעם אַרבעטער קלאַס און ניט צוגעשטאַנען צו דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן עלעמענט קעגן דער סאָוויעטן־רעגירונג".

דער צווייטער טייל פון דער רעזאָלוציע רופט אַרויס אַ היציקע דע־באַטע. די רעזאָלוציע ווערט גענומען צו אַן אָפּשטימונג ביי ראָל־קאָל, און מיט 100 שטימען קעגן 40 ווערט זי אָנגענומען.

דאַן נעמט די קאָנווענשאָן אויף אַ צווייטע רעזאָלוציע וועגן דער וואָירקערס פּאַרטיי.

די רעזאָלוציע ווייזט אָן ברייט און שאַרף, אויף דעם פּאַרזוך פון קאַפּי־טאַליסטן, דורך זייערע טשעימבער אָוו קאָמורס אָרגאַניזאַציעס אין אַמע־ריקע און אין קענעדע, צו צוברעכן און באַזיגן דעם אַרבעטער־קלאַס און זיינע עקזיסטירנדע טרייד־יוניאָנס. גראָד איצט האָט די „פרייהייט" זיך גענומען פאַרזייען מיסטרויען און פערזענלעכן האַס אין אונדזערע רייען. דער אָפיציעלע אָרגאַן פון די יידישע קאָמוניסטן דערלויבט זיך באַטיטלען די טוער און פירער פונם אַ.־ר. אַלס „סקעבס" און פאַרקויפטע נשמות.

די אַ.־ר.־קאָנווענשאָן דערקלערט, אַז דער אַ.־ר. איז ניט קיין אָרגאַ־ניזאַציע וואָס לאָזט זיך פאַרכאַפּן פון דער אָדער יענער פראַקציע. די קאָנווענשאָן פּראָטעסטירט שטאַרק קעגן די מעטאָדן פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער וואָירקערס פּאַרטיי, און פאָדערט אויף די מיטגלידער און ברענטשעס אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פונם אַרבעטער־רינג.

פאַר דער רעזאָלוציע האָבן גערעדט: ווייַנבערג, פיינערמאַן און כאַנין. קעגן דער רעזאָלוציע: קאַנאָוויץ, אָשינסקי און גאָלדבערג.

קאַנאָוויץ פון באָסטאָן זאָגט: ס'איז ניט אמת, אַז מיר ווילן ברעכן דעם אַ.־ר. וואָס מיר ווילן ברעכן איז די אַלטע פאַרשימלטע טראַדיציעס. מיר ווילן דעם אַ.־ר. אַרויסרייסן פונם איינפלוס פון „פאָרווערטס". איך וועל באַטראַכטן די וואָס וועלן שטימען פאַר דער רעזאָלוציע, אַלס די שטערער און ברעכער פונם אַ.־ר.

כאַנין רעדט פאַר דער רעזאָלוציע: עס איז אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז ניט נאָר האָט דער אַ.־ר. אַלעמאָל אַריינגענומען אַלע שאַטירונגען און ריכטונגען אין אַ.־ר. אַלעמענס מיינונגען זיינען צו יעדער צייט רעס־פעקטירט געוואָרן. נאָכמער, דער אַ.־ר. האָט אַלעמאָל באַגריסט נייע אידעען און נייע וועלט־אָנשויאונגען. וואָס אָנבעלאַנגט אָבער די „נייע וועלט אמת" און די „פרייהייט" האָבן זיי זיכער מיט זייער אַגיטאַציע קעגן די פירער פון די יוניאָנס אויך אין אַ.־ר. געטון מער שאָדן ווי וועלכער ניט איז שונא. אין דעם איצטיקן עקאָנאָמישן קריזיס, איז די „פרייהייט" אַרויס־געקומען מיט אַ דערקלערונג, אַז די קלאָוקמאַכער יוניאָן ווערט געפירט פון מעסער־העלדן. ביי אַ קאָנפערענץ פון אַ.־ר. צו נאָמינירן די פאַר־וואַלטונג וואו ס'זיינען געווען איבער 4 הונדערט דעלעגאַטן, דערווײלט

פון די ברענטשעס, האָט זייער אָרגאַן זיי באַצייכנט אַלס „סקעבס", פאַר־קויפטע נשמות און אויסוואורפן. ווילט איר אַז נאָכדעם ווי איר האָט באַוויזן אַזאַ פאַראַכטונג צו יעדן אַקטיוון טוער אין דער באַוועגונג, נאָכדעם ווי די פירערשאַפט פון אַ.־ר. איז דורך אייך אויף אַ מיאוסן אופן באַשמוצט און פאַרלוימדעט געוואָרן, זאָל די קאָנווענשאָן אייך אַנערקענען און נאָך געבן אַ קניפּ אין בעקל דערפאַר?

אין דעם זעלבן זין האָבן גערעדט אָשינסקי פון ברוקלין און גאָלד־בערג פון טשעלסי — קעגן דער רעזאָלוציע, און פיינערמאַן און וויינבערג פון ניו־יאָרק פאַר דער רעזאָלוציע.

די רעזאָלוציע ווערט געשטימט ביי אַ „ראָל קאָל" און ווערט אָנגענומען מיט איין הונדערט און עלף שטימען פאַר און 26 קעגן. 22 דעלעגאַטן האָבן ניט געשטימט, ווייל זיי זיינען דאַן אין האָל ניט געווען.

פאַרן אַ.־ר. האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ ביטערע צייט. די פאַרביסענע שטרייטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — אין דער פּאָליטישער ווי אין דער טרייד־יוניאָניסטישער — די רייסערייען און שפּאַלטונג האָבן געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דעם אַרבעטער־אָרדן. אַ חוץ דעם האָבן די קאָמוניסטן אויפגעשטעלט אַ באַזונדערן פראָנט אַרום די ענינים וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטן שייכות צו די ברענטשעס און דעם גאַנצן אַ.־ר. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָבן די קאָמוניסטן געשאַפן אַקציאָנס־קאָמיטעטן, גערופן קאָנפערענצן פון אַ.־ר. ברענטשעס, דורך דער פּרעסע און ספּעציעלע בראָשורן האָבן זיי פאַרדרייט פאַקטן; גערופן צו דיסציפּלין־לאָזיקייט, און אַטאַקירט אָן שום ריקזיכט די געזעצלעכע פאַרוואַלטונג פון אָרדן. מ'האָט געלאָזט אין גאַנג דעם טרויעריק־באַרימטן קאָמוניסטישן לעקסיקאָן. די אָנפירונג איז געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַ רעאַקציאָנערע און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע.

אין 1921, איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמוניסטישער 15ער קאָמיטעט, וואָס האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער אָנפירונג פונם אַ.־ר. זיי האָבן גע־טענהט, אַז די אַדמיניסטראַציע האָט אָפּגעשאַפט די דעמאָקראַטיע אינם אַ.־ר. און פאַרראַטן זיינע פּרינציפּן.

ביי דער נאָמינאַציאָנס־קאָנפערענץ פאַר דער פאַרוואַלטונג אין 1922 האָבן זיי פּרובירט מיט געוואַלט אָפּברעכן די קאָנפערענץ.

נאָכדעם ווי די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין רוסלאַנד און קעגן די אַטאַקעס פון דער קאָמוניסטישער צייטונג „פרייהייט" אויף דעם אַ.־ר. האָבן זיי פאַרלאָזט די קאָנפערענץ. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פּראָטעסט־קאָנווענשאָן, אויסגעקליבן אַן אַקציאָנס־קאָמיטעט, איינגעפירט אַ ביישטייערונג פאַר

דעם קאָמיטעט און אָנגענומען אַ פּרינציפּן־דערקלערונג, ווי אויך אַנדערע באַשלוסן.

די ג. ע. ק. האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג קעגן דער פּראָטעסט קאָנווענשאָן. די ג. ע. ק. האָט געוואָרנט, אַז דער אַ.־ר. קען ניט, וועט ניט, און טאָר ניט זיין דער פּלאַץ פאַר אַזעלכע קאַמפן, וועלכע טראָגן פון איין זייט אַן ענג־פּאַרטייאיש כאַראַקטער, און פון דער צווייטער זייט קענען זיי פירן צו דער אָפּשוואַכונג פון דער אָרגאַניזאַציע. דער אַ.־ר. איז געגאַנגען און גייט אויף אַ נאָרמאַלן וועג פון אַנטוויקלונג, און יעדע פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע באַוועגונג קריגט אַן אָפּקלאַנג אין אונדזערע רייען. און פון אָט דעם שטאַנדפּונקט טאָר ניט דערלאָזט ווערן, אַז דער אַ.־ר. זאָל זיין אַ שלאַכט־פעלד וואו פּאַרטייען מחוץ דעם אַ.־ר. זאָלן אויסקעמפן זייערע אַמביציעס און פּאַרטיי־סיכסוכים... ווען עס וועט נויטיק זיין וועט די ג. ע. ק. אָננעמען די שריט, וואָס די קאָנסטיטוציע פון אַ.־ר. גיט איר, כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו מאַכן אַ סוף צו דעם הפקר־צושטאַנד, וואָס ס'איז לעצטנס געשאַפן געוואָרן. מען מעג קריטיקירן די פאַרוואַלטונג, מען מעג פּראָטעסטירן קעגן די באַשלוסן, אָבער אַלץ אין די ראַמען פון אַנשטענדיקייט אין דער אָרגאַניזאַציע גופא און צווישן די מיטגלידער פונם אַ.־ר.

די קאָנפערענצן זיינען אַלעמאָל געווען שטורמדיקע, אויף יעדן צוזאַמענקונפט האָט מען זיך געקענט ריכטן אויף סקאַנדאַלן. ס'איז אָפט געקומען צו געשלעגן. אין די בראַנטשעס זיינען אָנגעגאַנגען די פראַקציאָנעלע רייסערייען, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אַלע צווייגן פון דער אַרבעטער באַוועגונג. די רייסערייען האָבן זיך אויך געלאָזט שפּירן אין אונדזערע רייען, און ס'איז געוואָרן אוממעגלעך ווייטער אָנצוגיין מיט אונדזערע אַקטיוויטעטן.

דער ג. ע. ק. איז געווען געצוואונגען אין אַ סך פאַלן צו נעמען אַ פעסטע שטעלונג. אייניקע בראַנטשעס האָט מען געמוזט צעטיילן. איינצלנע מיטגלידער האָט מען געמוזט מאַכן פאַר „מעמבערס עט לאַרדזש”, כדי ניט צו דערלאָזן דעמאָראַליזירן און דעזאָרגאַניזירן די בראַנטשעס.

צווישן די וואָס מען האָט געמאַכט פאַר „מעמבער עט לאַרדזש”, איז אויך געווען אייב עפּשטיין, אַ געוועזענער פּרעזידענט פון אַ.־ר. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ נייע כוואַליע פון פּראָטעסטן מצד די קאָמוניסטישע בראַנטשעס. די מיטגלידער פונם אַ.־ר. זיינען ממש פאַרשאָטן געוואָרן מיט קאָמוניסטישע פּאַמפלעטן. די ג. ע. ק. האָט זיך באַמיט דורך פאַרשיידענע דערקלערונגען אָפּשלאָגן די אַטאַקעס און ריכטיק־שטעלן די פאַקטן.

די אָנהענגער פון דער אַדמיניסטראַציע האָבן אויך ניט געשוויגן. דעם 23טן נאָוועמבער, 1924, איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון

280 דעלעגאַטן פֿון 179 ברענטשעס מיטן ציל זיך קעגנצושטעלן דער קאָ־מוניסטישער צושטערונגס־אַרבעט.

אויך אין פֿילאַדעלפֿיע איז פֿאָרגעקומען דעם זעלבן טאָג אַן ענלעכע קאָנפֿערענץ. די דעלעגאַטן האָבן שטאַרק געפֿאָדערט אַנצונעמען שטרענגע מיטלען קעגן די אַלע, וועלכע ברעכן דעם אָרדן און דעמאָראַליזירן זיין אַרבעט.

דער לינקער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט אין 1924 פּראָקלאַמירט אַ זאַמ־לונג פֿון 10 דאָלער פּאַר אַ פּאַנד אויף צו באַקעמפֿן די נאַציאָנאַלע עק־זעקוטיוו קאָמיטע. וועגן דעם איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַן אויפֿרוף צו אַלע ברענטשעס. אַ סך ברענטשעס האָבן געענטפֿערט מיט רעזאָלוציעס, וואָס האָבן אויפֿגעפֿאָדערט די נ. ע. ק. אויסצושליסן פֿון דעם אַ.־ר. די שטערער.

ברענטש 1 האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אָפֿענעם בריוו צו דער נ. ע. ק. און צו אַלע מיטגלידער פֿון אָרדן מיט אַן אויפֿפֿאָדערונג זיך צו פֿאַראיי־ניקן און אַקטיוו זיך קעגנשטעלן די צושטערערישע מעשים פֿונם „לינקן" אַקציאָנס־קאָמיטעט. דער בריוו דערקלערט:

„אַז פּראָטעסט־רעזאָלוציעס וועלן ניט העלפֿן אויב די שטערע־רישע עלעמענטן וועלן זייער שעדלעכע טאַקטיק ניט אויפֿהערן, מוזן זיי פֿונם אַ.־ר. אויסגעשלאָסן ווערן כּדי זיי זאָלן מער ניט קענען שפּילן די פֿאַלשע ראָל ווי פֿריינד פֿון אונדזער אָרגאַניזאַציע".

אַ בילד פֿון דאַמאָלדיקן מצב אין אַ.־ר. גיט אַ לייט־אַרטיקל פֿון „פֿריינד":

„נאָך קיינמאָל האָט דער צושטערונגס־גייסט פֿון אונדזערע אַזוי גערופֿענע ,לינקע' אין אַ.־ר. ניט דערגרייכט אַזאַ מדרגה ווי די לעצטע צייט. נאָך קיינמאָל זיינען אונדזערע ,לינקע' פֿריינד ניט אַרויסגעטרעטן אַזוי חוצפּהדיק, אַזוי אומפֿאַראַנטוואָרטלעך און זיך אַרויסגעוויזן אין זייער ריכטיקן קאָליר פֿאַר דער ברייטער מיטגלי־דערשאַפֿט, ווי איצט. מען דערלויבט זיך זאַכן, וואָס וואָלטן אין קיין שום אָרגאַניזאַציע ניט געדולדעט געוואָרן. מען מאַכט אַזעלכע עפֿנטלעכע באַשולדיקונגען, אַז ווען דאָס וואָלט פּאַסירט ערגעץ אַנ־דערש, וואָלט מען אַזעלכע עלעמענטן קיין איין טאָג ניט געהאַלטן אין דער אָרגאַניזאַציע... די ברענטשעס מעגן זיכער זיין, אַז די פֿאַרוואַלטונג וועט ניט אָפּנאַרן זייערע דערוואַרטונגען. זי וועט שטיין אויף דער וואַך און וועט נעמען די געהעריקע מיטלען איינצוהאַלטן די גאַנצקייט פֿון אַ.־ר.". („פֿריינד" דעצ. 1924).

אין אָנהויב, ווען די חילוקי־דעות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג האָ־

בן זיך געגומען פאַרטיפן, האָט דער אַ״ר. געפּרואווט זיין נייטראַל, בפרט ווען די אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע שטרייטן זיינען פאָרגעקומען אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג גופא. אַזוי איז געווען בעת דער שפּאַלטונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. דער אַ״ר. האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אייניקייט, ס׳איז אָבער געוואָרן אַלץ שווערער זיך צו פאַרהאַלטן אויף אַ נייטראַלע פּאָזיציע, ס׳איז גאָר ניט גע־ווען אָפּהענגיק פון אַ״ר....

דער ריקזיכטלאָזער פראַקציאָנעלער קאַמף פון די קאָמוניסטן אין די רייען פון אָרדן, האָט באַוויזן באַשיינפּערלעך, אַז נייטראַליטעט איז אַן אילוזיע.

אָנהויב יאַנואַר 1926, האָבן די קאָמוניסטן גערופן אַ פּראָטעסט־קאָנ־פערענץ און דורכגעפירט אַ דעמאָנסטראַציע פאַרן אָפיס פונם אַ״ר. אויף איסט בראָדוועי.

די פּראָטעסט־קאָנפערענץ האָט געשאַפן אַ „ליעג פון פּראָגרעסיווע ברענטשעס פון אַ״ר.״, מיטן ציעל צו טון פאָרמעלע אַרבעט אויפן גע־ביט פון אָרדן. די אָנגעשלאָסענע ברענטשעס האָבן אויך גערדאַרפט צאָלן דער „ליעג״ אַ ספּעציעלן שטייער. מיט איין וואָרט, אַ מלוכה אין אַ מלוכה. די נאַצ. עקזעק. קאָמ. האָט אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו די ברענטשעס און זיי געוואָרנט קעגן אָנשליסן זיך אין דער „ליעג״. פיל ברענטשעס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער אַוואַנטורע. אָבער 64 ברענטשעס מיט בערך 7 טויזנט מיטגלידער זיינען געבליבן מיט דער „ליעג״.

ווי אַן ענטפער אויף דעם האָט די נ. ע. ק. פאַנאַנדערגעלאָזן די ווי־דערשפּעניקע ברענטשעס און זייערע מיטגלידער איבערגעפירט אין דער קאַטעגאָריע פון „מעמבערס עט לאַרדזש״. די לאַגע איז געוואָרן אַזאַ אָנ־געשטרענגטע, אַז אין אייניקע ברענטשעס איז עס דערגאַנגען צו געשלע־גן און סקאַנדאַלן צווישן די מיטגלידער. ס׳איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז די קאָמוניסטן וועלן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מיטלען, כדי צו באַהערשן דעם אַ״ר. און אויב דאָס וועט זיי ניט געלינגען וועלן זיי אַלץ טון כדי אים צו שפּאַלטן און ברעכן.

דאָס וואָס זיי האָבן געטון דאַן אין יענער צייט איז געווען אַן אָנ־הייב צו דער ענטגילטיקער אָפּשפּאַלטונג. זיי האָבן פאַרכאַפּט אין ניו־יאָרק 20 שולן און דעם קעמפּ „קינדערלאַנד״. אין קאַנאַדע האָבן זיי פּרו־בירט שאַפן אַן אייגענעם אַ״ר. וואָס איז באַלד אונטערגעגאַנגען. אין מאַ־סאַטשוזעטס האָבן זיי געהייסן זייערע ברענטשעס אַריינטרעטן אינם אינדעפּענדענט אַ״ר.

זעענדיק אָבער דעם שטאַרקן ווידערשטאַנד פון דער נאַצ. עק. קאָמ.

און אויך ווי עס ווערט שיטערער אין זייער „ליעג״, האָבן די קאָמוניסטן אָנ־געהויבן אַ קאַמפּאַניע פון אַ „שלום־אָפּענסיווע״. דערביי האָבן זיי געפאָ־דערט פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט אין דער פאַרוואַלטונג פון אָרדן און אַז דער אַ.־ר. זאָל זיך ניט מישן אין קאַמף צווישן די „רעכטע און לינקע״ אין די יוניאָנס.

אַגב, ווען מיר איצט דאָ אין קורצן דערציילן, אַז וויפל צייט און מי, אַרבעט און ענערגיע, אונדזערע מענטשן האָבן אַוועקגעגעבן דעם אינערלעכן קאַמף מיט די קאָמוניסטן און אַ.־ר., האָבן אָבער אונדזערע מענטשן דירעקט און אומדירעקט זיך ניט געהאַלטן פון דער ווייטנס פונם קאַמף מיט די קאָמוניסטן אין דער אַלגעמיינער און ספּעציעל אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. דאָרט איז געווען אַ ברייט און פּוטער קאַמף — אַ קאַמף פאַר עקזיסטענץ. אַ קאַמף וואָס האָט דירעקט אַריינ־געצויגן צענדליקער טויזנטער יידישע פאַמיליעס און פּשוט זיי געשטעלט אויפן שוועל פון הונגער און נויט. די קאָמוניסטן האָבן פאַרכאַפּט יוניאָן־שעפער, אַרויסגעוואָרפן פון פּרנסה הונדערטער אַרבעטער־פאַמיליען־לייט און זיי פאַרמשפּט צו הונגערן. זיי האָבן דאָס געטון ביד־חזקה, שוין אָפּ־גערעדט פון פערזענלעכע פאַרלוימדונגען, בילבולים און מסירות אויף די באַאַמטע פון די יוניאָנס. צו זייער „שלום אָפּענסיווע״ אין אַ.־ר. איז די קאָמוניסטן אויך געלונגען צוצוציען געוויסע אומפּאַרטייאישע עלעמענטן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז די „שלום־זוכער״ מיינען עס ערנסט, און האָבן ניט קיין זייטיקע כוונות. פון די אַלע שלום־מאַנעווורעס און אונטערהאַנד־לונגען איז גאָר ניט אַרויסגעקומען.

די פאַרוואַלטונג איז געווען גרייט צו געבן די קאָמוניסטן פולע פריי־הייט, וואָס יעדער מיטגליד האָט, אָבער זיי האָבן דערביי געפאָדערט דיסציפּלין און לאָיאַלקייט. די פאַרוואַלטונג האָט אויך געפאָדערט, אַז די קאָמוניסטן זאָלן גלייך צוריקגעבן די פאַרכאַפּטע שולן און דאָס אייגנטום פון אַ.־ר.

דעם 23טן מאַי 1929, גלייך נאָך דער שיקאַגער קאָנווענשאָן, האָבן זיי געגרינדעט אין ניו־יאָרק אַ נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון לינקע ברענטשעס אין ניו־יאָרק פון אַ.־ר. דער קאָמיטעט האָט גערופן די ברענטשעס ניט צו צאָלן די טעקסעס וואָס די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן.

דעם 11טן — 13טן אָקטאָבער פון זעלבן יאָר איז אין ניו־יאָרק אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון „לינקע״ און פּראָגרע־סיווע ברענטשעס צו פאַרלאָזן דעם אַ.־ר. און אַריינטרעטן אינם אינדע־פּענדענט אַ.־ר.... אין געהיימע צירקולאַרן צו קאָמוניסטישע סעקרע־טאַרן און קאַסירער האָט מען געהייסן צונעמען די ביכער און געלטער פון די ברענטשעס. פון פריער האָבן די קאָמוניסטן זיך שוין געהאַט פאַרשטענ־

דיקט מיט די אָנפירער פון דעם אינדעפּענדענט אַ.־ר. פון מאַסאַטשוזעטס וועגן דעם שידוך.

די קאָמוניסטן האָבן אָבער געמאַכט אַ שטיקל טעות אין חשבון. די מערהייט מיטגלידער פון דער אינדעפּענדענט א.־ר. איז געווען קעגן דעם אָפּמאַך מיט די קאָמוניסטן און זייערע נאָכלויפער. אויך אינם אַ.־ר. צווישן די דורך זיי באַהערשטע ברענטשעס זיינען אויך געווען פיל וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו פאַרלאָזן דעם אַ.־ר.

דעם 13טן אָקטאָבער 1929, האָט די נ. ע. ק. פון אַ.־ר. אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע זיצונג געווידמעט דער פראַגע פון שפּאַלטונג. י. באַסקין, דער גענעראַל־סעקרעטאַר האָט דערקלערט, אַז עס ווערן אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז דער פאַרלוסט פון מיטגלידער זאָל זיין וואָס קלענער. ער האָט איבערגעגעבן, אַז אַפילו אין פיל קאָמוניסטיש־באַהערשטע ברענטשעס האָט די מערהייט מיטגלידער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פאַרבלייבן אין אַ.־ר.

אויף אַ זיצונג פון דער נאַצ. עקז. קאָמ. דעם 3טן נאָוועמבער 1929, האָט באַסקין באַריכטעט, אַז דאַן זיינען 35 ברענטשעס געוואָרן פאַנאַנ־דערגעלאָזן און 22 רעאָרגאַניזירט געוואָרן. לויט די באַריכטן וואָס זיינען אַריינגעקומען פון פאַרטרעטער וועלכע האָבן באַזוכט די מיטינגען פון ברענטשעס, ווייזט זיך אַרויס, אַז ביז איצט האָבן אין די „לינקע" ברענ־טשעס אַרום איין טויזנט מיטגלידער געשטימט צו פאַרלאָזן דעם אַ.־ר.

שפּעטער איז די צאָל געשטיגן. אויף דער זיצונג פון נ. ע. ק., דעם 8טן דעצעמבער 1929, האָט שוין באַסקין באַריכטעט, אַז „אין דער קאָמו־ניסטישער שפּאַלטונג־אַקציע זיינען געווען פאַרוויקלט אַרום 100 ברענ־טשעס, די מיטגלידערשאַפט פון אַלע ברענטשעס איז אַרום 9 טויזנט. פון זיי האָבן 2700 געשטימט צו פאַרלאָזן אונדזער אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען טראַנספערירט געוואָרן אַלס מיטגלידער עט לאַרדזש, און ס'איז זיי גע־געבן געוואָרן 10 טעג איינצוצאָלן זייערע בילס אין אָפיס. ביז איצט זיינען טויזנט געשטראָכן געוואָרן".

אויף דער זיצונג פון נ. ע. ק., דעם 15טן יאַנואַר 1930, האָט באַס־קין געשאַצט די צאָל געשטראָכענע, צוליב דער קאָמוניסטישער שפּאַל־טונג, אויף 2500.

די נ. ע. ק. האָט פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אין וועלכע ס'איז געזאָגט געוואָרן:

„יעדער מיטגליד פונם אַ.־ר. האָט אַ רעכט אָפן צו פּראָפּאַגאַנ־דירן און אַגיטירן פאַר די ראַדיקאַלע אידעען, וואָס זיינען אים ליב און טייער. די עקזעקוטיווע מישט זיך ניט אין די אינערלעכע ענינים פון די מיטגלידער. קיינער איז ניט באַשטראָפט געוואָרן פאַר האָבן פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. עס זיינען באַשטראָפט גע־

ווערן בלויז די וואָס זיינען באַגאַנגען אַ פאַרראַט קעגן דעם אַ.־ר. אָדער די, וועלכע האָבן געבראָכן די דיסציפּלין פון דער אָרגאַני־זאַציע".

דער קאָמוניסטישער חשבון איבערצונעמען דעם אינדעפּענדענט־אַ.־ר. האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פאַלשער. אין אַ רעפערענדום האָט די מיטגלידערשאַפט פון אינדעפּענדענט אַ.־ר. מיט אַ מערהייט פון 2 צו 1, אָפּגעוואָרפן די פּאָליטיק פון דער פּראָ־קאָמוניסטישער פירערשאַפט און אַדמיניסטראַציע. דורכפאַלנדיק אין זייער פּלאַן, האָבן די קאָמוניסטן גערופן אַ קאָנפערענץ פון די אויסגעשלאָסענע בראַנטשעס פון אַ.־ר. ווי אויך פון זייערע אָנהענגער און אינדעפּענדענט־אַ.־ר. און דעם 30 מערץ 1930, האָבן זיי געגרינדעט דעם „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן".

די אָפּשפּאַלטונג איז פאַרחתמעט געוואָרן און מיט דעם איז אָפּגע־שלאָסן געוואָרן דער שטורעמדיקסטער און שווערסטער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון אַ.־ר.

עס איז לייכט צו זאָגן ס'האָט זיך אָפּגעשלאָסן דער שטורעמדיקער קאַפּיטל פונם קאָמוניסטישן קאַמף. עס איז אמת, אַז אָפיציעל איז דער קאַמף געווען פאַראיבער, אָבער ס'זיינען געבליבן גענוג חורבות און נאָכ־ווייעניש, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אַ סך אַרבעט צו פאַרריכטן, עס האָט אָבער ניט גענומען לאַנג און דער אַ.־ר. איז צוריקגעקומען צו זיין נאָר־מאַלן צושטאַנד, און וויטער גענומען נאָרמאַל פונקציאָנירן...

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב", דורך זיין טשיף י. ישורין, האָט געהאָלפן אָנפירן מיטן קאַמף פון די קאָמוניסטן, ער האָט געהאָלפן אָנפירן מיט דער סטראַטעגיע. עס קענען וועגן דעם קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. אָבער פאַרוואָס מען קען ניט רעדן מיט פאַקטן און אָנווייזן שוואַרץ אויף ווייס, וואָס דער קלוב האָט געטון, וועלן מיר רעדן אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל.

די ראָלע פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" אין דעם קאָמוניסטישן שטרייט

מיר האָבן שוין ביי עטלעכע געלעגנהייטן פריער אָנגעדייטעט, אַז עס איז זייער פאַרדריסלעך וואָס אין די אַרכיוון פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" זיינען דאָ ווייניק דאָקומענטן אָדער שריפטן וואָס זאָלן פאַר אַ היס־טאָריקער געבן מאַטעריאַל פאַר שרייבן געשיכטע וועגן די אמתע אַקטי־וויטעטן פונם קלוב פאַר די 50 יאָר צייט פון זיין עקזיסטענץ. אַז דער

קלוב האָט אַ רייכע פאַרגאַנגענהייט און געשיכטע ווייסן אַלע די וואָס זיינען געווען אַקטיוו אינם אַ.־ר. אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט שוואַרץ אויף ווייס, האָבן די פירער זיך געהיט צו פאַרצייכענען.

פאַרקערט, די פירער פונם קלוב האָבן צו אַלע צייטן פּרובירט צו פאַרבאַהאַלטן די באַדייטנדיקע ראָלע וואָס דער קלוב האָט געשפּילט און שפּילט אין דעם לעבן און פּאָליטיק פונם אַ.־ר. זייער פּרינציפּ איז אַלע־מאָל געווען שרייען אַזוי הויך ווי מעגלעך, אַז דער קלוב איז בלויז אַ פּריוואַטשאַפט־אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט האָבן „גוט טיימס" און זיך אַמוזירן יאָר איין יאָר אויס ביי ניי־יאָר פּאַרטיס, ביי ספּעציעלע צוזאַמענקונפטן און באַנקעטן דורך קאָנווענשאָן־צייט: שיקן „געבורטס־טאָג" קאַרטלעך און אַניווערסערי־באַגריסונגען; אַריינגעבן טרויער און סימ־פּאַטיע אַנאַונסמענטס אין „פאָרווערטס" ווען אַ מיטגליד שטאַרבט.

אָבער „פּאָליטיק", האָבן די פירער געשוואָרן, און שווערן נאָך ביז היינט צו טאָג, איז ביי זיי טריפה ווי חזיר. מיט איין וואָרט, מיר רירן זיך ניט צו צו פּאָליטיק. דערפאַר האָט מען פאַרשטייט זיך ווייניק עפנטלעך געשריבן און נאָך ווייניקער עפנטלעך גערעדט, וועגן די ממשותדיקע אַר־בעטן און אַקטיוויטעטן וואָס דער קלוב האָט געטון אַלע יאָרן אָנצוהאַלטן די גאַנצקייט, און די אידעאַלן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

איך וויל באַין אופן ניט מינדערן די וויכטיקייט און נוצלעכקייט פון אַלע באַנקעטן און שמחות, טרויער רעזאָלוציעס, און אַנדערע חברשע אַק־ציעס און טאַטן, וואָס דער קלוב האָט אָנגעפירט און פירט נאָך אָן ביזן היינטיקן טאָג. קיינער קען אויך ניט אָװעקמאַכן מיט דער האַנט די רע־ליעף־אַרבעט, און „מתן־בסתר"־אַקציעס, מיט וועלכע דער קלוב האָט זיך אָפּט פאַרנומען און דורכגעפירט, ווען די צייט און נויטווענדיקייט האָט דאָס געפאָדערט.

איך חזר איבער נאָכאַמאָל דאָס, וואָס איך האָב שוין פריער דער־מאָנט, אַז איך אַליין האָב זיך דורך דעם קלוב געשאַפן פריינד וואָס ס'איז געווען אַ נחת־רוח מיט זיי צו פאַרברענגען. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אונדזערע מענטשן, זייענדיק אַקטיוו אין דער פּאַרטיי, אין „פאָרווערטס", אין אַ.־ר. און אין נאָך עטלעכע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, האָבן מיר זיך אָפּגעריסן פון אונדזערע משפחות און לאַנדסלייט, און די חבר־שאַפט און פריינדשאַפט פון די קלוב־מיטגלידער, מיט וועלכע מען טרעפט זיך אָפט, איז געווען אַ דערלייזונג און אַ פאַרגניגן. אָבער לאָמיר ניט צופיל אָװעק פון אמת. דער הויפּט־צוועק פון גרינדן דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" איז דאָך פאָרט געווען אַן אידעאיש־געזעלשאַפטלעכער, צו באַקעמפן די „יונגע"; רעאַגירן אויף אַ.־ר.־פּראָבלעמען און אויב נויטיק טאַקע נעמען אַ האַנט אין דער אַ.־ר.־פּאָליטיק.

אין די ערשטע יאָרן פון קלובס עקזיסטענץ האָט ער, ניט געקוקט אויף פּראָבן צו פאַרבאַהאַלטן זיין אָנגעהעריקייט און אידענטיפיקאַציע, זיך ניט געקענט אויסהיטן פון דער עפנטלעכקייט. אין א. ש. זאַקסעס גע־שיכטע פונם אַ.־ר., גיט ער אָפּ אַ סך פּלאַץ און חשיבות צום „קלוב״, הגם ער רופט אים אָן מיטן נאָמען „אַלטע״. אָבער ווען עס קומט צום קאַמף מיט די קאָמוניסטן, ווען וואָס איך וועל באַלד עפּעס האָבן צו זאָגן, ווערט דער „קלוב״, אָדער די טוער און פירער פונם קלוב, אין ערגעץ ניט דער־מאָנט. איך וועל פּרובירן, מערסטנס פון פערזענלעכע זכרונות, באַווייזן, אַז עס איז געווען דער גליק פונם אַ.־ר. וואָס דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ האָט געהאַט זיינע מיטגלידער איבערן גאַנצן לאַנד. און ניט גלאַט סתם־מיטגלידער, נאָר די געטרייסטע און פעאיקסטע איבערגעגעבענע מענטשן, וואָס זיינען געווען גרייט זיך מקריב זיין אָנצוהאַלטן די גאַנצקייט און אידעאַלן פונם אַ.־ר.

דאָס זיינען געווען די קלוב־מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן ממש ביז בלוט, ניט נאָר אין ניו־יאָרק, נאָר אין לאָס אַנדזשעלעס, שיקאַגאָ, קליוולאַנד, פּיטסבורג, פילאַדעלפיע און אין אַלע אַנדערע גרעסערע און קלענערע שטעט איבער אַמעריקע און קאַנאַדע. ניט נאָר זיינען זיי גע־ווען פאַראינטערעסירט און פאַרמישט אין די אַ.־ר.־קאַמפן, נאָר זיי זיינען אויך געווען אין די „פראָנט ליינס״ פון דעם קאַמף מיט די קאָמוניסטן אין די טרייד־יוניאָנס און אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיי האָבן צוזאַמען מיטן „יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד״ געקעמפט אויף אַלע פראָנטן.

ביי די טרויעריק־באַרימטע אַבראַמאָוויטש־פאַרזאַמלונגען איבערן לאַנד האָט איר אומעטום געטראָפן — הגם זיי האָבן ניט באַוויזן קיין קרעדענ־שעלס — די מיטגלידער פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ איינשטעלן ממש זייער לעבן, שלאָגנדיק זיך מיט די קאָמוניסטן און זייערע בויאַנעס, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט גענגסטער־מעטאָדן אָפּצוברעכן די מיטינגען. איך קען זיין דערויף אַן עדות, ווייל ביי עטלעכע אַזעלכע מיטינגען איבערן לאַנד בין איך דירעקט געווען פאַרמישט.

די נאָנטע מענטשן האָבן געוואוסט אַז ישורין האַלט אין איין קאָרעס־פּאָנדירן מיט די „באָיעס״ איבערן לאַנד. אַפּעלירט צו זיי, פאָדערט פון זיי, גיט זיי אינסטרוקציעס, צו זיין אויף דער וואַך טאָג־איין טאָג־אויס, צו זען אָפּהיטן דעם כבוד און אויך ראַטעווען דעם אַ.־ר. צוזאַמען מיט דער גאַנ־צער אַרבעטער־באַוועגונג פון די נעגל פון די קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך צו צעברעכן די אַרבעטער־באַוועגונג.

מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז דער קלוב האָט זיך שטאַרק געהיט, אַז מען זאָל אים חלילה ניט חושד זיין, אַז ער מישט זיך אין פּאָליטיק.

וויל איך דאָ דערציילן אַ פּאַסירונג וואָס איז געבליבן אין מיין זכרון ביז היינטיקן טאָג.

דאָס איז געווען אין 1914, ביי דער ניו־הייווענער קאָנווענשאָן. דער קלוב האָט זיך נאָר וואָס געהאַט געגרינדעט. די ניו־הייווענער קאָנווענשאָן האָט געהאַט אַ מערהייט דעלעגאַטן וואָס זיינען געווען נוטה צו די „יונגע״. די קלוב פירער האָבן דאָס געוואוסט, און זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אָפטע „קאָקוס מיטינגען״ אויסצואַרבעטן זייער סטראַטעגיע און אַקציע ביי דער קאָנווענשאָן.

זיי איז אָבער געגאַנגען אין לעבן, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, אַז זיי האַלטן אָפּ אַזעלכע מיטינגען, ווייל דאָס וואָלט דאָך געהייסן, אַז זיי מישן זיך אין „פּאָליטיק״. וויליאַם באַקסט, דאַן דער „גענעראַל״ פונם קלוב, איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון דער קאָנווענשאָן אַרענדזשמענטס־קאָמיטע, האָט ער לכתחילה אַראַנזשירט, אַז אַלע „אַלטע״ זאָלן איינשטיין אין „טאַפּט האָטעל״ און די „יונגע״ האָט ער צעוואָרפן אין פאַרשיידענע האָטעלן פון ניו־הייווען. אַזוי אַז די „אַלטע״ זאָלן זיך קענען צו יעדער צייט פריי צונויפקומען און אָפּהאַלטן זייערע „קאָקוסן״. ער האָט אָבער פאַרזען איין זאַך, די עקזעקוטיוו־פאַרטרעטער האָבן אויך געהאַט זייערע צימערן אינם טאַפּט־האָטעל און צווישן די פאַרוואַלטונס־פאַרטרעטער איז אויך געווען יעקב ראָבערטס, וואָס האָט פאַרטראָטן די „פּרעס און עדיוקיושאָנעל־קאָמיטע״. ראָבערטס איז איינגעשטאַנען אין זעלבן „סוויט־רומס״ מיט ישורין, סיגעל, דייוו האַלפּערן וואָס האָבן פאַרטראָטן אַנדערע קאָמיטעען. און אַזוי ווי ראָבערטס איז געווען אַ „יונגער״ מוז מען דאָך האַלטן בסוד פון אים, אַז מען האַלט אָפּ „קאָקוס״־מיטינגען, איז עס נעבעך פאַר מיינע חברים „אַלטע״ געווען אַ ביטערער עסק.

זייערע הויפּט־מיטינגען פלעגן זיי אָפּהאַלטן זייער שפּעט ביינאַכט. פלעגן מיינע שכנים גיין שלאָפן אין צייט, און ווען זיי האָבן געמיינט, אַז ראָבערטס שלאָפט שוין, האָבן זיי זיך געגנומען אַרויסגנבענען פונם צימער אין זייערע פּידזשאַמעס און שלאָף־מאַנטלען כדי צו גיין צום מיטינג. אָבער „מעשה שטן״ פלעגט טרעפן, אַז גראָדע דאַן פלעגט ראָבערטס ניט קענען שלאָפן, אָדער זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און אומשולדיק געפרעגט וואו זיי גייען אַזוי שפּעט ביינאַכט. זיי האָבן זיך נעבעך געפּלאָנטערט, און גע־זוכט תירוצים, אַז זיי גייען טרינקן טיי ביי באַקסטן אין צימער.

אָט אַזוי שטאַרק האָבן זיי זיך אויסגעהיט אַז מען זאָל חלילה ניט וויסן, אָדער מען זאָל זיי ניט חושד זיין, אַז זיי מישן זיך אין פּאָליטיק.

אָבער ווי שוין באַמערקט, איז פונם „יונג און אַלטן״ קאַמף נאָך פאַראַן אַ דאָקומענטאַציע און פאַרצייכענונגען וועגן די אַקטיוויטעטן פונם „נאַ־

ציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״, אָבער וועגן קאַמף מיט די קאָמוניסטן, איז דער קלוב אין ערגעץ ניט דערמאָנט דירעקט אָדער אומדירעקט.

זאָל אויך דאָ געזאָגט ווערן, אַז עס איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד פונם „יונגן״ קאַמף אינם אַ.־ר. און דעם „קאָמוניסטישן״ קאַמף. דער „יונ־גער״ קאַמף איז טאַקע געווען אַ שאַרפער, אַ פאַרביסענער, אָבער בלויז אַ פערזענלעכער: פערזענלעכע באַליידיקונגען, פערזענלעכע קריוודעס. דער ווילן צו זיין אין פאַרוואַלטונג; קריגן אַביסל כבוד, און אפשר גאָר קריגן די אויבערהאַנט אין דער פירערשאַפט. עס איז אָבער באין אופן ניט גע־ווען קיין געפאַרן פאַר פּאָליטישע אָדער פאַקטישע פאַרכאַפּונג פונם אַ.־ר. און זיכער ניט פון ברעכן אָדער צעברעכן דעם אַ.־ר.

די „יונגע״ זיינען פריער פון אַלץ געווען מיטגלידער פונם אַ.־ר. איבערהויפּט איז דער קאַמף ניט געפירט אָדער אָנגעצייכנט געוואָרן פון דרויסנדיקע עלעמענטן, כוחות, און אינטערעסן. דער „יונגער״ קאַמף איז טיילמאָל געווען אַ פאַרביסענער פון ברודער קעגן ברודער, אָבער אַלץ אונטער איין דאַך, אין איין דירה, אַ קריג אין דער אייגענער משפחה.

אַנדערש איז געווען דער קאָמוניסטישער קאַמף. ער איז אָנגעצייכנט און דיריגירט געוואָרן פון אויסערלעכע עלעמענטן, אַזש פון מאָסקווע, פונם „קאָמאינטערן״. די „יונגע״ ווען זיי האָבן געדאַרפט דינגען אַ האָל פאַר זייערע מיטינגען האָבן זיי געדאַרפט מאַכן קאָלעקשאַנס. און זייער אָפט טאַקע אַליין שטעקן זייערע הענט אין זייערע קעשענעס צו צאָלן פאַר דרוקזאַכן און פאַסט־הוצאות.

די קאָמוניסטן אין זייער קאַמף מיט דעם אַ.־ר. האָבן זיך געוואָרפן מיט געלט; זיי האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געצאָלט פאַר דרוקן בלעטלעך, בראָשורן, טויזנטער צירקולאַרן, און סתם בריוו, וועלכע זיי האָבן טעגלעך צעשיקט אין די צענטליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן צו דער אַ.־ר.־מיט־גלידערשאַפט. זיי האָבן אויך אָנגעהאַלטן ספּעציעלע מענטשן וואָס זיי האָבן געצאָלט שכירות אָנצופירן מיט קאַמף. קיין געלט האָט זיי קיינמאָל ניט געפעלט, הגם זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, און געקלאַפּט מיט די פושקעס . . .

בכלל, איז געווען אַן אונטערשייד פון טאָג צו נאַכט אין ביידע קאַמפן. דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ און ספּעציעל דער „טשיף״ ישורין האָבן אין ביידע קאַמפן געשפּילט אַ גוואַלדיקע ראָלע, בעסער געזאָגט, זיי האָבן די קאַמפן אָנגעפירט אויף אַלע פראָנטן. און דאָך איז שווער צו געפינען ערגעץ פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס, וועגן דעם קלובס אָנטייל אָדער ראָלע אין דעם קאָמוניסטישן קאַמף.

עס זאָגט זיך יאָ אַמאָל אין „פריינד״, אַז באַסקין באַריכטעט צו דער

עקזעקוטיווע, אַז „מע שיקט אַרויס״ פולע קאָמיטעס צו די ברענטשעס, אַרונטערצורייסן די מאַסקעס פון די קאָמוניסטן. אַז „מע האָט באַזוכט״ צענדליקער ברענטשעס און דערקלערט דער עקזעקוטיוועס צד, דעם אַ.־ר. צד, אָבער ווער דער „מע״ איז, ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט.

מען האָט געהאַלטן בסוד אַז ישורין איז געווען דער, וועלכער האָט צוגעשטעלט די אַרמיי פון וואָלונטירן, וועלכע האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס זיך אַרויסגעלאָזט איבער די אַ.־ר.־ברענטשעס, אַגיטירט און געפּרעדיקט לאָיאַליטעט און טרייהייט צו דעם אַ.־ר. יאָ, אין דער צייט ווען דער אַ.־ר. האָט זיך געראַנגלט אָנצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ און איבערהויפּט זיינע פּרינציפּן און אידעאַלן, זיינען דאָ געווען די קלוב־מיטגלידער, וועלכע האָבן ווי אַ דיסציפּלינירטע אַרמיי, זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַן אייזערנע וואַנט, און אָפּגעהאַלטן דעם שטורעם פון פאַרניכטונג און כאַאָס. עס זיינען געווען די קלוב־מיטגלידער וואָס האָבן באַזוכט די ברענטש־מיטינגען און דערקלערט דער מיטגלידערשאַפט די אמתע מאָטיוון און צוועק פון די קאָמוניסטן. פאַרוואָס זיי ווילן פאַרכאַפּן אָדער צוברעכן דעם אַ.־ר. דער אַ.־ר. איז אַ טייל פון דער גרויסער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע און דער הויפּט־ציל פון די קאָמוניסטן איז צו פאַרכאַפּן די קאָנטראָל פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר די אינטערעסן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וועמענס הויפּט־ציל איז צו פאַרכאַפּן אַמעריקע פאַרן קאָמוניזם.

זיי האָבן זיך דאַן פאָרגעשטעלט, אַז דאָס וועט זיי זייער לייכט אָנקומען, פונקט ווי ס׳איז זיי געלונגען צו פאַרכאַפּן דעם סאָוויעט־רעזשים, און זיי האָבן געהאָפט דאָ אין אַמעריקע צו קענען איינפירן דער „דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט״.

זייער מאָטאָ איז געווען דער „צוועק הייליקט דעם מיטל״, דערפאַר מעג מען נוצן שווינדל, אָפּנאַרעריי, זאָגן ליגנס, און פאַרלוימדן יחידים און גאַנצע אָרגאַניזאַציעס. אַזוי האָט טאַקע אין זיינער צייט געשריבן זייער רבי און נביא ניקאָליי לענין.

לאָמיר עפּעס דערציילן פון פּערזענלעכער דערפאַרונג, אויף וואָס די חברה זיינען געווען פעאיק. איך בין דאַן געווען אַ גענעראַל אָרגאַניי־זער פאַר מיין אינטערנייישאָנאַל יוניאָן, און פלעג ווערן געשיקט פונם גענעראַל־אָפיס איבער די שטעט פון אַמעריקע, וואו יוניאָן־אַרבעט האָט געדאַרפט געטון ווערן.

איך האָב די מערסטע צייט דאַן פאַרבראַכט אויסער ניו־יאָרק. איך ביז דאַן געווען פאַרנומען מיט אַ סטרייק אין סט. פּאָל, מינעסאָטאַ. איין טאָג, קריג איך אַ טעלעפאָן־רוף פון קליוולאַנד צו קומען דאָרט. אָט וואָס ס׳האָט דאָרט פּאַסירט: אין קליוולאַנד זיינען געווען באַשעפטיקט אין מי־לענערי טרייד אַרום 11 הונדערט אַרבעטער, וועמען אונדזער יוניאָן האָט

פּרובירט צו אָרגאַניזירן פאַר אַ לענגערע צייט. דאָס איז דאַן געווען די ען. אַר. עי. צייט און די מעגלעכקייטן פאַר אָרגאַניזאַציע איז געווען רייף. אונדזער קליוולאַנדער קליינער לאָקאַל רופט אַ מיטינג און צום מיטינג דאַרף קומען דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן מאַקס זאַריצקי. אין יענער צייט, האָבן די קאָמוניסטן געהאַט זייערע ספּעציעלע אָרגאַנייזערס פון דעם קאָמוניסטישן „טרייד־יוניאָן ליעג” כמעט אין יעדער שטאָט, וואו די ניַ־דעל טריידס האָבן פּרובירט טון אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט. אין קליוולאַנד האָבן זיי דאַן געהאַט אַן אָרגאַנייזער ל. שייפער. דער צוג מיט וועלכן זאַ־ריצקי האָט געדאַרפט קומען האָט זיך עפּעס פאַרשפּעטיקט. און ניט האָבנ־דיק מיט וועמען אָנצופירן דעם מיטינג האָבן די קאָמוניסטן שנעל גע־קראָגן זייער אָרגאַנייזער און ער האָט אַדרעסירט דעם געפּאַקטן מיטינג.

ער האָט חלילה ניט גערעדט וועגן דעם וואָס עס וועלן זיין די בענע־פיטן פון די אַרבעטער ווען זיי וועלן זיך אָרגאַניזירן, נאָר האָט פאַר די יונגע שיקסלעך געהאַלטן אין איין דערציילן ווי קאָרופּט עס זיינען די באַאַמטע פון די עקזיסטירנדע יוניאָנס. זיי זיינען גנבים, שווינדלער, און ווילן נאָר אויסנאַרן „דיוס” ביי די אַרבעטער בכדי זיי זאָלן קענען לעבן אַ גוטן טאָג. דערווייל איז זאַריצקי שוין געווען אין האָל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל כמעט ביי דער טיר און זיך צוגעהערט צו דער באַלערנדיקער דרשה. און דער „חבר” שייפער האָט זיך צעוואַרעמט און אויסגעשריען: וואו מיינט איר איז איצט דער גרויסער פּרעזידענט זאַריצקי? ער איז זייער ביזי זיצנדיק ערגעץ אין אַ „נייט קלאָב” מיט נאָך יוניאָן־שיכורים. אָדער אפשר איז ער גאָר פאַרנומען אין זיין „העט סטאָר” אויף דעלענסי סטריט, אַ געשעפט וואָס ס׳איז ווערט אפשר 50 טויזנט דאָלער.

אַן אַלטער קעפּ־מייקער, וואָס איז געווען ביים מיטינג, האָט דאָ אויסגעשריען צום רעדנער: איר קענט מר. זאַריצקי? יאָ, וואָס הייסט צי איך קען אים, איך באַלאַנג מיט אים אין איין סאָסייטע און ווייס זיינע פּערזענלעכע פאַרמעגנס זייער גוט.

דאָ האָט שוין זאַריצקי זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, און ער האָט לאַנגזאַם זיך גענומען דורכשטופּן צו דער פּלאַטפּאַרמע. דאָס ביסל יוניאָן־לייט וואָס זיינען דאָרט געווען האָבן אים דערקענט און גענומען אַפּלאָ־דירן. זאַריצקי איז אַרויף אויף דער פּלאַטפּאָרם, אָבער אונדזער רעדנער האָט זיך ניט פאַרלוירן און האָט געזאָגט: „עס זעט אויס ווי איך האָב געמאַכט אַ טעות, דאָס איז ניט דער זאַריצקי וואָס איך קען”. און ער האָט געענדיקט זיין רעדע. ניט וויכטיק צו דערציילן וואָס ס׳האָט דאַן ביים מיטינג פּאַסירט. איך בין דאָרט געקומען צומאָרגנס און מיר האָבן

גערופן אַ גענעראַל־סטרייק און אין פאַרלויף פון 6 וואָכן האָבן מיר געהאַט אַ שטאַרקן יוניאָן־לאָקאַל אין קליוולאַנד. אָט אַזוי האָבן דאַן די קאָמוניסטישע אָרגאַנייזערס גערעדט צו מיידלעך, וואָס האָבן קיינמאָל פריער פון קיין יוניאָן ניט געהערט. קודם־כל האָבן זיי געוואָלט איינפלאַנצן האַס און שנאה צו דער אַלטער יוניאָן־פירערשאַפט.

אַגב, איז מיר דאָ זייער צונוצגעקומען מיין מיטגלידערשאַפט פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״. אונדזער יוניאָן האָט דאַן קיין סענט ניט געהאַט אין טרעזשורי ווען מיר האָבן גערופן דעם סטרייק אין קליוולאַנד. איך האָב אַפילו ניט געהאַט גענוג געלד צו באַצאָלן פאַרן ערשטן טאָג רענט פאַר דעם האָל וואו די סטרייקער האָבן זיך געדאַרפט צונויפקומען. איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט מאיר ווייַנטרויב, וועלכער האָט דאַן געאַרבעט פאַרן „פאָרווערטס״ אין קליוולאַנד. עס האָט ניט גענומען קיין צוויי שטונדן און איך האָב געהאַט אַ טשעק־אַקאָונט פון טויזנט־דאָלער אין אַ באַנק, אָנצוגיין מיט דער אַרבעט.

דאָס וואָס מיר האָבן דאָ דערציילט איז ניט קיין אויסנאַם־פאַל. מיר איז אויסגעקומען אין לאָס־אַנדזשעלעס און סאַן־פראַנציסקאָ, שיקאַגאָ און פילאַדעלפיע צו הערן די קאָמוניסטישע אָרגאַנייזערס און ס׳איז גאָר ניט געווען קיין גרענעץ צו זייערע ליגנס און פאַרלוימדונגען. די מעטאָדע און אויפגאַבע פון די קאָמוניסטישע שליחים, וועלכע זיינען אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד איז געווען, צו פאַרשפרייטן סם און גיפט קעגן די פירער פונם אַ.־ר.; יידישן סאָצ. פאַרבאַנד; יידישע טרייד־יוניאָנס און דעם „פאָרווערטס״. זיי האָבן זיך ניט אָפגעשטעלט צו מאַכן בילבולים און זילזולים, וואָס זיינען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. אָבער ביי די קאָונטרי־יידן איז דאָס געווען אַ סחורה און די קאָמוניסטן האָבן אַזוי אַרום געקראָגן זייערע אָנהענגער.

ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ סך אָנשטרענגונגען און כוחות אָפצולייקענען זייערע באַהויפטונגען. מער פון אַלעם איז געווען אַ שווערער „דזשאַב״ צו דערקלערן און קלאָר מאַכן פאַר די קאָונטרי־יידן די אמתע סיבות פאַר וואָס די קאָמוניסטן פירן אָן זייער סם־פראָפאַגאַנדע. איך בין אַ לעבעדיקער עדות, אַז אונטער דעם אויפזיכט פון י. ישורין, און אויך פון די קלוב־פירער אין די גרעסערע שטעט אין אַמעריקע, איז די מיטגלידער פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ געלונגען ביז אַ געוויסן גראַד אָפלייקענען און אָפשלאָגן די קאָמוניסטישע פראָפאַגאַנדע. די קלוב־מיטגלידער האָבן אַ סך געהאָלפן צו געבן די ריכטיקע אינפאָרמאַציע און די אמתע פאַקטן, וואָס האָבן סוף־כל־סוף גובר געווען די קאָמוניסטישע וואַקכאַנאַליע...

נ. כאַנין אַלס גענעראַל סעקרעטאַר פונם אַרבעטער־רינג

דער איינציקער גענעראַל־סעקרעטאַר פונם אַ.־ר. וועגן וועלכן מען קען זאָגן, אַז אונטער זיין אַדמיניסטראַציע האָט געהערשט שלום אין די אי־נערלעכע רייען פון דער אָרגאַניזאַציע, איז געווען נחום כאַנין.

אַלע סעקרעטאַרן פון אַ.־ר. האָבן געהאַט צו טאָן מיט ברודער־קאַמפן, אָפּטמאָל זייער שטאַרקע.

פייגענבוים און ראָזענצווייג, די ערשטע סעקרעטאַרן, האָבן געהאַט רעליגיעזע, קאָסמאָפּאָליטישע און אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען צו אָנ־שלאָגן זיך מיט דער מיטגלידערשאַפט פונם אַ.־ר., פראַגן פון כשר און טריפה.

י. ווײַנטרויב האָט שוין געדאַרפט זיך שלאָגן מיט „יונגע״.

עדלין איז דאָך געווען פּערזענלעך טיף פאַרמישט אינם קאַמף פון „יונגע״ און „אַלטע״. אַזוי, אַז ער האָט געדאַרפט אפילו דערלאַנגען „יונגע״ פעטש. און האָט דערפאַר געכאַפּט ריכטיקע קלעפּ פון אַן „אַלטן״ שטעקן.

פ. ראָזענבלאַט, פאַרקערט איז געווען אַן „אַלטער״ האָט ער דערפאַר געקראָגן „טאַבאַק צו שמעקן״ פון די „יונגע״.

צביון האָט ניט געהאַט קיין צייט זיך אָנצוווארעמען אַלס סעקרעטאַר און ער האָט זיך מן־הסתם איינגעשפּאַרט אַ היפּש ביסל האַרץ־ווייטאָג.

י. באַסקין האָט געקראָגן זיין פולן חלק אין אַ פולער מאָס, זייענדיק אין אַמט, אינם ביטערן קאַמף מיט די קאָמוניסטן, אינווייניק אינם אַ.־ר. ביז צו דער שפּאַלטונג פונם אַ.־ר. און אויך שפּעטער ביז ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אַביסל אָרדענונג. מיר זיינען זיכער, אַז באַסקין האָט דורך דער צייט פון קאַמף געהאַט אַ סך שלאָפלאָזע נעכט און פאַסקודנע זאָרג־פולע טעג.

נ. כאַנין האָט אָבער אין זיין צייט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר קיין אינערלעכע קאַמפן ניט מיטגעמאַכט.

דאָס מיינט באין אופן ניט, אַז זינט כאַנין איז געווען סעקרעטאַר, איז אַלץ אין אַ.־ר.־אָפיס געווען „אגיל ואשמח״; אַז עס זיינען ניט געווען קיין ערנסטע פּראָבלעמען וואָס האָבן געפאָדערט אַ סך אויפמערקזאַמקייט און אחריות. זיכער זיינען אַזעלכע פּראָבלעמען געווען און וועלן זיין אַזוי לאַנג ווי די אָרגאַניזאַציע וועט עקזיסטירן.

נאָך עפּעס: כאַנין האָט געהאַט דעם „אַדוועַנטעדזש״ אָדער אויבער־האַנט, איבער אַנדערע נייע סעקרעטאַרן, ער איז אַריינקומענדיק אינם אָפיס שוין לאַנג געווען אַ מיטגליד אינם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״. באַסקינען האָט מען ניט געוואָלט אַריינעמען אַלס מיטגליד פונם קלוב, אָדער אפשר

האָט ער ניט געוואָלט זיך אָנשליסן אינם קלוב אַלס מיטגליד, בכדי מען זאָל אים חלילה ניט חושד זיין אין „פּאָליטיק". און ווען באַסקין האָט גע־וואָלט אָדער געדאַרפט רעדן מיט ישורינען וועגן קלוב־סודות, האָט ער זיך געמוזט פאַרשליסן מיט ישורינען אין אַ חדר־מיוחד. כאַנין האָט גע־קענט און געמעגט רעדן מיט ישורינען אָפן און פריי, ווייל ער איז דאָך אַ קלוב־מיטגליד.

ערנסט גערעדט, כאַנין איז געווען מזלדיק אין זיין אַמט אַלס דער גענעראַל סעקרעטאַר, וואָס ער איז אַריינגעקומען „ניט קיין גרינער". ער איז אַ ריי יאָרן געווען דער עדיוקיישיאָנאַל דירעקטאָר פונם אַ.־ר. אַ „הויז־מענטש", אַן אייגענער מענטש, וואָס האָט געוואוסט אַלע ווינקעלעך פון דער אַרבעט. זייענדיק נאָענט צו דער אַרבעט, איז ער געווען באַקאַנט מיט אַלע טיילן און אָפּטיילונגען אינם אַ.־ר.־אָפיס און פאַרוואַלטונג. אַזוי אַז קיינער האָט אים אין קיין זאַך ניט געקענט אָפּנאַרן אָדער מיסאינפאָרמירן, ווי דאָס איז אָפט געווען דער פאַל מיט די אַנדערע נייע סעקרעטאַרן.

אינם גאַנצן קאַמף מיט די קאָמוניסטן, כאָטש ער איז דאַן געווען סעק־רעטאַר פונם „יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד", איז ער אָבער אויך גע־ווען אַזוי נאָענט צום אַ.־ר., אַז ער איז אויך באַטראַכט געוואָרן ווי אַ טייל פון דעם אַ.־ר. אַ מיטבאַטייליקטער אין דעם אַ.־ר.־קאַמף מיט די קאָמו־ניסטן. ער איז צוזאַמען מיט די אַ.־ר. פירער דורכגעגאַנגען די „שבעה מדורי גהינום".

עס איז ניט מיין אויפגאַבע צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן כאַנינס אַרבעט, דערגרייכונגען און דערפאָלגן אינם אַ.־ר., אין דער צייט פון זיין דינסט אינם אַמט. איך וויל דאָ בלויז פאַרצייכענען, אַז כאַנין איז געווען גאַנץ נאָענט אידענטיפיצירט מיט דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" און זיינע פירער, און דער קלוב, בין איך זיכער, האָט אים זייער אַ סך געהאָלפן אין זיין אַרבעט אויף פאַרשיידענע געביטן.

כאַנין איז אויך געווען געבענטשט דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך אין אָפיס, ב. געבינער, ווי אַ געהילפס־סעקרעטאַר. אַ העכסט אינטע־ליגענטן, פעאיקן און ענערגישן מענטש, און דערצו, אַ דערפאַרענער פּראַק־טישער אָפיס־מענטש, אויף וועמען ער האָט זיך צו אַלע צייטן געקענט פאַרלאָזן און זיך אָנשפאַרן ווען ער האָט דאָס געדאַרפט. אַגב, איז געבינער אויך ניט קיין פּנים חדשות פאַר אונדזער קלוב, ער האָט דאָרט באַלאַנגט אַ סך פריער איידער ער איז אַריין אַרבעטן אין אָפיס.

איצט, ווען כאַנין האָט זיך צוריקגעצויגן פונם סעקרעטאַר־אַמט, פאַר־נעמט געבינער דעם אַמט פון עקזעקטיוו־סעקרעטאַר, און וו. שטערן איז דערוויילט אַלס אָפיס־דירעקטאָר. שטערן איז אויך אַ כשרער מיטגליד פונם קלוב. און קיינעם פאַלט גאָרניט איין צו טראַכטן, אַז דאָס איז פּסול.

י. ישורינס שטעלונג צו געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן

איך וויל זיך מודה זיין, אַז ווען איך שרייב וועגן ישורינס שטעלונג אין גערויסע פראַגן, ספּעציעל געזעלשאַפטלעכע, דענק איך באמת וועגן דער שטעלונג פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב".

ביי מיר איז ישורין און דער קלוב ניט צעשיידבאַר. ווי אַ מיטגליד פונם קלוב פאַר קנאַפּע 45 יאָר, ווייס איך, אַז אין וועלכן טייל פון געזעל־שאַפטלעכע, פּאָליטישע, און אַפילו צדקה אינסטיטוציעס, וואָס ישורין איז געווען און איז פאַראינטערעסירט, איז דאָס געוואָרן אַ טייל פונם קלובס אַקטיוויטעטן.

איך ווייס ניט צי ישורין ווערט באַאיינפלוסט פונם סענטימענט פון די מיטגלידער פונם קלוב. אָדער דער קלוב ווערט באַהערשט פון ישורינס סענטימענטן. איין זאַך איז זיכער, אַז ישורין און דער קלוב האָבן אַלעמאָל געאַרבעט האַנט אין האַנט, אין אַלע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַקטי־וויטעטן וואָס זיינען, אָדער פריער אָדער שפּעטער, אויך אָפיציעל גע־שטיצט געוואָרן פונם גאַנצן אַ.־ר.

אָבער דער קלוב איז אַלעמאָל געווען דער „ביוקליוס" פון אַ גרופּע טוער וואָס זיינען שטענדיק געווען אין די פראָנט־רייען פון אַלץ וואָס איז שיין און וויכטיק אין אונדזער פּראָגרעסיוון און אַרבעטער־לעבן.

און אַזוי ווי מיר האַלטן ישורינען פאַרן „שליח־ציבור" פונם קלוב, ווילן מיר דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון י. ש. הערצס געשיכטע פון אַ.־ר.

ישורין, וועלכער איז געווען פּרעזידענט פונם אַ.־ר. אין 1948 ביי דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, זאָגט:

„די אַטאַקעס פון דער רעאַקציע און די שטערונגען פון די רעגירונגס־ביוראָקראַטן האָבן ניט געקענט ענדערן דעם דעצידירטן ווילן צו פירן אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע טעטקייט, אַזוי גוט ווי אַ פראַטערנאַלע.

די גרויסע מערהייט פון אָרדן האָט ניט געלאָזט די מיינונג פון אַ טייל מיטגלידער, אַז מען דאַרף זיך באַגרענעצן בלויז אויפן פעלד פון בענעפיטן.

דער שטרייט צווישן די „ברייטע" און „שמאָלע", צווישן די אָנהענגער פון אַלזייטיקער טעטיקייט און די חסידים פון בלויז בענעפיטן — אַ שטרייט וואָס האָט זיך געפירט כמעט אַלע יאָרן און האָט סוף־כל־סוף שטענדיק זיך געענדיקט מיטן זיג פון די ערשטע, האָט ענטגילטיק קיינמאָל ניט אויפגעהערט. אַן אַלטע פראַ־גע וואָס איז תמיד באַנייט געוואָרן".

נאָך אויף דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן אין 1948 האָט דער פרע־

זידענט פונם אַ.־ר. י. ישורין אין זיין דערעפענונגס־רעדע געהאַלטן פאַר נויטיק צו זאָגן:

„ס׳איז פאַראַן אין אונדזערע רייען אַן אומבאַדייטנדע צאָל עלעמענטן, וועלכע זאָגן, אַז דער אַ.־ר. דאַרף זאָרגן אויסשליסלעך און באַשעפטיקן זיך אויסשליסלעך מיט אינערלעכע קאָנסטרוקטיווע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צום גוף פון אַ.־ר. דאָס הייסט, וועגן זיינע בענעפיטן. די וואָס האָבן אַזעלכע באַגריפן זיינען אומ־געדעכט. זיי פאַרשטייען ניט די מיסיע פון אַ.־ר....

נעמט אַוועק פון אונדזער אָרדן אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן און פאַרפליכטונגען און זיין אַנטייל אין דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, און ער וועט בלייבן מוטער־נאַקעט. עס וועט זיין אַ גייסטיקע אָרעמקייט. אויף אַזאַ וועג זיינען געגאַנגען אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געווען גרעסער ווי דער אַ.־ר. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען זייערע אויפגאַבעס און היינט געפינען זיי זיך שוין אויפן עולם האמת.״

אַפילו די הילפס־טעטיקייט האָט מען זיך באַמיט צו פאַרבינדן מיט געזעלשאַפטלעכער פּערספּעקטיוו, כדי ס׳זאָל ניט זיין סתם צדקה. דאָס האָט מען געזאָגט דעם ברייטן עולם, ביי די געלט־זאַמלונגען, דאָס האָט מען געזאָגט אין די אָפיציעלע באַשלוסן פון דער אָרגאַניזאַציע. די שיקאַגאָ קאָנווענשאָן אין 1941 האָט, אין איר רעזאָלוציע וועגן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, גערופן אַלע בראַנטשעס פון אַ.־ר., אַז זיי זאָלן פאַרשטאַרקן זייער אַרבעט פאַרן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, פאַרגרעסערן זייערע זאַמלונגען, אַריינטראָגן וואָס מער און מער באַוואוסטזיין און אידעאַליזם אין דער טעטיקייט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

אין דער רעזאָלוציע וועגן „אָרט״ האָט די קאָנווענשאָן געזאָגט:

„דער אַרבעטער־רינג איז שטאָלץ מיטן פאַקט, וואָס ער איז געווען די ערשטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט ביי אַ קאָנווענשאָן, מיט צענדליקער יאָרן צוריק, געגעבן דעם „אָרט״ די ערשטע נויטיקע שטיצע, און געהאָלפן אים זיך עטאַבלירן אין אַמעריקע אַלס אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר יידן אין איירפּע אויף איבערצובויען דורך קאָנסטרוקטיווע אַרבעט דאָס יידישע לעבן אויף געזונטע יסודות״.

וועגן ישורינס אַנטייל, און ערנסטן אינטערעס אין „אָרט״, פיל איך למען האמת צו דערציילן, אַז דער „אָרט״, האָט דאָ אין אַמעריקע גאָר ניט געהאַט אַזאַ לייכטן „דזשאַב״ צו ווערן אָנערקענט אַלס אַ וויכטיקע און

נויטיקע אָרגאַניזאַציע, און אַ נויטיקער אינסטרומענט פאַר רעהאַביליטאַציע פאַר צענדליקער טויזנטער יידן איבער דער גאָרער וועלט.

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין דער ערשטער דירעקטאָר פון „אָרט" דאָ אין אַמעריקע. ז. יעפּרויקין איז געווען דער סעקרעטאַר פונם אָפיס. גלויבט מיר, אַז ווען איך דערמאָן זיך, ווי שווער ס'איז געווען צו קריגן אַ נאָטיצל, אָדער אַ שטיקל נייעס אין די יידישע צייטונגען, אַריינגערעכנט דעם „פאָרווערטס", פאַרן „אָרט", ווער איך נאָך היינט נשתומם.

שוין אָפּגערעדט פון קריגן געלט פאַרן „אָרט". יעפּרויקין און איך פלעגן זיך אָפט שלעפּן ביינאַכט מיט דער פּערי קיין סטעטן איילאַנד, זען ריכטער פּענקין, דעם דעמאָלסטדיקן פּרעזידענט פון „אָרט" אין אַמעריקע. מיר פלעגן אויך שעהן אָפּזיצן אין „קאָורט רום" פון ריכטער א. דזש. ליוויי, דעם וויצע־פּרעזידענט פונם „אָרט" אין אַמעריקע. מיר פלעגן מיט זיי אויסאַרבעטן אַ רשימה פון יחידים, וואָס וועלן אויף זייער רעקאָמענדאַציע געבן עטלעכע דאָלער, אָנצופירן די אַרבעט פונם אָפיס.

מיר האָבן געהאַט אַ באַשרענקט אָפיסל אינם „האַיאַס"־בילדינג. ראָבערט פלעגט טאָג־איין טאָג־אויס דאַרפן לויפן פון רעדאַקציע צו רעדאַקציע פאַר אַ ביסעלע פּובליסיטי.

היינט מעג מען דאָך זאָגן דעם אמת, אַז עס האָט מער ווי איינמאָל אויסגעזעהן, אַז מען וועט דאַרפן אויפגעבן דעם אָפיס, און אויפגעבן דעם פאַרזוך צו גרינדן אַן אָפּטיילונג פונם „אָרט" אין אַמעריקע. איך האָב דאַן פאַרטרויט די אמתע לאַגע צו מאיר גיליס, אַן אַלטן גענאָסע און „פאַרווערטס"־אָנגעשטעלטער, וועלכער איז געווען סימפּאַטיש צום „אָרט", און ער איז אויך געווען זייער אַקטיוו אינם פּיפּלס־רעליעף, און ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מען דאַרף דעם „אָרט" משדך זיין מיטן פּיפּלס רעליעף קאָמיטעט. ער האָט דאַן גענומען צו הילף אַ. העלד, מיר האָבן געבראַכט סינגאַלאָווסקין פון איירָאָפּע און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן. ניט וויכטיק וואָס ס'האָט שפּעטער פּאַסירט, אָבער דער „אָרט" האָט זיך שנעל געשטעלט אויף די אייגענע פיס און געוואָרן דאָס וואָס ער איז יעצט.

ישורין איז געוואָרן אַקטיוו אינם „אָרט" און האָט שוין עטלעכע מאָל פאַרטרעטן דעם אַמעריקאַנער „אָרט" ביי אַלוועלטלעכע קאָנפערענצן אין פאַרשיידענע איירָאָפּעאישע שטעט. איך בין זיכער, אַז די מיטגלידער פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" וויסן ווי אָפט זיי דערהאַלטן אַפּיעלס און אויפרופן פון ישורינען צו העלפן פינאַנציעל דעם „אָרט" און זיינע רופן גייען קיינמאָל ניט לאיבוד.

דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם „יידישן אַרבעטער קאָמיטעט". ישורין איז אַקטיוו אינם קאָמיטעט. און פאַר פילע יאָרן ביז היינט

צו טאָג, האַלט ישורין אין איין וועקן די מיטגלידער פונם קלוב, און דורך זיי פאַרשטייט זיך, די אַ.־ר.־ברענטשעס און זייערע מיטגלידער צו העלפן דעם יידישן אַרבעטער־קאַמיטעט. דאָס איז אויך אמת, בנוגע אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע מיט וועלכע דער אַ.־ר. איז פאַרבונדן.

ישורין זאָרגט שוין, אַז די מיטגלידער פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" זאָלן טון זייערע פליכטן, און ביישטייערן זייער חלק צו די באַשטימטע אָר־גאַניזאַציעס.

פאַר די הילף און שטיצע וואָס דער אַ.־ר. גיט היינט צו טאָג צו ישראל, סיי דורך שטיצן די „באָנד"־דרייווס, סיי דורך העלפן ישראל בויען פאַרשיידענע האָספּיטאַלס, ביבליאָטעקן, קינדער־היימען און אַנ־דערע וויכטיקע אינסטיטוציעס האָט אויך ישורין און דער קלוב אַ גרויסן חלק און בייטראַג. אין י. ש. הערצס געשיכטע פונם אַ.־ר. ווערט איבער־געגעבן די ערשטע אַ.־ר.־רעזאָלוציע וועגן מדינת־ישראל, וואָס איז אָנ־גענומען געוואָרן אויף דער באָסטאָנער קאָנפערענץ אונטער ישורינס פרע־זידענטשאַפט.

די רעזאָלוציע פון דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן אין 1948 וועגן דער יידישער לאַגע, האָט אויסגעדריקט די טיפע זאָרג צוליב דעם אַנטיסעמי־טיזם, וואָס לאָזט זיך מערקן אין אייניקע לענדער און צוליבן פאַראַליזירן דעם גייסטיקן און קולטורעלן לעבן פון די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אין די שכנותדיקע סאַטעליטן לענדער. ס'איז אויסגעדריקט געוואָרן דער פאַרלאַנג, אַז אַמעריקע און די פרייע לענדער זאָלן עפענען די טויערן פאַר די יידן פון די די. פּי. קעמפּס. וועגן די יידישע ישובים אין די דעמאָקראַטישע לענדער פון אייראָפּע, האָט די רעזאָלוציע דערקלערט:

„... ס'איז אונדזער הייליקע פליכט זיי צו העלפן פון דאָס ניי בויען זייער עקאָנאָמישן וואוילזיין, שטאַרקן זייער יידיש קולטור לעבן אין אַלע פאָרמען".

גלייכצייטיק האָט די רעזאָלוציע פעסטגעשטעלט:

„מיר יידן פון אַמעריקע האָבן געמאַכט אַלע באַמיאונגען גיים־טיק און מאַטעריעל צו העלפן די יידישע ישובים אונטער דעם איי־זערנעם פאָרהאַנג

אָבער יעדער פּרווו האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. און מיר בלייבן מאַכטלאָז, אָן יעדער מעגלעכקייט צו העלפן זיי אין זייער טראַגישער לאַגע".

וועגן דער עטאַבלירונג פון דער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, האָט די רעזאָלוציע דערקלערט:

„דער שריט פון דעם יידישען ישוב איז פון גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט, מיר באַגריסן דעם ישוב פאַר דער עטאַבלירונג פון דער יידישער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, מיר האָפן, אַז די פאַראייניקטע פעלקער פון דער וועלט וועלן העלפן דער נייער יידישער רעגירונג איינצואָרדנען זיך פּאָליטיש, און ווערן אַ געזעצלעכער טייל, און מיטגליד פון דעם פאַרבאַנד פון די פאַראייניקטע פעלקער...

„מיר באַטראַכטן די יידישע מדינה פאַר אַ וויכטיקן טייל פון גאַנצן יידישן פאָלק. מיר האָפן, אַז די באַציאונגען צווישן די יידן אין ארץ־ישראל און די יידישע ישובים פון אַלע וועלט־טיילן וועלן זיך אַזוי איינשטעלן, אַז זיי וועלן העלפן איינער די צווייטע אין זייער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג. סיי נאַציאָנאַל, סיי קולטורעל.

דעם גאַנצן יידישן ישוב פון ארץ־ישראל שיקט די קאָנווענשאָן איר הארציקע באַגריסונג.

מיר טאָרן זיך ניט באַגנוגענען נאָר מיט מאַטעריעלער אָדער גייסטיקער הילף פאַר אונדזערע אומגליקלעכע ברידער אויף יענער זייט ים. ס'איז אונדזער פליכט צו ווערן אַ קאָנסטרוקטיווער און בויענדיקער יידישער פאָלקס־כוח.

מיר דאַרפן זען צו שטאַרקן דאָ צווישן דער יידישער באַפעלקערונג דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. מיר דאַרפן שטאַרקן די יידישע קולטור אין אַלע פאָרמען...

מיר דאַרפן דאָ אין לאַנד שטאַרקן אַלע כוחות, וואָס קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסן־האַס, מיר דאַרפן שטיין אין נאָנטער פאַרבינדונג מיט אַלע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, וועלכע ליידן פון ראַסן־דיסקרימינאַציע און זען פאַרטרייבן די דאָזיקע שעדלעכע קראַנקהייט פון פרייען דעמאָקראַטישן לעבן".

דער פּרעזידענט פון אַ.־ר. ישורין, רעדט זייער וואַרעם וועגן דער רעזאָלוציע, און גיט צו, אַז די קאָנווענשאָן באַגריסט אויך דעם „יידישן אַרבעטער קאָמיטעט", דעם „ייוואָ", „אָרט", „האַיאַס", ציקאָ", „די צוקונפט", די „רענד סקול", די „ליג אָוו אינדאַסטריעל דעמאָקראַסי" און „וואָירקערס דעפענס ליג".

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע איז אויך באַפולמעכטיקט געוואָרן, צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די קרובהשע אָרגאַניזאַציעס וועגן איינשטעלן אַ „יזכור־טאָג" צום געדענקען די דערמאָרדעטע יידן און די העלדן פון ווידערשטאַנד אין די געטאָס.

דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב — אַמאָל און היינט

זייער אָפט ווען מען קומט צו אַ מיטינג פונם קלוב, ספּעציעל ווען מען קומט צו אַ באַנקעט אָדער אַן אַנדער שמחהלע פונם קלוב, וועט איר אָפט הערן ווי עלטערע מיטגלידער פונם קלוב רעדן צווישן זיך, און מיט אַ טיפן קרעכץ, ווען איינער זאָגט צום צווייטן: — יאָ, יאָ, פריינד, ס׳איז ניט דאָס וואָס אַמאָל... און מיר מוזן מודה זיין, אַז דאָס איז אַן אמת: ס׳איז ניט דאָס וואָס אַמאָל.

אַמאָל אַז איר פלעגט קומען צו אַ קלוב באַנקעט, האָט אייך ניט געאַרט ביי וועלכן טיש מען האָט אייך אַוועקגעזעצט. ביי יעדן טיש האָט איר אַלעמען געקענט ביי די ערשטע נעמען, איר האָט אַפילו געקענט און געוואוסט זייערע געוואוינהייטן און זיטן. ווען איר האָט עפּעס ניט געקענט דערלאַנגען אויפן טיש, זאַלץ, פעפער, גרינס — האָט איר אָן צערעמאָניעס אַ זאָג געטון משה, חיים, זרח, אָדער ברוך, דערלאַנג דאָס זאַלץ, דערלאַנג דאָס ברויט. איר האָט אָפט פאַרגעסן דעם טהענק יו, ווייל מען האָט דאָס פון אייך ניט דערוואַרטעט. אַלץ איז געווען אינטים, ניט פאָרמעל, משפּחה־דיק און טאַקע חברשאַפטיק. א. באַקסט אָדער לואי ראָטמאַן האָבן פאַר־געטראַגן אַביסל קיבעץ, אָדער וויצן, וועגן דעם אָדער יענעם מיטגליד. אַלע האָבן דאָס פאַרשטאַנען, אַלע האָבן געלאַכט, אַמאָל פלעגן חברה אַריינזאָגן יענעם טיף אין די ריפּן, אָבער מען האָט דאָס גענומען אין גוטן מוט, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז קיינער וויל קיינעם ניט וויי טון. עס איז אפשר נאַריש דאָס צו דערמאָנען, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז ווען ישורין פלעגט האַלטן אין מיטן אַ היציקער רעדע וועגן אַ וויכטיקן ענין, פלעגט גראַדע דאַן פּרישוואַסער נעמען עטלעכע גרויסע טאַצן און מיט אַ שטאַרקן בראַזג זיי אַרונטערטראַסקען אויף דער פּאָדלאָגע. דער עולם האָט אַפּלאָ־דירט, געלאַכט און הנאה געהאַט. ווען ישורין פלעגט ווערן אין כעס און פלעגט געבן אַ געשריי: „סוואָלאָטשי״, האָט דער עולם זיך נאָך מער צע־לאַכט. עס איז ניט געווען קיין אָנגעצויגנקייט, קיין צערעמאָניעס פון צירלעך מאַנירלעך. אַזוי אינטים, אַזוי ברידערלעך, אַזוי חבריש.

איך מוז מודה זיין, אַז ווען איך בין לעצטנס געקומען צו אַ באַנקעט פונם קלוב, האָב איך ניט נאָר ניט געוואוסט די ערשטע נעמען פון די שכנים ביים טיש, נאָר האָב ניט געוואוסט פון וואָס פאַראַ ברענטשעס זיי קומען, אָדער צי זיינען זיי בכלל מיטגלידער פון אַ.־ר. ממילא ווען איר זיצט ביים טיש אַזוי צו זאָגן מיט פרעמדע, ניט באַקאַנטע מענטשן, מוזט איר שוין אָפּהיטן די עטיקעט, דעם פּליעז, טהענק יו, און אַלץ ווערט אָפיציעל און מיט פאָרמאַליטעטן, וואָס דאָס איז ווייט פון אינטימקייט און חברשאַפט.

דאָס איז איין זייט פון דער מטבע; אָבער כדי צו פאַרשטיין די צווייטע זייט, וועל איך זיך דערלויבן אויסדריקן מיין מיינונג וועגן דעם אַמאָל און היינט בכלל.

ניט נאָר וועגן אונדזער פּאָל נאָר בכלל וועט איר אָפט לייענען אין „פאָרווערטס" בריוו און אַרטיקלען ווי מען שרייבט מיט טיפן געפיל און געוויין וועגן דעם „אַמאָל" — אַי, איז דאָס געווען אַ צייט פון אידעאַליזם און הייליקייט. מען דערציילט דערביי וועגן די יוניאָן־מיטינגען וואָס זיינען געווען אינטערעסאַנט און באַלערנדיק; מען רעדט מיט פּאַטאָס און ענטוזיאַזם וועגן די פאַרזאַמלונגען און רעדעס וואָס עס האָבן געהאַלטן דעבס, הילקוויט, לאָנדאָן, פּענקין; מען באַדויערט אַזוי שטאַרק יענע צייטן ווען זיין אַ יוניאָן־מאַן האָט ניט געמיינט קיין געז־מיטער וואו מען לייגט אַריין אַ קוואָדער אינם מיטער און מען דערוואַרטעט צו קריגן אַ געוויסן מאָס געז דערפאַר. מען איז דאַן גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר דער יוניאָן. מען האָט געהאַט האָפענונגען, אַז היינט מאָרגן וועט קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, און די גאַנצע מענטשהייט וועט באַפרייט ווערן. יאָ, עס זיינען דאַן געווען זיסע חלומות.

אָבער ווי עס איז געווען איןווירקלעכן טעגלעכן לעבן? איך קען דאָס זאָגן פון אייגענער דערפאַרונג. עס איז געווען דאַכט זיך אַרום 1912, ווען עס האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען אַ קריזיס אין אַמעריקע. איך האָב דאַן היפשע מאָנאַטן ניט געאַרבעט. דער דלות האָט געפייפט אין יעדן ווינקל פונם הויז. עס איז דאַן געווען אַן עלעקשאַן־צייט, און איך האָב געהאָלפן טראָגן די פּלאַטפאָרמע פאַר די סאָציאַליסטישע רעדנער פון איין קאָרנער צום צווייטן. איך בין געווען פול מיט ענטוזיאַזם, פול מיט האָפנונגען; איך האָב אַפּלאָדירט דעבסן; איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט פון מאָריס הילקוויטן. בין גרייט געווען צו קושן פּענקינען אָדער לאָנדאָנען, ווען זיי האָבן געהאַלטן זייערע פייערדיקע רעדעס. ווען איך בין נאָך די מיטינגען געקומען אַהיים צו זיך אין הויז האָב איך געפונען, אַז מיינס אַ קינד איז קראַנק, וועלכער האָט געברענט פון היץ, און מיין פרוי האָט ניט געהאַט קיין סענט ביי דער נשמה צו קויפן די מעדיצין און איך האָב אויך קיין סענט אין קעשענע ניט געהאַט. מיין אידעאַליזם און באַגייסטערונג פון די הייסע סאָציאַליסטישע רעדעס וואָס איך האָב ערשט נאָר וואָס געהערט, האָבן זיך אויסגעוועפּט. איך בין געוואָרן נידערגעשלאָגן, פאַרביטערט, און בין גרייט געווען זיך אַ מעשה אָנטון.

זייער אָפט טראַכט איך ביי זיך: איז טאַקע דער אַמאָל געווען אַזוי גוט, אַז מען דאַרף בענקען נאָך אים? אָדער אפשר איז טאַקע בעסער איצט, ווען מיין יוניאָן האָט ניט אַזוי פיל אידעאַליזם, אָבער האָט אַ שטאַרקן געזונטן בענעפיט־סיסטעם, וואו זי באַזאָרגט די מיטגלידער און

זייערע פאַמיליעס מיט פרייע דאָקטוירים, פרייע מעדיצינען, פרייע האָס־פּיטאַליזאַציע און טאָקע נאָך דערצו אַ היפּשן טשעק פאַר קראַנקן בענע־פיט, אַז די קינדער זאָלן ניט דאַרפן גיין שלאָפן טויט הונגעריק.

מיר האָבן אַרבעטסלאָזע־פאַרזיכערונג, עלטער־פּענסיעס, סאָשל־סעק־יוריטי און בכלל אַרבעט מען מענטשלעכע שטונדען און ביי אַנשטענדיקע שכירות, און יעדער אַרבעטער קען אָפּשפּאָרן עטלעכע דאָלער פאַר אַ רעגנדיקן טאָג.

אמת, ניטאָ יענער חלומדיקער אידעאַליזם, ניטאָ די הייסע פייערדיקע רעדעס פון אַ לאָנדאָן, הילקוויט און דעבס. עס איז אָבער דאָ אַ „לחם לאכול ובגד ללבוש", עס איז דאָ אַ וואַרעמע וועטשערע, אַן אַנשטענדיקע דירה, די מעגלעכקייט, אַז קינדער זאָלן זיך לערנען, שטודירן אין טאָקע ווערן פּראָפעסיאָנאַלן אָנשטאָט פּראָלעטאַריער, עס שטימט אפשר ניט מיט „מאַרקסיזם" אָדער מיט דער טעאָריע פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ווי מיר האָבן זי אַמאָל פאַרשטאַנען און געוואָלט איר זען אינם לעבן, עס איז אָבער אַ געזונט אין די ביינער, און אַ ברכה פאַר אַ לענגערן און בעסערן לעבן.

און ס'פרעגט זיך טאָקע די פראַגע, ווען איז טאָקע בעסער געווען? אַ מאָל מיט אַ פולן לעבן פון וויזיעס און חלומות, מיט האַרץ קראַנקהייטן, און געשוואָלענע בייכער מיט וועלכע מען איז אַוועק פון דער וועלט אין די שענסטע און יונגסטע יאָרן. אָדער איצט מיט ווייניקער אידעאַליזם אָבער דערפאַר לענגערע זאַטערע און זאָרגלאָזע יאָרן, און טאָקע אַ ביסעלע נחת פון קינדער און אייניקלעך, וועלכע זייער ווייניק אַרבעטער האָבן אַמאָל דערלעבט צו האָבן.

איך האָף אַז איך וועל ניט ווערן מיספאַרשטאַנען. מען קען נאָך אָנהייבן טראַכטן, אַז איך גלויב מער ניט אין סאָציאַליזם, אין אַ מער יושר־דיקע און גערעכטע וועלט ווי די וואָס עקזיסטירט יעצט. זיכער דאַרפן מיר זיין סאָציאַליסטן און אידעאַליסטן, וואָס זאָלן שטרעבן פאַר אַ גערעכטער וועלט. עס איז קיין סוד ניט, אַז עס זיינען היינט צו טאָג פאַראַן צענדליקער מיליאָנען מענטשן איבער דער וועלט וואָס שטאַרבן פאַר הונגער, לעבן נאָך אין היימען ערגער ווי בהמות, און אַפילו אין די ציוויליזירטע לענדער, לעבן מיר דאָך אויך אין שרעק און ציטער פאַר טויט און פאַרניכטונג, מיר זיינען ניט זיכער מיטן לעבן. דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם האָבן נאָך אַזוי פיל אַרבעט, אַזוי פיל אידעאַליזם אויסצואיבן, אַז מיר קענען זיין פאַרנומען טאָג און נאַכט.

זיכער טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז אונדזערע היינטיקע גרויסע דער־גרייכונגען איז דאָך אין גאָר אַ גרויסער מאָס דער רעזולטאַט פון „יענע גוטע" צייטן. דאָס האָבן דאָך „יענע", די הונגעריקע און חלומדיקע פון „אַמאָל", אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר דעם זאַטן און צופרידענעם היינט.

טאַקע די פּלאַמיקע רעדעס פון די סאָציאַליסטישע פּיאָנערן, זיי האָבן דאָך געעפנט די אויגן פון דער וועלט און אירע פירער. אונטער דעם צוואַנג פון דעם אַמאָליקן קאַמף זיינען דאָך געקומען די היינטיקע באַדינגונגען.

אָבער גענוג פילאָזאָפירן און צוריק צום פונקט. יאָ, דער סאָציאַלער קלוב, איז טאַקע געווען אינטים, פריינטלעך און ענג געקניפּט, אָבער בלויז אין אַ קליינעם קרייז, מיט באַשרענקטע כוחות און באַשרענקטע מיטלען, מיט דעם פאַרגרעסערטן קלוב זיינען די אַקטיוויטעטן אויסגע־ברייטערט געוואָרן. די מעגליכקייטן פאַר העלפן וויכטיקע און נויטיקע אינסטיטוציעס זיינען גרעסער געוואָרן. דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב", האָט דורך זיין גרויסער מיטגלידערשאַפט אויך די מעגלעכקייט און גע־לעגנהייט אָנצופירן אַ.־ר. אַקטיוויטעטן אויף פאַרשיידענע געביטן און דער אַ.־ר. האָט דורכן קלוב די מעגלעכקייט צו האָבן אַ רעזערוו־אַרמיי פון איבערגעגעבענע אַקטיווע טוער און היטער פון דעם פּראָגרעס און גאַנצ־קייט פונם אַ.־ר.

אַ שלום וואָרט — אָדער אַ שטיקל סך־הכל

איך וויל צום סוף פון מיין באַשיידענער געשיכטע פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" פאַר די 50 יאָר, מאַכן אַ שטיקל סך־הכל און אַ פאַר־זענלעכע דערקלערונג. ראשית, זיך אַנטשולדיקן פאַרן טשיף, קאָלעגע י. ישורין, פאַר ניט זיין בכוח נאָכצוקומען זיין פאַרלאַנג פון מיר, צו שריי־בן אַן אויספירלעכע געשיכטע פונם קלוב פאַר די 50 יאָר פון זיין עק־זיסטענץ, וועגן אַלע זיינע אַקטיוויטעטן און די ראָלע, וואָס ער האָט גע־שפּילט אין די פאַרשיידענע קאַמפן אינם אַ.־ר. זיכער האָט דער קלוב פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אינם וואוקס און פּראָגרעס פונם אַ.־ר. אָבער מיר איז ניט געלונגען אַרויסצוברענגען אַ צאָל וויכטיקע און ריכטיקע פאַקטן און אַקציעס פונם קלוב פאַר אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ, און דאָס, טיילוויז, ניט צוליב מיין שולד.

עס זיינען פאַראַן צוויי קאַרדינאַלע סיבות דערפאַר. ערשטנס, האָב איך זיך זייער אויסגעהיט ניט צו דערציילן וועגן פיל ניט אָנגענעמע און זייער דעליקאַטע מעשים פון אַ צאָל אַ.־ר.־טוער אין געוויסע צייטן. און עס רעדט זיך וועגן טוער, ניט נאָר פונם „צד שכנגד", נאָר טאַקע פון אונ־דזערע אייגענע מענטשן, וועלכע דער קלוב האָט געמוזט צייטנווייז באַקעמפן. מען האָט זיי געמוזט צוימען, כדי ניט צוצולאָזן הפקרות און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט אין אונדזערע רייען. עס איז ניט ריכטיק און זיכער ניט אָנשטענדיק, צו אַטאַקירן וועמען ניט איז, אַפילו געבן אַ קאַ־

פּוליער אַנצוקערעניש, וועגן מענטשן, ווען זיי זיינען דערביי ניטאָ און קע־נען זיך ניט פאַרטיידיקן. בפרט ווען יענע זיינען שוין אויפן עולם־האמת. די גרונט־פּרינציפּן פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" זיינען אַלעמאָל גע־ווען, צו קעמפן קעגן אָט דער טענדענץ און פּראַקטיק פון פאַרלוימדן מענטשן אָדער אָרגאַניזאַציעס דורך ניט ריינע און ניט אָנשטענדיקע מעטאָדן.

דער קלוב האָט געגרופן, אין לויף פון זיין געשיכטע, — וויניקסטנס זיינע מיטגלידער — צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און ניט דערלאָזט צו קיין הפקרות אינם אַ.־ר., אַלעמאָל פּרובירט פאַרהיטן דעם כבוד פון יחידים, אַקטיווע טוער, פּונקט ווי דעם כבוד פון דער אָרגאַניזאַציע. טאָ צו וואָס איצט אויפהויבן פאַרעלטערטע יחידישע פּראָבלעמען?

די צווייטע אורזאַך, פאַרוואָס די געשיכטע איז אפשר צו מאָגער, און זיכער ניט אויספירלעך איז דאָס, וואָס איך האָב שוין פריער ביי אַ גע־לעגנהייט אָנגעמערקט, אַז עס זיינען צוליב אַ ריי סיבות ניט פאַראַן קיין דאָקומענטן אָדער ליטעראַטור, וואו די פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן פון קלוב זאָלן זיין פאַרצייכנט שוואַרץ אויף ווייס. מען האָט מורא געהאַט פאַרן „מה יאמרו הבריות"? וואָס וועלן לייט זאָגן? מען זאָל דאָס חס־וחלילה ניט רופן „פּאָליטיק" און פאַר דעם האָט מען זיך זייער שטאַרק אויס־געהיט.

דער אמת איז דאָך אָבער, אַז מען האָט דאַן געוואוסט, און זיכער ווייס מען דאָס היינט, אַז דער קלוב האָט מיט דער פּאָליטיק פון זיינע מיטגלידער, און זיכער פון דעם קלובס פירערשאַפט, אָפּט געראַטעוועט די גאַנצקייט און אפשר טאַקע די עקזיסטענץ פונם אַרבעטער־רינג.

עס האָבן מיר אויסגעפעלט ניט נאָר די דירעקטע קוואַלן פון אינפאָר־מאַציע פונם קלובס אַקטיוויטעטן, נאָר איך האָב אַפילו ניט געקענט קריגן די יערלעכע אויסגאַבן פונם אָפיציעלן אָרגאַן פונם אַ.־ר. פון יענע יאָרן. זיי וואָלטן מיר אַ סך געהאָלפן צו קריגן אינפאָרמאַציע וועגן קלוב. דורך די דיסקוסיעס — „שטימען פון פאָלק" — וואָס זיינען דאַן געדרוקט גע־וואָרן אין „פריינד". פון די פולע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס, דערקלערונגען פון די פאַרשיידענע קעמפענדע צדדים, אויך אָפיציעלע עדיטאָריאַלס און מעלדונגען פון די פאַרוואַלטנדע קאָמיטעטן, וואָלטן מיר פיל געלערנט.

בעט איך דערפאַר אַנטשולדיקונג ביים טשיף...

איך בין זיך אויך מודה, אַז איך האָב ניט געוואָלט אַרויספרעסן אינ־פאָרמאַציע פונם „טשיף" אַליין, ווייל איך וואָלט אפשר געוואָרן באַאיינ־פלוסט פון אים. איך האָב געוואָלט אַליין זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ, וואָס איך שרייב, לויט מיינע אייגענע זכרונות.

איך האָב אויך פּרובירט, און איך האָף אַז דאָס איז מיר געלונגען, צו

געבן פאַרבייוועגס, אַ ביסל געשיכטלעכע אינפאָרמאַציע אין אַ קאָנדענ־סירטער פאָרם וועגן דעם אַ.־ר. בכלל. איך האָב זיך, אמת, באַנוצט מיט די געשיכטעס פונם אַ.־ר., געשריבן פון אַ. ש. זאַקס און י. ש. הערץ, אָבער מערסטנס האָב איך זיך פאַרלאָזט אויף מיין זכרון, ווייל די מערסטע פּאַסירונגען האָב איך מיטגעלעבט און מיטגעמאַכט. איך האָף, אַז דאָס וועט זיין אינטערעסאַנט פאַר אונדזערע קלוב מיטגלידער.

אָבער ניט נאָר וועגן יחידים. איך האָב אויך באַוואוסטזיניק אויסגע־לאָזט פון דער געשיכטע עטלעכע וויכטיקע פאַקטן און אינטערעסאַנטע פּאַ־סירונגען בנוגע עטלעכע וויכטיקע אונדזערע אינסטיטוציעס אינם אַ.־ר. למשל, די געשיכטע פון די חילוקי־דעות וועגן די אַ.־ר.־שולן; אַ מיי־נונגס־פאַרשיידנהייט, וואָס האָט זיך געצויגן במשך פון יאָרן. דער מעדי־קאַל דעפּאַרטאַמענט, דער סעמעטערי דעפּאַרטאַמענט, די געשיכטע פונם אַ.־ר.־סאַנאַטאָריום, וואָס איז געווען לכתחילה אַ זייער ריזיקאַלישע אונ־טערנעמונג, אָבער שפּעטער געווען אַ גרויסער דערפאָלג, און האָט גע־האָלפן ראַטעווען טויזנטער מיטגלידער פון זיכערן טויט. די יוגנט באַווע־גונג; די „היים פאַר עלטערע מיטגלידער פונם אַ.־ר.״ א. אַ. וו.

איך האָב די ענינים עלימינרט פשוט דערפאַר, וואָס דער „נאַציאָנאַ־לער סאָציאַלער קלוב״ איז דירעקט נישט געווען פאַרמישט אין די סיכ־סוכים אַרום די אינסטיטוציעס. דאָ האָט יעדער קלוב־מיטגליד באַטייליקט זיך אין די אַלע אונטערנעמונגען לויט זיין געוויסן, פאַרשטאַנד, און איי־בערצייגונג, אָבער אָן דער אַריינמישונג פון דעם קלוב אַלס אַזעלכן. זיכער וואָלט איך, ווי אָן אַנטיילנעמער געקענט אַ סך דערציילן, וועגן דעם קאַמף אַרום די יידישע אַרבעטער־רינג־שולן, וועלכער איז זיכער גע־ווען אַ ריין פּרינציפּיעלער און לאַנג פאַרצויגענער. דער לאַנג־פאַרצויגענער קאַמף פאַר די שולן האָט אַ סך מאָל דערפירט צו ביטערקייט און ערנסטע צוזאַמענשטויסן צווישן דעם אַקטיוו פונם אַ.־ר. אָבער, ווי געזאָגט, האָט דער קלוב דאָ קיין דירעקטע שטעלונג ניט גענומען. מען וואָלט גע־דאַרפט דערמאָנען אַזעלכע מענטשן, ווי שמעיה דראַבקין, פיינערמאַן, ליע־סין, זשיטלאָווסקי, ז. שער, ראַפּאַלאָווסקי און פילע אַנדערע, וואָס האָבן זיכער אָוועקגעגעבן אַ סך צייט, און ענערגיע פאַר דער גרינדונג פון די אַ.־ר.־שולן. אין אָט דער פּיאָנערישער אַרבעט האָבן אַ סך קלוב־מיטגלי־דער גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל.

דאָס זעלבע האָט אויך אַ שייכות צום מעדיקאַל דעפּאַרטאַמענט. אויך דאָ זיינען לכתחילה געווען שאַרפע חילוקי־דעות און מיינונגס־פאַרשיי־דנהייטן וועגן דער נויטווענדיקייט און מעגלעכקייטן פאַר אַזאַ אונטער־נעמונג. אויך דאָ זיינען די באַזונדערע מיינונגען ניט געווען קיין פּאַר־טייאישע אָדער לויט אַ גרופּן־ליניע.

וועגן דעם פּרואוו צו אָרגאַניזירן די „יוגנט" פֿאַרן אַ.־ר. האָט, דאַכט זיך מיר, דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" שוין יאָ געהאַט אַ געוויסן חלק, און אפשר טאַקע אַ גרויסן חלק אין דער אָרגאַניזיר־אַרבעט. די פּירערשאַפֿט פֿונם קלוב איז געווען זייער שטאַרק אַקטיוו ביים העלפֿן די אָרגאַניזירונג פֿון דער יוגנט. דאָס איז געווען ניט נאָר סימפּאַטיע נאָר טאַקע ממשותדיקע מעשים. אויך דאָס איז אָבער געווען מער אַ פֿרייער אינדיווידועלער און פּערזענלעכער געפֿיל פֿון וועלן העלפֿן אין דער אַרבעט פֿון אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע יוגנט־באַוועגונג אינם אַ.־ר. דער קלוב האָט דערפֿאַר טאַקע שטאַרק מקרב געווען די „יונגע" טוער. זיי גלייך אַריינגע־צויגן אין קלוב־אַקטיוויטעטן און אַריינגענומען אַ היפּשע צאָל אַלס מיט־גלידער פֿונם קלוב. אָפֿט איז דאָס געווען קעגן דעם ווילן און אויך פּראָ־טעסט פֿון געוויסע אַלטע טוער פֿונם קלוב, וואָס האָבן מורא געהאַט צו פֿאַרלירן די ממשלה אין אָנזען אינם קלוב. די פּירערשאַפֿט האָט אָבער זיך ניט אָפּגעשטעלט, און האָט באַלד די „יונגע" פּעאיקע מענטשן אַריינגע־צויגן אין דער פּירערשאַפֿט פֿונם אַ.־ר. דער קלוב האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין ברענגען צו די פּראָנט־רייען ווי די העכסטע באַאַמטע און אָנגע־זעענע יוגנט טוער. ווי י. צוקערמאַן, ברעסלאַו, איפּשין און אַ צאָל אַנדערע, וואָס זיינען זיכער אַ גרויסער געווינס פֿאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע.

מען קען אפשר האָבן אַ מיינונג, אַז מיר האָבן ניט אַלץ, אָדער ניט גענוג געטון אויפֿן דאָזיקן געביט פֿון אַריינציען דעם יונגן דור אונדזערן אינם אַ.־ר. ספּעציעל האָבן מיר אפשר ניט גענוג אויפֿגעקלערט אונדזערע אייגענע מיטגלידער די וויכטיקייט פֿונם המשך פֿונם אַ.־ר. וואָס קען פֿאַר־ווירקלעכט ווערן נאָר דאַן ווען אונדזער יונגער דור וועט איבערנעמען אונדזערע פּאָסטנס און אַקטיוויטעטן. יאָ, מיר האָבן געדאַרפֿט זאָרגן דער־פֿאַר, אַז אונדזערע קינדער און אייניקלעך זאָלן זיין גרייט איבערצונעמען אונדזער אחריות אינם אַ.־ר. אפשר זיינען מיר געווען אַביסל צו עגאָאיס־טיש, אָדער מורא געהאַט צוצוגעבן, אַז מיר ווערן עלטער... אָבער אין דעם איז דער קלוב זיכער ניט שולדיק געווען.

זיכער האָב איך זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין דעם ענין פֿון „די היים פֿאַר די עלטערע מיטגלידער" אינם אַ.־ר., און איר געשיכטע, וואָס איז זיכער אַ וויכטיקער אויפֿטו פֿון די אַ.־ר.־מיטגלידער און דאַרף פֿון דער אַ.־ר.־געשיכטע ניט אויסגעלאָזן ווערן.

אָבער, דאָ בין איך אַ נוגע בדבר, ווייל איך בין פֿאַר 14 יאָר צייט געווען פּרעזידענט פֿון דער היים, און פֿאַר אַן ערך פֿון 9 יאָר יאָר צייט געאַרבעט טאָג און נאַכט, שבתים און יום־טובים. אָבער אויך די אונטערנעמונג האָט אויך קיין שום שייכות מיטן קלוב ניט געהאַט צו טון. אַ היפּשע צאָל מיטגלידער פֿונם קלוב האָבן פּונקט ווי איך, שווער גע־

אַרבעט און אַ סך מקריב געווען לטובת דער היים. סיי אין איר בויען, און סיי אין איר בכבודיקער אויסהאַלטונג. דאָס איז אויך געווען אַ פרייער אויס־וואַל פון דעם אינדיווידועלן ווילן און אינטערעס פון די יחידים־מיטגלידער פונם קלוב.

זיכער האָב איך גאָר קיין נייעס ניט געהאַט צו זאָגן וועגן דעם סעמע־טערי־דעפּאַרטאַמענט פון אַ.ר., ווייל דאָס איז אַן ענין וואָס אַן עלטערער מענטש האָט מורא זיך צו אים צוצורירן, ווייל סוף כל סוף, וועלן מיר אַלע צוגלייך צו אים דאַרפן אָנקומען.

בלייבט מיר איצט בלויז צו דאַנקען פריינד ישורין פאַר דעם כבוד וואָס ער האָט מיר צוגעטיילט, דורך אָנפאַרטרויען מיר אַ פאַראַנטוואָרט־לעכע מיסיע, צו שרייבן די געשיכטע פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב".

איך האָב אַלץ געטון, לויט מיין קאָמפּיטענץ און מעגלעכקייטן, אַז ס'זאָל זיין אַ באַלערנדיקער דאָקומענט, וואָס זאָל ברענגען נוצן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון קלוב. עס איז מיין האָפנונג, אַז דער קלוב וועט נאָך פאַר אַ לאַנגער צייט פאַרבלייבן אַ וויכטיקער אינסטרומענט און אַן אינסטיטוציע, וואָס וועט דינען די אינטערעסן פון אַ.־ר. לטובת זיינע מיטגלידער. אַז ער וועט שטאַרקן דעם אַרבעטער־רינג וואָס מיר אַלע האָבן אַזוי ליב און רעספּעקטירן, און פאַר וועלכן מיר האָבן אין משך פון לאַנגע יאָרן אַוועקגעגעבן אַזוי פיל צייט, ענערגיע און כוחות.

דער יונגער קלוב

איך וויל זיך מודה זיין, אַז איך האָב זיך זייער געשלאָגן מיט דער דעה, צי איך זאָל אָנרירן דעם דאָזיקן זייער דעליקאַטן קאַפּיטל געשיכטע אינם לעבן פונם קלוב, — די עטלעכע יאָר עקזיסטענץ, פון דעם „יונגן קלוב", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַלס אַ קאָנקורענץ און אָפּאָזיציע צום „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב".

דער קאַמף פון די צוויי קלובן איז צייטנווייז געווען אַ פאַרביסענער, און האָט די אַקטיוויטעט אינם אַ.־ר. און די פירער פונם „נאַציאָנאַלן קלוב" געשאַפן אַ היפּש ביסל קאָפּ־ווייטאָג. ער איז אָבער, לכל־הדעות, געווען אַן אייגענער משפחה־קריג, וואָס האָט אויף וועלכן ניט איז אופן ניט באַדראָט די עקזיסטענץ אָדער דעם פּראָגרעס פונם אַ.־ר. ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט די אַנדערע קאַמפן. מיט וועלכע דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" איז געקומען פנים־אל־פנים.

דער סיכסוך צווישן די 2 קלובן איז אָנגעפירט געוואָרן קאָנספּיראַ־טיוו און בסוד. אָבער ער איז געפירט געוואָרן אויף פאַרשיידענע פראָנטן

און געהאַט אַלע סימנים פון אַן אמתן קאַמף פאַר מאַכט און אויבערהאַנט פאַר דער פירערשאַפט פונם אַ״ר.

מיר זאָגן „בסוד״, פשוט דערפאַר, וואָס אין די פריערדיקע קאַמפן פון די „יונגע און אַלטע״ אָדער מיט די קאָמוניסטן אין אַ״ר. איז אין זיי געווען פאַרמישט און פאַראינטערעסירט די גרויסע מיטגלידערשאַפט פונם אַ״ר.; עס זיינען געווען פרינציפּיעלע פראַגן און פראָבלעמען וואָס האָבן אָנגערירט דעם פונדאַמענט און אָפּט די עקזיסטענץ פונם אַ״ר. זיכער זיינען אין אַלע קאַמפן געווען אויך פערזענלעכע חשבונות און כיבודים־זוכעריי, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין די סיכסוכים און רייסערייען, וואָס מען האָט אַלעמאָל באַצייכנט ווי פרינציפּיעלע. פאַר דער גרויסער אַ״ר.־מיטגלידערשאַפט זיינען דאָס אָבער אַלעמאָל געווען פרינציפּיעלע און אידעאַלע אישוס, איבער וועלכע עס זיינען געווען חילוקי־דעות און שאַרפע מיינונגס־פאַרשידנהייטן. די מיטגלידערשאַפט האָט דערפאַר זייער אָפּט עפנטלעך רעאַגירט און געזאָגט איר וואָרט.

דער קאַמף פונם „יונגן קלוב״ קעגן דעם „אַלטן קלוב״ — און אָפּט טאַקע אַ פאַרביסענער קאַמף — איז אָבער פאַר דער גרויסער מיטגלידער־שאַפט געווען אַ געהיימניס, אַ טיפער סוד, טראָץ דעם וואָס מען האָט זייער אָפּט אויסגענוצט די ברייטע מיטגלידערשאַפט פאַר איין צד אָדער פאַר אַ צווייטן צד.

דערפאַר טאַקע האָב איך באַשלאָסן, אַז אויסלאָזן פון דער געשיכטע פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ דעם סיכסוך מיט דעם „יונגן קלוב״ טאָר מען ניט. איך וועל דערפאַר בקיצור איבערגעבן די מעשה פון דער עק־זיסטענץ פון „יונגן קלוב״ אין משך פון עטלעכע יאָר ביזביידע קלובן האָבן זיך פאַראייניקט.

אויך דאָ זיינען קיין אָפיציעלע פּראָטאָקאָלן אָדער דאָקומענטן ניטאָ. און איך מוז זיך פאַרלאָזן אויף מיינע אייגענע זכרונות און איבערהויפּט אויף די אינפאָרמאַציעס וואָס איך האָב געקראָגן פון עטלעכע געוועזענע טוער און פירער פונם „יונגן קלוב״. און אָט וואָס עס דערציילט אַב. לעף, איינער פון די הויפּט־אָנפירער און אָרגאַנייזערס פונם יונגן קלוב.

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ איז געווען אַן „עקסקלוזיוו״ קלוב וואו בלויז יחידי־סגולה אָדער בלויז יחסנים האָבן געקענט אַריינקומען. די אַקטיוויטעטן פונם קלוב און דער קלוב בכלל, זיינען געווען איינגעוויקלט אין „זיבן שלייערס״ פון סעקרעטן און מיסטעריעס. אַלע פאַרהאַנדלונגען און אַקציעס זיינען געפירט געוואָרן הינטער פאַרשלאָסענע טירן. קיין פשוטער אַ״ר.־מיטגליד, האָט ער געמעגט זיין אַן אָנגעזעענער און אַקטי־ווער טוער אין זיין ברענטש אָדער אַפילו זיין אַ מיטגליד אין פאַרשיידענע פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעטן, האָט ער ניט געקענט האָבן די זכיה אַריינגענומען

צו ווערן ווי אַ מיטגליד אינם קלוב. דאָס האָט נאַטירלעך געשאַפן אַ פּאַר־דרוס און אַ געוואַלדיקע קנאה צווישן אַ גרויס צאָל אַקטיווע אַ.־ר.־טוער, מענטשן וואָס האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים און אויף פאַרשיידענע געביטן געטון ממשותדיקע אַרבעט לטובת דעם אַרבעטער־רינג. עס האָט דערפאַר געהערשט אַ געוואַלדיקע אומצופרידנהייט און פּראָטעסט ביי אַ היפּשע צאָל אָדער גרופּע אַ.־ר.־טוער. זיי האָבן זיך אָבער גאָר ניט געקענט העלפן. דער קלוב האָט געהאַט די אויבערהאַנט איבער אַלעמען און האָט אָנגעפירט זיינע אַקטיוויטעטן לויט זיינע פּאָליסיס און שטאַרקער קאָנטראָל. האָבנדיק איבערגעגעבענע טוער אין די פאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד וואָס האָבן דעם קלוב געשטיצט און אים אויסגעפאָלגט צו יעדער צייט, האָט מען קעגן קלוב גאָרניט געקענט אויספירן.

די ניט צופרידענע טוער זיינען געווען יחידים, וואָס האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוזאַמענריידן אָדער צוזאַמענטרעפן און באַהאַנדלען די טענות אָדער עוולהס וואָס זיי האָבן געהאַט צום אַלטן קלוב. און ממילא האָבן זיי געמוזט שטיקן אין זיך דעם פאַרדרוס און שווייגן.

געשעט אָבער אַזאַ מעשה אין 1927. דער אַ.־ר. האָט זיין קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד און ווי דעלעגאַטן צו דער קאָנווענשאָן ווערט געשיקט אַ היפּשע צאָל טאַקע פון יענע ניט צופרידענע אַרבעטער־רינג־טוער. אָנקו־מענדיק אין קליוולאַנד אין אַ ספּעציעלער טריין, איז ביי דער סטאַציע גע־קומען אַ צאָל מיטגלידער פון דער קאָנווענשאָן אַראַנדזשמענט קאָמיטע, וועלכע זיינען אגב געווען מיטגלידער פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב". זיי זיינען אָפיציעל, אַזוי צו זאָגן, געקומען מקבל־פּנים זיין די דעלעגאַטן. דאָ האָבן זיי אָבער יעדן דעלעגאַט, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" ארייגערוקט אין האַנט אַ ספּעציעלע קאַרטל מיט אַ רעזערוואַציע פון אַ געוויסן האָטעל; גלייך זיי אַריינגעזעצט אין ספּעציעלע טאַקסיס און זיי אַוועקגעפירט צום האָטעל. די איבריקע, טאַקע די גרעסטע צאָל דעלעגאַטן וואָס זיינען ניט געווען קיין קלוב־מיטגלידער, זיינען געבליבן שטיין אויף דער סטאַציע ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך. זיי האָבן געוואַרט איבער אַ שעה צייט ביז מען האָט זיך אויף זיי מרחם געווען און זיי צעשיקט אין פאַרשיידענע האָטעלן מיט זייערע קלימעקלעך אין די הענט.

דאָ איז דער בעכער פון פאַרדרוס שוין איבערגעלאָפן און ס'איז גע־קומען דער קלימאַקס. די אומצופרידענע האָבן זיך דערמאָנט אינם פּסוק פון „הבה נתחכמה" און האָבן דאָ געהאַט די געלעגנהייט זיך דורכצוריידן וועגן זייער ביטערן גורל. זיי האָבן טאַקע דאָרט גלייך אין קליוולאַנד גע־גרינדעט דעם „יונגן קלוב" און זיי האָבן דעם „נאַציאָנאַלן קלוב" פאַר אַ היפּש שטיקל צייט געגעבן ניט ווייניק האַרצווייטאָג.

צווישן די גרינדער און אָנפירער זיינען געווען אַזעלכע אַקטיווע אַ.־ר.־טוער ווי י. פישמאַן, י. עבעריל, אַ. לעף, ב. מילער, א. בלאָך, די ברידער פּאַדניק, קאַנטאָראָוויטש, אָסטראָווסקי, קאָהן און ראַפּאַלאָווסקי פון בר. 88, ס. ראָזען, אַ. פינקעלשטיין פון 216 און נאָך אַ רייע אַקטיווע אַ.־ר.־טוער פון גאַנץ גרויסע און קלענערע ברענטשעס. און אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט זיך דער „יונגער קלוב" צעוואַקסן, ניט נאָר אין ניו־יאָרק נאָר אויך אין די גרעסערע שטעט איבערן לאַנד. ער איז געוואָרן אַ כוח און וואָרט־זאָגער אין דער אַ.־ר. פּאָליטיק.

עס זיינען ליידער אויך פונם „יונגן קלוב" ביי קיינעם ניטאָ קיין פּראָטאָקאָלן אָדער דאָקומענטן, וואָס זאָלן אָנווייזן וויפל מיטגלידער דער קלוב האָט געהאַט, און פון וויפל ברענטשעס די מיטגלידערשאַפט איז באַשטאַנען. לויט די אינפאָרמאַציע פון פר. אַב. לעף, האָט דער קלוב געהאַט אַרום 200 מיטגלידער. ער האָט אויך געהאַט עטלעכע אָפּטיילונגען איבערן לאַנד. למשל אין באָסטאָן האָט זיך דער קלוב גערופן — „הערן און זען", אין שיקאַגאָ — „מיר זיינען אויך דאָ", עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרמעסט אין כוחות, ביי די קאָנפערענצן, און איבערהויפּט אין קריגן „פּראַקציעס" פון אויסער ניו־יאָרקער ברענטשעס, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן שטימען פאַר דער פאַרוואַלטונג.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס פוןביידע קלובן איז געקומען ביים ווילן אַ מיטגליד צו דער באָארד אָוו דירעקטאָרס פון סטייט ניו־יאָרק. דער קאַנדידאַט פון „אַלטן קלוב", איז געווען ס. וואָלאָס. דער „יונגער קלוב" האָט געשטיצט האָפמאַן פון ראָטשעסטער. דאָ האָט דער „יונגער קלוב" באַוויזן זיין כוח און טאַקע אויסגעוויילט האָפמאַנען אַלס דירעקטאָר און וואָלאָס איז דורכגעפאַלן.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויצעקו. עס האָבן זיך דאַן אַריינגעמישט עטלעכע אָנגעזעענע אַ.־ר.־טוער און האָבן צוזאַמענגעבראַכטביידע צדדים און ס'איז געשאַפן געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אַ „דזשוינט קאָמיטע", באַשטייענדיק פון ביידע צדדים, וואו מען האָט גענומען אַרבעטן געמיינשאַפטלעך לטובת דעם אַ.־ר. אויף פאַרשיידענע געביטן. עס איז קיין סוד ניט, אַז ווען ס'איז געקומען צו ווילן אַ פאַרוואַלטונג האָבן ביידע קלובן געאַרבעט לויט אַ פאַרשטענדעניש פון אַ געמיינזאַמער סטירינג־קאָמיטע, וויפל און וועלכע ברענטשעס און יחידים זיינען באַרעכטיקט און פּאַסיק צו זיין אין דער פאַרוואַלטונג. אַ לענגערע צייט האָבן ביידע צדדים געלעבט צווישן זיך, ווייניקסטנס אויסערלעך, בשלום.

עס מוז אָבער דאָ געזאָגט ווערן, אַז די אָנפירער פונם „יונגן קלוב" האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין צוטרוי צום „אַלטן קלוב" און זיי האָבן אַלעמאָל חושד געווען די קלוב־פירער אין פּאָליטיק און ניט אויפריכטיקייט.

דער שלום איז פּלוצים געבראָכן געוואָרן דורך אַ סיכסוך וועגן פאַר־טרעטערשאַפט צו דער קעמפ־קאָמיטע. עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ און אפשר וואָלט עס גאָר ניט געווען קיין גרויסער כבוד פאַר די דעמאָלס־דיקע טוער צו דערציילן וועגן די מעטאָדן און מיטלען וואָס עס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן אין דעם קאַמף פאַר פאַרטרעטערשאַפט אין דער קעמפ־קאָמיטע. עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע, וועלכע האָט צוריקגעוויזן אַ פאַרלאַנג פון אַ צאָל ברענטשעס, אַז די פאַרטרעטערשאַפט צום קעמפּ זאָל זיין אַ פּראָפּאָרציאָנעלע, לויט דער מיטגלידערשאַפט פון די ברענטשעס, און ניט ווי די עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן, אַז יעדער ברענטש איז באַרעכטיקט צו צוויי פאַרטרעטער.

איך גלויב, אַז עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען פאַר דער געשיכטע דעם אופן און מיטלען וואָס מען האָט דאַן אָנגעווענדעט אין פאַלעמיק מיט דער פאַרוואַלטונג.

איך האָב דאָ פאַר זיך אַ צירקולאַר, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ברענטש 149 אַ.־ר. צו אַלע אַרבעטער־רינג־ברענטשעס, אַלס אַן ענטפער צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע אויף זייערע אַ דערקלערונג אונטערן עמבלעם פונם אַ.־ר. זאָגט זיך:

דערקלערונג פון בר. 149 אַ.־ר. וועגן קעמפּ רעפערענדום און אַן ענטפער צו צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע

„אויף אונדזער רעזאָלוציע, אַז די קעמפ־קאָמיטע האָט אומגעזעצלעך, מיט דער צושטימונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, אַרויסגעשיקט אַ רעפערענדום, האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע אין „פאָרווערטס" פון שבת דעם 18טן אָקטאָבער 1933 געגעבן אַן ענטפער, וואָס באַווייזט ווי ווייט מענטשן זיינען פעאיק צו פאַרדרייען די פאַקטן, באַהאַלטן דעם אמת, פאַרפּלאָנטערן אַן אישו און נעמען די ברייטע מיטגלידערשאַפט אויף זיכער.

ווייזט אויס, אַז די נאַצ. עקז. פון יאָר 1930 און 1931 וויל זיך מאַכן אַ רעקאָרד פון אומגעזעצלעכקייט, שמאָלקעפּיקייט און אומטאָלעראַנץ וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע פון אַרבעטער־רינג.

די נאַצ. עקז. טוט אַלץ אין אירע כוחות צו ברענגען דעם אַ.־ר. אין אַ לאַגע, וואָס וועט אים מאַכן צו שאַנדע און צו שפּאָט אין דער יידישער אַרבעטער וועלט.

די נאַצ. עקז., צוליב דעם זייער הייליקן צוועק פּטור צו ווערן פון אַ גרופּע מענטשן אין דער קעמפּ־קאָמיטע, וואָס ווילן ניט און קענען ניט טאַנצן נאָך דער דודקע פון אַ געוויסן עלעמענט, גייט אין די וועגן פון

„טעמעני האָל". נעמט אָן און הייסט גוט די זינלאָזסטע און אומגעזעצ־לעכסטע באַשלוסן, וואָס וועלן פריער אָדער שפּעטער ברענגען דעם אַרבע־טער־רינג צו אַ לאַגע, וואָס אַפילו די גרעסטע שונאים אונדזערע ווינטשן אים דאָס ניט.

ווען „טעמעני האָל" האָט געוואָלט פּטור ווערן פון אונדזער פאַר־שטאָרבענעם מוטיקן קעמפער און געניאַלער מאיר לאַנדאָן אין קאָנגרעס, האָט זי געטון איין קליניקייט, זי האָט דעם דיסטריקט אַזוי צעטיילט, אַז לאַנדאָן האָט געמוזט אַרויספאַלן. מיר האָבן דאָן אַלע געשריען אויף טע־מענים האַנדלונג. וואָס טוט איצט די קעמפּ־קאָמיטע, באַהאַלטנדיק זיך הינטער די פּלייצעס פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, קוקט דאָס ניט אויס ווי די מעטאָדן פון „טעמעני האָל"?

ווען וואָס האַנדלט זיך דאָ?

די קעמפּ־קאָמיטע האָט אַ קאָנסטיטוציע, אָנגענומען ביי אַ קאָנפע־רענץ, ספּעציעל גערופן צו דעם צוועק. לויט דער קאָנסטיטוציע מוזן קאָנ־פערענצן גערופן ווערן ניט שפּעטער ווי אין חודש נאָוועמבער.

דער פּונקט 17 זאָגט: — איינמאָל אין יאָר, אין חודש נאָוועמבער, מוז די קעמפּ־קאָמיטע רופן אַ קאָנפערענץ פון די א.־ר. ברענטשעס. ביי דער קאָנפערענץ מוז די קעמפּ־קאָמיטע אָפּגעבן אַ באַריכט פון איר אַר־בעט און אַ נייע קעמפּ־קאָמיטע דאַרף דערוויילט ווערן. אין דער קאָנסטי־טוציע איז אויך דאָ אַ פּונקט וואָס זאָגט, אַז די פאָרטרעטערשאַפט צו דער קאָנפערענץ זאָל זיין צו 2 פון אַ ברענטש און איינער פון אַן אַר־בעטער־רינג־שולע. גאַנץ קלאָר.

וואָס איז צו טאָן אויב מען וויל ענדערן וועלכע עס איז פּונקטן?

אויף דעם האָט די קאָנסטיטוציע פון א.־ר. און טראַדיציעס פון יאָרן געגעבן אַן ענטפער: יעדע ענדערונג פון דער קאָנסטיטוציע דאַרף באַשלאָ־סן ווערן ביי אַ קאָנווענשאָן און צעשיקט ווערן אין לויף פון אַ חודש פאַר אַ רעפערענדום.

זאָגט מען אונדז, אַז די קעמפּ־קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ באַ־שלוס, אַז די קעמפּ־קאָמיטע זאָל שיקן אַלע אַמענדמענטס צו אַ רעפע־רענדום.

וועלכע אַמענדמענטס?

האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען וועלכע עס איז אַמענדמענטס, וואָס ווערן איצט געשיקט צום רעפערענדום, האָט די קאָנפערענץ געגעבן דער קעמפּ־קאָמיטע אַ בלינדן מאַנדאַט ווען יעדער פראַגע? לעכערלעך. דאָס איז געווען בלויז אַן אַבסטראַקטער באַשלוס, אַז יעדע וויכטיקע פראַגע זאָל מוזן גיין צו אַ רעפערענדום און דער פּונקט ווייזט אָן קלאָר ווער עס דאַרף דעם רעפערענדום אַרויסשיקן.

זיכער דאַרף עס טון די קעמפּ־קאָמיטע. אָבער בלויז נאָר דאַן ווען אַ קאָנפערענץ מיט פאַרטרעטערשאַפט פון די אָנגעשלאָסענע בראַנטשעס האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו דיסקוטירן די פאָרגעשלאָגענע ענדערונגען אָדער אַמענדמענטס צו דער קאָנסטיטושאָן.

אָבער צו מאַכן אַליין אַמענדמענטס, ווען איר וועט זיך נאָר גלוסטן, איז אין אַ.־ר. נאָך צו קיין קאָמיטע ניט געגעבן געוואָרן אַזאַ מאַכט. דער איצטיקער רעפערענדום איז דארום ניט קיין געזעצלעכער. די ענדערונגען מוזן פריער קומען פאַר דער קומענדיקער קאָנפערענץ און דאַן ניט שפּע־טער ווי אַ חודש נאָך דער קאָנפערענץ שיקן אַ רעפערענדום צו די בראַנ־טשעס.

די דערקלערונג, אַז אונזער בראַנטש טאָר ניט אַרויסטרעטן קעגן רע־פערענדום, ווייל עס איז ניט עטיש, איז מילד גערעדט אַ יעזואיטישע. מיינט איר, אַז איר וועט אַליץ אָפּטאָן און מיר וועלן מוזן שווייגן, ווייל עס איז ניט עטיש? אָדער מען דאַרף קיין טומל ניט מאַכן?

מיר האַלטן, אַז עס איז אונדזער חוב צו קעמפן קעגן אומגעזעצלעכ־קייטן. קעגן פאַרגוואַלדיקונג פון די עלעמענטאַרסטע רעכטן פון יעדן בראַנטש און פון יעדן מיטגליד ווי עס ווערט איצט געטון.

מיט וואָס פאַר אַ רעכט ברעכט די קעמפּ־קאָמיטע, צוזאַמען מיט דער נאַצ. עקז., דעם פונקט פון דער קאָנסטיטוציע וועגן רופן די קאָנ־פערענץ אין נאָוועמבער? ווער האָט זיי אַזאַ רעכט געגעבן?

וואָס וואָלט געווען דער אומגליק, ווען די קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען, ווי די קאָנסטיטוציע זאָגט פאַר, אין נאָוועמבער? און אויב די פאַרטרעטער פון די בראַנטשעס וואָלטן געפינען פאַר ריכטיק אָנצונעמען די ענדערונגען, און זיי שיקן צום רעפערענדום נאָך דער קאָנפערענץ? דאָס איז איינפאַך סקאַנדאַליעז, אַזעלכעס האָט מען נאָך אין אַ.־ר. ניט געהאַט.

אין דער צייט פון דער מלחמה האָט מען געטענהט, אַז מען מוז די וועלט זיכער מאַכן פאַר דעמאָקראַטיע, ניט קוקנדיק וואָס מיליאָנען זיינען דערמאָרדעט געוואָרן. און איצטער וויל מען אונדזער אָרדן זיכער מאַכן, אַז עס זאָלן זיך ח״ו ניט אַריינכאַפּן מענטשן, וועלכע קענען האָבן אַן אייגענע מיינונג און וואָס ווילן ניט אויף אַלעם זאָגן אמן... מען מאַכט אַ פרומען פּנים, מען וויל אונדז אפילו געבן דעמאָקראַטיע. אָבער די וועלכע זיינען באַקאַנט ווי אַזוי דער קעמפּ איז צוזאַמענגעשטעלט גע־וואָרן ווייסן דאָך, אַז דאָס איז בלויז געשאָטן זאַמד אין די אויגן. דאָ האַנדלט זיך בלויז וועגן פּטור ווערן פון די פּאָר מענטשן וועלכע זיינען נאָך געבליבן אין דער קעמפּ־קאָמיטע. עס טאָר קיינער ניט בלייבן פון די וואָס ווילן ניט גיין אין שפּאַן, מעג דאָס דעם אַ.־ר. ווי טייער קאָסטן.

מיר רופן אַלע בראַנטשעס וועלכע האָבן נאָך ניט געשטימט, ניט צו

שטימען דעם אומגעזעצלעכן רעפערענדום. מיר רופן אַלע די וועלכע האָבן שוין געשטימט צוריקציען זייערע באַשלוסן.

מיר מוזן אָנפירן אַ קאַמף פאַר אונדזערע רעכטן אין אַ.־ר. און מיר טאָרן ניט דערלאָזן קיין פרעצעדענטן, וואָס קענען שפעטער ברענגען דעם אַ.־ר. אין אַ לאַגע ער זאָל ווערן געפירט פון אַ קליקע צו קיינעם ניט פאַראַנטוואָרטלעך. זאָל די נאַצ. עקז. זיך באַצייטנס פאַרטראַכטן און ניט פירן אונדזער אָרדן צו אַן אָפגרונט. באַטראַכט זיך פריינדע פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע איידער עס איז צו שפעט.

מיר זאָגן אייך נאָכאַמאָל, מיר ווען פאַר אונדזערע רעכט קעמפן. ווייל מיר האָבן אונדזער חלק פון בלוט און שוויים צוגעטראָגן פאַר אונדזער באַליבטער אָרגאַניזאַציע.

מיט פריינטלעכן גרוס,

ברענטש 149 אַר.־רינג

B. Miller, Sec'y, 125 Berriman Street, Brooklyn, N.Y.

נ. ב. אויב אייער ברענטש וויל האָבן מער איינצלהייטן, דאַן לאָזט וויסן דעם סעקרעטאַר פון אונדזער בערנטש און אַ קאָמיטע וועט צו אייך געשיקט ווערן".

מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן דעם בריוו וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די ברענטשעס אָפיציעל טאַקע אונטערן נאָמען פון ברענטש 149. אָבער אין אמתן איז דאָס געווען די מלאכה פונם „יונגן קלוב". איך גלויב ניט, אַז מען דאַרף מאַכן אויסטייטשונגען אָדער פירושים אויף דעם אינהאַלט און דער צאַצקענדיקער שפראַך פון דעם בריוו. עס באַווייזט וואָס פאַר אַ באַציאונג און דרך־ארץ מען האָט דאַן געהאַט צו דער פאַרוואַלטונג פונם אַ.־ר.

מיין ערנסטע איבערצייגונג איז, אַז אויב דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" און איר טשיף י. ישורין האָבן ניט מער אויפגעטון אין די 50 יאָר פון זיין עקזיסטענץ ווי באַקעמפן אָט די שעדלעכע פסיכאָלאָגיע און הפקרות אינם אַ.־ר. און געהאָלפן איינשטעלן אַ ביסל דיסציפלין און אַכטונג צו דער פירערשאַפט פונם אַ.־ר., איז שוין זיין עקזיסטענץ געווען אַ באַרעכטיקטע.

נאָך דער דערשיינונג פון דעם „ליטעראַרישן" דאָקומענט איז פאַרשפרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז די אָנפירער פונם „יונגן קלוב" זיינען לינקע און מען דאַרף זיי באַקעמפן אַלס אַזעלכע. מען האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן אַלע „פאָרווערטס" מענעדזשערס איבערן לאַנד, און דער קאַמף

צווישן ביידע קלובן איז געוואָרן אַן ערנסטער און עס האָט געדראָאט אַ בייע צערודערונג און מחלוקה אין די רייען פונם אַ.־ר.

צווישן די אָנפירער פונם „יונגן קלוב" זיינען אָבער געווען אַ צאָל יוניאָן־מיטגלידער וואָס האָבן שטאַרק באַקעמפט די „לינקע" און זייערע יוניאָנס, האָבן זיי זיך געווענדעט צו דעם פאַרשטאָרבענעם ב. וולאַדעק, דעם „פאָרווערטס"־מענעדזשער, און אַפּעלירט צו אים, אַז ער זאָל אָפּ־שטעלן דעם בילבול אויף זיי, אַז זיי זיינען „לינקע".

וולאַדעק האָט דעם ענין אונטערזוכט און ער האָט אָפּיציעל אַרויסגע־שיקט אַ בריוו צו די „פאָרווערטס"־מענעדזשערס איבערן לאַנד און זיי דערקלערט, אַז לויט זיין איבערצייגונג איז דער קאַמף צווישן די צוויי קלובן אַן אינערלעכער אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמף, וואָס האָט מיט לינקיזם ניט קיין שייכות.

דאַן האָט די פירערשאַפט פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" געמאַכט אַ סטראַטעגישן צוג. זיי האָבן שטילערהייט געעפנט די טירן פאַר געוויסע אָנפירער פונם „יונגן קלוב", און זיי איינציקווייז אַריינגענומען אַלס מיט־גלידער פונם „נאַציאָנאַלן קלוב". עס איז אפשר נישט שיין דאָס צו דער־ציילן בפרהסיה אָבער די מערסטע יונג־קלוב אָנפירער, זיינען געווען זייער צופרידן צו ווערן „דעזערטירער" פונם „יונגן קלוב" און זיך אָנגעשלאָסן אינם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב". עס זיינען דערביי פאָרגעקומען זייער אינטערעסאַנטע און קאָמישע אינצידענטן, וואָס זיינען זיכער אינטערעסאַנט. אָבער עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ דאָס אַלץ צו דערציילן.

דער „היוצא לנו מדברינו", אָדער דער סך־הכל איז געווען, אַז ביידע קלובן האָבן זיך פאַראייניקט. די טירן פונם „אַלטן קלוב" האָבן זיך דאַן אויך ברייט געעפנט פאַר אַקטיווע מיטגלידער פון די ברענטשעס. און אין אַ קורצער צייט, איז די „עקסקלוזיוונעס" פונם קלוב פאַרשוואונדן און דער אַ.־ר. האָט געקראָגן אַ „רעזערוו"־אַרמיי פון אַרום 6 אָדער 7 הונדערט טוער, וואָס זיינען גרייט צו יעדער צייט פאַר דער דינסט פונם אַ.־ר. אויף אַלע געביטן פון אַקטיוויטעט.

עס איז איצט ביי קיינעם קיין צווייפל ניט, אַז דער קלוב איז אַ ברכה פאַרן אַ.־ר. און אַז אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע און אַרבעטער אינסטי־טוציעס האָבן אין דעם קלוב אַן אַגענטור וואָס העלפט אין דער אַרבעט פון מענטשלעכקייט, יידישקייט, און סאָציאַליזם ניט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אויך איבער דער גאָרער וועלט.

פאַרשטייט זיך, אַז זייער אַ סך אַלטע מיטגלידער פונם קלוב, האָבן קיינמאָל ניט געקענט אַרונטערשלינגען דעם ביטערן פיל פון אַ מאַסן־באַוועגונג אָדער מאַסן־אָרגאַניזאַציע, און האָבן פאַרלוירן דעם גאַנצן אינ־טערעס אינם קלוב. דאָס איז אָבער אַ באַזונדערער קאַפּיטל אין דער גע־

שיכטע פון אַ.־ר.־אַקטיוויטעטן, פאַר וועלכע יעפים ישורין וועט קיינ־מאָל ניט קענען פאַרגעסן ווערן. ווייל דאָס איז געווען זיין איינפלוס, זיין בליק אויף דער באַוועגונג, וואָס האָט גורם געווען אַז דער קלוב זאָל זיין אָט דער כוח אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין דער קולטורעלער וועלט, און אין דער געזעלשאַפטלעכער און סאָציאַליסטישער וועלט.

וואָס טראַכטן אַקטיווע אַ.־ר.־טוער וועגן דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב"

מיר האָבן באַשלאָסן זיך דורכצורעדן מיט עטלעכע אַקטיווע אַ.־ר.־טוער און הערן וואָס זיי טראַכטן וועגן דעם קלוב, און אויך וועגן דעם טשיף י. ישורין.

אַ געשפּרעך מיט יעקב ט. צוקערמאַן

פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג

טרעפנדיק זיך מיט יעקב צוקערמאַן ביי אים אין אָפיס, האָב איך אים דערקלערט, אַז איך בין געקומען אים שטעלן עטלעכע פראַגן וועגן דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב", ניט דערפאַר וואָס ער איז פּרעזידענט פונם אַ.־ר., נאָר אַלס דזשעק צוקערמאַן, דער אָנערקענטער פּיאָנער און וואָרט־זאָגער פון דער יוגנט־באַוועגונג און ענגליש־רעדענדע ברענטשעס אינם אַ.־ר.

צוקערמאַן האָט צוגערוקט זיין בענקל נענטער צו מיר און געזאָגט: —
פריינד ראָבערטס, איך בין ניט פון די יידן וואָס טראָגן אַ שטריימל שבתים און יום־טובים, און אין די וואָכנדיקע טעג טראָגן זיי אַ פּראָסטן פּויערישן קאַשקעט. ווען איך בין אַ בעאַמטער פונם אַ.־ר., צי איך בין אַ פּראָסטער סאָלדאַט האָב איך די זעלבע אָנשויאונג, דעם זעלביקן בליק און די זעלבע אידעאַלן, וואָס האַלטן מיך נאָנט צום אַ.־ר. און צו דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער באַוועגונג, אַזוי אַז איר מעגט מיט מיר ריידן אָפענע פּשוטע דיבורים. טראַכט איצט ניט, אַז איך בין היינט דער פּרעזידענט פונם אַרבעטער־רינג.

אויב אַזוי,זאָג איך, ווייסט איר דאָך אַז דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַ־לער קלוב" פּייערט איצט זיין 50 יאָריקן יובילעאום, וויל איך פון אייך וויסן, וואָס דענקט איר עפּעס וועגן די פאַרדינסטן פונם קלוב פאַרן

אַ.־ר. פאַר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ, און צי האָט דער קלוב ווייטערע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

צוקערמאַן גיט אַ מאַך מיטן האַנט, וואַרט אַ מינוט פריינט ראָבערטס, ניט אַלץ מיטאַמאָל. וואָס שייך דעם קלוב מיט 50 יאָר צוריק, די סיבות און מאָטיוון פון זיין גרינדונג, און זיינע אַקטיוויטעטן פון יענער צייט, קען איך זיך בלויז שטיצן אויף די געשריבענע געשיכטע־בלעטער פונם אַרבעטער־רינג. און איבערהויפּט אויף דאָס וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט פון די עלטערע אַקטיווע טוער אינם אַרבעטער־רינג, וועלכע האָבן מיט־געמאַכט יענע פּעריאָדע פון די ערשטע אינערלעכע קאַמפן, ספּעציעל דעם קאַמף פון די „ייִנגע און אַלטע״. איך נעם זייער וואָרט און אָפּ־שאַצונג, אַז דער קלוב האָט דאַן געווירקט און געהאָלפן אָנצוהאַלטן די גאַנצקייט, און אפשר עקזיסטענץ פונם אַרבעטער־רינג.

וואָס שייך דעם קאָמוניסטישן קאַמף אינם אַ.־ר. און זייער פּאַרנעם צו פאַרכאַפּן אָדער פאַרניכטן דעם אַ.־ר., וועגן דעם קען איך שוין פון אייגענע דערפאַרונג עדות זאָגן, אַז דער קלוב האָט געוואַלדיק גרויסע פאַר־דינסטן פאַר באַקעמפן די קאָמוניסטישע מגיפה, וואָס האָט ניט נאָר באַ־דראָט דאָס לעבן און ווייטערע עקזיסטענץ פונם אַ.־ר., נאָר האָט אויך גע־דראָט דער עקזיסטענץ פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

איך בין שוין דאַן געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אינם אַ.־ר. און בין געווען זייער אַקטיוו אין אַ ספּעציעל אָרגאַניזירטער גרופּע פון יוגנט־לעכע און ענגליש־רעדענדע מיטגלידער פון פאַרשיידענע ברענטשעס, וואָס האָבן געהאָלפן באַקעמפן די קאָמוניסטישע עלעמענטן, מיט אונדזער גאַנצן כח, ענערגיע און אימפּעט, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט.

איך ווייס גענוי וויפל ענערגיע און גבורה עס האָבן אַרויסגעוויזן די קלוב־מיטגלידער און זייער פּירערשאַפט אין יענער סכנהדיקער צייט, אַ שווערע צייט אינם פאַרביטערטן קאַמף מיט די קאָמוניסטן.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס איך בין נאָך דאַן ניט געווען קיין מיט־גליד אינם קלוב, האָב איך אָבער געוואוסט זיינע אַקטיוויטעטן און קאַמפּס־מעטאָדן.

לאָמיך אגב, אייך דערציילן אַ סוד, אַז די מיטגלידער פון אונדזער גרו־פּע, די יוגנטלעכע, האָבן דאַן גאָר ניט געהאַט קיין גרויסן חשק צו ווערן מיטגלידער פונם קלוב. די אורזאַך איז געווען אַ פּשוטע, מיר האָבן גע־וואוסט, אַז אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פונם קלוב זיינען ווייט ניט צו־פרידן מיט דער אָרגאַניזיר־באַוועגונג פון די יונגע. אָפן גערעדט, זיי זיינען געווען שטאַרק קעגן דעם, אַז מען זאָל אויסגעבן געלט און צייט פאַר אַ ספּעציעלן דרייוו צו אָרגאַניזירן די יוגנט. איך וויל זיי ניט חושד זיין, אַז זיי האָבן זיך אפשר געשראָקן און מורא געהאַט, אַז מען וועט

ביי זיי אויסכאַפּן די ממשלה. עס איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז ביי דער שיקאַגער קאָנוועגשאָן אין 1929, וואו איך בין געווען צום ערשטן מאָל אַ דעלעגאַט צו אַן אַ.ר.־קאָנוועגשאָן, האָט מען רעקאָמענדירט, אַז מען זאָל העכערן דעם טעקס פון 1 סענט אויף 5 סענט, פֿאַר דער ספּעציעלער אָרגאַניזירונג פון די יוגנטלעכע. האָבן אַ היפּשע צאָל קלוב־מיטגלידער געערדט און געשטימט קעגן אַזאַ רעקאָמענדאַציע.

איך מוז אייך אָבער דאָ דערקלערן און אונטערשטרייכן — זאָגט צור־קערמאַן — אַז פֿריינד ישורינס פֿאַרשטענדעניש און פּראַקטישקייט און איבערהויפּט זיין וויזיע פֿאַר דער צוקונפט אין באַצוג דער יוגנט־באַוועגונג האָט פיל געהאָלפן, אַזוי צו זאָגן, רייניקן די לופט, אָדער אַטמאָספערע, לטובת אַן אינטענסיוון קאַמפּיין פֿאַר דער יוגנט.

דורך זיין הילף און שטיצע האָט מען זיך גענומען גאַנץ ערנסט און אויפריכטיק אָפּגעבן זיך מיט דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן די יוגנט און הגם פֿאַר אַ לענגערע צייט האָט נאָך אַלץ עקזיסטירט אַ „באַריער", אָדער מחיצה, צווישן די יונגע און עלטערע אַ.ר.־טוער (אפשר עקזיסטירט נאָך ביז היינט צו טאָג אַ שטיקל קנאה און ניט צופרידנקייט ביי געוויסע על־טערע טוער) — אָבער בכלל איז די יוגנט געוואָרן אַ באַשטימטער און איינגעפונדעוועטער גליד אינם לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע.

אַ דאַנק ישורינען זיינען אויך אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון די אַזוי־גערופענע יונגע און ענגליש־רעדענדע אַקטיווע טוער אַריין אַלס מיט־גלידער אינם קלוב. און דורך ישורינס דערמוטיקונג זיינען זיי זייער אַקטיוו אין פֿאַרשיידענע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, אין וועלכע דער אַ.־ר. איז פֿאַראינטערעסירט.

איך וויל זיך מודה זיין, אַז איך האָב אָפט דיסקוסיעס און שמועסן מיט ישורינען וועגן געוויסע פּאָליסעס און אַקציעס פונם קלוב וואָס זיינען מיר ניט אַלעמאָל צום האַרצן. איך בין אַ געבוירענער ליבהאָבער פון אַ ברייטער דעמאָקראַטיע פון די מאַסן, און וואָלט געוואָלט זען, אַז די גרויסע מאַסן זאָלן אַליין באַשטימען וואָס זיי דענקען, וואָס עס איז גוט פֿאַר זיי און זייערע אינטערעסן. איך פֿאַרשטיי אָבער ישורינען און פֿאַרשטיי די פֿאַר־אַנטוואָרטלעכע אַרבעט פונם קלוב, איך האָב גרויס דרך־ארץ פֿאַר ישורינען, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז ער זוכט ניט קיין פּערזענלעכע נוצן אָדער אַמביציעס אין זיינע האַנדלונגען און אַקציעס.

ספּעציעל שאַץ איך אָפּ זיין אַרבעט אַלס פֿאָרזיצער פון דער קאָנסטי־טוציאָנס־קאָמיטע. אַ דאַנק זיין פּראַקטישקייט און רעאַליטעט, זיינען אַ סך ענדערונגען געמאַכט געוואָרן אין אונדזער קאָנסטיטוציע, וואָס האָבן געבראַכט אַ גרויסן נוצן פֿאַר דעם ווייטערן גאַנג פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

זיין שכל־הישר און פאַרשטענדעניש און ווייטער בליק, — פאַרזיכערט אָפּט דעם פּראָגרעס און וואוילזיין פון דער אָרגאַניזאַציע.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון „נאַציאָנאַל סאָציאַלן קלוב״ בין איך זיכער, אַז ער האָט עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. ספּעציעל אַלס דער שומר פונם אַ.־ר., אַז מ׳זאָל אים חלילה ניט קענען שלעכטס טון אויף וועלכן ניט איז אופן.

אַ. איפּשין אַ טעטיקער יוגנט־טוער

ווען איך האָב געשטעלט איפּשינען די פראַגע, וואָס דענקט ער אַלס איינער פון אונדזער „יוגנט״ וועגן דעם „נאַציאָנאַלן קלוב״, האָט ער זיך ברייטלעך צעשמייכלט, און מיר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן, געגעבן אַ קרעכץ:

— די „יוגנט״ זאָגט איר? אוי, מיינע קריזשעס, מיינע אַלטע ביינער... אָבער, ערנסט גערעדט, פריינד ראָבערטס, וויל איך, אַז איר זאָלט וויסן, אַז אויב עס האָבן זיך אויסגעאַרבעט אַ צאָל ייִנגערע אַמעריקאַנער־געבוירענע אַ.־ר. מיטגלידער, וואָס דער אַ.־ר. איז ביי זיי געוואָרן אַן אידעאַל, אַ וואַרעמע היים, קומט דערפאַר דער גרעסטער חלק דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״, און איבערהויפּט איר טשיף יעפּים ישורין. פריינד ישורין האָט ניט נאָר בלויז דערמוטיקט און געהאָלפן דער יוגנט־באַוועגונג, נאָר ער האָט פּשוט דורך פאַרשיידענע צוציאונגס־מיטלען זיי מקרב געווען און דערוועקט אין זיי אַ ווילן, אַ לוסט, און אַן אינטערעס צו ווערן אַקטיוו אינם אַרבעטער־רינג. ישורין האָט געהאָלפן שאַפן אַ לאַגע, אַז דער „נאַציאָנאַלער קלוב״ איז פאַר די יוגנטלעכע געוואָרן אַ צוגרייטונגס און בילדונג אינסטיטוט, וואו זיך צו לערנען די פּרינציפּן פונם אַ.־ר., די אידעאַלן פון חבר־שאַפט און פריינדלעכקייט.

איך זאָג אייך מיט אמתער אָפנהאַרציקייט, אַז דער קלוב איז דער אמתער כוח און טרייב קראַפט פאַר אַקטיוויטעט, ניט בלויז פאַר דירעקטע ענגע אַרבעטער־רינג אויפגאַבעס און אַקטיוויטעטן, נאָר מיר, די יוגנטלעכע, זיינען דורך ישורינען און דעם קלוב, געוואָרן פאַראינטערעסירט, אין ייִדישע און וועלטלעכע אינסטיטוציעס, ווי למשל, דער „אָרט״, „ייִדישער אַרבעטער קאָמיטעט״, „ייוואָ״, „ייִדישער קולטור קאָנגרעס״ און נאָך אַ סך אַנדערע ייִדישע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס וואָלטן אונדז אָן דעם געבליבן פרעמד. איך, זאָגט איפּשין, קען דאָס מיט באַשטימטקייט זאָגן, ווייל איך בין אַקטיוו אינם קלוב און בין אויך נאָענט באַקאַנט מיט אונדזער יוגנטלעכער אַ.־ר. באַוועגונג.

צווישן די פֿאַרשיידענע אַקטיוויטעטן פֿונעם קלוב וואָס איך בין אַקטיוו, נעם איך אויך אָפּט אָנטייל אין דער „סטירינג־קאָמיטע" און קען זיין אַן עדות, אַז ניט נאָר שטערט ניט ישורין אינעם אויסוואַל פֿון קאַנדידאַטן פֿאַר דער פֿאַרוואַלטונג, ספּעציעל פֿאַר די יוגנטלעכע, נאָר פֿאַרקערט, ער דער־מוטיקט און אָפּט נוצט ער אויס זיין איינפֿלוס אַריינצוציִען וואָס מער יוגנט־לעכע פֿעאיקע מענטשן אין די פֿאַרשיידענע פֿאַרוואַלטנדע קאָמיטעען.

מען זאָגט, אַז ישורין איז אַן עקשן און איז אָפּט איינגעשפּאַרט דורכ־צופֿירן געוויסע פּלענער און רעפֿאָרמען וואָס ער מיינט, אַז זיי זיינען נוי־טיק פֿאַרן פּראָגרעס פֿון דער אָרגאַניזאַציע. קען זיין אַז דאָס איז אמת, אָבער ווען עס קומט צו רעקאָמענדירן קאַנדידאַטן פֿאַר דער פֿאַרוואַלטונג, איז ער זיכער ניט קיין עקשן. פֿאַרקערט, ער הערט זיך צו צו די מיינונגען און רעקאָמענדאַציעס פֿון די אַקטיווע אַ.־ר.־טוער. זיכער, צווינגט ער ניט אַרויף זיין מיינונג אויף דער קאָמיטע, הגם ער דענקט אָפּט, אַז זיי מאַכן אַ טעות אין זייער אָפּשאַצונג. דאָס איז דאָך זיכער ניט קיין מידה פֿון עק־שנות און איינגעשפּאַרטקייט.

וואָס שייך דעם קלוב בכלל, בין איך איבערצייגט, אַז ער איז אַ שטאַר־קער נוצלעכער כּוח אינעם אַרבעטער־רינג. אַ דאַנק דעם קלוב, איז אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פֿון די יוגנטלעכע און ענגליש־רעדנדיקע בראַנטשעס אַק־טיוויזירט געוואָרן און טוען גוטע אַרבעט. אָן דער דערמוטיקונג פֿון ישורין און דעם קלוב, וואָלט דאָס קיינמאָל ניט דערגרייכט געוואָרן.

אמת, זאָגט איפּשין, איך בין ניט פֿון די מיטגלידער, וואָס קענען ריידן וועגן די אַקטיוויטעטן פֿונעם קלוב פֿאַר 50 יאָר פֿון זיין עקזיסטענץ, אָבער פֿאַר די היפּשע יאָרן וואָס איך בין אַ מיטגליד פֿונעם קלוב, האָב איך גע־פֿונען אַ גייסטיקן גענוס און אַן אמתן פֿאַרגעניגן וואָס מען קען נאָר קריגן ווען מען פֿאַרברענגט מיט אמתע אויפֿריכטיקע פֿריינד אין קאַמפּס־גענאָסן.

איך האָף, פֿריינד ראָבערטס, איר וועט מיר ניט שלעכט פֿאַרשטיין, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז די איינציקע זאַך וואָס איך בין איצט באַזאָרגט איז דאָס, וואָס מיר גרייטן ניט צו פֿעאיקע און פֿאַסיקע טוער און פֿירער פֿאַרן קלוב. ווען אונדזערע עלטערע פֿירער וועלן מיד ווערן אָדער בכלל ניט זיין בכוח אָנצופֿירן מיט דער אַרבעט פֿונעם קלוב. דער קלוב איז אַ צו ערנסטער אינסטרומענט און וויכטיקע אינסטיטוציע, וואָס מען טאָר ניט פֿאַרנאַכ־לעסיקן. איך דענק, אַז ישורין אַלס טשיף דאַרף איצט מאַכן זיין אויפֿגאַבע צוצוגרייטן עטלעכע טוער וואָס זאָלן זיין גרייט, צו יעדער צייט, איבערצו־נעמען די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און פֿירערשאַפֿט פֿון אונדזער קלוב.

אַ. לעף — פּרעזידענט פון קלוב אין 1962

לסוף האָבן מיר געכאַפּט אַ שמועס מיט פריינד אַ. לעף, דער פּאַראַיאָרי־קער פּרעזידענט פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״.

ווען מיר האָבן אים געפרעגט, וואָס ער דענקט וועגן דעם קלוב, האָט ער זיך פאַרטראַכט און נאָך אַ היפּשער ווײַלע געזאָגט:

— פריינד ראָבערטס, איך מוז זיך מודה זיין, אַז ניט געקוקט אויף דעם וואָס איך בין שוין אַ מיטגליד פונם קלוב אַן ערך 20 יאָר און בין אַקטיוו אינם קלוב אויף געוויסע געביטן, קען איך זיך נאָך אָבער אַלץ ניט מוחל זיין מיינע אַמאָליקע חטאים קעגן דעם קלוב. איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז איך האָב אין משך פון לאַנגע יאָרן באַטראַכט דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ פאַר אַ פּאָליטישע קליקע, וואָס האָט פאַרכאַפּט די ממשלה אינם אַ.־ר. און דורך פאַרשיידענע טריקס און שווינדלען טעראָריזירט דעם אָפּיס און ניט דערלאָזט צו קיין דעמאָקראַטישע וואַלן אינם אַ.־ר. בכלל האָב איך גע־האַסט יעפּים ישורין און אים באַטראַכט אַלס אַ פּאָליטישן „באָס״, אַ דיק־טאַטאָר, וועלכער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך און מיטלען, דורכצו־פירן זיין פערזענלעכן ווילן און פאַרלאַנג.

בכלל האָב איך געטראַכט, אַז ער וויל ניט צולאָזן קיין פעאיקע מענטשן אין דער פאַרוואַלטונג פונם אַ.־ר. ספּעציעל לאָזט ער ניט צו קיין מענטשן מיט אייגענע מיינונגען. איך האָב מיין מיינונג ניט פאַרבאַהאַלטן און פלעג דאָס אָפּט אַרויסזאָגן ביי יעדער געלעגנהייט.

איך בין אָבער צופרידן וואָס אַריינקומענדיק אינם קלוב אַלס מיט־גליד, האָב איך גלייך איינגעזען מיין גרויסן טעות. איך האָב באַקומען די געלעגנהייט צו זיין אַקטיוו אין פאַרשיידענע קאָמיטעען און ספּעציעל אין דער „סטירינג קאָמיטע״, און איך בין איבערציינט געוואָרן, — ערשטנס, אַז דער קלוב באַשטייט ניט פון „פּאָליטישענס״, וועלכע זוכן פערזענלעכע נוצן, אָדער כיבודים, נאָר אַז די קלוב־מיטגלידער זיינען אמתע איבער־געגעבענע אַ.־ר.־טוער, וועלכע באַמיען זיך אָנצוהאַלטן די גאַנצקייט און זיכערקייט פונם אַ.־ר., וועלכע ווילן אָפּהיטן דעם אידעאַליזם און פּרינציפּן, פאַר וועלכע דער אַ.־ר. איז געגרינדעט געוואָרן.

צווייטנס, בין איך צופרידן וואָס איך קען מיט אַ ריינעם געוויסן זאָגן, אַז יעפּים ישורין איז ניט נאָר ניט קיין דיקטאַטאָר און מאַכט־זוכער, נאָר ער איז באמת אַן איבערגעגעבענער אידעאַלער אַ.־ר.־מענטש, וועלכער האָט אין אַלע זיינע אַקטיוויטעטן איין זאַך אין זינען — און דאָס איז די גאַנצ־קייט און וואוילזיין פונם אַרבעטער־רינג. ניט נאָר צווינגט ער ניט אַרויף זיינע מיינונגען ביי די פאַרשיידענע קאָמיטע־מיטינגען, נאָר ער רעכנט זיך

זייער שטאַרק מיט יעדנס מיינונג. ווען עס האַנדלט זיך וועגן רעקאָמענדירן מיטגלידער פאַר דער פאַרוואַלטונג, איז ער בלויז פאַראינטערעסירט, אַז די בעסטע און פעאיקסטע מענטשן זאָלן אויסגעוויילט ווערן. ער רעכנט זיך אַלעמאָל מיט די מיינונגען פון די אַקטיווע מיטגלידער און זייער אָפט הערט ער זיך צו צו די מיינונגען פון זיינע מיטאַרבעטער, הגם ער קען אַמאָל ניט זיין איינשטימיק מיט זיי. מיט איין וואָרט, ער איז ווייט פון זיין אַ דיקטאַטאָר, הגם זייער אָפט „קיבעצט" מען אים, אַז ער איז דער גאָט גע־זאַלבטער טשיף, מיט פולער מאַכט...

אמת, לפּנים, אָדער אויבנאויף, זעט עס אָפּט אויס, אַז דער קלוב באַגייט אַ פאַרברעכן קעגן דער אָנגענומענער דעמאָקראַטיע. אָבער פון די דער־פאַרונגען, וואָס מיר האָבן אָפּט געהאַט מיט דער ברייטער דעמאָקראַטיע אינם אַ.־ר. האָבן מיר געלערנט, אַז אַ סך מאָל פירט די לויזע דעמאָקראַטיע צו כאַאָס און רואין.

עס איז מיין איבערצייגונג, זאָגט פריינד לעף, אַז מיט דער הילף פונם קלוב עקזיסטירט ביי אונדז אמתע דעמאָקראַטיע, און דאָס איז אַ ברכה פאַרן אַ.־ר. הלוואַי וואָלטן נאָר געווען גענוג אינטעליגענטע און פעאיקע אַ.־ר.־מיטגלידער וואָס וואָלטן געוואָלט דינען אין דער פאַרוואַלטונג פונם אַ.־ר. וואָלטן זיי גאָר ניט געהאַט קיין שוועריקייטן מצד דעם קלוב אויס־געוויילט צו ווערן צו יעדער צייט. אונדזער צרה איז אָפּט, וואָס אונדזערע כוחות זיינען באַשרענקטע.

איך זאָג דאָס גאַנץ אָפן און אויפריכטיק, אַז ישורין בעט זיך ביים אַקטיוו פונם אַ.־ר., אַז מען זאָל רעקאָמענדירן נייע מענטשן, פעאיקע מענטשן וואָס מען זאָל קענען צוציען צו דער אַ. ר.־אַרבעט.

יאָ, מיין פריינד ראָבערטס, איר פרעגט וואָס דענק איך וועגן „קלוב", דערקלער איך אייך אָן וועלכע ניט איז רעזערוואַציעס, אַז עס איז אַ כבוד צו זיין איינער פון די הונדערטער קלוב־מיטגלידער, וואָס דינען דעם אַ.־ר. ערנסט, אויפריכטיק, אָן פערזענלעכע אַמביציעס און פערזענלעכע נוצן. פאַר מיר איז זיכער אַ באַזונדערער פאַרגעניגן און כבוד וואָס איך בין אין יאָר 1962 געווען דער פּרעזידענט פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב".

אויסטויש פון צוויי אַרטיקלען אין „פריינד"

פון וויליאַם עדלין
דעמאָלסדיקן גענ. סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג

יעפים ישורין
סעקרעטאַר פון דעמאָלסדיקער קאָנטראָל קאָמיטע

וויליאַם עדלין

ווער איז דער בעל הבית פון גענעראַל אָפיס?

(מיינונג פון גענעראַל־סעקרעטער איבער אַ יורידיקציע־פראַגע)

אין לעצטען נומער „פריינד", אין דעם באַריכט פון גענעראַל עקזעקוטיוו קאָמיטעט, איז געווען געמעלדעט וועגן דעם, וואָס די קאָנטראָל־קאָמיטע זוכט צו קאָנטראָלירן דאָס אָנשטעלן פון אָפיס־מענטשן דורך די וועטאָ־מאַכט, וואָס די קאָנסטיטוציע גיט איר.

אין אַנדערע ווערטער, אַזוי ווי די קאָנסטיטוציע פון אַרבעטער־רינג זאָגט דאָס „די קאָנטראָל־קאָמיטע האָט אַ רעכט צו וועטאָאירן באַשלוסן וועגן עקספּענסעס, וואָס ווערן געמאַכט פון דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע", זוכט די קאָנטראָל־קאָמיטע צו זאָגן אַ דעה אין דעם אָנשטעלן פון אָפיס־מענשן.

און די פראַגע שטעלט זיך דאָ: האָט די קאָנטראָל־קאָמיטע אַ רעכט דערצו? גיט איר די קאָנסטיטוציע די דאָזיקע רעכט?

ערשטענס איז כדאי צו באַטראַכטן דעם בוכשטאַב פון געזעץ, דאָס געשריבענע וואָרט פון אונזער קאָנסטיטוציע.

אַז אין דער קאָנסטיטוציע שטייט, דאָס די קאָנטראָל־קאָמיטע קען וועטאָאירן „באַשלוסן וועגן עקספּענסעס", האָבן מיר שוין דערמאָנט. אָבער וואָס אייגענטלעך פאַרשטייט מען אונטער „באַשלוסן וועגן עקספּענסעס"?

ווען די עקזעקוטיוו קאָמיטע, צום ביישפּיל, פירט דורך אַ פאָרשלאָג צו קויפן נייע מעבל פאַר גענעראַל אָפיס, אָדער איינצואָרדנען אַ ביבליאָטעק, אָדער זיך אריינציען אין אַן אייגענער היים, דאַן איז יעדער איינער פון די פאָרשלאָגן אַ באַשלוס וועגן עקספּענסעס, און די קאָנטראָל־קאָמיטע האָט דאָס קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט זיך אַריינצומישן מיט איר וועטאָ און זאָגן: האַלט!

ווי אָבער ווען די עקזעקוטיוו קאָמיטע פירט דורך אַ פאָרשלאָג, אַז אַן אַנגעשטעלטער פון גענעראַל אָפיס זאָל בעקומען אַ העכערונג אויף

די שכירות פון גאַנצע צוויי דאָלאַר, אָדער אַז דער אַסיסטענט בוך־קיפּער זאָל דערהויבן ווערן צו דער שטעלע פון בוך־קיפּער, אָדער אַז דער אַסיסטענט סעקרעטאַר זאָל דערהויבן ווערן צו דער שטעלע פון סעקרע־טאַר — ווי דאַן? קען דאָ אויך אריינמישן זיך די קאָנטראָל־קאָמיטע מיט איר וועטאָ־מאַכט?

גאַנץ געוויס, ווען אין דער קאָנסטיטוציע וואָלט ניט געשטאַנען קיין אַנדער זאַך אויסער דעם, דאָס „די קאָנטראָל־קאָמיטע האָט אַ רעכט צו וועטאָאירן באַשלוסן וועגן עקספּענסעס". אָבער אין דער קאָנסטיטוציע שטייט אויך עפּעס אַנדערש, און אָט וואָס:

די עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט דאָס רעכט „אָנצושטעלן אין אָפּיס אַלע באַצאָלטע אָנגעשטעלטע און באַשטימען זייער געהאַלט" (זע זייט 24 פון דער קאָנסטיטוציע).

אַלזאָ, דאָס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג וועגן דעם קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. די עקזעקוטיוו קאָמיטע און ניט די קאָנטראָל קאָמיטע האָט דאָס רעכט צו זאָגן, ווער עס זאָל זיין קאַסיר, סטענאָגראַפער אָדער בוך־קיפּער אין גענעראַל אָפּיס. אויך האָט די עקזעקוטיוו קאָמיטע און ניט די קאָנטראָל קאָמיטע דאָס רעכט צו זאָגן וויפל שכירות יעדער פון די אָנגעשטעלטע זאָל באַקומען. דאָ גילט גאַר ניט די וועטאָ־מאַכט פון קאָנטראָל־קאָמיטע. אַפילו וועגן דעם הויפּט־עקזעקוטיוו באַאַמטן פון גענע־ראַל אָפּיס זאָגט די קאָנסטיטוציע, אַז די עקזעקוטיוו קאָמיטע (און ניט די קאָנטראָל־קאָמיטע) האָט דאָס רעכט „אָנצושטעלן אַ סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, וועלכער פיגורירט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון אָרדן".

דאַרף מען די זאַך קלאָרער? דאָס איז דער בוכשטאַב פון געזעץ, דאָס געשריבענע וואָרט פון דער קאָנסטיטוציע, און עס לייגט זיך ניט אויפן שכל, ווי אַזוי עס קען דער עקזעקוטיוו קאָמיטע איינפאַלן אויפצוגעבן איר רעכט, וועלכע די קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט איר שוואַרץ אויף ווייס.

נאַטירלעך, דאָ קענען קומען חכמים און זאָגן: אמת, דאָס וואָס איר ציטירט, שטייט טאַקע אין דער קאָנסטיטוציע, זייט 34; אָבער גיט אַ מיש אויף זייט 38, שטייט דאָרטן, דאָס די קאָנטראָל־קאָמיטע קען וועטאָ־אירן „באַשלוס וועגן עקספּענסעס". נו, איז דער באַשלוס אָנצושטעלן אַ נייעם סטענאָגראַפער, אָדער דערהויבן דעם אַסיסטענט־סעקרעטאַר צו סעקרעטאַר, ניט אַ באַשלוס וועגן עקספּענסעס?

איז דאָ ז'ער ענטפער: טאַקע ניט!

און דאָ מוזן מיר זיך שוין אויך רעכענען מיט דעם גייסט פון דער קאָנסטיטוציע.

וואָס האָבן די, וועלכע האָבן פערפאַסט די קאָנסטיטוציע, געקענט

באַצוועקן מיט געבן דער קאָנטראָל־קאָמיטע דאָס וועטאָ־רעכט אויף „באַשלוסן וועגן עקספּענסעס״?

ווען מען לעזט די קאָנסטיטוציע מיט קאָפּ, זעט מען, אַז זיי, די יעניקע וועלכע האָבן די קאָנסטיטוציע פאַרפאַסט, האָבן געוואָלט פאַרהיטן, אַז די עקזעקוטיוו קאָמיטע זאָל ניט זיין פאַרשווענדעריש, אָדער צו ליבעראַל מיטן געלט פון אָרדן. זיי האָבן ניט געמיינט אַז מען זאָל מורא האָבן אָנצו־פאַרטרויען דער עקזעקוטיווע דאָס רעכט צו בעשטימען די געהאַלטן פון אָפּיס אָנגעשטעלטע. זיי האָבן ניט געמיינט, אַז מען זאָל דער עקזעקוטיווע קענען שטערן אויף שריט און טריט אין דער פאַרוואַלטונג פון גענעראַל אָפּיס. פאַרקערט, זיי האָבן די עקזעקוטיווע געמאַכט פאַר די הויפּט פאַר־טרעטערין פון דעם אָרדן, פאַר די פאַראַנטוואָרטלעכסטע קערפּערשאַפט פון דעם אָרדן — די קאָמיטע וועלכע אָרגאַניזירט ברענטשעס, וועלכע קאָלעקטירט אַלע געלטער פון די ברענטשעס, וועלכע פאַרפאָלגט די יעניקע וואָס מיסברויכן די געלטער, וועלכע באַוואַכט דאָס גאַנצע אייגענטום פון אַרבעטער־רינג, וועלכע שיקט אַרויס רעפערענדומס און וועלכע קען רופן ספּעציעלע קאָנווענשאַנס. פאַר דער וועלט איז די עקזעקוטיוו קאָמיטע דער אַרבעטער־רינג; און מיינט אימיצער צו זאָגן אַז אַזאַ קאָמיטע האָט מען ניט געוואָלט אָנפאַרטרויען דאָס רעכט צו בעשטימען אומגעשטערט, וויפל אַן אָנגעשטעלטער אין גענעראַל אָפּיס זאָל באַקומען געהאַלט?

לעכערלעך! קיינער קען עס ניט זאָגן!

פּאַקטיש איז עס דאָך, אַז די דאָזיקע רעכט האָט טאַקע די עקזעקוטיוו־קאָמיטע שוואַרץ אויף ווייס. אי וואָס עס שטייט אויף אַן אַנדער זייט, אַז די קאָנטראָל־קאָמיטע קען וועטאָאירן „באַשלוסן וועגן עקספּענסעס״, נו, מיינט דאָס טאַקע, אַז די קאָנטראָל־קאָמיטע האָט אַ וועטאָ־רעכט איבער אַלע באַשלוסן וועגן עקספּענסעס, אָבער ניט איבער אָנגעשטעלטע אין גענעראַל אָפּיס און ניט איבער זייערע שכירות.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אין אַלגעמיין גערעדט זיינען שכירות אויך עקספּענסעס, אָבער לויט ווי די קאָנסטיטוציע איז געשריבן, אין בוכ־שטעבלעכן ווי אויך אין גייסטיקן זין, ווערט דאָ מיט שכירות געמאַכט אַן אויסנאַם, כדי די טאָג־טעגלעכע רוטינע אַרבעט פון דעם אַרבעטער־רינג גענעראַל אָפּיס זאָל ניט זיין געשטערט. צו מאַכן דעם אַרגומענט פאַר דער אויסטייטשונג פון דער קאָנסטיטוציע נאָך שטאַרקער, קען געגעבן ווערן פאָלגענדער ביישפּיל:

שטעלט אייך פאָר, אַז אַנשטאָט די ווערטער: „אָנצושטעלן אין אָפּיס אַלע בעצאָלטע אָנגעשטעלטע און באַשטימען זייער געהאַלט״, זאָל גאָר שטיין אין דער קאָנסטיטוציע: „אָנצושטעלן אין אָפּיס אַלע באַצאָלטע אָנגע־שטעלטע און זיי צאָלן צו 25 דאָלאַר אַ וואָך״. ווי דאַן? וואָלט די קאָנט־

ראַל־קאָמיטעט זיך געמעגט שטיצן אויף זייער וועטאָ־רעכט וועגן „באַשלוסן פון עקספּענסעס" און געזאָגט אַ דעה וויפל מען זאָל צאָלן די אַנגעשטעלטע ? געוויס ניט ! דאַן וואָלט דאָך יעדער געזאָגט, אַז די קאָנטראָל־קאָמיטעט קען מיט אַ האַק ניט אויסהאַקן דאָס רעכט, וואָס איז געגעבן געוואָרן דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט. היינט מיט וויפל אַנדערש איז דאָס פון דעם, וואָס עס שטייט אין דער ווירקלעכקייט געשריבן אין דער קאָנסטיטוציע ? די ווערטער : „אָנצושטעלן אין אָפּיס אַלע באַצאָלטע אָנגעשטעלטע און באַשטימען זייער געהאַלט", זיינען דאָך ניט ווייניקער באַשטימט און ניט ווייניקער קלאָר ווי די ווערטער : „אָנצושטעלן אין אָפּיס אַלע באַצאָלטע אָנגעשטעלטע און זיי צאָלן צו 25 דאָלאַר אַ וואָך".

ווייל אַז מען טייטשט אויס די קאָנסטיטוציע אַליין נור אין איר גייסט, זעט מען, אַז דער צוועק פון דער וועטאָ איז געווען, אַז אין וויכטיקע פאַלן פון עקספּענסעס זאָל די קאָנטראָל־קאָמיטעט האָבן אַ נעגאַטיווע דעה, אָדער פשוטער געזאָגט, קענען מאַכן אַן אָפּהאַלט. היינט בפרט נאָך ווען אויך אין וואָרט פון דער קאָנסטיטוציע ווערט דאָס באַשטעטיקט, קען דאָך געוויס קיין פראַגע ניט זיין, אַז אַליין די עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט דאָס רעכט „אָנצושטעלן אין אָפּיס אַלע אָנגעשטעלטע און בעשטימען זייער געהאַלט". טאָ ווי קומט עס, וואָס די עקזעקוטיוו קאָמיטעט האָט דערלויבט און דערלויבט נאָך איצט אויך דער קאָנטראָל קאָמיטעט צו שטערן איר אין דער רוטינער אַרבעט אויף שריט און טריט ?

נאַטירלעך, דאָס ווייזט נור אַרויס די שוואַכקייט פון דער עקזעקו־טיוו קאָמיטעט. זי פילט זיך אפשר ניט קרעפטיק גענוג צו פאַרוואַלטן דעם גרויסן אָרדן, וועמעס שיקזאַל איז איר אָנפאַרטרויט געוואָרן אויף דעם יאָר 1913־1914. אויב אַזוי, דאַן איז דאָס צו באַדויערן, ווייל דעם אָרדן אונדזערן גיט דאָס ניט צו קיין כחות און קיין כבוד.

אַן אַלטער שפּריכוואָרט זאָגט : „צופיל קעכינס פּירן איבער דאָס געקעכטס". דאָס גילט גוט פאַרן גענעראַל אָפּיס פון אַרבעטער־רינג. קיין צופיל בעלי־בתים קענען און טאָרן דאָרט ניט זיין. אויב מען וויל אַז די רוטינע געשעפטן פון אַרבעטער־רינג זאָלן פאַרוואַלטעט ווערן רואיק, פּינקטלעך און מיט אַ ריכטיקער אָרדנונג, דאַן איז גענוג ווען די עקזעקוטיוו קאָמיטעט האָט דאָרט די דעה דורך דעם גענעראַל סעקרעטאַר, וועלכן זי שטעלט אָן.

צו דערלויבן צופיל דעה־זאָגער אין גענעראַל אָפּיס, מיינט צו דער־מוטיקן קליינלעכע פּאָליטיק און העסלעכע אינטריגעס — זאַכן וועלכע מען האָט שוין דאָרט געהאַט צופיל אין דער פערגאַנגענהייט... עס איז דעריבער פון גרעסטער וויכטיקייט, אַז די נאָענסטע קאָנווענשאָן, וועלכע

ווערט אָפּגעהאַלטן ווערן אין ניו היווען, זאָל איבער דעם פּונקט זיך אַרויסזאָגן אַזוי קלאָר און דייטלעך, כדי וועגן דעם זאָל אין דער צוקונפט ניט קענען פאָרקומען קיין שום שטרייטיקייטן צווישן די עקזעקוטיוו־קאָמיטע און קאָנטראָל קאָמיטע.

(„פריינד״, יאַנואַר 1914)

יעפים ישורין

ווער וויל זיך מאַכן פאַרן בעל הבית אין גענעראַל אָפּיס?

(מיינונג פון דעם סעקרעטאַר פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע.)

מיט דעם געבורט פון יאָר 1914 איז דערשינען אויף דער אַרענאַ פון דעם אַרבעטער־רינג די שוין גאַנצע אַלטע און שטענדיק צייט־שטרייטע־דיקע פראַגע וועגן די רעכטן פון קאָנטראָל קאָמיטע.

דערביי איז עס מערקווערדיק, דאָס די יעניקע, וועלכע האָבן אייגנטלעך געדאַרפט בעסער פאַרשטיין די קאָנסטיטוציע פון אַרבעטער־רינג, מאַכן זיך גראָדע ניט ווייסענדיק, אָדער דייטלעכער געזאָגט, פּערמעסטן זיך צו מאַכן פאַלשע אויסטייטשונגען פון דער קאָנסטיטוציע און ספּעציעל ווען עס קומט צו די רעכט פון דער קאָנטראָל קאָמיטע, וועלכע די דאָזיקע פּערזאָנען בעטראַכטן אַלס אַ צוטשעפּעניש אין אַרבעטער־רינג. וואָלטן די הערן, וועל־כע זיינען אַזעלכע גוטע פריינד און אָנהענגער פון דעמאָקראַטישע איינריכ־טונגען אין אַרבעטער־רינג, זיך ניט געשעמט, דאַן וואָלט געוויס ביי איינע פון די פּערגאַנגענע קאָנווענשאָנס רעקאָמענדירט געוואָרן די קאָנטראָל קאָמיטע אין גאַנצן אָפּצושאַפן.

די צרה אָבער ליגט אין דעם, וואָס מען וואַגט ניט אַרויסצוטרעטן אָפן פאַר דער וועלט מיט אַזעלכע סטראַשנע געדאַנקען, אַלענפאַלס ניט היינטיקע צייטן, ווען אַלעס ווערט געטאָן און געזאָגט לויט דעם באַראָמעטער פון פאָלק. די דערשיינונג, האַלטן מיר, איז אַ דערפרייענדער פּאַקט, מיט וועלכן מיר קענען זיך גראַטולירן.

דער פּאַקט אַליין, וואָס וועגן דער קאָנטראָל קאָמיטע האָט מען עפּעס די לעצטע צייטן צו אָפט אָנגעהויבן דערמאָנען אין אונדזער אָפיציעלער פּרעסע, דאַרף דינען ווי דער בעסטער באַוויז, אַז די קאָנטראָל קאָמיטע מוז וואַרשיינלעך זיין ניט קיין בית־עולם, ווייל וואָלט די קאָמיטע זיך ניט באַוועגט, ניט געשפּילט דיווירקלעכע ראָלע, וועלכע איז איר געגעבן געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע, וואָלט מען געטראַכט אפילו אויסצומיידן צו דערמאָנען

דעם פֿאַראַכטעטן נאָמען פֿון דער קאָנטראָל קאָמיטע. און טאַקע דערפֿאַר וואָס די קאָנטראָל קאָמיטע האָט זיך אָנגעהויבן צו לאָזן פֿילן און זאָגן אַ דעה אין אַלע אָנגעלעגנהייטן פֿון דעם אַרבעטער־רינג, האָט מען זיך דער־שראָקן, אַז די קאָנטראָל קאָמיטע זאָל ניט ווערן קיין צו שטאַרקע מאַכט, וועלכע קען נאָך חס־ושלום רואינירן דעם אַרבעטער־רינג...

פֿאַרשטעלנדיק זיך די געפֿאַר, וועלכע ליגט פֿאַר אין דעם וואוקס פֿון קאָנטראָל קאָמיטע, איז מען אויפֿן נייעם יאָר אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַטאַקע אויף דער קאָנטראָל קאָמיטע, אָבער דאָך פֿ אַ ר ש ט ע ל ט ע ר ה י י ט.

צום ביישפּיל, אין יאַנואַר נומער „פֿריינד" איז ערשינען אַן אַרטיקל „ווער איז דער בעל־הבית פֿון גענעראַל אָפּיס?" געשריבן פֿון סעקרעטאַר פּר. וו. עדלין, וועלכער האָט גענומען אויף זיך אַ ספּעציעלע אויפֿגאַבע צו שטודירן די קאָנסטיטוציע. אין גרונט גענומען האָבן מיר גאָרניט דאַקעגן, אַז פּר. עדלין זאָל זיך ווירקליך אָפּגעבן צו שטודירן אַזאַ העכסט וויכטיקע פּראָבלעם, טראָץ דעם וואָס מיר פֿילן, דאָס אַ סעקרעטאַר פֿון אַרב.־רינג, וועלכער איז נאָך אַזאַ קורצע צייט אויף זיין שטעלע, האָט אייגענטלעך פֿאַר זיך גענוג באַשעפֿטיקונג צו שטודירן מער נויטיקע פֿאַר אים פֿראַגן... אונדזער סעקרעטאַר האָט אָבער דאָך אַריינגענומען אין זיינע הענט אונדזער 64־זייטיקע קאָנסטיטוציע און האָט, דורכבלעטערנדיק די ערשטע 36 פּיידזשעס, זיך אָבגעשטעלט אויף דעם 37טן בלעטל, וואו צו זיין גרויסער איבערראַשונג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער קאָנטראָל קאָמיטע און אירע פֿונקציעס.

מיר שטעלן זיך פֿאָר, דאָס קיין אַנגענעמען איינדרוק האָט דער אַרטיקל 17 פֿון דער קאָנסטיטוציע אויף פּר. עדלין ניט געמאַכט, ווייל דער פֿאַקט אַליין, דאָס די קאָנסטיטוציע אַנערקענט די עקזיסטענץ פֿון דער קאָמיטע, האָט געדאַרפֿט זיין אַן אַנטטוישונג. ווער רעדט נאָך אַז דער אַרטיקל 17, וועלכער איז ניט זייער לאַנג געשריבן, זאָגט גאַר פֿיל צו גונסטן דער קאָנטראָל קאָמיטע, אָדער ריכטיקער געזאָגט, זאָגט דייטלעך, דאָס די קאָנטראָל קאָמיטע איז ניט עפּעס אַ צוטשעפּעניש, איז ניט בלויז אַ שטיף־קינד אין דער אַרבעטער־רינג פֿאַרוואַלטונג נאָר קען אַפֿילו וועטאָאירן באַשלוסן וועגן אויסגאַבן וועלכע ווערן געפֿאַסט פֿון דער עקזעקוטיוו און אַלע אַנדערע סטענדינג־קאָמיטעטן, דאַן איז די לאַגע געוואָרן שלים, און פּר. עדלין, אונדזער גענעראַל סעקרעטאַר, האָט זיך פֿאַרמאָסטן מיט אַלע זיינע קרעפֿטן צו געבן אַ שלאַכט, וועלכע איז ניט מער ווי אַ פּערזענלעכער אָנגריף אויף דער קאָנטראָל קאָמיטע, צוליב אַ גאַנץ פּערזענלעכע פֿראַגע, וועלכע איז פֿער־בונדן מיט די רעכטן פֿון דער קאָנטראָל קאָמיטע.

און אויב פּר. עדלין האָט זיך דערלויבט אַרויסצוטרעטן מיט אַ טעאָרע־טישן אַרטיקל וועגן יוריסדיקציע־פֿראַגן אין דער צייט, ווען דאָס האָט פּשוט

געמיינט צו רעדן וועגן אַן אַבסאָלוט פּערזענלעכע פּאַסירונג, געפֿין איך, ווי איינער פֿון די פּאַרוואַלטער און טאַקע פֿון דער קאָנטראָל־קאָמיטע, צו דערקלערן וואָס עס האָט אַזוי שטאַרק ווי געטאָן פּר. עדלין די רעכט פֿון דער קאָנטראָל קאָמיטע.

פּר. עדלין גיט אָן אייניקע ביישפּילן, וועלכע זיינען ניט אויסגעטראַכט געוואָרן פֿון דער הפּטורה, ווי די פֿראַגע צי זאָל דער אַסיסטענט בוך־קיפּער דערהויבן ווערן צו דער שטעלע פֿון בוך־קיפּער. דאָס איז אַ ווירקלעכע פּאַסירונג, דער אַסיסטענט בוך־קיפּער איז אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן אויף דעם ראַט פֿון סעקרעטאַר און צושטימונג פֿון דער עקזעקוטיווע, דערהויבן געוואָרן צו דער שטעלע פֿון דעם הויפּט בוך־קיפּער אין אָפּיס. די קאָנטראָל קאָמיטע, וועלכע גיט זיך אָפּ טאָג־טעגלעך מיט דער קאָנטראָל פֿון אָפּיס אין אַלע פֿינאַנציעלע אָנגעלעגנהייטן, קומענדיק אין טאָג־טעגלעכער באַרירונג מיט די בוך־קיפּערס, האָט איינגעזען אין דעם באַשלוס אַ גרויסע געפֿאַר. די קאָנטראָל קאָמיטע איז געווען מיט דעם מיינונג, דאָס אַלס הויפּט בוך־קיפּער דאַרף אָנגעשטעלט ווערן אַ קאָמפּעטענטע פּערזאָן, וועלכע מען קען פֿאַרטרויען די בוך־פֿירונג פֿון אַזאַ גרויסן געשעפֿט. די פֿעאיקטן פֿון דער אויבן דערמאָנטער פּערזאָן זיינען ניט געווען גענוגענד. דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַ שטאַרקער. די עקזעקוטיווע, הערענדיק פֿון דער קאָנטראָל קאָמיטע די שטאַרקע אַרגומענטן קעגן דער דערהויבונג, האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז דאָך פֿאַרבלייבן אַלס הויפּט בוך־קיפּער. מיט איין וואָרט, מען האָט אין דעם פֿאַל ניט געוואָלט צוגעבן, אַז די קאָנטראָל קאָמיטע האָט אַ רעכט צו זאָגן וועגן די פֿעאיקייטן פֿון בוך־קיפּער, מיט וועלכן די עקזעקוטיווע האָט קיין שום פֿאַרבינדונגען ניט און האָט זיך אייגענטלעך פֿאַרלאָזן אויף דעם סעקרעטאַר, וועלכער איז נאָך אַליין געווען אָנגעשטעלט אויף אַ פּראָבע. די עקזעקוטיווע האָט זיך אַזוי לייכט ניט אונטערגעגעבן און האָט בעשלאָסן אַפּעלירן צו דער לאָאָ און ק. ק., און די לעצטע איינזעענדיק דאָס די קאָנטראָל קאָמיטע, האָבנדיק גענוג געלעגנהייטן צו זען די פֿעאיקייטן פֿון בוך־קיפּער, און זיי רעדן ניט פֿון די פֿינגער, האָט איבערגעגעבן די פֿראַגע נאָך אַמאָל צו פֿאַרהאַנדלען די עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטע געמיינשאַפֿטלעך, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אומצווואַרפֿן דעם באַשלוס פֿון דער עקזעקוטיווע, און היינטיקן טאָג איז דער הויפּט בוך־קיפּער אַ קאָמפּעטענטער סערטיפֿייט אַקאַונטען.

נאָך דעם ווי פּר. עדלין איז אָפּגעווען אַ פֿערטל יאָר צייט סעקרעטאַר אויף פּראָבע, האָט די עקזעקוטיווע קאָמיטע ביי ענדע פֿון יאָר 1913 אָנגעהויבן צו פֿאַרהאַנדלען די פֿראַגע וועגן זיין אָנשטעלונג אויף ווייטער צו דעם צוועק איז גערופֿן געוואָרן אַ געמיינשאַפֿטלעכער מיטינג פֿון דער עקזעקוטיוו צוזאַמען מיט דער קאָנטראָל קאָמיטע. די קאָנטראָל קאָמיטע,

זייענדיק ענג פֿאַרבונדן מיט די אַרבעטן פֿון אָפּיס, האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס די פֿאָדערונגען, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן פֿון פּר. עדלין, זיינען געווען צו שווערע, אַז די קאָנטראָל קאָמיטע זאָל זיי קענען באַווייליקן. דאָך ניט קוקנדיק וואָס די קאָנטראָל קאָמיטע איז געווען געגן די פֿאָדערונגען פֿון סעקרעטאַר, האָט די עקזעקוטיוו דאָך באַוויליקט אַלץ, און ווען עס איז געקומען צו דער קאָנטראָל קאָמיטע, איז דער באַשלוס פֿון דער עקזעקוטיוו וועטאָאירט געוואָרן.

דאַכט זיך, אַ גאַנץ געוויינלעכע פּאַסירונג, און די עקזעקוטיווע האָט געדאַרפֿט אָנערקענען דאָס וועטאָ־רעכט פֿון קאָנטראָל קאָמיטע אָדער אַפּעלירן צו דער לאָאָ און קאָנסטיטוציע קאָמיטע, ווי דאָס ווערט פֿאָרגעשריבן אין דער קאָנסטיטוציע. פּר. עדלין אָבער האָט זייער שווער געאַרבעט צו דערקלערן די עקזעקוטיווע, דאָס זיי דאַרפֿן זיך ניט לאָזן פֿירן פֿון דער קאָנטראָל קאָמיטע, דאָס דער קאָנטראָל קאָמיטע איז ניט געגעבן געוואָרן קיין רעכט צו וועטאָאירן געהאַלט פֿון סעקרעטאַר אָדער וועלכן ניט איז אַנדערע אָנגעשטעלטע אין אָפּיס, און דאָס איינציקע וואָס ער האָט געראַטן, איז צו איגנאָרירן די אָנווייזונג פֿון דער קאָנטראָל קאָמיטע.

די עקזעקוטיווע, באַשטייענדיק פֿון אַלטע אַרב.־רינג פֿאַרוואַלטער, וועלכע וויסן וואָס די מעמבערשיפּ פֿון אַרב.־רינג האָט געמיינט, עטאַבלירענדיק די קאָנטראָל קאָמיטע און געבנדיק איר די רעכטן, וועלכע זיינען פֿאָרגעשריבן אין דער קאָנסטיטוציע, האָט זיך אָבער געלאָזן באַאיינפֿלוסט ווערן פֿון זייער סעקרעטאַר און האָט אָנגעפֿרעגט די לאָאָ און קאָנסטיטוציע קאָמיטע, צו האָט די קאָנטראָל קאָמיטע אַ רעכט צו וועטאָאירן געהאַלט פֿון אָנגעשטעלטע, און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך דער ענטפֿער איז געווען, אַז די דאָזיקע רעכט איז געגעבן געוואָרן דער קאָנטראָל קאָמיטע.

עס איז וויכטיק צו באַמערקן, דאָס די פֿאַרגאַנגענע קאָנטראָל קאָמיטע, האָבן פֿיל מאָל וועטאָאירט שכירות, און טראָץ דעם וואָס אין געוויסע פֿאַלן האָט די לאָאָ און קאָנסטיטוציע קאָמיטע באַשלאָסן אונדזער וועטאָ אומצוּוואַרפֿן, איז עס דאָך געבליבן אַנערקענט, אַז פּ ר י נ צ י פּ י ע ל האָט די קאָנטראָל קאָמיטע דאָס רעכט צו וועטאָאירן אַפֿילו שכירות פֿון אָנגעשטעלטע.

אַלזאָ, נאָכדעם ווי די קאָנסטיטוציע זאָגט (אַרטיקל 17 פּאַראַגראַף 8): „די קאָנטראָל קאָמיטע האָט אַ רעכט צו וועטאָאירן באַשלוס וועגן עקספּענסעס, וואָס ווערן געמאַכט פֿון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע״, און (פּונקט 9 פֿון זעלבן אַרטיקל 17): „די עקזעקוטיוו קאָמיטע טאָר ניט אויסצאָלן די עקספּענסעס און קען אַפּעלירן צו דער לאָאָ, קאָנסטיטוציע און אַפּעלאַציעס קאָמיטע״, אויך נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט די אַנטשיידונגען אין ענליכע פֿאַלן פֿון דער לאָאָ און קאָנסטיטושאָן קאָמיטע, קומט צוגיין אונדזער „הויפּט

בעל הבית", דער גענעראַל סעקרעטאַר, און ראַט גאָר די עקזעקוטיווע צו איגנאָרירן די קאָנטראָל קאָמיטע, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז די עצה געהערט ניט צו זיינע פליכטן אַלס סעקרעטאַר.

*

נאָר וואָס האָט איינגנטלעך געבראַכט דערצו, אַז פר. עדלין זאָל וועלן אויסטייטשן אַנדערש די רעכט פון דער קאָנטראָל קאָמיטע, אין דער צייט ווען די פאַרביסענע קעגנער פון דער עקזיסטענץ פון דער קאָנטראָל קאָמיטע האָבן נאָך קיין מאָל אַזוינס ניט געוואַגט און נאָכדעם ווי די געזעצלעכע קערפּערשאַפטן ווי די לאָאָ און קאָנסטיטוציע קאָמיטע און קאָנווענשאָנס האָבן אַלע מאָל באַשטעטיקט די שטעלונג פון דער קאָנטראָל קאָמיטע?

דאָס איינציקע וואָס מיר קענען זאָגן, איז אַז פר. עדלין וואָלט וועלן זיין דער איינציקער בעל־הבית אין אָפיס, האָבן אַן עקזעקוטיווע, וועלכע זאָל זיין באַרייט צו הערן "אין טראָק" אַלע העכערע קאָמיטעס. דאַן אָבער וואָלט ער ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו געבן אַזאַ אַנגענעמען קאָמפּלימענט דער איצטיקער עקזעקוטיווע, אַז זייערע האַנדלונגען ציגן אַז זיי זיינען ניט גענוג קרעפטיק צו פאַרוואַלטן דעם אַרבעטער־רינג, מיט וואָס מיר זיינען פאָלקאָם איינפאַרשטאַנען, ווייל וואָלט די עקזעקוטיווע באַגריפן ווי אויס־געצייכנט זייער סעקרעטאַר רעפּרעזענטירט זיי, וואָלטן זיי ניט דערלויבט אים צו באַשולדיקן די קאָנטראָל קאָמיטע אין באַשעפטיקן זיך מיט "קליינ־לעכע פּאָליטיק און העסלעכע אינטריגעס". צוזאַמען מיט פר. עדלין וואָלטן זיי דאַן וויסן, אַז אַזוינע קוילן טרעפן קיינמאָל ניט דעם אין וועלכן מען צילט און מערסטנטייל באַשעדיקן זיי דעם שיסער אַליין, ספּעציעל ווען מען שיסט בלויז מיט דעם צוועק צו קוויטן אַ פּערזענלעכע רעכענונג.

עס איז אונדזער איבערצייגונג, אַז פאַר דער מעמבערשיפּ פון אַרבע־טער־רינג דאַרף ניט זיין קיין חסרון דער פאַקט, אַז די קאָנטראָל קאָמיטע לאָזט זיך פון קיינעם ניט האַלטן אין פּאַקעט.

("פריינד", פעברואַר 1914)



יעקב פישמאַן

מיכל איוועגסקי

מיטאַרבעטער פון „חברשאַפט"

אַ סך פון די אָפּשאַצונגען וועגן אונדזערע געוועזענע פּרעזידענטן פון קלוב — זיינען געשריבן געוואָרן פון מ. איוועגסקי און זיינען געדרוקט געוואָרן אין אונדזער פּובליקאַציע „חברשאַפט".

די רעדאַקציע געפינט דאַרום פאַר פּאַסיק, אָפּצודרוקן אַן אָפּשאַצונג וועגן מ. איוועגסקי, וועלכער איז געדרוקט געוואָרן אין „חברשאַפט" צו זיין 65טן געבוירנטאָג, געשריבן פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן מיטאַרבעטער פון „חברשאַפט" — יעקב פישמאַן.

„אַך, ווי די יאָרן לויפן, טשאָרט פּאָבערי!" — אָט די דאָזיקע ווערטער וואָלט מ. איוועגסקי געזאָגט וועגן אַ נאָענטן פריינד, וואָס האָט דערגרייכט אָט־דעם עלטער.

עס ווילט זיך קוים גלויבן, אַז איוועגסקי האָט שוין אָפּגעציילט זעקס און אַ האַלב צענדליק יאָר...

ווי אַזוי איוועגסקי האָט אָפּגעפּטרט די ערשטע עטלעכע יאָר, וויפל תלמוד־תורה׳ס, ישיבות און אַנדערע לער־אַנשטאַלטן ער איז דורכגעגאַנגען, וועלן מיר איבערלאָזן אויף פינף יאָר שפּעטער. אַפילו זיין סאָציאַליסטישע טעטיקייט וועלן מיר דאָ ניט באַרירן. דאָס וועלן מיר אָפּלייגן אויף זיין זיבעציקסטן יובליי. דאָ וועלן מיר בלויז געבן אַ קורצן איבערבליק וועגן איוועגסקיס אַקטיוויטעט אין אונדזערע רייען און אין אונדזערע אַרבעטער־רינג־באַוועגונג.

איוועגסקי איז קיינמאָל, דוכט מיר, קיין פּראָסטער סאָלדאַט ניט געווען. ער האָט גלייך אָנגעהויבן פון אַ הויכן גענעראַל־ראַנג.

שוין מיט עטלעכע־און־דרייסיק יאָר צוריק, ווען דער אַרבעטער־רינג איז נאָך געווען אין די „ווינדעלעך" און די פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען

פון „צוויי הייזער", אַן עקזעקוטיווע און אַ קאָנטראָל קאָמיטע, איז איוועג־סקי געווען אַ מיטגליד פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע, וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע צו קאָנטראָלירן די פינאַנסן פון אַרבעטער־רינג, און אויפ־פּאַסן, אַז די עקזעקוטיווע זאָל ניט איבערטרעטן אירע בודזשעטן. ווען אַ נייע פאָרמע פון פאַרוואַלטונג איז געשאַפן געוואָרן, איז איוועגסקי אַ מיט־גליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, פון דער נאַציאָנאַלער באָאַרד אָוו דירעקטאָרס און פון דער סעמעטערי קאָמיטע (פון וועלכער ער איז היינט דער טרעזשורער).

כמעט ביי אַלע קאָנווענשאָנס פון אַרבעטער־רינג, ווען איוועגסקי איז געווען אַ דעלעגאַט, איז ער געווען אין „קאָנווענשאָן־סעקרעטאַריאַט". ער האָט עס געדאַרפט פאַרשרייבן אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען ביי די זיצונגען. אַלע רעדעס וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן, אַלע באַשלוסן און רעזאָלו־ציעס. דאָס איז אַ זייער שווערער און העכסט פאַראַנטוואָרטלעכער אַמט, איבערהויפט איז עס געווען אין יענע יאָרן ווען קיין יידישע סטענאָגראַ־פערס זיינען נאָך ניט געווען, און דער סעקרעטאַר האָט אַליין אַלץ גע־דאַרפט אויפכאַפּן און פאַרשרייבן, רעדאַגירן און דערנאָך עס לאָזן אָפּ־דרוקן אין די אָפיציעלע פּראָטאָקאָלן.

מיר איז עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו זיין אין „סעקרעטאַריאַט" צוזאַמען מיט איוועגסקין, און איך געדענק זייער גוט דעם ערנסט און יראת־הכבוד, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו זיין אַרבעט, ווי ער האָט מקפּיד געווען אויף יעדן זאַץ, אויף יעדן וואָרט, — עס זאָל חלילה וחס ניט אַריינכאַפּן זיך אַ שלעכטער אויסדרוק, אַ ניט־ליטעראַרישע פראַזע. איך דערמאָן זיך איצט ווי אין אַ פרימאָרגן האָב איך געטראָפן איוועגסקין אין זיין האָטעל־צימער אַרומשפּאַנענדיק אַן אויפגערעגטער און געשריען: „טשאַרט פּאָבערי, דאָס איז דאָך סקאַנדאַליעז!"

„וואָס איז געשען?" — פרעג איך אים.

„אַזאַ סקאַנדאַליסט!" — ענטפערט מיר איוועגסקי, — איר זעט וואָס דער דרוקער האָט דאָ אָפּגעטאָן: דער זאַץ האָט זיך געדאַרפט אָנפאַנגען מיט אַ נייעם פּאַראַגראַף און ער האָט עס צוזאַמענגעטשעפּעט!"

„ניט קיין אומגליק" — פּרואוו איך אים באַרואיקן, — „ס'איז דאָך בלויז אַ רעדע פון אַ באַגריסער".

אָבער איוועגסקי לאָזט זיך ניט באַרואיקן, און ער קאָכט זיך ווייטער.

„די רעדע האָט טאַקע געטויגט אויף כפרות — אָבער דער זאַץ מוז זיין קאָרעקט"...

אָט דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר איוועגסקין. זיין גאַנצער לעבן האָט געמוזט זיין קאָרעקט... ערנסטקייט און אינטעליגענץ, דאָס איז שטענדיק געווען איוועגסקיס צוגאַנג צו יעדן אַמט וואָס ער האָט פאַר־

נומען. ער האַלט ניט פון קיין האַלבער אַרבעט, ער איילט זיך קיינמאָל ניט, ער נעמט זיך צייט, אָבער וואָס ער טוט קומט ביי אים אַרויס אַ פאַלקאָמע זאַך — עס מוז זיין קאָרעקט — אויב ניט, איז „טשאָרט פאָ־בערי!"

איוועניסקי איז אַ פיינער זשורנאַליסט. זיינע אַרטיקלען זיינען געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס", „צוקונפט", „פריינד" און אין דעם העברע־אישן „הדואר". ער שרייבט איבער: „הויך פינאַנץ", „סטאַטיסטיקעס", סאָ־ציאַלע און קולטור־פראַגן. ער איז אַ גרויסער למדן אין יידישער קול־טור. מען זאָגט יאַקבי, אַז ווען ער איז איינער אַליין ביי זיך אין צימער (און ער איז דאָס פאַר די לעצטע יאָרן כמעט שטענדיק) לערנט ער גאַנץ געשמאַק אַ בלאַט גמרא. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אַ הייסער ייד, מיט אַ שטאַרקער ליבע צום יידישן פאָלק און קולטור. אָט די שטאַרקע ליבע זיינע האָט אים מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרפירט אַזש קיין פאַ־ריז, אַלס דעלעגאַט צו אַ יידישער קולטור־קאָנפערענץ, פון וועלכער ס'איז שפּעטער געבאָרן געוואָרן דער „איקוף".

אַ גאָר חשובן פלאַץ פאַרנעמט איוועניסקי אין אונדזער אָרגאַן „חבר־שאַפט". ער איז אונדזער ביאָגראַף. ער מאָלט די כאַראַקטער־פּאָרטרעטן פון פאַרשטאָרבענע און לעבעדיקע טוער און פירער אין אונדזער באַווע־גונג. ער גיט איבער שטריכן פון זייער לעבן און קאַמף. אויף דעם דאָזיקן געביט ווייזט ער אַרויס אַן אמתע מייסטערשאַפט און באַאָבאַכטונגס־קראַפט אין דער אַנאַליזירונג און אָפּשאַצונג פון יעדנס מעלות און שוואַכקייטן, וואָס זיינען פון אונדז קוים באַמערקט געוואָרן, און אפשר לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. אָבער מיט איוועניסקיס אָפּהאַנדלונגען וועגן זיי, ווערן די פאַר־שטאָרבענע פאַר אונדז ווידער לעבעדיק, און די לעבעדיקע — נעענטער און טייערער — מיר דערזעען זיי אין אַ גאַנץ נייעם ליכט.

מ. איוועניסקיס שטילע באַשיידנקייט, איז פון אַ יידן אַ תלמיד־חכם, אַ מענטש וואָס בלאָזט ניט פון זיך און גרויסט זיך ניט מיט זיין וויסן און קענטשאַפט. אַפילו אין פּרינציפּיעלע פראַגן אין וועלכע מ'גייט זיך מיט אים פונאַנדער— פילט מען אָבער אין דער זעלבער צייט צו אים אַ ליבע און רעספעקט — דעם זעלבן רעספעקט וואָס מיר האָבן געפילט צו אונדזערע טאַטעס און זיידעס, פאַר זייער גרויסן גלויבן און בטחון — וואָס מיר אַליין האָבן ניט געהאַט...

* * *

איוועניסקי, מיכל — געבוירן 4 אַפּריל 1881 אין לידע, ווילנער גוב., רוסלאַנד. זון פון משה גרונים. געלערנט אין חדר, ישיבה, זעלבסט־בילדונג. אַקטיוו אין „בונד". אין אַמעריקע פון 1906. פון 1908 אין אַרבעטער־רינג. אין לידער ברענטש 194, וואָס ר'האָט געהאָלפן גרינדן. סעקרעטאַר פון פיל אַ־ר־קאָנווענשאָנס, 1916—19. דריי

טערמינען אין נאַציאָנאַל עקזעקוטיוו קאָמיטע. 50—1921 אַכט טערמינען פאַרטראָטן שטאַט ניו־יאָרק אין נאַצ. דירעקטאָרן־באָארד. אין נאַצ. קאָמ. פאַר קאָנטראָל, קאָנסטי־טוציע, היים פאַר אַלטע מיטגלידער. פאַרעפנטלעכט גרויסע צאָל אַרטיקלען אין פריינד (פון אַ־ר.), צוקונפט, פאָרווערטס א. אַ., געשריבן אָפּשאַצונגען וועגן אַ סך טוער פון אַ־ר. אויך אַ בוך „בצדי דרכים” אין העברעאיש. אַ קענער פון עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. פון פאַך אַ בוכהאַלטער. געווען אַקטיוו אין די לידער לאַנדסמאַנשאַפטן, הילפס־קאַמ־פיינס פאַר הסתדרות. געפאָרן זיך באַזעצן אין מדינת־ישראל און נאָך 2 יאָר צוריקגע־וואַנדערט. פּלוצלונג געשטאָרבן אין סאָבוויי, ניו־יאָרק, 1 יולי 1954.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע „חברשאַפט”

ערשטע רייע פון רעכטס צו לינקס: פרענק עפּשטיין, י. פּאָגעל, מיכל איוועגסקי, שעף־רעדאַקטאָר יעפים ישורין, אַב. הערשקאָוויץ; שטייענדיק: לאָלאַ (קאַרטוניסט), יעקב פישמאַן, מאַקס גאַפּט, סעמיועל רעגענסבערג.

פון זיי לעבן: ס. רעגענסבערג, י. פּאָגעל, יעפים ישורין, אַב. הערשקאָוויץ

אונדזערע

50 פרעזידענטן

פון קלוב

א ו נ ד ז ע ר ע
פ ו פ צ י ק
פ ר ע ז י ד ע נ ט ן

יוסף וויינבערג	1914
אב. עפשטיין	1915
שבתי בולגאַטש	1916
איזידאָר קאָהען	1917
אייזיק אלפערט	1918
בערנאַרד ליליענבלום	1919
נייטען פיינערמאַן	1920
מאָריס לעווינסאָן	1921
נייטען פילאָט	1922
לעאָן אַרקין	1923
ראובן גוסקין	1924
מאיר דייווידאָף	1925
זלמן וואָלאָס	1926
יעקב ראָטמאַן	1927
אברהם רייזעראָף	1928
אָסקאַר סטירמאַן	1929
ד״ר סעמיועל סילווערבערג	1930
לואיס דינערשטיין	1931
ד״ר דזשוליוס קאָרנעל	1932
בארנעט וואולף	1933
נחום כאַנין	1934
רפאל גינזבערג	1935
בערנאַרד פעלדמאַן	1936
הערי בערגער	1937
ד״ר אלעקסאַנדער זעלדין	1938
פיליפ בלאָק	1939
בענדזשאַמין מיימאַן	1940
יעקב ראָבערטס	1941
בענדשאַמין קאַפּלאַן, נ. י.	1942
ישראל פיינבערג	1943
בארנעט אקסעלראָד	1944
יונה דריישפיל	1945
סעמיועל רודאָוו	1946
לואיס עפשטיין	1947
מאָריס י. אשפיז	
דזשוליוס ווייסבערג	1948
מאַקס גאַפּט	1949
יודל באָרענשטיין	1950
דזשאָזעף ברעסלאָוו	1951
אַלעקס לאַסאָוו	1952
מאָריס ל. פאָלין	1953
דזשאָזעף טואווים	1954
מייקעל רובינשטיין	1955
יוסף בערענשטיין	1956
יחיאל עבעריל	1957
דניאל איפשין	1958
דזש. ט. זוקערמאַן	1959
ישראל ברעסלאָוו	1960
דזשאָזעף דאָרפמאַן	1961
אברהם לעף	1962
מאיר ווייַנטרויב	1963

נ. כאַנין

יוסף וויינבערג — 1914

דער ערשטער פּרעזידענט פון קלוב

אין די לעצטע יאָרן האָט דער טויט אַרויסגע־ריסן פון די רייען פון דער יידישער אַרבעטער באַ־וועגונג אַ באַדייטנדע צאָל וויכטיקע טוער און פירער. דורך זייער טויט אין אונדזער אַרבעטער און פאָלקס־באַוועגונג באַדייטנד אָרעמער געוואָרן. יוסף וויינ־בערג איז געווען איינער פון זיי.

יוסף וויינבערג איז געשטאָרבן אין עלטער פון 78 יאָר. דאָס איז אַ טיפער עלטער. יינגערע מענטשן טראַכטן און ווינטשן זיך, אַז זיי זאָלן דערלעבן צו אַזאַ טיפן עלטער. און דאָך, ווען אַ מענטש, אַפילו אין דעם עלטער, שטאַרבט, לאָזט דאָס איבער אַ טיפן ווייטיק אין אונדזער האַרצן. ערשטנס, צוליב דעם וואָס ווען מ׳לעבט מיט אַ מענטשן און דער מענטש איז אין פולן געזונט, און אין אַ גוטן גייסטיקן צושטאַנד, ציילט ער נישט זיינע יאָרן. און ווען דער טויט קומט צו אַזאַ מענטשן, טראַכט איר ניט ווי אַלט ער איז געווען, נאָר איר האָט אַלע מאָל אין זינען ווי נוצלעך ער איז געווען פאַר אונדזער באַוועגונג. זיין האַרץ האָט אים אויפ־געהערט ווי געהעריק צו דינען, אָבער דערפאַר איז זיין קאָפּ געווען קלאָר און סיי מיט זיינע געפילן, און סיי מיט זיין קאָפּ, האָט ער רעאַגירט אויף אַלע דערשיינונגען אין אונדזער אַרבעטער און סאָציאַליסטישן לעבן.

אין אַרבעטער־רינג איז וויינבערג געווען איינער פון די אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייטן. עס איז וויינבערג פּרעזידענט פון דעם אַרבעטער־רינג נאָך אין יאָר 1908, ווען די אָרגאַניזאַציע איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק קליין, אָבער ער האָט געהאַט גרויסע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פאַר גרויסן וואוקס און אַנטוויקלונג. און אויב דער אַרבעטער־רינג האָט זיך פאַ־

נאַנדערגעבליט אין אַ גרויסער יידישע און אַרבעטער פּאָלקס־אָרגאַניזאַ־ציע, מיט אַ גרויסן איינפלוס און יידישן לעבן ניט נאָר פון אַמעריקע, נאָר פון גאָר דער וועלט, איז דאָס צו פאַרדאַנקען אויך אין אַ גרויסער מאָס דער ענערגישער אַרבעט, טרייהייט און ליבשאַפט וואָס יוסף וויינבערג האָט פאַרמאָגט און האָט געגעבן דעם אַרבעטער־רינג.

וויינבערג איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט קראָקע, ביי נישט קיין רייכע עלטערן. ער האָט געלערנט אין חדר. ער האָט זיך אויך אָנ־געפּאַנגען לערנען אין דער דייטשיש־פּוילישער שול, וואָס איז געווען די שול פון לאַנד — עסטרייך. לאַנג האָט ער אין חדר און אין דער לאַנד־שול נישט געקענט זיין. צוליב די עקאָנאָמישע אומשטענדן אין זיין היים, האָט ער געדאַרפט אַוועקגיין אַרבעטן, און ער איז געוואָרן אַ קאַמאַשן־שטעפּער.

ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער בחורל, האָט ער זיך אָנגע־שלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון עסטרייך, אין איר פּוילישער אָפּטיילונג, וואָס איז געווען שטאַרק און איינפלוסרייך, אין זיין היימשטאָט קראָקע.

דער פירער פון דער פּוילישער אָפּטיילונג פון דער עסטרייכישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געווען דער פּראָמינענטער פּוילישער סאָ־ציאַליסט, איגנאַצי דאַשינסקי. וויינבערג איז אים נאָכגעלאָפן ווי אַ חסיד לויפט נאָך זיין רבין. דורך דאַשינסקיס רעדעס און לעקציעס האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט דעם טיפן גלויבן פון סאָציאַליזם, פון וועלכן ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט אין זיין גרויסן און לאַנגן לעבן.

ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע, האָט ער פאַר זיך דערזען דעם אַרבעטער־רינג ווי אַ קוואַל פון יידישן סאָציאַליזם. ער האָט זיך אָן דעם אַרבעטער־רינג אָנגעשלאָסן און האָט זייער שנעל דערגרייכט זיינע העכסטע הויכן.

צענדליקער יאָרן איז וויינבערג געווען דער פּרעזידענט פון אַרבע־טער־רינג. יוסף וויינבערג איז געווען אַ גוטער רעדנער און האָט אויף זיך געהאַט זייער אַ קלאָרן קאָפּ. ער איז געווען אַ דעמאָקראַטישער סאָ־ציאַליסט און ער איז אויך קיינמאָל ניט געשטרויכלט געוואָרן אָפּצוטרעטן פון די אידעאַלן פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

י. וויינבערג האָט פאַרמאָגט אַ געבוירענע אינטעליגענץ, און ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז אין שול און אין חדר לאַנג ניט גע־גאַנגען, האָט ער דאָך געהאַט אַ טיפן אינטערעס צו לייענען, צו גיין הערן לעקציעס און דורך דעם איז זיין סאָציאַליסטישער באַוואוסטזיין געוואַקסן און איז שטאַרק געוואָרן.

אין פאַרלויף פון די נאָענט צו 50 יאָר, וואָס ער איז געווען אַקטיוו

אין דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג, האָט ער זיך דער־וואָרבן אַ סך פריינט, וועלכע האָבן אים רעספּעקטירט און צו זיין וואָרט זיך צוגעהערט.

ווײַנבערג איז געוואַקסן מיט דעם אַרבעטער־רינג, און איך וועל ניט איבערטרייבן ווען איך וועל זאָגן, אַז דער אַרבעטער־רינג איז געוואַקסן מיט אים. ער איז געפאָרן איבערן לאַנד און געמונטערט די בראַנטשעס. און אַזוי ווי ניו־יאָרק איז געווען דער צענטער פונם אַרבעטער־רינג (עס זיינען געווען צייטן, ווען ניו־יאָרק האָט פאַרמאָגט פון 50 ביז 60 טויזנט מיטגלידער) — איז ווײַנבערג געווען דער רעדנער ביי אַלע קאָנפערענצן.

ווײַנבערג איז געווען כמעט ביי אַלע קאָנווענשאָנס פונם אַרבעטער־רינג זינט 1908. ער איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע אַרבעטער־רינג־טוער און פירער.

יוסף ווײַנבערג, דער סאָציאַליסט, האָט געגעבן גייסט און כאַראַק־טער אונדזער אָרגאַניזאַציע. ניט נאָר די געשיכטע, נאָר די, וועלכע עס האָבן מיט ווײַנבערגן געלעבט און געאַרבעט, וועלן אים נישט נאָר גע־דענקען, נאָר וועלן אָפּשאַצן זיין ראָל אין דעם אַרבעטער־רינג און זיין ראָל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

* * *

ווײַנבערג, יוסף — געבוירן 16 נאָוועמבער 1876 אין קראָקע, מערב־גאַליציע, עסטרייך. זון פון עזריאל און שרה. דער פאָטער, אַ פרומער ייד, האָט גע־פירט אַ חדר און מ'האָט אים גערופן עזריאל לערער, ווייל אין זיין חדר האָט מען אויך געלערנט לייענען און שרייבן. געלערנט ביים טאַטן אין חדר און גלייכצייטיק אין אַ מלוכהשער פאָלקס־שול מיט דער פּוילישער אונטערריכט־שפּראַך. געווען אַ בעל־מלאכה — אַ קאַמאַשנמאַכער. מאַי 1894 געקומען קיין אַמעריקע, אָבער צוליב דער שווערער לאַגע און בענקשאַפט — דעם זעלבן יאָר צוריקגעפאָרן. צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. 1895 אַ מיטגרינדער פון סאָציאַליסטישן פאַראיין „ברידערלעכקייט". 1897 דעלעגאַט צום קאָנגרעס פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָפּגעהאַלטן אין לעמבערג. 1896 אַ גרינדער פון קאַמאַשנמאַכער־פאַראיין אין קראָקע. נאָכן דינען אין מיליטער געקומען צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע אין 1900. געווען אַ צושניידער פון מענער־מלבושים און אַ מיטגליד אין יונייטעד גאַרמענט־וואָירקערס. שפּעטער — אַן אינשורענס־אַגענט. פון 1916 ביז אַ קורצער צייט פאַר זיין טויט באַשעפטיקט אין דער אַדמיניסטראַציע פון „פאָרווערטס". פון 1907 אין „פאָרווערטס" אַסס'ן. געווען טעטיק אין דער סאָצ. פּאַרטיי און ייד. סאָצ. פאַרבאַנד. באַלד פון דער גרינדונג (1921) אַקטיוו געאַרבעט פאַרן פאַרבאַנד און אויף צווייטער קאָנווענשאָן געוויילט אין נאַצ. עקז. קאָמ. נאָך דער פערטער קאָנווענשאָן געווען פאָרזיצער פון נאַצ. עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. ווייטער געוויילט אין נאַצ. עקז. אויף 14, 15, 16 קאָנווענשאָנס פון פאַרבאַנד.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. איווענסקי

אברהם עפּשטיין — 1915

אין משך פון לאַנגע יאָרן האָב אייב עפּשטיין פאַרנומען זייער אַ בכבודיקן אָרט אין דער פירערשאַפט פון אַרבעטער־רינג. צו זיינע רייד פלעגט מען זיך צוהערן, מיט זיינע מיינונגען פלעגט מען זיך רעכענען. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַלע וויכטיקע קאָמיטעטן, וואָס האָבן פאַרמירט די פּאָליסיס פון אָרדן. זייענדיק דער פאָרזיצער פון דער קאָנסטיטוציע קאָמיטע פון אַרבעטער־רינג, האָט ער געהאָלפן שאַפן אָט די קאָנסטיטוציע פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאַרבליבן דער פונדאַמענט פון אַרבעטער־רינג, אַפילו ווען פילע פונקטן זיינען פאַר דער צייט צוגעגעבן געוואָרן. פון דעם יאָר 1916 ביז 1920 איז ער געווען פרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט אין געוויסע יאָרן 80 טויזנט מיטגלידער.

אייב עפּשטיין איז געווען אַן אַרבעטער־רינג מענטש. ער איז געוואָקסן צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזאַציע. פון אַ באַשיידענעם פאַראיין פאַר זעלבסט־הילף פון אַרבעטער האָט זיך די אָרגאַניזאַציע אַנטוויקלט צו אַ גרויסן יידישן איינפלוסרייכן אָרדן: פּאַראַלעל מיטן אַרבעטער־רינג האָט זיך אייב עפּשטיין אַנטוויקלט פון אַ באַשיידענעם אַקטיוון טוער פון אַ פאַראיין מיט אַ לאָקאַלער באַדייטונג, צו זיין אַ פירער פון אַן אָרדן, וואָס שפּילט אַ גוואַלדיקע ראָליע אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון יידישע פאָלקסמאַסן בכלל און פון יידישע אַרבעטער בפרט.

זיכער האָט אייב עפּשטיין געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן אַרבעטער־רינג, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט ער געהאַט פיל צו פאַרדאַנקען דעם אַרבעטער־רינג אי פאַר זיין פּערזענלעכער גייסטיקער אַנטוויקלונג, אי פאַר דעם באַדייטנדן אָרט וואָס ער האָט פאַרנומען אין דער געזעלשאַפט.

אייב עפּשטיין איז געווען דאָס, וואָס מען רופט אַ פאָלקס אינטעליגענט. קיין סיסטעמאַטישע שול־בילדונג האָט ער ניט געקראָגן. ער האָט אָבער געלערנט אין ישיבה, גמרא, און אויב ער האָט זיך ניט אַוועקגעלאָזן ווייט שווימען אין ים־התלמוד, האָט ער זיך דאָך געבאָדן ביי די ברעגעס פון ים. די גמרא האָט געשאַרפט זיין איינגעבאָרענע פיאיקייט צו לאָגיק, וואָס איז געווען איינע פון זיינע כאַראַקטעריסטישע שטריכן.

געבאָרן געוואָרן איז אייב עפּשטיין אין דער שטאָט לידע, ווילנער גו־בערניע, אין יאָר 1874. ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ אָרימער פאַ־מיליע, וואָס האָט געקענט ציילן אויך לומדים. עפּשטיין איז געווען אַ קרוב פון דעם באַוואוסטן תלמודיסט משה בער, וואָס איז דערנאָך געוואָרן אַ ראש ישיבה אין דער באַרימטער ישיבה פון לידער רב ריינעס. עפּשטיין פלעגט זיך מיט זיין קרוב גרויס האַלטן, אַפילו ווען ער איז שוין געווען אַ סאָציאַליסט, אַ פריידענקער.

קומענדיק דאָ אין אַמעריקע, איז ער איבערגעגאַנגען אַלע שטופּן וואָס אַמאָליקע אימיגראַנטן פלעגן דורכמאַכן. די סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג דאָ אין אַמעריקע און די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָבן געהאַט אויף אים אַ ווירקונג. ער איז אָבער קיינמאָל ניט געווען קיין טעאָרעטיקער. ער האָט געלערנט פון פּראַקטישן לעבן און איז געווען מער פּראַקטיקער ווי טעאָרעטיקער. אין זיין טעטיקייט אין אַרבעטער־רינג האָט זיין פּראַקטישער שכל אָבער געבראַכט פיל נוצן. אין דעם קאַמף פון יונגע און אַלטע האָט עפּשטיין פאַרטראָטן דעם פּראַקטישן אָרגאַניזאַציאָנס שטאַנדפּונקט.

זייענדיק אַן אָרגאַניזאַציאָנס מענטש, איז עפּשטיין צוגעשטאַנען צו די זקנים, די אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַרהיטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע גאַנצקייט פון אַרבעטער־רינג. אין יאָר 1915 איז עפּשטיין געווען דער פּרעזידענט פון קלוב.

אין זיינע לעצטע יאָרן איז עפּשטיין אַוועק פון אַרבעטער־רינג. ער איז צוגעשטאַנען צו די קאָמוניסטן. עס האָט געקלונגען מאָדנע, וואָס אַזאַ קאָנסערוואַטיווער ייד ווי עפּשטיין זאָל ווערן לינק, נאָר קאָנטיק, אַז אויך אַ גאַנץ קאָנסערוואַטיווער מענטש קען אויסלעבן די יאָרן צווישן קאָמו־ניסטן, איינס מיט דעם אַנדערן האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן.

כאָטש ער איז געשטאַנען ווייט פון אַרבעטער־רינג, וועלן אָבער גוטע אַרבעטער־רינג־מיטגלידער געדענקען זיינע „חסד־נעורימדיקע" גוטע אויפ־טואונגען פאַרן אָרדן. עס וועלן געדענקען זיינע גוטע אויפטואונגען אויך די, וואָס זיינען זעלטן געווען איינפאַרשטאַנדן מיט אים.

* * *

עפּשטיין, אברהם — געבוירן 30 אַפּריל 1874 אין לידע, ווילנער גוב., רוסלאַנד. אַ זון פון אָרעמע עלטערן, אַ קרוב פון לידער ראש־ישיבה. געלערנט אין חדר, תלמוד־תורה, ישיבה. אַ חובבי־ציון. עמיגרירט קיין לאָנדאָן, וואו געהערט צו אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע פון 1895. אַקטיוו אין סאָציאַליסטישן באַווע־גונג (ס.ל.פּ.), ס. פּ. אַ פּאַקעטבוקמאכער, ראַפּער־מאַכער, אָנגעשטעלטער אין „פאָרווערטס", באַאַמטער פון פּיפּלס־רעליף. אין יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע (נאַצ. עקז.). בעת דער שפּאַלונג 1921 מיטגרינדער פון ייד. קאָמ. פעדעראַציע. פון די ערשטע אַ.־ר.־טוער. 20—1906 זיבן טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמ. 2 מאָל קאַסירער. 20—1916 פיר טערמינען פּרעזידענט פון אַ.־ר. אין נאַצ. קאָמ.. אַ.־ר. (קאָנסטיטוציע, בילדונג). אין דער קאָמ. באַוועגונג אַ טוער פון אינט. אַרב. אָרדן, איקאָר, איקוף א. אַ. געשטאָרבן 24 מאַי 1943 אין ניו־יאָרק. (אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. איווענסקי

שבתי בולגאַטש — 1916

בולגאַטש איז געווען אַ מענטש, וואָס מען רופט ביי די „אומות העולם״ „אַנפאַן טעריבל״, אָדער פראָסט און איידל: אַ ייד אַ יאַבעדניק. ער האָט זיך ניט געלאָזט שפייען אין קאַשע. ער האָט מיט מוט פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפונקט און ניט געקוקט „ווער עלטער איז״.

זייענדיק אַן איבערגעגעבענער מיטגליד צו דער אַסאָציאַציע, וואָס גיט אַרויס דעם „פאָרווערטס״ און פון די בויער פון אַרבעטער־רינג, האָט ער דעם כבוד פון ביידע אינסטיטוציעס פאַרהיט ביי יעדער געלעגנהייט. ער האָט אויף זיי קיין שפרינקעלע ניט געלאָזט פאַלן. דער „פאָרווערטס״ איז געווען אַ טייל פון זיין לעבן און דער אַרבעטער־רינג — אַ וויכטיקער טייל פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. בולגאַטש איז זיין גאַנצן לעבן געווען דאָס וואָס מען רופט אַ לאָיאַלער אָרגאַניזאַציע מענטש, לאָיאַל ביז פאַנאַטיזם.

דער „פאָרווערטס״ האָט געהאַט און האָט נאָך איצט אויך איבערגעגעבענע חסידים, פאַנאַטיקער. קיין באַוועגונג קען ניט אָן אַזעלכע איבערגעגעבענע חסידים עקזיסטירן. בולגאַטש איז געווען איינער פון זיי. בולגאַטש איז אויך געווען אַן איבערגעגעבענער חסיד פון אַרבעטער־רינג. די פרינציפן פון ביידע אָרגאַניזאַציעס זיינען אים געווען זייער טייער און ער האָט זיך ניט געשראָקן פאַר קיין קאַמף זיי צו פאַרטיידיקן. „מאַי קאַנטרי, ראַיט אָר ראָנג״.

אין דעליקאַטע סיטואַציעס, האָט מען אַרויסגעשטעלט בולגאַטשן. ער האָט געקענט „מאַכן אַ דזשאָב״.

איך געדענק אַזוי ווייט, ווי די ניינטע קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר אין יאָר 1909. די קאָנווענשאָן האָט געהאַט פאַר זיך אַ דעליקאַטע פראַגע צו דערליידיקן. עס איז געווען אַ סכסוך צווישן אייניקע סטעף־שרייבער מיט דער רעדאַקציע אין „פאָרווערטס״. אין וואָס דער סיכסוך איז באַשטאַנען איז ניט וויכטיק. קעגן דער רעדאַקציע האָט געזאָלט אויפטרעטן דער סאָציאַליסטישער זיידע מאָריס ווינטשעווסקי. ווינטשעווסקי האָט געבראַכט אַ קרעדענשל. די קרעדענשל איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער

קרעדענשל־קאָמיטע. די קרעדענשל־קאָמיטע האָט באַשלאָסן די קאָמיטע ניט צוצולאָזן. בולגאַטש האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט פון דער קרעדענשל־קאָמיטע. צווישן די דעלעגאַטן זיינען געווען אייניקע, וואָס האָבן גראָד סימפּאַטיזירט מיט די שרייבער. זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן טומל. בולגאַטש האָט זיך אין טומל געפילט מוטיקער, מער קאַמפּס־לוסטיק. ער האָט ענערגיש פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט פון דער קאָ־מיטע און האָט געוואונען די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די דעלע־גאַטן, וואָס זיינען דעמאָלט געווען יונגע איבערגעגעבענע סאָציאַליסטן. בולגאַטש האָט געזיגט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן כבוד פון „פאָר־ווערטס".

אַ צווייטער דראַמאַטישער אינצידענט האָט זיך ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון פון דער קאָנווענשאָן אין בראָנזוויל אין יאָר 1916. עס איז גע־ווען אַ צייט, וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט געהאַט צוויי סעקרעטאַרן, דאָקטאָר האָפּמאַן (צביון) און דאָקטאָר ראָזענבלאַט. י. ישורין, דער דע־מאָלדיקער סעקרעטאַר פון דער נאַציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָרן, האָט דורכגעפירט אַ רעזאָלוציע טאַדלענדיק די עקזעקוטיווע, וואָס אַ „שעה פאַר ליכט בענטשן", אַ פאַר וואָכן פאַר דער קאָנווענשאָן, האָט די עקזעקוטיווע, אויף איר אייגענער אחריות אָפּגעזאָגט דאָקטאָר ראָזענבלאַט, וועלכער איז ניט געווען צום הארצן דעם דעמאָלדיקן טשערמאַן פון דער עקזעקוטיווע, וויליאַם עדלין. די נאַציאָנאַלע באָארד אָוו דירעקטאָרן האָט די וואַלן פון אַ נייעם סעקרעטאַר אַנולירט און האָט צוריק אָנגעשטעלט דאָקטאָר ראָ־זענבלאַט. בערנשטיין, פון דעטראָיט, האָט דעם שטאַנדפּונקט פאַרטיידיקט ביי דער קאָנווענשאָן. די קאָנווענשאָן איז געווען אַן „אַלטע" און וואָלט געוויס גוטגעהייסן די האַנדלונג פון דער נאַציאָנאַלער באָארד אָוו די־רעקטאָרן. אַזוי איז טאַקע געווען. די אַלטע טוער האָבן אָבער געזען אין דער האַנדלונג אַ שלעכטן פּרעצעדענט. מען האָט זיך געקראַצט ביי דער שווערער סיטואַציע. נאָך דער שטורמישער זיצונג, איז אַרויפגעקלעטערט בולגאַטש און האָט געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז די קאָנווענשאָן זאָל דער־קלערן דעם פּלאַץ פון סעקרעטאַר וואַקאַנט. די דעלעגאַטן האָבן שוין אויף זיך געהאַט די מאַנטלען, קלייבנדיק זיך צו מיטאָג עסן. דער פאָרשלאָג איז דורכגעגאַנגען. די הייסע חסידים פון ראָזענבלאַטן זיינען געבליבן מיט אַ נאָז. מען האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפן. אַלע האָבן געהאַט אין זינען די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע. אַן אָרגאַניזאַציע, ווי יעדער קאָלעקטיוו (ציבור), איז וויכטיקער פון איינצלנעם.

בולגאַטש איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע־מענטש. ער האָט ניט געהאַט קיין פּערזענלעכע פּניות. די אינטערעסן פון כלל זיינען ביי אים געווען אין פאָדערגרונט.

בולגאַטש האָט געהאַט פּערזענלעכע שונאים. אָבער יעדער אַקטיווער אָרגאַניזאַציע־מענטש האָט אַזעלכע שונאים. ניט אָבער פּאָליטישע שונאים אַליין האָט בולגאַטש געהאַט. עס זיינען דאָ צווישן זיינע שונאים אַזעלכע ערלעכע מענטשן, ווי הערי שער, וואָס האָבן געזאָגט, אַז בולגאַטש האָט געהאַנדלט ניט ווי אַ גוטער סאָציאַליסט אין אַ געוויסן סטרייק. זאָגט מען אָבער, אַז איין צד הערט מען ניט אויס. הוי דן את כל אדם לכף זכות. אויף יעדן דאַרף מען זוכן אַ זכות און אַז מען זוכט געפינט מען.

יעדער מענטש האָט מעלות און חסרונות. בולגאַטש איז געווען אַן איבערגעגעבענער „פאָרווערטס״־מענטש און אַ גוטער, אַקטיווער אַרבעטער־רינג־מענטש.

* * *

בולגאַטש, שבתי (שמעון) — שטאַמט פון ראַזשינאַי, ביאַליסטאָקער געגנט, רוסיש־פּוילן. עמיגרירט קיין לאָנדאָן און פון דאָרט קיין אַמעריקע אין די נײַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. פון די ערשטע אַ.־ר.־מיטגלידער (מיטגליד־ביכל 13). אין אַרבעטער־רינג זינט דער גרינדונג אין 1900. דעמאָלט אַלט געווען 23 יאָר. געווען אין ברענטש 1. פון די אָנגעזעענסטע טוער אין אַ.־ר. זיך באַטייליקט אין פיל קאָנווענשאָנס. פון 1902 פיר מאָל אין נאַצ. עקז. קאָמ. ביז 1914 געווען אין ספּעציעלע קאָמיטעס פון אַ.־ר. 2 מאָל פּרעזידענט פון אַ.־ר. (11—1909). אין שייכות מיטן קאַמף צווישן אַ.־ר. און אינד. אַ.־ר. אין מאַסאַטשוזעטס אַטאָירני דזשענעראַל אַרויסגעגעבן אַ פאַר־אָרדענונג צו אַרעסטירן דעם אַ.־ר.־פּרעזידענט בולגאַטש, אויב ער וועט קומען אין שטאַט מאַס. אויך אַן אַקטיווער טוער פון „פאָרווערטס״ אַסס'ן, געווען סעקרעטאַר פון פאַרוואַלטונג. אויך אַקטיוו אין סאָצ. פּאַרטיי. פון פאַך אַ שניידער. שפּעטער אַן אינ־שורענס־אַגענט. געשטאָרבן, נאָך דעם ווי אַ טעקסי איז אים איבערגעפאָרן, 16 נאָוועמבער 1933 אין עלטער פון 58 יאָר.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. איזוועןסקי

איזידאָר (איסר) קאָהען — 1917

קאָהען איז געווען איינער פון די סימפּאַטישסטע מענטשן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. ער האָט זיך געמאַכט פיל פריינד, ניט קיין קאַזיאָנע, נאָר אויפריכטיקע פריינד. ער איז געווען אַ מענטש מיט האַרץ און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אויפריכטיקייט. אויף אויפריכטיקע מענטשן איז מען מאַנכעס מאָל אין כעס. אָבער מען האָט זיי דאָך ליב און מען האָט פאַר זיי רעספּעקט.

עס איז דאָ אַן אַלט ווערטל: „דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב”, וואָס מיינט, אַז ווערטער וואָס קומען פון האַרצן, גייען גלייך אין האַרצן. אין דער הינזיכט איז איזידאָר קאָהען געווען אַ גוטער רעדנער. ער האָט ניט געשאָסן מיט פראַזן. ער האָט ניט געמאַכט די אַקראָבאַטישע קונצן פון אַ פּראָפעסיאָנעלן רעדנער. ער האָט גערעדט צום פּונקט און זיינע ווערטער האָבן דעריבער געהאַט אַן עפעקט, אַ ווירקונג.

איזידאָר קאָהען האָט פאַרנומען פילע אַמטן אין אַרבעטער־רינג. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער לאָא און קאָנסטיטוציע־קאָמיטע. ער איז געווען אַ מיט־גליד פון דער נאַציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָרס. ער האָט אַלע אַמטן פאַרנומען מיט כבוד.

זייער טעטיק איז קאָהען געווען אין זיין אייגענעם ברענטש, אין ברענטש 43 פון ווילנער לאַנדסלייט. אַ גוטן מיטגליד פון אַרבעטער־רינג דערקענט מען אַמבעסטן אין דער רוטינער אַרבעט פון אייגענעם ברענטש. אָן איזידאָר קאָהען האָבן די מיטגלידער פון ברענטש קיין זאַך ניט אונ־טערגענומען. זיין וואָרט איז געווען מאַסגעבנדיק. מען האָט זיך צו אים צוגעהערט און אַלע מיטגלידער האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. אַמבעסטן דערקענט מען אַ מענטשן אין אַן ענגן קרייז. די ליבע פון די מיטגלידער צו איזידאָר קאָהען פון זיין אייגענעם ברענטש איז די בעסטע אַטעסטאַציע וואָס מען קען איינעם געבן.

שטאַרק טעטיק איז קאָהען געווען אין דער טרייד־יוניאָניסטישער באַ־וועגונג. ער איז געווען מענעדזשער פון דער „פּאַריערס יוניאָן” אין די שטורמישע צייטן פון דעם קאַמף פון לינקע און רעכטע. די מיטגלידער

פון דער יוניאָן זיינען געווען לינק, קאָהען איז געווען פון די עקסטרעם רעכטע. אָבער די מיטגלידער זיינען געווען איבערגעגעבן צו זייער רעכטן פירער. פילע מענטשן פון רעכטן לאַגער זיינען פאַרלוימדעט געוואָרן. קעגן קאָהען האָבן ניט געוואַגט צו רעדן אַפילו זיינע פאַרביסנסטע קעגנער.

געקומען איז קאָהען אַהער פון ווילנע, וואו ער איז געווען אַקטיוו צווישן די פריקאַזשטשיקעס, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון „בונד". די פריקאַזשטשיקעס זיינען געשטאַנען אונ־טער דער פירערשאַפט פון דעם יונג פאַרשטאָרבענעם קלמן קראַפּיווניקאָוו, וועגן וועמען אברהם רייזען דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן די אַמאָ־ליקע גוטע יאָרן פון קאַמף און האָפענונג, ווען דער „בונד" האָט אָנגעהויבן צו פאַרכאַפּן די הערצער פון יידישע אַרבעטער.

קלמן קראַפּיווניקאָוו, אַ בחורל אַ ברען, מיט קאָסאָקע פאַרזשמורעטע אויגעלעך, האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע השפעה אויף דעם יונגען קאָהען. קראַפּיווניקאָוו האָט אויך געהאַט אַ השפעה אויף י. באַסקין, דעם גענעראַל סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג. קראַפּיווניקאָוו האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ הייסן טעמפּעראַמענט און האָט יונגערהייט געשריבן העברעאישע שירים. אַ פּאָר שירים פון דעם יונגן קראַפּיווניקאָוו האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. נאָך אַלס יונגער אינגל, איז קראַפּיווניקאָוו געוואָרן אַ סאָציאַ־ליסט. ער איז געקומען צום סאָציאַליזם גלייך פון די יידישע מוסר־ספרים.

ווי עס ווייזט אויס, האָט קראַפּיווניקאָוו געהאַט אַ ווירקונג אויף קאָ־הענען אין דער אַנטוויקלונג פון קאָהענס נייגונג צו פּאָעזיע.

אין די ערשטע יאָרן פון „בונד" פלעגט מען אין ווילנע זינגען אַ ליד:

„דאָרט אין ווינקל אין אַ נאַסן קעלער
ליגט אַ מענטש מיט אַ ברוסט־פעלער".

דאָס ליד פלעגט מען זינגען מיט דעם ניגון פון אַ ציגיינער באַלאַדע „מאַי קאָסטיאָר ו טומאַניע סוועטיט". וואָס פאַר אַ השפעה קראַפּיווניקאָוו האָט געהאַט אויף קאָהענען אין דער ליד ווייס איך ניט. אָבער דאָס ליד איז געווען פאַרפאַסט פון איזידאָר קאָהען. אַ. ליטוואַק, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט יעדער קלייניקייט אין דער געשיכטע פון „בונד" האָט דער־קלערט, אַז קאָהען איז דער פאַרפאַסער פון ליד און אויף ליטוואַקן קען מען זיך פאַרלאָזן.

אין אַמעריקע האָט קאָהען פאַרגעזעצט זיין סאָציאַליסטישע טעטי־קייט. אין אַמעריקע איז איזידאָר קאָהען פאַרבליבן דער זעלבער סאָציאַ־ליסט, ווי ער איז געווען אין ווילנע.

ביבליאָגראַפיע

„פאָרווערטס", ניו־יאָרק, יאַנואַר 19, 1937. — איזידאָר קאָהען שטאַרבט ביי געווערקשאַפטן מיטינג.

„פאָרווערטס", ניו־יאָרק, יאַנואַר 20, 1937 — איזידאָר קאָהען, (נעקראָלאָג לייט־אַרטיקל).

ליליפוט, אויפן פרישן קבר פון איזידאָר קאָהען, „פאָרווערטס", יאַנואַר 21, 1937.

„דער וועקער", ניו־יאָרק, יאַנואַר 30, 1937, ז. 3 — געוועסע איזידאָר קאָהען טויט. (נעקראָלאָג לייט־אַרטיקל).

ה. מאירסאָן, — איזידאָר קאָהען, נעקראָלאָג. „צוקונפט", ניו־יאָרק, פעברואַר, 1937, ז. 117.

דער פריינד, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1937, ז. 2־3 — איזידאָר קאָהען. (נעקראָלאָג־לייטאַרטיקל).

נייע פאָלקס־צייטונג. וואַרשע, פעברואַר, 5, 1937 — עס איז אַוועק איינער פון די פּיאָנערן. צום טויט פון ח' איזידאָר קאָהען.

יוגנט־וועקער, וואַרשע, נומ. 298—5, פעברואַר, 15, 1937 — געפאַלן אויפן פּאָסטן — איזידאָר קאָהען.

ווילנער טאָג, פעברואַר, 26, 1937 — אַלט־ווילנע. איסר קאָהען און זיינע זכרונות.

* * *

ק אָ ה ע ן , א י ז י ד אָ ר (איסר) — געבוירן מאַי 1875 אין ווילנע, רוסלאַנד. פון אָרימע עלטערן. געלערנט אין חדר. אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער. אַ גרינדער פון פאַראיין פון אָנגעשטעלטע (1896). פון די ערשטע בונדיסטן. פאַרפאַסט אַ ליד „די צוואה", וואָס די אַרבעטער האָבן לאַנגע יאָרן געזונגען. צוליב געפאַר אַרעסטירט צו ווערן אין 1899 — אַוועק קיין אַמעריקע, געהאָלפן צו גרינדן דעם צענטראַל פאַרבאַנד פון „בונד" אין אַמעריקע און ווילנער רעוו. אונטערשטיצונג־פאַראיין. אין אַ.־ר. פון 1904. אַ גרינדער פון ברענטש 43 א. ר., וואו 33 יאָר פּראָטאָקאָל־סעק. 10—1908 צוויי טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמ. 10־1910 וויצע־פּרעזידענט אַ.־ר. אין קאָמ. פאַר סאַנאַטאָריום און קאָנסטיטוציע. 35—1933 פאַרטרעטן שטאַט ניו־יאָרק אין נאַצ. דירעקטאָרן־באָאַרד. אַקטיוו אין סאָצ. פאַרטיי, „פאָרווערטס" אַסס'ן, ייד. סאָצ. פאַרבאַנד, פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, האַיאַס, יידישן אַרבעטער קאָמיטעט. 1904 צווישן די גרינדער פון פאָריערס־יוניאָן. יאָרן לאַנג אָרגאַניזירער און מענעדזשער פון פאָריערס־יוניאָן. לעצטע 3 יאָר רעפּאָרטער פון אַרבעטער באַוועגונג פאַרן „פאָרווערטס". געשטאָרבן אויף זיין פּאָסטן 18 יאַנואַר 1937 אויף אַ זיצונג פון פאַראייניקטע ייד. געווערקשאַפטן, ניו־יאָרק. פאַריתומט פרוי בערטאַ און קינדער.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. איווענסקי

אייזיק אַלפּערט — 1918

אייזיק אַלפּערט איז געווען איינער פון די באַשיידענע אַקטיווע טוער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און אין אַרבעטער־רינג בפרט, איינער פון „דזשימי היגגינס“ איז געווען אייזיק אַלפּערט, וועלכער איז אויך געווען פּרעזידענט פון דעם נאַציאָנאַלן קלוב אין יאָר 1918.

די „דזשימי היגגינס“ זיינען ניט קיין פּאַסיווע סאָלדאַטן, וואָס גייען נאָך זייערע פירער. ניין, די „דזשימי היגגינס“ זיינען אַקטיווע פירער. זיי זיינען וואָרטזאָגער. זיי טוען שווערע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. אַמאָל פאַרנעמען זיי פּאָזיציעס, וואָס זיינען אויסגעשטעלט צו געפאַרן. זיי זיינען אַקטיוו, אָבער אָן גרויסע פּרעטענזיעס. „זאת תולדת ההיגנס לעבוד ולמשא“ — דאָס איז די לעבנס־באַשרייבונג פון די „היגגינס“ צו טאָן שווערע אַרבעט.

די „דזשימי היגגינס“ טוען זייער שווערע אַרבעט ניט פאַר גלאָריע. די גלאָריע נעמען אָט די, וואָס האָבן די פעאיקייט צו לייענען די הפטורה מיט געזאַנג און מיט טראָפּ. דער „דזשימי היגגינס“ אַלפּערט האָט געטאָן נוצלעכע אַרבעט, ווייל די אַרבעט איז געווען אַ טייל פון זיין לעבן.

יונג האָט אַלפּערט אָנגעהויבן זיך צו באַטייליקן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. יונג איז ער געוואָרן אַן אַרבעטער. יונג איז ער אַריינגעטראָטן אין „בונד“. פריער אין „קליינעם בונד“ און שפּעטער האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. ער איז געווען אין געפאַר און איז אַפּגעפאָרן אין אַמעריקע. דאָ, אין אַמעריקע, זעצט ער פאָר זיין אַרבעט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער פאַרגעסט ניט די באַגייסטערטע אַרבעט פון דער אַלטער היים. אין יאָר 1898 ווערט דאָ אין אַמעריקע געגרינדעט אַ קאָמיטעט צו העלפן דעם „בונד“ און אַלפּערט ווערט אַ מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט.

ביסלעכוויז ווערט אייזיק אַלפּערט אַריינגעצויגן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. ער ווערט טעטיק אין דער אַסאָציאַציע, וואָס גיט אַרויס דעם „פאָרווערטס“. ער ווערט אַ טיכטיקער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער ווערט אַריינגעצויגן אין דער טעטיקייט אין אַר־

בעטער־רינג און ווערט איינער פון די אַקטיוויסטע מיטגלידער אין דעם אייגנאַרטיקן יידישן אָרדן.

אייזיק אַלפּערט פאַרנעמט פאַרשיידענע עמטער אין דער פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער־רינג. צוליב זוכן פּרנסה, פאָרט ער אַרום אין פאַרשיידענע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער ווערט טעטיק אין די ברענטשעס פון סעינט לואיס, פון שיקאַגאָ. זיין טעטיקייט פירט דערצו, אַז ער זאָל ווערן אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער באָארד אָון דירעקטאָרס פון דעם שטאַט אילינאָי אין די יאָרן 1913־1914. ער וואַנדערט פון איין פּלאַץ צום צווייטן, ביז ער באַזעצט זיך אין נואַרק, ניו־דזשוירזי, וואו ער איז געוואָרן זייער טעטיק אין דעם גרויסן ברענטש 23.

אין ברענטש 23 ווערט אַלפּערט דער פינאַנץ סעקרעטאַר. ער איז גע־ווען איינער פון די בעסטע סעקרעטאַרן אין אַרבעטער־רינג. צו זיין אַ פי־נאַנץ־סעקרעטאַר פון אַ גרויסן ברענטש איז אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. ער טוט זיין אַרבעט בשלימות.

וואוינענדיק ניט ווייט פון ניו־יאָרק, ווערט אַלפּערט אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע אין די יאָרן 1919—1921. אין דעם יאָר דערדינט זיך אַלפּערט צום וויכטיקסטן אַמט — ער ווערט וויצע־פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג.

אין די יאָרן 1931—1933 ווערט אַלפּערט אַ מיטגליד פון דעם נאַ־ציאָנאַלן באָארד אָוו דירעקטאָרס פון דעם שטאַט ניו־דזשורזי.

די וואָס האָבן געקענט אייזיק אַלפּערט, האָבן וועגן אים די בעסטע און שענסטע דעראינערונגען.

* * *

אַלפּערט, אייזיק — געבוירן 1881 אין קריניק, גראָדנער גוב., רוסיש־פּוילן. זון פון משה און זלאַטע. געלערנט אין חדר און ישיבה. געוואָרן אַ גאַרבער און געהערט צום „בונד". אין אַמעריקע פון 1898. חתונה געהאַט מיט יעטע ווינשטיין. געווען אין צענטראַל־פאַרבאַנד פון בונדישע הילף־גרופּעס, סאָצ. פּאַרטײַ און פּאַרווערטס אַסס׳ן, געוואָרן אַ פּיינטער (אין שיקאַגאָ און נואַרק, נ. דזש.). געהערט צום לאָקאַל 777 פּיינ־טערס־יוניאָן, וואו געווען פּרעזידענט, סעקרעטאַר און דעלעגאַט צום דיסטריקט־ראַט. אין אַ.־ר. פון 1903 — פריער בר. 32 אין שיקאַגאָ, שפּעטער בר. 23 אין נואַרק, נ. דזש. סעקרעטאַר פון בר. 23. 1908־9 אין קאָמיטעט צו שאַפן אַן אייגן הויז פאַרן אָפיס פון אַ.־ר. 1909 — מאַסאַטשוזעטס־קאָמ. 1913־14 פון אילינאָי, 1931—33, פון ניו־דזש. אין נאַצ. דירעקטאָרן באָארד. צוויי טערמינען 1919—21 אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט. דעמאָלט וויצע־פּרעזידענט פון אַ.־ר. געווען אַקטיוו אין ייד. סאָצ. פעדעראַציע. 1921 אַ גרינדער פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און מיטגליד אין ערשטן נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמי־טעט. אויף עלפטער קאָנווענשאָן (שיקאַגאָ, 1933) ווידער אַריין אין דער אָנפירונג פון פאַרבאַנד. געווען זייער אַקטיוו אין אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג. געשטאָרבן 16 נאָ־וועמבער 1940 אין ניו־יאָרק און געקומען צו קבורה אין נואַרק, נ. דזש.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

בערנאַרד ליליענבלום — 1919

אין דער געשיכטע פון דעם קלוב, שפּיגלט זיך אָפּ דער כאַראַקטער, פון אונדזער אַרבעטער־רינג. אַזוי ווי דאָס לעבן אין אַלגעמיין, האָט זיך פיל געענדערט, האָט זיך אויך געענדערט די באַציאונג פון אונדזערע מיט־גלידער, סיי פּערזענלעך, און סיי געזעלשאַפטלעך, צו אונדזער באַוועגונג. דערפאַר גלויב איך, אַז דער 50־יאָריקער יובילעאום פון קלוב, גיט אונדז אַ געלעגנהייט, צו מאַכן אַן איבערבליק איבער די אומשטענדן, וואָס האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון דעם קלוב. אַזוי ווי איך בין איינער פון די וויי־ניק פאַרבליבענע פון דעם ערשטן דור, וועלכער האָט פּערזענלעך דורכגע־לעבט דאָס „פּאַקן און מאַזלען" פון אונדזער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און ספּעציעל פון אַרבעטער־רינג, וועל איך פּרובירן אַזוי קורץ ווי מעג־לעך איבערגעבן, די הויפּט־פּונקטן און אומשטענדן, וואָס האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון קלוב.

דער אַרבעטער־רינג איז, גלייך נאָך זיין גרינדונג, אַטאַקירט געוואָרן פון אַלע, דאַן עקזיסטירנדיקע גרופּן, וואָס האָבן געוואָלט האָבן אַן איינ־פלוס איבער דעם ניי־געגרינדעטן אַרבעטער־אָרדן.

די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, אונטער דער פירערשאַפט פון מאַקס פּיין, האָט דורך אַן אָפענעם בריוו אין „פאָרווערטס", און אויף מי־טינגען, באַשולדיקט די פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער־רינג, אַז זיי זיינען סקעבס, ווייל זיי אָנערקענען אויך אַנדערע יוניאָנס, אויסער די פאַר־אייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. ער האָט פאַרלאַנגט אַז נור מיטגלידער פון די געווערקשאַפטן זאָלן אַריינגענומען ווערן אין אַרבעטער־רינג.

אין 1904 ביי דער קאָנווענשאַן, האָבן די באַגייסטערטע מיטגלידער פון דער ס"פּ, ווען יודזשין וו. דעבס, איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר פּרע־זידענט־קאַנדידאַט, געפאָדערט, אַז די קאָנווענשאַן זאָל אונטערשטיצן זיין קאַנדידאַטור, ניט אַכטנדיק, וואָס מיר זיינען ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי־גרופּע, און מיר האָבן ברענטשעס פון דער ס. פּ. און אַנאַרכיסטיש געזאָנענע.

אין 1905 איז צו דער קאָנווענשאַן געקומען ש. יאַנאָווסקי, רעדאַקטאָר

פון דער „פרייע אַרבעטער צייטונג" און געפאָדערט, אַז מיר זאָלן שטיצן די אַנאַרכיסטישע צייטונג, אַזוי ווי מיר טוען עס מיט דעם „פאָרווערטס".

אין 1906, ווען ביי דער קאָנווענשאָן זיינען געקומען די באַרימטע בונדיסטן מאַקסים און ליבער אונדז באַגריסן, און געפאָדערט הילף פאַר דעם „בונד" אין רוסלאַנד, האָבן מיר טאַקע אָנגענומען, אַ טעקס אָבער ניט פאַר דעם „בונד" אַליין, נאָר פאַר אַלע 4 סאָציאַליסטישע גרופּן וואָס האָבן דאַן עקזיסטירט אין רוסלאַנד.

אַזוי האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּשע צאָל מיטגלידער, וואָס זיינען ניט געווען צופרידן מיט די האַנדלונגען פון דער פירערשאַפט פון אַרבעטער־רינג , וואָס האָט זיך געהאַלטן פעסט, ביי די פּרינציפּן פון אונפּאַרטייאיש־קייט.

דאַן איז אויסגעבראָכן דער ביטערער קאַמף וועגן דעם טשאַרטער. די ניי־אַריבערגעקומענע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס זיינען אין רוסלאַנד אויפגעוועקט געוואָרן פון „בונד", און אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּן, צו קעמפן קעגן דער צאַרישער אָרדענונג האָבן זייער קאַמפּס־לוסטיקייט אַריבער געטראָגן אין אַרבעטער־רינג, וואו זיי זיינען געוואָרן מיטגלידער. די לאַנדסמאַנשאַפטן־ברענטשעס, האָבן איבערהויפּט ניט פאַרשטאַנען אויף וואָס מיר דאַרפן אַ טשאַרטער. ווען זיי האָבן דערהערט, אַז יעדער מעמ־בער מוז צוטראָגן איינס פּראָצענט פון זיינע אינשורענס, וואָס דאָס האָט אויסגעמאַכט 4 דאָלאַר פאַרן מעמבער, און 6 דאָלער אויב ער אינשורט זיין פרוי, און דאָס מוז בלייבן אין אָרדן, האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט, אויף דעם אויפרוף פון בר. 2 אין ניו־דזשורזי און אונטער דער פירערשאַפט פון ס. וואָלאָס פון בר. 75, און געשאַפן אַן אָפּאָזיציע אין 26 ברענטשעס, וואָס דאָס האָט אויסגעמאַכט אַ דריטל פון די ברענטשעס אין אַרבעטער־רינג.

זיי האָבן זיך געוואָלט אָפּטיילן פון אַרבעטער־רינג. ווען נאָך אַ לאַנגן, ביטערן קאַמף האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן, און דער טשאַרטער איז אַרויס־גענומען געוואָרן, האָבן זיך אַלע אומצופרידענע עלעמענטן פאַראייניקט אונטער אַמביציעזע פירער, און אין 1907, געגרינדעט אַ סטייט־קאָמיטע, וואָס האָט ענערגיש געקעמפט קעגן דער פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער־רינג און די ברענטשעס. אויף פאַרזאַמלונגען, אויף ספּעציעלע קאָנפערענצן און אין דער פּרעסע האָבן זיי געקעמפט זעקס יאָר צייט. געהייסן האָט עס, „יונגע" קעגן די „אַלטע". אויף דער דרייצענטער קאָנווענשאָן האָט זיי צו־געשפּילט די ווייַנטרויב־אַפּערע. און די „יונגע" האָבן איבערגענומען די פאַרוואַלטונג. די שטימונג נאָך דער דורכגעפאַלענער פאַרוואַלטונג איז גע־ווען זייער אַ געדריקטע. דאַן איז אויף דער איניציאַטיווע פון פּריינט באַקסט, געגרינדעט געוואָרן דער „זקנים"־קלוב, וואָס זיינען באַשטאַנען פון געוועזענע פאַרוואַלטער און פּראַקטישע טוער פון אַרבעטער־רינג פון

גאַנצן לאַנד. זיי זיינען זיך געזעלשאַפטלעך צוזאַמענגעקומען עטלעכע מאָל אַ יאָר.

ווען די „יונגע" זיינען ביי דער נאַנטסטער קאָנווענשאָן דורכגעפאַלן, האָבן זיי אויך אָרגאַניזירט אַ קלוב פון די „יונגע". און אַזוי האָבן עקזיס־טירט צוויי קלובס אין אַרבעטער־רינג. ביז עס איז אויסגעבראָכן די קאָמוניסטישע וואַקכאַנאַליע. אַזוי ווי די „יונגע" האָבן זיך שוין אַ היפּש ביסל אויסגעניכטערט האָט יוסף וויינבערג, דער דעמאָלדיקער פּרעזידענט, פאַררופן די פירערס פוןביידע קלובס. און זיי פאַראייניגט אונטער דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב", וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו זיין די „מינוט־מען", צי שטיין אויף דער וואַך כדי פאַרטיידיקן דעם אַרבעטער־רינג קעגן אַלע אָנשיקענישן, וואָס די צייט קען אַרויס רופן.*)

דאָס איז וויכטיקע געשיכטע, וואָס עס איז ווערט צו געדענקען פאַר אונזערע נייע דורות.

* * *

ל י ל י ע נ ב ל ו ם, ב ע ר נ אַ ר ד (שלום בער) — געבוירן 24 יולי 1872 אין ניע־זשין, טשערניגאָווער גוב., אוקראַינע־רוסלאַנד. אויפגעהאָדעוועט אין דווינסק. זון פון קלמן שמואל און רבקה. פאָטער — אַ שוחט. אייניקל פון זיידע — אַ ראש־ישיבה, דער צווייטער — אַ רב. געלערנט אין חדר, זעלבסט־בילדונג. פון 1890 אין אַמעריקע. חתונה געהאַט מיט עמא (נחמה). געווען אַ נייער און פרעסער פון העמדער, שפּעטער אין ביזנעס, לסוף — אַ סיגאַר־סטאָר. געווען אַקטיוו אין שוירט־מאַכער־יוניאָנס, אין סאָצ. אַרב. פּאַרטיי (ס.ל.פּ.), סאָצ. פּאַרטיי (ס.פּ.), שפּעטער אין סאָצ. דעמ. פעדעראַציע. פון די 52 גרינדער פון פאָרווערטס און די גאַנצע צייט אין פאָרווערטס אַסס'ן באַטייליקט אין אונטערהאַנדלונ־גען מיט ס.ל.פּ. צוליבן סכסוך בעת אַנטשטייאונג פון פאָרווערטס. אין אַרבעטער־רינג פון 1900. מיטגליד אין ברענטש 2. 27—1904 זעקס טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמ. פיר מאָל וויצע־פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג. געווען פאַרוואַלטער פון אַ.ר.־סאַנאַטאָריום. באַטייליקט אין אַ ריי נאַצ. קאָמ. אַ.־ר., אַ לאַנגע צייט בראש פון נאַציאָנאַלן יוגנט־קאָמיטעט אַ.־ר. קאַסירער פון אַ.ר.־היים פאַר אַלטע מיטגלידער אין ניו־יאָרק. דעלע־גאַט אויף פיל אַ.־ר. קאָנווענשאַנס. געווען טעטיק אין אַ.־ר. דיוויזיע פאַרן יידישן סאָ־ציאַליסטישן פאַרבאַנד. וואוינט אין אַ.־ר.־היים פאַר אַלטע מיטגלידער אין ניו־יאָרק.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

---

*) ניט וויינבערג האָט באַווירקט די ביידע קלובן צו פאַראייניקן זיך נאָר די פּי־רערשאַפט פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" האָט באַווירקט די אָנגעזעענע פירער פון צווייטן קלוב איינציקווייז זיך אָנצושליסן אין אונדזער קלוב און אויף אַזאַ סיסטעמאַ־טישן וועג איז זיך דער יונגער קלוב צעפאַלן. די איבעריקע מיטגלידער זיינען אַזוי אַרום אויך געוואָרן מיטגלידער פון אונדזער קלוב.

רעד.



מ. איוועניסקי

נפתלי פיינערמאַן — 1920

נפתלי פיינערמאַן האָט יאָרן לאַנג פאַרנומען אַ בכבודיקן שיינעם אָרט ביים סאַמע מזרח־וואַנט פון אַרבעטער־רינג. די לעצטע יאָרן האָט ער זיין אומשעפּבאַרע ענערגיע געווידמעט צו פאַרשטאַרקן מאַטעריעל די אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס איז צוליב די טראַגישע אומשטענדן, אין וועלכע מיר לעבן, געוואָרן דער הויפּט צענטער פון דעם גאַנצן אינסטיטוט. אויב דער אינסטיטוט האָט זיך דאָ איינגעוואָרצלט און שטייט איצט אויף אַ פעסטן באָדן דאָ אין אַמעריקע, איז דאָס צו פאַרדאַנקען פיינערמאַנען און זיינע פריינט, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אונטער דער השפעה פון אַרבעטער־רינג.

גייען זיי אַוועק, די פּיאָנערן, די בויער פון אַרבעטער־רינג. עס ווערט שיטערער אין אונדזערע רייען. ווער ווייס, צו דער צוקונפטיקער דור וועט קאָנען געניי אָפּשאַצן די, וואָס האָבן אַריינגעלייגט אַזוי פיל ענערגיע, אַזוי פיל נשמה אין דעם אַרבעטער־רינג. מיר, פון דעם עלטערן דור אַפילו, האָבן מאַנכעמאָל זייער אַ קורצן זכרון: מיר פאַרגעסן. דער אַרבעטער־רינג האָט אָבער געשאַפן זייער אינטערעסאַנטע טיפּן. איינער פון די אינטערעסאַנטע טיפּן איז דער פרי־פאַרשטאָרבענער נפתלי פיינערמאַן.

אין די קורצע ראַמען פון דעם פּלאַץ, וואָס פר׳ ישורין האָט אָנגעצייכנט פאַר אָט דער אָפּשאַצונג, וועל איך מוזן אויסלאָזן זייער אינטערעסאַנטע איינצלהייטן פון די איינדרוקן, וואָס פיינערמאַן האָט איבערגעלאָזן ביי מיר אין זכרון; וועגן זיינע אַרויסטרעטונגען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אין זיין טעטיקייט אין אַרבעטער־רינג. פון די פּאָר עפּיזאָדן, וואָס איך וועל דאָ איבערגעבן, וועט אַרויס, אפשר בלאָס, דאָך מער אָדער ווייניקער בולט דער כאַראַקטער פון פיינערמאַן אַלס אַרבעטער־רינג־טוער.

דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב באַגעגנט פר׳ פיינערמאַן, איז געווען אויף די מיטינגען פון דער אַמאָליקער סטעיט קאָמיטע פון אַרבעטער־רינג. די מיטינגען פון דער סטעיט־קאָמיטע זיינען אַלע מאָל געווען שטורמישע.

די סטעיט־קאָמיטע איז געווען פאַרטראָטן פון דעלעגאַטן פון פיל ברענ־טשעס, וואָס פלעגן זיך פאַרזאַמלען, דאַכט זיך, יעדן מאָנאַט, זונטיק ביי־טאָג. די דעלעגאַטן האָבן ברייטלעך אַרומגערעדט אַלע אַרבעטער־רינג פראַגן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג, אַ סך מאָל שוין צו ברייטלעך.

אייגנטלעך איז די סטעיט־קאָמיטע געווען אַן אינסטיטוציע, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער פאָדערונג פון געזעץ. דער טשאַרטער האָט געפאָדערט, אַז דעלעגאַטן פון סטעיט־ברענטשעס, זאָלן אויסקלייבן קאַנדי־דאַטן פאַר דער „נאַציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָרס", די דעלעגאַטן האָ־בן אָבער אויך געוואָלט איבערנעמען אָט די פונקציעס, וואָס ווערן דער־פילט היינט פון שטאָטישע און דיסטריקט־קאָמיטעט. זיי האָבן געוואָלט טאָן אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט, נאָר אָנשטאָט וואָס די איצטיקע דיסטריקט און שטאָט קאָמיטעס דערפילן די שליחות פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע, האָבן די סטעיט־קאָמיטעס ניט געוואָלט נעמען אָרדערס. זיי האָבן געוואָלט אינסטרואירן די עקזעקוטיווע. זיי האָבן געוואָלט לערנען די עקזעקוטיווע וואָס צו טאָן. די עקזעקוטיווע איז געווען קעגן די סטעיט־קאָמיטעט. זיי האָבן בעסער געוואָלט אָנשטעלן באַצאָלטע אָרגאַנייזערס. די סטעיט־קאָמיטעס זיינען דעריבער געווען אין אָפּאָזיציע.

די טוער פון די סטעיט־קאָמיטעס האָבן אויך געוואָלט איבערנעמען די קולטורעלע טעטיקייט פון אַרבעטער־רינג. זיי האָבן אַראַנזשירט לעקציעס. זיי האָבן פאַרהאַנדלט מיט די דאַמאָלדיקע יידישע אינטעליגענטן, פּראָפ. הורוויטש, ד"ר זשיטלאָווסקי, ד"ר קאַספּע און אַנדערע, וועגן לעקציעס. לעקציעס זיינען טאַקע אויך אַראַנזשירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. די לעקציעס פלעגן באַזוכט ווערן פון אַ גרויסן עולם. די טוער פון די סטעיט־קאָמיטעט זיינען געווען דער אייביק זוכנדער לעוויטאַן, ראַפּאַלאָווסקי, וואולף און פיינמאַן פון ברענטש 3, באַרנעט וואולף און פילע אַנדערע. דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר איז פריער געווען אַשפּיז פון בר. 410 און דערנאָך פיינערמאַן פון בר. 165.

אויף אַ געוויסן מיטינג, נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע, וואָס איז געוואָרן נודנע פון די לאַנגע רעדעס פון די דעלעגאַטן, האָט מיין אויפמערקזאַמ־קייט געצויגן די רעדע פון דעם פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר אַליין. פיינערמאַן האָט גערעדט. אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס פיינערמאַן האָט צו זאָגן. אין האָל איז געוואָרן שטיל. פיינערמאַן, מיט זיין הילכיקער דאַ־מאָלס זייער קלינגענדייקער שטימע, האָט אַטאַקירט די עקזעקוטיווע. ער האָט אָבער ניט געברויכט קיין זידל־ווערטער. ער האָט די לאַגע אַרומגע־רעדט פון אַלע זייטן. ער האָט גערעדט מיט לאָגיק. אין מיין זכרון זיינען

פאַרבליבן זיינע הילכיקע ווערטער: „מיר זיינען ניט קיין סענטימענטאַלע לעמעשקעס...״

אַמאָל איז אָבער פיינערמאַן אַליין אויך געווען סענטימענטאַל. ער איז געווען אַ מענטש מיט האַרץ... ער איז אָבער געווען פון די, וואָס ווייזן ניט אַרויס אָפן זייערע סענטימענטן. ער האָט געהאַלטן זיינע אינערלעכע געפילן, אַ סך מאָל פול מיט טראַגיזם, פאַר זיך. אין דער עפנטלעכקייט האָט ער באַנוצט לאָגיק אָנשטאָט געפילן.

פיינערמאַן האָט איבערגעלעבט זייער שווערע מאָמענטן אין זיין לעבן, אָבער אַפילו פון זיינע ליידן האָבן בלויז געוואוסט זיינע נאָענטסטע פריינט. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ געבאָרענעם געפיל פון זעלבסט־ווירדע, און זיין זעלבסטווירדע האָט ער אין די שווערסטע מאָמענטן אָפּגעהיט. „דאָס דימסטע און דאָס שלימסטע״ האָט ער געטראָגן „געהיים אין דער ברוסט״.

דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט פיינערמאַנען איז געווען אין יאָר 1910, נאָך דער גרויסער צענטער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק, אין סטאַר קאַסינאָ. עטלעכע יאָר האָב איך זיך אָפּגעריסן מיט געוואַלד פון אַרבעטער־רינג־טעטיקייט. איך האָב פון ווייטן געהערט אַז פיינערמאַן איז קראַנק. ער איז געווען ערנסט קראַנק. זיין שטאַרקער ווילן צו לעבן האָט אָבער ביינעקומען זיין קראַנקהייט. פיינערמאַן איז צוריק געוואָרן טעטיק אין אַרבעטער־רינג. ער איז שוין מער אין דער אָפּאָזיציע ניט געווען. ווען איך האָב אים נאָענט געקענט אין דעם יאָר 1914, איז פיינערמאַן ניט געווען מער פון די „קריטיקער״. ער איז געווען פאַר קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. אין דעם קאַמף צווישן יונגע און אַלטע איז פיינערמאַן געוואָרן אַן „אַלטער״, אַן אַלטער, מיט אַ יונגער נשמה.

אַ גרויסע ראָלע האָט פיינערמאַן געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון יידישע שולן און אין דעם קאַמף פאַר „פּראָפּאָרציאָנאַל רעפּרעזענטיישאָן״. די 15טע קאָנווענשאָן האָט גרינטלעך אַרומגערעדט אָט די ביידע פראַגן. די רעזאָלוציע, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן פון אייניקע דעלעגאַטן צו גרינדן יידישע סאָציאַליסטישע שולן, איז דורכגעפאַלן. די רעזאָלוציע האָט אָבער געעפנט אַ טיר פאַר דעם עצם־געדאַנק. די סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנאַל רעפּרעזענטיישאָן איז אויך דער קאָנווענשאָן דורכגעגאַנגען, אָבער די דאַמאָלסדיקע עקזעקוטיווע, האָט די רעפאָרמע ניט דורכגעפירט צוליב דעם, וואָס אין דעם רעפערענדום זיינען ניט געווען אָפּגעגעבן צוויי־דריטל שטימען פאַר דער נייער סיסטעם.

די 15טע קאָנווענשאָן איז געווען אין אַ מאָדנער לאַגע. די פאַרוואַלטונג איז איבערגענומען געוואָרן פון די יונגע, אָבער די קאָנווענשאָן איז

באַשטאַנען אין איר גרויסער מאַיאָריטעט פון אַלטע, סיי פון ניו־יאָרקער דעלעגאַטן און סיי פון דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ. עטלעכע דעלעגאַטן זיינען געווען יונגע, ווי ד״ר זשיטלאָווסקי, ראַפּאַלאָסקי און אייבראַהאַמס. די יונגע האָבן אָבער אין אַלע וויכטיקסטע פראַגן געשטימט ניט ווי אַ פראַקציע, נאָר ווי איינצלנע פּערזאָנען.

איך בין גראָד געווען פאַרטרעטן אַלס דעלעגאַט אויף פילע קאָנ־ווענשאָנס, נאָר איך קען זאָגן אַז די 15טע קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ איז געווען איינע פון די פרוכטבאַרסטע און שענסטע קאָנווענשאָנס וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט ווען עס איז געהאַט. אָן אַ גוזמא, קאָן איך זאָגן, אַז די דעבאַטן זיינען געשטאַנען אויף אַזאַ הויך, וואָס מען טרעפט זעלטן אין די איינגעפונדעוועטע פאַרלאַמענטן פון דער וועלט.

אין די פראַגן פון פּראַקטישע לעבנס־פראַגן און שולן האָבן זיך באַטייליקט די קאַרפּן־קעפּ פון די אַלטע: אייב עפּשטיין, ישורין, וויינבערג, יאַנאָס, שמעיה דראַבקין, שעהר און פיינערמאַן. די רעדעס פון ד״ר זשיטלאָווסקי און פון ד״ר פראַנק ראָזענבלאַט (בן־יקיר), דעם דאַמאָלסדיקן גענעראַל־סעקרעטאַר, האָבן צוגעגעבן די דעבאַטעס אַ וויסנשאַפטלעכן, אַקאַדעמישן כאַראַקטער.

אינטערעסאַנט זיינען געווען די דעבאַטעס וועגן יידישע שולן. איך האָב געהאַט די ערע צו זיין איינער פון די קאָנווענשאָן־סעקרעטאַרן פון יענער קאָנווענשאָן. אין די פּראָטאָקאָלן האָב איך זיך געגעבן די גרעסטע מי איבערצוגעבן דעם תמצית פון די דעבאַטעס וועגן אָט דיביידע קאַרדינאַלע פראַגן. עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט דער תמצית פון אָט די רעדעס. זיי גיבן אַ קאָנקרעט בילד פון די גייסטיקע ברויזונגען און שטימונגען פון די נייע אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך דערצויגן אויף סאָציאַליסטישע לאָ־זונגען און פּרינציפּן. לײדער האָב איך אָבער וויניק פּלאַץ פאַר דעם.

אַ סצענע פון אָט יענע דעבאַטן האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. קעגן יידיש זיינען אַרויסגעטראָטן: ישורין, ד״ר סילווערבערג, סאָ־וועצקי, וויינבערג, אַפילו דער העברייער־אַנאַרכיסט ד״ר קאָהן. פאַר יידיש האָבן גערעדט: ד״ר זשיטלאָווסקי, עפּשטיין, פיינערמאַן, שערעשעווסקי, זאַלצמאַן, דראַבקין און שעהר. די געגנער פון יידיש האָבן גערעדט מיט פּאַטאָס וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם און אַלגעמיינער ברידערלעכקייט. די אָנהענגער פון יידיש האָבן געזוכט צו באַווייזן, אַז יידישע שולן ווילן חס־ושלום ניט איינפלאַנצן קיין ענגן נאַציאָנאַליזם. אין די דעבאַטעס האָט זיך באַטייליקט פר׳ קלופּט פון בר. 150, אַ געבאָרענער פון ירושלים, און אָט האָט זיך אָפּגעשפּילט די פאָלגענדע סצענע:

קלופּט האָט גערעדט מיט אַ וויינענדיקער שטימע:

— וואו ווילט איר אונדז פאַרפירן, צו רחלס קבר?...

ווייטער ווי צו רחלס קבר איז פר׳ קלופט ניט דערגאַנגען... עס האָט מיט אים פּאַסירט אַ היסטעריקע... פאַרוואָס האָט דער גוטער, ערלעכער קלופט אַזוי מורא געהאַט פאַר רחלס קבר, נעם איך זיך ניט אונטער צו דערקלערן... די שטימונג איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

אין דער העברעאישער צייטונג „הדואר" האָב איך אין אַ סקעטש־פאָרם געזוכט איבערצוגעבן די שטימונג פון די יידישע מאַסן און די ראָלע, וואָס די יידישע שולן האָבן געשפּילט אין דער גייסטיקער אַנט־וויקלונג פון יידישע אַרבעטער אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר. צו כאַ־ראַקטעריזירן פר׳ פיינערמאַן, וויל איך זאָגן, אַז ער האָט פיל געהאָלפן אין דער שול־באַוועגונג אידייאיש אין אָנפאַנג און האָט פיל געהאָלפן די אידייען דורצופירן אין לעבן.

אויך אין דער דורכפירונג פון פּראָטווירנאַל־רעיטס האָט פיינערמאַן פיל געהאָלפן. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון אַ סטענדינג קאָמיטע, וואָס האָט געדאַרפט דורכפירן די שווערע רעפאָרמע אין לעבן. די קאָמיטע, באַשטייענדיק פון די פריינד: וואָלאָס, נודעלמאַן, פיינערמאַן, סיל־ווערמאַן און ראַפּאַפּאָרט, האָט די שיינע מיסיע דורכגעפירט מיט טאַקט און פאַרשטענדעניש. אַלס סעקרעטאַר איז פיינערמאַן געווען זייער נוצלעך פאַר דער רעפאָרמע מיט זיין פאַרשטענדעניש פון פאַרזיכערונגס־געזעצן.

אַ באַזונדער ראָלע האָט פיינערמאַן געשפּילט אויף דער 22טער טאָ־ראָנטער קאָנווענשאָן פון אַ.־ר., ווען עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רע־זאָלוציע קעגן דעם טעראָר פון די סאָוויעטן קעגן פּאָליטישע קעגנער. אויך אָט דעם פאַקט האָב איך דערמאָנט אין דעם אויבנדערמאָנטן אַרטיקל פון „הדואר", צו דער געלעגנהייט פון דעם 40 יאָריקן יובילייַ פון אַ.־ר. און פיינערמאַן איז געווען צופרידן פון דעם.

אין יענער צייט האָט זיך געהאַנדלט וועגן די 7 סאָציאַליסטן רעוואָ־לוציאָנערן, וועמען די סאָוויעטן־רעגירונג האָט געוואָלט פאַראורטיילן צום טויט. מען זאָגט, אַז רעוואָלוציעס, ווי דער סאַטורן, עסן אויף זייערע איי־גענע קינדער. אַזוי איז געווען אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציע, אַזוי איז געווען אין דער רוסישער רעוואָלוציע. קאָן מען די אַכזריות אַפילו פון רעוואָלוציעס ניט פאַרטיידיקן, אָבער דאָך דערקלערן. מען קען אָבער ניט מוחל זיין די היגע קאָמוניסטן, וואָס זיינען געווען ווייט פון אַ רעוואָלוציאָנערער אַטמאָספערע, פאַרוואָס זיי זיינען געווען אַזוי בלוט־דורשטיק... פר׳ מונוועז און דער שרייבער פון אָט די צייל ן האָבן באַ־שלאָסן אַריינצוברענגען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דער טויט־אורטייל געפאַר פון דעם הייליקן גאַנץ און זיינע חברים (די זיבן הייליקע סמערט־ניקעס). מיר האָבן אָבער מורא געהאַט, אַז די רעזאָלוציע וועט ניט האָבן

קיין דערפאָלג. די שטימונג איז געווען קעגן אַזעלכע רעזאָלוציעס. מיר זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז לענין און טראָצקי וועלן זיך צוהערן צו אַ רעזאָלוציע פון אַן אמתער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן צוגעצויגן פיינערמאַנען, אַן אויסגעפּרובירטן קאָנווענשאָן טריבון... פיינערמאַן האָט זיך אונטערגענומען די שליחות דורכצופירן און האָט טאַקע די רעזאָלוציע דורכגעפירט. ער האָט געהאַט אַ שווערן קאַמף איבערצוריידן די מיטגלידער פון דער רעזאָלוציאָנס קאָמיטע. פאַר דער רעזאָלוציע איז פון אָנפאַנג, אויסער פיינערמאַנען, געווען מאַקס פיין. פיינערמאַן האָט געוואונען דורך זיינע אַרגומענטן די איבעריקע מיטגלידער פון דער קאָמיטע. די קאָמוניסטן רופן אָט די רעזאָלוציע — דער פאַרברעכן פון טאָראָנטאָ. נאָך מיין מיינונג, איז די רעזאָלוציע פון די שענסטע אויפטואונגען פון די אַרבעטער־רינג־קאָנווענשאָנס.

מען האָט זיך געקענט אָפּשטעלן זייער פיל אויף דער ראָלע, וואָס פיינערמאַן האָט געשפּילט ביי פילע געלעגנהייטן אין פראַגן פון דערציאונגס־אַרבעט, אין דער פראַגע פון שלום מיט די קאָמוניסטן. אָבער, ווי געזאָגט, איז דער פּלאַץ ניט גענוג זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע פּרטים.

פיינערמאַן איז געווען פון דעם טיפּ פון פּיאָנערן... ביי פּיאָנערן איז דער טאַט וויכטיקער ווי דער „דרוש”, לא המדרש עיקר אלא המעשה. ער איז געווען פון די איבערצייגטע „עקשנים”. האָט ער אין עפּעס געגלויבט, האָט ער פאַר דעם געקעמפט מיט זיין גאַנצער ענערגיע. ער האָט אין דעם אַריינגעלייגט זיין גאַנצן „איך”.

חבל על דאבדין ולא משתכחין... עס טוט לייד פאַר די אומגעקומענע, וועלכע מען קאָן לייכט ניט געפינען... די וואָס האָבן געקענט פיינערמאַנען וועלן פאַרגעסן זיינע חסרונות; חסרונות, וואָס יעדער מענטש האָט. זיי וועלן געדענקען דעם ענערגישן האָנאָראָוון, פּראַקטישן טוער; אַ טוער, וואָס האָט פיל דערגרייכט אין לעבן. ערע דיין אָנדענקען, גוטער פריינט און חבר!

* * *

פ י י נ ע ר מ אַ ן , נ פ ת ל י — געבוירן 1885 אין סקווירע, קיעווער גוב., רוסלאַנד. געלערנט אין חדר, ישיבה, זעלבסט־בילדונג, פון 1906 אין אַמעריקע. געאַרבעט אין סוועט־שעפּער אַלס צושניידער און ביי אַנדערע מלאכות. אין אַרבעטער־רינג פון 1907. אין ברענטש 24. 17—1911 געווען כסדר אין נאַצ. קאָמיטעט פון אַ.־ר. 37—1980 פינף טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמ. אַ.־ר. (בילדונג). 27—1925 צוויי טערמינען פּרעזידענט פון אַ.־ר. פאָרזיצער פון ערשטער אַ.־ר.־שול אין האַרלעם (ניו־יאָרק), פאָרזיצער פון נאַצ. בילדונג־קאָמ. אין סאָצ. פּאַרטיי, יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד (אין נאַצ. עקז.), ייד. סעקציע פון ס. פּ. (נאַצ. עקז.), מיטגליד פון פאָרווערטס אַססן. געשריבן אין פריינד (אַ.־ר.). די סאָציאַליסטישע שטימע (ייד. ס. און ס. פּ.) א. אַ. 1944—1931 עקז: סעק: פון ייוו״א אין אַמעריקע. געשטאָרבן 14 פעברואַר 1944 אין נ. י. פאַריתומט פרוי איידאַ.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

פרענק עפּשטיין

משה לעווענסאָן — 1921

די רעשיקע, פריילעכע שטאָט פילאַדעלפיע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָט פון צער און געוויין, דאָס איז צוליב דעם פּלוצלינגן טויט פון אונדזער קאָלעגע משה לעווענסאָן.

דער טויט פון משה לעווענסאָן האָט איבער־געלאָזט אַ שווערע שטימונג אויף אַלע מיטגלידער פון דעם אַרבעטער־רינג, אויף די טוער, און באַזונדערס אויף אונדזערע קאָלעגן. יעדער איינער פילט זיך ווי אַן אבל און וויל ניט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אָט דער שטענדיק לעבעדיקער חבר און אָפּטימיסט געפינט זיך ניט מער צווישן דעם אַקטיוו, וואָס האָט פאַר העכער 40 יאָר צייט טריי געדינט אונזער באַוועגונג.

ווען מען קומט אַריין אין אינסטיטוט, ווען מען באַזוכט די פאַרשיידענע קאָמיטעטן ביי דער אַרבעט, זעט מען דעם חלל וואָס איז איבערגעבליבן דורך דעם אַוועקגיין פון משה לעווענסאָן. עס איז דאָך ממש ניט געווען קיין איין פונקציאָנירנדיקער קאָמיטעט, אין וועלכן משה לעווענסאָן זאָל ניט זיין פון די אַקטיווע באַטייליקער. בפרט, ווען ער איז לעצטנס געווען דער טשערמאַן פון דיסטריקט קאָמיטעט.

* * *

לעווענסאָן, משה — געבוירן 1878. געשטאַמט פון ווילנע, רוסלאַנד. דער פאָטער לייב — אַ שוחט. געלערנט אין חדר און ישיבה. געוואָרן אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט און אַ גרינדער פון אומלעגאַלן פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע. אַקטיוו אין בונד. אַרעסטירט, יאָרן אין טורמע און אונטער פּאָליציי־השגחה. נאָכן קומען קיין אַמעריקע פאַרקויפער פון טיי און קאָלעקטאָר פאַרן פאָרווערטס. אין ברענטש 283 אַ.־ר. 1905—7 פאַרטראָטן שטאַט פּענסילווייניע אין נאַצ. דירעקטאָרן־באָאַרד.: אַקטיוו אין ניו־יאָרק, באָסטאָן און פילאַדעלפיע. פיל מאָל דעלעגאַט אויף אַ.־ר. קאָנווענשאָנס, אַקטיוו אין אַ ריי ייד. אַרב. אָרג. אין פילאַדעלפיע פּא. טעטיק אין בונד אין רוסלאַנד און פּוילן. אין ייד. סאָצ. פאַרבאַנד (1946 אַריין אין נאַצ. עקז. קאָמ.). געשטאָרבן 28 יאַנואַר 1947 אין פילאַדעלפיע. פּאַ. פאַריתומט פרוי רבקה (געבאָרענע קאַפּטשעווסקי), און קינדער.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

נתן פילאָט — 1922

פילאָט, נייטען — געשטאַמט פון פינסק, פּאָלעסיע, רוסלאַנד. געלעבט אין וואַרשע, וואו פאַרקערט אין ראַדיקאַלע קרייזן. אין אַמעריקע פון 1890. געוואָרן אַ פּעינטער — פריער אַן אַרבעטער, שפּעטער אַ קאָנטראַקטאָר. אַריין אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי (ס.ל.פּ.), אין „פאָר־ווערטס"־אַסס'ן: מיטגליד פון בראַנטש 1 אַרבעטער־רינג, וואו געווען זייער אַקטיוו. די גאַנצע צייט פאַרבונדן מיט סאָציאַליסטישער באַוועגונג: געשטאָרבן 14 יולי 1948 אין מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ, עלטער 73 יאָר; פאַריתומט טאָכטער און אייניקל. קרעמירט און אַש צעשיט אויף קברים פון נאָנטע קרובים, אַרבעטער־רינג־בית־עולם אין ניו־יאָרק.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

ס. רעגענסבערג

לעאָן אַרקין — 1923

עס איז געווען עטלעכע טעג פאַר זיין טויט. אין אַ ניו־יאָרקער האָטעל איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסע קאָנפערענץ. דער פאָרזיצער איז געווען לעאָן אַרקין, דער פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג. ער האָט מער ניט געקענט שטיין אויף זיינע פיס און האָט געפירט די זיצונג זיצנדיק אויף אַ שטול. די אַרבעטער־רינג טוער האָבן געקוקט אויף זיין בלאַסן פּנים, געזען ווי ער פאַרלאָזט דעם זאַל אָנגעשפּאַרט אויף דעם שטעקן, וואָס איז געווען זיין שטענדיקער באַגלייטער זינט ער האָט זיך דערהאַלט פון אַ „סטראָוק״, און יעדער איינער האָט געפילט, אַז ער, אַרקין, מוז זיין אַ חולה מסוכן.

עטלעכע טעג נאָך דער קאָנפערענץ איז געקומען די בשׂורה, אַז לעאָן (אריה לייב) אַרקין איז געשטאָרבן. כאָטש מען איז געווען באַאומרואיקט און פאַרזאָרגט וועגן זיין שרעקלעכן אויסזען, איז די נייעס וועגן זיין טויט געפאַלן ווי אַ דונער פון לויטערן הימל. געווען איז דאָס דעם 27טן סעפּטעמבער פון יאָר 1953, מיט 10 יאָר צוריק. ער איז געשטאָרבן אינמיטן פון צווייטן טערמין אַלס פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג און עטלעכע יאָר נאָכדעם ווי ער האָט באַקליידט דעם אַמט אַלס אַדווערטאַיזינג־מענעדזשער פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״.

איצט, צו זיין 10טן יאָרצייט ווילט זיך בלעטערן אויף צוריק די געשיכטע פון דעם יידישן סאָציאַליסט מיט שטאַרק נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, ווען עס טויט עס איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ קלאַפּ פאַר דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכער ער האָט געטריי און ערלעך געדינט ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג.

לעאָן (אריה לייב) אַרקין איז געבוירן געוואָרן דעם 29 יולי, 1888, ביי טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן געשטאַמט פון אַ פאַרצווייגטער יחוסדיקער משפּחה, וועמען דער שרייבער ציטראָן האָט געווידמעט אַ גאַנץ קאַפּיטל

אין זיין בוך וועגן דער יידישער געשיכטע. אַרקין איז געבוירן געוואָרן אין לונע־וואָליע, גראָדנער גובערניע. זיין פאָטער, משה יודל, איז געווען אַ וואַלד־סוחר און אַ וויין־הענדלער און האָט געשמט אַלס אַ ייד אַ למדן. די אַרקינס האָבן אויסגעוואַנדערט פון ספרד קיין דייטשלאַנד און נאָך דעם קיין פוילן. דער יונגערער ברודער, אהרן, האָט געפירט די פנקסים פון דער פאַמיליע, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט אים אין די קאַלכ־אויווענס פון די נאַצישע מערדער. דער פאָטער האָט לעאָנען געשיקט אין חדר אָבער געהאָפט האָט ער צו מאַכן פון אים אַ „קאַזיאָנע ראַבינער". ער האָט געשיקט אריה לייבן זיך לערנען אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. דאָרט האָט דער יונגער אַרקין זיך באַקענט מיט דעם „בונד". ווען זיין פאָטער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען קלייבט זיך אַרעסטירן זיין זון פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָט ער אים געגעבן אויף הוצאות קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע איז אַרקין אַריינגעפאַלן אין דער סוועט־שאַפּ־סיסטעם, וואָס איז פאַר אים געווען אַ גיהנום. ער האָט געזוכט זיך אַרויסצורייסן פון סוועט־שאַפּ און האָט זיך געווענדעט צו דער יידישער קאָלאָניזאַציאָנס ביוראָ, וואָס האָט אים אַוועקגעשיקט קיין יוניאָנטאַון, פענסילווייניע, צו ווערן אַ פאַרם־אַרבעטער. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעשפּאָרט דרייסיק דאָלער, איז ער אַוועק קיין פּיטסבורג און איז געוואָרן אַ פלאָר־קערער ביי אַ גרויסער פירמע. ער איז שנעל געשטיגן צו אַ וויכטיקן אַמט און איז געוואָרן דער רייזנדער אַגענט פאַר דער פירמע. צו 19 יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַדעלאַ מייזער. ער פלעגט מיט שטאָלץ זיך גרויסן דערמיט, וואָס זי איז אַן אור־אייניקל פון ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו און אַ קוזינע פון די בראָדסקיס אין קיעוו. ער איז אַריין אין ביזנעס פאַר זיך, אָבער אין 1921 איז זיין ביזנעס געפאַלן אַ קרבן פון קריזיס, און כדי ניט צו דאַרפן באַנקראָטירן, האָט ער ליקווידירט זיין געשעפט און אָפּגעצאָלט די חובות.

אין פּיטסבורג איז ער געווען אַקטיוו אין אַרבעטער־רינג און אין דער יידישער און ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אָבער דאָרט ניט געקענט מאַכן קיין לעבן. אַזוי ווי זיינע פאַרוואַלטערישע פעאיקייטן זיינען געווען באַוואוסט אויך אין ניו־יאָרק, האָט וולאַדעק אין 1922 אים פאָרגעשלאָגן צו ווערן מענעדזשער פון באָסטאָנער „פאָרווערטס"־אָפיס. ער האָט זיך שטאַרק געגויטיקט אין דער שטעלע, אָבער ער האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען, אַז זיין כמעט־ציוניסטישע איינשטעלונג וועט ניט ליידן דערפון, וואָס ער וועט אָננעמען אַן אַמט אין דער צייטונג, וועמען נאַציאָנאַליסטישע געפילן און שטימונגען זיינען אין יענער צייט געווען פרעמד. (מיט יאָרן שפּעטער האָט דער „פאָרווערטס" זיך דערנענטערט צו דער באַוועגונג פאַר אַ נאַציאָנאַלער יידישער היימלאַנד). אין יענער צייט, אָבער, האָט אַרקין געפאָדערט אַ פאַרזיכערונג, אַז זיין פערזענלעכער אידעאַליזם אַלס ציו־

ניסטישער סאָציאַליסט וועט ניט ליידן. האָט וולאַדעק באַקומען פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן די דערלויבניש צו געבן אים אַ שריפטלעכע גאַראַנטיע וועגן דעם.

אַרקין איז צוויי מאָל געווען אַ מיטגליד אין דער באָאַרד אָוו דירעקטאָרס פון אַרבעטער־רינג; צוערשט, אַלס דירעקטאָר פון פּענסילווייניע, און שפּעטער, פון מאַסאַטשוזעטס. אין 1950, נאָכדעם ווי ער איז געקומען פון באָסטאָן, וואו ער איז העכער אַ פערטל יאָרהונדערט געווען „פאָרווערטס"־מענעדזשער, קיין ניו־יאָרק, צו ווערן אַדווערטאַיזינג־מענעדזשער פון „פאָרווערטס, איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג, און מיט צוויי יאָר שפּעטער, איז ער ווידער דערוויילט געוואָרן, אָבער דער טויט האָט אים אַוועקגעריסן איידער ער האָט דעם צווייטן טערמין פאַרענדיקט.

* * *

אַ ר ק י ן ל ע אָ ן, (אריה לייב) — געבוירן 29 יולי 1888 אין לונאַ, גראָדנער גוב.:, רוסיש־פּוילן. זון פון משה יידל און חנה. פאָטער — אַ רייכער וואַלד־סוחר און אייגנ־טימער פון אַ ווייַן־געשעפט. געלערנט אין חדר, וואָלאָזשינער ישיבה, ביאַליסטאָקער האַנדלס־שול, פּיטסבורגער היי־סקול, זעלבסט־בילדונג. געהערט צום בונד און צוליב געפאַר פון אַרעסט 1905 אַוועק קיין אַמעריקע. חתונה געהאַט מיט אַדעלאַ מייזער. אין אַרבעטער־רינג פון 8 מאַי 1907. געהערט צום בר. 45 אין פּיטסבורג, וואו געווען סעקרעטאַר. געלעבט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט אין באָסטאָן און געווען דאָרטן פאָרזיצער און סעקרעטאַר פון דעם שטאָטישן און דיסטריקט קאָמיטעט. 1919־21 צוויי טערמינען פון פּענסילווייניע אין נאַציאָנאַלער דיערקטאָרן־באָאַרד; 1933—35 פון מאַסאַ־טשוזעטס: אין די לעצטע עטלעכע יאָר אין ניו־יאָרק און געהערט צום גראָדנער ברענטש 74, 1950—53 פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג. געווען פריער אַ רייזנדער ביזנעס־אַגענט, 1923—49 מענעדזשער פון פאָרווערטס אין באָסטאָן און פון 1949 ביזן טויט אין ניו־יאָרק אַדווערטייזינג־מענעדזשער פון פאָרווערטס. אין באָסטאָן און בכלל אין ניו־ענגלאַנד געווען פון די סאַמע וויכטיקסטע טוער אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איז אויך געווען טעטיק אין אַ רייע אַלגעמיינע און יידישע אינסטיטוציעס און אַקציעס. געהערט צו דער סאָצ. פאַרטיי, אַ טוער אין דער ייד. סאָצ. פעדעראַציע און שפּעטער אין יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. בעת דער שפּאַלטונג־קאָנווענשאָן פון דער פעדע־ראַציע (1921) געווען דעלעגאַט אין פּיטסבורג און באַלד אויף דער גרינדונג־קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד. אַ גרינדער און פירער (סעק.) פון ניו־ענגלאַנד ביוראָ פון ייד. סאָצ. פאַר־באַנד; אויף 17 און 18 קאָנווענשאָנס געוויילט אין נאַצ. עקזעקוטיוו. גרינדער און פירער פון דאָרטשעסטער אָפּענעם פאָרום. מיטגרינדער און וויצע־פאָרזיצער פון יידישן אַר־בעטער־קאָמיטעט. געווען טעטיק אין פיל פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס און אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער שטאָטישער פּאָליטיק פון באָסטאָן. געשטיצט פיל אַרבעטער־שטרייקן. געשטאָרבן 30סטן סעפּטעמבער 1953 אין ניו־יאָרק.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)



י. פאָגעל

ראובן גוסקין — 1924

ביי איינע פון די קאָנווענשאָנס פון אַרבעטער־רינג, האָט גענאָסע אַב. קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אין זיין באַגריסונג־רעדע, זייער ריכטיק אָנגעוויזן, אַז אונדזער באַוועגונג איז צוזאַמענגעשטעלט פון דריי טיי־לן, פון „פאָרווערטס", פון אַרבעטער־רינג און פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן.

כדי צו באַגרייפן די וויכטיקע פּאָזיציע וואָס גע־נאָסע ראובן גוסקין פאַרנעמט אין אונדזער באַווע־גונג, מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אין דער דאָזיקער „דריי אייניקייט", שפּילט ער אַ גאָר וויכטיקע ראָלע. אין אַרבעטער־רינג, איז גוסקין אייניקע מאָל געווען פּרעזידענט; אין די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, איז ער שוין זייט פילע יאָרן דער טשערמאַן, און אין „פאָרווערטס" פאַרנעמט ער אַ פירנדע פּאָזיציע.

גענאָסע גוסקין איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט אַלע צווייגן פון אונדזער באַוועגונג. ער ווערט געאַכטעט צוליב זיין גראַדן שכל, און צוליב זיין איבערגעבנקייט צו אַלץ וואָס איז פאַרן וואוילזיין פון אונדזער אַרבע־טערשאַפט.

יעדער מיטגליד פון דער „דריי־אייניגקייט", פון „פאָרווערטס", פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן און פון אַרבעטער־רינג, ווינטש דעם יובילאַר נאָך פילע יאָרן פון פרוכטבאַרן לעבן.

קיין באַוועגונג קען ניט אויסקומען אָן אַ פּראַקטישן און ניכטערן צו־גאַנג. ביידע אייגנשאַפטן האָט גוסקין אין אַ פולער מאָס.

דעם שרייבער פון די שורות איז אָפט מאָל אויסגעקומען אָנוועזנד צו זיין ביי קאָנפערענצן און פאַרזאַמלונגען, ביי וועלכע עס האָט זיך שטאַרק געטומלט. עס האָט זיך געקליבן אַ סיטואַציע, און עס האָט געדראָט, אַז אָט־אָט, און די גאַנצע קאָנפערענץ ברעכט צוזאַמען ווי אַ קאָרטן־שטיבל.

אַלע זיינען אומרואיק, אַלע זיינען באַזאָרגט, מען האָט מורא פאַר דער גרויסער סכנה, וועלכע וועט באַלד אויסברעכן.

בלויז איין מענטש זיצט זיך אַ רואיקער, אַ געלאַסענער, מיט אַ קלוגן שמייכל אויף די ליפּן. דער מענטש איז ראובן גוסקין.

ווען אַלע טומלער האָבן אָפּגעטומלט, און ווען די אָפּאָזיציאָנערן האָבן שוין אויסגעשאָסן אַלע זייערע האַרמאַטן, שטעלט זיך אַוועק גוסקין, און עס נעמט ניט לאַנג, און ער פּרעסט אויס אַלע קנייטשן. אויס אָפּאָזיציע, אויס טומל, אויס געפּאַר. אַלץ איז ווי גאָט האָט געבאָטן.

און דאָס שענסטע דערביי איז וואָס אַלע צדדים זיינען זיך מחיה, און זענען גוסקינען דאַנקבאַר.

ווי אַזוי דערגרייכט עס גוסקין? וואָס פאַר אַ כח ווענדעט ער אָן, כדי צו ברענגען שלום־בית אין די קרייזן וואו ער פּאַרקערט?

דער ענטפער איז: שכל, טאַקט און געדולד. גוסקין קאָכט זיך ניט, ער הערט אויס יעדן צד אין אַ געמיט פון פאַרנונפט. דער דאָזיקער גע־מיט באַרואיקט די היץ־קעפּ, און ער געווינט צוליב דעם צוטרוי. אָט צוליב דעם געלינגט אים שטענדיק צו מאַכן קאָמפּראָמיסן, און פאַרגלעטן קאַמפן.

און אויב מען רופט גוסקינען אָן „פּאָליטישן", איז דאָס הויפּטזעכ־לעך דערפאַר, ווייל ער קען גוט אויספּרעסן קאָנפליקטן, ער ווייסט וואו איין און און וואו אויס.

גוסקין האָט זיך שטאַרק באַליבט געמאַכט צוליב זיין גראַדן שכל, זיין טאַקט, און זיין קלוגן שמייכל. ער וועט אויך אויסמיידן, אויב ער קען עמיצן ווי צו טאָן. ער האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונדזער באַ־וועגונג, און אַלע ווינטשן אים גליק צו זיין 60 יאָריקן געבורטסטאָג.

(געשריבן צו דער געלעגנהייט פון גוסקינס 60 יאָריקן יובל)

* * *

ג ו ס ק י ן , ר א ו ב ן — געבוירן 1 אויגוסט 1887 אין באָברויסק, מינסקער גוב., רוסלאַנד. עלטערן יוסף און ראַשע. פאָטער — בעל־מלאכה. געלערנט אין חדר, ישיבה. לערניינגל ביי אַ סטאָליער, שפּעטער אַ פריזירער. אַוועק קיין אוקראַינע און אַריין אין בונד. צוריק אין היים־שטאָט טעטיק אין בונדישער באַוו. 1903 באַטייליקט אין בונדי־שער זעלבסט־שוץ און בעתן פּאָגראָם אין האָמעל מיט אָפּטיילונג געקומען צו הילף. פון 1904 אין אַמעריקע. אַקטיוו אין צענטראַל־פאַרבאַנד פון בונד אין אַמעריקע, אין באָברויסקער לאַנדסמאַנשאַפט. אין באָברויסקער ברענטש 206 אַ־ר. 51—1916 זעכצן טערמינען אין נאַצ עקז. קאָמ., 5 מאָל פּרעזידענט און 1 מאָל קאַסירער פון אַרבעטער־רינג. אַקטיוו אין ייד. סאָצ. באַוו. 5 מאָל אין נאַצ. עקז. קאָמ. פון ייד. סאָצ. פאַרבאַנד: פריער געאַרבעט ווי אַ פריזירער און געווען אַ טוער אין באַרבערס־יוניאָן. פון 1918 — 1933 פאַרוואַלטער פון יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן, צענדליקער יאָרן פּרעזידענט פון פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן אין ניו־יאָרק. אַקטיוו פאַרן דזשאָינט, יידישן אַר־בעטער קאָמ., „בונד", יוו״אָ, ציקאָ, האַיאַס, הסתדרות, פאַרוואַלטונגס־ראַט פון פאָר־ווערטס אַסס'ן א. אַ. געשטאָרבן פּלוצלונג 4 אָקטאָבער 1941 אין ניו־יאָרק. פאַריתומט פרוי גאָסי, קינדער און אייניקלעך. קבר אויפן אַ־ר.־בית־עולם מאַונט כרמל.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מאיר דייווידאָף — 1925

פאַר אונדזערע „נאָוואָבראַנצעס" אָדער די יינגערע אַרבעטער־רינג־מיטגלידער איז אפשר דער נאָמען מאיר דאַווידאָוו גלאַט אַ נאָמען פון אַן אַקטיוון אַרבעטער־רינג־מיטגליד. פאַר די עלטערע מיטגלידער פונעם אַרבעטער־רינג איז דער נאָמען דאַווידאָוו אַ שם דבר, אַ שטיק געשיכטע אינם אַרבעטער־רינג. מאיר דאַווידאָוו איז געקומען קיין אַמעריקע אין די ניינציקער יאָרן פונם לעצטן יאָרהונדערט. ער איז דאָ געקומען אַ יונגערמאַן, אַרויס פון אַ ישיבה, פול מיט תורה און למדנות. און פונקט ווי יעדער ישיבה־בחור, וואָס איז דאָ געקומען אין יענע יאָרן, איז ער געווען אויף גרויסע צרות, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל מלאכה. אויף וויפל מיר ווייסן האָט ער געדינט אַ סך עבודה־זרות, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו ווערן אַ העמדל־מאַכער. ער איז געווען אַ יידישער יונגערמאַן מיט ווייניק וויסן פון וועלטלעכע קעגנשטאַנדן, און איבערהויפּט האָט ער ווייניק געוואוסט פון סאָציאַליזם אָדער טרייד־יוניאָניזם. אָבער דער סוועט־שאַפּ און בכלל די אַטמאָספערע פונם פינצטערן שאַפּ האָט אים צערודערט, און אָנשטאָט צו גיין אין בית המדרש לערנען אַ פרק משניות, האָט ער אָנגעפאַנגען גיין צו סאָציאַליסטישע מיטינגען און לעקציעס. און דער שאַרפער גמרא־קאָפּ האָט שנעל באַנומען די גרונד־פרינציפּן פון סאָציאַליזם מיט זיין פּראָגראַם צו ברענגען יושר, גערעכטיקייט און אַ בעסערן לעבן פאַר די אַרבעטער מאַסן. מאיר דאַווידאָוו איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַ מיטגליד אינם „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאַן און אַ מיטגליד פון ברענטש 2, אַרבעטער־רינג. ער איז געוואָרן זייער אַקטיוו אינם אַרבעטער־רינג; ער האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די פּעריאָדישע פּרינציפּיעלע קאַמפן אינם אַרבעטער־רינג. ער האָט זיך דערדינט צו ווערן דער פּרעזידענט פונם אַרבעטער־רינג אין דער צייט, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף פון יונגע און אַלטע.

דאַווידאָוו איז געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער אינשורענס־אַגענט, דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט אָוועקצוגעבן אַ סך צייט פאַר דעם אַרבעטער־

רינג, אויך זיין אַקטיוו אינם „פאָרווערטס" און אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאַווידאָוו איז געווען פון די ערשטע טוער אונדזערע, וואָס האָבן געפּריידיקט צו אונדזערע מיטגלידער, אַז זיי זאָלן זיך לערנען די ענגלישע שפּראַך און זיך איינלעבן דאָ אינם לאַנד אַלס גוטע, פּראָגרעסיווע אַמערי־קאַנער. ווען עס איז אָנגעקומען די קאָמוניסטישע מגפה אין אונדזערע רייען און די קאָמוניסטן האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג, איז ער געשטאַנען שטאָל און אייזן מיט די רעכטע עלעמענטן און געהאָלפן אויפ־דעקן דעם שווינדל פון די כלומרשטע פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וואָס האָבן געסטראַשעט מיט שטערונג און רואינע. ער איז געווען אַקטיוו און טריי צום נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער וויכ־טיקער אויפגאַבע צו ראַטעווען דעם אַרבעטער־רינג פון דער קאָמוניס־טישער וואַקכאַנאַליע. ער איז אין 1925 געווען פּרעזידענט פונם קלוב.

* * *

ד אַ ו י ד אָ ו ו , מ א י ר — געבוירן 10 יולי 1874 אין לוקניק, קאָוונער גוב., רוס־לאַנד. זון פון הירש שלום און מרים רייזל (לאַפּידאָס). דער פאָטער — אַ קאַראַבעלניק. געלערנט אין חדר און סלאָבאָדקער ישיבה. (אין יענער צייט האָט אים הויפּטזעכלעך געשטיצט זיין קרוב שלמה זאַלקינד עליאַשעוו — פאָטער פון בעל־מחשבות). אין אַמעריקע פון 1895. די ערשטע צייט געווען אַ שוחט. שפּעטער אַ העמדל־נייער און ווייסט־מאַכער. נאָך דעם אין אינשורענס־ביזנעס. 1896־97 סעקרעטאַר פון שוירט־מייקערס־יוניאָן. געהערט צו סאָצ. אַרב. פּאַרטיי (ס.ל.ג.). 1897 געווען דעלעגאַט אויף גרינדונג־קאָנפערענץ פון פּאָרווערטס. די גאַנצע צייט מיטגליד פון פאָרווערטס אַססן. אַקטיוו אין סאָצ. דעמ. פעדעראַציע. אין אַרבעטער־רינג פון 1902. מיטגליד פון בר. 2. 1906־7 און 1911־12 אין קאָנטראָל־קאָמ. ; 1912—14, 1917—19, 1922—25, 1927—28 אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט. 1912־13 פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג. פרוי חוה (איידע) — פון דער היים סימאַנאָווסקי (צווייטע הייראַט). געשטאָרבן 24 סעפּטעמבער 1957.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

יעפים ישורין

זלמן וואָלאָס — 1926

זלמן וואָלאָס איז געווען דער נאַציאָנאַלע פּרעזידענט פון קלוב אין דעם יאָר 1926. אונטער זיין אַדמיניסטראַציע האָבן זיך די קאָלעגן געפילט אין אַ וואַרעמער און פריינטלעכער סביבה. וואָלאָס איז געווען דער מענטש, וואָס האָט קיינמאָל, אין קיין צייט ניט אַרויסגערופן קיין פאַרביסענע שונאים מיט זיינע האַנדלונגען צו מענטשן בכלל און צו זיינע קאָלעגן בפרט.

אין די ברייטע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע טעטיקייטן פון אַרבעטער־רינג האָט זלמן וואָלאָס פאַרנומען אַן אָנגעזעענע ראָל. עס איז כמעט ניטאָ קיין איין וויכטיקע אינסטיטוציע אין דעם אַרבעטער־רינג, וואו וואָלאָס איז ניט געווען פון די ערשטע פּיאָנערן און, ביז צום סוף פון זיין לעבן, אַקטיוו זיך באַטייליקט. איבערהויפּט איז וואָלאָס געווען דער וואָרט־זאָגער און איבערגעבענער אַרבעטער־רינג מענטש אין איינפירן די פראַטערנאַלע ראַטעס אין אַרבעטער־רינג. אַדאַנק זיין געזונטער לאָגיק און פאַרשטענדיקונג איבער ענינים פון לעבנס־פאַרזיכערונג. זיינען די פראַטערנאַלע ראַטעס אַקצעפּטירט געוואָרן און דאָס האָט דעם אַרבעטער־רינג באַפעסטיקט און פאַרזיכערט צו ווערן די שטאַרקסטע און גרעסטע יידישע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע אויך עד היום.

דער פאַרדינסטפולער רעקאָרד פון זלמן וואָלאָס אין דעם דווינסקער ברענטש 75 איז, בלי ספק, אַ גלענצנעדער און קאָנסטרוקטיווער. ער איז געווען פון די סאַמע וויכטיקסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע מיטגלידער, וואָס האָט דערפירט דעם ברענטש צו דער העכסטער מדרגה פון אַנערקענונג און פרעסטיזש אויף דער אַרבעטער־רינג אַרענע. פונקט אַזאַ ראָל האָט וואָלאָס פאַרנומען אין ברענטש 5, וואו ער האָט זיך אין די לעצטע יאָרן טראַנספערירט צוליב געוויסע סיבות.

און ניט בלויז אין די ראַמען פון אַרבעטער־רינג האָט זלמן וואָלאָס בייגעטראָגן זיין ענערגיע און פאַרשטאַנד. זלמן וואָלאָס איז אויך געווען פון די חשובסטע מיטגלידער אין דער „פאָרווערטס"־אַסאָציאַציע און אין געוויסע פעריאָדן פאַרנומען די פּאָזיציע פון סעקרעטאַר און מיטגליד אין פאַרוואַלטונגס־ראַט.

פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין לעבן איז זלמן וואָלאָס געווען אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט מיט זיין פילנד האַרץ און מענטשלעכער נשמה געגלויבט און געאַרבעט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

אַ העכסט אָרנטלעכער און אויפריכטיקער געגאָסע און קאָלעגע איז געווען זלמן וואָלאָס. עס איז באמת אַ טיפער ווייטאָג און פאַרדוס, וואָס ער האָט ניט דערלעבט צום 50סטן יובילײ פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב, וואָס איז געווען זיין אינטימסטע און נאָנטסטע גרופּע מענטשן.

* * *

וואלאס, זלמן — געבוירן 1880 אין רוסלאַנד.: פון פאַך אַ האָלץ־שניצער. אין אַרבעטער־רינג פון 1904.: אין דווינסקער בונד־בר.: 75, פון וועלכן געווען אַ גרינדער.: אַקטיווער דעלעגאַט אויף פיל קאָנווענשאָנס. 17—1905 אין נאַצ. קאָמ. — קאָנטראָל, סאַנאַטאָריום, קאָנסטיטוציע. פּראַטערנאַלע ראַטעס (פאָרזיצער). 20—1918 צוויי טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמ. 19־1918 וויצע־פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג. מיטגליד און סעקרעטאַר פון פאָווערטס אַססן. געשטאָרבן 4 יאַנואַר 1940.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

יעפים ישורין

יאַנקל ראָטמאַן — 1927

י. ראָטמאַן איז אַן אַקטיווער טוער פאַר צענדליקער יאָרן ניט נאָר אין אַרבעטער־רינג נאָר אין אַלע קרייזן פון אונדזער יידיש־סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג. העכער 50 יאָר איז ראָטמאַן אַקטיוו אין זיין ברענטש 49 אַרבעטער־רינג, וואו ער האָט אין פאַרשיידענע צייטן אָנגע־האַלטן פאַרשיידענע אַמטן אין ברענטש. שוין אין 1916 איז אונדזער י. ראָטמאַן געווען אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער בענעפיט קאָמיטע, אין דער סאַנאַטאָריום קאָמיטע. אינם טערמין פון 1927־1928 איז ער געווען דער טרעזשורער פון אַרבעטער־רינג. ער איז אייניקע מאָל געווען אַ מיטגליד אין דער קאָנווענשאָן קאָנסטיטוציע קאָמיטע און דער פאָרזיצער פון דעם נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג.

אונדזער פריינט יעקב ראָטמאַן, איז נאָך געווען אַקטיוו אין דער עס־טרייכישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין זיינע יונגע יאָרן און אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער די היגע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער באַוועגונג, איבערהויפּט דעם אַרבעטער־רינג, געמאַכט פאַר זיין גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער היים.

* * *

ר אָ ט מ אַ ן , י ע ק ב — געבוירן 21 אָקטאָבער 1879 אין סטרי, מזרח־גאַליציע, עסטרייך. זון פון וואָלף און רבקה. די עלטערן — קצבים. געלערנט אין אַ פאָלקס־שול. פון 1890 ניין יאָר געלעבט אין ווין. 1899 געגרינדעט אין סטרי אַ סאָצ. פאַראיין „זניטש". געהאָלפן שאַפן פאַראיינען פאַר שניידער, סטאָליאַרעס, און פון די לעצטע — אויך אַ קאָאָפּעראַטיוו. אין אַמעריקע פון 1904. חתונה געהאַט מיט ראוז דיאַמאַנד. גע־ווען אַ מעבל־מאַנופעקטשורער. פאַרוואַלטער פון פאָרווערטס־הויז. מיטגליד פון לאָקאַל 335 אינט. אַסס׳ן פון מאַשיניסטן, געווען סעקרעטאַר. מיטגליד פון פאָרווערטס אַסס׳ן. אין אַ־ר. פון 1940. מיטגליד פון בר. 49. פון 1916 צוועלף טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט. 1917־18 וויצע פרעזידענט פון אַ־ר. און 28—1925 קאַסירער. אין פאַרבאַנד פון גאַליציאַנער יידן און ייד. אַרבעטער־קאָמיטעט. געשטאָרבן 22סטן יולי, 1959.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

יעפים ישורין

אברהם ס. רייזראָף — 1928

אברהם ס. רייזעראָף איז געווען אַ מערקווירדיק אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. אין משך פון 50 יאָר האָט ער געלעבט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און די גאַנצע צייט איז ער געווען אַ טעטיקער סאָציאַליסט און איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז געווען דער טיף פון אַ מענטשן, וועלכער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל נאָך פון קינדערייז אָן און האָט זיך פון זיינע אידעאַלן ניט אָפּגעזאָגט אויף קיין איינציקן מאָמענט. ער איז באמת געווען דורכגעדרונגען מיט דער באַוועגונג, האָט מיט דער באַוועגונג געלעבט און איז געשטאָרבן אַלס אַן איבערצייגטער און ניט אַן אַנטוישטער סאָציאַליסט. ער איז געווען דער אַריסטאָקראַט פון אונדזער באַוועגונג. זיין באַנעמונג צו מענטשן, זיין גוטסקייט, זיין שטענדיקע גרייטקייט צו העלפן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך צו אים געווענדעט,איז געווען דורכגעדרונגען מיט איינפאַכקייט. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייטער „רוסישער" נשמה. ער האָט אין זיין לעבן געהאַט גוטע צייטן און צייטן ווען ער איז געווען נידערגעשלאָגן ביי זיך, אָבער די וועלט האָט וועגן גאָרניט געוואוסט.

ער איז אויך געווען טעטיק אין דעם אַרבעטער־רינג און איז אין די יאָרן 1909—1910 און 1913—1917 געווען אַ מיטגליד פון דירעקטאָרן־ראַט פון אַרבעטער־רינג, וואו ער האָט פאַרטראָטן זיין שטאַט ראָוד־איילאַנד. פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך געקענט אָריענטירן אין די פראַגן פון סאָציאַליזם, האָט ער זיך אויך לייכט געקענט אָריענטירן אין די פּראָבלעמען פון אַרבעטער־רינג. זיין האַלטונג, זיין באַנעמונג האָט אַרויסגערופן גרויס אַכטונג מצד אַלעמען וואָס האָבן אים געקענט. ער איז געווען אַ גוטער חבר און דערפאַר האָט ער געפונען פלאַץ אין די רייען פון אונדזער קלוב און איז דערהויבן געוואָרן צו דעם אַמט אַלס פרעזידענט פון אונדזער קלוב.

* * *

רייזעראָף, אברהם ס. — געשטאַמט פון רוסלאַנד. אין אַמעריקע פון די נייַנציקער יאָרן פ. י. גאַנצע צייט אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די ניו־ענגלאַנד שטאַטן. אין אַרבעטער־רינג פון 1901. אין בר. 14, 712. 17—1909, פינף טערמינען פאַרטרעטן שטאַט ראָוד־איילענד אין נאַצ. דירעקטאָרן־באָארד אַ־ר. זיך פאַרנומען מיט מסחר. געשטאָרבן 10 אָקטאָבער 1936 אין וואוסטער, מאַס., עלטער — 68 יאָר. פאַריתומט פרוי בערטאַ און קינדער. קבר אַ־ר.־בית־עולם אין מעלראוז, באָסטאָן.
(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)



אָסקאַר סטירמאַן — 1929

דערינערונגען

אָט אַזוי רעדט מען אַרויס 50 יאָר קלוב! ווען איך און מיין ליבע פרוי גיבן אַ טראַכט וואָס עס איז דורך די 50 יאָר פּאַרלאָפן אויף דער גאַנצער וועלט, און אין אונדזער אייגענעם לעבן, אינעם אַרבעטער־רינג, און טאַקע אין אונדזער ליבן קלוב! זייער פיל זאַכן זיינען פּאָרגעקומען. ווען מען זאָל וועלן אַלץ באַשרייבן, וואָלט מען געדאַרפט אַ גאַנצן בוך אָנשרייבן.

אָבער אַזוי ווי איך בין אַ צעברעכער פון הייזער און ניט קיין שרייבער — וועל איך פּרובירן אין עטלעכע שורות דורכלויפן די 50 יאָר „חברשאַפט", ווייל מיר דוכט זיך, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען...

און אָט איז די גאַנצע געשיכטעלע:

אונדזער ליבער פאַרשטאָרבענער חבר באַקסט קומט און זאָגט אונדז אָן די בשורה, אַז איך און מיין ליבע פרוי זיינען ווירדיקע און פּאַסיקע מענטשן, אַז מיר זאָלן ווערן מיטגלידער אין נאַציאָנאַלן קלוב; אַז די מיטגלידערשאַפט איז ניט קיין גרויסע און אַז זי איז פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. און ווייטער דערציילט ער אונדז, אַז דער קלוב האָט אַ „טשיף". און אַז מיר, די מיטגלידער מיטן טשיף, האָבן איצט אַ גרויסע באַוועגונג, וואָס רופט זיך „אַרבעטער־רינג", מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַריבער 90 טויזנט, און אַלע מיטגלידער וואָלטן וועלן זיך אָנשליסן אין נאַציאָנאַלן קלוב.

און געשען איז עס אַזוי: ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אַלס מיטגלידער אין קלוב, האָבן מיר זיך דערפילט ווי מיר וואָלטן אַריין אין אַן אייגענער פאַמיליע. יעדער איינער איז אייך געווען ליב און טייער. איר זענט געווען פאַראינטערעסירט אין זייערע גוטע און שלעכטע צייטן. מען האָט געוואוסט פון אייערע שמחות, און פון אייערע טרויערס. און ווען מיר פלעגן אַרויספאָרן איבערן לאַנד — און אויב דאָרטן איז געווען אַ מיטגליד פונם קלוב — איז באַלד געוואָרן אַ יום־טוב, און מען האָט אונדז אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. מען האָט באַלד אָנגעהויבן מאַכן „פּאַרטיס"... מיט געזאַנג פלעגט מען פאַרברענגען גאַנצענע נעכט.

מיט איין וואָרט — עס האָט זיך אָנגעהויבן פּילן, אַז איר זענט איינער פון זיי. ס'האָט זיך גאָרניט געוואָלט אָוועקפאָרן, אַזוי איז דאָס געווען אין אַ סך שטעט, ווי אין שיקאַגאָ, סעינט לואיס, פילאַדעלפיע, באָסטאָן און אין נאָך און נאָך שטעט.

ווען איינער האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, אָדער ער האָט געמאַכט אַן אַנדער שמחה — האָט מען געלאָזט וויסן די מיטגלידער. אייניקע זיינען געקומען צו דער שמחה; אַנדערע מיטגלידער האָבן פאַרפלייצט מיט טע־לעגראַמעס און בריוו. מען דאַרף איך נישט דערציילן ווי די בעלי־שמחות האָבן זיך געפילט! און אַזוי זיינען אַלע מיטגלידער פון דעם גאַנצן לאַנד פאַרקניפּט און פאַרבונדן געוואָרן איינער מיטן אַנדערן, און מען האָט נאָר געזוכט אַלערליי געלעגנהייטן פאַר צוזאַמענקונפטן.

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר ניט פאַרגעסן אונדזער אַרבעטער־רינג. און ווען אַ פירער איז געקומען אין שטאָט, סיי פונם „פאָרווערטס״, סיי פונם אַרבעטער־רינג, אָדער פון אַנדערע באַוועגונגען, וואָס עס איז פאַרבונדן מיט די אידעאַלן פונם אַרבעטער־רינג איז באַלד געווען אַ שמחהלע.

ווען מען האָט דערהאַלטן די איינלאַדונגען פאַר דעם ניי־יאָר צו־זאַמענקונפט, וואָס דער „טשיף״ האָט אַרויסגעשיקט, מיט דער גאַנצער פּראָגראַם, וואָס עס וועט פאָרקומען ביי דעם יום־טוב — מעגט איר מיר גלויבן, אַז מיר פלעגן ציילן די טעג, און די צייט איז געווען צו־לאַנג. ווען מיר האָבן ענדלעך שוין דערלעבט די צייט, און זיינען געקומען אין גרויסן זאַל אויסגעפּוצט יום־טובדיק, פול מיט פרייד, און דערזען אַלע טייערע ליבע פריינט און חברים, האָט מען זיך אָנגעהויבן קושן איינער מיטן אַנדערן. יעדער איינער איז געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן וואָס די משפּחות מאַכן. און באַלד האָט דער „טשיף״ געגעבן אַ קלאַפּ מיט אַ שטאַרקער האַנט, אַז שטיל זאָל ווערן, און מאָמענטאַל איז שטיל געוואָרן. און אַלע האָבן פאַרנומען די פּלעצער און מען איז דורכגעגאַנגען מיט אַלע רעפּאָרטס פונם יאָר. איר וואָלט געמיינט, אַז דאָס ווערט באַריכטעט פון אַ גאַנצער רעגירונג. דאַן האָט ער מיט אַ לענגערער פאָררעדע פאָרגע־שטעלט דעם יערלעכן פּרעזידענט פונם קלוב. איר מעגט מיר גלויבן, אַז דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז נישט אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ פּאַראַד און אויפמערקזאַמקייט.

אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס? ווייל איך אַליין האָב געהאַט די זכיה צו זיין אַ פּרעזידענט פון דעם ווירדיקן קלוב און דורכפירן גרויסע זאַכן פאַר דער גאַנצער לאַנד מיטגלידערשאַפט.

נאָך דעם קומט פאַר די גרויסע סעודה. נאָך דער סעודה גייט מען

אין טעאַטער. נאָכן טעאַטער — אין קאַפעס אָדער אין נאַכטקלובן. דאָס איז געווען די ענדע פון דעם ערשטן טאָג יום־טוב.

דעם צווייטן טאָג, האָט דער „טשיף" אָנגעזאָגט, אַז 3 דעם זייגער זאָל יעדער איינער זיין אין זאַל. און אַז ער זאָגט — איז געזאָגט. און ווען די צייט איז געקומען איז דער עולם געווען, און מיט פאַרכאַפטע אָטעמס האָט מען געוואַרט צו הערן וואָס ער האָט צו זאָגן.

ער האָט דערקלערט, אַז אַלע קאָמיטעס וואָס זיינען דעם פאַרגאַנגענעם יאָר דערווײלט געוואָרן און זיי האָבן באַדאַרפט דורכפירן זאַכן, האָט ער זיי ניט געלאָזט און אַליין דורכגעפירט ווי ער האָט געוואָלט און, דעם קרעדיט האָט ער דווקא געגעבן צו די קאָמיטעס. ווייל אַלעס איז דורכגעפירט פינקטלעך. און נאָך דעם האָט ער אַרויסגערופן די ריכטער און פאַרגעשטעלט אַלע קלאַגעס וואָס זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך דעם יאָר. און דערנאָך האָט מען אויסגעהערט די קאָמיטע וואָס זי האָט צו זאָגן וועגן די ווירדיקע מיטגלידער וואָס האָבן זיך פאַרגעשלאָגן צום קלוב. נאָכדעם האָט זיך דער עולם אויסגעפוצט אין יום־טובדיקע קליידער צו דער ניי־יאָר פייערונג — און אַלעס ווערט דורכגעפירט אויף אַ גרויס־אַרטיקן שטייגער, מיט מוזיק און טענץ, און מען פאַרברענגט ביז טיף אין דער נאַכט.

דאָ פאַנגט זיך אָן דער געזעגענען זיך און ווינטשן יעדן איינעם אַ גוט יאָר. איך קען זאָגן, אַז מען לעבט איבער זייער אַ סך אינטערעסאַנטע מאָמענטן וואָס בלייבן אומפאַרגעסלעך און עס ווערט איינגעקריצט אין אייער האַרצן און איר פילט זיך גליקלעך וואָס איר זייט איינער פון דער „חברשאַפט".

נאָך אַמאָל, חברים, זייט געבענטשט, געזונט און גליקלעך מיט אייערע משפחות צום 50־יאָריקן „חברשאַפט".

* * *

ס ט י ר מ אַ ן, אָ ס ק אַ ר (משה) — געבוירן 1 אָקטאָבער 1885 אין דאָרף שיד־ווישקע, קיעווער גוב., רוסלאַנד. זון פון מרדכי און חיה. עלטערן — פּאַרמער. געלערנט ביי אַ מלמד און זעלבסט־בילדונג. געהערט צום בונד און זעלבסטשוץ. אין אַמעריקע פון 1906. חתונה געהאַט מיט סיליע (ציפּע) קרעדענסער. קאָנטראַקטאָר ביים צענעמען הייזער. אין אַ.־ר. פון 1906. מיטגליד אין בר. 702. 1908־9 סעק. פון בר. אין קווינסי, מאַס. געווען אַקטיוו אין לייבאָר־לייסעאום און קעמפּ פון אַ.־ר.־ פון 1906 ביז דער שפּאַלטונג געווען אין סאָצ. פּאַרטיי. אין באָסטאָן געווען טעטיק אין פּיפּלס־רעליף, אָרט, הסתדרות־קאַמפּיין, בית־ישראל שפּיטאָל, היים פאַר זקנים, יידישן קולטור־קלוב, ייוו"אָ, יידישן סעמינאַר, פאַראייניקטן יידישן אַפּיל, מאַסאַנען לאָזשע, ציקאָ, יידישן קולטור־קאָנגרעס.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

ד״ר סעמיועל סילווערבערג — 1930

50 יאָר קלוב און זיין באַדייטונג פאַרן אַרבעטער־רינג

פופציק יאָר „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״, איז אַ דאַטע, וועלכע דאַרף יעדן מיטגליד פון קלוב געבן אַ געלעגנהייט אַביסעלע אַ טראַכט טון, און זיך פרעגן, וואָס האָט אונדזער קלוב געטאָן פאַר דעם אַרבעטער־רינג דורך דעם האַלבן יאָר־הונדערט פון זיין עקזיסטענץ?

ניט זייענדיק איינער פון די גרינדער פון קלוב, האָב איך אָבער דעם געפיל, אַז די גרינדער האָבן זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָל דער קלוב, דורך זיינע מיטגלידער, וועט מוזן שפּילן אין דעם לעבן פון אַרבעטער־רינג.

דאָס וואָרט „סאָציאַלער״ אין דעם נאָמען פון קלוב, האָט מיר געגעבן דעם איינדרוק, אַז די גרינדער האָבן געוואָלט צוזאַמענגעמען די טעטיקע פאַרוואַלטער און אַנדערע פירער פון אַרבעטער־רינג אין אַ גרופּע, כדי פריילעך צו פאַרברענגען איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ יאָר, און אַזוי אַרום פאַרגעסן צייטווייליק די רוטינע אַרבעטער־רינג מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און צוויסטיקייטן. מעגלעך, אַז דאָס איז טאַקע געווען דער מיין פון די גרינ־דער פון קלוב; אָבער, ווי זאָגט דאָס ווערטל: „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט״, פּאַסירונגען אין אַרבעטער־רינג, וועלכע האָבן געבראַכט די מעגלעכקייט, אַז אונדזער אָרדן זאָל צעבראָכן ווערן, אָדער פּילייכט אַרונ־טער פון זיין גלייכן און ריכטיקן אידעאַישן וועג, האָט געצוואונגען דעם קלוב נישט צו בלייבן גלייכגילטיק און זיך אַריינוואַרפן אין די קאַמפן. עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין, ווייל די ערשטע לאָיאַליטעט פון די קלוב־מיטגלידער איז געווען — די אידעאָלאָגישע אויסגעהאַלטנקייט און מאַטעריעלע שטאַרקייט פון אַרבעטער־רינג.

נישט לאַנג נאָך דער גרינדונג פון קלוב, האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמע פון אַרבעטער־רינג. דאָס איז גע־

ווען אין די פריע פופצענער יאָרן און איז באַקאַנט אַלס דער קאַמף פון די „יונגע און אַלטע".

איך ווייס ניט גענוי פּאַר וואָס דער קאַמף איז באַטיטלט געוואָרן מיט דעם נאָמען „יונגע און אַלטע". עס זיינען געווען עלטערע מיטגלידער צווישן די „יונגע" און גאַנץ יונגע מיטגלידער צווישן די „אַלטע". איין זאַך ווייס איך, אַז דער קאַמף איז באמת געווען אַ שווערער און פּרינציפּיעל אַ וויכטיקער. איך האָב ניט אין זינען אין דעם אַרטיקל אַריינצוגיין אין אַלע דעטאַילן פון יענעם קאַמף. דאָס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ. אין קורצן איז דער קאַמף באַשטאַנען אין דער פאָדערונג פון די „יונגע", צו אָרגאַניזירן „סטייט־קאָמיטעס" איבערן לאַנד, וועלכע זאָלן קריגן דאָס רעכט דורכצופירן געוויסע פונקציעס וועלכע זיינען ביז דאַן געווען די אויסשליסלעכע רעכט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג.

ווען איך טראַכט וועגן יענער פּעריאָדע, קומט מיר אַלעמאָל אַרויף אויפן זינען די אַמעריקאַנער ציווילע מלחמה — „סיוויל וואָר" — וועלכע פּרעזידענט לינקאָלן האָט געפירט, כדי אָנצוהאַלטן די גאַנצקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די נעגערישע שקלאַפעריי איז בלויז געווען דער ברענענדיקער פּונקט, דורך וועלכן, דער פּרעזידענט האָט געוואָלט באַגרענעצן די פונקציעס פון די איינצלנע שטאַטן, וועלכע פונקציעס, האָ־בן לאָגישערווייז געדאַרפט באַלאַנגען צו דער פעדעראַלער רעגירונג. דער פּרעזידענט האָט געפילט, אַז אויב ער וועט דעם קאַמף ניט אָנהייבן און געווינען, וועט זיך די גאַנצקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ניט קאָנען איינהאַלטן.

דעם קאַמף פון די „יונגע און אַלטע" קען מען, נאַטירלעך, אין אַ גאַנץ קליינעם מאַסשטאַב צוגלייכן צו דער אַמעריקאַנער ציווילער מלחמה. די מערהייט מיטגלידער פון אונדזער קלוב האָבן געפילט, אַז די „סטייט־קאָמיטעט" מיט זייערע אויטאָנאָמישע רעכטן וועלן צעברעקלען דעם אַר־בעטער־רינג אין עטלעכע קליינע „רעגירונגען", וועלכע קענען, און וועלן וואַרשיינלעך, פריער אָדער שפּעטער, דעם אַרבעטער־רינג צעברעכן.

די אָרגאַניזירטע מאַכט פון קלוב האָט געהאָלפן זיינע מיטגלידער אָנפירן דעם קאַמף צווישן די ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג, דורך העלפן זיי צו פאַרשטיין, ווי גרויס די געפאַר איז, אויב די „יונגע" זאָלן דעם קאַמף געווינען. דער קלוב האָט דעריבער געהאַט אַ גרויסן טייל אין דעם ענטגילטיקן זיג פון די „אַלטע".

דער צווייטער וויכטיקער קאַמף, אין וועלכן דער קלוב האָט גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל, איז געווען אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען די קאָמוניסטן האָבן באַשלאָסן איבערצונעמען דעם אַרבעטער־רינג, אָדער איינגאַנצן אים צעברעכן. דער קאַמף איז געווען אַ סך ערנסטער ווי דער פון די „יונגע"

און „אַלטע״. ווייל דער צוגאַנג פון די מיטגלידער איז געווען אַן אַנדערער. די „יונגע״ זיינען געווען איבערגעגעבענע מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַבזיכטלעך שעדיקן די אָרגאַניזאַציע. פאַרקערט, זיי האָבן געדענקט, אַז דאָס וועט העלפן דעם אַרבעטער־רינג. די מאַיאָ־ריטעט האָט אָבער געפילט, אַז די „יונגע״ מאַכן אַ טעות אין זייער אָפּשאַצונג פון זייערע פאָדערונגען. די קאָמוניסטן, אָבער, זיינען גאָרניט געווען פאַראינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון אַרבעטער־רינג. זייער אינטערעס איז געווען בלויז אויסצופירן דעם אָרדער פון דער רוסישער קאָמוניסטישער דיקטאַטור — צו פאַרכאַפּן אָדער צעברעכן די אָרגאַניזאַציעס וועלכע ווילן ניט גיין אין שפּאַן.

אין דעם קאַמף האָט אונדזער קלוב אַ סך ענערגיע, אַרבעט און צייט אַוועקגעגעבן. אַלע מיטגלידער פון קלוב זיינען געמונטערט געוואָרן צו טון אַלץ וואָס נאָר מעגלעך צווישן ברענטשעס און איינצלנע מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג, אַז זיי זאָלן העלפן די פאַרוואַלטונגען פון אַרבעטער־רינג· די גאַנצקייט פון דער אָרגאַניזאַציע אויפצוהאַלטן.

דער רעזולטאַט רעדט פאַר זיך אַליין.

* * *

סילווערבערג, שמואל (סעמיועל) ד״ר — געבוירן 11 אָקטאָבער 1886 אין בריסק ביים בוג, גראָדנער גוב., רוסלאַנד. זון פון חיים און דאָבע. דער פאָטער — אַ יואוועליר. געלערנט אין חדר, פּאָלקס־שול, אַמעריקאַנער צוגרייטונג־שול און פאָרדהעם אוניווערזיטעט. באַקומען דיפּלאָם פון מעדיצין־דאָקטאָר. אין אַמעריקע פון 1901. חתונה געהאַט מיט מאַלי (מלכה) אַלפּער. געווען אַ פאַרמאַצעווט און דראָג־מאַנופעקטשורער. שפּעטער פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר. אין אַרבעטער־רינג פון 1907. מיטגליד פון בר. 87, איצט בר. 4. 1914־15 אין בילדונגס־קאָמיטעט. פון 1916 ביז 1956 אַכט טערמינען אין נאַצ. עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. 3 מאָל קאַסירער און 2 מאָל (1927—30 און 1937—39) וויצע־פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג. געווען פאָרזיצער פון מעדיצינישן דעפּאַרטמענט און פון קעמפּ־קאָמיטעט. פאָרזיצער פון אַ.־ר. דיוויזיע פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט. געווען אין דער סאָצ. פּאַרטיי. איצט אין סאָצ. דעמ. פעדעראַציע; פאָרווערטס אַסס׳ן; ניו־לידער אַסס׳ן; קעמפּ טעמימענט אַסס׳ן; באָארד פון ראַדיאָ־סטאַנציע דאַבעליו. אי. ווי. די.; ייד. ארבעטער קאָמיטעט; אַרבעטער־אָרט. לעצטנס דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון „פאָרווערטס״ אַסס׳ן.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)



לואי דינערשטיין — 1931

לואי דינערשטיין איז געווען אַן אינסטיטוציע פאַר זיך. ער האָט געלעבט און געאָטעמט מיטן אַרבעטער־רינג. דער אַרבעטער־רינג איז געווען אַ טייל פון זיין לעבן. עס האָט אים ווייניק געקימערט פּרנסה. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין אַרבעט, זיינע אייגענע געשעפטן. די זאַך וואָס האָט פאַרנומען זיינע געדאַנקען איז געווען דער אַרבעטער־רינג. די דערפאָלגן פון אַרבעטער־רינג זיינען געווען זיינע פּערזענלעכע דערפאָלגן.

עס זיינען דאָ מענטשן וועלכע זיינען אין אַרבעטער־רינג גרויס געוואָרן. אַן דעם אַרבעטער וואָלטן זיי געבליבן נישטיקייטן. פיל האָבן געמאַכט זייער קאַריערע אין אַרבעטער־רינג. דער אַרבעטער־רינג האָט אָבער אויך זיינע מאַרטירער. עס זיינען דאָ מענטשן, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייערע אַלע כוחות און זייער גאַנצע ענערגיע פאַר דער אָרגאַניזאַציע און עס איז זיי געבליבן ווייניק צייט עפּעס צו טאָן פאַר זיך פּערזענלעך. לואי דינערשטיין איז געווען פון אָט די מאַרטירער.

ער האָט געהאַט אַ גוטן טרייד. ער איז געווען אַ גוטער פּיינטער, אַ טייערער בעל־מלאכה. עס זיינען געווען צייטן וואָס ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו ווערן אַ באָס־פּיינטער. לאָזן אַנדערע אַרבעטן פאַר אים און אַליין קלייבן דאָלאַרן און אַריבער צו ריעל עסטייט. פיל באָס־פּיינטערס האָבן דורכגעמאַכט אָט דעם וועג און זיינען געוואָרן „אָלרייטניקעס”. זיי זיינען געוואָרן רייך און דערוואָרבן זיך אי כבוד אי געלט. דינערשטיין האָט דעם וועג ניט געוואָלט גיין. ערשטנס, איז ער געווען אַ פּרינציפּיעלער סאָציאַליסט און אַלס סאָציאַליסט האָט ער ניט געוואָלט לעבן פון פרעמדער פּראַצע. דער עיקר האָט אים געשטערט צו דערשלאָגן זיך אַ גוטע מאַטעריעלע פּאָזיציע זיין אַרבעט אין אַרבעטער־רינג. וואָס מיינט איר עפּעס, לואי דינערשטיין וועט זיך אָפּגעבן מיט ביזנעס און פאַרנאַכלעסיקן אַ וויכטיקע אַרבעטער־רינג קאָנפערענץ אָדער גאָר אַ קאָנווענשאָן?!.... ניין, אַזאַ זאַך איז ביי לואי דינערשטיין ניט מעגלעך געווען.

און איבערגעגעבן איז ער געווען דעם אַרבעטער־רינג מיט זיין גאַנצן וועזן. ער האָט געדינט דער אָרגאַניזאַציע מיט די זאַפטן פון זיינע ביינער און מיט זיין גאַנצן מאַרך. דער אַרבעטער־רינג איז געוואָרן אַ שטיק פון

זיין פערזאָן. דינערשטיין איז געווען אַ לײדנשאַפטלעכער פאָלקס־רעדנער. עס איז אָבער ניט מעגלעך געווען, אַז אין זײַנער אַ רעדע זאָל ער ניט דער־מאָנען דעם אַרבעטער־רינג צענדליקער מאָל.

ער איז אַליין איבערגעגעבן דעם אַרבעטער־רינג און האָט אײַנעפּלאַנצט די געפילן אין יעדען מיטגליד פון זיין פאַמיליע. זיין פרוי, זיינע קינדער זיינען אויך איבערגעגעבענע מיטגלידער פון אונדזער אָרדן. עס זיינען דאָ פּייערדיקע יידישיסטן, וועמענס קינדער עס קענען אַ וואָרט יידיש ניט. עס זיינען געווען גרויסע העברעאישע פּאָעטן, וועמענס קינדער עס האָבן ניט פאַרשטאַנען אין וואָס עס באַשטייט זייער טאַטנס גרויסקייט. ל. דינערשטיין האָט אָבער אויך געווירקט, אַז זיין גאַנצע פאַמיליע זאָל לעבן מיט זיינע געפילן.

לואי דינערשטיין האָט פאַרנומען אין אַרבעטער־רינג פיל אַמטן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַלע קאָמיטעטן, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם אַרבעטער־רינג. דער עיקר איז ער געווען טעטיק אין דער אָרגאַניזירונג פון נייע מיטגלידער און ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג.

געבאָרן געוואָרן איז לואי דינערשטיין אין יאָר 1884, אין מינסק, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. ער איז אָבער יונגערהייט איבערגעגאַנגען צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אויך דאָ אין אַמעריקע האָט ער פאַרגעזעצט זיין סאָציאַליסטישע טעטיקייט. ער איז ניט נאָר געווען אַן איבערגעגעבענער אַרבעטער־רינג מיטגליד, נאָר אַ פייערדיקער סאָציאַליסט. פאַר לואי דינער־שטיין איז געווען די אַרבעטער־באַוועגונג אַן אמתע רעליגיע.

* * *

דינערשטיין, לואיס — געבוירן אָקטאָבער 1884 אין מינסק, רוסלאַנד. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1901. נאָך אין דער אַלטער היים האָט ער באַלאַנגט צו דער בונדישער באַוועגונג און האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די פריקאַזשטשיקעס אין מינסק. דאָ אין ניו־יאָרק האָט ער אָרגאַניזירט אַ מינסקער פאַראיין צו העלפן די פּאָליטיש־אַרעסטירטע פון מינסק. געווען איינער פון די פּיאָנערן־גרינדער פון מינסקער ברענטש 99 אַ.־ר. און האָט געשפּילט אַ פירנדע ראָלע אין דעם ברענטש. שוין אין 1912 איז לואיס דינערשטיין דערוויילט געוואָרן אין דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמ. פון אַרבעטער־רינג. ער איז געווען פאַרזיצער פון דער פּרעסע קאָמיטע פון 1913 ביז 1915 און זייט 1920 ביז 1946 איז ער אין פאַרשיידענע טערמינען געווען אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און פאַרזיצער פון דעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעט. אין די יאָרן 1927—29 איז ער געווען דער וויצע־פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג. ער איז אויך אַ פּאָר טערמינען געווען אַ מיטגליד פון דער אַ.־ר. קאָנסטיטוציע־קאָמיטע. ער איז איניקע יאָר געווען דער פאָרזיצער פון דעם ניו־יאָרקער יידישן שטאָט־קאָמיטעט. איניקע יאָר איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון סעמעטערי־דעפּאַרטמענט, מיטגליד און טרעזשורער פון ניו־יאָרקער אַ.־ר. קעמפּ־קאָמיטעט, אַ מיט־גליד פון דער עקזעקוטיווע פונם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט. ער האָט אויך באַלאַנגט צום יידישן סאָצ. פאַרבאַנד. זיין פרוי, איידאַ, און זייער זון, הערי, זיינען זייער אַקטיווע טוער אין אַ.־ר. געשטאָרבן 11 יוני 1951.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)



דר. יודעל קאָרנעל — 1932

ד״ר קאָרנעל איז געבוירן געוואָרן דעם 29טן דעצעמבער, 1880, אין ווילנע. ער האָט דאָרטן געענדיקט אַ רזעמעסלענע אוטשילישטשע און איז געווען אַן עלעקטרישן. ער איז געווען אָנגעשלאָסן אָן דעם „בונד״ און האָט זיך באַטייליקט אין דעם איבערפאַל פון אַרבעטער אויף דער פּאָליציי. דער איבערפאַל איז באַוואוסט אַלס דער „פּאַן בוג״ איבערפאַל. ער האָט געדינט אין מיליטער און איז אַנטלאָפן פון סלוזשבע אין אַמעריקע. אין אַמעריקע האָט ער אויסגעשטודירט דענטיסט און האָט פּראַקטיצירט אין ספּרינגפילד, מאַס., און נאָכדעם אַריבערגעצויגן זיך נאָך ניו־יאָרק. אין 1933 איז ער געווען פּאָרזיצער פון אַרבעטער־רינג מעדיקל־דעפּאַרטמענט. ער איז אויך געווען דער 19ער פּרעזידענט פון אונדזער קלוב אין דעם יאָר 1932.

* * *

קאָרנעל, דזשוליוס (יודעל) ד״ר — געבוירן 29טן דעצעמבער 1880 אין ווילנע. געענדיקט האַנטווערקער־שול און געווען עלעקטראָ־טעכניקער. אַריין אין בונד מאַי 1900 באַטייליקט אין איבערפאַל אויף אַ ווילנער פּאָליציי־צירקל און געהאָלפן באַפרייען 3 אַרעסטירטע. אין אַמעריקע פון אָנהויב הייַנטיקן יאָרהונדערט. אין אַרבעטער־רינג פון 1901. אין ספּירנגפילד, מאַס. אַ שאַפער פון לייבאָר־ליג, ווען מ׳האָט דאָרט פאַרוועדט אַ.־ר. שפּעטער אין בר. 315 און 43. פון 1931 אין מעדיצינישן דעפּאַרטמענט פון אַ.־ר. אין ניו־יאָרק, וואו געווען פאָרזיצער 1933. פּראַקטיצירט אַלס דענטיסט. געווען אין סאָצ. פּאַרטיי, פיל מאָל סאָצ. קאַנדידאַט פאַר עפנטלעכע אַמטן אין מאַס. שפּעטער אין סאָצ. דעמ. פעדעראַציע; יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד; „פאָרווערטס״ אַסס׳ן; פאַך־סאָסייעטיס. פון 1924 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 18טן יאַנואַר 1954.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מאַקס גאַפּט

באַרנעט וואולף — 1933

מיט דעם טויט פון באַרנעט וואולף, האָט אונדזער באַוועגונג געליטן אַ גרויסן פאַרלוסט, און ער וועט אויספעלן אין יענע אינסטיטוציעס, וואו ער האָט פאַרנומען אַזאַ חשובן פּלאַץ.

באַרנעט וואולף איז געווען אַ געבילדעטער מענטש און אין דער זעלבער צייט אַ פּראַקטישער טוער. ער איז געווען דאָס, וואָס מען רופט אָן אַ מושלם: אַ קענער, אַ ווייסער; אַ קאָמבינאַציע פון טעאָרעטישן וויסן מיט פּראַקטישער אָנווענדונג.

באַרנעט וואולפס בילדונג איז געווען אַן אַלזייטיקע. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך יידישן וויסן. געווען שטאַרק באַהאַוונט אין דער אַלגעמיינער וועלט־ליטעראַטור, און וועגן זיינע קענטענישן אין ענגליש — איז דאָך קיין פראַגע ניט, ווייל ער איז געווען אַ סטודענט זיין גאַנץ לעבן, ביז וואַנען ער איז קראַנק געוואָרן אין דעם אַרבעטער־רינג־סאַנאַטאָריום וואו ער איז געווען פאַרוואַלטער פאַר די לעצטע צען יאָר.

וואולף איז געווען דער אמתער טיפּ פון אַן אַרבעטער־אינטעליגענט, אויף וועלכן די סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־באַוועגונג האָט געלייגט אירע האָפענונגען. אַזעלכע מענטשן ווי די וואולפס, וועלכע זיינען פעאיק צו זיין פאַרוואַלטער, וועלכע פאַרמאָגן די נויטיקע בילדונג, וויסן און דערפאַרונג, און אין דער זעלבער צייט איז זייער הינטערגרונט אַ פּראָלעטאַרישער, אַרבעטאַרישער, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַלע דערפאַרונגען פון אַרבעטער־לעבן און פון אַרבעטער־קאַמף — אַזעלכע מענטשן לעבן און אָטעמען מיט קאַמף פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און זיינע אינסטיטוציעס, און זייערע אַמביציעס זיינען צו ווייזן דער וועלט, אַז אַרבעטער־אינסטיטוציעס קענען פאַרוואַלטעט ווערן דורך זייערע אייגענע מענטשן מיט פונקט אַזוי פיל פעאיקייט, מיט פונקט אַזוי פיל פאַרשטענדעניש, ווי די קאַפּיטאַליסטישע פאַרוואַלטערס און עפישענסי־עקספּערטן, וועלכע לייגן דעם גאַנצן געוויכט פון פאַרוואַלטונג אויף עקספּלואַטאַציע. באַרנעט

וואולף איז געווען דער טיפּישער אַרבעטער־פּאַרוואַלטער, מיט וועמען מען האָט געקענט ווייזן דער וועלט, אַז אויך מיר פּאַרמאָגן פּעאיקע עקספּערטן־פּאַרוואַלטער, וועלכע קענען די מלאכה ניט ערגער, און אפשר בעסער, ווי די פּראָפעסיאָנעלע פּאַרוואַלטערס.

באַרנעט וואולפס קאַריערע, אינם דינסט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געווען אַ פּילפּאַכע און פּאַרבנרייכע. ער איז געווען דער אַגיטאַטאָר און לעקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דער באַגייסטערער ביי פּאַרשיידענע קאָנפערענצן און קאָנווענשאָנס, דער פּאַרפאַסער פון די רעזאָלוציעס און פּאַרטיי־פּלאַטפאָרמעס, דער וואָרט־פירער און דעבאַטאַנט צווישן די פּאַרטיי־פונקציאָנערן, דער דערוויילטער לעגיסלאַטאָר פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, דער מענעדזשער פון אַ גרויסער יוניאָן און דער פּאַרוואַלטער פון צוויי אַרבעטער־רינג אינסטיטוציעס — דער אַרבעטער־רינג־קעמפּ און דער אַרבעטער־רינג־סאַנאַטאָריום.

אויף אַלע געביטן פון זיין פילצאָליקער טעטיקייט, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט גרינטלעכקייט און פּאַרשטענדעניש. ווען ער איז דערוויילט געוואָרן אָלדערמאַן פון זיין דיסטריקט אויף דעם סאָציאַליסטישן טיקעט, האָט ער זיך גלייך גענומען דערגרונטעווען אין געזעצגעבונג. צענדליקער ביכער וועגן געזעץ און שטאָט־פּאַרוואַלטונג האָט ער איבערגעלייענט, און האָט געשמועסט מיט צענדליקער לעגיסלאַטאָרס און שטאָט־פּאַרוואַלטערס. ער האָט אָנגעזאַמלט וויסן פאַר שטאָט־פּאַרוואַלטונג, ווי אַן עקספּערט. צום באַדויערן, האָט ער די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן ניט געקענט באַנוצן, ווייל ער איז ווי די אַנדערע דערוויילטע סאָציאַליסטן, ניט געווען לאַנג גענוג אין דער שטאָט־פּאַרוואַלטונג, אָבער צו יעדער זאַך, צו וועלכער ער האָט זיך גענומען, האָט ער זיך באַצויגן מיט אַזאַ ערנסט, מיט אַזאַ פאַכמענישער קענטעניש, אַז ער איז גלייך געוואָרן אַן עקספּערט אין דעם ענין. דאָס זעלבע איז געווען, ווען ער איז געוואָרן דער פּאַרוואַלטער פון דער פּאַקעטבוק־אַרבעטער־יוניאָן, דער פּאַרוואַלטער פון דער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי, דער פּאַרוואַלטער פון אַרבעטער־רינג־קעמפּ, דער פּאַרוואַלטער פון אַרבעטער־רינג־סאַנאַטאָריום — דער בוך, די טעאָרעטישע קענטניש איז געגאַנגען זייט ביי זייט מיט די פּראַקטישע מעטאָדן, וועלכע ער האָט אָנגעווענדעט.

זיין ווירקונג ווי אַן אַדמיניסטראַטאָר האָט ער ספּעציעל איבערגעלאָזט אין דעם אַרבעטער־רינג־סאַנאַטאָריום, וואו ער איז געווען פּאַרוואַלטער צען יאָר. זיינע באַציאונגען מיט די פּאַציענטן זיינען געווען ברידערלעכע. די, וואָס פּאַרשטייען דעם נערוועזן צושטאַנד פון אַ טובערקולאָזן פּאַציענט אין אַזאַ אינסטיטוציע, ווי דער אַרבעטער־רינג־סאַנאַטאָריום, וועלן קענען אָפּשאַצן וואולפס פריינדלעכע באַנעמונג צו די פּאַציענטן. די לעבן־געבלי־

בענע און געזונט־געוואָרענע פּאַציענטן רעדן נאָך ביז היינטיקן טאָג וועגן באַרנעט וואולפן, ווי וועגן אַ ברודער און פאָטער. אָבער זיינע פריינד־לעכע באַנעמונגען באַציען זיך צו די פאַרשיידענע קאָמיטעס פון אַרבעטער־רינג און איבערהויפּט צו זיינע באַלעבאַטים — דער סאַנאַטאָריום קאָ־מיטע — צו די דאָקטורים און נויירסעס און צו די אַרבעטער אין דעם סאַ־נאַטאָריום. די שטאַטישע איינוואוינער נעבן סאַנאַטאָריום, די געשעפטס־לייט, מיט וועמען ער האָט געהאַנדלט, די אַרבעטער וועמען ער האָט באַ־שעפטיקט און די שטאַטישע באַאַמטע, וועלכע האָבן אים געקענט — האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט דעם גרעסטן רעספּעקט און דרך־ארץ. דער פּרעסטיזש פון אַרבעטער־רינג איז געווען שטאַרק געהויבן דורך אַזאַ פאַר־טרעטער ווי באַרנעט וואולף.

באַרנעט וואולף איז געווען דאָס וואָס מיר רופן אַן אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט. זיין פאַרטייטשונג און אַנאַליז פון אַלע פּאַסירונגען זיינען גע־ווען דורכגעדרונגען דורך דעם דאָזיקן מעטאָד. ער איז געווען אַזעלכער זיין גאַנץ לעבן און האָט ניט אָפּגענויגט פון אָט דער ריכטונג, ניט רעכטס און ניט לינקס. אָט די שטעלונג זיינע, האָט אים באַגלייט אויף זיין גאַנצן לעבנסגאַנג אין אַלע זיינע האַנדלונגען און אַרויסטרעטונגען אַלס געזעל־שאַפטלעכער מענטש. אַזעלכע מענטשן זיינען גאַנץ אָפט שווערע מענטשן, צו קענען אויסקומען מיט זיי. אָבער באַרנעט וואולף איז געווען זייער אַ וואוילער מענטש און עס איז געווען אַ פאַרגעניגן מיט אים צו פאַרברענגען און אויסצוקומען.

אין אַרבעטער־רינג האָט באַרנעט וואולף פאַרנומען אַ זייער אָנגעזע־ענעם און אייגנאַרטיקן פּלאַץ. ער איז געווען זייער אָפט אין דער פאַר־וואַלטונג פון אַרבעטער־רינג און האָט פאַרנומען פאַרשיידענע עמטער. ער איז געווען אַקטיוו אין זיין ברענטש, ער האָט זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון זיין דערפאָלג אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער האָט זיך גע־היט פון מאַכן דעם איינדרוק פון אַ געלערנטן ווען ער איז אַפילו געווען שטאַרק באַרעדעוודיק. אין אַרבעטער־רינג איז ער געווען זייער פּאָפּולער און שטאַרק באַליבט.

באַרנעט וואולף איז געבאָרן געוואָרן אין אַן אַרבעטער־פאַמיליע. ער האָט געמוזט אַרבעטן ביי זיין טאַטן אין גראָסערי־סטאָר. ער האָט אָבער פאַרמאָגט גרויסע פעאיקייטן, אַ שטאַרקן כאַראַקטער און אַ פאַרלאַנג צו דינען זיינע מיטמענטשן. אין פאַרלויף פון זיין לעבן האָט ער דאָס געטאָן אויף פאַרשיידענע געביטן, האָבנדיק הנאה פון זיין שטודיום, פון זיינע פּראַקטישע אַרבעטן און פון זיינע לייסטונגען צו זיינע מיטאַרבעטער, און ער האָט געוואָלט אַז זיינע מיטאַרבעטער זאָלן הנאה האָבן. דאָס איז געווען דער סוד, פאַרוואָס ער איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן אַרבעטנדיק פאַרן

כלל. זיין אַרבעט איז געווען אַ סינטעז פון פליכט און פאַרגעניגן, און ער האָט אָט די פילאָזאָפיע פאַרשפּרייט צווישן זיינע מיטאַרבעטער.

פאַר אונדז איז דער טויט פון באַרנעט וואולף אַ גרויסער פאַרלוסט. מיט זיין ענערגיע און ערודיציע האָט ער נאָך געקענט זייער אַ סך אויפטאָן. ער איז נאָך ניט געווען צו אַלט אויפצוטאָן דאָס, וואָס אַנדערע האָבן ניט געקאָנט אויפטאָן. און מיט ווייטיג אין האַרצן און מיט ערפורכט אין געדאַנק וועלן מיר געדענקען דעם ליבן מענטש באַרנעט וואולף.

* * *

וואולף, באַרנעט — געבוירן אין פּאַריז, פראַנקרייך. אַ האַלב יאָר נאָכן געבורט אין אַמעריקע. עלטערן אַרבעטער, שפּעטער געהאַט אַ גראָסערי. אויפגעהאָדעוועט אין בראָנזוויל (ברוקלין). באַקומען אַ יידישע און וועלטלעכע דערציאונג, באַהערשט יידיש ווי ענגליש. פון די פריסטע יאָרן אַקטיוו אין סאָצ. באַוו. אין ס.פּ., ייד. אַגיטאַציע־ביוראָ (סעקרעטאַר). 1917 געווײַלט אין בראָנזוויל פון סאָצ. צעטל, אַלס אַלדערמאַן אין ניו־יאָרקער שטאָט־ראַט. אין ברענטש 11 אַרבעטער־רינג 15—1910 אין נאַצ. עקז. קאָמ. — בילדונג, סאַנאַטאָריום. 31—1922 פינף טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמ.; 1924־25 וויצע־פּרעזידענט; 1930־31 קאַסירער פון אַ.־ר.; פּאַרוואַלטער פון אַ.־ר.־קעמפּ; 10 יאָר פּאַרוואַלטער פון אַ.־ר. סאַנאַטאָריום. פּאַרוואַלטער פון פּאַקעטבוק־אַרבעטער־יוניאָן און פון קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי. דעלעגאַט אויף פיל קאָנווענשאָנס פון אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר. געשטאָרבן 15 אויגוסט 1944, אין ניו־יאָרק, עלטער 65 יאָר.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

נחום כאַנין — 1934

פּופּציק יאָר „זקן"

פּופּציק יאָר זיינען שוין פאַריבער. וואָס פאַר אַ שווערע יאָרן דאָס זיינען געווען אין דעם לעבן פון אַרבעטער־רינג. אין זיין אָנפאַנג האָט זיך זיין שיף געוואַקלט, און שטאַרק געוואַקלט, דורך די אינערלעכע קאַמפן, וואָס זיינען אים געפירט געוואָרן. און אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. זיין מיטגלידערשאַפט איז געווען אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקע; זיי זיינען געקומען פון פאַרשיידענע לענדער, פאַרשיידענע געוואוינהייטן, טראַדיציעס און געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונגען . דאָס איז געווען אַ מיטגלידערשאַפט פון דעם אָנהייב פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען אין דעם יידישן און ניט־יידישן לעבן. פון דעם פאַרשיידנאַרטיקן עלעמענט האָט זיך געדאַרפט אויסשמידן איין געזעלשאַפטלעכער כוח פון לאָיאַליטעט, איבערגעבנהייט און געטריישאַפט און דאָס איז טאַקע אַנגעקומען ניט לייכט.

עס איז ווערט היינט צו דערמאָנען מיט כבוד יענע פירער, וועלכע זיינען געשטאַנען אין אָנהייב ביים רודער פון דער נייער שיף וואָס האָט געהייסן אַרבעטער־רינג.

ניט קוקנדיק אויף די אינערלעכע שטורעמס האָט מען די שיף געפירט מיט פאַרזיכטיקייט, מיט טאַקט און מיט געזעלשאַפטלעכער פאַרשטענדעניש און מיט געזעלשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

עס זיינען געווען פאַרשיידענע קאַמפן אין דעם אַרבעטער־רינג ביז אַן ערך 1910. אַן ערך אין 1910 האָט זיך אָנגעהויבן אין אַרבעטער־רינג די באַוועגונג פון „יונגע" און „אַלטע". די באַוועגונג איז געווען אַ שוידער־לעכע. אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג אָדער פוןביידע באַוועגונגען זיינען געשטאַנען אָנגעזעענע מענטשן, אָנערקענטע פירער פון דער נייער און אַלטער היים. דער קאַמף איז ניט געפירט געוואָרן פון קיין פאַרטיי. פאַרקערט, די מיטגלידער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע זיינען געווען צעטיילט. אַ גרויסע צאָל, און אפשר דער גרעסטער, איז גע־ווען מיט די „יונגע" און אַ קליינע צאָל מיט די „אַלטע". די פעדעראַציע

ווי אַ פּאַרטיי האָט זיך אין דעם קאַמף ניט באַטייליקט און דעם קאַמף ניט געפירט. דאָס איז געווען אַ צעטיילונג פון מיטגלידער פון אָרדן, וועלכע האָבן געהאַט פאַרשיידענע באַגריפן ווי אַזוי דער אָרדן זאָל געפירט ווערן, וואָס ער זאָל טאָן און אין וועלכע וועגן ער זאָל גיין. די פירערשאַפט פונם אַרבעטער־רינג איז געווען אין די הענט פון אַזוי צו זאָגן, די „אַלטע" און די „יונגע" האָבן געפירט אַ קאַמף ביי די ברענטשעס, אַ קאַמף ביי די אַ. ר.־קאָנפערענצן און ענדלעך האָט זיך זיי איינגעגעבן, ביי דער ניו־הייווענער קאָנווענשאָן אין 1914, צו באַזיגן די „אַלטע" און טאַקע אין ניו־הייווען האָט זיך יעמאָלט געגרינדעט דער פאַראיין פון די „אַלטע" און האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „דער זקן".

אין פאַרלויף פון טעלעכע יאָר האָט זיך דער קאַמף כמעט ווי פאַרענדיקט, אָבער דער „זקן" איז געבליבן אַן אינערלעכע אומאָפיציעלע אַרבעטער־רינג קערפּערשאַפט, צו וועלכער עס האָבן באַלאַנגט אַ 40—50 עלטערע טוער פון אַרבעטער־רינג. דאָס איז געווען אַ קערפּערשאַפט פון פריינדשאַפט, ניו־יאָרק איז אַ צו גרויסע שטאָט, אַז מענטשן וועלכע זיינען אַקטיוו צוזאַמען אין איין באַוועגונג, זאָל בינדן פּערזענלעכע פריינדשאַפט צווישן זיך. מ'איז פריינד נאָר ווען מ'קומט צו די זיצונגען און אַלע האָבן געפילט, אַז עס דאַרף זיין אַ נעענטערע פריינדשאַפט און דער קלוב וואָס הייסט „זקן" איז געבליבן אַ פּראָמינענטע קערפּערשאַפט. די מיטגלידער פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן איין מאָל אין יאָר, אַלעמאָל פלעגט עס זיין נייאָר. מ'פלעגט פאַרברענגען צווישן זיך מיט זייערע פרויען אַ וואַרעמען און חברשן טאָג און אויך נאַכט.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען ביז עס איז געקומען דער קאָמוניסטישער קאַמף אין אַרבעטער־רינג. אין אָנהייב האָט דער קלוב זיך אָפיציעל ניט געמישט אין דעם קאַמף. דעם קאַמף קעגן די קאָמוניסטן אין אַרבעטער־רינג האָט אָנגעהויבן דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד דורך באַראַטונגען און לאָמיר עס אָנרופן מיט דעם קלאָרן נאָמען, מיט קאָקוסעס, מיט פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע ברענטשעס, כדי דער אַרבעטער־רינג זאָל ניט אַריינפאַלן אין קאָמוניסטישע הענט.

אין טעלעכע יאָר אַרום האָט דעם קאַמף אָנגעהויבן צו פירן אומאָפיציעל דער „זקן". ער האָט גענומען פאַרגרעסערן זיין מיטגלידערשאַפט און אין אים זיינען געווען פאַרטרעטן איינצעלנע מיטגלידער, וויכטיקע, אַקטיווע פון די גרעסטע צאָל ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג. דער קאַמף מיט די קאָמוניסטן איז געווען ניט קיין לייכטער. זיי, די קאָמוניסטן, זיינען געווען אייניק אין דעם וואָס זיי האָבן געוואָלט פון אַרבעטער־רינג. מיר, די רעכטע, זיינען אַלעמאָל ניט געווען אייניק ווי אַזוי צו באַקעמפן די קאָמוניסטן און עס האָט גענומען אַ גאַנץ קורצע צייט און

די מיטגלידער פון „זקן“, וועלכע זיינען געווען עטלעכע הונדערט אין צאָל, האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּאָליסי ווי אַזוי ניט צו דערלאָזן, אַז די קאָמוניסטן זאָלן פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג.

צום 50 יאָריקן יובילײ פון „זקן“ דאַרף מען געבן אַ סך קרעדיט פאַר דעם וואָס מ׳קען זאָגן, אַז זיי האָבן געראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג. זיי האָבן געראַטעוועט דורך אַ פאַראייניקטער פּאָליסי, דורך אַ פאַרברידערונג צווישן זיך, אַז די קאָמוניסטן זאָלן ניט קענען איבערטרעטן די שוועל פון אַרבעטער־רינג.

אויב דער אַרבעטער־רינג לעבט היינט און לעבט אַ נאָרמאַלן, געזונטן לעבן, איז דאָס צו פאַרדאַנקען יענע מענטשן, וועלכע שטעלן מיט זיך צוזאַמען דעם „זקן“. זייער געטריישאַפט צום אַרבעטער־רינג איז אַן אומבאַגרענעצטע.

ווען די קאָמוניסטן וואָלט זיך דעמאָלט איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג וואָלט זיי געווען אַ סך לייכטער צו פאַרכאַפּן און דאָמינירן די יידישע יוניאָנס, קלאָוקמאַכער, אַמאַלגאַמייטעד, מילינערי־אַרבעטער, די פאָריער א. אַ. וו. אין יענער צייט, זיינען כמעט אַלע מיטגלידער פון „זקן“ געווען מיטגלידער פון יוניאָנס און אויך אַקטיווע, איבערגעגעבענע מיטגלידער און אומדירעקט, האָבן זיי פאָרגעזעצט דעם קאַמף קעגן די קאָמוניסטן, אויף דעם זעלבן וועג, ווי דער אַרבעטער־רינג האָט זיי באַקעמפט. און אויב פון 1920 ביז 1928 האָט זיך די קאָמוניסטן ערגעץ איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן אַ יוניאָן פון אַ ברייטער יידישער מיטגלידערשאַפט, זיינען אונדזערע אַ.־ר.־מענטשן געווען די יעניקע, וועלכע האָבן זיי אין דער יוניאָן באַקעמפט און פון אַ גאַנצער רייע יוניאָנס זיי פאַרטריבן.

די קאָמוניסטישע פירערשאַפט און זייערע אָרגאַנען האָבן געטאָן אַלץ צו פאַרמיאוסן דעם „זקן“ און זיי האָבן געוואוסט וואָס זיי טוען. זיי האָט זיך ניט איינגעגעבן. אָבער אין דעם זיינען ניט געווען שולדיק די קאָמוניסטן. אין זייער דורכפאַל האָט אַ גרויסן חלק בייגעטראָגן דער אַרבעטער־רינג מיט זיין אומדערשראָקענער, מוטיקער שטעלונג און קאַמף קעגן דער סאָוויעטישער און קאָמוניסטישער דיקטאַטור. און די אַרבעטער־רינג אויסגעהאַלטענע שטעלונג, איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דער מיטגלידערשאַפט פון „זקן“, וועלכע זיינען ביז איצט געווען די אַקטיוווסטע און פירנדיקע מענטשן אין אַרבעטער־רינג.

צום 50 יאָריקן יובילײ מעגן מיר קוקן אויף דער פאַרגאַנגענהייט מיט שטאָלץ. מיר האָבן אפשר ניט ווילנדיק און אפשר ניט באַוואוסטזיניק געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין צעמענטירן דעם אַרבעטער־רינג און מאַכן אים, אַז ער זאָל זיין אַ ביישפּיל פאַר דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג.

לאָמיר זיך פרייען מיט די 50 יאָר. פון דער קליינער אָרגאַניזאַציע,

וועלכע האָט אָבער געטאָן אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין העלפן פאַרטרייבן די קאָמוניסטן פון אַרבעטער־רינג און דורך דעם צוגעלייגט אַ האַנט זיי צו פאַרטרייבן פון יידישן לעבן, און פון דער וועלט.

* * *

כ אַ נ י ן, נ ח ו ם — געבוירן 29 נאָוועמבער 1886 אין כאָלאָפּעניטש, מינסקער גובערניע, רוסלאַנד. ער איז דער זון פון יוסף חיים און חייקע. דער פאָטער איז געווען אַ שוסטער. כאַנין האָט קליינערהייט געלערנט אין אַ חדר און אין אַ תלמוד־תורה. שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט־בילדונג. אַלס אַ יונגער בחור, איז ער אַריין אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און איז געווען אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג אין אָרשע, מינסק, באָריסאָוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, לובלין, וואַרשע און אין אַנדערע שטעט.

אין פאַרבינדונג מיט זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין צאַרישן רוסלאַנד, איז ער דאָס ערשטע מאָל אַרעסטירט געוואָרן אין באָריסאָוו און איז אָפּגעזעסן אַ יאָר אין טורמע. אין יאָר 1906 איז ער ווידער אַמאָל אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע און איז אַ געוויסע צייט געזעסן אין דעם באַרימטן 10טן פּאַוויליאָן פון דעם וואַרשעווער ציטאַדעל און אין דער לובלינער טורמע. דאָס לובלינער געריכט און שפּעטער אַ וואַרשעווער קריגס־געריכט האָט אים פאַרמשפּט צו 4 יאָר קאַטאָרגע פאַר זיין בונדישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. און צוליב דעם אורטייל איז ער דורכגעגאַנגען אַ רייע טורמעס — אָריאָל, אַלעקסאַנדראָווסק א. אַ. ער איז געווען 7 און אַ האַלב יאָר אויף קאַטאָרגע, אין טורמעס און סיביר.

עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון דעם פאַרשיקונגס־דאָרף ניזשני־אילימסק, יאַקוטסקער געגנט, אין סיביר. ער איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע וואו ער איז אָנגעקומען אין יאָר 1912.

דאָ האָט ער זיך גענומען צו זיין פאַך ביי וועלכן ער האָט נאָך געאַרבעט אין רוסלאַנד — קירזשנערייי (היטלמאַכער). ער האָט חתונה געהאַט מיט סאָניאַ מירינגאָף. ער איז געווען זייער אַקטיוו אין דער יוניאָן פון זיין פאַך — די קעפּ און מילינערי־יוניאָן, וואו מ׳האָט אָפּגעשאַצט זיינע פעאיקייטן און זיין רעדן. ער איז אין גיכן געוואָרן אַ וויצע־פּרעזידענט פון דער קעפּ און מילינערי־יוניאָן.

אין 1913 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דעם מינסקער אַ.־ר.־ברענטש 99. די מינסקער לאַנדסלייט האָבן אים געהאָלפן אַריבערקומען קיין אַמעריקע ווען ער איז אַנטלאָפן פון סיביר. אָפּזייענדיק אַ געוויסע צייט אין ברענטש 99, האָט ער זיך טראַנספעריִרט צום אַ.־ר.־ברענטש 133, אַ ברענטש וואו עס האָבן זיך געפונען פיל מיטגלידער פון זיין געבורט־שטעטל.

נחום כאַנין איז פון דעם ערשטן טאָג אָן פון זיין אָנקומען קיין אַמעריקע גלייך געוואָרן אַקטיוו אין דער דאַמאָלסדיקער יידיש־סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. ער האָט זיך באַטייליקט גאַנץ ענערגיש אין די אַלע טעטיקייטן פון דער פעדעראַציע און מיט זיין רעדנער טאַלאַנט האָט ער צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער באַוועגונג. ער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע און פירנדע ראָלע אין דעם דאַמאָלסדיקן קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער פעדעראַציע, אַ קאַמף וואָס האָט געפירט צו דער שפּאַלטונג, און כאַנין איז געווען איינער פון דער גרופּע פירנדע גענאָסן, וועלכע האָבן אין יאָר 1921 געגרינדעט דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און זיין אָרגאַן — דער וועקער.

פֿון דעם יאָר 1921 ביז 1936 איז כאַנין געווען דער גענעראַל סעקרעטאַר פֿונם יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד. פֿאַר דער גאַנצער צייט איז ער געווען דער פֿירנדער כּוח אין דעם קאַמף קעגן די קאָמוניסטן אין אַלע טיילן פֿון דער יידישער טרייד יוניאָן באַוועגונג, אין אַרבעטער־רינג און אויף דער יידישער גאַס בכלל.

אין דער צייט וואָס ער האָט געפֿירט דעם דאָזיקן קאַמף אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פֿונעם יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד איז ער אויך געווען אַן אָנפֿירנדע פּערזענלעכקייט אין אַרבעטער־רינג. אָנפֿאַנגנדיק מיט 1921 ביז 1930 איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון דעם נאַציאָנאַלן בילדונגס קאָמיטעט פֿון אַ.־ר. און אין אייניקע טערמינען דער פֿאָרזיצער פֿונם קאָמיטעט. פֿון 1930 ביז 1932, איז ער געווען דער פּרעזידענט פֿון אַרבעטער־רינג. ער איז ווידער אַמאָל דערוויילט געוואָרן צו דעם אַמט אין 1935 און אין דעם טערמין האָט ער רעזיגנירט פֿון דעם אַמט, ווערנדיק ערווײלט פֿון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע צו פֿאַרנעמען די פּאָזיציע פֿון בילדונגס־דירעקטאָר פֿון אַרבעטער־רינג.

אין יאָר 1952 איז ער דערוויילט געוואָרן צום אַמט פֿון גענעראַל סעקרעטאַר פֿון אַרבעטער־רינג, אַן אַמט וועלכן ער פֿאַרנעמט איצט.

נ. כאַנין איז פֿאַר אַלע די יאָרן געווען און איז אַן אַקטיווער און איינפֿלוסרייכער מיטגליד פֿון דער „פֿאָרווערטס" אַסס׳ן, אַ דירעקטאָר פֿון האַיאַס, פֿון דזשאָינט, פֿון אָרט, אַ וויצע־טשערמאַן פֿון דער ליבעראַלער פּאַרטיי אין ניו־יאָרק און איינער פֿון די וואָרט זאָגער פֿון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, פֿון דער ציקאָ, פֿון צוקונפֿט־קאָמיטעט. ער איז דער פֿאָרזיצער פֿון דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט פֿון דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, וואו ער איבט אויס אַ גרויסן איינפֿלוס מיט זיין וואָרט און טאַט. ער פֿאַרנעמט בכלל אַ פּראָמינענטן און אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער יידישער קולטור וועלט. ער האָט אין פֿאַרשיידענע יאָרן פֿאַרעפֿנטלעכט אַ היפּשע צאָל אַרטיקלען אין „פֿאָרווערטס", אין דעם זשורנאַל צוקונפֿט, קולטור און דערציאונג, קינדער צייטונג, דער פֿריינד און אַנדערע זשורנאַלן. אין דעם וועקער דרוקן זיך זיינע בריוועלעך צו אַ פֿריינד שוין אַ היפּשע צאָל יאָרן. אויך האָט ער אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער ווי בערעלע, וואָס איז אויך לעצטנס איבערזעצט געוואָרן אין ישראל אין העבריאיש, אַ רייזע אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אַ רייזע אין זיד־אַמעריקע און בראָשורן איבער פֿאַרשיידענע צייט־פֿראַגן.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. איווענסקי

רפאל גינזבערג — 1935

אין ווילנער בונדישע קרייזן האָט מען זייער גוט געקענט „רפאָלקע דעם זנאַקן־מאַכער". רפאָלקע איז דאָס דער באוואוסטער טוער אין אַרבעטער־רינג, רפאל גינזבערג.

רפאל גינזבערג איז געבוירן אין סווענציאַן, ווילנער גובערניע, אין יאָר 1884, אין מאַי. ער האָט דאָרטן געענדיקט אַן עלעמענטאַרע שול און אַוועקגעפאָרן אין ווילנע, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ פאַך צו פאַרבן. ער איז געוואָרן דאָס, וואָס מען רופט דאָ אין אַמעריקע אַ סאַין פעינטער.

ווערנדיק אַן אַרבעטער, איז גינזבערג געוואָרן טעטיק אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. רפאלקע דער זנאַקן־מאַכער איז געוואָרן אַ טעטיקער בונדיסט.

אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון „בונד" האָט רפאלקע אונטערגענומען זייער געפערלעכע מיסיעס. ער פלעגט טראָגן די בונדיסטישע פאָן אויף אַרבעטער דעמאָנסטראַציעס. פאַר עטלעכע יאָר איז גינזבערג געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון קאָמיטעט פון „בונד".

אין ווילנע האָט גינזבערג אָרגאַניזירט די בעקער און איז אויך געווען טעטיק ביי די פריקאַזטשיקעס.

די לערער און וועגווייזער פון גינזבערגן זיינען געווען, אַנאַ ראָזענטאַל, אַלטער עפשטיין און אייזיק דער שטעפער.

פאַר זיין בונדיסטישער טעטיקייט איז רפאל גינזבערג אַרעסטירט געוואָרן. ער איז געזעסן אין טורמע צוזאַמען מיט וולאַדעקן, פאַרוואַלטער פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס".

אין יאָר 1906 איז רפאל גינזבערג געקומען אין אַמעריקע. ער איז דאָ געוואָרן גלייך טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

ער איז געוואָרן טעטיק אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין אַמעריקע. ער איז אויך געוואָרן אַ טעטיקער מיטגליד פון אַרבעטער־רינג.

פאַר אַ צייט לאַנג, איז רפאל גינזבערג געווען אַ מיטגליד פון ברענטש 2 אַ.־ר. ער איז דאָרטן געוואָרן זייער אַקטיוו. זיין אַקטיוויטעט האָט צו־

געצויגן אויפמערקזאַמקייט, און אין 1909, איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע.

אין דער עקזעקוטיווע האָט זיך גינזבערג אויסגעצייכנט מיט זיינע פּראַקטישע פאָרשלאָגן און ענערגישן אויפטריט.

אין יאָר 1910 איז גינזבערג געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון א.־ר. וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין פּראַקטישע טעטיקייט פאַרן אַרבעטער־רינג. ער איז אויך געווען אין יאָר 1911 אַ מיטגליד פון דער פרעס־קאָמיטע און מיט אַ יאָר שפּעטער, דער פאָרזיצער פון דער פרעס־קאָמיטע.

אַ באַזונדערן ווערט האָט זיין טעטיקייט פאַר דעם סאַנאַטאָריום. דער סאַנאַטאָריום האָט זיך גענויטיקט אין פּראַקטישע טוער, וועלכע פאַרשטייען גוט די געשעפטלעכע זייט פון אָט דער ריזיקער אונטערנעמונג און גינז־בערג איז געווען ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר דער אַרבעט.

אין 1913 איז גינזבערג געווען דער וויצע־פאָרזיצער פון סאַנאַטאָר־יום־קאָמיטעט און אין 1914 — דער פאָרזיצער פון סאַנאַטאָריום. זייער שווערע פּראָבלעמען האָט די סאַנאַטאָריום־קאָמיטע געהאַט פאַר זיך און צו די פּראָבלעמען איז גינזבערג צוגעגאַנגען מיט טאַקט און ענערגיע.

פון דעם יאָר 1915 האָט זיך גינזבערג מער ניט געקענט אָפּגעבן מיט דער פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער־רינג. זיינע פּערזענלעכע געשעפטן האָבן פאַרשלונגען זיין גאַנצע פרייע צייט. גינזבערג האָט זיך אָבער ניט אויפ־געהערט צו אינטערעסירן מיט דעם אַרבעטער־רינג און איז געבליבן אַן אַקטיווער מיטגליד פון דעם אָרדן.

פאַר די לעצטע יאָרן איז גינזבערג אַריינגעטרעטן אין ברענטש 367, כאָטש אַ געבוירענער אַ סווענציאַנער האָט זיך גינזבערג באַטראַכט פאַר אַן אמתן ווילנער.

רפאל גינזבערג איז געשטאָרבן אויגוסט 12, 1950 אין ניו־יאָרק.

* * *

גינזבערג, רפאל — געבוירן 1 מאַי 1884 אין סווענציאַן, ווילנער גוב., רוסלאַנד. געלערנט אין פאָלקס־שול. פון פאַך אַ שילדן־מאָלער. אַקטיוו אין ווילנער אָרג. פון בונד און פּראָפ. באַוועגונג. געזעסן אין טורמע. פון 1906 אין אַמעריקע. מיטגליד און ביזנעס־אַגענט אין פּיינטערס־יוניאָן געווען אין בר. 2 אַרבעטער־רינג, שפּע־טער אין ווילנער בר. 367, וואָס געהאָלפן גרינדן. 1909־10 אין נאַצ. עקז. קאָמ. א.־ר. נאָך דעם אין די נאַצ. קאָמ. פאַר בילדונג, פּרעסע, סאַנאַטאָריום, היים פאַר אַלטע מיט־גלידער, געוואָרן אַ פּיינטער־קאָנטראַקטאָר. אָנגענומען אַרבעט אין טעאַטערס און באַ־רימטע הייזער. אין אַסאָציאַציע פון מאַסטער־פּיינטערס ; פּייעט־מאַסאָנען־לאָזשע ; קאָמ. האָום אָוו אָלד איזראַעל. יאָרן לאַנג געווען טעטיק אין פאַראייניקטן ווילנער הילפס קאָמיטעט. געשטאָרבן 12 אויגוסט 1950 אין ניו־יאָרק.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. איווענסקי

בערנאַרד פעלדמאַן — 1936

בערנאַרד פעלדמאַן האָט מען גערופן דער „רויטער פעלדמאַן". דעם נאָמען האָט ער געקראָגן ניט דערפאַר, חס ושלום, וואָס ער האָט געשאָסן מיט רויטע, לינקע פראַזן, נאָר פשוט צוליב דעם, וואָס ער האָט רויטע האָר. פשוט און איינפאַך.

מיט זיינע רויטע האָר האָט ער צונישט געמאַכט די טעאָריע פון די דייטשע ראַסיסטישע טעאָריעס פון געלערנטע דייטשע פראָפעסאָרן, וואָס האָבן אויף דעם באַפעל פון דעם דולן פייפער־הענגער, דעם נבזה היטלער, באַוויזן מיט ראיות גמורות, אַז נאָר דייטשן האָבן רויטע האָר. נו, איז געקומען דער ליטוואַק פעלדמאַן און האָט באַוויזן, וואָס פאַר אַ אידיאָטן די דייטשע וויסנשאַפטלער זיינען. זיינע רויטע האָר האָבן פשוט איבער־געקערט וועלטן און טעאָריעס. ניט אומזיסט האָט מען אים גערופן „פעלד־מאַן דער רויטער". שוין מיט זיינע רויטע האָר אַליין איז ער געווען רע־וואָלוציאָנער.

נאָר ניט מיט זיינע האָר אַליין האָט זיך פעלדמאַן אויסגעצייכנט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט, ווי איינער פון די טאָן־געבער אין דעם „אָלד בעי" סטייט, דער שטאַט פון דער בוכטע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָליע אין אַמעריקאַנער געשיכטע, דער שטאַט, וואָס איז שווער אויסצו־ריידן — „מאַסאַטשוזעטס". און ניט נאָר אין דעם „בוכטע שטאַט" אַליין, נאָר אויך אין די אַרומיקע שטאַטן, וואָס מען רופט „ניו־ענגלאַנד־שטאַטן", איז פעלדמאַן געווען טעטיק.

בערנאַרד פעלדמאַן איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלי־דער אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון די ניו־ענגלאַנד־שטאַטן. ער האָט באַלאַנגט פריער צו דער יידישער סאָציאַליסטישער פע־דעראַציע און ווען די פעדעראַציע האָט זיך אָפּגעפּאַרבט די האָר אויף רויט, איז פעלדמאַן, טראָץ דעם קאָליר פון זיינע האָר, געבליבן לאָיאַל דעם דע־מאָקראַטישן סאָציאַליזם. ער איז געווען פון די טעטיקסטע מיטגלידער פון פאַרבאַנד.

צו דעם פאַרבאַנד איז ער געווען זייער לאָיאַל. ער איז אַרומגעפאָרן

אין יעדער שטאָט און שטעטל צו קריגן אַבאָנאַמענטן פֿאַרן „ווּעקער״ און ווערבירן מיטגלידער פֿאַרן פֿאַרבאַנד. און ער האָט פֿאַרן פֿאַרבאַנד פֿיל אויפֿגעטאָן.

אין אַרבעטער־רינג איז ער געווען טעטיק פֿון דעם טאָג, וואָס ער איז געוואָרן מיטגליד און איז שוין אין יאָר 1907 אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד פֿון דער נאַציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָרס. אין דעם קאַמף פֿון יונגע און אַלטע איז ער געווען פֿון דער אַלטער אויסגעפּרובירטער ריכטונג. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דעם קלוב פֿון די זקנים און האָט זיך דערדינט צו ווערן דער פּרעזידענט פֿון קלוב אין יאָר 1936.

אין מאַסאַטשוזעטס האָט דער אַרבעטער־רינג געהאַט גרויסע שווערי־קייטן. עס זיינען געווען צייטן, וואָס צוליב די דאָרטיקע פּוריטאַנישע גע־זעצן, איז געווען אַ פֿאַרברעכן צו באַלאַנגען צום אַרבעטער־רינג. אייניקע טעטיקע מיטגלידער פֿון אַרבעטער־רינג האָבן אַפֿילו דאָ אין דער פֿרייער אַמעריקע פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון טורמע פֿאַר זייער לאָיאַליטעט צום אַר־בעטער־רינג. דער אַרבעטער־רינג האָט געהאַט אַ קאַמף מיטן אינדעפּענ־דענט אַרבעטער־רינג, וועלכער האָט אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון יגדל געוואַלט מאַכן שבת פֿאַר זיך. אין אַמעריקע גיט מען זיך אָבער אַן עצה. מען האָט געגרינדעט דעם „לייבאָר ליג״, וואָס האָט זיך אויטאָמאַטיש אויפֿגעלייזט אַזוי באַלד, ווי דער אַרבעטער־רינג האָט אָנגענומען די סיס־טעם פֿון פּראָטווירנאַל־רעיטס, וואָס האָט דערמעגלעכט צו קריגן אַ טשאַר־טער פֿאַרן אַרבעטער־רינג אויך אין מאַסאַטשוזעטס. פֿעלדמאַן איז געווען פֿון די מיטגלידער פֿון „ליעג״ און געוואַרט און דערוואַרט זיך אויף בע־סערע צייטן.

אויף דער מיטגלידערשאַפֿט קאַרד פֿון בערנאַרד פֿעלדמאַן איז די באַ־שעפֿטיקונג פֿון פֿעלדמאַנען באַצייכנט „געשעפֿטסמאַן״. זיין געשעפֿט איז באַשטאַנען פֿון אַ קענדי און סטיישאָנערי „סטאָרקע״, וואו פֿעלדמאַן און זיינע קינדער האָבן געהאָלפֿן צו פֿאַרקויפֿן דעם „פֿאָרווערטס״ און פֿאַר אַ פּעני קענדי. די סטאָר אין ספּרינגפֿילד האָט מען ניט געקענט באַצייכענען אַלס קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג און דער אייגנטימער אַליין האָט גאָר־ניט געלעבט אויפֿן קאַפּיטאַליסטישן שטייגער. ער האָט זיך געפּלאָגט גע־נוג. מיט דער הילף פֿון פֿריינט האָט ער זיך געמאַכט אַ געז סטיישאָן. עס איז אים אַוועק גוט, אָבער די סטאָר האָט ער ניט אויפֿגעגעבן. ער האָט נאָך אַ ביסל צוזעקנעלט מיט דער סטאָר, ווי אַ „זכר לחורבן״, אויך צוליב דעם, וואָס ער האָט געקאָנט פֿאַרקויפֿן דעם „פֿאָרווערטס״ און „ווּעקער״.

קיין קאַפּיטאַליסט איז פֿעלדמאַן די מייסטע יאָרן פֿון זיין לעבן גראָדע ניט געווען. ער האָט אָבער געגעבן זיינע קינדער זייער אַ גוטע דערצי־

אונג. ער האָט אויך דערלעבט נחת פון זיי. צוויי זין זיינען דאָקטוירים און איינער איז געוואָרן אַ באַרימטער ראַדיאָ־אַנאָנסער.

אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל דערציילט יאָנאַס, דער אַמאָליקער פרעזידענט פון אַרבעטער־רינג. יאָנאַס איז אַ פאָטאָגראַף. פעלדמאַן האָט אים געבראַכט אַמאָל אַ קליינעם בילד צו פאַרגרעסערן. דאָס בילד איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יידן מיט פיר קינדער. עס האָט דייטלעך געוויזן אַפילו די לאַטעס פון די קינדערשע הויזן און די שטעך פון די לאַטעס. יאָנאַס האָט אָנגעבאָטן דאָס בילד צו פאַרשענערן, אָבער פעלדמאַן האָט אים אָנגעזאָגט: לאָזט די שמאַטעס און לאַטעס, ווי זיי זיינען. די קינדער זיינען איצט לייטן. זאָל די וועלט זען, ווי זיי זיינען אַמאָל געווען... אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנדע.

בערנאַרד פעלדמאַן האָט געהאַט רויטע האָר, אָבער אָן דעם קאָליר פון זיינע האָר איז ער געווען אַ פאַרבנרייכע פערזענלעכקייט. ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, אָבער מיט זיין פראָלעטאַרישקייט האָט ער אַלע מאָל שטאָלצירט. פעלדמאַן איז געווען אַ גוטער סאָציאַליסט.

* * *

,

פעלדמאַן, בערנאַרד — געבוירן 1876 אין רוסלאַנד. פון די יונגע יאָרן אין אַמעריקע, אין ניו־ענגלאַנד שטאַטן. געהאַט אַ קענדי־סטאָר, געווען אַקטיוו אין סאָציאַליסטישע און אַרבעטער באַוועגונג — סאָצ. פאַרטיי, ייד. סאָצ. פעד., ייד. סאָצ. פאַרבאַנד. מיטגליד פון ברענטש 912 אַרבעטער־רינג. 8־1907 פאַרטרעטן שטאַט קאָנעטיקוט אין נאַצ. דירעקטאָרן־באָארד, ווען אַ.־ר. געווען פאַרוועלט אין מאַסאַטשוזעטס, געהערט צו די לאָיאַלע און אַקטיוו אין לייבאָר־ליג, וואָס האָט געקעמפט מיטן אָפּגעשפּאָלטענעם אינדעפּענדענט אַ.־ר. געשטאָרבן אין עלטער פון 66 יאָר, 17 אויגוסט 1942 אין ספּרינגפעלד, מאַס. פאַריתומט פרוי שרה און קינדער. קבר אויפן בית־ישראל בית־עולם.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)



הערי בערגער — 1937

געבוירן 3 אויגוסט 1886 אין מינסק, רוסלאַנד. זון פון נפתלי און אסתר. מוטער געהאַט אַ קראָם. געלערנט אין חדר, רוסישע שול, אָוונט־קורסן, זעלבסטבילדונג. אין אַמעריקע פון 1903. חתונה געהאַט מיט פּעשע אָקון, געשטאָרבן 30 אויגוסט 1957 ; חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט פּעני קופּערשטאָק אַ יאָר שפּעטער. געאַרבעט ווי אַ פאָטאָגראַפיסט. פון 1916 אָנגעשטעלטער אין „פאָרווערטס". פריער אַלס געשעפטס־פאַרוואַל־טער פון דער „צוקונפט" און די לעצטע 37 יאָר פאַרוואַלטער פון „פאָר־ווערטס" אָפּטיילונג אין פילאַדעלפיע. פון 1905 אין פאָרווערטס אַססן. אין אַרבעטער־רינג פון 20 סעפּטעמבער 1912, אין גערשוני ברענטש 12. 31־1929 צוויי טערמינען פאַרטראָטן שטאַט פּענסילווועניע אין נאַציאָנאַל דירעקטאָרן־באָאַרד אַ.ר. פיל מאָל פאָרזיצער אַ.ר. שטאַט און דיסטריקט קאָמ. פון אַ.ר. אין פילאַדעלפיע. אין סאָצ. פאַרטיי, יידישער סאָצ. פעדע־ראַציע. מיטגרינדער פון ייד. סאָצ. פאַרבאַנד (פון 1921 כסדר אין נאַצ. עקז. קאָמ.). אַקטיוו אין אַ צאָל יידישע אָרגאַניזאַציעס אין פילאַדעלפיע, אין וועלכע ער שפּילט אַ פירנדיקע ראָל.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)



ב. געבינער

דר. אַלעקסאַנדער זעלדין — 1938

די וואָס קענען זעלדינען אינטים ווייסן וואָס פאַר אַ פּראָמינענטע ראָל ער האָט געשפּילט אין דעם „פאָרווערטס"־פאַרוואַלטונגס־ראַט פאַר פילע יאָרן. מ'ווייסט אויך, אַז ער האָט אין פאַרשיידענע צייטן און אין פילע טערמינען פאַרנומען אָנגעזעענע עמטער אין דער פירערשאַפט פון אַרבעטער־רינג און מ'ווייסט אויך, אַז ד"ר אַ. זעלדין ווערט ניט נאָר גע־אַכטעט אין די אַלע קרייזן פון אונדזער באַוועגונג, נאָר אַז זייער פיל האָבן אים ליב, רעספּעקטירן זיינע אַ מיינונג און באַטראַכטן אים פאַר איינעם, וועלכער האָט אַ קאָנסטרוקטיוון און גראַד־ליניקן צוגאַנג צו יעדער פראַגע.

דר. אַ. זעלדין איז דער פיינסטער אויסדרוק פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ, וועלכע איז געקומען קיין אַמעריקע מיט דעם שיינעם אי־דעאַל פון „בונד" און סאָציאַליזם. דאָס אַמעריקאַנישקייט אין זעלדינען האָט פון אים ניט אָוועקגענומען אָט דעם אידעאַליזם, דעם סאָציאַליזם. די וואָס קענען זעלדינען נאָענט און טרעפן זיך מיט אים אָפט ווייסן, אַז ער טראַכט סאָציאַליסטיש, גלויבט סאָציאַליסטיש און איז איבערגעגעבן דעם בעסטן און דעם שענסטן פון אונדזער באַוועגונג.

פאַרברענגען מיט זעלדינען אין אַ שמועס, איז אויסערגעוויינלעך אָנ־גענעם. דער שמועס איז געמיטלעך, ראַפינירט, „לעוועל־העדעד" און אַלע מאָל מיט אַ פּראַקטישן צוגאַנג.

דר. זעלדין איז אַ ליבער חבר מיט וועמען מ'קען זיך אַלע מאָל אָן עצה האַלטן און איך בין זיכער, אַז די אַלע וועלכע קענען זעלדינען אינ־טים און באַטראַכטן זיך אַלס זיינע פריינד, שעצן זיך גליקלעך אים צו האָבן אַלס פריינד און די אַלע פריינד ווינטשן אים געזונט און לאַנגע יאָרן און גליק נאָך פאַר פיל, פיל יאָרן.

* * *

זעלדין (זעלדאָוויץ), אַלעקסאַנדער (זעליק) ד"ר — געבוירן 24 יולי 1882 אין בערעזין, מינסקער גובערניע, רוסלאַנד. זון פון יהודה און חנה. פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדר, קאַלעדזש. דיפּלאָם דאָקטאָר פון דענטיסטישער כירורגיע. אין אַמעריקע פון 1904. חתונה געהאַט מיט מאַשאַ שולץ. געווען באַשעפטיקט ביי דענטיסטיק, אַרבעט שוין נישט. אין אַרבעטער־רינג פון 1906־7. מיטגליד פון ברענטש 126. עטלעכע מאָל געווען קאַסירער פון אַרבעטער־רינג (1932—37). 1916־17, 1922—25, 1932—37, 1954—56, 1954—65. אין נאַצ. עקז. קאָמ. פון אַ.־ר. געווען אין סאָצ. פּאַרטיי. מיטגליד און סעק.־טרעזשורער פון „פאָרווערטס" אַסס'ן.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

פיליפּ בלאַק — 1939

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" איז געווען און איז היינט דער גאָלדענער רינג, וועלכער האַלט צוזאַמען די אַלע וויכטיקע טוער פון אַ.־ר. דאָ אין לאַנד און אין קאַנאַדע. מיר האָבן דאָס געזען ספּעציעל אין יענע שטורמישע יאָרן ווען אונזער אַ.־ר. איז געווען אין גרויס געפאַר. אונזער אָרגאַניזאַציע איז ניט אַ קלוב פון סתם אַ פּערזענלעכן אינטערעס. פון דעם ערשטן טאָג פון זיין גרינדונג איז דער קלוב געשטאַנען אויפן פּרינציפּ פון אָפּהיטן דעם אַ.־ר. היטן די אידעאַלן און די פּרינציפּן אויף וועלכע דער אַ.־ר. איז געגרינדעט געוואָרן און אין דער זעלבער צייט אָפּגעהיטן דעם כבוד פון גאַנצן יידישן לעבן דאָ אין לאַנד.

אָפיציעל בין איך, לײדער, ניט פון די גרינדער פון אונדזער קלוב, אָבער אין גייסט בין איך געווען איינפאַרשטאַנען מיט אַלץ וואָס איך האָב געהערט פון דער ווייטענס, וואָס דער קלוב טוט פאַרן אַרבעטער־רינג. טייל מיטגלידער מאַכן אַ טעות ווען זיי רעדן וועגן קלוב ווי וועגן אַ מין „פּאַני" אָרגאַניזאַציע... ס'איז ניט אַזוי, יאָ, אַלע אונזערע צוזאַמענקונפטן זענען פריילעכע, אינטערעסאַנטע. אָבער אַרום די אַלע פריילעכע זאַכן זענען אויך דאָ ערנסטע באַטראַכטונגען, איבערהויפּט ווען מיר זענען געווען אין אַ בלוטיקן קאַמף מיט אונזערע שונאים.

איך ווינטש פון האַרצן קאָלעגע ישורין און יעדן איינציקן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, געזונט, לאַנג לעבן און אַ ביסעלע מער נחת פאַר אונז אַלעמען.

* * *

בלאַק פיליפּ, (יצחק פּנחס) — געבוין 15 יאַנואַר 1886 אין וועראָ, ליפלאַנדער גוב., רוסלאַנד. זון פון מאיר און שרה. פאָטער — אַ שינדל־מאַכער. געלערנט אין חדר און פאָלקס־שול. געהערט צו דער רוסלענדער ס.ד.־פּאַרטיי (מענשעוויקעס), שפּעטער צום „בונד". געווען אַרעסטירט צוליב דער פּסקאָווער פּראָוואָקאַציע. אין אַמעריקע פון 1913. חתונה געהאַט מיט רימאַ גערליטש. אין אַרבעטער־רינג פון 1913. איצט מיטגליד אין בר. 706. 1914־19י סעקרעטאַר פון בר. 312 אין מעמפיס, געווען סעקראַטער פון דרום־דיסטריקט. 1932־43 פיר מאָל אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט. 1943־46 אין קאָנסטיטוציע־קאָמיטעט. געווען פאָרזיצער פון בילדונג־קאָמיטעט אַ.־ר. געווען דירעקטאָר פון אַמעריקאַנער „אָרט". מיטגליד פון פאָרווערט אַססן. איצט מענעדזשער פון „פאָרווערטס" אין באָסטאָן. פון 1931 אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. אין אַ.־ר. נאַצ. באָארד דירעקטאָרן 1960־1962.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)



בן־ציון מיימאָן — 1940

דערינערונגען

דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו, אָדער עפּעס אַן אַנדער לץ, האָט אַמאָל געזאָגט אַ חכמהלע, אַז עס וואָלט געווען בעסער ווען דער לעבנס פּראָצעס וואָלט געענדערט געוואָרן: דער מענטש זאָל געבוירן ווערן אַ זקן און ווערן יונגער און יונגער, ביז ער וועט אויסוואַקסן, נאָך פילע יאָרן לעבן צו זיין אַ ריכטיקער „ווייסער־חברהניק".

איז דאָס פאַר אַלעמען געווען בלויז אַ וויץ — פאַר אַלעמען, אויסער פאַר דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב", וועלכער האָט מיט קאַרגע פופציק יאָר צוריק זיך געגרינדעט אַלס אַ קלוב פון „זקנים" און איז געוואַקסן יונגער און שטאַרקער אַזוי, אַז איצט, צו זיין 50 יאָריקן יובל, איז די אָר־גאַניזאַציע גרעסער און שטאַרקער ווי זי עס ווען געווען.

ווען מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק בין איך אַריינגענומען גע־וואָרן אַלס מיטגליד אין דעם מאָדנעם קלוב פון די זקנים, האָט מען מיר געשטעלט בלויז איין פראַגע — אַ פראַגע וואָס איז דאַן געווען זייער וויכ־טיק פאַר דעם אַרבעטער־רינג: „צי איך באַלאַנג צו די יונגע אָדער צו די אַלטע?" כאָטש איך בין נאָך דאַן אַליין געווען ביז אין אַ געוויסן גראַד אַ יונגערמאַנטשיק, האָב איך אָבער געענטפערט, אַז „אין אַרבעטער־רינג באַלאַנג איך צו דער אַלטער גוואַרדיע". דאָס האָט מיך באַרעכטיקט אַלס מיטגליד אין דעם קלוב פון די זקנים.

עטלעכע און פערציק יאָר איז אַ לאַנגע צייט אין אַ מענטשנס לעבן, אָבער איך האָב קיינמאָל קיין חרטה ניט געהאַט. פאַר אַ פאָר טוצן יאָרן בין איך געקומען צו יעדן יערלעכן צוזאַמענקונפט, און אַלע מאָל האָב איך געפילט, אַז די חברשע וואַרעמקייט האָט דערוואַרעמט מיין נשמה און גע־שטאַרקט מיין גייסט. עפּעס האָט דער קלוב געהאַט אין זיך, וואָס איז

געווען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס צו וועלכע אונדזערע מענטשן האָבן באַלאַנגט. ער האָט ניט געהאַט קיין הויכע פּרעטענזיעס; ער האָט ניט געפּרעדיקט קיין הויכע אידעאַלן; דער אמת איז, אַז ער האָט גאָרניש פּרעטענדירט און גאָרנישט געפּרעדיקט. פאַרקערט, ביי די יערלעכע צוזאַמענקונפטן האָט יעדער געדאַרפט אַרונטערוואַרפן פון זיך אַלע פּרעטענזיעס — ריכטיקע און פאַלשע — און זיך לאָזן וואוילגיין צוזאַמען מיט אַלע זיינע פריינט און חברים. דאָס האָט געמאַכט, אַז די פריינטשאַפט זאָל בלייבן אין די הערצער און וואַרעמען די נשמות אין די וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, ווען יעדער וואָס האָט געמוזט טראָגן זיין אייגענעם פּעקל און אָנפירן פאַרשיידענע קאַמפן אויף פאַרשיידענע פעלדער.

עס וועט ניט זיין גאָר אינגאַנצע ריכטיק צו לאָזן דעם איינדרוק, אַז מיר זיינען געווען פון דעם טיפּ מענטשן וואָס האָבן פאַרנומען ערנסטע און וויכטיקע פּאָזיציעס אין די אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען אונדז געווען נאָענט צום האַרצן און אָנגעפירט אונדזערע אידעאַלן. מיר זיינען געווען די „לייב־גוואַרדיע" פון די אָרגאַניזאַציעס. די מיטגלידערשאַפט פון אונדזער „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שטיין אויף דער וואַך און נישט דערלאָזן קיין ברעכער און שטעכער שעדיקן אונדזערע אָרגאַניזאַציעס. אין די לאַנגע, שווערע יאָרן וואָס מיר האָבן לעצטנס איבערגעלעבט, איז דאָס געווען, און איז נאָך אפשר איצט, אַ גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבע. אָבער דעם הויפּט טראָפּ האָבן מיר געלייגט אויף דער חברשאַפט צווישן אונדז אַליין, אויף דער וואַרעמער פריינטשאַפט וואָס אונדז איז געלונגען אָנצוהאַלטן עד היום הזה.

ליידער, איז פאַר מיר צו שווער איצט צו קומען קיין ניו־יאָרק מיט אייך אַלע צוזאַמען צו יובלען דעם 50 יאָריקן יובילעאום. מרס. מיימאָן און איך באַגריסן אייך אַלע האַרציק און ווינטשן אייך נאָך פילע, פילע יאָרן פון פרוכטבאַרע יובילעאומס.

* * *

מ י י מ אָ ן, ב ן ־ צ י ו ן — געבוירן 2 מערץ 1877 אין קריוואָיע אָזיר, פּאָדאָליער גוב., רוסלאַנד. זון פון הערשל און רבקה. פאָטער — אַ שניידער און פאַרקויפער פון טאַנדעט־מלבושים. געלערנט אין חדר, ביי פּריוואַטע לערער, אָוונט־שול, טעמפּל־אוניווערזיטעט (פילאַדעלפיע). אין אַמעריקע פון 1890. חתונה געהאַט מיט לאה אייזענבערג. געהאַט פאַרשיידענע צייטווייליקע באַשעפטיקונגען, לסוף יאָרן־לאַנג אַ זשורנאַליסט. געאַרבעט אין „פאָרווערטס" 40—1915 אַלס וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט. אין י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין. אין אַרבעטער־רינג פון יאָר 1912, בעת דער גרינדונג פון ברענטש 12 אין פילאַדעלפיע, פּאַ. מיטגליד פון רוזוועלט־ברענטש 92. געווען פאָרזיצער, סעק. פון בר., קאָנווענשאָן־דעלעגאַט און געפאָרן אויף לעקציע־טורס פאַרן אַ.־ר. און ייד. סאָצ. פאַרבאַנד. געהערט צו דער ס.ל.פּ. און ס.פּ.; יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע. אין „פאָרווערטס" אַסס'ן און זינט 1915 אין נאַצ. פּרעסע־קלוב אין וואַשינגטאָן.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

יעקב ראָבערטס — 1941

חשובער קאָלעגע און טשיף יעפים ישורין: —

איך האָב דערהאַלטן אייער שלום לידידי־בריוול, אַז איך זאָל עטוואָס שרייבן אַלס געוועזענער פּרעזידענט פונם קלוב, לכבוד דעם 50 יעריקן יובילעאום פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״.

איז קודם כל, אַ דאַנק פאַר דער פריינטלעכער איינלאַדונג.

ערלויבט מיר זיך מודה זיין, אַז עס איז שוין 22 יאָר פון דער צייט, וואָס איך האָב געהאַט דעם כבוד צו באַקליידן דעם אַמט פון קלוב־פּרעזידענט, און ביז היינטיקן טאָג קען איך נאָך אַלץ ביי זיך ניט באַשליסן, פאַר וועלכע זכות־אבות מיר איז געקומען דער כבוד צו זיין אַ פּרעזידענט פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״.

קודם־כל, בין איך געווען אין משך יאָרן אַ „יונגער״ — אמת ניט פון די פאַרביסענע, חוצפהדיקע, אומפאַראַנטוואָרטלעכע — אָבער דאָך האָב איך מן־הסתם אַביסל אונטערגעזינדיקט אויפן געביט פון רייבן אַ זייט די „אַלטע״.

צווייטנס, בין איך אין 1915, אַוועק פון אַ.־ר.־אַקטיוויטעטן און געשטאַנען פון דער ווייטנס פאַר 2 יאָר צייט, ווען ביידע צדדים האָבן זיך געריסן ביי די נעזער.

און דאָך אַזאַ כבוד?

איך קען דאָס בלויז דערקלערן דערמיט, וואָס ווען מען האָט מיך אויפגענומען אַלס מיטגליד אינם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״, האָב איך דעם „טשיף״ איבערגעגעבן מיינע אַן אָנגעשריבענע רעדע, אין וועלכער איך האָב צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז:

„עס איז פאַר מיר אַ כבוד אויפגענומען צו ווערן אַלס מיטגליד פון אייער אָרגאַניזאַציע, וואָס באַשטייט פון מענטשן וועלכן האָבן דעם אַ.־ר. געבויט. דער אַרבעטער־רינג איז געבויט געוואָרן אויף דעם

פּרינציפּ פון פריינדשאַפט. לעבן מיר אָבער איצט אין אַ צייט אין דער געשיכטע פונם אַ.־ר. וואָס איינער וויל דעם צווייטן דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער. אָנשטאָט צו זיין פריינטלעך איינער צום צווייטן, איז מען פול מיט שנאה און האַס. איר אָבער, דער „נאַציאָנאַלער סאָ־ציאַלער קלוב" ווילט זיך צוריק אומקערן צום אַלטן הייליקן פּרינציפּ פון פריינטשאַפט. און דערפאַר איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן צו ווערן אייער אַ מיטגליד.

און דערפאַר וואָס איר ווערט אַזוי מיאוס פאַרלוימדעט, ווערט איר דערמיט ביי מיר, אין מיינע אויגן, נאָך שענער, נאָך דער־הויבענער".

איך האָב אויך אין מיין צוגעגרייטער רעדע אָנגעגעבן אַ רייע סיבות, פאַרוואָס איך בין אַוועק פון די „יונגע", דער עיקר דערפאַר, ווייל זיי, צו־זאַמען מיט דער אינטעליגענץ, האָבן געוואָלט שעדיקן דעם „פאָרווערטס". נו ליבער פריינט!

איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט. איך האָב זיך דורכן קלוב געשאַפן אַ גרופּע נאָנטע פריינט. אַ שאָד נאָר וואָס די מערסטע פריינט מיינע זיינען ליידער שוין אַוועק אויפן עולם־האמת.

דער גייסט פונם קלוב, איז אָבער נאָך אַלץ דערזעלבער, הגם ניט דאָס וואָס געווען. אפשר דערפאַר וואָס דער קלוב איז אַביסל צו גרויס, און ס'פעלט די אינטימקייט פון אַמאָל ווען דער קלוב איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק מענטשן.

אָבער גענוג. דערלויבט מיר אייך היינט דאַנקען פאַרן כבוד פון דער־ווײלן מיך אין 1941, אַלס פּרעזידענט פונם קלוב.

איך פאַרזיכער אייך, אַז איך שאַץ דאָס ריכטיק אָפּ ביזן היינטיקן טאָג.

* * *

ר אָ ב ע ר ט (ג ר א ו ב א ר ד), י ע ק ב — געבוירן 12 מערץ 1988 אין שרענסק, פּלאָצקער גוב., רוסיש־פּוילן. זון פון מענדל הערש און פייגע. פאָטער געווען אַ רב. געלערנט אין חדר, מאַקאָווער און לאָמזשער ישיבות, פאָלקס־שול, זעלבסט־בילדונג. אין אַלטער היים געווען אַרעסטירט פאַר פּאָליטישער טעטיקייט. אין אַמעריקע פון 1906. חתונה געהאַט מיט לינע פעלד (פּודאַלאָוויטש). געווען באַאַמטער אין קעפּ־מייקערס־יוניאָן. איצט שוין נישט באַשעפטיקט. געווען אָרגאַניזירער, מענעדזשער, סעקרעטאַר־קאַסירער און גענעראַל־סעקרעטאַר פון אינטערנעשאָנאַל קעפּ־און מילינערי־יוניאָן. אין אַרבעטער רינג פון 1907. מיטגליד פון בר. 72. אין יאָרן 1921־46 זעקס מאָל אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט. 1921־24 דריי מאָל וויצעפּרעזידענט. פּרעזידענט פון ניו־יאָרקער אַ.ר.־היים פאַר אַלטע מיטגלידער. אויף צווייטער און דריטער קאָנווענשאַן געווײלט אין עקז. פון ייד. סאָצ. פאַרבאַנד. געווען אין סאָצ. פּאַרטיי. טעטיק פאַרן ייד. אַרב. קאָמ. „פאָרווערטס", „האַיאַס", „הסתדרות" אין 1960־1962 אין אַ.־ר. קאָנסטיטוציע־קאָמ.

(אַרבעטער רינג בויער און טוער)



בענדזשאַמין קאַפּלאַן — 1942

געבוירן 10 דעצעמבער 1895 אין סוטשע, מינסקער גוב., רוסיש־פּוילן. זון פון יצחק און שרה. עלטערן — געצויגן חיונה פון קליינהאַנדל אין די דערפער. אין עלטער פון 13 חדשים געוואָרן אַ יתום נאָכן פאָטער. אין פּינסק זיך געלערנט אין חדר און רוסישער פאָלקסשול, לערניינגל ביי שניידעריי, געהערט צום „קליינעם בונד". אין אַמעריקע פון 1911. חתונה געהאַט מיט חנה קאָהען. געלערנט אין אָוונט־שול און געאַרבעט אין אַ שניידער־שאָפּ. גיך זיך אַרויסגערוקט אין דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. איצט מענעדזשער פון לאָקאַל 117 און וויצע־פּרעזידענט פון אַ.ל.ג.וו.י. אין אַרב. רינג פון 1912, מיטגליד פון בר. 231. געווען פאַרזיצער און קאַסירער פון זעלבן בר. פינף יאָר אין ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע־קאָמיטעט. דעלעגאַט צו פיל קאָנווענשאָנס. פריער געהערט צו סאָצ. פּאַרטיי, איצט אין סאָצ. דעמ. פעדעראַציע, ייד. סאָצ. פאַרבאַנד (פון 15 קאָנוו. — 1943 — אין נאצ. עקזעקוטיוו), ליבעראַלער פּאַרטיי, פאַרוועטס אַסאָן, ייד. אַרב. קאָמ. „אָרט", ייווא״אָ, לאָס אַנדזשעלעסער סאַנאַטאָריע, דענווער־סאַנאַטאָריע, געזאַמלט פאָנדן צו בויען די שלמה מענדעלסאָן־היים פאַר יתומים אין לאַ פּיט (פראַנקרייך) און די בנימין שלעזינגער־אָפּרו־היים אין תל־אביב. געזאַמלט פאָנדן פאַר פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

י. פּאָגעל

ישראל פיינבערג — 1943

מיט פריינט איז עס אַזוי ווי מיט לופט, פרייהייט אָדער דעמאָקראַטיע. אַזוי לאַנג ווי מיר אָטעמען פראַנק און פריי פרישע לופט, און אַזוי לאַנג ווי מיר קעמפן פאַר פרייהייט אָדער דעמאָקראַטיע אין אַ פולער מאָס, שאַצן מיר ווי געהעריק ניט אָפּ ווי טייער און ווי ליב מיר דאַרפן האַלטן פרישע לופט און פרייהייט, און ערשט ווען מיר קענען ניט אָטעמען אומגעשטערט קיין פרישע לופט — באַגרייפן מיר ערשט וואָס מיר האָבן פאַרלוירן.

דער דאָזיקער פאַרגלייך קען אָנגעווענדעט ווערן אויף געוויסע מענטשן וואָס מיר פאַרלירן און וועלכע מיר האָבן ווי געהעריק ניט אָפּגעשאַצט ביים לעבן.

איינער פון זיי איז ישראל פיינבערג.

אין משך פון אַ פּאָר צענדליק יאָרן האָבן מיר אים געזען אין דעם סאַמע געדיכטן פון דעם אַמעריקאַנער יידישן אַרבעטער לעבן; מיר האָבן אים געזען ביי קאָנווענשאָנס, פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן, קולטור מאַניפעסטאַציעס, פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, ענגע באַראַטונגען.

די הויכע, שלאַנקע, חיים ווייצמאַן־אויסזעענדע פיגור, איז געווען אַ טייל פון אונדזער סביבה. מען איז געוואוינט צו זען ישראל פיינבערגן ווי אַ מיטבאַטייליקטער אין באַוועגונגען וואָס האָבן געהאַט אויף זייער פּראָגראַם־פּאַן צו בויען אַ שיינע און ערהאַבענע וועלט. מען האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן די סביבה אונדזערע אָן פיינבערגן. זיין אָנוועזנהייט איז געוואָרן אַזוי נאַטירלעך, אַזוי פשוט, אַז מען האָט אין געוויסע צייטן ניט געשענקט גענוג אויפמערקזאַמקייט.

איז פלוצלינג:

פלוצלינג קומט אָן די נאַכריכט, אַז פיינבערג איז שוין מער ניטאָ.

יאָ, ניטאָ!

און עס פאַנגט אָן צו זעצן אין מוח דער אייז־קאַלטער פאַקט, אַז די פיגור פון ישראל פיינבערגן, צו וועלכן מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט — וועט שוין מער ניט זיין צווישן אונדז.

און אין מוח ראַנגלען זיך שטימונגען פון בענקשאַפט און חרטה. בענקשאַפט מיט דעם פאַקט וואָס ס׳איז אויף אייביק פאַרשוואונדן אַ מענטש וועלכער איז געווען אַ טייל פון אונדז; און חרטה מיט דעם געפיל, אַז מיר האָבן עפּעס ניט גענוג אויסגענוצט זיין פריינטשאַפט, זיך ניט גענוג באַגעגנט מיט אים, ניט גענוג פאַרבראַכט מיט אים.

פיינבערג איז אָן ספק געווען איינער פון די אימפּאָזאַנטסטע געשטאַלטן אין אונדזער באַוועגונגס־קרייז. ער האָט אין זיך פאַרקערפּערט יענע אייגנשאַפטן וואָס האָט אונדזער סביבה געגעבן אַן אייגנאַרטיקן חן, און ער האָט אין דער זעלבער צייט געהאַט די פעלערן וואָס זיינען אַ טייל פון אונדזערע שוואַכקייטן.

פיינבערג האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די צוויי הויפּט שטריכן פון אַ יוניאָן־מאַן, ער איז געווען אי סאָציאַליסט, און אי אַ טרייד יוניאָניסט. אַלס סאָציאַליסט האָט ער שטענדיק געטרוימט וועגן אַ נייער און שיינער וועלט, וואָס זאָל זיין געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון סאָציאַלן יושר; און אַלס טרייד־יוניאָניסט איז ער געווען פּראַקטיש ביז גאָר, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געוואָלט פאַר די מיטגלידער מער ווי סתם אַ שטיקל ברויט. ער האָט זיך ניט בלויז באַנוגנט מיטן היינט, נאָר גלייכצייטיק געטראַכט אין די ליניעס פון מאָרגן און איבערמאָרגן. אָט דערפאַר ווערט ער באַטראַכט אַלס דער פאָטער פון דעם פּענסיע־פּלאַן, און עס איז געווען דער, וואָס האָט געהאַט מוט אַרויסצוקומען מיט דעם פּלאַן פון אַ לעגאַליזירטער פאָרם פון אַ סעקשאָן אַרבעט. מען האָט דערצו געדאַרפט האָבן מוט, ווייל פיינבערג איז געווען אַ מיטגליד פון דעם קלאָוק אָפּערייטאָרס לאָקאַל 117, וועלכער האָט אַ טראַדיציאָנעלע קעגנערשאַפט צו דעם.

פיינבערג האָט געהאַט פאַרשיידנאַרטיקע אינטערעסן. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער דעבאַטאַנט (אַן איבערבלייבעכץ פון זיינע יוגנט יאָרן אין ענגלאַנד, ווען ער איז געווען אַ געניאָסע אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג); ער איז געווען אַ פאַנאַטישער לייענער פון ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען.

קורץ, פיינבערג איז געווען אַ דענקנדער מענטש, אַ גוטער מענטש, און אַ האַרציקער געניאָסע.

מיר אַלע בענקען נאָך אים גאָר שטאַרק.

* * *

פ י י נ ב ע ר ג, י ש ר א ל — געבוירן 25 דעצעמבער 1886 אין בערדיטשעוו, קיעווער גוב., אוקראַינע־רוסלאַנד. פאָטער אַ שניידער, מוטער געפירט אַ קראָם פון אַל־טע מלבושים. געלערנט אין חדר און ביי לערער. געאַרבעט אין אַ געשעפט. 1902 מיט משפחה עמיגרירט קיין לאָנדאָן. געניית מונדירן. טעטיק אין טרייד־יוניאָניסטישער און אַנאַרכיסטישער באַוו. אין לאָנדאָן און מאַנטשעסטער. חתונה געהאַט מיט בונדיסטקע נעלי, אַ שניידערין פון ריגע. פון 1912 אין ניו־יאָרק. אין לאָקאַל 1 קלאוקמאַכער־יוניאָן. פון 1914 אַסיסטענט־מענעדזשער ניו־יאָרקער קלאַוק־דזשאָינט־באָארד, שפעטער אַ סך יאָרן מענעדזשער. וויצע־פרעזידענט פון א.ל.ג.וו.י. געווען טעטיק פאַר דער יוניאָן אין אַ רייע שטעט פון אַמעריקע און קאַנאַדע. צווישן זיינע פאַרדינסטן דאָס אויסקעמפן דעם ריטאַירמענט־פאָנד פאַר אַלטע קלאַוקמאַכער. אין סאָצ. פאַרטיי. סאָצ. קאַנדידאַט ביי וואַלן. אין ייד. סאָצ. פאַרבאַנד, לייבאָר־פאַרטיי, ליבעראַלער פאַרטיי. אַקטיוו אין ייד. אַרב. קאָמ., ייוו״אָ, ציקאָ, ייד. קולטור־קאָנגרעס, אָרט, „פאָרווערטס״ אַסאָן, פאָרן בונד, הסתדרות, די צוקונפט, פרייע אַרב. שטימע און פאַרשיידענע קאַמפיינס. אין דעבס־ברענטש 590 אַ.־ר. געשטאָרבן 16 סעפטעמבער 1952 אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפ. פאַריתומט פרוי נעלי, וועלכע איז פלוצלונג געשטאָרבן 2 יוני 1956 אין ניו־יאָרק, און קינדער. קבר אויפן בית־עולם אין האָליוואוד, קאַליפ.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

באַרנעט אַקסעלראַד — 1944

חשובער טשיף יעפים ישורין:

איך גראַטולירע איך און אונדז אַלע, וואָס מיר האָבן דערלעבט די צייט אָפּצוצייכענען 50 יאָר עקזיסטענץ פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב". 50 יאָר עקזיסטענץ פון אַן אָרגאַניזאַציע, איז, דענק איך, אַ גרויסע גע־שעעניש. אָבער אונדזערע 50 יאָר עקזיסטירן, איז דער גרעסטער נס, וואָס עס האָט געקענט פּאַסירן אין אונדזער אָרדן. היינט ווען מיר פייערן דעם יובילעאום, איז עס ניט נאָר דער יום־טוב פון די 50 יאָר עקזיסטענץ פון דעם קלוב, עס איז אויך די מאַניפעסטאַציע פאַר דעם קלוב, וועלכער האָט ניט דערלאָזט, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל באַשמוצט ווערן פון די רויטע „כאַוויירים", וועלכע האָבן גערעכנט, אַז אָט־אָט פאַרכאַפּן זיי אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין דער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס.

ווען אונדזער שיקאַגער „סאָציאַלער קלוב" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1927, האָבן מיר דאַן ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע ראָליע עס וועט אונדז אויסקומען צו שפּילן אין דעם קאַמף מיט די „לינקע". זאָל דאָ טאָקע גלייך געזאָגט ווערן, אַז די ערשטע 2 יאָר זיינען מיר אין שי־קאַגאָ, ווי אַ „קלוב", ניט געווען צו אַקטיוו. ערשט אין מאַי 1929, ווען די קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג איז ביי אונדז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, און אונדזער טשיף האָט פאַררופן די עטלעכע מיטגלידער פון קלוב צו אַ מידנייט סאַפּער אין ביסמאַרק־האָטעל, און האָט אַזוי צו זאָגן רעאָרגאַניזירט דעם קלוב, און אים אַוועקגעשטעלט אויף דעם ריכטיקן וועג. פון דאַן אָן האָט דער קלוב ווירקלעך פאַרנומען די ריכטיקע פּאָזיציע. און דער נאַ־ציאָנאַלער אָפיס פון „סאָציאַלן קלוב" האָט זיך ניט געדאַרפט שעמען מיט דעם שיקאַגער „קלוב".

מיר זיינען שטאָלץ וואָס מיר האָבן געקענט און געמאַכט מעגלעך אָפּצוהיטן און איינצוהאַלטן די פּרינציפּן און פירונגען פון אַרבעטער־רינג — אַפילו ווען עס איז אויסגעקומען צו פירן אַן אמתע מלחמה.

איך וואָלט געדאַרפט דאָ אויסרעכענען אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג אין שיקאַגאָ, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין אָט די אַלע

קאַמפּן, אָבער איך האָב מורא, אַז איך וועל וועמען אויסלאָזן, וועל איך בעסער ניט אָנהייבן.

איך ווינטש נאָך צו האָבן די מעגלעכקייט, צוזאַמען מיט אייך אַלעמען, אָנטייל צו נעמען אין דעם גרויסן יום־טוב, ווען עס וועט אויסקומען. אַזוי ווי איצט בין איך ניט קיין אָפּיציעלער בעאַמטער פון אונזער קלוב, צוליב דעם וואָס מיין ווייניקייט איז אין סוירקל סיטי, אַריזאָנאַ — באַגריס איך אונדזער טשיף, מיט אַלע זיינע אַרויסהעלפער צו דעם יובילעאום און איך ווינטש אייך אַלעמען נאָך אַ סך יאָרן פון אַקטיוויטעט.

איך בין פּערזענלעך זייער גליקלעך, וואָס מיר איז אויסגעקומען דורך דעם קלוב צו זיין אַקטיוו פאַר אונדזער אָרדן. און אַוודאי בין איך דאַנקבאַר דעם קלוב, וואָס מען האָט מיר אויסגעקליבן אַלס נאַציאָנאַלן פּרעזידענט אין דעם יאָר 1941.

זייט אַלע האַרציק געגריסט.

* * *

אַקסעלראָד, ברוך לייב (באַרנעט) — געבוירן 2 אַפּריל 1886 אין פּאָלאָצק, וויטעבסקער גוב., רוסלאַנד. זון פון אַברהם איטשע און ליבע רחל. דער פאָטער אַ סטאָליער, די מוטער — אַ שניידערין. געלערנט אין חדר און פאָלקס־שול. געווען אַ מיטגליד פון בונד. חתונה געהאַט מיט זעלדע (סיידי) סעלקאָף. פון פאַך אַ פּיינטער. מיטגליד פון לאָקאַל 147 פּיינטערס־יוניאָן. אין אַרבעטער־רינג פון 1910 (שיקאַגאָ). מיטגליד פון בר. 658, איבער 40 יאָר אין בר. 178, 36 יאָר ברענטש־סעקרעטאַר. פיל מאָל פאָרזיצער פון אַרב.־קאָמיטעט דיסטריקט שיקאַגאָ, פיל יאָרן פאָרזיצער אָדער סעקרעטאַר פון קעמפּ. פאַרטראָטן שטאַט אילינאָי אין נאַציאָנאַלן דירעקטאָרןבאָארד אין די טערמינען 1937—39, 1941—43, 1944—1947. טעטיק אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און אָרט. האָט זיך לעצטנס באַזעצט אין סוירקעל סיטי, אַריזאָנאַ.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. איווענסקי

דזשאַן דריישפּיל — 1945

דזשאַן דריישפּיל, אונדזער יונה, איז געשטאָרבן אָנפאַנג פון 1951. דריישפּיל איז געווען ניט נאָר אָנגעזען אין אונדזערע רייען, נאָר אויך אין די רייען פון בכבודיקע בירגער פון אונדזער מעטראָפּאָליע, די ריזיקע שטאָט ניו־יאָרק, פאַר וועלכער ער האָט געאַרבעט.

אויף דער אימפּאָזאַנטער לוויה פון דזשאַן דריישפּיל איז געווען איי־נער פון די מספּידים אַ קריסטליכער אינזשינער, אַלבערט גערץ. אַן אינ־זשינער רעדט ניט מיט מליצה. ער איז פאַרטאָן אין שווערע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, וואָס פאָרן זיך ניט מיט מליצה. אַן אינזשינער רעדט אין עק־זאַקטע ווערטער. אָבער וויפל פּאַטאָס איז אָבער געווען אין די האַרטע ווערטער מיט וועלכע דער אינזשינער גרעץ האָט מספּיד געווען זיין קאָ־לעגע?

אָט איז אַן אויסצוג פון דעם הספּד:

„דריישפּיל איז געווען אי אַ כבוד פאַר דער שטאָט ניו־יאָרק פאַר וועלכער ער האָט געאַרבעט, אי אַ כבוד פאַר אונדזערע נייע בירגער, וואָס קומען צו אונדז פון אייראָפּע. דריישפּיל האָט באַוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן עס ליגן אין די פרעמדע, וואָס קומען צו אונ־דזערע גאַסט־פריינטלעכע ברעגן״.

דריישפּיל האָט טאַקע פיל געלייסטעט פאַר די אונטערבאַנען (סאָב־וויים) פון דער ריזיקער שטאָט ניו־יאָרק. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער „קאָנסאָלטינג באָאַרד אָוו אינזשינערס״, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו דעזיינען נייע „סאָבוויים״ און פאַרבעסערן די אַלטע. דריישפּיל איז גע־ווען איינער פון די דעזיינערס פון דער „אינדעפּענדענט סאָבוויי״, וואָס ציט זיך אַריין אין אונדזער „גושן״ אויף איסט־בראָדוויי אין ניו־יאָרק.

זייענדיק איבערגעגעבן זיין פּראָפעסיע, האָט ער זיך אַ סך אויסגעצייכנט אויף זיין געביט. ער איז געווען אַן אימיגראַנט פון גראָדנע און איז גע־בליבן זיין גאַנץ לעבן אַ יידישער ראַדיקאַל און אַן איבערגעגעבענער אַר־בעטער־רינג־טוער, טראָץ זיינע גרויסע פּראָפעסיאָנעלע דערגרייכונגען.

געבאָרן געוואָרן איז יונה דריישפּיל אין יאָר 1883, און איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1904, אַ בחור פון 21 יאָר, וואָס האָט „אויספּייעט" אויך צו זיין אַ סאָלדאַט אין רוסלאַנד. ווי אַלע אימיגראַנטן, האָט זיך דריישפּיל גענומען פאַר אַ „טרייד", אַ מלאכה. ער האָט אייניקע יאָר גע־אַרבעט און אויך געלערנט. אין יאָר 1906 קומט ער אָן אין קופּער יוניאָן. אין יאָר 1910 ענדיקט ער אַלס אינזשינער מיט דער „דעגרי" בעטשעלאָר אָוו סייענס. אין 1920 ווערט ער אָנערקענט פון זיין פּראָפעסיע אַלס וויכ־טיקער אינזשינער און ער גיט אָפּ זיינע כוחות פאַר בויען סאָבווייס, אַ געביט אויף וועלכן ער האָט זיך גוט אויסגעצייכנט.

זיין פּראָפעסיע האָט אים ניט פאַרפרעמדט פון אַרבעטער־רינג־טעטי־קייט. גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין ניו־יאָרק איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין ברענטש 74 פון גראָדנער לאַנדסלייט. ער איז געוואָרן זייער טעטיק אין ברענטש און איז דערנאָך געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע פיגור אין אַרבעטער־רינג. ער איז געווען אַ מיטגליד, פריער פון קאָנטראָל־קאָמיטעט און דערנאָך פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. ער האָט פיל געלייסטעט פאַרן אַר־בעטער־רינג־סאַנאַטאָריום, אויך פאַר דער היים פון די אַלטע. אַ סך האָט ער געטאָן פאַרן סעמעטערי דעפּאַרטמענט, וואו ער האָט געדינט אַלס אַדווייזאָר — אַ משגיח פון אַלע סעמעטעריס, וואָס דער אַרבעטער־רינג פאַרמאָגט.

דריישפּיל איז געווען אַ ליבער מענטש, אַ פריינט און אַ חבר. טראָץ זיינע אַמטן, וואָס ער האָט פאַרנומען, איז ער געבליבן אַ באַשיידענער מענטש, ווי עס דאַרפן זיין מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט וויסנשאַפט. נאָר פּוסטע פּעסער מאַכן פון זיך אַ גרויסן טומל...

* * *

ד ר י י ש פּ י ל, ד ז ש אַ ן (יונה) — געבוירן 14 אָקטאָבער 1883 אין גראָדנע, רוסיש־פּוילן. פון 1904 אין אַמעריקע. געווען אַ קעמל־מאַכער. 1906 אָנגעהויבן שטו־דירן אין קופּער־יוניאָן, וואָס פאַרענדיקט 1910 מיט דיפּלאָם בעטשעלאָר אָוו סייענס און 1914 — ציוויל־אינזשיניער. פון 1910 געווען באַשעפטיקט אַלס אינזשינער ביי ניו־יאָרקער שטאָט־פאַרוואַלטונג. געמאַכט די פּלענער פאַר אינדעפּענדענט סאָבוויי־ליניעס, פּלאַנירט אַ פּראָיעקטירטע סאָבוויי־ליניע אויף צווייטער עוועניו און פאַרלענגערונגען פון אַ ריי סאָבוויי־סטאַנציעס. אין אַרבעטער־רינג פון 1906. אין גראָדנער ברענטש 74. 1910־11 פאָרזיצער פון נאַצ. קאָנטראָל־קאָמיסיע, 1911־12 אין נאַצ. עקז. קאָמ. אַ.־ר. (קאַסירער), 1912—14 אין סאַנאַטאָריום־קאָמ., 1917 פאָרזיצער פון אָפּיס־קאָמ. לאַנגע יאָרן געווען דער פּלאַנירער פון די סעמעטעריס פון אַ.־ר. אויך געווען טעכנישער בעל־יועץ פון אַ.־ר. קעמפּ און אַ.־ר.־היים פאַר אַלטע מיטגלידער. געשטאָרבן 29 יאַנואַר 1951 אין ניו־יאָרק. פאַריתומט פרוי בעסי און קינדער. קבר אויפן סידער־פּאַרק בית־עולם.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. איווענסקי

שמואל רודאָוו — 1946

מיט רודאָוון האָב איך זיך באַקאָנט אין דער קערפּערשאַפט פון נאַציאָנאַלע דירעקטאָרן פון די יאָרן 1948־1950, פון וועלכער מיר זיינען געווען מיטגלידער. רודאָוו איז געווען דער דירעקטאָר פון פּענסילווייניע. עס איז אמת, אַז די באָארד אָוו דירעקטאָרן שפּילט שוין איצט ניט אָט די ראָלע, וואָס זי האָט געשפּילט אין אירע יאָרן פון גלאַנץ. מיר האָבן אָבער געהאַט זייער שווערע פראַגן און רודאָוו האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער קערפּערשאַפט מיט זיין „קאָמאָן סענס“, זיין „שכל הישר“ און איבערגעגעבנהייט צו דער אָרגאַניזאַציע.

אַמאָל איז רודאָוו געווען אַ יוניאָן־פּירער און איז געווען שטאַרק טעטיק אין דער אַמאַלגאַמייטעד. פאַר די לעצטע יאָרן איז ער געווען אַ באַאַמטער אין אַן אָרגאַניזאַציע פון קאָנטראַקטאָרס. דאָס האָט אָבער אים ניט געשטערט צו זיין אַקטיוו אין אַרבעטער־רינג. ער איז געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון פילאַדעלפיער דיסטריקט קאָמיטעט און האָט זיך אָפּגעגעבן פיל מיט קולטורעלע טעטיקייטן און מיט די אַרבעטער־רינג־שולן.

זיינע לעצטע יאָרן איז ער געווען שטאַרק טעטיק אין דער באַוועגונג צו בויען אַ היים פאַר אַלטע מיטגלידער אין פילאַדעלפיע. אויב די היים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין פילאַדעלפיע, האָט מען אַ סך צו פאַרדאַנקען אַזעלכע איבערגעגעבענע טוער ווי סעמיועל רודאָוו איז דאָס געווען.

* * *

רודאָוו, שמואל — געשטאַמט פון רוסלאַנד. אַ שניידער. אין אַמעריקע פון די יונגע יאָרן. געלעבט אין באַלטימאָר, לעצטע 30 יאָר אין פילאַדעלפיע. אַ פּיאָנער פון אַמאַלגאַמייטעד־יוניאָן. שפּעטער יאָרן לאַנג מענעדזשער פון בלאַוז־און דרעס־קאָנטראַקטאָרס־אַסס'ן אין פילאַדעלפיע. אין אַרבעטער־רינג פון 1918. אין פאַרשיידענע בר., לסוף אין בר. 150. 50—1946 צוויי טערמינען פאַרטרעטן פּענסילווייניע אין נאַצ. דירעקטאָרן־באָארד אַ.־ר. פּרעזידענט פון אַ.־ר.־היים אין מידיא. פּאַ. אַקטיוו אין פאַראייניקטן יידישן אַפּיל, פאַר הסתדרות, לייבאָר עדיוקיישאָנעל צענטער, פאַרן זשורנאַל די צוקונפט, מושב זקנים און אַנד. ייד. אינסטיטוציעס. געשטאָרבן 18 אָקטאָבער 1951 אין פילאַדעלפיע, עלטער 64 יאָר. פרוי דזשעני, אין אַ.־ר. פון 1927, אין בר. 150 געשטאָרבן 23 פעברואַר 1949. (אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

לואיס עפשטיין — 1947

עפשטיין לואיס — געבוירן 15 יוני 1886. געשטאַמט פון רוסיש־פוילן. מלבושים־רייניקער און פאַרבער. אין אַרבעטער־רינג פון 1917. אין בר. 703, 712, וואוסטער, מאַס. געשטאָרבן 12 יוני 1953.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. איוועניסקי

משה י. אשפיז — 1948

ווען מען האָט מיר אָנגעזאָגט אַז אַשפיז איז געשטאָרבן איז מיר אַרי־בער אַ סקרוך איבערן לייב; עס איז פאַר מיר געווען אַ פערזענלעכער פאַרלוסט. אַשפיז איז געווען אַ פריינט מיט וועמען מען האָט געקענט זיין אינטים.

פריינשאַפט איז אַ וואָרט, וואָס ווערט פיל מיסברויכט, האָט אונדז גע־זאָגט רבי גמליאל, דער זון פון רבי יהודה הנשיא: „דערנענטער זיך ניט צו פּאָליטישנס (רשות). זיי זיינען מקרב אַ מענטשן בלויז ווען זיי דאַרפן אים״. און וואַרפן אים אַוועק, ווען זיי האָבן אים אויסגענוצט.

אַשפיז איז ניט געווען פון פרומע צניוטעס וואָס גלאָצן תמיד מיט די אויגן. אַשפיז איז געווען שטאַרק פּאָליטיש געשטימט און האָט געקענט מאַכן דאָס, וואָס מען רופט אַ „פּאָליטישן דזשאַב״. אין זיין גאַנצן לעבן, פול מיט וואָכעדיקע פּראַקטישע אינטערעסן האָט ער אָבער באַוואַרט אַ געטלעכן פונק. דעם פונק פון אַן אמתן אידעאַליסט, ביי וועמען דער אידע־אַל שטייט העכער פאַר אַלע פערזענלכע אויסרעכענונגען. איז ער איינעם געווען אַ פריינט, איז ער געווען אויפריכטיק און אָן שום פּניות.

אין משך פון 38 יאָר האָב איך אַשפיזן געקענט. איך געדענק אים נאָך פון די צייטן פון דער סטייט־קאָמיטע, ווען ער איז דאָרטן געווען סעק־רעטאַר און מיט אַ גמרא ניגון פלעגט ער לייענען זיינע פּראָטאָקאָלן. באַ־פריינדעט האָב איך זיך מיט אים שטאַרק אין דער אַמאָליקער קאָנטראָל־קאָמיטע פון אַרבעטער־רינג, וואו ער איז געווען פאָרזיצער און יעפים ישורין סעקרעטאַר.

זייער אַ גרויסע ראָלע האָט די קאָנטראָל קאָמיטע געשפּילט אין די שטורמישע יאָרן אין אַרבעטער־רינג. אין די יאָרן פון קאַמף צווישן יונגע און אַלטע. די קאָנטראָל־קאָמיטע איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט. די קאָמיטע פון יענע יאָרן האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיט קלייניקייטן, אויפן טאָג־אָרדענונג זיינען דעמאָלט ניט געשטאַנען אַזעלכע פראַגן ווי צו ווע־טאָאירן אַ בעזים. אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער קאָמיטע זיינען געשטאַנען וויכטיקע פראַגן פון שאַפן פּאָליסיס פאַרן אַרבעטער־רינג און פאַר לאַנגע יאָרן האָבן געהאַט די פּאָליסיס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך דער

מיטווירקונג פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע, אַ גרויס השפּעה אויף דעם היס־טאָרישן גאַנג פון גאַנצן אַרבעטער־רינג.

צווישן די מיטגלידער פון יענער קאָנטראָל־קאָמיטע זיינען געווען דער קאָרעקטער הערי שעהר, נ. פריימאַן, אַ ייד, וואָס פאַרשטייט אַ וויץ, עטלעכע יידן שוין גאַנץ באַיאָרטע, וואָס האָבן זיך אַליין אַ נאָמען גע־געבן: יונגע, וואָס זיינען געווען טויט ערנסט און האָבן קיין וויצן גאָר ניט פאַרשטאַנען און גאַנץ ערנסט זיינען אָנגעגאַנגען די מחלוקות — ניט אַלע מאָל לשם שמים — צווישן יונגע און אַלטע, מחלוקת, וואָס האָבן אי־בערגעלאָזן טיפע סליאַדן אין די נשמות פון די וועלכע זיינען געווען אויפריכטיק.

די טאָנגעבער אין דער קאָנטראָל־קאָמיטע זיינען געווען ישורין און אַשפּיז. אַשפּיז האָט אַמאָל געלערנט אין אַ ישיבה און די ישיבה האָט גראַדע אויף אים געהאַט אַ גוטע ווירקונג. ער האָט זיך דאָרטן אויסגע־לערנט אַנאַליזירן יעדן ענין פון אַלע זייטן.

זייער אַ רירנדיקע סצענע האָט זיך ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון. אויף דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. אין יאָר 1946 זיינען 3 פון אַמאָליקער קאָנטראָל־קאָמיטע אויסגעקליבן געוואָרן אין סעקרעטאַריאַט פון קאָנווענשאָן, אַשפּיז ע״ה, פריימאַן און דער שרייבער פון די שורות. עס איז געווען אַ „רעיוניאָן”. דער קאָרגער אַשפּיז האָט זיך געלאָזט קאָסטן שיינע עטלעכע דאָלער און דווקא אין אַ שיינעם שפּייז־צימער פון האָטעל. מען האָט זיך דערמאָנט וועגן אַמאָליקע צייטן און אַשפּיז איז געווען זייער סענטימענטאַל און, צי איר גלויבט, צי איר גלויבט ניט, זייער פרייגעביג. אַשפּיז איז געווען אויף אַ הויכער שטופע אין זיין קאַריערע. ווער האָט גע־קענט דאַמאָלט גלויבן, אַז דער גרויזאַמער טויט לויערט צו מאַכן אַן ענדע צו זיין קאַריערע און צו זיין גאַנצן לעבן.

ניט אַלע מאָל בין איך געווען איינשטימיק מיט אַשפּיזן. מיר האָבן געהאַט די אויפגאַבע אויפצושטעלן אַ נייע קאָנסטיטוציע מיט די נייע אַמענדמענטס און טאַקע פאַרריכטן אַביסל דעם לשון. מיר האָבן דאָס גע־טאָן פרייער אין אָפיס פון אַרבעטער־רינג. די קריגערייען צווישן אונדז וועגן יעדן וואָרט זיינען געווען אויף דער העכסטער אָקטאַווע. מיט אונ־דזערע קולות האָבן מיר מסתמא אויפגעוועקט אַ פּאָר מיטגלידער פון דעם פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט. מען האָט אונדז געגעבן אַ מאָוור־צעטל און מיר האָבן געמוזט מאָווען אין דעם אָפיס פון דער דזשאָינט באָארד פון קלאָוק־מייקערס, וואו אַשפּיז איז געווען סעקרעטאַר־טרעזשורער. אָבער די לאַגע האָט זיך פאַרערגערט, גאָר ניט בעסער געוואָרן.

אין אָפיס פון דער דזשאָינט באָארד זיינען מיר געווען פרייער. מיר האָבן אָבער פאַרגעסן וואו מיר זיינען אין דער וועלט. מיר האָבן געדענקט,

אַז מיר געפינען זיך אין אַ קלויז און אָנגעהויבן זיך צו פּלפּולען אויף די גאַנץ הויכע טענער. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איינמאָל איז אַריינגעלאָפן די ערלית, וואָס רייניקט די געביידע און מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן האָט זי געוועגדעט אירע בליקן צו אַשפּיזן, אַזוי ווי זי וואָלט געפרעגט, וועמען זאָל זי רופן, צי די פּאָליציי, אָדער די פייערלעשער.

די יידישע אינטערנעשאָנעל, וואָס האָט דעם נאָמען געקראָגן דערפאַר, וואָס זי איז געטשאַרטערט אין קענעדע, איז ברוך השם געוואָרן אַן אמתע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע און ס'איז שווער צו וויסן ווער די ערלית איז געווען — פון פּאָרטאָ ריקאָ, אַ איטאַליענערקע אָדער גאָר אַן איירישע. פון אירע קעלבערנע אויגן דאַך האָט מען געקענט איר אָננעמען פאַר אַ דייטשקע.. עס האָט גענומען צייט ביז אַשפּיז האָט דערקלערט די נאַרישע דייטשקע, אַז דאָס איז ניט קיין געשלעג, נאָר אַ פּילפּול וועגן דער קאָנסטיטוציע.

אַשפּיז האָט געקענט פאַרלירן זיין געדולד ווען מען האָט געשטעלט אַ פּינטעלע ניט וואו ער וויל. ער איז געווען זייער ערנסט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ געזעלשאַפטלעכע פראַגע, אָבער די ערנסטקייט פלעגט לאַנג ניט אָנהאַלטן. נאָך יעדן מיטינג פלעגט מען פריינטלעך זיך צוזאַמענקומען אין אַ רעסטאָראַן, וואו מען פלעגט אויך טרעפן די פריינט ב. קאַפּלאַן, רעזניק און נאָך. אַשפּיז איז אין רעסטאָראַנט געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. ער פלעגט פאַרנעמען יעדן קיבעץ מיט אַ ברייטן שמייכל, ער האָט געשמייכלט כאָטש ער איז שוין דאַמאָלט געווען גאַנץ קראַנק.

זייער איבערראַשט בין איך געווען, ווען איך האָב געפונען אויף דעם דעסק פון זיין אָפיס אַן אויסגאַבע פון משניות אין דער נייער יידישער איבערזעצונג. אַשפּיז איז געווען אַ יודע ספר, אַ מענטש וואָס פאַרשטייט אַ יידישן בוך און ער האָט געהאַט רעספּעקט פאַר אַ יידישן און העברעאישן וואָרט. מיט דער מיטווירקונג פון אַשפּיזן האָט די דזשאָינט באַארד פון די קלאָוקמאַכער אַריינגעגעבן אַ באַגריסונג־אַדווערטייזמענט אין דעם יובל־נומער פון „הדואר" און די באַגריסונג איז געווען געשריבן דווקא אין העברעאיש.

לויט דעם תלמודישן אויסדרוק קען מען זאָגן אַז די תורה ליגט אין אַ ווינקל, „תורה מונחת בקרן זוית", און קיינער קוקט זיך אויף איר ניט אום. אָבער עס איז מערקווירדיק, ווען עס קומט צו לומדות רייסן זיך אַלע אָנצוטאָן דעם כתר תורה, די קרוין פון דער תורה, און יעדער איינער ביי וועמען עס זיינען פאַרבליבן עטלעכע אָפּגעריבענע מטבעות פון דער תורה, קויפט אַ בלעכענעם קרוג און ער קלינגט מיט לומדות אויף וואָס די וועלט שטייט. עס וואָלט געווען אַ פאַרשוועכונג פון אַשפּיזעס אָנדענקונג צו זאָגן אויף אים אַז ער איז געווען אַ למדן. אָבער צי יאָ למדן צי ניט,

אַ יודע ספר איז ער געווען. ער האָט פיל געדענקט פון „גירסא דינקותא״, פון דעם וואָס ער האָט געלערנט אין דער יוגנט. מערקווירדיק איז, וואָס ער האָט זיך אויך אויסגעלערנט וועלטלעכע לימודים אָן לערער, זיינע פינאַנציעלע באַריכטן זיינען געווען זייער זאַכלעך און ער אַליין פלעגט זיי צוזאַמענשטעלן מיט געשמאַק.

פילע אין „טרעיד״ האָבן אַשפּיזן ניט ליב געהאַט. ער איז געווען זייער סטריקט. אַלע פלעגן אָבער מוזן צוגעבן, אַז ער איז געווען ערלעך און איבערגעבן זיינע פליכטן. ער איז געווען אַן אידעאַליסט, אויך אין יוניאָן־אָנגעלעגנהייטן.

אַן אינטערעסאַנטע פּערזאָן פון אַמאָליקע אידעאַליסטן איז אַשפּיז געווען. חבל על דאבדין ולא משתכחין. עס טוט ווי דאָס האַרץ צו זען, אַז עס ווערן פאַרלאָרן אַזעלכע טיפּן און מען קען זיי ניט געפינען, מען קען זיי ניט „דיספּלייסן״.

* * *

אַ ש פּ י ז, מ אָ ר י ס י. — געבוירן 10 מערץ 1889 אין אָרלע, ביאַליסטאָקער געגנט, רוסיש־פּוילן. געלערנט אין חדר, ישיבה, זעלבסט־בילדונג. אין אַמעריקע פון 1905. אין אַרבעטער־רינג פון 1910. אין אָדלער בר. 410. 1912—15 דריי טערמינען פּאָרזיצער פון נאַצ. קאָנטראָל־קאָמ. 1916־17 פראַטערנאַל־רעיטס־קאָמ. 1917—48 פיר טערמינען פאַרטראָטן שטאַט־ניו־יאָרק אין נאַצ. דירעקטאָרן באָארד. 1921—36 זעקס טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמ. אַ״ר. אין קאָנסטיטוציע־קאָמ. און אַנד. נאַצ. קאָמ. אַקטיוו אין סאָצ. באַוו. 6 טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמ. פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. אין ס. ד. פעדעראַציע, „פאָרווערטס״־אַסס׳ן. פון פאַך אַן אָפּערייטאָר פון פרויען־קליידער. 1911 פאָרזיצער פון לאָקאַל 1 קלאָוקמאַכער־יוניאָן, שפּעטער מענעדזשער און ביזנעס־אַגענט. פון 1930 ביזן טויט סעקרעטאַר־טרעזשורער פון ניו־יאָרקער דזשאָינט־באָארד קלאָוקמאַכער־יוניאָן, א.ל.ג.וו.י. אויך געווען טעטיק אין אַנדערע יוניאָנס. געאַרבעט פאַרן ייוואָ, ציקאָ, די צוקונפט, בונד, ייד. אַרב. קאָמיטעט, ביאַליסטאָקער צענטער און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, אַ קורצע צייט נאָכן איבערגעפאָרן ווערן 16 מערץ 1948. פאַריתומט פרוי פלאָרענס און קינדער. קבר אויפן אַ״ר. בית־עולם מאַונט כרמל, נ. י.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

לעאָן אַרקין

דזשוליוס (יודל) ווייסבערג — 1948

איך וועל פּרובירן אין געציילטע שורות כאַראַקטעריזירן אונדזער פאַרשטאָרבענעם ווייסבערגן, ווי איך האָב אים געקענט און מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען יאָרן לאַנג צו אַרבעטן צוזאַמען.

זעלטן ווען עמעצער האָט ווייסבערגן אָנגערופן ביי זיין לעצטן נאָמען. די מערסטע חברים און אפילו זייטיקע מענטשן פלעגן אים רופן ביי זיין ערשטן נאָמען, דזשוליוס. זיינע גאָר נאָענטע חברים פלעגן אים רופן יודל. דאָס איז אַ מדרגה וואָס ניט יעדער איינער קען זוכה זיין ביים לעבן, ווען מען זאָל זיך דערפילן צו אים אַזוי פריינטלעך, אַז מען זאָל זיך פילן פריי אים אָנרופן ביים ערשטן נאָמען. ער אַליין האָט זיך געפילט גליקלעך ביי זיין לעבן ווען זיינע חברים און פריינט האָבן געפילט אַזאַ נאָענטקייט צו אים און אים גערופן ביי זיין ערשטן נאָמען, און טאָמער פלעגט עמעצער אים רופן מר. ווייסבערג, פלעגט ער אַ שמייכל טון און אַ זאָג טון: „דזשוליוס, איף יו פּליז"...

וועל איך דעריבער אין מיין איצטיקער אָפּשאַצונג וועגן אים, אים ניט אָנרופן ביי זיין לעצטן נאָמען נאָר ביי זיי ערשטן נאָמען, און ניט דזשוליוס, נאָר יודל, ווי איך פלעג אים רופן.

יודל איז געווען איינער פון די לעבעדיקסטע, איינער פון די ענערגישסטע מענטשן אין אונדזער באַוועגונג. אין זיין אָנוועזנהייט זיינען ניט געווען קיין פאַרכמורעטע פּנימער, אין זיין געזעלשאַפט האָבן זיך אַלע געפילט פריילעך, — שטענדיק פלעגט ער אַריינקומען מיט געזאַנג, מיט אַ טענצל, און טאָמער פלעגט עמיצער זיצן פאַרדאַגהעט אָדער פאַרטראַכט, פלעגט ער גוט־ברודעריש אונטערקומען און אַ קלאַפּ טאָן אויף דער

פלייצע און אַ זאָג טאָן: „די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען בלויז מיט געזאַנג און ניט מיט זאָרג, טאָ זאָרג ניט, ברודערל!״

* * *

ווײַסבערג, יודל (דזשוליוס) — געבוירן 28 אויגוסט, 1889, אין גראָדנע, רוסלאַנד. ניט־פאַרמעגלעכע באַלאַבאַטישע עלטערן. צו 14 יאָר אַרײַן אין קליינעם „בונד״. געאַרבעט אין אַ געשעפט. פון 1905 אין אַמעריקע. באַזעצט אין פּיטסבורג, פּענסילווייניע. פאַרשידענע מלאכות. אין סאָצ. פּאַרטיי, ייד. אַגיטאַציע־ביוראָ, ייד. סאָצ. פעדעראַציע, אָרגאַניזירט פעד.־בר. אין פאַרשידענע שטעט. פון 1921 אין ייד. סאָצ. פאַרבאַנד. פון 1936 אין סאָצ. דעמ. פעדעראַציע. פון 1907 פאַרבונדן מיטן „פאָרווערטס״ — רייזנדער אַגענט, פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס״ אָפּטיילונג אין פּיטסבורג, פּאַ., אין קליוולאַנד, אָהייאָ. טעטיק אין פאַרשידענע צווייגן פון ייד. און סאָצ. אַרבעטער־באַוו. אין בר. 45 און בר. 79 אַרבעטער רינג. 1931־33 צוויי טערמינען פאַרטראָטן פּענסילווייניע אין נאַצ. דירעקטאָרן־באָאַרד אַ.־ר., דעלעגאַט אויף פיל אַ.ר.־קאָנווענשאָנס, סעק. פּיטסבורגער דיסקריקט־קאָמ. אַ.ר. אין ייד. אַרב. קאָמ., אין ייד וועלפער־אָרג, „אָרט״. געשטאָרבן פּלוצלונג אין מיטן זײַן הספד־רעדע בײַ דער לווייה פון אַ.ר.־טוערין סימע חפץ אין קליוולאַנד 8 סעפּטעמבער 1948. פאַריתומט פרוי עוואַ און קינדער.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

י. פאָגעל

מאַקס גאַפּט — 1949

מאַקס גאַפּט קומט פון אַ פּייער שפּייענדיקן וואולקאַן. עפּעס אַ קליי־ניקייט, די פּעינטערס!

אָבער גאַפּט, האָט מיט זיין וויסן, מיט זיין ראַפינירטקייט, אַריינגע־בראַכט אַ סביבה פון פאַרפיינערונג אין די רייען פון די מוליערס.

גאַפּט, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין אומפאַרגעסלעך־פאַרשטאָר־בענער פרוי אַנאַ — אַמאָל געקיניגט אין האַרלעם, איז אַ העכסט גע־בילדעטער מענטש. ער איז אַ תלמודיסט, אַ לערנער, אַ שריפטשטעלער און גלאַט אַ וואוילער מענטש.

גאַפּט איז אַמאָל געשטאַנען אונטער דער אַנאַרכיסטישער השפעה, אָבער ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין דאָגמאַטיקער. ער קען מיט גרויס טאַקט אויסהערן יענעמס מיינונג, און ער האָט גענוג מוט צוצוגעבן, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. ער האָט אויך מוט אַרויסצוזאָגן אַ זעלבסט־שטענדיקע מיינונג, און אַלס בונדיסט, האָט ער געהאַט אַפילו קוראַזש צו ווערן אַ הייסער חסיד פון מדינת ישראל.

גאַפּט, וועלכער קען אָפּטמאָל אַריינפאַלן אין אַ הייליקן גרימצאָרן, האָט זיך אָבער אין די לעצטע פּאָר יאָר אויסגעלערנט ווי אַזוי צו צוימען זיין כעס, און ווען גאַפּט איז אינערלעך באַרואיקט און אינערלעך גע־צוימט — איז נישטאָ קיין צווייטער צו אים.

מיר דוכט, אַז גאַפּט וואָלט געקענט פאַר זיך שאַפן אַ פיינע קאַריערע אַלס שריפטשטעלער, און עס פאַרדריסט וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן פון זיין לעבן „געפּטרט" ביים ענין פון פּיינטעריי, וואָרים גאַפּט איז אין תוך גענומען אַ מענטש פון גייסט, פון תורה, און זיין אויפגאַבע וואָלט געדאַרפט זיין צו פּראָפּאַגאַנדירן די סאָציאַליסטישע לערע דורך וואָרט און שריפט.

אָבער גאַפּט האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון זיין אַ פירער ביי די פּעינטערס, און אַלס אַזעלכער, האָט ער פאַרשפּרייט אַ סך ליכט צווישן די בעל מלאכות. זיין לעבן איז אָבער גענוג פאַרשיידנאַרטיק און פאַרצווייגט, אַז ער האָט געפונען גענוג צייט צו פאַרשפּרייטן ליכט אין אַרבעטער־רינג,

וואו ער איז קאַסירער, און אין דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, וואו ער איז נאַציאָנאַלער טשערמאַן. ער האָט אַפילו געפונען צייט צו זיין אַקטיוו אין דעם באָנד־דרייוו פאַר ישראל.

* * *

ג אַ פ ט, מ ר ד כ י (מאַקס) — געבוירן 28 אָקטאָבער 1884 אין שומיאַטשי, מאָהילעווער גוב., רוסלאַנד. די עלטערן שמעון און סימע, געהאַט אַן אייזן־קראָם. געלערנט אין חדר, לעבעדאָווער ישיבה, ניו־יאָרקער אָוונט־סקול. אין אַמעריקע פון 1906. חתונה געהאַט מיט חנה רחל (אַנאַ) ווילענסקי (געשטאָרבן 11 אָקטאָבער 1954). פון פאַך אַ פיינטער. איצט יוניאָן־באַאַמטער. געווען אָרגאַניזירער, ביזנעס־אַגענט, סעקרעטאַר און מענעדזשער פון לאָקאַל 162 פיינטערס־יוניאָן. פאַרבונדן מיט דער יוניאָן פון 1910, וואו אָנגעפירט אַ סך שטרייקן און קאַמפן. אין אַ־ר. פון 1918. מיטגליד פון האָמלער סאָצ. ברענטש 352. פון 1941 פיר טערמינען אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט. 50—1941 וויצע־פרעזידענט פון אַ־ר., 56—1954 קאַסירער. פריער געהערט צו סאָצ. פאַרטיי. איצט אין ייד. סאָצ. פאַרבאַנד און בני־ברית. פון סוף 1922 אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט פון יידישן סאָצ. פאַרבאַנד אין די לעצטע יאָרן זיין פאָרזיצער, שרייבער וועגן אַרבעטער־פראַגן אין וועקער. מיטגליד פון „פאָרווערטס־אַסס׳ן. (געשטאָרבן 16 אויגוסט 1962).

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)



יודל באַרנשטיין — 1950

ווען מיר בלעטערן די געשיכטע פון אַרבעטער־רינג, פילן מיר נישט נאָר באַגייסטערונג, נאָר אויך גרויס אַכטונג פאַר די ביישטייערונגען, וואָס די פאָלקס־אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט אויף אַלע געביטן פון אונדזער לעבן.

עס איז קיין ספק ניט אַז אויף די געביטן פון בויען דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע קולטורעלעבן, האָבן מיר זייער פיל צוגעטראָגן אין משך פון נאָענט 65 יאָר.

עס זיינען אָבער געווען צייטן פון גרויסע שטורמען אויף דער וועלט און דאָס לעבן האָט געהאַט שאַרפע זיג־זאַגן. טאַקע אין די דאָזיקע צייטן האָט זיך געפאָדערט גרויס וויזיע און גייסטיגע גבורה צו קענען אָנהאַלטן דעם באַלאַנס פון אונזער אַרבעטער רינג. אין יענע צייטן האָבן זיך באַוויזן וויזיאָנערן, וועלכע האָבן באמת באַוויזן גרויס גבורה, כדי אָפּצוהיטן אונזער אָרגאַניזאַציע פון די שוואַרצע כוחות, וואָס זיינען געווען גרייט צו צעשטערן דעם וואונדערבאַרן בנין, וואָס איז געבויט געוואָרן מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה.

צום פופציג יאָריקן יובל פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" באַגריס איך די וויזיאָנערן און שומרים פון אונזער באַליבטן אַרבעטער־רינג און ווינש אַלעמען נאָך פיל יאָרן פון קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט אויף אַלע געביטן, וואָס די קאָלירפולע פראָגראַם פון אַרבעטער־רינג שטעלט מיט זיך פאָר.

* * *

באַרנשטיין, יודל (יוליוס) — געבוירן 25טן סעפּטעמבער, 1889, אין ראַכאָוו, לובלינער גוב., רוסיש־פּוילן. זון פון נחמיה און שיינדל. עלטערן געהאַט אַן אַכסניה און אַריינפאָר־הויז. געלערנט אין חדר און בית־מדרש, ביי פּריוואַטע לערער וועלטלעכע לימודים און אין אַמעריקע אַ צוגרייטונג־שול. אין אַמעריקע פון 1910. חתונה געהאַט מיט שרה זאַלצמאַן. געווען באַשעפטיקט אין דער קלאָוק־אינדוסטריע און געווען טעטיק אין אינטערנעשאָנעל ל. ג. וו. יוניאָן. איצט אייגנטימער און פאַר־וואַלטער פון ריעל עסטייט. אין אַ.ר. פון 1916. מיטגליד פון בר. 581. אין דער נאַצ. עקז. קאָמיטע פון אַ.־ר. 1941־43, 1946־50, 1952־56, 1958־62 (אין בילדונג קאָמיטעט אַלס פאָרזיצער). געווען טעטיק אין שלום־עליכם־אינסטיטוט, ציקאַאָ היינט אַקטיוו אין ייד. וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ייד. ענציקלאָפּעדיע, ייד. קולטור־קאָנגרעס, ייד. אַרבעטער קאָמיטעט (אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

דזשאָזעף ברעסלאַוו — 1951

דערינערונגען צום 40־יאָריקן יובל

טייערער טשיף, יעפים ישורין:

אייער פאַרלאַנג צו מיר, אַלס געוועזענער פּרעזידענט, זיך צו באַ־טייליקן אין דעם זשורנאַל צום הייאָריקן יובל פון אונדזער קלוב, איז אַוודאי זייער גוט געמיינט. אָבער שרייבעריי איז דאָך גאָר ניט אַזאַ פּשוטע מלאכה. ווייל ערשטנס, דאַרף מען קענען שרייבן; צווייטנס, דאַרף מען וויסן וואָס צו שרייבן — און דאָס דריטע, דאַרף מען האָבן וועגן וואָס צו שרייבן... צו שרייבן וועגן מיינע איבערלעבונגען אַ יאָר צייט אַלס פּרע־זידענט פון קלוב, קענען מיר בלויז דאַן, ווען מיר וועלן זיך ניט שעמען אויסצוזאָגן, ווי אַזוי אַ פּרעזידענט קען זיין אַ גאַנץ יאָר אין „אַמט" אָן וועלכע עס איז פליכטן און אָן וועלכער עס איז אַקטיוויטעט, ווי ניט קו־מען אַפילו צו קיין שום מיטינגען, אָפּגערעדט שוין — צו האַלטן, ווי אַ פּרעזידענט, וועלכע עס איז רעדע פאַר דעם קלוב. אמת, אונדזער שווערס־טע אַרבעט אין געווען, דער שווערער עול — צו טראָגן אומזיסט און אומ־נישט דעם טיטל פון אַ „פּרעזידענט".

און צוריקגערעדט, אפשר איז עס געווען גאָר אַ גלייכע זאַך, וואָס אַ פּרעזידענט האָט זיך ניט געמישט אין קיין שום געשעפטן, ווייל, אויב איינער איז אַקטיוו — שאַפט ער זיך זיין אייגענע מיינונג; שאַפט ער זיך זיין אייגענעם דרך מיט זיינע אייגענע קאַפּריזן, — ער אַרבעט זיך אויס זיין אייגענע ליניע אין דעם קלוב... און אַזוי ווי אונדזער קלוב האָט שוין אַן איינגעשטעלטע ליניע, קען דאָך, חלילה, פּאַסירן, אַז איין „ליניע" זאָל זיך פאַרטשעפּן מיט אַ צווייטנס „ליניע"! אַזאַ פּאַסירונג קען פירן צו טראָבל וואו עס קענען זיך שאַפן צדדים מיט פאַרשיידענע מיי־נונגס־פאַרשיידנקייטן! פרעג איך אייך, צו וואָס דאַרף מען עס? — אַז עס איז, ברוך השם, דאָ אַ „ליניע" פון דעם טשיף, וועלכע האָט זיך אַרויס־געוויזן צו זיין גוט און אַלע נעמען עס אָן פאַר גוט! דער פאַקט, וואָס דער טשיף גיט שוין אַכטונג, אַז מען זאָל דערוויילן אַזעלכע „פּרעזידענטן", וועלכע זיינען פאַרשטענדיק גענוג צו וויסן, אַז מען וועט זיי ניט צווינגען צו די אַקטיוויטעטן פאַרן קלוב, איז גענוג אַ באַווייז — אַז דער טשיף ווייס

וואָס ער טוט ... ווייל, זאָגנדיק דעם אמת, זיינען מיר הונדערט פּראָצענט איינשטימיק מיט דעם טשיף און זיין ליניע — און מיר קלויבן זיך טאַקע צו פאַרלאַנגען אַ „פּרייז" פאַר דורכפירן הונדערט פּראָצענט די ליניע ווען מיר זיינען געווען אין אַמט. מיר גלויבן, אַז עס וועט זיין גענוג אָנ־צואווייזן אויף דעם עקזיסטירנדיקן פאַקט, וואָס מיר פייערן איצט דעם 50 יאָריקן יובילעאום פון קלוב — איז אַ סימן, אַז אַלץ איז אָלרייט.

לאָמיר בעסער קאָנצענטרירן אונדזער ענערגיע און זען, אַז מיר זאָלן נאָך דערלעבן צו פייערן די וויטערע 50 יאָר — וועט אויך זיין — אָלרייט. דערווייל, אַלס געוועזענער פּרעזידענט וועלן מיר דאַרפן ווערן אַביסעלע „רעליגיעז", גיין אין שול, זאָגן תהילים — און בעטן דעם רבונו של עולם פאַר אייך, אונדזער טשיף, איר זאָלט זיין געזונט, ווייל אַזוי לאַנג ווי איר, מיין ליבער און חשובער טשיף, זייט ביי די כוחות — וועט אַלץ זיין אָל־רייט... אונדזער טשיף דאָס בעסטע, דאָס פּאַסיקסטע און דאָס מעג־לעכסטע פאַר אונדז און פאַר אונדזער קלוב.

טאָ זייט מיר טאַקע געזונט, און לאָמיר ניט פאַרפעלן צו דערלעבן צוזאַמען צו פייערן די וויטערדיקע יובלען פון קלוב.

* * *

ב ר ע ס ל אַ ו ו (בראַצלאַווסקי), י ו ס ף — געבוירן 18 אַפּריל 1887 אין מיאַס־קיפּקע, פּאָדאָליער גוב., דרום־רוסלאַנד. זון פון ישראל און מעני. פאָטער אַ וואַלד־סוחר. געלערנט אין חדר, גימנאַזיע, זעלבסט־בילדונג. אין אַמעריקע פון 1907. חתונה געהאַט מיט ראָזאַ זאַסלאַווסקי. אין אַרבעטער־רינג פון 1908. אין בר. 225, 294 און 535. פאַרשיידענע מלאכות. ביי קנעפּלעך, אייזן, באַן, פּאַקער אין שעכט־הויז, פּרעסער. מענעדזשער פון פּרעסערס־לאָקאַל 35 א.ל.ג.וו.י. געווען פאָרזיצער, סעקרעטאַר, ביזנעס־אַגענט פון לאָקאַל. וויצע־פּרעזידענט פון א.ל.ג.וו.י. אין אָרג. פאַר הסתדרות, יידישער אַרבעטער קאָמיטעט, אָרט, ייוואָ און אַנד. באַטייליקט אין פאַרשיידענע אַקציעס פון ייד. געז. לעבן און טרייד־יוניאָן־באַוו. געשטאָרבן 3 יולי 1957.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

אַלעקס לאַסאָוו — 1952

(ניו בעדפאָרד, מאַסס.)

דער קלוב איז דער וואַרעמסטער פּלאַץ פאַר אַקטיווע טוער פון אַרבעטער רינג.

די מיטגלידער פון „סאָציאַלן נאַציאָנאַלן קלוב" זיינען געקליבענע, אויסגעפּרואווטע, דאָס בעסטע וואָס מען קאָן קריגן פון אַ מיטגלידער־שאַפט וואָס טיילט זיך קיין עין הרע פון 60 טויזנט. דער צוזאַמענשטעל פון אונזער קלוב איז ניט לויטן פאַרמעגן אָדער יחוס פון מיטגליד נאָר לויט דעם אידעאַליזם און איבערגעגעבענע אַרבעט פאַר אונדזער אַרבעטער־רינג און פאַר דער באַוועגונג, מיט וועלכע דער קלוב־מיטגליד איז פאַרבונדן.

אַ גאַנץ לאַנגע צייט האָט מיר גענומען איידער איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו ווערן אַ מיטגליד אין „קלוב". און נאָך אַ לענגערע צייט האָט גענומען איידער איך האָב געקראָגן דעם גרויסן כבוד פון ווערן פּרעזידענט פון יאָר 1952.

לויט מיין חשבון האָב איך ניט פאַרפעלט אָנוועזנד צו זיין ביי די נאַציאָנאַלע קאָנווענשענס וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין אַ מיטגליד. דאָס איז צוליב דער וואַרעמקייט, וועלכע מען קריגט אַלע מאָל ווען מען טרעפט זיך מיט די קאָלעגן פון גאַנצן לאַנד. היינט מער ווי אַלע מאָל, ווען אונזערע אַקטיווע מיטגלידערשאַפט פון אונזערע ברענטשעס ספּעציעל און די קלענערע שטעט, ווערט וויניקער און קלענער, מוז מען האָבן אָט די וואַרעמקייט, דעם ענטוזיאַזם וועלכן מען קריגט פון די צוזאַמענקונפטן און קאָנווענשאַנס.

פאַר מיר זיינען די קאָנווענשאַנס אמת'ע יום־טובים און אַ דער־פרישונג פון טרעפן זיך מיט גוטע פריינט און אויפריכטיקע קאָלעגן.

איצט, צו דעם 50 יאָריקען יובילייי פון אונזער „קלוב", איז פאַר מיר פּערזענלעך, אַלס געוועזענער פּרעזידענט, אַ פאַרגעניגן צו באַגריסן

אונזערע מיטגלידער, אונזערע באַאַמטע און ספּעציעל מיין ליבן פריינט און דעם „טשיעף", וועלכער פירט אָן מיט דער אַרבעט פון קלוב — יעפּיס ישורין. אַ סך געזונטע און גוטע יאָרן, כדי מיט דערפאָלג צו פירן די אַרבעט אין דעם 2טען האַלבן יאָר־הונדערט.

* * *

לאַסאָוו, אַלעקס (לאַסקאָווסקי, אליהו) — געבוירן 10 דעצעמבער 1891 אין דער פאַוולאָוו־קאָלאָניע פון יידישע ערד־אַרבעטער ביי ראָזשינאָי, גראָדנער גאָב., רוסלאַנד. זון פון לייזער און העניע. דער פאָטער — אַ טשעסלער, אַן ערד־אַרבעטער און אַ בעל־תורה. געלערנט אין חדר און ישיבה. צו 12 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן ביי שניידעריי. געוואָרן אַ מיטגליד פון קליינעם בונד. געווען טעטיק אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. געקומען קיין אַמעריקע 23 דעצעמבער 1907. חתונה געהאַט מיט עטע מינקין. מיטגליד פון אַ.־ר. זינט 1910 און געהערט צום ברענטש 723. אין די יאָרן 1929־31 פאַרטראָטן שטאַט מאַסאַטשוזעטס אין נאַצ. דירעקטאָרן־באָארד. פּרעזידענט פון באָסטאָנער אַ.־ר.־קעמפּ 6 יאָר. סעק. פון דיסטריקט־קאָמ. אַ.־ר. אין בראָקטאָן, מאַס. 30 יאָר איז ער סעק. פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין ניו־בעדפאָרד, מאַס. אויך טעטיק אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און אַנדערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. אין 1928 געהאָלפן פירן דעם גרויסן טעקסטיל־שטרייק אין ניו־בעדפאָרד. געאַרבעט אַלס מענער־שניידער. איצט האַנדלט ער מיט אַלט אייזן און מעטאַל.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. ל. פּאָלין — 1953

פאַרזאַמלונגען אין מיין זכרון

די ערשטע פאַרזאַמלונג פון די שכנים אין גלחס הויף אין דער צייט פון קישענאָווער פּאָגראָם, פסח 1903, ווען איך בין נאָך קיין 13 יאָר ניט אַלט געווען. דער הויף איז געבויט אויף דעם פּלאַץ פון אַ פעסטונג, אַלע 4 זייטן וואוינונגען, אַרום 30 יידישע אײַנוואוינער. נאָך דער ערשטער נאַכט פון פּאָגראָם האָבן די מענער, פון פריער יוגנט ביז טיפער עלטער באַשלאָסן, אַז אַלע פרויען און קינדער זאָלן פאַרזאַמלט ווערן אין דעם ווייטסטן טייל פון הויף און מיר די „העלדן" זאָלן זיך גרייטן צום קאַמף מיט די פּאָגראָמ־שטיקעס.

דער ערשטער אַקט איז געווען פאַרבאַריקאַדירן דעם אייזערנעם טויער; דער איינציקער אַריינגאַנג אין הויף פון דער גאַס; אויך די פענצטער און דאַן רעקוויזירן אַלע „סאַמאָוואַרן" און זיי קאָכן מיט הייסע וואַסער אויף דעם דאַך פון דער געביידע. מיר האָבן אויך אויסגעריסן די קיזל־שטיינער מיט וועלכע דער הויף איז געווען ברוקירט און זיי צוגעגרייט אויף דעם דאַך מיט וועלכע צו באַגעגענען די פּאָגראָמשטיקעס. דעם שטאַרקסטן איינ־דרוק האָט אויף מיר געמאַכט אַ 70 יעריגער אַלטער, מיט אַ ברייטער גרויער באָרד, וועלכע האָט זיך באַוואָפנט מיט אַ האַק און פאַרנומען זיין פּאָסטן נעבן דעם פאַרבאַריקאַדירטן טויער, צו זיין גרייט אויב ווער פון די אָנפאַלער וועט זיך דאָך דורכרייסן.

* * *

פאַר אויסצייכנונג און זעלבסטשוץ אין פסח 1904 און פאַר ראַטעווען אונדזער פאָן ביי דער ערשטער דעמאָנסטראַציע אין קישענאָוו, דורכגעפירט פון „בונד", סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי און סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָ־נערן האָט יאַנקל דער בערדיטשעווער, מיין „סכאָדאָטשניק" מיר אָנגעזאָגט די גוטע נייעס אַז איך וועט דערהויבן צו אַ פול באַרעכטיגטן מיטגליד פון „בונד" ניט געקוקט אויף מיין צו קליינעם עלטער. סוף 1904 האָט מען שוין מיר צוגעטיילט דעם גרויסן צוטרוי צו קומען צו דער פייערונג פון באַגעגענען דאָס נייע יאָר 1905. פאַרשטייט זיך אויף אַן אומלעגאַלער פאַר־זאַמלונג אין אַ הויז וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ האַלץ „סקלאַד"

(„לומבער יאַרד״) און פאַרנומען פיר פולע בלאָקס וועלכע האָבן געקענט געניי בעאָבאַכטעט ווערן פון אונדזערע „פּאַטרולן״.

דער גרויסער פּלאַץ איז געווען שטאַק פינצטער; ס׳איז געווען אומעגלעך צו זען דעם נאָענסטן חבר נעבן זיך, נאַטירלעך האָט געהערשט דאָס שטענ־דיקע שטילקייט, ווען פּלוצלונג האָט אַ זייער אַנגעגעם ליבלעכע פרויען שטימע באַצויבערט אַלע אין „זאַל״: —

„חברים: אונדזערע „פּאַטרולן״ האָבן אַלע דערפירט צו דער פייערונג מיט זיכערקייט, מיר מוזן זיין אין דער פינצטער כדי ניט צו דערוועקן קיין פאַרדאַכט פון דער פּאָליציי און אויך אַז קיינער זאָל ניט פאַרדעכטיגט ווערן אין פאַל פון אַן אומדערוואַרטעטן איבערפאַל״.

זי האָט דאַן געבעטן אַלע זיך שטעלן מיט דעם פּנים צום מזרח, פאַר אַ סעקונדע האָט אַ בליץ געגעבן דער שיין פון אַ שוועבעלע און אַלע האָבן דערזען די רויטע פאָן פון „בונד״... אָבער אַ שטילקייט פון אַ רעדנער האָט באַגייסטערט די יונגע צוהערער.

* * *

1912 אין פילאַדעלפיע; אַ יודישען וויקטאָר דעבס מיטינג פון איבער צוואַנציק טויזנט מענטשן וועלכע האָבן געצאָלט 15 סענט פאַר אַן אַריינ־גאַנגס־בילעט. די שטאָט האָט אַזאַ גרויסן זאַל ניט געהאַט צו יענער צייט. אָבער, צום גליק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט זיך דאַן געשלאָסן אַ קאָנווענשאָן פון די דייטשע געזאַנג־פּאַראיינען פון גאַנצן לאַנד און זיי האָבן געהאַט אויפגעבויט אַ ספּעציעלן פּלאַץ פון ברעטער און קענוועס אויף קאָרנער בראַד סטריט און מעלעגהעניע עווענינו, וועלכן זיי האָבן געגעבן פאַר דעם מיטינג.

* * *

1913. אַ מיטינג אין אַרטש סטריט־טעאַטער צו רופן דעם קלאוקמאַכער גענעראַל סטרייק און דאַן די פאַרזאַמלונג פון דער פּיקעט־קאָמיטע אין די העדקוואָרטערס פון דער יוניאָן ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט כדי צו קענען זיין 6 אינדערפרי ביי די שעפּער צום צוטיילן דעם רויטן סטרייק־רוף.

צו קענען איבערגעבן די טיפע געפילן פון באַגייסטערונג פון די פאַרזאַמלונגען, נויטיקט זיך פּאָעטישע פעיקייטן און מער פּלאַץ, דערפאַר וועל איך איבערגיין צו נאָך אַ פאַרזאַמלונג און שליסן.

* * *

אין יאָר 1914 בין איך אַריינגענומען געוואָרן אין אונדזער קלוב און צו 24 יאָר, געוואָרן אַ „זקן״ (איך געדענק ניט ווען מיר האָבן אָנגענומען דעם מאָדערנעם נאָמען „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״). מיר איז געווען באַקאַנט דער פּלאַן וועלכן עס האָט פאַרטראַכט דער ערשטער סעקרעטאָר פון „זקן״ דער פאַרשטאָרבענער וויליאַם באַקסט פון באָסטאָן, מיר איז געפעלן

געוואָרן דער הויפּט־צוועק פון דער נייער אָרגאַניזאַציע: „חברשאַפט״. די ערשטע יאָרן איז דאָס וואָרט ניט געווען אין גענצן־פּיסלעך, נאָר באמת און אויפריכטיק. איינער פאַר דעם אַנדערן איז געווען גרייט צו גיין אין פייער (ווער רעדט שוין וועגן אונטערשטעלן פּיסלעך...)

אויב איך מאַך ניט קיין טעות האָט טאַקע דער ערשטער נומער פון אונדזער אָרגאַן געהייסן „זקן״ און ער איז דערשינען צום 1טן יובילעי, איז אויף דער ערשטער זייט געווען אויף דעם קאָפּ דער גרויסער אויפשריפט „גאַראַנטירטע צירקולאַציע 88״ דאָס האָט געמיינט די צאָל מיטגלידער אין קלוב.

דאָס וואָרט „זקן״ איז געוואָרן אַ גרויסע מיסטעריע, אַלע האָבן געוואָלט וויסן, פאַר וואָס מיר רופן זיך „זקנים״, ווען אין דער אמתן זענען מיר נאָך אַלע געווען פאַרהעלטניסמעסיק גאָר יונג לויט די קאַלענדאַר יאָרן. אָבער דער ענטפער איז געווען אַ קורצער און אויפריכטיקער; אום צו קענען אַריינגענומען ווערן אין קלוב האָט מען געמוזט זיין אַלט אין דינסט פון דער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג און געוויס איבערגעגעבענע טוער אין אַרבעטער־רינג און אַלע אַנדערע טיילן פון אונדזער באַוועגונג.

קיינער האָט נישט געקענט און ניט געטאָרט דערוואַרטן קיין קאַריערע דורך ווערן אַ מיטגליד, און דאָס איז געווען אויסצומיידן פּערזענלעכע רייסערייען וואָס זאָלן שטערן דער אמתער חברשאַפט.

געוויס האָבן זיך געביטן די אומשטענדן אין אַרבעטער־רינג און אויך אין די אַנדערע צווייגן פון אונדזער באַוועגונג. די מיטגלידער פון קלוב אַלס יחידים און דעם קלוב ווי אַ גאַנצער, איז אויסגעקומען זיך אַקטיוו צו באַטייליקן אין גרויסע קאַמפן, ווי „יונג״ און „אַלט״ און קעגן די לינקע אַריינדרינגער. וועגן דעם וועלן געוויס שרייבן אַנדערע.

* * *

איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון קלוב וועלכן איך האָב בייגעוואוינט. די וואונדערבאַרע אַטמאָספערע און גרויסע יום טובדיקייט וואָס האָט באַהערשט אַלע אָנוועזענדע. דאָס איז געווען ביי דער געלעגנהייט פון דער אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן אין באָסטאָן.

ס׳איז גאַנץ מעגלעך אַז איך האָב געמאַכט אייניקע טעותן וועגן צייט און פּלאַץ פון דער לעצטער פאַרזאַמלונג, אָבער איך בין זיכער אַז ס׳איז ניט קיין טעות צו פאַרגלייכן די דאָזיקע פאַרזאַמלונג מיט די פריערדער־מאָנטע וועלכע זענען געבליבן אין מיין זכרון.

צום 50סטן יובל ווינטש איך אַז די „אַלט־יונגע״ וועלכע קומען אַריין די לעצטע יאָרן אין אונדזער מאַסן־אָרגאַניזאַציע זיי זאָלן אָנהאַלטן דעם גייסט און איבערגעגעבנקייט פון יענער צייט ווען מיר „יונג־אַלטע״ האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין „זקן״ מיט דעם הויפּט לאָזונג חברשאַפט!

JOSEPH TUVIM — 1954

No history of the Labor Movement of our Country, can truly be written, if it does not take into account the extraordinary contributions made by the Jewish worker since the middle of the Eighteenth Century.

When one combs the history of the Jewish Labor Movement, he finds many facets of activity which indicate a showing of the perseverance of the Jewish immigrant to build a Socialist Labor Movement that would perpetuate the idealism and phylosophy of a free people; develop an institution of labor that would imbue persons with sympathy, understanding and convictions for the new freedom, both economic and political.

The United Hebrew Trades born during October, 1898, represented the new Jewish immigrant, both economically and politically.

The Workmen's Circle, though conceived by some cloakmakers in 1892, finally came into being as an organization to furnish these workers mutual aid and fraternalism during September, 1900. Within one year, it had enrolled nearly 900 members and by 1915, 50 thousand.

It is therefore, understandable that many joined who believed in Democratic Socialism but on the other hand, the ranks included many with different convictions. Among the membership, there were various groups — Anarchists, De Leonites, Socialists. Zionists, Bundists and even Industrial Trade Unionists.

Through perversion of truth and distortion, some of these groups tried to brainwash the average member, embracing the medium of rumors and fear.

It was, because of these threats that a group of devoted and faithful men decided to combat these elements and preserve and hold out against all odds, the Workmen's Circle.

Thus, the National Social Club was organized. Fifty years is but a short space of time in the history of the human race, but not so with the Club. It is a very important sphere in the life of an individual and organization.

Over three decades ago, the Labor Movement was beset with a group that appropiated terminology and methods of totalitarianism for the purpose of capturing the Workmen's Circle. They attempted to instill a sense of frustration in many branches of the W. C. They showed a perseverance to make our educational apparatus function inefficiently and declared internal warfare in every section of our activities.

I along with others, joined Branch 4, a very important organ of our organization. Some of the militants in the Socialist Party were not adverse in giving aid to them. However, their attempts to appropriate and destroy the spiritual organization that did so much to succor the sick, give aid to the needy and help the organized Labor Movement when it was mercilessly attacked, were met with vigor and determination.

Subsequently, I joined the National Social Club. There, I found a group of human beings devoted and loyal, faithful men and women with whom I had a common interest, ready to courageously throw back these invaders, and they did.

With a deep sense of gratitude of belonging, I must greet our Chief Ephim Jeshurin whose sterling qualities, leadership and personality, have contributed to the development of the Workmen's Circle and the National Social Club.

His comradeship has always brought stimulation and delight to me.

On this, the 50th Anniversary of our Club, I greet my fellow comrades and wish them happiness and good health.

מ. רובינשטיין — 1955

דער קאַמף פאַרן אַרבעטער־רינג אין מאָנטרעאַל

דער קלוב אין מאָנטרעאָל עקזיסטירט אַן ערך 11 יאָר. די פּראָבלעמען און קאַמפן וואָס האָבן אַזוי שטאַרק באַדראָט דעם אַרבעטער־רינג פאַר אַ סך יאָרן, ווי: אַלט־יונג, לינקס־רעכטס און, אין אַ קלענערער מאָס, אַלט־און ניי־איינגעזעסענע האָבן אויך מאָנטרעאָל נישט אויסגעמיטן. פאַרקערט, זיי האָבן דאָ נאָך פיל מער געשטעלט אין געפאַר זיין עצם־עקזיסטענץ. די וואַקכאַנאַליע פון די קאָמוניסטן צו צעברעכן דעם אַרבעטער־רינג און אויף זיינע רואינעס צו בויען זייער אָרדן האָט אויך אין מאָנטרעאָל שטאַרק באַדראָט אונדזער אַלעמענס טייערע אָרגאַניזאַציע.

עס האָט נאָך דאַן נישט עקזיסטירט קיין קלוב אָבער דער גייסט און די צילן פון קלוב האָט באַהערשט פיל פון די פריינד, וועלכע האָבן עקשנותדיק געקעמפט צו פאַרטיידיקן די אידעאַלן פון אַרבעטער־רינג און איינצוהאַלטן זיין קיום. פיל פון די דאָזיקע קעמפער זענען, מיט יאָרן שפּעטער, געוואָרן די גרינדער פון קלוב. דער אַרבעטער־רינג איז פון אָט די קאַמפן אַרויס געשטאַרקט און געלייטערט און אַלץ מער גענומען שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון מאָנטרעאָל.

אין די 20ער יאָרן האָט דער אַרבעטער־רינג דאָ דערגרייכט אַ זייער הויכן שטאַפּל פון אנטוויקלונג. די מיטגלידערשאַפט האָט דערגרייכט די צאָל פון איבער טויזנט. די שולן זענען געווען באַזוכט פון אַ סך קינדער און דער אַרבעטער־רינג האָט זיך שטאַרק אָנגעזען אין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון דער שטאָט. נאָך די קאַמפן אויף לעבן און טויט איז דער אַרבעטער־רינג אין 1930 געבליבן בלויז ביי אַ 170 מיטגלידער. אָבער די וואָס זענען געבליבן האָבן נישט פאַרלוירן דעם מוט. פאַרקערט, די קאַמפן האָבן זיי געשטאַרקט און געמוטיקט צו אַ פאַרגרעסערטער אַקטיוויטעט. עס איז ווירקלעך געווען צו באַוואונדערן זייער גלויבן און עקשנות און זייער אָפּט זייער גרייטקייט אויף פּערזענלעכע קרבנות,

ספעציעל אין די יוניאָנס, וועלכע די קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן צו באַהערשן.

דער שרייבער פון די שורות איז אין יענער צייט געוואָרן אַ מיטגליד אין אַרבעטער־רינג. די דעמאָלסדיקע טוער האָבן פאַרשטאַנען, אַז כדי ווייטער צו עקזיסטירן און זיך אַנטוויקלען מוז מען פירן אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט און אויך אַן אויפקלערונגס־אַרבעט אויף דעם פּאָליטישן געביט און צוציען און פאַראינטערעסירן די יוגנט און אינטעלעקטואַלן אין דער אַקטיוויטעט פון אַרבעטער־רינג. אונטער דער אָנפירונג פון אַ גרופּע טוער ווי אויך אַ דאַנק דער פּרויען־אָרגאַניזאַציע איז אַנטוויקלט געוואָרן אַ זייער פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט, עטלעכע קלובן פאַר יינגע וואָס האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט אויסצושולן אַ געוויסע צאָל צוקונפטיקע מיטגלידער און טוער פון אַרבעטער־רינג ווי בכלל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די וועכנטלעכע יידישע און ענגלישע פאָרומס זענען געוואָרן דער צענטער פון געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע דיסקוסיעס אין מאָנט־רעאָל. זיי האָבן צוגעצויגן אַ גרעסערע צאָל באַזוכער, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צום אַרבעטער־רינג. זייער אָפט זענען אונדזערע קעגנער געקומען אַראָפּרייסן די אונטערנעמונגען אַרויסרופנדיק הייסע דיסקוסיעס און אַפּילו געשלעגן. אָבער דאָס האָט געווירקט פּונקט פאַרקערט, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל נאָך מער אויפלעבן.

עס איז געקומען אַ מאָמענט ווען די אויסגעברייטערטע אַקטיוויטעט איז געוואָרן אוממעגלעך צו פירן אין דעם ענגן, אַלטן, צעבראָכענעם לאָקאַל, אין וועלכן דער פאַראָרעמטער אַרבעטער־רינג איז געווען געצוואונ־גען צו וואוינען. דאַן האָט מען געזען וואָס דער כוח און ווילן צו וואַקסן קאָן באַווייזן. נישט געקוקט אויף די אומגעהויערע שוועריקייטן — אַריינ־גערעכנט דעם שטאַרקן עקאָנאָמישן קריזיס — האָבן די טוער פון אַרבעטער־רינג זיך אונטערגענומען צו בויען אַן אייגענעם רחבותדיקן צענטער. און עס זענען געשען וואונדער איבער וואונדער! די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע איז דערגרייכט געוואָרן! די מיטגלידער האָבן געמאַכט פּערזענלעכע הלוואות (דאָס רוב האָבן נישט געהאַט קיין געלט) און מיט פרייד אַריינגעטראָגן זייערע באַשטייערונגען פאַרן אויפבוי פון צענטער. דער צענטער איז פאַרענדיקט געוואָרן אָנפאַנג יאָר 1936 און איז גלייך געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם ווייטערדיקן וואוקס פון אַרבעטער־רינג און אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל. די לעבנס־קראַפט פון אַרבעטער־רינג אין יענער צייט איז אויך געקומען בולט צום אויס־דרוק אין דעם וואָס מיט דער הילף פון זיינע מיטגלידער און טוער איז דאַן געשאַפן געוואָרן דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט אין קאַנאַדע.

דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט איז שנעל אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן כוח און פיל בייגעטראָגן צום דערפאָלג און פרעסטיזש פון אַרבעטער רינג.

אין די יאָרן צווישן 1936—1939 זענען געגרינדעט געוואָרן פיר נייע ברענטשעס. פון דער פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע איז דער אַרבעטער־רינג אין אָנגריף. אַ סך פריערדיקע מיטגלידער און טוער, וועלכע זענען בעת דעם שטורעם פאַרפירט געוואָרן דורך די סטאַליניסטישע ליגנס און העסלעכער דעמאַגאָגיע האָבן, אַ דאַנק אונדזער עקשנותדיקער אויפ־קלערונג, צוריקגעפונען דעם וועג צום אַרבעטער רינג. אַ גרויסן רושם האָט דאַן געמאַכט אַ ריזן־מיטינג, וואָס איז אַדרעסירט געוואָרן דורך לואי היימאַן און מלך עפשטיין, גלייך נאָך דעם סטאַלין־היטלער־פּאַקט. די יידישע קאָמוניסטן האָבן דאַן באַקומען אַ זייער שווערן קלאַפּ.

אין די מלחמה־יאָרן זענען, פאַרשטייט זיך, אונדזערע אַקטיוויטעטן געוואָרן געווענדעט מערער אויף אַנדערע געביטן ווי צ. ב. הילף מעבר לים. הילף פאַר פּליטים און דאָס אונטערשטיצן דעם קאַמף קעגן היטלערן. נאָך דער מלחמה אַנטוויקלט זיך אַ נייע פאַזע אין דער טעטיקייט פון אַרבעטער־רינג אין מאָנטרעאָל. אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט און פון די יוניאָנס איז אין די יאָרן 1947־1948־1949 געלונגען אַהערצוברענגען טויזנטער יידישע אַרבעטער פון די לאַגערן. אַ סך איז געטאָן געוואָרן מצד דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט צוזאַמען מיט דעם אַרבעטער־רינג מקרב צו זיין די ניי־געקומענע און צו העלפן זיך איינצוגלידערן אין היגן יידישן לעבן.

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אימיגראַציע זענען די רייען פון אַרבעטער רינג נאָך מער געוואַקסן און מיר האַלטן היינט ביי אַ מיטגלי־דערשאַפט פון אַרום 900. די פאַרגרעסערטע מיטגלידערשאַפט האָט נישט בלויז באַרייכערט דעם אַרבעטער־רינג אין צאָל נאָר אויך פיל פאַר־שטאַרקט זיין קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט און פאַר־גרעסערט זיין אָנזען אין שטאָט.

ווער זענען עס געווען די קעמפער אין די גרויסע שטרייטן פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן צו באַשיצן דעם אַרבעטער־רינג? ווער זענען עס געווען די וואָס האָבן שפּעטער צוריק־אויפגעבויט, פאַרשטאַרקט און געגעבן נייעם כוח דעם אַרבעטער־רינג אין מאָנטרעאָל? בלעטערט דורך די ליסטע פון די מיטגלידער פון מאָנטרעאָלער קלוב און איר וועט דאָרט געפינען די פירנדע פריינד פון זיין אָרגאַניזאַציע־לעבן, פון זיין שול־און קולטור־וועזן, פון דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט — מיט איין

וואָרט פון גאַנצן יידישן אַרבעטער־לעבן אין מאָנטרעאָל. דאָס איז אונדזער באַשיידענער בייטראָג צו דעם פופציק יאָריקן יובל פון קלוב.

* * *

ר ו ב י נ ש ט י י ן, מ י י ק ע ל — געבוירן 2 מערץ 1904 אין לאָדזש, פוילן. זון פון לייזער און בעלאַ. די עלטערן זיך פאַרנומען מיט מסחר פון פרויען־היט. געלערנט אין א מיטל־שול (פוילן). 1919 געקומען קיין קאַנאַדע. געענדיקט דעם מעקגיל־אוניווערזיטעט און דעם יורידישן קורס אין מאָנטרעאָל אוניווערזיטעט. דיפּ־לאָמען פוןביידע אוניווערזיטעטן. פון פאַך אַ לאָיער, פריער אַלס סטודענט געטון פאַרשידענע ארבעטן. חתונה געהאַט מיט קלער דעסמאַרע. פון 1930 מיטגליד פון אַ.ר., געהערט איצט צום בר. 151. אין די יאָרן 1931־38 געווען פאָרזיצער פון שטאָטישן און דיסטריקט־קאָמיטעט אין מאָנטרעאָל; מיטגליד פון דירעקטאָרן־באָאַרד אַ.ר. (פאַרטרעטער פון פראָווינץ קוויבעק) פאַר דעם פעריאָד 1954־56. אַ גרינדער פון ייד. אַרב.־קאָמיטעט אין קאַנאַדע און זיין פאָרזיצער פון 1937 ביז היינט. פאָרזיצער פון ייד. סאָצ. פאַרבאַנד אין קאַנאַדע 1931־5. מיטגליד פון ייד. נאַצ. עקז. פון סי.סי.עף. (סאָצ. פאַרטיי קאַנאַדע) און וויצע־פרעזידענט פון דער ארג. אין קוויבעק 1938־40. וויצע־פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע ייד. אינסטיטוציעס פאַר פליטים אין קאַנאַדע 1940־42. וויצע־פרעזידענט פון דער פעדעראַציע פון פוילישע יידן אין קאַנאַדע 1938־46. קאַסיר פון פאַראייניקטן אדווייזארי אַרבעטער־קאָמיטעט (פון ייד. ארב. קאָמ., און קאַנאַדער ייד. קאָנגרעס) פון 1948 ביז היינט. עקז.־מיטגליד פון לאָרד רעדינג סאָסייעטי (ייד. לאָיערס אַססן) 1954־55. טעטיק אין אַרב. רינג, ייד. אַרב. קאָמ., סי.סי.עף., „אָרט״־ געוויילטער ראַטמאַן פון שטאָט־ראַט אין מאָנטרעאָל 1940־42. אויסגעקעמפט די רעכט פאַר יידישע בעקער שומרי־שבת צו באַקן און פאַרקויפן זונטאָג.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

יוסף בערנשטיין (דעטראָיט) — 1956

די זעקס און דרייסיק צדיקים — די „למד־וואָווניקעס" צוליב וועלכע די וועלט האַלט זיך...

פרומע אידן גלויבן, אַז צוליב דעם זכות פון געהיימע 36 צדיקים, (לאַמעד־וואָווניקעס") האַלט זיך אונדזער וועלט. מיר, „זקנים", מעגן, מיט רעכט, אויך זאָגן, אַז מיט דעם זכות פון אונדזערע ערשטע „לאַמעד וואָווניקעס", די ערשטע זעקס און דרייסיק געהיימע גרינדער פון אונדזער „קלוב" האָט זיך דערהאַלטן אויף זיין פּראַקטיש־אידעאַלן פונדאַמענט, דער אַרבעטער־רינג.

דאָס געזאָגטע איז נאָר אַן אַריינפיר צו דעם, וואָס איך וואַרף אַן אין די ראַמען, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן.

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין דער פּרעזידענט פון דעם „קלוב" פאַר דעם יאָר 1956, און די פּריווילעגיע פון זיין אַ מיטגליד פון אַרבע־טער־רינג פאַר 60 יאָר, און פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" זינט 1915, בלויז איין יאָר נאָך זיין גרינדונג.

איך געדענק די קינדער־יאָרן פון אַרבעטער־רינג און די ראָל וואָס דער „קלוב" האָט געשפּילט אין יענע געפערלעכע יאָרן, און זיין השפּעה אויפן אַרבעטער־רינג ביז היינט צו טאָג.

די קינדער־יאָרן פון אַרבעטער־רינג זיינען געווען יאָרן פון שטורם און דראַנג, און אָפט דערגרייכט אַ צושטאַנד ברודער־קריג. דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, ווייל דער צוזאַמענשטעל פון אַרבעטער־רינג איז דאָך געווען אַ געמיש פון אידעאָלאָגיעס און ריכטונגען, אַריבערגעבראַכטע פון יענער זייט ים, פון יונגע, דינאַמישע, קאַמפס־לוסטיקע, אידעאַליסטן, וועלכע האָבן געגלויבט באמונה־שלימה אַז זייער אידעאַל איז דער אמתער און דער איינציקער וואָס וועט ברענגען די גאולה, און דערפירן צו אַ בעסערער וועלט; זיי האָבן זיך נאָך ניט אָריענטירט אין דעם גאַנץ־אַנדערשטיקן לעבנס־שטייגער, אומשטענדן און באַדינגונגען פון אונזער לאַנד. און דערפאַר אומקאָמפּראָמיסלעך געקעמפט פאַר זייער אידעאַל.

אָבער אַפילו ריינער אידעאַליזם קען ניט פאַרהיטן פון פערזענלעכע אַמביציעס, וואָס איז איינע פון די מענטשלעכע שוואַכקייטן און פּילייכט די שטאַרקסטע טרייב־קראַפט אין לעבן.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס אין דער גאָר יונגער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער אָפּשפּאַלט פון מאַסאַטשוזעטס־סטייט, מיט דער גרינדונג פון דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג, הויפּטזעכלעך צוליב די דאָרטיקע שטרענגע אינשורענס־געזעצן, און אויך צוליב פּערזענלעכע אַמביציעס, פון געוויסע אינסורגענטן.

נאָכדעם איז געקומען די ווינטרויב־אַפּערע, וועגן וועלכער איך וויל זיך ניט פאַרנעמען. ניט לאַנג נאָכדעם, האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף אַרום פראַטוירנאַל רייטס, אַ ריין פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנאַלע פראַגע וואָס האָט דאָך אַרויסגערופן הייס בלוט און גאָר שטורמדיקע קאַמפן.

גלייך נאָך דעם, איידער דער רויך איז פאַרשוואונדן פון דעם „שלאַכט פעלד" האָט זיך אָנגעהויבן דער גאָר שטורמדיקער קאַמף צווישן די אַזוי גערופענע „יונגע" און „אַלטע", אַ באַצייכענונג, וואָס האָט זיך גאָר ניט געפּאַסט, ווייל די „אַלטע" זיינען געווען ניט עלטער ווי די זאָגענאַנטע „יונגע", וועלכע האָבן באַצוועקט צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז די פריער־שאַפט פון אַרבעטער־רינג איז קאָנסערוואַטיוו, אויב ניט נאָך ערגער; אַז זיי, די „יונגע" וועלן רעפאָרמירן דעם אַרבעטער־רינג און אַרויספירן אים אויף דעם ריכטיקן וועג.

זיי האָבן ניט פאָרגעשלאָגן אַ פּראַקטישן פּראָגראַם, נאָר הויך לינגענ־דיקע פראַזן און לאָזונגען, אָן אינהאַלט, אָפּגערעדט אַז זיי זענען געווען ווייט פון פּראַקטישקייט. זייער פירער איז געווען דער פאַרשטאָרבענער וויליאַם עדלין, וועלכער איז דאַן געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג. דער קאַמף איז ליקווידירט געוואָרן ביי דער קאָנווענשאָן פון 1916 אין ברוקלין, אין וועלכער דער שרייבער, וועלכער איז דאַן געווען דער סעקרעטאַר פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס, האָט מיט זיין באַריכט ביגעטראָגן צו דער ליקווידאַציע פון קאַמף.

אָט דער לעצטער עפּיזאָד איז ניט דער לעצטער אין די קינדער־יאָרן פון אַרבעטער־רינג, ווייל באַלד נאָכדעם איז געקומען דער אמתער ברודער־קריג וואָס האָט געקאָסט אַ סך בלוט. אין רעזולטאַט פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד אין 1917, אַ שטרייט וואָס איז ליקווידירט געוואָרן, מיט אַ גרויסן פאַרלוסט, אין די לעצטע צוואַנציקער יאָרן.

אין אָט די אַלע יאָרן פון שטענדיקע קאַמפן וואָס האָבן אין די ערשטע צייטן געדראָט, צו ענדערן דעם פּראַקטיש־דעמאָקראַטישן איינשטעל פון אַרבעטער־רינג, און אין דעם לעצטן, די פאַרכאַפּונג פון דער אָרגאַניזאַציע,

האָט דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב“, געגרינדעט פון דעם פאַר־שטאָרבענעם פעאיקן און ענערגישן אָרגאַניזאַטאָר וויליאַם באַקסט, מיט זעקס און דרייסיק „למד־וואָווניקעס“, געשפּילט אַ דעצעדירענדיקע ראָל.

ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז אָן דער ענערגישער קעגנשטעלונג פון די מיטגלידער פון דעם „קלוב“, וועלכע פאַרנעמען פירנדיקע פּאָזיציעס אין דעם ארבעטער־רינג, אין אונדזער לאַנד און אין קאַנאַדע, וואָלט דער אַרבעטער־רינג פאַרבליבן דאָס וואָס ער איז היינט און בלייבן אויף דער הויכער פּאָזיציע, וואָס ער פאַרנעמט אין דעם יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון אונדזער לאַנד בפרט, און מעבר־לים בכלל.

מעגן מיר מיט פרייד און מיט שטאָלץ פייערן אונדזער פופציקסטן געבוירנטאָג און זיך ווינטשן צו פייערן אַזעלכע יום־טובים פאַר לאַנגע יאָרן, אין אַ פרידלעכער וועלט.

* * *

בערנשטיין, יוסף (יום־טוב ליפּמאַן) — געבוירן 13 סעפּטעמבער 1880 אין סלאָנים, גראָדנער גוב., רוסיש־פּוילן, זון פון אברהם שרגא און אסתר מנוחה. פאָ־טער — אַ סופר און סוחר פון ספר־תורהס און תפילין. געלערנט אין חדר און ישיבה, דורכגעמאַכט קורס פון היי־סקול און אויסגעהאַלטן עקזאַמען, קורצע צייט אין לאָאָ־סקול, זעלבסט־בילדונג. צווישן די ערשטע בונדיסטן. פון 1897 ביז 1901 געווען טעטיק אין בונד. טוער אין בונדישער באַוועגונג אין סלאָנים. 1901 געקומען קיין לאָנדאָן. פון 1902 אין אַמעריקע. חתונה געהאַט מיט רחל ניסעלבוים. געווען קלאָוק־אָפּערייטאָר און ביז 1911 מיטגליד אין לאָקאַל 1 א.ל.ג.וו.י. אין דער אָנפירונג פון גרויסן קלאָוק־מאַכער־שטרייק 1910. געהאַט אַ בוכהאַנדלונג אין דעטראָיט און פון 1919 ביז היינט דעטראָיטער „פאָרווערטס“־מענעדזשער. אין אַ.־ר. פון 1903. געווען אין בר. 8 און 52, איצט אין בר. 156. 1910־11 אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט (קאַסירער); 1913־37 גיין טערמינען פאַרטראָטן מישיגען אין נאַצ. דירעקטאָרן־באָארד. אין דעטראָיט געגרינדעט ייד. בעקער־יוניאָן, ייד. קאַרפּענטערס לאָקאַל און געווען אַקטיוו אין אַ גרויסער צאָל קאַמפּיינס, אין פיליפ־רעליף, אָרט, אין בויען אַ.־ר.־שולן און אַנדערע טעטיקייטן. גע־ווען אין סאָצ. פּאַרטיי און קאַנדידאַט אופן סאָצ. צעטל פאַר אָלדערמאַן. אין ייד. סאָצ. פעדעראַציע, ייד. סאָצ. פאַרבאַנד. טעטיק אין ייד. אַרב. קאָמ., מושב־זקנים, ייד. קאָמ־יוניטי־קאַונסיל, באָארד־דירעקטאָר פון ייד. וועלפער־פעדעראַציע און אַנדערע אָרגאַ־ניזאַציעס.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)



יחיאל עבעריל — 1957

געבוירן 28טן דעצעמבער 1888, אין מינסק, רוסלאַנד. זון פון שעיה און חנה־גיטל. עלטערן געצויגן חיונה פון מסחר. געלערנט אין חדר און זעלבסט־בילדונג. געווען אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער און געהערט צום „בונד". געווען אַרעסטירט און געזעסן אין טורמע פאַר רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן. אין אַמעריקע פון 1906. חתונה געהאַט מיט זינאַ סקאָלסקי (געשט. אין 1942). אַרבעט אַלס פייפער־הענגערס לאָקאַל 490 א.פ.ל. אין אַרבעטער רינג פון 1909 מיטגליד פון בר. 346, איצט אין בר. 146. מיטגליד פון דעם נאַצ. עקזעקוטיוו קאָמיטעט: 1919־21, 1925־28, 1935־39, 1941־43 (וויצע־פרעזידענט), 1950־54 וויצע־פרעזידענט און ווען לעאָן אַרקין דער דאמאָלסדיקער פרעזידענט איז געשטאָרבן דעם 30טן סעפטעמבער 1953, איז ער דערוויילט געוואָרן פאַר די איבערגעבליבענע 8 חדשים אַלס פרעזידענט פון אַ.ר., 1958־60 פאָרזיצער פון דער נאַצ. אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע. מיטגליד פון „פאָרווערטס" אַססן און נאַצ. עקז. פון יידישן סאָצ. פאַרבאַנד.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

DANIEL E. IFSHIN — 1958

Fifty years in the life of our organization constitutes an important span not only in the lives of individuals but more important, in the light of a concept and in the ideology for which the organization stands. The National Social Club has now reached the half century mark with its concept untarnished and its ideology in focus.

Historically the National Social Club has functioned in the spirit of the Workmen's Circle and basically linked to the labor movement and all progressive causes.

The writer has been associated with the club for approxmately 22 years and it has been his good fortune to have the opportunity of working with its tireless and dedicated leader, Ephim Jeshurin. During all these years Ephim Jeshurin has been unselfishly devoted to the Workmen's Circle and all it stands for. To work with Ephim Jeshurin and the members of the National Social Club is to be given the incentive to further the origins of the Workmen's Circle, to preserve its strength and its importance in the Jewish and general community of which it is an integral part.

One sits in awe when listening to the stories being told of the members' exploits during some of the most trying times in the history of the Workmen's Circle: — the struggle for fraternal rates — the fight against the communists — the opportunity to establish its position in the Jewish community and in American life. Then . . . one realizes what was accomplished against the greatest

odds and what has been achieved for the present and the possibilities for the future.

The men and women who make up the National Social Club have been and still are the leaders in the Workmen's Circle. Ephim Jeshurin has provided the inspiration for the work in the past, the strength of the present and the incentive to prepare for the future. We look forward to his continued leadership.

In this spirit the writer has devoted his organizational life and rededicates himself to the tasks that lie ahead.

JACOB T. ZUKERMAN — 1959

A BINDING FORCE in the WORKMENS CIRCLE

I wasn't there when the National Social Club was founded in 1914. At the age of 6 I couldn't have contributed very much even if I had been there. And it wasn't until many years later that I began to hear of The Club. At first it was in mysterious tones; then in awe; often in resentment. It generally depended which side of the fence I was on and how The Club reacted to issues in which I was interested.

My very first recollections of The Club seem to be at Workmens Circle conferences I attended as far back as 1927 or 1928. These were the formative years of the Young Circle League. Often as a representative of the newly created youth movement, I came to these gatherings to deliver a "pep" speech about the growing "yugend bavegung." I began to notice how invariably certain individuals would provide leadership and direction and how well disciplined the majority of delegates seemed to be — and I soon realized what remarkable organization must have gone into preparation for each conference not alone by the professionals but by the lay leadership. For those were still the days when remnants of the Communists attempted to disrupt every meeting and constantly tried to besmirch not alone the leadership but the Arbeter Ring as a whole.

How well I recall the 1929 Chicago convention when as a fledgling delegate from the Young Circle League I was suddenly caught up in the actual fist fight between Commie dissidents (who came well organized to break up the sessions) and the tried and true Arbeter Ring stalwarts who upheld the principles of the or-

ganization not only in speech and argument but with their fists as well. I learned later that these staunch defenders of democracy within the order were the boys from The Club—they didn't look or act like Zkainim at all! I began to understand how important had been their role in preserving the organization and its ideals.

But while I respected The Club, I didn't always like its positions — or at least the viewpoints of some of its leaders. And when we Young Circlites often didn't win our point in an argument, didn't get support for the youth tax we were suggesting, didn't elect as many representatives as we felt we were entitled to have, we often complained about "Zay di boyess of The Club." Though the truth is that the leadership of The Club, particularly Ephim Jeshurin, its Chief, really understood the need for the youth movement and later the strong English speaking section which developed. Furthermore The Club realized that it was important to establish closer social as well as organizational ties with the younger folks and happily these ties have been strengthened with the years.

Thus it has become a natural evolutionary process for more and more of the younger A. R. activists to become part of the family which is the National Social Club. Many of us who came from W. C. families had known of The Club as the important social and cultural center of the devoted, dedicated leaders of our branches and institutions. I remember my in-laws talking in hushed tones about the wonderful New Years parties and other celebrations which they attended — hesitating, of course, to refer to The Club by name. As we relatively younger leaders began to share in the joys and pleasures of comradeship with our more mature friends, we too began to understand what a stimulating binding force The Club has always been in strengthening the fabric of the organization.

Now we are Fifty! And we who have been honored by sharing in the leadership are grateful for the opportunity we've had to dare to ask questions of our great Chief, to nominate the successors he had chosen for us to elect. But above all, we are thankful that with all the pleasure membership has given to us, we have been priveleged to serve our Arbeter Ring.

ישׂראל ברעסלאַוו — 1960

דאָס וואַכזאַמע אויג

אין יידישן לעבן אין אמעריקע פעלן נישט קיין אָרגאַניזאַציעס. זיי קומען און פאַרשווינדן. זיי קומען דערפילן אַ געוויסע פונקציע און פאַר־שווינדן אָן אַ שפור אין דער אייביקייט.

אַנדערש איז אונזער „נאַציאָנאַל סאָציאַלער קלוב". שוין 50 יאָר אַז אונזער קלוב לעבט און ווירקט אין דעם לעבן פון דער אַרבעטער־רינג משפחה.

אין די 63 יאָר פון לעבן און ווירקן פון אונזער אַרבעטער־רינג זיינען פאָרגעקומען גרויסע קאַמפן, אינערלעכע און אויסערלעכע. אייניקע פון די קאָנפליקטן האָבן ממש געשטעלט אין סכנה די סאַמע עקזיסטענץ פון אונזערע באַליבטן אָרדן. עס זיינען געווען מאָמענטן וואָס האָבן געבראַכט יאוש אין אונזערע רייען. ס'האָט זיך אויסגעוויזן אַז אָט, אָט און דער אַרבעטער־רינג וועט פאַרשווינדן פון דעם אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

במשך פון די אַלע שווערע פעריאָדן איז דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" געשטאַנען און האָט פאַראייניגט אונזערע רייען; האָט געמוטיקט אונזער גלויבן אין דער צוקונפט פון אַרבעטער־רינג. ער האָט געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף אַלע געשעענישן און אַנטוויקלונגען אין דער אָרגאַ־ניזאַציע. אָן טאַראַראַם און אָן איבעריקער פובליסיטי האָט ער צעמענטירט אונזערע כוחות איבערן גאַנצן לאַנד.

מיט וואָס דערקלערט זיך דער כוח פון אונזער קלוב? מיט וועלכע מיטלען באַווירקט ער דעם גאַנג פון אַרבעטער־רינג?

דער קלוב איז נישט קיין מאַסן־אָרגאַניזאַציע. ער באַשטייט אין גאַנצן פון עטלעכע הונדערט מיטגלידער. קיין קאָנסטיטוציע האָט ער ניט.

קיין דעפיניטיווע פּראָגראַם, אויך נישט. און דאָך איז זיין ווירקונג גרויס, און זיין איינפלוס ווייט־גרייכענדיק.

מיר דוכט זיך, אַז דער כוח פון אונזער קלוב שטעקט אין דעם וואָס זיינע מיטגלידער זיינען באַהערשט פון אַן אומבאַגרענעצטער ליבע צו דעם אַרבעטער־רינג און צו זיינע אידעאַלן. וואָרים קיין שום אַנדערער כוח וואָלט נישט געקענט האַלטן צוזאַמען עטלעכע הונדערט מיטגלידער די גאַנצע 50 יאָר.

עס איז אפשר דאָ נאָך אַ כוח וואָס צעמענטירט די אָרגאַניזאַציע. און דאָס איז די פּערזאָן יעפים ישורין. אַ שטילער, באַשיידענער מענטש, אָבער מיט פיל עקשנות אין זיין כאַראַקטער, האַלט ער די פעדים פון דער אָרגאַניזאַציע אין זיינע דערפאַרענע הענט. זיין אויג איז שאַרף און וואַכזאַם. וואו עפּעס אַ גערודער אָדער אַ קאָנפליקט, וועט ישורין אים גלייך דערשמעקן און טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מענשלעך מעגלעך אים אויסצו־גלייכן, פאַראייניקן די שטרייטענדע עלעמענטן. — אויב נישט אויף אייביק איז כאָטש אויף דערווייל. געוויס האַלט זיך נישט קיין שום אָרגאַניזאַציע אויף די פּלייצעס פון איין יחיד, אַזאַ זאַך איז אוממעגלעך. אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז ישורין האָט באַוויזן צו שטיין אין שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע אַזוי פיל יאָרן. אונטער זיין פירערשאַפט און טראַץ די גרויסע נאַטירלעכע פאַרלוסטן וואָס דער קלוב האָט געהאַט איז פון דעסטוועגן די אָרגאַניזאַציע געוואַקסן.

היינט, ווען אונדזערע קאָלעגן פון איבערן גאַנצן לאַנד קומען זיך צוזאַמען צו פייערן דעם 50 יאָריקן יובל פון אונזער קלוב, לאָמיר זיך איינער דעם אַנדערן ווינטשן אַ גליקלעכע און פריידיגע צוקונפט, און האָפן, אַז אונדזער טשיף יעפים ישורין זאָל נאָך לאַנגע יאָרן זיין מיט אונדז אין דער פירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע.

* * *

ב ר ע ס ל א ַ ו, י ש ר א ל — געבוירן 26 אַפּריל 1906 אין דאַשעוו, קיעוו. גוב., רוסלאַנד. זון פון בערל און רבקה־לאה. פאָטער — אייער־אינספּעקטאָר. געלערנט אין חדר, היי־סקול און זעלבסט־בילדונג. אין אַמעריקע פון 1922. חתונה געהאַט מיט ראָוז פּריטיקין. 14 יאָר געאַרבעט ביי מענער־מלבושים און 11 יאָר ביי פרויען־קליידער. איצט פאַרוואַלטער פון דרעסמאַכער־יוניאָן. אַ סך יאָרן טשערמאַן פון לאָקאַל 22 א.ל.ג.וו.י. וויצע־פּאַרזיצער פון דרעס־דזאַינט־באָארד. געווען אין אמאַלגאַמייטעד מענער־שניידער־יוניאָן. אין אַרבעטער־רינג פון 1935. מיטגליד פון בר. 122ע. יאָרן־לאַנג פּאַרזיצער פון זעלבן ברענטש 1939־40 אין ניו־יאָרקער ייד. שטאַטישן קאָמיטעט; 1941־43 אין נאַצ. עקז. קאָמיטעט; פון אָקטאָבער 1953 וויצע־פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג; אין די יאָרן 1958־62 נאַציאָנאַלער פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג. מיטגליד אין ייד. סאָצ. פאַרבאַנד, ליבעראַלער פּאַרטיי, ליג פאַר אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע, פאָרווערטס אַסאָן, וויצע־פּרעזידענט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

דזשאָזעף דאָרפמאַן — 1961

דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב האָט גראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג

איך בין אַ טרייד־יוניאָן טוער, מיין צייט האָב איך מערסטנס אָפּגעגעבן אין דער ניו־יאָרק דזשאָינט באָארד פון דער אַמאַלגעמייטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן, איך האָב אָבער שטענדיק געהאַט אַ שטאַרקן אינטערעס אין אַרבעטער־רינג.

איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1914. עס האָט ניט גענומען לאַנג און איך פּונקט ווי אַלע אַנדערע אידעאַליסטישע אימיגראַנטן, האָב זיך אָנגעשלאָסן אין אַרבעטער־רינג. אַלע יאָרן, ווי לאַנג די יידישע אַרבע־טער־באַוועגונג איז געווען גאַנץ, האָבן מיר געהאַט פאַרשידענע אויפגאַבן. די יידישע טרייד־יוניאָנס האָבן זיך אָפּגעגעבן הויפּטזעכלעך מיטן קאַמף אויפן עקאָנאָמישן געביט. עס איז אונדז טרייד־יוניאָן־טוער געלונגען אָפּצו־שאַפן דעם שרעקלעכן „סוועט שאָפּ״־סיסטעם. אַריינברענגען אין דער באַוועגונג אַ סאָציאַליסטישן גייסט. דערציען די מאַסן ווי קעמפער פאַר אַ בעסערן לעבן. די יידישע טרייד־יוניאָן־באַוועגונג איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין אַרבעטער־רינג האָבן מיר אַנטוויקלט אַ ברייטע הילפס־אַרבעט פאַר די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, דאָ אין לאַנד און פאַר אַנדערע יידישע יישובים אין דער וועלט.

מיט באַזונדערער באַגייסטערונג האָט יעדער איינער פון אונדז זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו העלפן אונדזערע מיטגלידער אויף אַלע געביטן און בויען אונדזער ליבע אָרגאַניזאַציע. דער אַרבעטער־רינג איז מיט אַ שנעלן טעמפּאָ געוואָקסן פון יאָר צו יאָר.

אויפן קולטורעלן געביט האָבן מיר אַנטוויקלט אַן אויפקלערונג און דערציאונגס פּראָגראַם פון אַזאַ פאַרנעם, אַז ניט נאָר אונדזער דור, נאָר אַ סך דורות וואָס וועלן קומען נאָך אונדז וועלן אונדז דאַנקבאַר זיין פאַר דעם. אַלץ איז זיך געגאַנגען מיט אַ נאָרמאַלן גאַנג.

זיינען אין די צוואַנציקער יאָרן געקומען די קאָמוניסטן און האָבן אויפן באַפעל פון מאָסקווע זיך פאַרמאָסטן צו פאַרכאַפּן און אויב ניט פאַרכאַפּן איז פאַרניכטן דעם אַרבעטער־רינג. אין די יוניאָנס איז דאָס זיי אַנגעקומען גאַנץ לייכט. דאָרט האָבן זיי געוואָרפן שמוץ און בלאָטע אויף די פירער. דאָס קלעפּט זיך גאַנץ שנעל צו; דאָרט האָבן זיי גערופן ניט צו צאָלן קיין דיוס; דאָס האָט געוואונען אַ סך אַנהענגער. עס האָט געקאָסט דער יידישער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אַ סך מי, אַנשטרענגונג, בלוט און שוויס, צוריק געווינען דעם צוטרוי פון די מאַסן; אַרויסרייסן די יוניאָנס פון די בלוטיקע קאָמוניסטישע הענט און צוריקברענגען זיי אין די רייען פון דער לעגיטימער אַרבעטער־באַוועגונג.

גאַנץ אַנדערש איז געווען דער פאַל אין אַרבעטער־רינג. דאָ איז די מיטגלידערשאַפט געווען אַ פּאָליטיש דערצויגענע; זיי האָט מען מיט קיין פאַלשע, הויך קלינגענדיקע פראַזן ניט געקענט פאַרנאַרן. אין אַרבעטער־רינג האָבן די קאָמוניסטן געקראָגן זייער שטאַרקסטן ווידערשטאַנד. דאָ האָט מען ניט געוואָרט זיי זאָלן פאַרכאַפּן, דאָ האָט מען זיי פאַרטריבן נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אָנצומאַכן אַן ערנסטן שאָדן. פון אַרבעטער־רינג האָט זיך פּאַקטיש אָנגעהויבן זייער נידערלאַגע און האָט זיך שנעל אַריבער־געטראָגן אין די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ביז זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון עפנטלעכן יידישן לעבן דאָ אין לאַנד.

גרויס אָנערקענונג פאַר אָט דער וויכטיקער אַרבעט קומט דעם „נאַ־ציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב". די גרינדער פון דעם קלוב האָבן פאַראויסגעזען די אַלע געפאַרן, וואָס אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווי דער אַרבעטער־רינג, קען באַגעגענען אויף איר לאַנגן און שווערן וועג. דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" איז כסדר געשטאַנען אויף דער וואַך און האָט אַכטונג געגעבן אַז דער אַרב.־רינג זאָל באַשיצט ווערן פון די אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים.

עס וואָלט געווען ניט גערעכט פאַרבייצוגיין און ניט געבן אַ קורצן באַגריף וועגן דעם, וואָס די פירערשאַפט פון אונדזער טשיף יעפים ישורין האָט געמיינט פאַרן קלוב. עס איז בויטיק געווען אַז אין שפּיץ פון דעם קלוב זאָל שטיין אַ מענטש וואָס פאַרדינט דעם פולסטן צוטרוי און רעספּעקט פון אַלע אָן אויסנאַם טוער און פירער פון אַרבעטער־רינג. ישורין איז דער מענטש. ווער ווייס אויב דער קלום וואָלט געקענט דערפילן זיין אויפגאַבע מיט אַזאַ געניטקייט און דערפאָלג, ווען אין דער שפּיץ פון קלוב וואָלט ניט געשטאַנען אַזאַ דערפאַרענער פירער און אַזאַ גלענצענדער אָרגאַניזאַ־טאָר ווי דער „טשיף" איז. אים קומט אַ סך וואונטשן. ער האָט זיי כשר פאַרדינט.

מיר איז אין יאָר 1961 צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו זיין דער פּרעזידענט. איך בין שטאָלץ מיט דעם וואָס איך ווער באַטראַכט ווי איינער פון די אַקטיווע און אָנפּאַרטרויטע מיטגלידער פון קלוב.

נעמט אָן מיין האַרציקער באַגריסונג צום 50 יאָריגן יובילייאום און מיינע בעסטע וואונטשן, אַז מיר זאָלן נאָך צוזאַמען לאַנגע יאָרן פּאָרזעצן אונדזער אַרבעט.

* * *

דאָרפּסמאַן, יוסף (דזשאָו) — געבוירן 16 דעצעמבער 1896 אין קישעניעוו, בעסאַראַביע, דרום־רוסלאַנד. זון פון שמואל און שרה. פאָטער — שוסטער. געלערנט אין חדר, זעלבסט־בילדונג. אין אַמעריקע פון 1914. חתונה געהאַט מיט ראוז גאָלד־מאַן. אין אַרבעטער־רינג פון 1916. אין בר. 359, דאָרט פיל יאָרן סעקרעטאַר; איצט אין בר. 625. שניידער. אין לאָקאַל 25 אַמאַלגאַמייטעד־יוניאָן. געווען פּרייז־אַדזשאָס־טער, טרייד־מענעדזשער קאָוט־דעפּ., סעקרעטאַר פון לאָקאַל. איצט טרייד־מענעדזשער קאָוט־דעפּ. פון נ. י. דזשאָינט־באָארד אַמאַלגאַמייטעד. אין „פאָרווערטס״־אַסס׳ן יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, אָרט, האַיאַס.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)



אבֿרהם לעף — 1962

מיין דערפֿאַרונג אין די קלובן

איך ווייס אַז אַ היפּשע צאָל טוער און מיטגלידער פֿון דעם קלוב קענען אָנווייזן, אַז זיי באַלאַנגען שוין עטלעכע צענדליק יאָר צו דעם דאָזיקן קלוב. וואָס איז שייך מיר קען איך זאָגן, אַז איך בין אַ מיטגליד אין דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" העכער צוויי צענדליק יאָר. איך האָב שוין געהאַט דעם כבוד צו באַקליידן אַ וויכטיקן אַמט אין דעם קלוב, אָבער למען־האמת וויל איך אָנווייזן אַז פֿאַר דעם ווי איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" האָב איך באַלאַנגט און בין געווען איינער פֿון די פּירערשאַפֿט פֿון דעם אַמאָליקן „יונגן" קלוב. איך בין זיכער, אַז די וואָס וועלן דאָס לייענען וועלן פֿאַרשטיין, אַז איך מיין ניט מיט דעם „יונגן קלוב" פֿון דער צייט ווען עס איז פֿאָרגעקומען דער באַרימטער קאַמף צווישן די יונגע און די אַלטע אין דעם אַרבעטער־רינג. אין יענע יאָרן האָב איך ניט באַלאַנגט צו קיין קלוב, ווייל דער קאַמף וואָס איז דאַן אָנגעפֿירט געוואָרן מצד די „יונגע" קעגן די „אַלטע" האָט צו מיר ניט אַפּעלירט. דערפֿאַר טאַקע ווען איך רעד וועגן דעם יונגן קלוב און מיין פֿאַרבונדקייט מיט דעם קלוב, מיין איך גאָר אַן אַנדער יונגן קלוב, און אַזוי ווי דער דאָזיקער „יונגער קלוב" איז שוין פֿון לאַנג אַן אויפֿגעלייזטער, וויל איך טאַקע פֿאַר דער געשיכטע פֿון דעם קלוב און פֿון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" פֿעסטשטעלן, אַז דער „יונגער קלוב" וועגן וועלכן איך שרייב דאָ און מיט וועלכן איך בין געווען פֿאַרבונדן, האָט זיך געגרינדעט צוליב דעם ווייל די טוער פֿונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" האָבן געהאַלטן די טירן פֿונם קלוב אָפֿט איגאַנצן אָפּגעשלאָסן און אָפֿט ניט ברייט גענוג פֿאַר נייע מענטשן אַריינצוקומען. אָבער ווען פֿאַרבינדונגען און

פאַרהאַנדלונגען זיינען איינגעשטעלט געוואָרן האָבןביידע צדדים איינגע־זען, אַז עס איז ניטאָ קיין נויטווענדיקייט פאַר אַ באַזונדערן קלוב און די מיטגלידער פון דעם „יונגען קלוב" זיינען אַריין אין דעם „נאַציאָנאַלן סאָ־ציאַלן קלוב", איך און אַנדערע האָבן זיך געפילט גאַנץ היימיש און גוט אין די רייען פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב".

איך באַטראַכט דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" אַלס אַ וויכטיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע גיט אַ מעגלעכקייט אַז טוער פונם אַרבעטער־רינג זאָלן זיין געמיינשאַפטלעך צוזאַמענגעבונדן, שטיין אויף דער וואַך לטובת די אַלזייטיקע אינטערעסן פונם אַרבעטער־רינג און זיך זאָרגן פאַר דעם אַרבעטער־רינג. איבערהויפּט איצט ווען אַרבעטער־רינג טעטיקייט אין ברייטן פאַרנעם אין און אַרום די ברענטשעס ווערט שווערער און שווערער, איז דער קלוב זייער וויכטיק.

יעדער יערלעכער צוזאַמענקונפט פון די מיטגלידער אין דעם קלוב און אַנדערע צוזאַמענקונפטן פון דעם קלוב איז אַ צוזאַמענקונפט פון פריינד, פון קאָלעגן, פון נאָענטע, און דער צוזאַמענקונפט איז וויכטיק אי לטובת דער אָרגאַניזאַציע, אי לטובת יעדן איינעם, וואָס איז אַ טייל פונם קלוב.

אונדזער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" איז מיר ליב און טייער אויך צוליב דעם ווייל אין דער טעטיקייט פונם קלוב צייגט זיך אַרויס זייער באַדייטענד דער וואַרעמער אָפּרוף מצד דער פירערשאַפט פון קלוב און מצד דער מיטגלידערשאַפט פען מ'דאַרף העלפן אַ קאָלעגע.

און אונדזער טשיף, פריינד און קאָלעגע ישורין, וועלכער פירט אָן מיטן קלוב און שטייט אין שפּיץ פון קלוב, גיט פאַר די אַלע זאַכן דעם נייטיקן טאָן און ער פאַרדינט אונדזער אַנערקענונג פאַר דעם.

אָט טאָקע לכבוד דעם גאָלדענעם יובילייִ פונם קלוב ווינטש איך אַלע קאָלעגן אַז מיר זאָלן נאָך זיין אַקטיוו פאַר פיל יאָרן אין אונדזערע ברענטשעס, אין אַרבעטער רינג בכלל און אויך אין אונדזער קלוב. זייט האַרציק געגריסט!

* * *

לעף, אברהם — געבוירן 2 דעצעמבער 1888 אין לאָמזשע, רוסיש־פּוילן. זון פון פייוול און רייזל. דער פאָטער — אַ מאָליער (פעינטער). געלערנט אין חדר און לאָמזשער ישיבה. אין אַמעריקע פון 1907. חתונה געהאַט מיט גיטל לעווין. געווען אַ קלאָוק־אָפּרייטער און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין גרויסן שטרייק פון קלאָוק־מאַכער אין 1910. איצט אַ פעינטער און אַ מיטגליד פון פּענטערס־יוניאָן. אין אַרבעטער־רינג פון 1908. מיטגליד פון בר. 149. אין נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו קאָמיטע. אין די יאָרן 1925־28 (גריווענס), 1935־37 (סאַנאַטאָריום), 1952־54 (אַדמיניסטראַציע). געווען פּאָרזיצער פון מעדיצינישן דעפּאַרטמענט און פון קעמפּ.

(אַרבעטער רינג בויער און טוער)



מאיר ווײַנטרויב — 1963

אימפּעריע־פּרעזידענט מאיר ווײַנטרויב:

מײַן ערשטער מעסעדזש צו דער אימפּעריע „חבר־שאַפט"

איך רוף צו אַלע בירגער, און אַלע מײַנע אונטערטאַנען, און מײַנע קאָלעגן אין מײַן קאַבינעט בײַ דער מעכטיקער אימפּעריע און פאָלקס־דעמאָקראַטיע, וואָס טראָגט דעם נאָמען — „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" פון זקנים און אייניקלעך — „חברשאַפט".

איך דאַרפט זײַן שטאָלץ וואָס איך האָב זיך געלאָזט אויסגעוויילט ווערן צו זײַן אײַער אימפּעריע־פּרעזידענט.

און אויב איר וועט מיר זאָגן אַז עס איז ניטאָ אַזאַ פּאַרשוין, וואָס זאָל זײַן אַ פּרעזידענט פון אַן אימפּעריע, וועל איך אײַך ענטפערן:

פרעגט זיך נאָך בײַ מײַן הויך־געאַכטעטן קאָלעגע, דעם פּרעזידענט פון אונדזער באַליבטער שוועסטער־מדינה אַרבעטער־רינג, וואָס זײַן נאָמען איז דזשעק צוקערמאַן, און ער וועט אײַך זאָגן אַז אַזעלכע פּאַרשוינען זײַנען דאָ.

ער אַליין איז איינער פון זיי. ער איז דער גרויסער בעל־דעה אין אַלע קהילות פון אַמעריקע, און דאָך זאָמלט ער מאַכט פאַרן אַרבעטער־רינג אויך צו ווערן אַן אימפּעריע מיט אַ פאָלקס־דעמאָקראַטיע.

דערצו מײַנע געטרײַע אונטערטאַנען, האָב איך זיך אַן אייגענעם יחוס. איך געהער צו דער גרויסער פאַמיליע קענעדי.

יאָ, צו דער משפּחה, וואָס א זון אירער איז דער פּרעזידענט פון דער קליינינקער מדינהלע, וואָס איר נאָמען איז „יונייטעד־סטייטס".

די מדינהלע בין איך אײַך מוחל, מיר זײַנען גרעסער. אָבער דעם

דזשעק קענעדי, האָב איך ליב. מען זאָגט מיר, אַז ער איז אַן איירישמאַן. איך בין אַ ביאַליסטאָקער. און אויב איר ווילט וויסן ווי אַזוי דאָס גראַמט זיך, שרייבט אַ „בריוועלע" צו אונדזער „טשיף דזשאַסטיס" וואָס זיין נאָמען איז נחום כאַנין. ער וועלט אייך ענטפערן מיט אַ „בריוועלע צו אַ פריינט" און ער וועט אייך באַווייזן, אַז ביאַליסטאָק איז אַ קאָלאָניע פון כאָלאָפּעניץ, מינסקער גובערניע, און געהערען צו דערזעלבער ראַסע אויף גאָטס ערד, וואו אויך נעגערס זיינען אונזערע מחותנים. און אויב איר ווילט זיך ניט פאַרלאָזן אויף „טשיף־דזשאַסטיס" כאַנין וואָס שייך אונזערע נעגער־מחותנים, שיק איך אייך אָפּ צום חומש, וואָס דער „פּאַרווערטס" פּובליקירט אין דער איבערזעצונג פון יהואש וואָס מען קען עס קריגן ביי מיר אין אָפיס. איר וועט געפינען אין דעם דאָזיגען חומש, אַז נח הצדיק, און אַברהם אבינו, און משה רבינו, און שלמה המלך (און ווער ניט) האָבן זיך געגומען פאַר ווייבער און קעבס־ווייבער „שוואַרצע מיידלעך".

זיינען מיר אַלע מחותנים — דזשעק קענעדי און אויך איך, דער ביאַליסטאָקער און דער קליוולאַנדער, און דער לאָס־אַנדזשעלעסער. און איך האָב נאָך עפּעס צו זאָגן וועגן דעם.

איך גיי פירן אונדזער אימפּעריע אויף די דאָזיגע דיפּלאָמאַטישע וועגן, אויף וועלכע עס גייט דער דאָזיקער דזשעק קענעדי.

די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז דער פּרעזידענט קענעדי האָט צווייערליי „טשיפּס" פאַר דיפּלאָמאַטיע, צו וועמען ער הערט זיך צו מיט גרויס דרך־ארץ.

קודם צו דער קליינינקער, שיינינקער, האַרציקער שטיפערישער מיידעלע, קאַראָליין, זיין טעכטערל. זי שאַרט זיך אַריין אין זיין קאַבינעט, זעצט זיך אויף זיינע קני, שפּילט זיך מיט זיין בלאָנדער טשובע האָר איבער זיין שטערן, און זי טוט אים אַ פרעג:

— דעדי, וואָס גייסטו טאָן היינט מיט קובאַ?... פאַראַן דאָרט איינער מיט אַ באָרד, וועמען מען רופט קאַסטראָ, און מען באַדאַרף אים געבן קאַסטאָר אויל!...

האָט ער דערפון הנאה, דער פּרעזידענט קענעדי, און ער נעמט אַ העליקאָפּטער, און ער פליט אַוועק צו זיין טאַטן. דער טאַטע איז, נעבעך, קראַנק, אָבער ער שטרענגט זיך אָן, און זאָגט אים:

— מיט דער באָרד פון קובאַ וועסטו זיך ספּראַווען אַן אַנדערש מאָל. פריער גיב אַכטונג אויף דעם סאַ־ענד־סאָ פון מאָסקווע. קיין באָרד האָט

ער ניט, אָבער אַ בויך מיט אַפּעטיט האָט ער יאָ. ווען ער נעמען קוקן אַנדערשוואו, קען ער דערווייל אַראָפּכאַפּן עפּעס פון אַמעריקע.

נו, איך האָב אויך אַ גוט מזל מיט צווייערליי „טשיפּס" פאַר דיפּלאָמאַטיע.

ערשטענס, האָב איך זיך אַן אייגענע „קאַראָליין". זי איז מיינס אַן אייניקל און הייסט „דזשאַדי". זי האָט אַ צעפּעלע האָר, וואָס האָט אַלע חנען, און זי רופט מיך „דעדי מאיר", הגם זי האָט זיך אַן אייגענעם טאַטן, הויך און שלאַנק אַזוי ווי דער דאָזיגער דזשעק קענעדי. און אַז זי דערזעט מיך טוט זי באַלד אַ פרעג:

וואָס קלייב איך זיך זאָגן ביי דעם ארבעטער־רינג דיסטריקט קאָמיטעט פון דרום קאַליפאָרניע...

אָבער מיט דער טשובע מיינער שפּילט זי זיך ניט. איך האָב ניט קיין טשובע. און ניט פאַר איך גערדאַכט די האָר מיינע קריכן שוין אינגאַנצן אויס.

פאַרדריסט עס דאָך מיך, און איך פּרוּוו זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט מיין צווייטן „טשיף" — אַלעמענס „טשיף" — וואָס זיין ערשטער נאָמען איז אַ רוסישער: „יעפים"; און זיין צווייטער נאָמען פּאַסט זיך פאַר מדינת ישראל: „ישורין".

נאָר איידער וואָס ווען קריג איך פאַר אים מורא, עס איז מיר אוודאי ניט שיין דאָס אויסצוזאָגן, אָבער איך מוז עס טאָן. יאָ, אַ פּחד באַפאַלט מיך ווען איך נעם קלערן וועגן „טשיף". שוין אַ צאָל יאָרן, אַז ער האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע וואָס ביי אים איז עס אַ „לעבנס־וועג". ער שטעלט אַריין אין „פאָרווערטס" אויף דער לעצטער זייט אַ דאָבל־קאָלומדיקע באַקסעלע מיט אַ שוואַרץ רעמל, און עס שטייט אונטערגע־חתמעט זיין נאָמען, ווייסט איר שוין באַלד וואָס דאָס מיינט — אַז איינער פון אונדזעריקע — איז „הלך לעולמו"...

יעדעס מאָל דיזעלבע באַקסעלע אויפן זעלבן אָרט, מיט דיזעלבע ווערטער פון טרויער און טרייסט, נאָר דער נאָמען פון דעם אוועקגע־גאַנגענעם איז אַן אַנדערער. עס כאַפּט מיך אָן אַ ציטער ווען איך דערזע די דאָזיגע באַקסעלע. און דאָס קומט דאָך אַזוי אָפט. יעדעס מאָל ווען איך עפן — אויף אַ „פאָרווערטס", האָב איך מורא אַ קוק־צו־טאָן אויף דער לעצטער זייט.

אַוודאי, און אַוודאי, מיינע ליבע אונטערטאַנען. אונזער „טשיף אָוו

טשיף" ברענגט זיך אַ קרבן, וואָס ער פאַרבינדט זיין נאָמען מיט דער אומהייליגער וועלט. און מיר שאַצן עס אָפּ. מיר ערן אים. אָבער איך וויל אים ערן און פאַרבינדן זיין נאָמען מיט לעבן, לעבן, לעבן.

טאָקע לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר, אָדער הונדערט און איין און צוואַנציק.

און דאָס איז מיין מעסעדזש צו אונזער גאַנצער אימפּעריע —

הונדערט און איין און צוואַנציק יאָר!...

איך שטעל דערויף מיין אָפיציעלען שטעמפּל פון נאַציאָנאַלן פּרעזי־דענט ביי דער אימפּעריע „חברשאַפט".

אייער, דער אייביקער מאיר וויינטרויב פון דער ליכטיקער זוניקער קאַליפאָרניע.

* * *

וויינטרויב, מאיר — געבוירן 15 מאַי 1896 אין ביאַליסטאָק, גראָדנער גובערניע רוסיש־פּוילן. זון פון נחמיה און קיילע. עלטערן געהאַט געשעפט פון בוי־מאַטעריאַלן. געלערנט אין חדר, פאָלקס־שול, גימנאַזיע. אַקטיוו אין „בונד". פּאָליטישער פּראָצעס לויטן פּאַר. 102. העכער 3 יאָר אין ביאַליסטאָקער און גראָדנער טורמעס. אין אַמעריקע פון 1914. חתונה געהאַט מיט ליליען קאַראַל. געווען אין דרוקעריי־ביזנעס, איצט פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס" אין לאָס־אַנדזשעלעס (ביז 1940 אין קליוולאַנד). אין אַרבעטער רינג פון 1918. אין וואַלדעק־בר. 443. 18 יאָר דיסטריקט־סעקרעטאר. אַ. ר. אין שטאַט אָהייאָ. 37־1931 דריי טערמינען פּאַרטראָטן אָהייאָ און איין טערמין קאַליפאָרניע אין נאַצ. דירעקטאָרן־באָארד אַ.־ר. אין ייד. סאָצ. פאַרבאַנד, יידישער ארבעטער קאָמיטעט. ייד. קאָמיוניטי־ראַט, „אָרט", א.אַ.

(אַרבעטער־רינג בויער און טוער)

מ. איווענסקי

יעפים ישורין *)

אין די יאָרן 1912—1913 האָט דער אַרבעטער־רינג דורכגעלעבט שטורמישע צייטן. עס איז פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן די אַזוי גערופענע „יונגע" און די אַזוי גערופענע „אַלטע". דער קאַמף איז געווען אַן עקשנותדיקער און אַ ביטערער. אין צענטער פון קאַמף איז געשטאַנען יעפים ישורין, איינער פון די אַקטיוויסטע טוער פון אַרבעטער־רינג.

אין די אַרבעטער־רינג קרייזן האָט מען אָנגעפאַנגען צו הערן דעם נאָמען ישורין אין די יאָרן 1912 און 1913. דער נאָמען איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. וועגן ישורינען האָט מען גערעדט אויף קאָנפערענצן פון אַרבעטער־רינג. מען האָט ישורינען קריטיקירט, מען האָט ישורינען געלויבט, אין אַלע באַריכטן האָט פיגורירט ישורין.

עס זיינען געווען אומרואיקע צייטן אין אַרבעטער־רינג נאָך אין די יאָרן 1912. איידער דער קאַמף צווישן „יונגע" און „אַלטע" האָט זיך צעפלאַקערט. עס זיינע געווען רייבונגען און סכסוכים צווישן פאַרשיידענע פאַרוואַלטענדע קאָמיטעס פון אַרבעטער־רינג. עס זיינען פאָרגעקומען רייבונגען צווישן דער סאַניטאַריום קאָמיטע און דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע. עס זיינען געווען גרויסע סכסוכים צווישן דער עקזעקוטיווע־קאָמיטע און קאָנטראָל־קאָמיטע, עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יוריסדיקציע פראַגן, וועגן די פּרעס קאָמיטע מיט די פאַרוואַלטענדע קאָמיטעס. די סכסוכים האָבן אַרויסגערופן הייס בלוט. אין

*) דער ביאָגראַפישער אַרטיקל און אָפּשאַצונג וועגן דער ראָלע וואָס ישורין האָט געשפּילט אין דעם קאַמף פון „יונגע און אַלטע" „רעכטע און לינקע" און וועגן דער ראָלע וואָס ישורין האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פון אַרבעטער רינג, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם זאַמלבוך „ווילנע", אַרויסגעגעבן פון ווילנער ברענטש 367 אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק, 1935, ז. 956—961. רעד.

די סכסוכים גופא און אין „שליכטן" פון אַט די סכסוכים האָט ישורין געשפּילט אַ גוואַלדיקע ראָלע.

גאָר אַ וויכטיקע ראָלע האָט ישורין געשפּילט אויף דער 13טער קאָנ־וועַנשאָן פון אַרבעטער־רינג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאָר 1913, פון דעם 1טן מאַי ביז דעם 11טן מאַי, אין פילאַדעלפיע אין לייבאָר לייסעאום.

די קאָנווענשאָן איז געווען אַ גרויסע, יעדער בּרענטש האָט דירעקט געשיקט דעלעגאַטן. עס זיינען געווען 569 דעלעגאַטן פון די ברענטשעס.

אויף דער קאָנווענשאָן זיינען געווען פאַרטראַטן מענטשן פון דער סאַמע סמעטענע פון דער יידישער אינטעליגענץ, ווי ד"ר זשיטלאָווסקי און אַנדערע. אַ גרויסן רושם האָט אָבער דעמאָלסט געמאַכט מיט זיין אַרויסטריט יעפים ישורין.

ישורין איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע. דער „ליעטאָפּיסעץ", דער געשיכטע־שרייבער פון אַרבעטער־רינג האָט מסתמא דורך אַ פאַרזען פאַרגעסן צו דערמאָנען זיין נאָמען. ער האָט זיך באַנוגנט בלויז מיט די ווערטער: „די קאָנטראָל קאָמיטע און די סטענדינג קאָמיטעס האָבן געזיגט איבער דער עקזעקוטיווע אויף אַלע ליניעס", דער פאַרשטייער פון דער קאָנטראָל קאָמיטע איז אָבער געווען ישורין.

אין די באַריכטן פון די דעלעגאַטן צו זייערע ברענטשעס וועגן די רעזולטאַטן פון דער קאָנווענשאָן, האָבן זיי זיך פיל אָפּגעשטעלט אויף דער ראָלע, וואָס ישורין האָט אויף דער קאָנווענשאָן געשפּילט. פון דער פי־לאַדעלפיער קאָנווענשאָן אָן איז ישורין געוואָרן זייער פּאָפּולער צווישן די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג.

געהערט וועגן ישורינען האָב איך גראָד זייער פיל. עס איז מיר אָבער פאַר אַ לאַנגע צייט ניט אויסגעקומען אים פערזענלעך צו קענען. איך וויל מודה זיין, אַז דער ערשטער איינדרוק וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט איז ניט געווען קיין גוואַלדיקער. צי דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס ישורין טראָגט דעם סימבאָלישן נאָמען פון גאַנצן יידישן פאָלק, צי צוליב די באַריכטן וואָס איך האָב געהערט וועגן דער אַקטיווער ראָלע, וואָס ער שפּילט — איך האָב זיך אים אָבער פאַרגעשטעלט אין מיין פאַנטאַזיע אַלס אַ באַיאָרנטן מענטשן, אויב ניט מיט אַ לאַנגער באָרד, אָבער דאָך מיט אַ געדיכטער פראַנצויזישער בערדל. יעדענפאַלס אַלס אַ יידן מיט אַ הדרת־פנים.

ווי גרויס איז אָבער געווען מיין איבעררשאונג, ווען איך האָב פאַר זיך דערזען אַ יונגן בחורל, נאָך כמעט אַ ייִנגל, און אָט דער אַקטיווער טוער פון אַ יידישן אַרבעטער אָרדן. מיט דעם סימבאָלישן יידישן נאָמען איז גאָר געווען אַ יונגער בחורל.

יעפים ישורין איז דערצויגן געוואָרן אויף רוסיש, און רוסישער ליטעראַטור, אָבער ער קען גאַנץ גוט יידיש. יידיש האָט ער זיך אויסגעלערנט אין אַמעריקע, און מיט לשון־קודש איז ער נאָך עד־היום ניט שווה בשווה. אַלס ווילנער וועט ער זיך אָבער סוף כל סוף אויסלערנען אויך העברעאיש, גרויס פּאָרשריט אין לשון־קודש האָט ער שוין געמאַכט.

ישורין זעט איבערהויפּט אויס יינגער ווי זיינע יאָרן. ער זעט איצט אויס ניט עלטער ווי 30 יאָר. עס איז אפשר ניט אָנשטענדיק פון מיר אויסצוזאָגן סודות. נאָר מיין פליכט צווינגט מיר אויסזאָגן דעם סוד. אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום דעם 9טן יולי 1935, וועט ישורין ווערן אַ בן־חמישים, אויב עס איז ניטאָ נאָך ביז איצט אַזאַ קאָמיטעט, מוז אַזאַ קאָמיטעט געשאַפן ווערן צו פייערן דעם 50יאָריקן יובילעאום. ישורין איז געבאָרן געוואָרן דעם 9טן יולי 1885, אין ווילנע. וואו אַנדערש האָט אַזאַ ווילנער שבווילנער געקאָנט געבאָרן ווערן ?

דער ערשטער אומגיניסטיקער איינדרוק איז באַלד פאַרשוואונדן, ווען איך האָב מיט ישורינען זיך באַקענט נעענטער און מיט אים צוזאַמען אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן.

ערשטנס האָב איך זיך איבערצייגט אַז ישורין איז אַ ייד און נאָך וואָס פאַר אַ ייד! איך האָב געלערנט צו באַוואונדערן זיין ברויזנדע ענערגיע און דער עיקר זיין סיסטעמאַטישקייט. אַלץ וואָס ער טוט, טוט ער מיט אַ סיסטעם, מיט אַן אָרדנונג.

איך האָב אויך נעענטער דערקענט זיין כאַראַקטער. ער איז אַ ביטערער ייד צו זיינע קעגנער, אָבער זייער אַ גוטער, איבערגעגעבענער פריינט צו די וואָס פאַרדינען זיין פריינטשאַפט. ישורין האָט אין זיך גוטע יידישע שטריכן.

מיט זיינע יידישע שטריכן, מיט זיינע עכט יידישע שטריכן, פאַרדינט ישורין טאַקע דעם סימבאָלישן יידישן נאָמען, אַלס פאָלק צייכנען זיך יידן אויס מיט זייער האַרטנעקיקייט. דאָס פאָלק „ישורין" איז אַן עם קשה עורף", אַן עקשנותדיק פאָלק, און דער מענטש ישורין איז אַ טרייער זון פון זיין פאָלק. ער האָט אַ גרויסע מאָס פון אָט דער יידישער מידה. נעמט זיך ישורין פאַר עפּעס, וועט ער זייער האַרטנעקיק אַרבעטן ביז ער וועט עס דערגרייכן.

טראָץ דעם וואָס ישורין האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַ האַלב אַסימילאַטאָרישער סביבה, ווייט פון יידישקייט, איז אָבער זיין פאַמיליע אויסגעבונדן און אויסגעקנאָטן מיט יידישן יחוס. רופן רופט מען אים יעפים, אָבער זיין אמתער נאָמען איז חיים, און שטעלט זיך פאַר, אָט דער יעפים־חיים איז אַ נאָמען נאָכן גאון ר' חיים קאָרעליצער. אין דער עכט יידישער פאַמיליע זיינען דאָ גאונים, רבנים און נכבדים. אַ גרויסע ראָלע אין מינסק

האָט געשפּילט ר׳ ישראל מיכל ישורין, אַ ייד אַ גאון, אָט דער רבי ישראל מיכל ישורין איז געווען יעפּימס אָן עלטער זיידע, זיין פאָטערס זיידע.

אין אַ פּריוואַטן בריף שרייבט חייקל לונסקי, דער ביבליאָטעקאַר פון סטראַשונס ביבליאָטעק, וועלכער האָט זיך געשאַפט אַ נאָמען מיט זיין שילדערונג פון דער ווילנער געטאָ, פאָלגענדע ווערטער (דער בריוו אַדרע־סירט צו יעפּים ישורין, „עס פריידט מיך אויך זייער, וואָס איך האָב דעם כבוד צו שטיין מיט אייך פאַרבונדן, דעם אייניקל פון ווילנער גרויסן נכבד ר׳ יעקב באַרעל״. דער „אַסימילאַטאָר״ יעפּים האָט גראָד גרויס הנאה ווען עס קומט צו ריידן וועגן יחוס פון זיין יידישער פאַמיליע...

מיט זיין גאַנצן וועזן איז ישורין אַ ריכטיקער ייד. ער האָט אויך געפילט גענוג געוואַנדערט, ווי אַ ייד. איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע, איז ער געווען אין וואַרשע, אין קאָסטיוקאָוויטש (קליעמאָוויטשער אויעזד, מאָהילעווער גובערניע). ער האָט געאַרבעט אין ריגע אַלס פאַרמאַצעווט, דערנאָך ווידער אין ווילנע. אין יאָר 1906 האָט ער פאַרלאָזן ווילנע און געפאָרן נאָך פּאַריזש. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז ער אָנגעקומען דעם 13טן יאַנואַר 1907.

אויך אין אַמעריקע האָט ער אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אַלס פאַרמאַ־צעווט.

אין אַמעריקע איז ישורין געוואָרן טעטיק אין אַרבעטער־רינג. ער איז פריער געווען אַ מיטגליד פון ברענטש 200, אָבער אים האָט געצויגן צו לאַנדסלייט, צו ווילנע, די געבורט־שטאָט, וואָס איז אים אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין בר. 367, וואו ער איז געוואָרן זייער טעטיק.

די טעטיקייט פון ישורין איבערשטייגט אָבער די גרענעצן פון זיין ברענטש, וואָס איז אַגב, דער גרעסטער ברענטש אין אַרבעטער־רינג. ישורין האָט געשפּילט און שפּילט נאָך איצט אויך אַ גרויסע ראָלע אין דעם גאַנצן אַרבעטער־רינג. אין דעם קאַמף פון יונגע און אַלטע, אין דער ווינטרויב־אַפּערע, אין דער 5־נער קאָמיטע, אין דער פראַטוירנאַל פּעיטס קאַמף, אין דעם קאַמף פון לינקע און רעכטע, אין אַלע אַנדערע וויכטיקע פראַגן פון אַרבעטער־רינג, האָט ער געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָלע.

פאַר 3 יאָר צייט, פון יאָר 1912 ביז דעם יאָר 1915, איז ישורין געווען אַ מיטגליד פון דער קאָנטראָל קאָמיטע. ער האָט באַקליידט דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דער קאָנטראָל קאָמיטע. בלויז דורך זיין אַק־טיוויטעט האָט די קאָנטראָל קאָמיטע געקראָגן מאַכט און איינפלוס. זייערע אַלע קאָנאָנען האָבן די יונגע געצילעוועט קעגן די קאָנטראָל קאָמיטע, די פעסטונג פון יעפּים ישורין.

אויף דער שיקאַגער קאָנווענשאָן אין יאָר 1915, איז ישורין אויסגעווײלט

געוואָרן אין דער קאָנסטיטושאָן רעוויזיאָנס קאָמיטע, אָט די קאָמיטע וואָס דאַרף פון צייט צו צייט רעווידירן די קאָנסטיטוציע פון אַרבעטער־רינג. און צופּאַסן איר צו די באַדערפניסן פון דער צייט.

ישורין צייגט זיך אַמשטאַרקסטן אַרויס ניט אַזוי אין אַקאַדעמישע פראַגן, נאָר אין פּראַקטישע פראַגן פון טאָג. ער לעבט אויף אין קאַמף און אַ שאַרפן שווערן קאַמף איז אים אויסגעקומען צו פירן אין די יאָרן 1915־1916 און 1916־1917. ער האָט דעמאָלט פאַרטראָטן דעם סטייט ניו־יאָרק אין דער „נאַציאָנאַלער באָארד פון דירעקטאָרס". ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון אָט דער קערפּערשאַפט אין יענע יאָרן.

אויף דער 16טער קאָנווענשאָן וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בראָנזווילער לייבאָר לייסעאום אין יאָר 1916, פון 2טן ביז דעם 8טן מאַי, איז ער געווען פון די הויפּט־פיגורן, וועלכע האָבן ליקווידירט דעם פאַר־צויגענעם קאַמף צווישן יונגע און אַלטע.

אין דעם יאָר 1919 איז ישורין געווען דער פאָרזיצער פון דער אָפיס־קאָמיטע. אין יאָר 1920 האָט ער דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל אויף דעם לייטער פון אַרבעטער־רינג טעטיקייט. ער איז געווען דער פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג. ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון פּרעזידענט אין אַ היסטאָרישן יאָר פאַרן אַרבעטער־רינג.

אין דער היסטאָריע פון אַרבעטער־רינג איז פאַר פילע יאָרן געשטאַנען אויפן טאָג אָרדנונג די „מאַסאַטשוזעטס אַפּערע". אָט די אַפּערע האָט צו פאַרצייכענען הייסע קאַמפן און פיל ביטערע בלוט. צוליב דער „מאַסאַ־טשוזעטס אַפּערע" זיינען אַפילו איבערגעגעבענע מיטגלידער געזעסן אין טורמע. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם וואָס לויט דער סיסטעם פון צאָלונגען האָט דער אַרבעטער־רינג ניט געקאָנט ווערן לעגאַל אין מאַסאַ־טשוזעטס. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן אַנדערע אַרבעטער־אָרדענס, ווי דער „אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג" און די „לייבאָר ליג". די איבערגע־געבענע מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג האָבן אָבער געשטרעבט צו איין אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע.

אין יאָר 1920, נאָכדעם ווי דער אַרבעטער־רינג האָט אָנגענומען די סיסטעם פון „פּראָטווירנאַל רעיטס", איז דער אַרבעטער־רינג געוואָרן לעגאַל אויך אין מאַסאַטשוזעטס און עס איז שוין ניט געווען קיין אורזאַכע אַז עטלעכע אַרבעטער־רינגס זאָלן עקזיסטירן.

דער אַרבעטער־רינג איז געוואָרן לעגאַל אין מאַסאַטשוזעטס אין דער צייט, וואָס ישורין איז געווען פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג. עס האָט געזאָלט זיין אַן אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, אין יאָר 1921, נאָר מען האָט פאַררופן אָט די קאָנווענשאָן אין באָסטאָן. אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט זיך דער אַרבעטער־רינג פאַראייניגט

מיט דער לעיבאָר־ליג. אויף יענער קאָנווענשאָן איז אויך אויסגעשטרעקט געוואָרן אַ האַנט צו דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג. מיטן „אינדעפּענ־דענט" איז די פאַראייניקונג דורכגעפירט געוואָרן ערשט אין יאָר 1932. דער פונדאַמענט פאַר דער פאַראייניקונג איז אָבער געלייגט געוואָרן אין יאָר 1921, ווען ישורין איז געווען פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג.

ישורין איז טעטיק אין אַרבעטער־רינג אַפילו ווען ער פאַרנעמט ניט קיין אָפיציעלן אַמט. מיינסטנס האָט ער אָבער פאַרנומען הויכע עמטער אין אַרבעטער־רינג. אין די יאָרן 1927, 1928, 1929 איז ער געווען וויצע־פּרעזידענט פון פיונעראַל קאָנטראָל קאָמיטע, אַ מיטגליד פון אָט דער קאָמיטע איז ער אויך געווען אין יאָר 1930. אין די יאָרן 1931—1932 איז ער ווידער געווען פאָרזיצער פון דער קאָנסטיטושאָן רעוויזאָנס קאָמיטע. איצט דאַרף קומען די 35טע יובילעאום־קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון 35 מיטגלידער די קאָנווענשאָן צו אַראַנזשירן. דער פאָרזיצער פון אָט דער קאָמיטעט איז ישורין.

אויסער זיין טעטיקייט אין אַרבעטער־רינג איז ער אויך טעטיק אין פאַרשיידענע צווייגן פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג.

ישורין איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער „צוקונפט פּרעס פעדריי־שאָן", איידער די „צוקונפט" איז אַריבער צום „פאָרווערטס". ער איז געווען טעטיק אין דער גרויסער אַרבעטער הילפס־אַקציע אין פּיפּלס רעליף. ער איז געווען דער אַראַנזשירער פון אַ סאָציאַליסטישן טור נאָך אייראָפּאַ און איז אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין אַ דעלעגאַט צום אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין וויען אין 1931.

פון דעם יאָר 1918 ביז 1922 איז ישורין געווען דער פאַרוואַלטער פון „נאַטוראַליזיישאָן עייד ליג", אָט די ליג, וואָס העלפט מאַכן אַרבעטער פאַר אַמעריקאַנער בירגער. פון דעם ערשטן יולי 1922, איז ער פאַרבונדן מיט דעם אָפיס פון דער גרעסטער יידישער צייטונג פון דער וועלט, פון „פאָרווערטס". ער פאַרנעמט דעם וויכטיקן אַמט פון קאַסירער.

פיל ענערגיע און אַרבעט האָט ישורין אויך אַוועקגעגעבן פאַר זיין געבורטס־שטאָט ווילנע. ער איז טעטיק אין אַלע הילפס־אַקציעס פון ווילנע. זיין טעטיקייט פאַר ווילנע איז אָבער אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך.

בילד פאָטאָגראַפירט אויף דער קאָנפערענץ פון ניו־יאָרקער שטאָטישן קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, נאָוועמבער 3, 1963, ווען דער איצטיקער פרעזידענט פון אַרבעטער־רינג האָט אויסגעדריקט אָנערקענונג צו די געוועזענע פרעזידענטן פון אַרבעטער־רינג.

פון רעכטס צו לינקס: נחום כאַנין, ישראל ברעסלאָוו, דזשייקאָב ט. צוקערמאַן — איצטיקער פרעזידענט, יעפים ישורין און יחיאל עבעריל.



בילד פון געוועזענע פּרעזידענטן פון אַרבעטער־רינג, גענומען אויף דער 50טער יובל־קאָנווענשאַן אין ניו־יאָרק.
רעכטס צו לינקס: ס. יאָנאַס, מ. דאַווידאָף, ר. גוסקין, יעפים ישורין, ג. כאַנין און י. וויינבערג.

פּרעזידענטן פון אַרבעטער־רינג

וועלכע זיינען געווען און זיינען איצט מיטגלידער פון קלוב

גאָלדין, הערים	1908-1905
וויינבערג, יוסף	1909-1908, 1925-1923, 1930-1927, 1935-1932, 1939-1937, 1943-1941
בולגאַטש, שבתי	1911-1909
דייווידאָף, מאיר	1913-1912
יאָנאַס, סעמיועל	1915-1913
עפּשטיין, אב.	1920-1916
ישורין, יעפים	1921-1920, 1950-1946
גוסקין, ראובן	1923-1921, 1937-1936, 1941-1939, 1946-1943
פיינערמאַן, נפתלי	1927-1925
כאַנין, נחום	1932-1930, 1936-1935
אַרקין, לעאָן	1953-1950
עבעריל, יחיאל	1954-1953
זוקערמאַן, דזשייקאָב ט.	1958-1954, 1964-1962
ברעסלאַוו, ישראל	1962-1958

הערים גאָלדין

שבתי בולגאַטש


אַברהם עפּשטיין

נפתלי פיינערמאַן

לעאָן אַרקין (אריה לייב)

יעקב ט. זוקערמאַן

ישראל ברעסלאַוו

יחיאל עבעריל

סעקרעטאַרינס פון ניו־יאָרקער פרויען קלוב

מרס. בעסי דריישפּיל
ערשטע סעקרעטאַרין



מרס. בערטאַ קאַהן
צווייטע סעקרעטאַרין

מרס. מיטצי ישורין
דריטע סעקרעטאַרין

מרס. סאָניאַ אַדלער
איצטיקע סעקרעטאַרין

מרס. איוואַ דאַן
איצטיקע פרעזידענטין

מיינונגען און אָפּשאַצונגען

וועגן קלוב

ד. אייזנבערג
א. בלאָק
מ. וו. בערנשטיין
מ. גאָלדאָווסקי
ב. געבינער
ר. געבינער
מ. ל. האָפמאַן
א. הערשקאָוויטש
נ. ווינדמאַן
ה. זיגאַס
ב. טאַבאַטשינסקי
ז. יעפרויקין
י. לעווין־שאַצקעס
ש. מילמאַן

י. מלאָטעק
מ. י. מערלין
פ. סאָבאָטקאַ
ל. סילווער
י. סיגעל
פּ. עפּשטיין
י. פאָגעל
ה. פישער
מ. קאָוולער
ה. רובינסקי
ס. רעגענסבערג
מ. שאַפּיראָ
י. שמולעוויטש

דוד אייזענבערג (באָסטאָן מאַסס.)

„זקנים" וועלכע סימבאָליזירן מיט זיך טרייע חברשאַפט

דער שטורעם איז אויסגעבראָכן ביי דער קאָנ־וועגשאָן אין ניו־הייווען, קאָנעטיקוט, אין מאַי 1914. ביי יענער קאָנווענשאָן איז אַרויסגעטראָטן אַ גרופּע, וועלכע האָט זיך גערופן די „יונגע" אין אַרבע־טער־רינג. דאָס זיינען געווען מיטגלידער וועלכע האָבן געשטרעבט איבערצונעמען די פירערשאַפט אין דער אַרבעטער־רינג.

זייער פּראָגראַם — אויב מען קאָן עס אַזוי אָנרופן — איז באַשטאַנען: יונג בלוט אין דעם אַרבעטער־רינג פירערשאַפט. קיין אידעען־קאַמף איז עס ניט געווען, כאָטש זיי האָבן געהאַט אין זייערע רייען אַ היפּש ביסל סאָציאַליסטן, גוטע טרייד־יוניאָניסטן און אַ היפּש ביסל פאַרפירטע איג־טעליגענטן. הגם דאָרט זיינען געווען, ווי געזאָגט, אידעאַליסטן און באמת איבערגעגעבענע מיטגלידער, זיינען זיי אָבער דאָך ניט געווען פון דעם קאַליבער וואָס עס דאַרף פאַרמאָגן די פירערשאַפט פון אַרבעטער־רינג, וועלכער איז דאַן געגאַנגען פאָרויס מיט ריזן־טריט אין וואוקס און אייג־פלוס. עס איז געווען די צייט, ווען מען האָט געמוזט צוגרייטן דעם אַר־בעטער־רינג צו שפּילן די גרויסע ראָלע אין דעם לעבן פון דער וואָק־סענדער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין וועלכער דער אַרבעטער־רינג האָט טאַקע שפּעטער פאַרנומען אַן אָנפירענדע ראָלע פאַר העכער אַ האַלבן יאָר הונדערט.

ניט קענענדיק דערגרייכן זייערע אַמביציעס אויפן נאָרמאַלן וועג, אין הסכם מיט דער אַרבעטער־רינג קאָנסטיטוציע, האָבן זיי זיך פאַרנומען אויף דער טאַקטיק פון אָפּברעכן מיטינגען. באַשולדיגונגען און באַשמוצן די פירערשאַפט. דאָס האָט געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן. עס איז געווען אַ געפאַר אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל פון דעם שטאַרק ליידן און פיל־לייכט צוברעכן ווערן.

דאָן איז געגרינדעט געוואָרן דער „זקנים קלוב״. פון די וועלכע האָבן געהאַלטן מיט דער פּאַרוואַלטונג.

אָנגעהויבן האָבן זיין „די יונגע״, מיט דעם וואָס זיי האָבן דעם גענאָסע אַברהם קאַהאַן ניט געלאָזט באַגריסן די קאָנווענשאַן. זיי האָבן פּאַקטיש אָפּגעבראָכן די דערעפענונג פון דער 14טער קאָנווענשאָן אין ניו־הייווען.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען די ערשטע זיצונג איז געעפנט געוואָרן פון סעקרעטאַר פון אָפּיס. אונטער געשרייען און טומל איז קוים מיט צרות געלונגען אויסצווויילן די באַאַמטע פאַר דער זיצונג, אָבער ווייטער איז עס ניט געגאַנגען. אַזוי שנעל ווי עמעצער פון דער עקזעקוטיווע האָט געוואָלט באַריכטן איז גלייך געוואָרן אַ שטורעם, די סאָדע־פלעשלעך האָבן געפויקט אין די לאַנגע הילצערנע טישן, אַז מען האָט געקאָנט טויב ווערן. וועגן ווייטער פירן די קאָנווענשאָן האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

ביי דער זיצונג איז אָבער דאָך געלונגען צו קומען צו אַ קאָמפּראָמיס, אַז אַ קאָמיטע פון 3 זאָל געוויילט ווערן אויסהערן די קריוודעס און אַריינברענגען אַ רעזאָלוציע, וועלכע זאָל זיין צופרידנשטעלדיק פאַר ביידע צדדים. אין דער קאָמיטע זאָלן אריין איינער פון יעדן צד. און אַן אומ־פּאַרטייאישער, דאָס איז דערוויל געווען צופרידנשטעלענד.

אין דער קאָמיטע זיינען אַריין סעמיואל יאַנאַס, וועלכער האָט דאַן סימפּאַטיזירט מיט די „יונגע״. ער איז יענעם יאָר געווען דער פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג און אויך דער שרייבער פון דאָזיקן אַרטיקל אַלס דער אומפּאַרטייאישער. איך בין געווען אַ פּאַרטערנאַלד דעלעגאַט פון לייבאָר ליג, פון מאַסאַטשוזעטס.

צו דער צווייטער יצונג איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן און געמאַכט מעגלעך אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פון דער קאָנווענשאָן.

נאָך דער זיצונג איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרופּע פון פּאַראַנט־וואָרטלעכע פירער פון אַרבעטער־רינג צו באַטראַכטן די לאַגע.

יענעם אויף דער נאַכט, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ צוזאַמענקונפט פון אַ קליינער גרופּע דעלעגאַטן אין הויז פון פאַרשטאָרבענעם גענאָסע, מאָריס רייס, פון ניו־הייווען. דאָרטן איז אָפיציעל אָרגאַניזירט געוואָרן דער „קלוב״. אַזוי ווי די אָפּאָזיציאָנערן האָבן זיך גערופן די „יונגע״, האָבן די זיך אַ נאָמען געגעבן דער „זקנים־קלוב״, איר פאַרשטייט די איראָניע — מיט 50 יאָר צוריק זיינען מיר שוין אַלע געווען „אַלט״...

די ראָלע וואָס די „זקנים״ האָבן געשפּילט צו ראַטעווען דעם אַרבע־טער־רינג פון אונטערגאַנג, און איך זאָג עס מיט מיין גאַנצער ערנסט־

קיט, איז אַ העראָישער. אויב דער אַרבעטער־רינג איז היינט דער גרויסער און וויכטיקסטער יידישער אַרבעטער אָרדען. איז דאָס צו פאַרדאַנקען אונזער „קלוב״ — היינט דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״.

מיט די „יונגע״ זיינען מיר שנעל פאַרטיק געוואָרן. עס האָט זיך אַ ביסל געטומלט אָבער עס איז פון זיך אַליין געשטאָרבן. די גרויסע געפאַר איז איצט געוואָרן דער קאָמוניזם. דאָס זיינען שוין געווען געווויסענלאָזע מענטשן, ביי וועמען קיין זאַך איז ניט געווען הייליק. דער באַוואוסטער אַרטיקל פון אָלגין — „זאָל מען אונדז האַסן״ — האָט אָפן דערקלערט קריג דעם אַרבעטער־רינג, דער סלאָגאַן: „קאָנטראָלירט אָדער צעברעכט״, איז פּראַקטעצירט געוואָרן פון יענע הפקר־יונגען אויף אַלע געביטן פון אונזער אַרבעטער־רינג. דער אַרבעטער־רינג האָט זיך גענויטיקט אין יעדענס הילף, כדי זיך קעגען באַשיצן פון זייערע אָנפאַלן. די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַרנומען צו פאַרכאַפּן ברענטשעס, דיסטריקט־קאָמיטעט אַרבע־טער־רינג צענטערס, שולן און אַנדערע אינסטיטוציעס. צום סוף האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן דעם גאַנצן אַרבעטער־רינג. זיי האָבן געגעבן אַן אולטימאַטום דער נאַציאָנאַלער באָארד און דירעקטאָרן, וועלכע האָט דאַן אין 1927 געהאַלטן אירע זיצונגען (איך בין דאַן געווען אַ מיטגלידער פון דער באָארד און דירעקטאָרס) — אַז אויב דער אַרבעטער־רינג וועט ניט אָננעמען די קאָמוניסטישע תורה וועט מען מאַכן אַן אָרגאַניזאַציע אין אַרבעטער־רינג, וואָס וועט אים פאַרניכטן.

דאַן איז געקומען די ריכטיקע פּראָבע פאַרן קלוב. מיטינגען זיינען גערופן געוואָרן אויף די דירעקטיוון פון קלוב, די מיטגלידער און פירער פון די לאָקאַלע קלובן איבערן גאַנצן לאַנד זיינען אויפגעקלערט געוואָרן, וואָס די קאָמוניסטן קלייבן זיך צו טאָן און אין אייניגע שטעט האָבן טאַקע שוין ברענטשעס באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין דער „אַרבעטער־רינג ליג״, די אָרגאַניזאַציע וואָס האָט עס געדאַרפט איבערנעמען די ברענטשעס אין נאָכער די גאַנצע אָרגאַניזאַציע.

די באָארד און דירעקטאָרן נעמט אָן אַ רעזאָלוציע אינסטרואירן די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע ; אויסצושליסן יעדן מיטגלידער פון אַ ברענטש וואָס וועט שטימען פאַר אָנשליסן זיך צו דער „אַרבעטער־רינג ליג״, די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט געאָרדערט ספּעציעלע מיטינגען פאַר די מיטגלידער, צו ווייזן וואו זיי שטייען, מיטן אַרבעטער־רינג, אָדער מיט די קאָמוניסטן.

דאָ האָט דער קלוב געשפּילט די הויפּט־ראָלע. מען האָט געדאַרפט ראַטעווען די ברענטשעס און אַזוי פיל מיטגלידער ווי מעגליך. מען פלעגט אונדז רופן די „בויעלעך״, אָט די „בויעלעך״ האָבן זיך אַריינגעוואָרפן צו באַקעמפן די קאָמוניסטישער פעסט, וואָס האָט געפרעסן אונזער קערפּער.

אין די מאַנאַטן האָבן די „זקנים" באַוויזן ניט נאָר, אָפּצוראַטעווען אונדזער באַליבטן אַרבעטער־רינג נאָר אויך ליקווידירט די קאָמוניסטישע געפאַר. 8000 מיטגלידער זיינען סוספּענדירט געוואָרן. זיי זיינען אמת נאָכער געקומען זיך בעטן מען זאָל צוריק אַריינעמען. זיי זיינען אָבער פאַרבליבן אויסער דעם אַרבעטער־רינג.

דעם גרעסטן דאַנק קומט אונדזער טשיף, יעפים ישורין, אָן אים וואָלט ניט געווען מעגלעך צו אויסראָטן די קאָמוניסטישע מגיפה; עס האָט זיך געפאָדערט פירערשאַפט און אומדערמידלעכע אַרבעט. איך זאָג עס אָן קאָמפּלימענטן, איך וויים ניט פון נאָך איינעם אין אַרבעטער־רינג, וואָס וואָלט געקאָנט אויסאיבן אַזאַ צוטרוי און איינפלוס אויף אונדזער מיט־גלידערשאַפט ווי פר. ישורין. און ווען מיר רעדן וועגן 50 יאָר קלוב און זיין גרויסע ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט צו פאַרטיידיקן דעם אַרבעטער־רינג פון אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים, קאָן מען ניט אָפּטיילן אָדער גרינגשעצן די אומגעהויערע ראָלע וואָס אונדזער טשיף האָט געשפּילט.

באַגריס איך אונדזער „קלוב" און אונדזער טשיף. דאָן די „זקנים", איצט דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב". עס זיינען מער ניטאָ קיין קאַמפן, עס איז „חברשאַפט" — דאָס איז דער אמתער אויסדרוק פאַר אונדזער אונדער־מידלעכע און צופרידנשטעלענדע אַרבעט פאַר אונזער אַרבעטער־רינג.

אַברהם בלאַק
מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ

אַ באַגריסונג פון איינעם וועלכער בענקט נאָך אַלע אַלטע פריינד!

חשובער און ליבער פריינד יעפים ישורין!

איך דאַנק אייך פאַר געבן מיר אַ געלעגנהייט צו זאָגן עטלעכע ווערטער צו דעם יום־טוב, פופציק יאָר „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב", הגם איך בין שוין דאַן געווען אין אַרבעטער־רינג, בין איך אָבער געוואָרן אַ מיטגליד אין קלוב שפּעטער. מיר, די עלטערע מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג, געדענקן גוט די מיינונגס־פאַרשידענהייטן אין די ערשטע יאָרן פון אונזער עקזיסטענץ, דאָס האָט אָבער קיין שאָדן ניט געבראַכט, דער אַרבעטער־רינג איז געוואָקסן און געבליט, מיר זיינען אַלע געווען געטריי, און איבערגעגעבן ווי אונזער גרויסער

פּאָעט אַבּרהם ליעסין, האָט געזונגען: „מיר האָבן די היימישע פלאַמען פון יענער זייט ים אַהער געבראַכט".

מיט גאָר גרויס באַגייסטערונג האָבן מיר זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. דער אַרבעטער־רינג איז ביי אונזער עמיגראַנטן־דור געוואָרן אַ היילִיקטום, דאַן זיינען געקומען די קאָמוניסטן, און אָנגעהויבן צו ברעכן דעם אַרבעטער־רינג, די יוניאָנס, און די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז קיין צווייפל ניט אַז ווען ניט די פּירער פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב", מיט זיינע איבערגעבענע טוער אין גאַנצן לאַנד, וועלכע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף קעגן די אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים פון אַרבעטער־רינג און דער באַוועגונג, וואָלט די לאַגע געווען אַ טרויע־ריקע. אַ דאַנק דעם קאַמף זיינען מיר פון די קאָמוניסטן פּטור געוואָרן, און דאָס איז איינע פון די גרויסע פאַרדינסטן פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב"...

איך באַגריס האַרציק די פּירער, און מיטגלידער פון קלוב, און וויל האָפן, אַז די אַרבעט וועט מיט דערפאָלג פאָרגעזעצט ווערן פאַר נאָך לאַנגע־לאַנגע יאָרן.

זייט אַלע געזונט.

מרדכי וו. בערנשטיין

דער ריכטיקער יובל

איך וויל ראשית אויסטייטשן דעם זין פון קעפּל פון אַרטיקל, וואָס מיינט עס דער „ר י כ ט י ק ע ר" יובל. צי איז אויך פאַראַן אַ ניט־ריכטיקער יובל?

דאַרף מען דאָ טאַקע זאָגן, אַז מען האָט ביי יידן אָנגעהויבן אָנצורופן מיטן אויסדרוק י ו ב ל יעדע „קיילעכדיקע" דאַטע: עס איז דער צען־יאָריקער יובל זינט עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיי־נען אַ געוויסע צייטונג; עס איז אַ 15 יאָריקער יובל, זינט עמיץ האָט באַקומען אַ געוויסן געזעלשאַפט־לעכן אַמט; מיר האָבן אַ יובל פון 25 יאָר, פון דרייסיק יאָר און אַזוי כסדר. דער עולם, און דאָס מאָל דווקא ניט דער עולם־גולם, גיט זיך גאָרניט אָפּ קיין חשבון, אַז מען באַנוצט דאָ אַ ניט־ריכטיקן אויסדרוק, ווייל דער ריכטיקער י ו ב ל מ י י נ ט פ ו פ צ י ק, און טאַקע פופציק יאָר.

צום ערשטן מאָל ווערט דאָס וואָרט יובל ביי יידן באַנוצט אין חומש בעת דער געלעגנהייט ווען עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דאָס געזעץ פון שמיטה צו יעדע 7 יאָר. נאָך זיבן מאָל זיבן, קומט דער יובל, דאָס פופציקסטע יאָר, וואָס איז געווען אַ מין מאַראַטאָריום יאָר פאַר די וואָס האָבן דערוואָרבן פרעמדן באָדן, געווען פאַרשקלאַפט אאַ״וו.

מיר ווען דאָ טאַקע ברענגען, אין יידישער איבערזעצונג, דעם דאָזיקן געזעץ. אין חומש ויקרא, קאַפּיטל כ״ה, פסוקים 10 און 11 זאָגט זיך:

...„און איר זאָלט הייליקן דאָס פופציקסטע יאָר, און אויסרופן אַ פריילאָזונג אין לאַנד פאַר אַלע אירע באַוואוינער. יובל זאָל עס זיין. און איר זאָלט זיך אומקערן איטלעכער צו זיין איינגנטום, און איטלעכער צו זיין משפחה זאָלט איר אייך אומקערן. אַ יובל זאָל דאָס פופציקסטע יאָר אייך זיין...״

אָט דאָס איז די געשיכטע און אָפּשטאַם פון יובל. האָט מען ביי אונדז אָנשטאָט די דאַטע פופציק אָנגעהויבן זיך צו באַנוצן מיטן דאָזיקן אויסדרוק אויך ביי אַנדערע „קיילעכדיקע״ דאַטעס.

האָב איך טאַקע געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז דאָס מאָל, ביי דער היינטיקער דאַטע פון דעם יום־טוב פון פופציק יאָר עקזיסטענץ פון קלוב איז עס טאַקע דער ריכטיקער, דער ניט־געפעלשטער יובל.

אָבער דאָס איז געווען נאָר אַ מין אַגב־אורחדיקע, אַ פאַרבייוועגס באַמערקונג. איך האָב זיך געוואָלט אָפּשטעלן אויף אַ געוויסן פּרט צו דער טעטיקייט פון דעם „קלוב״, צו זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, ברענגען אַ פּאָר ביבליאָגראַפישע נאָטיצן.

איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט די אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אינעם איצטיקן יובל־בוך. כמעט ביי אַלעמען קומט צו אויסדרוק אַ מאָדנע באַוואָרעניש: „מען האָט וועגן אונדז געמיינט, אַז מיר זענען עפּעס אַ געהיימע, אַ מיסטעריעזע אאַ״וו אָרגאַניזאַציע...״ גאָר אָפּט הערט זיך דאָ און דאָרטן אַ מין „פאַרענטפערונג״...

וויל איך זאָגן, אַז אויך ביי מיר, אַ „גרינער שבעגרינע״, איז געווען דער איינדרוק, אַז דער „זקן״ פון אַמאָל און דער „קלוב״ פון היינט איז געווען, רעדנדיק שוין מיט אַ גאָר באַשיידענעם טערמין, אַ מין „שאָטן־קאַבינעט״ פון דעם אַרבעטער־רינג... אַז די ריכטיקע פּאָליטיק פון דעם אָרדן ווערט באַשטימט „דאָרטן״ אין די פאַרקאָנספּירירטע חדרי־חדרים...

פון וואַנען אַזעלכע שטימונגען און פאַרשטעלונגען — פריער פאַר אַלץ ביי דעם זייטיקן עולם און גאָר באַזונדער ביי די שונאים פון אַרבעטער־רינג — האָבן זיך גענומען ווערט קלאָר, ווען מען ווייס די ריזיקע און אָפּט אויך ריזיקאַלישע אַקציעס וואָס דער „זקן״

אין זיין צייט, און דער „קלוב" אין דעם נייעם פעריאָד, האָבן דורכגעפירט. זיכער זענען געווען געלעגנהייטן כדי „איינצואוויגן" דעם קלוב, זיינע מיטגלידער און אָנפירער, מיט אַזעלכע און אַנדערע באָבע־מעשיות.

אָבער אָט ליגן פאַר מיר די פּובליקאַציעס פון דעם קלוב. איך ווייס ניט, צי דאָס איז אַלץ, וואָס דער קלוב האָט אַרויסגעגעבן. זיי — די דאָזיקע אויסגאַבעס — צעשטערן אין יסוד די נישט־געפלויגענע און נישט־געשטויגענע געשיכטעס אַרום דעם „קלוב". אַלץ ליגט דאָ אַזוי קלאָר, אַזוי אָפן.

די פּובליקאַציעס זענען:

1. פינף נומערן „ד ע ר ז ק ן" — דערשינען ביז אַפּריל 1919.
2. איין און צוואַנציק נומערן „ח ב ר ש אַ פ ט" — אָנגעהויבן דערשיינען אַפּריל 1944 ביז יאַנואַר 1957.

די דאָזיקע ביידע פּובליקאַציעס זענען געוועזן פעריאָדישע, ביידע האָבן געהאַט דעם אונטערטיטול „אָפיציעלער אָרגאַן פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב". דער עיקר זענען עס געווען אַ מין כראָניק פון דעם קלוב, וואו עס איז געקומען צום אויסדרוק די טעטיקייטן (טאַקע אין מערצאָל) פון קלוב און פריער פאַר אַלץ איז דאָ פאַרפיקסירט געוואָרן דער פ ע ר ־ ז ע נ ל ע כ ע ר לעבן פון די מיטגלידער פון קלוב — זייערע שמחות און די פאַרלוסטן.

די דאָזיקע פּובליקאַציעס זענען געווען רעדאַקטירט מיט לייכטן הומאָר, אָפט מיט אַ סך שטעכלעקס, בייסיקע קריטיק אויף די העכסטע „טשי־נאָווניקעס" פון דעם קלוב. מען האָט ממש „געריסן פּאָסן" — אין פּראָזע, אין גראַמען און אין קאַריקאַטור, פון אַלץ און פון אַלעמען.

גראָד אָט דער טאָן, דער לייכטער הומאָר, דורכגעפלאָכטן מיט אַזויפיל שאַרפזיניקייט האָט דאָך בולט געדאַרפט צעטרייבן אַלע בייזע אויס־טראַכטענישן...

צו דער קאַטעגאָריע פעריאָדיק וואָלט מען אפשר אויך געדאַרפט צורעכענען די ספּעציעלע אויסגאַבעס צו די יובליי־דאַטעס פון דער גרינדונג פון קלוב. אַזעלכע האָב איך פאַר מיר פיר:

1. ד ע ר ז ק ן, צענטע יובילעאום־אויסגאַבע, יאַנואַר 1924.
2. ד ע ר ז ק ן, 15־יעריקער יובילעאום — 1טן יאַנואַר 1929.
3. ד ר י י ס י ק י אָ ר ח ב ר ש אַ פ ט — 2טן יאַנואַר 1944.
4. פ י נ ף א ו ן פ ע ר צ י ק י אָ ר ח ב ר ש אַ פ ט — 27 דעצעמבער 1958.

סיי די פריערדיקע, פעריאָדישע, סיי די יובילײ־אויסגאַבעס זענען בעיקר רעדאַקטירט געוואָרן דורך יעפים ישורין. אמת אויף איין פובלי־קאַציע ווערט אָנגעגעבן אַז דער רעדאַקטאָר איז מ י פ ע י ג י ר ו ש י. עס איז אָבער ניט קיין כינעזער און ניט קיין יאַפּאַנער — עס איז דער זעלביקער ישורין, מען דאַרף נאָר דעם נאָמען לייענען אויף צוריק.

עס זענען נאָך פון דעם קלוב אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ריי ספּעציעלע אויסגאַבעס באַשטימטע לכבוד געלעגנהייטן... איך וועל דאָ אויסרעכענען:

1. ד ע ר ז ק ן, ספּעציעלע ב אַ ק ס ט יובילעאום־אויסגאַבע, יאַנואַר 1920, צו זיין פופציק יאָריקן יובילעאום, וואָס איז אַגב אויסגע־פאַלן בערך צום 5 יאָריקן גרינדונג־טאָג פון קלוב.

2. ישורין יובילײ־נומער פון „ח ב ר ש אַ פ ט" אָקטאָבער 1945. צו ישורינס אַ דאָפּלטער שמחה — זעכציקסטער געבוירן־טאָג און 25 יאָרי־קער חתונה־טאָג:

3. „ח ב ר ש אַ פ ט" יובילײ אויסגאַבע לכבוד דעם 65טן געבוירן־טאָג פון י. ישורין (מאַי 1950) און 4. „ד ע ר ו ו י ל נ ע ר ב ע ל־ ה ב י ת ל" געווידמעט יעפים ישורינס פינף און זיבעציקסטן געבוירן־טאָג.

און אַחרון־אַחרון — עס דאַרף אַהער אויך צוגערעכנט ווערן דער גרויסער זאַמלבוך „אַ ר ב ע ט ע ר־ר י נ ג ב ו י ע ר און ט ו ע ר". הגם עס איז דאָרטן ניט אָנגעגעבן אַז דאָס איז אַ פּובליקאַציע פון דעם קלוב, איז עס פּאַקטיש דער אויפטו פון דעם קלוב, פריער פון אַלץ פון דעם קלוב־אָנפירער יעפים ישורין.

איך האָב נאָר אויסגערעכנט די נעמען פון די אויסגאַבעס, וואָס איך האָב געהאַט פאַר מיינע אויגן. מעגלעך, אַז דאָס איז נישט אַלץ. מען וואָלט געדאַרפט ווידמען אַ ספּעציעלע אַנאַליז־אַרבעט וועגן דעם א י נ ה אַ ל ט און דעם כ אַ ר אַ ק ט ע ר פון די פּובליקאַציעס. אין זיי שפּיגלט־זיך דאָך אָפּ דער א י נ ה אַ ל ט פון קלוב — טאַקע אין די פיל־זאָגנדיקע „מאָטאָס" ביי די קעפּלעך פון די אויסגאַבעס.

אַז מען באַקענט זיך מיט דעם אינהאַלט, מיט דעם געמיט פון די אויסגאַבעס „ז ק ן" אָדער „ח ב ר ש אַ פ ט" — פאַרשטייט מען טאַקע פאַרוואָס די ז ק נ י ם זענען געשלאָסן אין אַזאַ פעסטן בונד, ווייל ח ב ר ש אַ פ ט איז ביי זיי ניט קיין פוסטע פראַזע.

מאָרים גאָלדאָווסקי
פרעזידענט פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, נ. י.

דער נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קלוב — דער אַוואַנגאַרד פון אַרבעטער רינג



דער אַרבעטער־רינג איז אַ ליבעראַלע, ראַדיקאַלע, פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע. פאַר די 63 יאָר פון איר עקזיסטענץ, האָט זי זיך געפירט דעמאָקראַטיש. זי האָט אָבער דורכגעלעבט 2 שטורעמדיקע עפּאָכעס. איין עפּאָכע פון „יונג" און „אַלט". די צווייטע אַ געפערליכע פון לינקע און רעכטע — קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן.

ביי דער ערשטער אויפרודערונג פון „יונג" און „אַלט", איז דאַן געגרינדעט געוואָרן און אָרגאַניזירט געוואָרן דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב". אין יענער צייט מען גערופן אים „זקנים". די עלטערע מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג האָבן דאַן איבערצייגט די יינגערע, אַז זיי זיינען אומגערעכט און זיי זיינען געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס, ווייל די עלטערע מיטגלידער האָבן געוואָלט לעבן בשלום מיט דער יוגנט פון אַרבעטער־רינג. אין לויף פון די יאָרן האָבן אויך די יונגע זיך אַנגעשלאָסן אין אונזער „סאָשעל־קלוב". קיין געפאַר פאַר דעם אַרבעטער־רינג איז דער פאַרמעסט צווישן די „יונגע" און „אַלטע" אין יענער צייט ניט געווען. מען האָט דעבאַטירט, געשריען, אויסגעטוישט מיינונגען, און מען איז געקומען צו אַ פאַרגלייך און מען איז געבליבן פריינט, ווי איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם. די צווייטע שטורעמדיקע עפּאָכע איז אָבער ביי אונזער אַרבעטער־רינג געווען זייער געפערליך.

די קאָמוניסטן האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן און רעגירן מיט דעם אַרבעטער־רינג. אין יענער צייט האָט אונזער סאָציאַלער קלוב געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע. עס איז געווען אַ רעגולערע מלחמה. עס האָט געשטורעמט אין אַלע ברענטשעס און די אַלטע גוואַרדיע האָט שטאַרק געקעמפט. דער אַוואַנגאַרד איז געשטאַנען שטאָל און אייזן און פאַרטיידיקט דעם אַרבעטער־רינג. עס איז פיל מאָל געקומען צו אַ געשלעג אין פילע ברענטשעס און אונזער טשיף, פלעגט אַרויסשיקן מיטגלידער פון אונזער קלוב צו פאַרטיידיקן די רעכטע און פאַרטרייבן די לינקע.

עס שטייט מיר נאָך פאַר מיינע אויגען דער גרויסער מאַסן־מיטינג אין האַרלעם־קאַסינאָ, וואו גענ. רפאל אַבראַמאָוויטש האָט גערעדט און די קאָמוניסטען האָבן זיך אָרגאַניזירט אים ניט צו לאָזן רעדן. די מיטגלידער פון אונזער קלוב האָבן זיך פאַראייניקט מיט די דעלעגאַטן פון די פאַר־אייניקטע יידישע געווערקשאַפטן און ניט דערלאָזן די קאָמוניסטן אָפּצוברעכן אָדער שטערן דעם מיטינג. עס איז געקומען צו אַ געשלעג און מיר האָבן די לינקע פאַרטריבן.

אַ דאַנק אונזער „סאָציאַלן קלוב" האָבן די קאָמוניסטן איינגעזען, אַז זיי האָבן ניט קיין פלאַץ אין אונזער אַרבעטער־רינג. און זיי האָבן געגרינ־דעט זייער אינטערנאַציאָנאַלן אָרדן, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין לאַנג לעבן.

אין קען ניט פאַרגעסן דעם קאַמף ביי דער טאָראָנטער קאָנוועגשאָן, וואו אָלגין האָט מיט חוצפה „באַגריסט" די קאָנוועגשאָן און גענאָסע כאַנין האָט אים דאַן געענטפערט, אַז ער האָט דאָ קיין פלאַץ ניט. ליגט נאָך מיר אין זיכרון ווען אין 1925, אין מעדיסאָן־סקווער גאַרדן האָבן זיי דאַן געטראַכט צו פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג. און נאָר אַדאַנק דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" איז דער אַרבעטער־רינג געבליבן שטאַרק.

עס איז איצט געוואָרן 50 יאָר, אַז אונדזער קלוב עקזיסטירט. אַלע אונזערע מיטגלידער האָבן אַ גרויסן יום־טוב, וואָס דאַרף אויך זיין דער יום־טוב פון דעם גאַנצן אַרבעטער־רינג.

איך פערזענלעך גיב קרעדיט צו אונזער טשיף פון קלוב און אַלע מיטגלידער פאַר זייער ווי אויפצוהאַלטן דעם אַוואַנגאַרד צו שטיין פעסט און אָפּהיטן, אַז אונזער אַרבעטער־רינג זאָל ניט געשעדיקט ווערן. איך ווינטש צו דער פייערונג פון 50 יאָר, אַז מיר זאָלן דערלעבן צו פייערן 75 יאָר אַרבעטער־רינג.

זייט אַלע געגריסט

בנימין געבינער
עקז. סעקרעטאַר פון אַ.־ר.

מיר זיינען שטאָלץ מיט אונדזער פאַרגאַנגענהייט

דער גאָלדענער יובילײ פון אונזער נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ איז אַ וויכטיקע פּאַסירונג און אַ וויכטיקע דאַטע אינם לעבן פון די א.ר.־טוער.

די וואָס האָבן דעם קלוב געגרינדעט (און מיר זיינען צופרידן וואָס אייניקע פון זיי זיינען נאָך איצט צווישן אונדז), און איבערהויפּט די וואָס האָבן אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די שטורעמס און די בייזעווינטן, פאַרדינען ניט נאָר די אָנערקענונג פון דער קלוב־מיטגלידערשאַפט, נאָר אויך די אָנערקענונג פון יעדן אַרבעטער־רינג טוער, ווייל דער קלוב איז אין וויכטיקע מאָמענטן פון שטורעמדיקע פּאַסירונגען אינם אַ.ר. געווען די ראַדאַר־־סטאַנציע, וואָס האָט באַצייטנס אויפגעכאַפּט די געפאַר־סיגנאַלן פון די אָנקומענדיקע שטורעמס.

דער קלוב איז אין אַזעלכע מאָמענטן געווען די שטאַרקע פּאָזיציע דער פעסטער פעלז, דער וויכטיקער כוח, וועלכער האָט אָפּגעשלאָגן, די בייזע שטורעמס און די בייזוויליקע אָנגריפן אויפן אַרבעטער־רינג.

כאָטש אין די אָפיציעלע רעקאָרדס פונם אַרבעטער־רינג ווערט גאָרניט דערמאָנט וועגן דער וויכטיקער ראָל פונם „נאַציאָנאַל סאָציאַלן קלוב״ לטובת דער שטאַרקייט פונם א.ר., ווייסן אָבער די אַ.ר.־טוער וועגן אָט דעם בייטראָג פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ זיי ווייסן און שעצן עס, און מיט ברכות אויף זייערע ליפּן ברענגען זיי די אַנערקענונג צום גאָלדענעם יובילײ פונעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״.

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ איז אָבער נאָך עפּעס. ער איז דער פאַרבינדונגס־צענטער פון פריינטשאַפט און פון נאָענטקייט צווישן די מיטגלידער פונם קלוב, און דאָס מיינט צווישן די טוער פונם א.ר.

דער א.ר. איז דאָך געבויט אויפן באַזיס פון פריינטשאַפט, אָבער אין אַ טומלדיקן און ראַשיקן לעבן אין נ. י. איז אָפט זייער שווער אַפילו פאַר נאָענטע פריינד זיך צו טרעפן.

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ גיט די מעגלעכקייט די טוער פונעם אַ.ר. און די מיטגלידער פון קלוב אָנצוהאַלטן די פריינטשאַפט, זיי ברענגען צום אויסדרוק ביי די באַגעגנישן פונם קלוב, און קעגנזייטיק באַשטראַלן זייער ווייטערדיקן וועג פון איבערגעגעבענער טעטיקייט לטובת דעם אַ.ר.

איך בין אַ מיטגליד אין קלוב אַ היפּשע צאָל יאָרן און איך ווייס, אַז קאָלעגע און פריינד יעפים ישורין, וועלכער איז דער טשיף פון אונזער קלוב, איז דער וואָס האַלט דעם קלוב אויף דער נויטיקער הויך לטובת דעם גייסט, די פּאָליסיס, דער גאַנצקייט פון אונזער אָרגאַניזאַציע. אַזאַ פיינע און איבערגעגעבענע פירערשאַפט דאַרף און ווערט אָפּגעשאַצט.

אונזער ישורין שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אונזער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער סביבה. ער איז הײַנט צו טאָג דער אָנגעזעענסטער ביבּ־ליאָגראַף פון דער יידישער ליטעראַטור און מיר, זיינע קאָלעגן אינם קלוב, און אינם א.ר. בכלל, פילן זיך שטאָלץ מיט דעם וואָס ער איז מיט אונז.

און אונזער יעפים ישורין איז דער וואָס געדענקט אונזערע פּערזענ־לעכע יום־טובים — אונזערע געבורטס־טעג, אונזערע חתונות, אונזערע פאַמיליען יום־טובים; ער געדענקט אויך דעם פיין וואָס עס לעבט דורך אַ טוער פון אַ.ר. און זיין אָפּרוף אויף פרייד און לייד פון אַ קאָלעגע אינם נאָמען פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב” דערוואַרעמט און דערמוטיקט.

אַ גאָלדענער יובל פון אַן אָרגאַניזאַציע איז אַ וויכטיקער אָפּשניט אין אַ.ר. לעבן. דער גאָלדענער יובילײ פון אונזער קלוב איז אויך אַ וויכטיקע פּאַסירונג אין אונזער פּערזענלעכן לעבן. מיר זענען שטאָלץ מיט דער פאַרגאַנגענהייט. זאָל די פאַרגאַנגענהייט אונז דערמוטיקן פאַר דער צוקונפט.

זייט געגריסט, קאָלעגן.

רעימאָנד געבינער

די געזעלשאַפטלעכע ראָל פון אַרבעטער־רינג לכבוד דעם 50טן יובל פון אונזער קלוב



אונזער „נאַציאָנאַלער־סאָציאַלער קלוב” איז דער אָפּהיטער און וועג־ווייזער פון די טראַדיציעס פון אונזער גרויסן אָרדן און האָט זיכער גרויסע פאַר־דינסטן אין די דערגרייכונגען און דעם איצטיקן מצב פון אַרבעטער־רינג.

איך וויל פאַרצייכענען וועגן דער ראָל פון דער פירערשאַפט און דעם איינפלוס אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַלגעמיין און דער קערפּערשאַפט, מיט וועלכער איך בין פאַרבונדן — דעם „ה אַ י אַ ס”.

די ערשטע באַמיאונג צו גרינדן אַ פאַראיין איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1871, ווען עס איז דעמאָלט אין איסט בראָדוויי

געגרינדעט געוואָרן די „אידישע אימיגראַנטן אַרבעטער אינסטיטוציע" און מיט צוויי יאָר שפּעטער, אויף דער איניציאַטיוו פון ערשטן אָרגאַניזער, י. ק. בוכנער, איז געשאַפן געוואָרן דער „אידישער האַנטווערקער פאַראיין" און וועלכער האָט אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די נײַ־געקומענע און זיי געהאָלפן אין זייערע פּראָבלעמען און נויטן, ווי דאָס האָט מיט יאָרן שפּעטער געטאָן דער אַרבעטער־רינג. צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט מיטן אָנקומען פון שטראָם פון יונגע יידישע רעוואָלוציאָנערן האָט זיך אויף דער איסט סאַיד אַנגעהויבן די עפּאָכע פון שעפערישקייט און עס זיינען פאַרזייט געוואָרן די ערשטע קערנדלעך פון אַרבעטער־רינג און דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין די יאָרן פון 1922־1923 האָבן שטראָמען יידישע עמיגראַנטן פאַרלאָזט זייערע שטעט און שטעטלעך אין רוסלאַנד און פוילן און זיך געווענדעט צום „האַיאַס" מען זאָל זיי אַריבערברענגען צו קרובים קיין אַמעריקע.

דער אַרבעטער־רינג, וועלכער ווערט אָפט אָנגערופן „דער רויטער קרייץ" פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַ דאַנק דעם רוף פון דער פירערשאַפט ממש געראַטעוועט דעם „האַיאַס", וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן דעפיציט און געדאַרפט ראַטעווען די יידן.

יעדער מיטגליד פון אַרבעטער־רינג האָט דעמאָלט פרייוויליק בייגע־שטייערט אַ דאָלאַר און אַ סומע פון 75 טויזנט דאָלאַר איז איבערגעגעבן געוואָרן צום האַיאַס, וועלכער האָט געקאָנט אָנגיין מיט דער רעטונגס־אַרבעט.

צווישן די וויכטיקסטע טוער אין „האַיאַס", אַלס מיטגלידער פון באָאַרד אָוו דירעקטאָרס זיינען דעמאָלט געווען די פאַרשטאַרבענע: ברוך וולאַדעק, אַלעקסאַנדער קאַהן און אים צו לאַנגע יאָרן, אַדאָלף העלד.

אַ גאָר פּראָמינענטן פּלאַץ האָט פאַרנומען פריינד אַדאָלף העלד אין די יאָרן 1921—1924, אַלס דער „האַיאַס"־דירעקטאָר אין אייראָפּע און זיין הויפּט אָפיס איז געווען אין װאַרשע.

צוליב דער אויסגעברייטערטער פּראָגראַם פון הילף צו טויזנטער עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע האָט זיך האַיאַס גענויטיקט אין אַ היפּשער סומע געלט.

עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון אַרבעטער און געזעל־שאַפטלעכע פירער און צווישן זיי: יוסף באַסקין, ברוך וולאַדעק, מאַקס פּאַין, יעפים ישורין, ד"ר סילווערבערג און אַנדערע. מען האָט זיך גענויטיקט אין אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, כדי צו קאָנען אָנגיין מיט דעם פּראָיעקט. די סומע איז געשאַפן געוואָרן און איבער 137 טויזנט דאָלאַר איז געשאַפן געוואָרן צווישן די אַרבעטער־רינג ברענטשעס און יידישע

טרעיד־יוניאָנס אַ דאַנק דער מי פון די אויבן דערמאָנטע טוער פון אַרבעטער־רינג און יוניאָנס.

ווען „האַיאַס״ האָט זיך אין יאָר 1921 אַריבערגעקליבן פון איסט בראָדוויי אין דער איצטיקער געביידע, וואָס איז באַקאַנט אַלס „אַברהם אַבינוס האָטעל״ און געפינט זיך אויף 425 לאַפאַיעט סטריט, ניו־יאָרק, האָט דער אַרבעטער־רינג צום חנוכת־הבית בייגעשטייערט צען טויזנט דאָלאַר.

עס איז אויך כדאי צו באַמערקן, אַז אַ דאַנק פריינט אַדאָלף העלד און פריינט ישראל בערנשטיין, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון פאָרווערטס־אַסאָסיאיישאָן און וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אין אייראָפּע אויפצו־פּאַסן אויף די פינאַנסיעלע טראַנזאַקציעס פון „האַיאַס״, זיינען זיי ביידע געווען די, וועלכע האָבן געשאַפן די „האַיאַס״ אימיגראַנטן־באַנק אין אייראָפּע, כדי צו העלפן די עמיגראַנטן אין פּוילן, וועלכע האָבן געקראָגן געלט פון זייערע קרובים פון אַמעריקע, אַז זיי זאָלן קריגן דאָלאַרן, ווייל עס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ שווינדל אויף דער „שוואַרצער בירזשע״ און אַ סך זיינען געווען קרבנות פון די שווינדלערייען. אַ דאַנק דער איינשטעלונג פון באַנק זיינען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געמאַכט געוואָרן טראַנזאַקציעס אויף פּערציק מיליאָן דאָלאַר.

מיט קאַרגע 34 יאָר צוריק איז געקומען די נויטווענדיקייט צו פאַר־אייניקן אַלע אָרגאַניזאַציעס לטובת דעם „האַיאַס״. אַזוי אַרום איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן דער „האַיאַס״ קאָונסיל, וועלכער האָט פאַרקערפּערט דעם פאָלקס גייסט, וואָס איז סימבאָליש פאַרן „האַיאַס״ און וועלכער קומט צום אויסדרוק דורך די רייען פון די אָנגעשלאָסענע קערפּערשאַפטן.

די איניציאַטאָרן פון „האַיאַס״ קאָונסיל זיינען אין דער ערשטער ריי געווען מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג און פון די יידישע טרעיד־יוניאָנס.

אויך זיינען פאַרטרעטער פון די אויבן דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס דערוויילט געוואָרן אין דעם דירעקטאָרן־ראַט פון „האַיאַס״ און אַזוי אַרום פאַרטראָטן דעם „האַיאַס״ קאָנסיל און אָנגעהאַלטן די נויטיקע פאַרבינ־דונגען צווישן דעם „האַיאַס״ און די אַרבעטער־רינג ברענטשעס און, וואָס ווערט פאַרגעזעצט פון די איצטיקע טוער.

עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַן אַרבעטער־רינג דיוויזיע, פאַקטיש די ערשטע פון דעם מין דיוויזיעס אַרום דעם אַרבעטער־רינג, וואָס פאַר־שפּרייט דעם געדאַנק פון „האַיאַס״ צווישן די ברענטשעס און דער פאַר־שטאָרבענער אַרבעטער־רינג טוער, בען פרישוואַסער, איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער אָפּטיילונג. דער איצטיקער טשערמאַן פון דער אַרבעטער־רינג דיוויזיע פון דעם „האַיאַס״ קאָונסיל איז סעם ראָזען, וועלכער איז אויך דער פּאָרזיצער פון ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט און דער סעקרעטאַר איז יעקב בערזאָן, אַקטיווער טוער פון אַרבעטער־רינג.

ד״ר ס. סילווערבערג און נחום כּאַנין זיינען געווען מיטגלידער פון דירעקטאָרן־ראַט פון „האַיאַס״ און האָבן, ווי די אויבן דערמאָנטע, זייער פיל בייגעשטייערט, אַלס ווירדיקע שותפים אין דער אַרבעט לטובת „האַיאַס״.

דזשייקאָב ט. זוקערמאַן, דער איצטיקער פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג, איז אַ מיטגליד פון „האַיאַס״ קאָונסיל און אַ דירעקטאָר פון „האַיאַס״ און פאַרנעמט אַ פירנדע פּאָזיציע אין אונזער אָרגאַניזאַציע.

צום שלוס וויל איך איבערגעבן וועגן אַן עפּיזאָד אין כּאַנינס דערינערונגען, וואָס ער דערציילט וועגן זיין ערפאַרונג מיטן „האַיאַס״.

„ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, דערציילט כּאַנין, און מען האָט אין עליס איילאַנד מיר געשטעלט פראַגן האָב איך צווישן די ענטפערס זיי אויך אינפאָרמירט, אַז איך בין אין רוסלאַנד געזעסן אין געפענגעניש. איך האָב זיי אָבער ניט דערקלערט, אַז געזעסן בין איך צוליב רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. אַזוי בין איך אין עליס איילאַנד אָפּגעזעסן 7 טעג ביז עס האָט זיך פאַר מיר באַוויזן „אַ מלאך פון הימל״. דאָס איז געווען אַ פאַרטרעטער פון „האַיאַס״. איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע צרות און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז מען וועט מיך ניט דעפּאָרטירן. איז אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען מיר ווידער אויסגעפרעגט. ביי מיין זייט איז געשטאַנען דער „האַיאַס״־פאַרטרעטער און מיר געגעבן צו פאַרשטיין די פראַגעס און אויך געהאָלפן צו געבן די ריכטיקע ענטפערס. צום סוף האָט מיין פעטער, וועלכער איז מיך געקומען אָפּנעמען מיר געזאָגט, אַז איך בין פריי און, אַז ער נעמט מיך אַהיים.

„איבער 50 יאָר זיינען שוין פאַריבער און די פּאַסירונג איז פריש אין מיין זכרון. דעם מאָמענט, ווען די וועלט איז פאַר מיר צוריק ליכטיק געוואָרן וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. „פון דעמאָלט אָן, פאַרענדיקט פריינד כּאַנין דעם עפּיזאָד, טו איך אַלץ באַהילפיק צו זיין דעם „האַיאַס״ סיי פּערזענלעך ווי אויך דורך די רייען פון אַרבעטער־רינג. דער „האַיאַס״ פאַרדינט יעדנס הילף. איך פון מיין זייט וועל אַלע מאָל שטיצן דעם „האַיאַס״.

אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג צו פריינד כּאַנינען און צום אַרבעטער־רינג האָט דער „האַיאַס״ קאָונסיל מיט קאַרגע צוויי יאָר צוריק ביי דער יערלעכער קאָנווענשאָן פריינד כּאַנינען צו זיין 75־יאָריקן יובליי באַערט מיט אַ „סקראָל״, אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג צו אים און צום אַרבעטער־רינג. אויך האָט דער „האַיאַס״ קאָונסיל געווידמעט די יערלעכע קאָנווענשאָן, אָפּגעהאַלטן אין האָטעל קאָמאָדאָר, דעם 60־יאָריקן יובל פון אַרבעטער־רינג און איבערגעגעבן אַ שריפט צו דער פירערשאַפט פון אָרדן, אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג צו די באַאַמטע און מיטגלידערשאַפט פאַר די פילע יאָרן פון מאַטעריעלער הילף צו דער מוטער־אָרגאַניזאַציע — „האַיאַס״.

מיר זיינען אויך שטאָלץ מיטן פאַקט, וואָס דער „האַיאַס״ קאָונסיל

ציילט אין זיינע רייען די וויכטיקסטע טוער פון אַרבעטער־רינג און פון די ברענטשעס.

דערפאַר דאַרף אונזער „קלוב" זיין שטאָלץ, וואָס „האַיאַס" איז בלויז איינע פון די אינסטיטוציעס, וועלכע ווערן געהאָלפן פון אונזער אַרבעטער־רינג און, וואָס דער איינפלוס פון אונזער „קלוב"־פירערשאַפט האָט זיכער געווירקט אויפן אַקטיוו פון אַרבעטער־רינג אַנטקעגן צו קומען און באַהילפיק צו זיין די אינסטיטוציעס און אַזוי אַרום ווייטער שמידן די גאָלדענע קייט פון אונזער קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

זייט דעריבער האַרציק געגריסט צום האַלבן יאָרהונדערט פון אונזער עקזיסטענץ און לאָמיר, די מיטגלידערשאַפט פון אונזער „קלוב", פאַרזעצן די שיינע טראַדיציע פון: „אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע".

מאַנועל ל. האָפפמאַן

אַ באַגריסונג פון אַ פּראָווינציאָנעלן ייִד

ווען מען דאַרף מינדלעך באַגריסן אָדער שריפטלעך אָנשרייבן אַ באַגריסונג צו אַן אָרגאַניזאַציע אָדער אַ יחיד צו אַ יובל פון 50 יאָר (אָדער גלאַט אַ יובל) דאַרף מען קיין סך ניט טראַכטן וואָס צו זאָגן אָדער וואָס צו שרייבן. מען איז באַקאַנט מיט די אויפטואונגען פון דער אָרגאַניזאַציע; מיט די אַקטיוויטעטן פון דעם יחיד. ווען מען דאַרף אָבער שרייבן אַ באַגריסונג צו אַ קלוב, איז די זאַך אַנדערש. וואָס איז אַ קלוב? אַ גרופּע וואָס זיינען פאַראייניקט פאַר פאַרברענגונג. יעדער קלוב האָט זיך אַ געוויסע פאָרם פון אונטערהאַלטונג — אַ פריינדלעכע אָדער סאָציאַלע — אונדזער קלוב טראָגט דאָך אויך דעם נאָמען סאָציאַל — אָבער מיר זיינען אַנדערש — טאַקע אַ פריינטלעכער „סאָשעל" — אָבער אַ נאַציאָנאַלער. און דאָס שטעלט מיט זיך פאַר עפּעס אַנדערש.

איך בין אַ פּראָווינציעלער מיטגליד — ניט ווייט פון ניו־יאָרק און ווייס פון דער גרינדונג פון קלוב נאָר דאָס וואָס איך האָב געלייענט געשיכטע, און געהערט פון עלטערע מיטגלידער. מיין ערשטע אינפאָרמאַציע און באַקאַנטשאַפט וועגן קלוב גייט אַזוי ווייט ווי — 1919. איך בין דאַן געווען אַ דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאַן פון אַרבעטער־רינג, מיין ערשטע

קאָנווענשאָן. ווען איך האָב מאַרשירט מיט די דעלעגאַטן צו דעם קאָנווענשאָן־זאַל פון אַרבעטער־לייסעאום אויף הייסטינגק גאַס צו מאַטסאָניק טעמפּל, האָב איך געהערט שמועסן צווישן ניו־יאָרקער דעלעגאַטן וועגן קלוב; וועגן דעם ווי אַזוי עס וועט זיך האַלטן דער דאַמאָלסדיקער פּרעזידענט פון אַ.־ר. מיט מאיר לאָנדאָן — ביידע מיטגלידער פון קלוב. עס האָט זיך שוין געמערקט אַן אָנהייב פון אַ קאַמף צווישן „לינקע” און „רעכטע” און אַז דער קלוב דאַרף פאַרהיטן די גאַנצקייט פון אַרבעטער־רינג. ביי דער קאָנווענשאָן האָב איך פּרובירט אויסגעפינען מער וועגן קלוב, אָבער מען האָט זיך געהיט פאַר מיר. מען האָט ניט געוואוסט ווער איך בין — אַ פּראָווינציעלער ייד נאָך גאָר יונג אין אַרבעטער־רינג — דאַרף מען זיין פון דער זייט.

ווען די רייסערייען אין אַרבעטער־רינג האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך דער טאָראָנטער קאָנווענשאָן האָב איך געהערט דאָ און דאָרטן גרוסן אַז דער נאַציאָנאַלער קלוב האָט פאַר זיך געהאַט איין אויפגאַבע צו פאַרהיטן די גאַנצקייט פון אַרבעטער־רינג. ניט זייענדיק קיין מיטגליד פון קלוב האָב איך אָנגענומען די זעלבע פּאָליסי צו טאָן אַלץ מעגלעכעס אין ראָטשעסטער און סביבה אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל פאַרבלייבן גאַנץ ניט צושפּאַלטן, איך האָב בייגעטראָגן מיין חלק און עס אויסגעפירט.

מער וועגן קלוב, האָב איך אויסגעפונען ביי דער 27טן קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג אין קליוולאַנד. איך בין שוין געווען אין אַרבעטער־רינג, שוין מער געזעצטער אין די פּאָליטישע שטרייטיקייטן אין און אַרום דער אָרגאַניזאַציע און רייפער. ווערענדיק מער באַקאַנט צווישן די ניו־יאָרקער פירער און טוער (צוליב מיינע טרעפונגען זיך מיט זיי ביי שול צוזאַמענפאָרן אָדער קאָנפערענצן) האָט מען צו מיר פרייער גערעדט וועגן קלוב. אָבער אין קליוולאַנד געפין איך אויס אַז עס זיינען פאַראַן צוויי קלובן — אַן אַזוי גערופן „יונגער” קלוב און אַן אַלטער „זקן”. פאַרוואָס צוויי קלובן? וואָס איז די אויפגאַבע פון די קלובן? האָב איך ניט געקענט אויסגעפינען. ביידע ווילן אָפּהיטן די גאַנצקייט פון אַרבעטער־רינג.

ווייל איך בין אַ יונגער האָט מען מיך איינגעלאַדן צו אַ צוזאַמענקום פון די יונגע. איך בין געגאַנגען. מען האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט, איך האָב באַגריסט און מען האָט מיר פאַרשריבן פאַר אַ מיטגליד. איך האָב עס אויסגענוצט פאַר פּאָליטישע דערגרייכונגען אין דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב פאַר זיך אויך דערזען אַ מעגלעכקייט צו דערגרייכן מיין אַמביציע — מאַכן אַ„רעוואָלוציע” אין דער פירערשאַפט פון אַרבעטער־רינג, — אַז ניט בלויז ניו־יאָרק זאָל זיין די שטאָט, וועלכע דאַרף האָבן אַ פאַרטרעטער אין די נאַציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָרן פון אַרבעטער־רינג צו פאַר־

טרעטן ניו יאָרק נאָר אויך די שטעט פון דער פּראָווינץ זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו האָבן אַ מיטגליד אין דער נאַציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָרן. מיט דער הילף פון יונגן קלוב איז עס דערגרייכט געוואָרן. פון ראָטשעסטער בין איך צום ערשטן מאָל דערווײלט געוואָרן אַלס נאַ־ציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָר פון ניו־יאָרק סטייט און אַלס סעקרעטאַר, איך ביןווידערערווײלט געוואָרן נאַציאָנאַלער דירעקטאָר פאַר אַ צווייטן טערמין. מען האָט מיר געוואָלט אַריבערציען צום „זקן" אָבער איך בין ניט געגאַנגען.

פון קומען אָפּט קיין ניו־יאָרק — פון די רייבונגען וואָס עס זיינען פאָרגעקומען סיי אין ניו יאָרק סיי ביי זיצונגען פון די באָארד אָוו די־רעקטאָרן פון די צוויי קלובן וואָסביידע זיינען געווען שטאַרק פאַראינטע־רעסירט אין דעם גאַנצקייט און וואוקס פון אַרבעטער־רינג און זיינע אינ־סטיטוציעס, האָב איך געזען אַז דאָס ברענגט שאָדן דעם אַרבעטער־רינג. איך האָב מיך איבערצייגט אַז עס מוז קומען צו אַ פאַראייניקונג. איך האָב עס פאָרגעשלאָגן ביי די באָארד אָוו דירעקטאָרן און עס איז געשאַפן גע־וואָרן אַ קאָמיטעט פון דריי פון די פריינט וואָס איז באַשטאַנען; ה. בערגער, א. לאַסאָון און איך. מיר האָבן געהאַט עטלעכע זיצונגען און דורך אונדזער באַמיאונג און אונדזער אַגיטאַציע האָבן זיך די קלובן פאַראייניקט אין איין קלוב — און צום „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" מיט אָפּטיילונגען איבערן לאַנד". זיי האָבן אין אויפגאַבע — שטאַרקן דעם אַרבעטער־רינג; פאַר־גרעסערן די מיטגלידערשאַפט; אויסברייטערן זיין איינפלוס און רייכער מאַכן אים מיט אינסטיטוציעס ניט בלויז פאַר זיך נאָר פאַר דעם כלל פון אונדזער יידיש פאָלק.

ניט אַלע צוזאַמענקונפטן פון קלוב קאָן איך באַזוכן; ניט אין אַלע יום־טובים קען איך זיך באַטייליקן; נאָר די וואָס איך האָב באַזוכט — פון די וואָס איך האָב געהערט גרוסן זיינען זיי אַלעמאָל געווען אויסגעצייכנט אין אינהאַלט און פריינדלעכקייט און ברידערליכקייט. —

זאָל דער קלוב לאַנג עקזיסטירן; זאָל דער טשיף נאָך פאַר פילע יאָרן אָנהאַלטן זיין גרייטקייט צו דינען דעם קלוב; זיינע מיטגלידער און דעם אַרבעטער־רינג. אייערע פריינדלעכע באַגריסונגען צו איינצעלנע מיט־גלידער צו געבורין־טעג — און חתונה־טעג ווערן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט.

עס פאַרדריסט מיר וואָס איך קען זיך ניט דערלויבן צו קומען צום 50 יאָריקן יובל פון קלוב ווינטש איך די וואָס וועלן אָנוועזנד זיין צו פאַרברייינגען גוט, זיך באַגריסן און מיר אויך דערמאָנען.

אב. הערשקאָוויץ

אונדזערע פּרעזידענטן און דער טשיף

(פעליעטאָן)

אונדזער קלוב קען זיך באַרימען, אַז אין פאַר־לויף פון די 50 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט ער געהאַט פּרעזידענטן פון וועמען מיר האָבן נישט געהאַט קיין בושה, זיי האָבן זיך אויפגעפירט לייטיש, ווי אמתע דיפּלאָמאַטן.

אונטער זייער אַדמיניסטראַציע זענען נישט פאָר־געקומען קיין שום פּאָליטישע סקאַנדאַלן און אינ־טריגעס, וואָס זאָלן אונדז האָבן פאַרשאַפט עגמת־נפש. דאָס זענען געווען שטילע, באַשיידענע מענטשן, וועלכע האָבן אָפּגעהיט דעם כבוד פון אונדזער אָרגאַ־ניזאַציע, און קיינעם נישט געטשעפּעט...

אין דער גאַנצער וועלט — ביי די גרויסע פעלקער — האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז פאַר גאַנצע 50 יאָר זאָלן נישט פאָרקומען אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן צוליב אַ פּרעזידענט פון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וואָס זאָל נישט האָבן פאַרקאָכט אַ קאַשע מיט אַ סטעיטמענט, וואָס האָט געשאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלן קריזיס. אָן אויסנאַם איז אָבער אונדזער „אימפּעריע", וואָס קיין פּרעזידענט איז נישט אַרויסגעקומען מיט אַזאַ סטעיטמענט, וואָס זאָל אונדז שטעלן אין געפאַר פון אַ פּאָליטישן סקאַנדאַל...

דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ביי אונדז האָט אַ פּרעזידענט אַ קנאַפּע דעה. די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק ווערט געפירט פון דעם פּרעמיער־מיניסטער — דער „טשיף", וואָס באַשטימט די פּרעזידענטן, ווי דער פּויבסט קלייבט אויס זיינע קאַרדינאַלן, וועלכע בוקן זיך פאַר אים, און זיין וואָרט איז געזעץ.

צו זיין פּרעזידענט פון אַ גרויסע מלוכה איז אַנדערש ווי צו זיין דער פּרעזידענט אין קלוב. ווען איינער וויל ווערן אַ פּרעזידענט, דאַרף ער אויסשטיין שבעה־מדורי־גהינום צו דערגרייכן זיין אַמביציע. צוערשט דאַרף ער געפעלן ווערן די פּאָליטישענס, וואָס זענען די פירער ביי די קאָנווענשאַנס, וועלכע דאַרפן נאָמינירן דעם קאַנדידאַט; ער דאַרף מאַכן רייזעס איבערן לאַנד און האַלטן רעדעס, וואָס זאָל געפעלן ווערן די בירגער; ער דאַרף מאַכן דעם אָנשטעל אַז ער איז אַ „שטאַרקער" קאַנדי־דאַט, כדי די פּאָליטישענס זאָלן נישט חרטה האָבן, און אויסקלייבן אַן אַנדערן...

ווען ער קריגט שוין די נאָמינאַציע, דאַרף ער ווידער מאַכן רייזעס, און האַלטן רעדעס, און באַווייזן, אַז ער וועט זיין אַ בעסערער פּרעזידענט ווי זיין קעגנער, וועלכער איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון אַן אַנדער פּאַרטיי. ווען ער ווערט שוין אויסגעוויילט, הייבן זיך ערשט אָן זיינע צרות, גוט־צומאַכן זיינע פאַרשפּרעכענס; איינצופירן די רעפאָרמען, וואָס ער האָט געהאַט צוגעזאָגט זיינע בירגער, וועלכע ווערן אָפט אַנטוישט, און וואַרטן אויף אַ נאָענטע געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט אים...

פון די אַלע קלאָפּאָטן וואָס אַ פּרעזידענט־קאַנדידאַט האָט אין אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, — וויסן נישט די פּרעזידענטן פון אונדזער מלוכה. זיי דאַרפן נישט נאָמינירט ווערן ביי קאָנווענשאָנס; זיי דאַרפן נישט האַלטן קיין רעדעס; זיי פאַרשפּאָרן צו פאַרזיכערן די בירגער אַז ווען זיי וועלן דערוויילט ווערן וועלן זיי ברענגען דאָס „טעלערל פון הימל”; זיי טאָרן זיך נישט מישן אין אויסערלעכע און אינערלעכע פּראָבלעמען. פאַר דעם זאָרגט שוין דער טשיף, וואָס האָט פאַר קיינעם נישט קיין מורא...

טאָ וואָס־זשע דאַרפן זיין די קוואַליפיקאַציעס פאַר איינעם וואָס דאַרף ביי אונדז אויסגעקליבן צו ווערן צו זיין דער פּרעזידענט? ער דאַרף האָבן די מעלה צו געפעלן ווערן דעם טשיף. דעם גאַנצן יאָר הערט מען נישט פון אים — אחוץ ביים יערלעכן צוזאַמענפאָר, וואו ער פירט די זיצונג. טאָמער מאַכט איינער אַן אינטערפּעלאַציע צום פּרעזידענט וועגן זיין אַדמיניסטראַציע, כאַפּט זיך גלייך דער טשיף צום „מאַיק” און פאַרענטפערט די פראַגע, און דער פּרעזידענט שווייגט, ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער...

די גרעסטע מעלה פון אַ פּרעזידענט ביי אונדז איז, וואָס ער דאַרף קענען שווייגן... אים איז פאַרבאָטן אַרויסצוקומען אין דער פּרעסע מיט סטעיטמענטס, וואָס קענען שאַדן די אָרגאַניזאַציע, און שטעלן אין געפאַר אונדזער עקזיסטענץ. אַזאַ מעכטיק לאַנד ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, קען זיך דערלויבן, אַז אַ פּרעזידענט זאָל אַמאָל אַרויסקומען מיט אַ נאַרישן סטעיטמענט, וואָס זאָל אַרויסרופן אַ לייטיש געלעכטער. מען דערציילט, אַז ווען קאַלווין קולידזש איז געווען פּרעזידענט, האָט אַ רעפּאָרטער, ביי אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, געפרעגט ביי קולידזשן זיין מיינונג וועגן די אָפטע אַרבעטסלאָזיקייט אין לאַנד, האָט קולידזש געענטפערט: אַז אַרבעטס־לאָזיקייט נעמט זיך דערפון, וואָס אַ סך מענטשן זוכן באַשעפטיקונג, און קענען נישט געפינען...

אַ צווייטער גרויסער חכם — פּרעזידענט, אייזענהאַ‏וער — האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, ווען מ׳האָט ביי אים געפרעגט זיין מיינונג וואָס ער דענקט וועגן פּרעזידענט רוזוועלטס פּלאַן איינצופירן עלטער־פּענסיע פאַר עלטערע אַרבעטער זיי זאָלן אויף זייערע עלטערע יאָרן נישט האָבן קיין דאגת־פּרנסה, האָט אייזענהאַוער געענטפער: אַז ווען אַ מענטש וויל

נישט האָבן קיין דאגת־פרנסה, זאָל ער זיצן אין דער תפיסה, אָדער אין אַ משוגעים־הויז . . .

צוליב דעם וואָס ביי אונדז קען אַ פּרעזידענט נישט אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט מיט סטעיטמענטס, קענען טאַקע ביי אונדז נישט טרעפן אַזעלכע צופאַלן ווי מיט קוליטשן און אייזענהאָוערן. זיי האָבן געמאַכט די דערמאָנטע סטעיטסמענטס און אַמעריקע האָט עס איבערגעלעבט, מיר קענען זיך אָבער נישט דערלויבן אַזעלכע לוקסוסן . . . דאָס איז די סיבה פאַרוואָס אונדזערע פּרעזידענטן האָבן אונז נישט פאַרשאַפט קיין אומכבוד, און מיר האָבן פון זיי געהאַט גרויס נחת . . .

ווען די דאָזיקע פּרעזידענטן וועט ביים הײַנטיקן פופציק יאָריקן יובל צוגעטיילט ווערן גרויס כבוד, וועט עס זיין — מצד דעם טשיף אַן אָנשטעל, אַז מיר זענען גרויסמוטיק און פאַרגעסן נישט די פּרעזידענטן, וואָס האָבן זיך אויפגעפירט לייטיש און פון זיי נישט אויסגעשטאַנען געברענטע צרות. עס וואָלט געווען אַ גוטער פּלאַן, אַז מיר זאָלן אויפבויען אַ „האָל אָוו פעים" אַזוי ווי די באַרימטע בעיזבאָל־שפּילער, וואָס זענען פאַראייביגט געוואָרן אין דער מוזעי, וואו אַלע בעיזבאָל־פּאַטריאָטן קומען עולה־רגל זיין און באַוואונדערן זייערע אַמאָליקע העלדן. אויך מיר וואָלטן קומען זען אונדזערע פּרעזידענטן און זיך לערנען פון זיי די קונסט פון שווייגן, פון גאָרנישט זאָגן, און דאָך בלייבן אומשטערבלעך . . .

נעט ווינדמאַן

מענעדזשער־לאָקאַל 117 אי.ל.ג.וו.יו.

אונדזער קלוב האָט מיט וואָס זיך צו גרויסן



אַלס מענעדזשער־סעקרעטאַר פון קלאָוק אָפּע־רייטאָרס, סעמפּלמאַכער, און ריפּערמייקערס לאָקאַל 117, אי.ל.ג.וו.יו. האָב איך דעם כבוד אייך צו באַגריסן צום 50־יאָריקן יובל פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב.

דער לאָקאַל 117, וועלכן איך האָב דעם כבוד צו פאַרטרעטן האָט — ווי איר ווייסט — מיט צוויי יאָר צוריק געפייערט דעם 75יעריקן יובילעאום — אַ וואונ־דערלעכע געשיכטע פון דריי פערטל יאָרהונדערט פון כסדרדיקן מסירת־נפשדיקן קאַמף פאַר די רעכט און ווירדע פון אַרבעטס־מענטש.

הגם מיר זיינען היינט קלענער אין צאָל איז אָבער נישט פאַרמינערט געוואָרן דער אידעאַליזם, הויכער מאָראַלישער ניוואָ און געזעלשאַפטלעכע

אַחריות פון דער אָנפירערשאַפט ווי פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט פון אונדזער יוניאָן.

לאָקאַל 117 איז געווען און פאַרבליבן דער רוקנביין פון דער מעכ־טיקער אינטערנייישאָנעל, ביים רודער פון וועלכן עס שטייט אונדזער אַלע־מענס באַליבטער דוד דובינסקי; אונטער זיין אָנפירערשאַפט איז די אינ־טערנייישאָנעל פאַרבליבן טריי צו איר רומפולער געשיכטע פון הויכן אי־דעאַליזם און אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף פאַר די אינטערעסן און אידעאַלן פון אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע און אומעטום.

אונדזער לאָקאַל 117 איז שטאָלץ דערמיט וואָס ער האָט געמאַכט דעם גרעסטן בייטראָג דורך צושטעלן פירערשאַפט פאַר פיל יוניאָן־לאָקאַלס פון דער אינטערנייישאָנעל איבערן לאַנד און אין קענעדע, טוערס וועלכע זיינען תמיד געווען און פאַרבליבן ענג פאַרבונדן מיט דער אידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד און איבער דער וועלט.

אַלס איינער פון די יינגערע יוניאָן מענעדזשערס, וועלכער האָט דעם כבוד צו זיין אַ מיטגליד פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" איז עס פאַר מיר אַ באַזונדער פאַרגעניגן און כבוד צו באַגריסן די גרינדער, טוערס, קאָלעגן און די גאַנצע מיטגלידערשאַפט מיט אונדזער באַליבטן יעפים ישורין בראש צום 50טן יובל־יאָר פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

דער דאָזיקער קלוב וועלכער איז דאָס וואַכזאַמע אויג פאַר אונזער „אַר־בעטער־רינג" — דער גרעסטער פּראָגרעסיווער אָרדן פון דער יידישער אַר־בעטערשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן פון די זעלבע איבערגעגעבענע אידע־אַליסטן, וועלכע האָבן געבויט סיי דעם אַרבעטער־רינג, סיי די יידישע יוניאָנס אַזוי ווי אַלע אַנדערע צווייגן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג.

דורכן צוציען צום קלוב די נייע און יינגערע לידערס פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג, קאָנצענטרירן זיך יעצט אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע די בעסטע כוחות און מוחות פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און דער קלוב קען זיך מיט רעכט גרויסן מיט זיינע אויפטוען און דערגרייכונגען און מיט דעם גרויסן בייטראָג פון זיינע מיטגלידער צום יידישן און אַלגע־מיינעם אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

איך ווינטש אייך אַלעמען און אונדזער קלוב אַריכת־ימים און ווייטער־דיקע דערפאָלגן און איך דריק אויס מיין וואונטש און האָפענונג צו זען נאָך לאַנגע יאָרן פון טאַלאַנטפולער אָנפירערשאַפט פון אונדזער באַליבטן פריינט יעפים ישורין און צו פאַראוען מיט אייך אַלעמען דעם 75יעריקן יובל פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

ה. זיגאַם

אַ גרוס פון „זקן" פון דער אַלטער היים

מיין באַקאַנטשאַפט מיטן נאַציאָנאַלן־סאָציאַלן קלוב האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער אַלטער היים, פאַסירט האָט דאָס דעם פאָלגנדיקן אופן:

אין די 20ער יאָרן איז פון מיין היימשטאָט, טשענסטאָכאָוו, אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע אַ שניידער־אַרבעטער, מיינער אַ גוטער חבר. נאָך דעם ווי ער איז אַ געוויסע צייט געווען דאָ אין לאַנד, האָט זיך צוביסלעך איינגעאָרדנט, איז פון אים געקומען אַ בריוו אין וועלכן ער האָט באַשריבן דאָס ייִדיש־געזעלשאַפט־לעכע לעבן אין אַמעריקע. וועגן די יוניאָנס, וועגן דעם אַרבעטער־רינג און דערביי האָט ער דערמאָנט, אַז זייער אַ גרויסן איינפלוס אין דעם אַרבעטער־רינג און אויך אויף די איבעריקע אָרגאַני־זאַציעס האָט דער „זקן", אַז קעגן דעם ווילן פון „זקן" קענען זיי ווייט ניט דערגיין. ער האָט אויך דערמאָנט אין דעם בריוו, אַז אַ דאַנק דעם „זקן" איז די קאָמוניסטן ניט געלונגען צו באַהערשן דעם אַרבעטער־רינג און אַזוי ווייטער און ווייטער.

מיר, פון אונדזער זייט, לייענענדיק דעם בריוו, האָבן עס אויסגע־טייטשט, אַז מיטן „זקן" מיינט מען דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אַב. קאַהאַן.

אין יענע יאָרן, ווען דער איינפלוס פון די קאָמוניסטן אויף דער ייִדישער גאַס איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער און אויך אין געוויסע גרופּעס פּוילישן „בונד" זיינען געווען לינקע שטימונגען איז דער „פאָרווערטס" און זיין רעדאַקטאָר, אַב. קאַהאַן, באַטראַכט געוואָרן ווי דער סאַמע אָפּאָרטוניסטישסטער פליגל אין דער אַרבעטער באַוועגונג. דער דאָזיקער בריוו איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז אַב. קאַהאַן וואַרפט אָן זיין ווילן אויף דער גאַנצער באַוועגונג.

פאַרשטייט זיך אַז איך האָב אָנגעשריבן אַ זייער שטאַרקן בריוו צו אונדזער פריינד אין אַמעריקע. מיר האָבן אויסגעדריקט אונדזער עמפּערונג קעגן דעם ניט־געזונטן צושטאַנד פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע וואו אַ יחיד קען אויסאיבן אַ דיקטאַטאָרישן איינפלוס אויף דער גאַנצער באַוועגונג.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך געקראָגן פון דעם חבר אַ בריוו אין וועלכן ער האָט אויפגעקלערט דעם טעות, אַז מיטן וואָרט „זקן" האָט ער ניט געמיינט אַב. קאַהאַן, נאָר אַז דאָס האָט ער געמיינט דעם קלוב פון אַרבעטער־רינג טוער וואָס עקזיסטירט אינערהאַלב פונעם אַרבעטער־רינג.

קיין צו גוטן באַגריף וועגן דעם וואָס דער קלוב אָדער „זקן" שטעלט מיט זיך פאָר האָב איך נאָך אַלץ ניט געהאַט. אַ גענויערן באַגריף וועגן דער ראָלע פון דער „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" האָב איך ערשט געקראָגן אין אָנהייב פון די 40ער יאָרן, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע. איך האָב דאַן געמאַכט אַ רייזע אין שליחות פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. אין יעדער שטאָט וואו איך בין געקומען, בין איך ארויסגע־טראָטן אויף די מיטינגען פון דעם אַרבעטער־רינג און געהאַט אַ געלעגנהייט זיך נענטער צו באַקענען מיט די טעטיקייטן פון די אַרבעטער־רינג ברענטשעס אין די באַזונדערע שטעט. ערשט דאַן האָב איך זיך געקענט איבערצייגן וועגן דער וויכטיקער ראָלע וואָס עס פירט אויס אונדזער קלוב. אַ דאַנק דעם קלוב זיינען אויף פאַרשיידענע פּאָזיציעס ארויסגערוקט געוואָרן מענטשן, וועלכע זיינען געווען ראוי צו פאַרנעמען די דאָזיקע עמטער. אַ דאַנק דעם קלוב איז ביי די טוער און מיטגלידער איינגעוואָרצלט געוואָרן דער געפיל פון לאָיאַליטעט און געטריישאַפט צום אַרבעטער־רינג און זיינע אינסטיטוציעס. דער קלוב האָט צעמענטירט די פאַרשיידענע טעטיקייטן פון די ברענטשעס און אַזוי אַרום מעגלעך געמאַכט אַז אונטער אַלע אומשטענדן זאָל דער אַרבעטער־רינג וואַקסן, זיין אימשטאַנד אַנט־קעגנצושטעלן זיך אַלע זיינע שונאים און קעגנער און פאַרבלייבן אינערלעך צעמענטירט.

איצט, צום 50 יאָריקן יובילייאום פון קלוב, באַגריס איך די פירער פון אונדזער קלוב און איך בין זיכער, אַז אויך אין דעם צווייטן האַלבן יאָרהונדערט פון טעטיקייט וועט דער קלוב אויך ווייטער פאַרבליבן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם לעבן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, דעם אַרבעטער־רינג.

ב. טאַבאַטשינסקי
עקז. סעק. פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט

אַ פּאַרדינטער יובל

ווען דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט, מיט דריי־צענדליק יאָר צוריק, האָט קיינער נישט געקענט פאָראויסזען די קאָלאָסאַלע אויפגאַבן, די גורלדיקע פּראָבלעמען פאַר וועלכע ער וועט אַוועקגעשטעלט ווערן דורך דער אַנטוויקלונג פון מוראדיקע וועלט־געשעענישן שוין אין די נאָענסטע עטלעכע יאָר.

די גרינדערס און פירערס פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט און זיינע אַקטיווע טוערס האָבן נאָר קלאָר געזען פאַר זיך אָנגעצייכנט דעם וועג, אויף וועלכן זיי מוזן זיך פאַרנעמען. האָבן זיי דרייסט גענומען אויף זיך די אַחריות פאַר דער גרויסער היסטאָרישער אַרבעט, אין זיכערן באַוואוסטזיין, אַז זיי וועלן זיין בכוח — אויף ווי וויית מענטשלעכע כוחות קענען נאָר קלעקן — צו טאָן זייער נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פליכט, אונטער אַלע באַדינגונגען, וואָס די גרויזאַמע צייט וועט דיקטירן.

די קלאָרע אָריענטאַציע אין די שווערע טעג פון אָנהויב האָט זיך גענומען פון דער רומפולער טראַדיציע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף ד ע ר זייט און אויף יענער זייט ים; דער כח־באַוואוסטזיין, וואָס איז דאָך דער וויכטיקסטער באַדינג פאַר דערפאָלגרייכער, ברייט־פאַרמאָסטענער אַרבעט, האָט אַרויסגעקוואַלט פון דעם לעבעדיקן גייסט פון אַרבעטער־רינג, פון זיין איבערגעבענקייט צו די הויכע אידעאַלן פון סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע, מיט וועלכע ס׳איז דורכגעדרונגען זיין פיל־זייטיקע טעטיקייט די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ. די געטריי־שאַפט אָן אַ גרענעץ, מיט וועלכער די טויזנטער מענער און פרויען, אין ברענטשעס און אין קלובן איבערן גאַנצן לאַנד, היטן די „היימישע פלאַמען", האָט אינספּירירט זיינע באַשלוסן, סטימולירט זיין אַרבעט.

פון אַרבעטער־רינג איז אַרויסגעוואַקסן דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט און אויף די וועגן פון אַרבעטער־רינג איז ער געגאַנגען און ער גייט צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט פון די יוניאָנס — איין גרויסע מחנה פון שטאָלצע, באַוואוסטזיניקע יידן־סאָציאַליסטן, פאַראייניקטע אין דער הייליקער אַרבעט פון אויפבוי פון

יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן נאָכן גרויסן חורבן, צום קאַמף פאַר יידישע רעכט און יידישער ווירדע, פאַרן קיום פון יידישן פאָלק.

עס האָבן אַריבערגעשטורעמט איבער אונז דריי צענדליק יאָר — יאָרן פון בלוט, צער און פּיין אָן אַ שיעור; פאַר אונז גליקלעכע אויף דער זייט ים זיינען דאָס געווען יאָרן פון איבערמענטשלעכער אַרבעט, פון הילף און רעטונג, פון מי־פולן באַרג־אַרויף, פון אויפבוי אין אַלע יידישע ישובים.

דער אַרבעטער־רינג איז די אַלע יאָרן געווען און געבליבן ביז היינט דער רוקן־ביין פון אונזער באַוועגונג.

אין די אַלע שטורמישע יאָרן, דורך וועלכע מיר זיינען געגאַנגען, האָט אונדז געשטאַרקט און געוואַרעמט דאָס געפיל, אַז איבער די טריט פון דעם אַרבעטער־רינג וואַכט מיט זאָרג און ליבע דער קלוב פון זיינע דערפאַרענע איבערגעגעבענע פירערס.

דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט שטייט אויף דער וואַך פון יידישע פאָלקס־אינטערעסן איבער דער וועלט. לאָמיר האָפן, אַז דער קלוב פון די אַרבעטער־רינג פירער פון די געטרייסטע און וואַכזאַמסטע, וועט נאָך לאַנגע יאָרן האַלטן אַ געטרייע וואַך איבער די טריט פון אונזער גרויסן קאַמף־ברודער, דעם אַרבעטער־רינג.

זלמן יעפרויקין

„די גרויסע מתנה"

עס איז גוט אַמאָל זיך דורכצושמועסן. לאָמיר עס היינט טאָן.

דעם אַרבעטער־רינג האָבן געגרינדעט יידישע אימיגראַנטן. עס איז זיי די ערשטע צייט געווען אומעטיק אויפן האַרצן. מען האָט זיך געפילט פאַר־לאָזן און עלנט אין דעם נייעם לאַנד. דער עיקר, עס פלעגט גאַנץ אָפט אַרומנעמען אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים, נאָך די נאָענטע וואָס מען האָט דאָרטן איבערגעלאָזט, נאָך די אַמאָליקע איבערלע־בונגען און אַמאָליקע חלומות.

שווער איז די ערשטע צייט געווען דאָס לעבן אין דער נייער היים. שווער איז געווען דער יאָך פון דער סוועט־שאַפּ מיט די לאַנגע אַרבעטס־שעהן. אומעטיק, אָן ליכט, איז געווען דאָס לעבן אין די ענגע, שטיקנדיקע דירות פון די טענעמענט־הייזער.

איז עטלעכע קלוגע מענטשן איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

— לאָמיר צונויפשמידן די איינזאַמע האָרעפּאַשניקעס אין אַ פעסטען שטאַרקן רינג.

— לאָמיר גרינדן אַן אַרבעטער־רינג. וועט ווערן פריילעכער און גרינגער צו לעבן.

— זאָל עס זיין אַ רינג פון אַלטע פריינד און אַלטע באַקאַנטע נאָך פון דער אַמאָליקער היים אויף יענער זייט ים.

— זאָל עס זיין אַ רינג פון ברידער, וואָס האָבן נאָך אין דער אַלטער היים געחלומט וועגן אַ וועלט פון יושר און צדק פאַר אַלע מענטשן־קינדער, ממילא אויך פאַר דעם יידן.

— זאָל עס זיין אַ רינג וואו מען זאָל זיך קענען אויסלעבן אין דער אייגענער שפּראַך און וואָס זאָל אָפּהיטן און אויפהיטן די אייגענע מיט־געבראַכטע קולטור־אוצרות.

— צוזאַמען אין אַ רינג וועט זיין גרינגער צו קעמפן פאַר אַ בעסער און ליכטיקער לעבן אין דער נייער היים, וועט אויך זיין גרינגער זיך איינצולעבן אין די מידות און פירונגען פון דער נייער היים.

— זאָל ווערן אַ רינג פון אַלע, וואָס זינגען די זעלביקע לידער און חלומען די זעלביקע חלומות.

דער געדאַנק האָט געפונען אַ ווייטן אָפּקלאַנג. אין די טויזנטער און טויזנטער האָט מען גענומען שטראָמען אין אַרבעטער־רינג. ער איז געוואַקסן און צוזאַמען מיט דעם זיין השפעה אין יידישן און אויך אין אַלגעמיינעם לעבן פון אַמעריקע.

מיט דעם אַרבעטער־רינג איז געוואָרן פריילעכער און ליכטיקער דאָס לעבן. אויף די פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן פון אַרבעטער־רינג האָט מען זיך באַגעגנט מיט אייגענע, מיט לאַנדסלייט, מיט אַלטע פריינד, מיט פריינד וואָס מען איז מיט זיי געוועזן אידעאיש נאָענט.

אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען זיך געפילט היימיש, צווישן אייגענע און נאָענטע. מען האָט געפילט אַז מען איז אין אַ סביבה פון חברים און פריינד. מען האָט דערפילט אַז מען איז ניט אַליין אין דער נייער וועלט, אַז מען האָט אַ פריינד וואָס וועט זיך זאָרגן וועגן דיר, אין צייט פון נויט, אין צייט פון אומגליק; אַז מען האָט אַ פריינד מיט וועמען מען קען טיילן ליידן און פריידן. מען איז מער ניט איינזאַם. עס איז דאָ מיט וועמען זיך צונויפצופריידן ווי אַזוי מיט פאַראייניקטע כוחות אויסצובעסערן דאָס אייגענע לעבן, ווי אַזוי קאָלעקטיוו צו העלפן דאָרטן ווייטער דעם קאַמף פאַר פרייהייט; די ברידער אויף יענער זייט ים, וואָס אויף זייערע קעפּ האָגלען תמיד גזרות פון ערגסטן מין, און זיי זיינען אָפט אויסגעשטעלט אויף געפאַר פון אומקום.

און וואָס מער מען האָט געווירקט דורך דעם אַרבעטער־רינג, וואָס מער מען האָט געזען וואָס פאַר אַ שטאַרקער כוח מען קען זיין, ווען מען איז צונויפגעגאָסן אין איין רינג — אַלץ מער האָט דער אָרדן זיך איינגעבאַקן אין האַרצן און אין דער נשמה.

ביי די טויזנטער האָט זיך אַזוי אַרום געשאַפן צובונד און טריישאַפט צו דער אָרגאַניזאַציע. אָבער דאָס אַליין איז ניט געווען גענוג. פון די צענדליקער טויזנטער האָבן זיך געדאַרפט אויסטיילן הונדערטער, וואָס פאַר זיי זאָל דער אַרבעטער־רינג ווערן דער ערשטער לעבנס־אינטערעס און זיי זאָלן געזעלשאַפטלעך אין גאַנצן זיך אויסלעבן אין אים. האָבן זיך באַוויזן יחידים אין די צענדקליקער און הונדערטער וואָס האָבן ווייטער געשפונען דעם פאָדעם פון די ערשטע גרינדערס, יחידים וואָס זיי האָט צונויפגעבונדען אין איין אינטערעס: דער וואוילזיין פון אַרבעטער־רינג, זיין גאַנצקייט און לעבנס־פעאיקייט.

צוליב אָט דעם געמיינשאַפטלעכן אינטערעס איז מען זיך געוואָרן נאָענט איינער דעם צווייטן, איז מען זיך געוואָרן חברים און פריינד. האָט מען זיך דאָך אָפט באַגעגנט, האָט מען זיך דאָך איינגעשטעלט פאַר איינע און די זעלביקע אידייען און אידעאַלן. איז געווען נאַטירלעך, אַז אָט דער אַקטיוו פון אַרבעטער־רינג זאָל זיך שאַפן אַ קלוב, וואו מען זאָל זיך צונויפקומען פאַרברענגען צוזאַמען ווי פריינד און, ווען נייטיק, ווי איין קערפערשאַפט, באַשיצן און אָפּהיטן דעם אַרבעטער־רינג. אַזוי איז מיט 50 יאָר צוריק, 13 יאָר נאָך דער גרינדונג פון אַרבעטער־רינג, אויפגעקומען דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״, זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין אַריינברענגען אַ ביסל הומאָר: אַמאָל איז מיט דער באַן אַן איינוואוינער פון סקענעקטעדי געפאָרן קיין האַקענסעק. זעט ער ווי זיין שכן קעגנאיבער אים לייענט אַ פ א ק י פ ס ע ר ציי‎טונג. דערלאַנגט ער צו זיך אַליין אַ זאָג:

— „זעט מיט וואָס פאַר אַ קאָמישע נעמען עס רופן זיך געוויסע שטעט אין אויסלאַנד״. ניט גאָר קיין געלונגענער נאָמען. אָט דער ניט־יידיש קלינגענדיקער פרעמדער נאָמען, איז, פאַרבליבן אַן אַנאַרכיאָניזם פון יענע אַלטע צייטן, ווען מען איז, ווי אין אַ סך אַנדערע פּרטים, אויך שפּראַכלעך געווען אָפּגעלאָזן.

אָבער ניט דער נאָמען איז וויכטיק. וויכטיק איז וואָס דער קלוב איז אין משך פון 50 יאָר באמת געווען אַ טרייער וועכטער און אָפּהיטער פון אונדזער אָרדן. ער האָט אין זיין געשיכטע אויסגעמידן ניט איין קריזיס. גאָר גרויס זיינען געווען דעם קלובס פאַרדינסטן אין די 20קער יאָרן, ווען כוחות געפירט פון אַ פרעמדער האַנט, זיינען אָנגעפאַלן אויפן אַרבעטער־

רינג און אים געוואָלט איינשפּאַנען אין סאָוועטישער דינסט. די מיט־גלידער פון קלוב זיינען אין יענע יאָרן געווען פייערלעשערס, וואו נאָר עס פלעגט אויסברעכן אַ שריפה אין בנין פון אַרבעטער־רינג, פלעגן זיי זיך באַלד באַווייזן. זיי האָבן דערביי אַרויסגעוויזן גרויס מוט און אומדערשראָ־קנקייט. דער עיקר, גרויסע ליבע און געטריישאַפט צו זייער אָרגאַניזאַציע.

דער וויכטיקסטער און שטענדיקער פּאַרדינסט פון קלוב איז אָבער, נאָך מיין מיינונג, וואָס ער צעמענטירט דעם גרויסן אַקטיוו פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, האַלט צוזאַמען אַן אַקטיוו וואָס גיט אַכטונג, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל פאַרבלייבן אַ בויענדיקער כוח אין יידישן און אַמערי־קאַנער לעבן, אַז ער זאָל מיט זיינע מעשים רייכער מאַכן דאָס אַרומיקע לעבן און אויך בויען פאַר די קומענדיקע דורות.

ווייל איך צו דעם 50סטן יובל פון קלוב עפּעס ביישטראָגן, בייטראָגן אַ מעשהלע, אָדער אַ משל, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט. דער נמשל איז קלאָר.

דער וועלט־באַרימטער לעוו טאָלסטאָי, באַרימט ניט נאָר ווי אַ גאוניאַלער שרייבער, נאָר אויך ווי אַ מענטש פון שיינע מידות, איז אין צייט פון אַ הונגער אין רוסלאַנד געגאַנגען אין גאַס. קומט אים אַנטקעגן אַ בעטלער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. דער גרויסער טאָלסטאָי האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זוכן אַ מטבע אין די קעשענעס. אָבער זיינע קעשענעס זיינען געווען ליידיק. האָט ער מיט גרויס פאַרדרוס געזאָגט דעם בעטלער:

— זיי ניט אין כעס אויף מיר, מיין ברודער, איך האָב גאָרניט ביי זיך.

דעם בעטלערס פּנים האָט אויפגעלויכטן און ער האָט געזאָגט:

— דו האָסט דאָך מיך גערופן ברודער — דאָס איז דאָך אַ גרויסע מתנה!

זאָל דאָס מעשהלע און זיין נמשל ווערן אַ וועגווייזער פאַר דעם גאַנצן קלוב און פאַר יעדן איינצעלנעם מיטגליד זיינעם. נאָכדעם ווי דער קלוב האָט שוין דורכגעשפּאַנט די ערשטע העלפט פון אַ יאָרהונדערט.

מיר האָבן דאָך אַלע צוזאַמען אָפּגעלעבט אַ לעבן. האָבן אונדז דאָך צונויפגעבונדען די זעלביקע חלומות און די זעלביקע אידעאַלן וואָס מיר האָבן געטראָגן אין אונדזערע הערצער.

י. לעווין־שאַצקעס,
נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד
און רעדאַקטאָר פון „וועקער".

אויף דער וואַך

...דאָס איז געווען אין אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן. מיר האָבן געלעבט אין אַ מדינה, וואָס האָט צו אַלע אומפאַרמיידלעכע חסרונות פון יעדער מדינה געהאַט דריי ספּעציעלע חסרונות: זי איז געווען ניי, קליין און אָרעם. דער נאָמען פון דער מדינה — לעטלאַנד. און טאָמער האָט געפעלט, זיינען מיר געווען אויפן סאַמע גרענעץ פון דעם סאָוועטןלאַנד, וועלכע האָט דאַן געהאַט נאָך געלויכטן מיט דער גלאָריע און ראָמאַנטיק פון רעוואָלוציע; פון אויפטרייסלען די וועלט; פון „יעדע קעכין קען ווערן אַ מיניסטער"; פון פרייהייט און גלייכהייט און גערעכטיקייט פאַר אַלעמען; פאַר אַלע פאַרפאָלגטע און באַליידיקטע, ספּעציעל פאַר יידן און פאַר יידיש.

אַפילו צווישן אונז גופא, אין אַבסאָלוט סאָציאַל־דעמאָקראַטישן און אַבסאָלוט אַנטי־קאָמוניסטישן „בונד", וועלכער האָט מיט ציין און נעגל געקעמפט קעגן די פאַרפירערישע אידייען פון די קאָמוניסטן, אַפילו צווישן אונז האָט זיך נאָך אָנגעהאַלטן די באַציאונג צו די קאָמוניסטן ווי צו שלעכטע, פאַרפירטע, אָפטמאָל אַפילו פאַרברעכערישע, אָבער דאָך ברידער. און בלוט איז נישט קיין וואַסער. מיר האָבן געקענט די קאָמוניסטישע געפאַר; מיר זיינען געווען אין קאַמף קעגן זיי פון סאַמע אָנפאַנג, דורך די ביטערע יאָרן פון 1918 און 1919, מיר האָבן אָבער ניט פאַרדעכטיקט, אַז די קאָמוניסטן וועלן דערגיין צו אַזאַ שטופע, אַז בלוט וועט ווערן ביי זיי ביליק ווי וואַסער און ליגן — דער גרונט־יסוד פון זייער טעאָריע און פּראַקטיק.

אָט אין יענע טעג האָבן מיר, בונדיסטן, אין די שווערסטע באַדינגונגען, אויף די חורבות, וואָס זיינען געבליבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת אַ גרויסע טייל פון דער איצטיקער מדינה איז געווען אַ שלאַכט־פעלד — אין יענע טעג האָבן מיר באַוויזן אויסצובויען אַ יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע, אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און אונזער פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע.

האָבן די יידישע קאָמוניסטן — (אַגב, זייער גייסטיקער רבי, אַ

מענטש פון גרויסער ערודיציע, פון גרויסע פיאיקייטן און פון נאָך גרעסערן טאַלאַנט פון צופּאַסן זיך לעבט נאָך איצטער —) זיך גענומען צו דער אַרבעט פון פאַרניכטן אונז. די געוויינטלעכע באַשולדיקונגען אין סאָציאַל־פאַשיזם, אין זיין משרתים פון וועלט־קאַפּיטאַל; אין פאַרראַט צו די אינטערעסן פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט — מיטן צוגאָב פון פיזישן געשלעגן. געווען ביי זיי ספּעציעלע „קאָמאַנדאָס" פון מיידלעך צו חלשן, פון אָרגאַניזירטע פּראַגע־שטעלערס וועגן נאַסקע און שיידעמאַן. דער רעזולטאַט פלעגט זיין אַרונטערגעריסענע פאַרזאַמלונגען.

איינלאַדן פּאָליציי? זאָגן ווער זיי זיינען? לאָזן זיי אַרעסטירן? ווי פּאַסט עס?

נאָך עטלעכע חדשים ביטערער דערפאַרונג האָבן מיר זיך עפּעס אויסגעלערנט. געשאַפן אַן אייגענע וואַך; מען פלעגט זיי אַנבערעכן די ביינער און ארויסוואַרפן. האָבן זיי אַנגעווענדעט אַ נייעם מעטאָד. אין מיטן פון אונדזערע פאַרזאַמלונגען פלעגט אַן אָרגאַניזירטע „כאָר" נעמען זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" — אונדזער אַלעמענס הימן. פלעגן מיר אַלע אויפשפּרינגען און נעמען מיטזינגען; פלעגן זיי איינוואַרפן די שטולן מיט די בענק, פלעגט ווערן אַ ראַיאַט — און אויס מיטינג.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און אונזערע וואַך־לייט האָבן געקראָגן אינסטרוקציעס צו האַלטן אַ ספּעציעלן אויג אויף די מיילער פון די פּראָס־פּעקטיווע זינגער און ווי נאָר אַ „פּיפּס", אַפילו פון „אינטערנאַציאָנאַל", פלעגן די חברהלייט אַרויסגעוואָרפן ווערן און זיי פלעגן באַהאַנדלט ווערן נישט גאָר אויף אַן איידעלן וועג. מיר האָבן געהאַט גומענע קאַנטשיקעס, וואָס האָבן געהאַט די מעלה, וואָס זיי האָבן נישט געלאָזן קיינע צייכנס אויפן קערפּער. בלויז דער בעל־דבר האָט דאָס געפילט. אונזערע מיטינגען זיינען מער קיינמאָל נישט אַרונטערגעריסן געוואָרן פאַר איבער צען יאָר צייט — ביזן פּוטש, ווען די פאַשיסטישע „קאָלעגן" פון די קאָמוניסטן האָבן בייגעקומען די דעמאָקראַטיע.

... מיט אומגעפער צען יאָר פריער פון אונז האָט זיך אין דעם אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע געשאַפן דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר זיין צוועק אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון דער אָרגאַניזאַציע און האַלטן אַן אויג, אַז אַ קליין הייפל אַקטיווע עלעמענטן מיט זייטיקע פּניות זאָל זיך נישט פאַרמעסטן צו פאַרכאַפּן די מאַכט דורך דער גלייכגילטיקייט און נאַכלעסיקייט פון דער מערהייט. די קלוב־מיטגלידער זיינען געוואָרן די וואַך פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שוין געהאַט דערגרייכט די מדרגה פון דעם גרעסטן יידישן אַרבעטער און פאַלקס־אָרדן.

אין אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן האָט דער קלוב געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָלע אין דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד צו די קאָמוניסטישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרמאָסטן איבערצונעמען אָדער אויפֿצורייסן דעם אַרבעטער־רינג אינעווייניק. די ברייטע מיטגלידערשאַפט האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט ריכטיק צו באַנעמען די פאַרשיידענע מעטאָדן פון די קאָמוניסטישע „צאָן קדשים״, היינטער וועלכע עס זיינען געשטאַנען די אונטערשטופּערס — די באַצאָלטע קאָמוניסטישע אַגענטן, וועלכע האָבן געהאַט איין שטרעבונג: אין גלאַנץ פון פֿאַלשן ליכט פון מאָסקווע צו באַהערשן די יידישע אַרבעטער־און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

די פירער פון דעם קלוב האָבן מאָביליזירט די באַוואוסטזיניקע מיטגלידער צו זיין די וואַכלייט, צו רעגולירן די פּאָליטישע „טרעפיק״ אין די ברענטשעס גופא. און אַ דאַנק דעם איז דער אַרבעטער־רינג אָפּגעהיטן געוואָרן פון אַריינצופאַלן אין די טריפענע קאָמוניסטישע לאַפּעס. זיי די קלוב־אָנפירער זיינען געווען די ערשטע צו באַקעמפן דעם „פינפטן קאָלום״, וואָס קיינער האָט נאָך דעמאָלט אייגנטלעך נישט געוואוסט וואָס דאָס באַדייט...

און וואָלט דער אַרבעטער־רינג דעמאָלסט נישט באַשיצט געוואָרן וואָלט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, וועלכער האָט אונטער דער ענערגישער און מוטיקער פירערשאַפט פון נחום כאַנין געפירט אויף אַזאַ ברייטן פאַרנעם דעם אידעאישן קאַמף קעגן דעם קאָמוניסטישן גיפט, נישט געווען בכוח אַזוי אָנצוהאַלטן און אויסצוהאַלטן אין משך פון די אַלע שווערע יאָרן. אָן דעם אָנשפּאַר אויף דעם אַרבעטער־רינג, אויף דעם גרויסן אַרבעטער און פאָלקס־אָרדן, וואָס איז געבליבן טריי די סאָציאַליסטישע אידייען וואָלט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד נישט געקענט זיין אומשטאַנד אָפּצוהיטן זיין באַזונדערן אָרט אין דעם יידישן אַרבעטער און פאָלקס לעבן אין אַמעריקע. די גרויסע אָרגאַניזאַציע — דער אַרבעטער־רינג — איז געווען און געבליבן די מאַסן־באַזע פאַרן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

דער קלוב וואָס פייערט איצט זיין 50־יאָריקן יובליי איז געגרינדעט געוואָרן ווען איך בין געווען כמעט אַ פערטל יאָרהונדערט און 6000 מייל ווייט פון אַמעריקע. ווען איך בין אין 1936 געקומען קיין אַמעריקע, האָבענדיק דורכגעמאַכט ווי אַ זעלנער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; דורכגייענדיק אַ דייטשישן אינטערנירונגס־לאַגער; האָבנדיק געווען אַ רויט־אַרמייער; דורכלעבנדיק די לעטלענדישע זעלבסשטענדיקייט און פאַרבייסנדיק מיט אַ קאָנצלאַגער, — האָט עס מיר געמוזט נעמען אַ

רעכט ביסל צייט צו קענען און דערקענען דעם יידישן לעבן אין אמעריקע און ספּעציעל אין אונזער אַרבעטער־סאָציאַליסטישן סעקטאָר. איך האָב געלערנט פון ביכער; איך האָב געלערנט פון מענטשן וואָס האָבן דעם דאָזיקן לעבן דאָ אַליין דורכגעמאַכט.

אַנדערע מענטשן האָבן דערציילט און געשילדערט; אַנדערע האָבן סתם גערעדט, און אַ געוויסע צאָל האָט באַרעדט. און, צווישן אַנדערס, פלעגט מען מיר זאָגן אָדער אפשר וואָרנען:

דער אַרבעטער־רינג איז פיין און גרויס, אָבער די אָרגאַניזאַציע האָט אַזאַ מין קלוב אַ מין אַריסטאָקראַטישן קלוב, וואָס האָט אַפילו אַ „טשיף". מען איז דאָרט אָפט עובר אויף דעמאָקראַטישע רעגולאַציעס. איך האָב זיך צוגעהערט.

און איך האָב געטראַכט:

— און מיר, אין אונזער היפער־דעמאָקראַטישער אַלטער היים, האָבן שטענדיק אָפּגעהיט די הונדערט פּראָצענטיקע דעמאָקראַטיע? און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיר האָבן אונזער אָרגאַניזאַציע אָפּגעהיט נישט דווקא מיט דעמאָקראַטישע מעטאָדן.

און דאַן מיר אַליין? קיין מאַכט מיט געוואַלד האָבן מיר חלילה נישט פאַרכאַפּט. דער קלוב אויך נישט, אָבער איבער די הענט האָט מען געגעבן, און אַזוי אַרום אָפּגעהיט דעם תוך, דעם עיקר, און נישט געלאָזן פאַרפירער צו ווערן די פירער.

די דעמאָקראַטיע אין אייראָפּע האָט אין אַ גרויסער מאָס בידים זיך אומגעבראַכט, נישט וועלנדיק פאַרבייגן די אָדער יענע דעמאָקראַטישע רעגולאַציעס. אַ ביטער־טייערן, בלוטיקן פּרייז איז דערפאַר באַצאָלט געוואָרן.

מעג דער קלוב מיט באַפרידיקונג פייערן זיין 50־יאָריקן יובילײ — צום 50 יאָריקן יובילײ פון זיין אויף דער וואַך.

ש. מילמאַן

דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב אין „אָרט״



מעגלעך, אַז עס קענען זיך געפינען מיטגלידער פון אונדזער „קלוב״, וועלכע וועלן זיך וואונדערן: וואָס פאַרא שייכות האָט דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״ מיטן „אָרט״? דער שייכות איז אַ גאַנץ נאָענטער. די פירער פון אַרבעטער־רינג, צווישן זיי דער רוב פון דער פירערשאַפט פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ זענען שוין צענדליקער יאָרן פאַרבונדן מיטן „אָרט״ און געהערן צו די אַקטיווסטע טוער אין דער אַמעריקאַנער „אָרט״ פעדעראַציע, אַמעריקאַנער אַרבעטער „אָרט״, ווי אויך אין די פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען פונם וועלט „אָרט״ פאַרבאַנד.

עס וועט געניג זיין דערמאָנען נאָך עטלעכע נעמען, כדי דאָס צו באַשטעטיקן. די פאַרשטאָרבענע פריינד יוסף באַסקין, יוסף וויינבערג און יאַנקל ראָטמאַן, האָבן געהערט ווער פון זיי צו די פאַרוואַלטונגס אָרגאַנען פון דער אַמעריקאַנער „אָרט״ פעדעראַציע, צום אַמעריקאַנער אַרבעטער „אָרט״ אָדער וועלט „אָרט״־פאַרבאַנד. אַלע פון זיי האָבן פאַרנומען אין „אָרט״ פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן.

זיי צו לאַנגע יאָרן, די פריינד נחום כאַניִן, ביז גאָר נישט לאַנג גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, די געוועזענע פּרעזידענטן יעפים ישורין, יוסף ברעסלאָו, דער איצטיקער פּרעזידענט י. ט. זוקערמאַן, בענדזשאַמין געבינער, דער איצטיקער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג און דער אדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר וויליאַם סטערן — אַלע זענען זיי אַקטיוו אין „אָרט״, ווער פון זיי אין די פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען פון דער אַמעריקאַנער „אָרט״־פעדעראַציע, אַמעריקאַנער אַרבעטער־„אָרט״ און וועלט „אָרט״־פאַרבאַנד און זיי העלפן אויספאָרמירן די ריכטונג פון דער „אָרט״־טעטיקייט אין אַמעריקע, ווי אין וועלט „אָרט״־פאַרבאַנד.

אַלע די פריער אויסגערעכנטע, געוועזענע אָדער ווייטער נאָך פירער פון אַרבעטער־רינג זענען אויך גלייכצייטיק טוער אָדער געהערן צו דער אָנפירערשאַפט פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב.

דער פאַרשטאָרבענער יאַנקל ראָטמאַן און אים, צו לאַנגע יאָרן, יוסף טאַאווים, געוועזענער פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב און מענעדזשער פון לאָקאַל 142, „אינטערנעשאָנאַל״, זיי האָבן מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל זיך אָנשליסן אַלס מיטגליד אין נאַציאָנאַל סאָציאַלן קלוב. דעם

פאַרשלאָג האָבן זיי מיר געמאַכט טאַקע אויך אויף אַ זיצונג פון אויספיר קאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנער „אָרט"־פעדעראַציע.

מיט מיין ווערן אַ מיטגליד אין נאַצ. סאָצ. קלוב, איז די פאַרבינדונג פונם „קלוב" מיטן אַרבעטער „אָרט" נאָך מער נעענטער געוואָרן.

די גאַנצע אָנפירערשאַפט פונם „קלוב" און באַזונדערס אונדזער אַלעמענס געאַכטעטער, אַזוי ענערגישער, אַרבעטזאַמער פריינד יעפים ישורין, האָט זיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט מיטן צוציען און ווערבירן מיטגלידער פונם „קלוב" פאַרן אַמעריקאַנער אַרבעטער־„אָרט".

די אָנפירערשאַפט פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב", און ווידעראַמאָל פריינד ישורין, גיבן זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז מען קען נישט לעבן נאָר אויפן פאַרדינטן אָרעאָל, וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט זיך באַרעכטיקט פאַרדינט פאַרן זיין אומאויפהערלעכער מאָראַלער און מאַטעריעלער הילף, וואָס דער אַרבעטער־רינג אַלס גאַנצער און די הונדערטער ברענטשעס איבערן לאַנד, ווי זיינע אָנפירער, האָבן צענדליקער יאָרן געגעבן און שטיצן ווייטער „אָרט".

די צייטן האָבן זיך אָבער געענדערט.

דער „אָרט" איז אויסגעוואַקסן אין אַ גרויס פאַרשפרייטער און אָנער־קענטער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאַך־בילדונג אין צוויי צענדליק לענדער פון דער וועלט.

מיטן „אָרט" האָבן זיך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַראינטערעסירט יידישע קהילות און געזעלשאַפטלעכע טוער, יידישע און אויך נישט יידישע, פון פיל לענדער, רעגירונגען און אינטערנאַציאָנאַלע צווישן־פעלקערלעכע אָרגאַניזאַציעס ווענדן זיך צום „אָרט" און באַנוצן זיך מיט "אָרט'ס" דערפאַרונג פון העכער 80 יאָר צייט אויפן געביט פון פאַך־בילדונג. צווישן די, וועלכע העלפן „אָרט" געפינען זיך רעגירונגען פון ניי־ענטשטאַנענע לענדער אין אַפריקע וועלכע בעטן „אָרט" צו העלפן שאַפן פאַך־שולן און לערנען פאַכן די יוגנט פון זייער לענדער, אָדער העלפן אויסבילדן אינם „אָרטס" לערער־סעמינאַר לערער, וועלכע זאָלן קענען לערנען מלאכה די יוגנט אין זייערע לענדער.

די געענדערטע לאַגע האָט געפירט דערצו, אַז די השפעה פונם אַרבע־טער־רינג אינם „אָרט" זאָל מער נישט זיין די זעלבע, ווי זי איז געווען מיט יאָרן צוריק.

דערפאַר טאַקע באַמיט זיך די אָנפירערשאַפט פונם „נאַצ. סאָצ. קלוב", ווי דער אַרבעטער־רינג אַלס גאַנצער צו טאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך אָנצוהאַלטן די השפעה פונעם אַרבעטער־רינג אין „אָרט".

די אָנפירונג פון „קלוב" באַמיט זיך דעריבער צו ווירקן דורך די מיטגלידער פונם „קלוב" אין ניו־יאָרק ווי איבערן לאַנד, אַז זיי זאָלן מיטהעלפן דערצו און זען, אַז די אַרבעטער־רינג ברענטשעס, יידישע

אָדער ענגליש שפּרעכענדיקע און אַזוי אויך די מיטגלידער פונעם קלוב אַלס יחידים זאָלן פאַרזוצן צו שטיצן מאַטעריעל דעם „אָרט״.

דאָס איז דער אופן, דורך וועלכן דער אַרבעטער־רינג אַלס גאַנצער וועט ווייטער קענען אָנהאַלטן זיין ווירקונג אין „אָרט״, די אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אין אַמעריקע געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון אַרבעטער־רינג און נישט אויפגעהערט געשטיצט צו ווערן מאָראַליש און מאַטעריעל.

דאָס איז דער בייטראַג פונעם קלוב אויך צום „אָרט״, וואָס דאַרף ביים פייערן 50 יאָר עקזיסטענץ פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב, דערמאָנט ווערן.

יאָסל מלאָטעק

אין די פוסטריט פון די 36



איך האָב שוין, דוכט מיר, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט זיך מודה ומתוודה געווען, אַז ווען מען האָט מיך, מיט אַן ערך זעקס יאָר צוריק, פאָרגעשלאָגן צו ווערן אַ מיטגליד פון קלוב, האָב איך גאַנץ ווייניק געוואוסט וועגן זיינע צילן און אויפגאַבן. און דאָך — דאָך האָב איך מיט צופרידנקייט געזאָגט יאָ און נאָך צופרידענער בין איך געווען, ווען איך האָב געהערט, אַז די „געהיימע״ פאַרזאַמלונג, וואו מיין נאָמען איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן, האָט אויך געזאָגט יאָ. און אַזוי איז דער שידוך געשלאָסן געוואָרן.

איך מוז זאָגן, אַז ערגעץ וואו האָב איך געהאַט אויף זיך פאַראיבל: ווי קום איך אין אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איך קען ניט אירע צילן?

ערשט אַביסל שפּעטער, ווען איך האָב זיך אַ ביסל פאַראינטערעסירט מיט דער געשיכטע פון אונדזער אָרגאַניזאַציע און אַריינגעקוקט אין אירע היסטאָרישע אַרכיוון, האָב איך דערזען, אַז איך בין ניט דער איינציקער פון דעם מין. נאָך מער: די 36 גרינדערס פון דעם קלוב, (פאַרוואָס גראָד 36 האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין, איז עס צוליב לאַמעד־וואָוו?) זיי האָבן אין דעם ערשטן פּראָטאָקאָל דערקלערט, אַז פאַרלויפיק שטעלן זיי נאָר פעסט „די גרויסע נויטווענדיקייט פון דיזער נייער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס אירע מאָטיוון... דאַרפן זיך אין דער צוקונפט אויסאַרבעטן״.

נו, זעט אויס אַז עפּעס אַ געהיימע קראַפט, וואָס האָט ניט קיין לאָגיק און מאַטעמאַטיש־פּינקטלעכערע מאָטיוון, האָט געבראַכט צום לעבן די

דאָזיקע אָרגאַניזאַציע. איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג איז באַשטעטיקט געוואָרן פונעם לעבן גופא.

איך בין, ווי באַוואוסט, אַ „גרינער" אין אַרבעטער־רינג און נאָך גרינער ווי גרין בין איך אין קלוב און דערפאַר קען איך קיין פערזענ־לעכע זכרונות דאָ ניט דערציילן וועגן די קאַמפן און שטרייטן, אין וועלכע דער קלוב האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע ביים צעמענטירן און גאַנץ האַלטן דעם אַרבעטער־רינג. איך ווייס אָבער וועגן דעם קלובס אַלע וויכטיקע אויפטוען און איך זאָג: געבענטשט זאָלן זיין די אַלע וואָס לאָזן זיך ניט תמיד פּירן פון קאַלטן און אויסגערעכנטן קאָפּ, נאָר זיי הערן זיך אַמאָל אויך צו צו דעם ניט לאָגישן האַרצן.

נו, אַז איך האָב שוין דערמאָנט אַזאַ אַלטמאָדיש וואָרט ווי „האַרץ" מעג איך שוין אויך עפּעס זאָגן וועגן דעם וואָס די 36 קלוב־גרינדער האָבן יאָ געוואוסט און דאָס אונטערגעשטראָכן אין זייער רוף פאַר דער גרינדונג פון קלוב: „איר איינציקע אויפגאַבע וועט נאָר זיין אָנצוהאַלטן און פאַר־שטאַרקן די אַלטע פריינדשאַפט פון אירע מעמבערס", האָבן זיי געשריבן. און דאָס געפעלט מיר שוין גאָר, גאָר שטאַרק.

פריינדשאַפט... ווי נויטיק. דאָס איז אין לעבן בכלל. און ווי שטאַרק מען דאַרף האָבן פריינדשאַפט אין אַן אָרגאַניזאַציע מיט טאָג־טעגלעכע דאגות, פּראָבלעמען און מעגלעכע שטרויכלונגען.

איך האָב די ערשטע געזעלשאַפטלעכע טריט געשטעלט אין דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, אין „סקיפּ", וואו די באַגריסונג פון איינעם צום אַנדערן איז געווען „ח ב ר ש א פ ט !", פריינדשאַפט. מיר האָבן זיך תמיד באַמיט אַז דאָס זאָל זיין ניט נאָר אַ וואָרט — אַ באַגריסונג, נאָר דער תוך פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן.

מען דערציילט אַז די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן אין מדינת־ישראל פאַרנעמען זיך חוץ מיט וויכטיקער הויך־פּאָליטיק, נאָך מיט אַ וויכטיקער זאַך: צו זאָרגן פאַרן געזונט און וואוילזיין פון זייערע טאָן־געבער און צו צווינגען זייערע פירער אריינצוגיין אויף רעגולערע געזונט־אָבסערוואַציעס אין שפּיטאָל אַריין. ווייס איך ניט אויף וויפל דאָס איז אַזוי אין דער אמתן, אָבער מיך געפעלט דער דאָזיקער געדאַנק זייער שטאַרק. פון אים רעדט אַרויס דער געפיל פון פריידשאַפט און אַחריות פאַר די וואָס שטייען בראש פון אַ באַוועגונג.

איך בין ניט זיכער צי מיר קענען פועלן ביי די פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן פון אונדזער באַוועגונג, אַז זיי זאָלן פון צייט צו צייט אַוועק אויף אַ וואַקאַציע אויף געזונט־אָבסערוואַציעס אין שפּיטאָל אַריין, אָבער איין זאַך בין איך יאָ זיכער, דעם געפיל פון פריינשאַפט און חברישקייט קען אין גאָר אַ גרויסער מאָס געשטאַרקט ווערן ביי אונדז. מיר מעגן זיך פאַרגינען

צו זאָגן אַ גוט וואָרט און אַרויסוויזן באַזאָרגטקייט איינער צום אַנדערן ניט נאָר, חס וחלילה, ביי טרויעריקע געלעגנהייטן, וואָס מיר האָבן לעצטנס צו פיל, נאָר דער עיקר אין דער טאָג־טעגלעכער שווערער אַרבעט, וואו אַ גוט וואָרט, אָדער אַ פריינטלעכער זשעסט, מיינט אַזוי פיל.

צום היינטיקן יובליי פון קלוב ווינטש איך אַלע מיטגלידער: זאָל דער חלום פון די ערשטע 36 וועגן חברשאַפט און פריינדשאַפט ווייטער פלאַטערן איבער אונדזערע קעפּ און אונדז אָפּהיטן אין אַלע אונדזערע טאָג־טעגלעכע טואונגען און טעטיקייטן אין אַרבעטער־רינג. לאָמיר גיין אין די פוסטריט פון די 36.

מיכל י. מערלין (אַטלאַנטאַ)

מיין האַרציקן גרוס

טייערער פריינד י. ישורין,

ווי אַ שפּאָגל־נייער מיטגליד ווייס איך זייער ווייניק וועגן די לעצטע יאָרן אַקטיוויטעטן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

אויב אָבער יאָ באַגריסן איז נאָר וועגן דעם קאַמף און ניצחון בעת די לינקע האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג. איך בין זיכער, ווען מיר וואָלטן דאַן ניט געאַרבעט ווי די בינען וואָלט היינט צו טאָג דער גורל פון אַרבעטער־רינג געווען פונקט ווי פון דעם לינקן אָרדן.

גראָד איז מיר פּערזענלעך דאַן אויסגעקומען אויף אַ באַשיידענעם אופן צו ראַטעווען דעם גאַנצן דיסטריקט פון אַרבעטער־רינג אין אונזערע שטאַטן. גראָד בין איך דאַן געווען דער דיסטריקט־סעקרעטאַר. און די מגפה האָט זיך דאַן אָנגעהויבן איז נאָר איין ברענטש אין אַטלאַנטאַ, אַ לינקער, אַריבער צו זיי. איך האָב אָבער געראַטעוועט אַ צאָל מיטגלידער פון זייער ברענטש.

וואָס אָנבאַלאַנגט די אַנדערע שטעט האָב איך אַרויסגעשיקט בריוו צו מיינע גוט־באַפריינדעטע פריינד אין יעדן ברענטש, אָנווייזנדיק וואָס, ווען און ווי אַזוי צו קעמפן מיט זיי.

עס איז נאָך געווען דער פאַל, אַז איינער פון די חשובסטע לערער אונזערע, גראָד פון אַטלאַנטאַ, האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון זייערע רייען און האָט ביי אַ קאָנפערענץ אין דזשעקסאָנוויל אָנגעפירט דעם קאַמף

אַזוי, אַז אַלע אונזערע לערער, אַ 12 אין צאָל, האָבן געזאָלט, ביי אַ געוויסן מאָמענט, אַרויס דעמאָנסטראַטיוו פון דער קאָנפערענץ. מיינער אַ פריינד, אַ לערער, האָט פאַר מיר אַנטדעקט די פאַרשווערונג און מיר האָבן גענומען די נויטיקע שריט אָפּצושטעלן דעם אַרויסטריט.

און נאָך אַ צרה, מיינער אַ ברודער אין אַטלאַנטאַ איז געווען דער פירער פון די לינקע און ער האָט אין דער „פרייהייט" געשריבן אַ פאַסקוויל קעגן מיר. אָט דאַן איז עס געווען דער מאָמענט, ווען מיין נאָמען און מיינע „צושריפטן" זיינען געווען געדרוקט אויפן ערשטן זייט פון „פאָרווערטס".

דאָס איז גראָד אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע און ביי אַ געלעגנהייט וועט אַמאָל זיין אינטערעסאַנט איבערצוגעבן וועגן דעם פיל פּרטים.

נעמט זשע אָן מיין באַגריסונג.

הענרי סאָבאָטקאָ

טשערמאַן לאָקאַל ניו־יאָרק

נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב — דער אַוואַנגאַרד פון אַרבעטער־רינג

אין יעדער אָרגאַניזאַציע פון אַ גרעסערן פאַרנעם קען די מיטגלידערשאַפט איינגעטיילט ווערן אין דריי גרופּן אָדער קאַטעגאָריעס: די ברייטע מאַסע, דער אַקטיוו און אַן אַוואַנגראַד. די פונקציעס פון יעדער קאַטעגאָריע זיינען פאַרשידענאַרטיקע.

די אַלגעמיינע מיטגלידערשאַפט פון אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע דאַרף, פאַרשטייט זיך, זיין לאָיאַל צו די גרונד־פּרינציפּן, וואָס די אָרגאַניזאַציע נעמט אָן; אויספירן מיט טריישאַפט אירע באַשלוסן; העלפן דעם דערפאָלג פון אַלע אונטערנעמונגען און זאָרגן, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל ווערן גרעסער, שטאַרקער און איינפלוסרייכער. אין דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס ווערט דאָס, פאַרשטייט זיך, שטענדיק געטאָן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן. באַשלוסן ווערן געמאַכט מיט דער באַטייליקונג פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט, לויטן פּרינציפּ פון מערהייטס־באַשלוס. דאָס מיינט אַז באַשלוסן ווערן אָנגענומען מיט אַ מערהייט שטימען און זיינען בינדענד אויך פאַר דער מינדערהייט.

די צווייטע קאַטעגאָריע — דער אַקטיוו — האָט שוין פיל ברייטערע

פונקציעס. אויסער די אַלגעמיינע פליכטן אַלס מיטגלידער איז זייער אויפגאַבע אויך אָנצופירן מיט דער אָרגאַניזאַציע. זיי דאַרפן אַקטיוויזירן די מיטגלידער און זיי פאַראינטערעסירן אין די פאַרשידענע אָפּטיילונגען און טעטיקייטן. פון זיי ווערן אויסגעקליבן די לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע פירער. זיי רעפּרעזענטירן די אָרגאַניזאַציע און דעם אַלגעמיין־געזעלשאַפט־לעכן לעבן. מיט איין וואָרט, זיי זיינען דאָס וואָס מיר רופן דער אַפּאַראַט, וואָס פירט אָן מיט דער גאַנצער אַרבעט.

די אויפגאַבן פון דער דריטער קאַטעגאָריע זיינען די ווייטגייענדסטע. דער אַוואַנגאַרד דאַרף אויסער די צוויי אויבן־דערמאָנטע אויפגאַבן, זיך קאָנצענטרירן הויפּטזעכלעך אויף צו באַשיצן די אָרגאַניזאַציע. זיי דאַרפן שטענדיק זיין גרייט צו מאָביליזירן די אַלגעמיינע מיטגלידערשאַפט אין פאַל ווען עס באַוויזט זיך אַ דרויסנדיקער שונא וואָס וויל שלעכטס טאָן די אָרגאַניזאַציע. אויך דאַרף דער אַוואַנגאַרד אַכטונג געבן אַז קיינער זאָל ניט שעדיקן די אָרגאַניזאַציע פון אינעווייניק. די הויפּט־אויפגאַבע זייערע איז אַכטונג צו געבן, אַז די פירער, וואָס ווערן געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע און אַלע אירע אָפּטיילונגען, אָדער די וואָס רעפּרעזענטירן איר פאַר דער וועלט, זאָלן זיין לאָיאַלע, אויספּרובירטע מענטשן, וועמען מ׳קען מיט אַ רואיקן געוויסן אָנפאַרטרויען די פירער־שאַפט.

דאָס אַלץ איז אַבסטראַקט גערעדט. איצט וועלן מירריידן קאָנקרעט.

דער אַרבעטער־רינג ווי די גרעסטע יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע און די גרעסטע יידיש־ריידנדיקע אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט, האָט גלייך ביי איר גרינדונג זיך פאַרנומען אויף אַ ברייטן שליאַך. אין סכום פון אירע טעטיקייטן איז איינגעשלאָסן געוואָרן ניט בלויז בענעפיטן. דער אַרבעטער־רינג האָט זיך אונטערגענומען אויף ווי ווייט מעגלעך צו באַפרי־דיקן די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, קולטורעלע און טיילוויז אויך די פּאָלי־טישע נויטן און פאַרלאַנגען פון דער דעמאָלדיקער אימיגראַנטישער מיט־גלידערשאַפט.

פאַרשטענדלעך אַז אין די ערשטע יאָרן זיינען אַלע דיסקוסיעס און טיילוויז אויך די קאַמפן געפירט געוואָרן אַרום פראַגן פון געבוי, פאַר־וואַלטונג און וואָס פאַראַ פּנים די אָרגאַניזאַציע זאָל האָבן. דאָס געהערט אָבער צו געשיכטע־שרייבער. איך וועל אין דעם זיך ניט אַריינלאָזן. דאָס האָבן מיר געטאָן און עס וועלן נאָך אַנדערע טאָן. וואָס עס איז וויכטיק פאַר אונז, היינט צו וויסן און וואָס איך וויל אונטערשטרייכן איז, וואָס פאַראַ סיבות האָבן געבראַכט צום אויפקומען פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב” און וואָס זיינען די פונקציעס וואָס ער דערפילט.

אין די פופציק יאָר וואָס דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב” עקזיס־

טירט, האָט ער אַ סך פונקציעס דערפילט אין לעבן און אין די טעטיקייטן פון אַרבעטער־רינג. וועגן יעדער איינער באַזונדער וואָלט מען געקענט אַ סך שרייבן. אין אַלע שטרייטיקייטן וואָס ס'זיינען פון צייט צו צייט פאָרגעקומען אין אַרבעטער־רינג האָט דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" געשפּילט אַ דעצידירענדיקע ראָל. צוויי פון זיי זיינען די פּאָפּולערסטע. אַזוי ווי זיי זיינען געפירט געוואָרן עפנטלעך, קען מען היינט צום יובילייאום, זיי אָפּפרישן אין זכרון.

דער קאַמף צווישן די „יונגע" און „אַלטע" אין אַרבעטער־רינג איז ניט געווען פון אַזאַ כאַראַקטער וואָס האָט געשטעלט אין געפאַר דעם סאַמע פונדאַמענט פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך באַצויגן מערסטנס אויף פּאָדערונגען פאַר רעפאָרמען און אָנערקענען די יינגערע עלעמענטן וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן אין אַקטיוו. עס איז געווען מער אַן אינערלעכער משפּחה־ענין, ווי אַ דרויסנדיקער קאַמף.

דאָ פּאַסט זיך זייער גוט אַריין דער געדאַנק וואָס דער אומפּאַרגעסלעכער צביון האָט אַרויסגעבראַכט וועגן דעם קאַמף אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צווישן די יינגערע און עלטערע (מיליטאַנטן און אָלד־גראַד). ער האָט געזאָגט: „די יינגערע ווילן לויפן גאַלאָפּ, לויפן די עלטערע נאָך זיי, כדי זיי צוריקהאַלטן, דערווייל לויפן די עלטערע אויך אונטער אַ ביסל".

אויך אין דעם קאַמף צווישן די „יונגע און „אַלטע" אין אַרבעטער־רינג האָט לויט מיין אָפּשאַצונג ענליכעס פּאַסירט. די „יונגע" האָבן אַ ביסל פּאַרלאַנגזאַמט זייערע טריט, די עלטערע האָבן זייערע טריט אַ ביסל פאַרשנעלערט. אַזוי אַרום איז געפונען געוואָרן אַ מיטלפּונקט און ביידע שטרייטנדיקע גרופּן האָבן געקענט מאַרשירן צוזאַמען ווי איין געאייניקטע אָרגאַניזאַציע.

גאַנץ אַנדערש איז געווען דער פאַל ווען עס איז אַנטשטאַנען אַ קאַמף אין אַרבעטער־רינג אויף אַ פּאָליטישן באָדן — ווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג. און שטעלן אים אין פולשטענדיקער דינסט פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם. דאָ איז שוין ניט געווען אַ פראַגע פון בלויז ראַטעווען דעם שיינעם נאָמען וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט זיך דערוואָרבן אין יידישן און אין אַלגעמיין אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז דער גאַנצער יידישער ישוב אין אַמעריקע זאָל פאַרשריגן ווערן פאַר קאָמוניסטן און זאָל באַצייכנט ווערן ווי שונאים און פאַררעטער פון לאַנד.

היינט, ווען די קאָמוניסטן זיינען שוין „אָפּגעשלאָגענע הושענות"; ווען זייער ראָל אין יידישן לעבן אין אַמעריקע איז נול; ווען זיי זיינען פאַקטיש פאַרטריבן געוואָרן פון עפנטלעכן, יידישן־געזעלשאַפטלעכן לעבן, קען מען דאָס שוין דערציילן אין פריידן. אָבער אין יענע יאָרן, ווען די

סימפּאַטיעס פון אַ גרויסער צאָל יידישע אימיגראַנטן זיינען געווען מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, און האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע אויסגענוצט די סימפּאַטיעס פאַר אירע פּאַרטיי־צוועקן. אין יענער צייט ווען עס איז זיי געלונגען צו פאַרכאַפּן אַ באַדייטענדן טייל פון דער אימיגראַנטישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, האָבן זיי זיך אויך פאַרמאָסטן צו פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג און אויב עס וועט זיך זיי ניט איינגעבן צו פאַרכאַפּן — איז אים פאַרניכטן.

ס'האָט זיך געפאָדערט זייער פיל מוט און אַנטשלאָסענקייט צו פירן דעם קאַמף מיט די קאָמוניסטן. זייערע מעטאָדן פון קאַמף זיינען אונז אַלעמען גאַנץ גוט באַקאַנט. די נעמען מיט וועלכע זיי האָבן אונז באַטיטלט, די בלבולים וואָס זיי האָבן אויף אונז אויסגעטראַכט, ווער וויל דאָס היינט ריידן וועגן דעם, ס'לוינט זיך ניט צו דערמאָנען זיי, ווייל קיינער נעמט זיי היינט מער ניט ערנסט. מען ווייס, אַז דער קאָפּ פון היינט קען ביי זיי מאָרגן זיך וואַלגערן אין מיסט ווי אַ פאַררעטער און דער נעכטיקער „פאַררעטער" ווערט מאָרגן אַ „רעהאַביליטירטער מאַרטירער". אָבער אין יענער צייט, ווען קאָמוניזם איז געגאַנגען באַרג־אַרויף אין אַמעריקע, ווען זיי איז געלונגען זיך אַריינצורייסן אין אַלע ווינקלען פון אונזער לעבן, האָט קאַמף מיטן קאָמוניזם, אָדער בעסער געזאָגט — מיט קאָמוניסטן, פשוט געמיינט מסירת־נפש. בוכשטעבלעך לעבנס־געפאַר.

די אויפגאַבע פון ראַטעווען דעם אַרבעטער־רינג האָט אויף זיך גענומען דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב". ער איז געוואָרן דער אַוואַנגאַרד אין קאַמף מיט די קאָמוניסטן. ווי יעדער אַוואַנגאַרד, איז די מיטגלידערשאַפט פון קלוב געגאַנגען פאַרויס פון דער מחנה. זיי האָבן געהאַלטן הויך די פאָן פון אַרבעטער־רינג. זייער טריישאַפט און אָפּפערוויליקייט איז געווען אַ ביישפּיל פאַר דער ברייטער מיטגלידערשאַפט, וועלכע האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון דער נאַציאָנאַלער פירערשאַפט פון אַרבעטער־רינג און האָבן געראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג.

איך וועל פאַראַפראַזירן אַ זאַץ פון דער „הגדה" — אויב דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" וואָלט אין די 50 יאָר מער גאָרניט געטאָן, נאָר וואָלט בלויז פאַרטריבן די קאָמוניסטן פון אַ.־ר. וואָלט אויך געווען דיינו — בפרט אַז צו דעם קומען צו נאָך אַנדערע פאַרדינסטן פאַרן אַרבעטער־רינג. דאַרפן מיר, מיטגלידער פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב", זיין צופרידן און דאַנקבאַר צו די וואָס האָבן אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אין דער אַרבעט זיך צו באַטייליקן.

אין מיינע אויגן, לויט מיינע געפילן איז דאָס ניט דער „זקן" אויך ניט גלאַט אַזוי זיך דער קלוב; איך באַטראַכט דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" ווי דעם אַוואַנגאַרד פון אַרבעטער־רינג.

י. סיגעל

דער פאַרביסענער קאַמף אין שיקאַגאָ



ווען עס וועט געשריבן ווערן די געשיכטע פון „סאָציאַלן קלוב", וועט מען מוזן אָפּגעבן אַ קאַפּיטל פאַר שיקאַגאָ. פונקט ווי אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, אַזוי אויך האָט דאָ דער קלוב געראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג פון די נעגל פון די מאָסקווער חסי־דים, וואָס האָבן אים געוואָלט אומברענגען, אויב זיי קענען אים ניט באַהערשן.

אַוודאי איז דאָס אַלעמען באַקאַנט, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז דערפאַר דאַרף מען עס ניט מערער דערמאָנען. עס וואָלט זיין, ווי מען זאָל זאָגן צו פרומע יידן, אַז פסח צום סדר זאָלן זיי מער ניט דערמאָנען די געשיכטע פון יציאת מצרים. פאַרקערט, דאָרט זאָגט זיך, אַז עס איז אַ מיצווה די זאַך צו דערציילן די נייע דורות.

ווען די קאָמוניסטן האָבן געמיינט אַז זיי האַלטן ביים איינגעמען אַמע־ריקע האָבן זיי דורך זייערע יידישע מיטגלידער געוואָלט צו ערשט פאַר־כאַפּן דעם אַרבעטער־רינג, די יוניאַנס און אַנדערע פאָלק־קערפערשאַפטן. אַ סך מענטשן קענען זיך שוין איצט ניט פאָרשטעלן אַפילו, אַז די קאָ־מוניסטן זענען יענע צייט געשטאַנען הויך אויפן לייטער פון דערפאָלג. עס איז מיט זיי געגאַנגען די אינטעליגענץ און אַ גרויסער טייל פון דער ליבעראַלער וועלט.

עס האָט זיך געפאָדערט קוראַזש אַרויסצוקומען קעגן מאָסקווע און איר פאַרברעכערישע און פאַרכאַפּערישע טאַקטיק.

דאַן איז אויפגעשטאַנען אַ גרופּע טיף־גלויביקע אידעאַליסטן פון אַרבעטער־רינג און דעם עכטן דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און אָנגעהויבן אַ קעגן־באַוועגונג מיט ענערגיע, מוט און איבערצייגונג קעגן די מאָסקווער שיק־יינגלעך.

די מאָסקוויטער האָבן איינגעזען, אַז דער אַרבעטער־רינג איז אַ צו שטאַרקע פעסטונג זיי זאָלן זי קאָנען איינגעמען, האָבן זיי פון אים אָפּ־געריסן אַ גרויסן טייל און געשאַפן זייער „אינטערנאַציאָנאַלן אָרדן", וואָס האָט סוף־כל־סוף געמוזט ליקווידירט ווערן.

אַך און וויי וואָלט געווען צום אַרבעטער־רינג ווען ער פאַלט אַריין אין זייערע הענט.

דער היגער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" האָט אונטער דער פּי־

רערשאַפּט פון פאַרשטאַרבענעם לואיס בענענסאָן זיך שטאַרק אויסגע־צייכנט אין אַט דעם קאַמף צו האַלטן זיך גאַנץ פעסט און שטאַרק אין אָפּשטעלן דעם ווילדן געוויטער.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די קאָמוניסטן האָבן געהאַנדלט אַנדערש אין די יוניאָנס פון נאָדל־פאַך. די מערסטע מיטגלידער זענען געווען יידן. אַ סך האָבן געהערט צום אַרבעטער־רינג. אַ געוויסע צייט האָט עס אויסגעזען, אַז אַ סך פון די אַזוי־גערופענע יידישע יוניאָנס וועלן אַריינפאַלן אין זייערע הענט. אַ גרופּע יוניאָן־טוער, די מערסטע אַרבעטער־רינג מיטגלידער האָבן רואיק זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און נאָכגעטאָן דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" און אַרויס אין קאַמף קעגן זיי.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווי עטלעכע טוער פון אינטערנע־שאָנעל זענען אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" נאָך אַ מיטינג אויף דער דאַמאָלטיקער וועסט סייד שרעקלעך צעבלוטיקטע, אָבער אין אַ געהויבענער שטימונג: „מיר האָבן זיי פאַרטריבן!"

דאָס איז געווען מער ווי סתם אַ פאַרטיידיקונג פון אַ מיטינג. די קאָמוניסטן האָט פון דאַן אָן אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ.

איך האָב אין „פאָרווערטס" שוין אָנגעוויזן, אָבער מען מעג עס דאָ איבערחזרן, אַז בעת אונדזער איצט פאַרשטאָרבענער גרויסער דענקער, מענטש און שרייבער ר. אַבראַמאָוויטש איז געקומען צום ערשטן מאָל קיין שיקאַגאָ איז די קאָמוניסטן געלונגען דורך אַלערליי העסלעכע מיט־לען צו צעשטערן דעם קבלת־פּנים. בעת זיי האָבן דאָס פּרובירט איבער־חזרן אויף צו מאָרגנס, זענען שוין די מיטגלידער פון קלוב געווען גרייט פאַר זיי און די סטאַליניסטן זענען אַוועק ווי אָפּגעשלאָגענע הושענות.

דאָס זענען עטלעכע אינצידענטן אין דער געשיכטע פון קלוב דאָ אין שיקאַגאָ. דאָס איז אָבער ניט געווען זיין הויפּט־אויפגאַבע. אַוודאי איז דער קלוב געווען דער היטער, דער שומר פון דער אָרגאַניזאַציע אין קריטישע צייטן. ער איז אָבער אויך געווען אַ בליענדער און שאַ־פנדער כוח. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ סך שטראָמען פון ענערגיע און גלויבן אין די טעטיקייטן.

ועל כולם האָט ער אַרויסגעוויזן אַ בויגזאַמקייט און אַ פאָלקסטימ־לעכקייט, אַז אונדזערע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן ניט זיין בלויז געווידמעט כסדר צו ערנסטקייט און צו טרוקענע דעבאַטן. מען דאַרף אויך האָבן אין זינען דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, וואָס מוז האָבן צעשטרייאונג, פרייד און געגוס. דער קלוב האָט דאָס אָפּט באַזאָרגט.

איך קען דערמאָנען וועגן מיינס אַן אייגענער דערפאַרונג. אַ סך אַרבעטער־רינג מיטגלידער פלעגן אויף מיר קוקן מיט צו־פיל ערנסט־קייט. עס האָט זיך געפילט ווי אַ ניט־נאַטירלעכע מחיצה. מיין אַריינקו־

מען ווי אַ מיטגליד אין קלוב האָט צעשמאָלצן די וואַנט צווישן אונדז. די חברשאַפט וואָס איז אַ הויפּט־מאַטאָ פון קלוב האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף אַלע אופנים, אפשר ניט אין אַזאַ מאָס ווי איך וואָלט געוואָלט, אָבער יעדנפאַלס פיל מערער ווי פריער.

נאַטירלעך איז דער קלוב אַנדערש היינט ווי אַמאָל. צופיל מענטשן זענען פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן און גאָר אַ גרויסע צאָל איז געוואָרן עלטער און שוואַכער; אַזוי ווי קיין יונגע זענען ניט אַריינגעקומען, מוז עס זיך אָפּרופן אויפן קלוב. די אָבער וואָס זענען געבליבן טעטיק פירן נאָך דורך אַ גרויסע פונקציע פון האַלטן צעמענטירט, גאַנץ און שטאַרק דעם אַרבעטער־רינג.

ווינטש איך די הויפּט־פירער פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" לאַנגע יאָרן פון גוטן געזונט און ווייטערדיקע נוצלעכע און וויכטיקע טעטיקייטן.

לואיס סילווער

פּופּציק יאָר

פּופּציק יאָר איז זיכער אַ וויכטיקע דאַטע אין דעם לעבן פון יעדן יחיד און אָרגאַניזאַציע, בפרט אין דעם לעבן, עקזיסטענץ און אויפטואונגען פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווי עס איז דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב, ווען עס איז באַשערט געווען צו האָבן די וויכטיקע גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע אָפּצוהיטן דעם אַרבעטער־רינג, פון די שטורעמס און געפאַר, וואָס האָבן אויף געלויערט, און צו פאַרזיכערן, אַז די אַנטוויקלונג, גאַנג און זיינע אויפגאַבן זאָל ווערן געהיט לטובת דעם היגן יידישן לעבן מיט ווירדע און ווערדע.

מען דאַרף באַגריסן דעם קלוב און זיינע פירער, וואָס זיינען ווי געטריַע וועכטער געווען אויף דער וואַך און ניט דערלאָזן, אַז פאַרפירער זאָלן אַראָפּפירן דעם אַרבעטער־רינג פון דרך הישר און אים דערפירן צו אַ מדרגה, וואָס וואָלט געבראַכט שאַנד און חרפה פאַרן אַמעריקאַנער יידישן יישוב. נאָר פאַרקערט דער קלוב האָט מיט זיין טריישאַפט, מיט זיין וויזיע און נוצלעכקייט געבראַכט אונדזער אָרגאַניזאַציע צו אַ שטופע, וואָס פאַרשאַפט כבוד ניט בלויז צו זיינע מיטגלידער נאָר פאַרן יידישן ישוב בכלל.

פּאַר אַזאַ אויפגאַבע און פּאַר אַזאַ דערגרייכונג זיינען די פירער און מיטגלידער פון קלוב ווערט צו ווערן באַגריסט און אָנערקענט, ווען מיר פייערן דעם יום־טוב פון פופציק יאָר קלוב.

דער אַרבעטער־רינג איז געראַטעוועט געוואָרן אַ דאַנק די וואַכזאַמקייט פון די וועכטער, די פירער פון דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב. דאָס איז אַ פאַקט וואָס קיינער קען ניט פאַרלייקענען און וואָס אַלע דאַרפן אָנערקענען.

אַ פוסטקייט וואָלט געווען אין היגן יידישן לעבן אָן דעם אַרבעטער־רינג. גייסטיק פאַראָרעמט וואָלט דער היגער יידישער ישוב געווען אָן אונדזער אָרגאַניזאַציע. ביי דער פופציק יאָריקער פייערונג דאַרף עס פאַרצייכנט ווערן.

פופציק יאָר, יעדע בלעטל איז דאָך אַ קאַפּיטל געשיכטע. נאָך קיינמאָל ניט אין דער געשיכטע פון דער וועלט האָט זי זיך אַזוי געביטן און דער אויסזען און כאַראַקטער פון דער מענטשהייט אַזוי געענדערט.

אימפּעריעס איינגעפונדעוועטע פון דורות זיינען צעריבן געוואָרן ווי שטויב, סיסטעמען פאַרפעסטיקט פון הונדערטער יאָרן זיינען צעפאַלן געוואָרן ווי בלעטלעך אין הערבסט.

1914־1913 ערב דער וועלט־מלחמה. אין רוסלאַנד האָט זיך פאַרענדיקט דער בייליס פּראָצעס מיט אַ מפּלה פאַרן צאַריזם. יידן זיינען דאָרטן געווען פאַרפאָלגט און אונטערדריקט, אָבער עס שטייגט אויף דאָרטן דער רענע־סאַנס פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און קולטור. די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען זיינען געוואָרן פאַרשטאַרקט אין יידישן לעבן און די שטרעבונג פאַרן בעסערן מאָרגן איז אַריינגעדרונגען טיף ביי די יידישע מאַסן.

מיט פופציק יאָר צוריק אין אַמעריקע האָט זיך דעמאָלט פאַרענדיקט דער פּראָצעס פון אויספורעמען אַ ניי יידיש לעבן און אַ נייעם יידישן ישוב.

די איבערוואַנדערונג פון איין לאַנד אין אַ צווייטן האָט דאָך אַ גרויסע פסיכישע ווירקונג אויף אימיגראַנטן. דער אַרבעטער־רינג האָט געשטאַרקט דעם געמיט און דערהויבן גייסטיק די יידישע אימיגראַנטן אין דעם נייעם לאַנד.

פופציק יאָר, — דאָס זיינען דאָך געווען די טראַגישסטע יאָרן אין אונדזער געשיכטע. „מיטן שאַרף פון שווער באַגעגענען מיר דעם נייעם יאָר־הונדערט" האָט ווילהעלם דער צווייטער באַגריסט דעם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, דעם ערשטן יאַנואַר, 1900.

קיינער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, קיין פאַנטאַזיע האָט אַזוי פינצטער ניט געקענט זיין און פּראָוויסזאָגן, וואָס דער דייטשער שווערד וועט טאָן דעם יידישן פאָלק. ס׳האָט דער שווערד זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן יידישן פאָלק ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה און דער־פירט צו דער רציחה און שחיטה און גרויסע טראַגעדיע פון יידישן פאָלק דורך די היטלער מערדער אין דער צווייטער וועלט מלחמה.

אָט אין די יאָרן האָט עקזיסטירט אַ קלוב פון לאָיאַלע, געטרייע מענטשן צו שיצן דעם אַרבעטער־רינג אָרדן. די פירער פון דעם קלוב האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך קענטעניש און גרויסע נאַציאָנאַלע אַחריות צו פאַרהיטן ניט בלויז דעם אָרדן נאָר דעם יידישן פאָלקס־לעבן אין אַמעריקע.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו וועלט־פּאַסירונגען? עס האָט שוין גאָר אַ שייכות, ווייל אָט די מענטשן האָבן אין די יאָרן געהיט דעם גלויבן אין מענטשן און אין זיינע מעשים און אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אַז דער אמתער גלויבן אין דעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם, אין מענטשלעכע רעכט און אין מענטשלעכע באַפרייאונג זאָל ניט אַראָפּגעשווענקט ווערן. דאָס איז זיכער אַ גרויסע זאַך וואָס איז ווערט צו ווערן אָנערקענט ווען מען פייערט אַ יובל.

אויב אין די יאָרן פון 1914 איז עס געווען אַ קאַמף צווישן אָנהענגער און קעגנער פון פּראָטערנאַלע רעיטס, צווישן „יונגע און אַלטע”, וואָס די יונגע זיינען ניט געווען יינגער פון די אַלטע און די אַלטע ניט עלטער פון די יונגע. האָט אָבער דער קלוב דערגרייכט זיין גרויסע ווערדע און דערפילט זיין היסטאָרישע מיסיע מיטן פאַרהיטן די גאַנצקייט פון אַרבע־טער־רינג און פאַרטריבן פון זיינע רייען די פאַלשע משיחים. ווען דער פאַלשער משיח האָט אָנגעהויבן מאַרשירן אויף דער יידישער גאַס און פאַרבלענדעט מאַסן מיט פאַלשע לאָזונגען און פוסטע ישועות, איז דער עולם פאַרכאַפּט געוואָרן. מען האָט טאַקע געמיינט, אַז די גאולה איז דאָ, זי שטייט אויף דער שוועל פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער מענטש ווי אַ יחיד, און יידן ווי אַ פאָלק האָבן זיך אַזויפיל אָנגעליטן, איז מען דעם גואל אַנטקעגן געקומען, ניט פילנדיק זיין פאַלשקייט און די פאַרפירעריש־קייט, ניט זעענדיק די געפאַר וואָס אַזאַ פאַלשער דערלייזער וועט ברענגען פאַרן יחיד און פאַרן כלל.

אין יעדע עת־צרה האָט דאָס פאָלק געזוכט און געגלויבט, אַז דעמאָלט קומט אויך די גאולה, מען איז פאַרבלענדעט געוואָרן פון דעם פאַלשן וואָרט און פאַלשע צוזאָגן און האָפנונגען.

אָט אין אַזאַ צייט דאַרף מען האָבן מוט, כאַראַקטער און וויזיע אַרויס־צוגיין אויף דער גאַס מיט אַ וואָרנונג, „היט זיך, ראַטעוועט זיך! עס איז אַ

פאַלשער משיח!" האָט דאָך דער פאַלשער משיח שבתי צבי מיטגעריסן גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק מיט רבנים און למדנים. אויך דער פאַלשער נביא האָט אין זיין צייט געהאַט ביי זיך גרויסע קענער, דעם בקי אין גמרא און קבלה מיט דער גרויסער רעדנער־קראַפט נתן העזתי און שמואל פרימו, וואָס האָבן מיט דיאַלקטישע אותות ומופתים באַוויזן, אַז דאָס איז דער אמתר משיח און עס איז גוט פאַר יידן; אַז עס הייבט זיך אָן די גאולה און אַ נייע תקופה אין יידישן לעבן.

עס האָט זיך אָבער געפונען דער איינער מיט מוט און וויסן, דער מקובל, דער פוילישער ייד רב נחמיה כהן און אויסגעשריגן: „יידן ראַטע־וועט זיך עס איז אַ פאַלשער משיח!" דאָס יידישע פאָלק איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ צרה.

אַזוי איז אויך געווען דער געשריי און וואָרנונג פון די פירער און מיטגלידער פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב אין אונדזער צייט, וואָס האָבן געוואָרענט וועגן דעם פאַלשן משיח און אויפגעהויבן זייער שטים שטאַרק און הויך: „יידן אַנטלויפט פון דעם פאַלשן משיח".

שבתי צבי און יעקב פראַנק האָבן געריסן גלידער פון יידישן פאָלק און דערביי פאַרגלאָצט די אויגן מיט אַ פרומער מינע און געזאָגט: „עס איז גוט פאַר יידן".

אַזוי האָבן די פאַלשע משיחים אין אונדזער צייט געריסן לעבעדיקע אברים פון יידישן פאָלק און דערביי געזונגען „אַז דו האָסט פאַרראַטן דיין טאַטן — עס איז גוט".

דער קלוב האָט די פאַרדינסטן וואָס מען האָט זיי פאַרטריבן פון אַרבע־טער־רינג, און אַזוי האָט מען זיי אויך פאַרטריבן פון יידישן פאָלקס־לעבן און געראַטעוועט דעם היגן יידישן ישוב פון אַ קאַטאַסטראָפע.

דאָס איז אַ גרויסער היסטאָרישער פאַרדינסט. לאָמיר ביי דער פופציק יאָריקער פייערונג פון קלוב אויסשרייען הויך און שטאַרק אונדזער לויב און אונדזער אַנערקענונג צו די מיטגלידער און פירער פון קלוב מיט פריינד ישורין בראש.

הלוואי זאָלן מיר אַלע צוזאַמען אַזוי פייערן דעם 60יאָריקן יובילייי פון קלוב מיט צען יאָר שפּעטער.

פרענק עפשטיין

די ראָל פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב"

ווי איינער וואָס איז ניט געשטאַנען ביים געבורט פון דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב און איז נאָך כמעט גאָר אַ יונגער מיטגליד, האָב איך ניט בדעה צו שרייבן די געשיכטע פון קלוב. געוויס וועלן זיך געפינען צווישן די עלטערע מיטגלידער אַזעלכע, וועלכע וועלן געבן די געהעריקע אָפּשאַצונג פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט הינטער זיך אַ גאַנץ פאַרבנ־רייכע פאַרגאַנגענהייט און בלי ספק אַן אַלזייטיקע באַדייטונג פאַר די מיטגלידער פון קלוב ווי יחידים און פאַר דעם אַרבעטער רינג ווי אַ שוץ פון געפאַר. ניט איינמאָל פאַר מיין אַריינטרעטונג אין דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב, וואָס טראָגט דעם סימבאָלישן נאָמען „זקן", האָט זיך ביי מיר געשטעלט די פראַגע — וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אָט די מיסטעריעזע אָרגאַניזאַציע? וואָס איז איר ראָל? — וויפיל אמת ליגט אין די קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך אַרום אָט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, אַז דאָס איז די געהיימע קראַפט וואָס דאָמינירט דעם אַרבעטער רינג און האַלט צוריק דעם ארבעטער רינג פון זיין גייסטיקן און מאָראַלן פאַרנעם אין די ברייי־טערע שיכטן פון די באַוואוסטזיניקע און ראַדיקאַלע מאַסן.

זאָל מיר דערלויבן זיין צו זאָגן דעם אמת, אַז מיר האָט גאַנץ שטאַרק אימפּאָנירט צו ווערן אַ מיטגליד אין דעם „זקן". זיכער ניט מחמת דעם, וואָס מיר האָט געצויגן און גערייצט די זאָגענאַנטע ראָמאַנטיק פון צו זיין איינער פון דעם געהיימען כוח, נאָר זיך אַליין איבערצייגן אין די אמתע פונקציעס פון דעם „זקן" און זיין ראָל אַלס אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם אַרבעטער רינג.

ווייל איך זיך מודה זיין, אַז איך האָב טאַקע געטראָפן אין דעם נאַציאָ־נאַלן סאָציאַלן קלוב אַ שטאַרקע געהיימע קראַפט. אָבער דאָס איז געווען די טיף פאַרבאָרגענע קראַפט, וואָס ליגט אויף יעדן לעבעדיקן מענטשן און בפרט פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן עסקן ניט צו ווערן אָפּגעריסן און פאַרגעסן אין דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעקליבן ווי אַ אידייאישן באַרוף פאַר זיין לעבנס־שטייגער.

מיט מיין אַריינטרעטן אין דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב איז פאַר מיר באַלד אין דעם ערשטן מאָמענט קלאָר געוואָרן, אַז אָט די דאָזיקע

מיסטעריעזע אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך „זקן", איז ווייט פון צו זיין אַ געהיימע, פאַרבאָרגענע סעקטע, וואָס לעבט און ווירקט אין דעם אַרבעטער רינג אונטער אַ צודעק פון מאַסקירטע מחבלים. דאָס איז גאָר להיפּוך דער וויזיע, וואָס איך, און וואַרשיינלעך אַ סך אַנדערע, האָבן זיך געשאַפן לגבי דעם „זקן". פאַר מיר האָט אויפגעבליט אַ מאָמענט, וואָס האָט מיר אָנגעוויזן, אַז אין די פירענדע כוחות פון דעם אַרבעטער רינג לעבט אַחוץ מסירת־נפש'דיקייט פאַר דער אָרגאַניזאַציע, אויך אַ טיפער געפיל פון אינטימקייט און האַרציקער פריינדשאַפט.

אַז דער „זקן" איז ווייט פון צו זיין אַ שטערנדער כוח אין דעם אַרבעטער רינג, איז געווען מיין ערשטער איינדרוק פון די פאַראַנטוואָרט־לעכע און אַלטע קאָריפייען, וואָס איך האָב געטראָפן אויף מיין ערשטער באַגעגעניש. איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אָט די מענטשן, וועלכע זיינען די פיאָנערן און די בויער פון אַרבעטער רינג; די, וועלכע זיינען געווען פרעזידענטן, וויצע־פרעזידענטן, קאַסירער, פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געדינט אין אַלע אינסטאַנצן פון דעם אַרבעטער רינג, זאָלן זיין די שטערער פון זייער אָרגאַניזאַציע. און אַז מיין איינדררוק איז געווען דער אמת'ער, באַווייזט טאַקע די פּלאַטפאָרמע פון דעם „זקן".

דער גרונד־פּרינציפּ פון דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב אין דער פּלאַטפאָרמע איז געווען, און איז איצט, מער אינטימקייט, שטאַרקערע פריינדלעכע פאַרבינדונגען צווישן די בויער און שפּעטערישע כוחות אין דעם אַרבעטער רינג. איינמאָל צוליב דעם, וואָס די אייגנשאַפטן פון אָט די טרייע און איבערגעגעבענע מענטשן זאָלן שטענדיק זיין צום ערלעכן דינסט פון דעם אַרבעטער רינג; והשנית, אָנהאַלטן די אידייאישע פעדים פון לאַנג־יאָריקן צוזאַמענלעבן אויף דער אַרענע פון דעם אַרבעטער רינג. און זאָל דאָ טאַקע געזאָגט ווערן — אַז נאָר אַזעלכע, וועלכע האָבן ערלעכע און אויפריכטיקע כוונות אין דער גאַנצקייט און בליאונג פון אַרבעטער רינג, זיינען מסוגל אַריינצוקומען. אויף קיין אופן וועט דער „זקן" ניט אַריינגעמען אוואַנטוריסטן, קאַריעריסטן און מענטשן פון אַ צווייפלהאַפטן כאַראַקטער, וואָס זוכן אין אַרבעטער רינג פערזענלעכע דערגרייכונגען.

נאָך אַ וויכטיקער עלעמענט אין דער פּלאַטפאָרמע פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב פאַרנעמט דער פּערזענלעכער און ענגער קאָנטאַקט פון מענטש צו מענטש.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער אַרבעטער רינג ווייזט אַרויס צו יעדן מיטגליד אַ גלייכע מאָס פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין אַן עת צרה. אָבער עס זיינען דאָ מאָמענטן אין דעם לעבן פון דעם איינצעלנעם, וועלכע קענען אויף קיין אופן ניט פאַרענטפערט ווערן דורך די התחייבות פון דעם אַרבעטער רינג. אָט אין אַזאַ מאָמענט טרעט אויף דער „זקן" ווי די

נאָענטסטע און טרייעסטע גרופּע פריינט, וואָס נעמט אויף מיט דער גרעסטער זאָרג די שווערע מאָמענטן פון דעם מיטגליד און גיט אים געהעריקע הילף.

גאָר אַ באַזונדערע ראָל פאַרנעמט דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב צווישן די ערשטע בויער פון דעם אַרבעטער רינג, וועלכע זיינען צוליב געוויסע סיבות אַרויסגעפאַלן פון דער ברייטער אַקטיוויטעט. אַט פאַר די מענטשן, וועלכע זיינען גייסטיק געבונדן מיט דער אידעאָלאָגיע פון אַרבעטער רינג, צי דאָס זיינען סיבות פון מידקייט אָדער פון זיין פאַרוואָגלט אין די וויטסטע פּאַרוואָפּנסטע טיילן פון לאַנד, איז דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב אַ זיסע דערמאָנונג פון זייער שעפערישן ביישטייער צום אַרבעטער רינג. אַ סך מער ווי די געשריבענע געשיכטע דערציילט וועגן זיי און גיט גייסטיקע באַפרידיגונג, טרעפן זיי אין די באַגעגענישן פון זייערע קאָלעגן אין קלוב.

אַ סך מאָל שטעלט זיך מיר די פראַגע — מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט פון אַט די צענדליקער מענטשן, וועלכע האָבן אַרום זיך משפחות, פריינט און אייגענע קרובים, צום קלוב? דעם ענטפער, נאַטירלעך, געפין איך אין די חבר׳ישע באַציאונגען פון איינעם צום צווייטן, וואָס די משפחות און אייגענע קרובים גיבן נישט. דאָס איז דער אינערלעכער טיפער געפיל פון ניט וועלן ווערן אָפּגעריסן פון דער פאַרבנרייכער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט אַזוי געוואַרימט די נשמה פון דעם בויער און טוער.

איז טאַקע ניט קיין וואונדער, וואָס ביי די צוזאַמענקונפטן פון קלוב טרעפן זיך צוזאַמען מענטשן פון די וויטסטע שטחים פון איבערן לאַנד; מענטשן פון קאַטעגאָריעס, וועלכע קענען זיך דערלויבן דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אין אַנדערע געזעלשאַפטן, איז אָבער דער קלוב די נאָענטסטע אָרגאַניזאַציע אין זייער לעבן. עס איז אויך ניט קיין וואונדער, וואָס די מיטגלידער וועלן זיך מקריב זיין איינער פאַרן צווייטן און דערפילן זייער חוב צו קאָלעגן פון „זקן״.

אַז דער „זקן״ איז ניט קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע און ווירקט ניט ווי אַ כוח צו דערהויבן זיינע מיטגלידער אין די פירנדע איסטאַנצן פון דעם אַרבעטער רינג, באַווייזט דער פאַקט, וואָס אין נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב זיינען אָנגעשלאָסן מיטגלידער, וועלכע האָבן אַפילו ניט די אַמביציע צו זיין אין פאַרוואַלטנדע קערפּערשאַפטן פון אַרבעטער רינג. ניט מחמת דעם, וואָס זיי וואָלטן מיט זייערע אייגנשאַפטן ניט געקענט צוגעבן חשיבות און שעפערישקייט, נאָר צוליב זייערע הויכע פּאָזיציעס אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אגב זאָל דאָ קאָנסטאַטירט ווערן דער אמת׳ער אמת, אַז אויב עס זיינען אַפילו דאָ מיטגלידער אין „זקן״, וועלכע האָבן אַמביציעס צו זיין אין דער אַרבעטער רינג פירערשאַפט, און אויב זיי זיינען ניט קוואַליפיצירט צו פאַרנעמען אַזאַ פּאָזיציע, וועט זיי דער „זקן״ אויף קיין אופן

ניט פאַרבייטן אויף אַזעלכע, וועלכע זיינען קאָמפּעטענט צו דער פירער־שאַפט און זיינען אויסער די רייען פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב.

הגם אין די אַרבעטער רינג אינסטאַנצן זיינען פאַרטראָטן מיטגלידער פון „זקן", טאָר אויף קיין אופן ניט אויסגעטייטש ווערן, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי זיינען מיטגלידער פון „זקן". אַזאַ מיינונג איז פאַלש און וויט פון דער פלאַטפאָרמע פון קלוב. אין דער ערשטער ריי מוז, לכל הדעות, דער באַטרעפנדער באַזיצן די נויטיקע מאָס אינטעליגענץ און זיין קוואַליפיצירט פאַר דער פירערשאַפט; און אויך דעמאָלט איז דער קלוב ניט געבונדען צו די אַמביציעס פון דעם אָדער יענעם. דער קלוב, ווי אַן אָרגאַניזאַציע פון פריערדיקע און איצטיקע טוער אין אַרבעטער רינג, טראָגט דורכאויס אַ ריין־אינטימען און פערזענלעכן כאַראַקטער.

למען האמת זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב איז די נאָענטסטע און אינטימסטע קערפּערשאַפט צו דעם מיטגליד אין זיין געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם.

יעדער מיטגליד אין קלוב איז אַ געזעלשאַפטלעכער טוער. כמעט אויף אַלע געביטן אין סאָציאַלן לעבן אַקטיוויזירן זיך די מיטגלידער, מיט דעם גרעסטן אָנזען. אָבער גאַנץ זעלטן טרעפט, אַז די אַלע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע די מיטגלידער באַטייליקן זיך, זאָלן זיך אַריינלעבן אין דעם פּערזענלעכן באַרוף פון דעם באַטרעפנדן.

אָט דאָס פילט אויס דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב!

גאָר אומדערוואַרט, פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט איבער געזעלשאַפטלעכע, און גאַנץ אָפט אייגענע, דאגות, באַקומט דער מיטגליד אַ גראַטולאַציאָנס־בריוו צו זיין געבוירן־טאָג. פילט אַ מיטגליד זיך פאַרצייפּלט צוליב סיבות פון קראַנקהייט, קומען צו אים זיינע קאָלעגן מיט אַ באַזוך; האָט אַ מיטגליד אַ שמחה אין דער משפחה, איז דער קלוב אַ גאַנץ פיינער און נאָענטער מחותן; טרעפט זיך חלילה אַן אומגליק אין דער פאַמיליע פון דעם מיטגליד, קומט ווידער דער קלוב מיט אַ וואַרימען טרייסט־וואָרט, איז אַ קאָלעגע אין אַ פינאַנציעל־געדריקטער לאַגע, טרעט ווידער אויף דער קלוב ווי דער נאָענטסטער חבר מיט דער געהעריקער הילף.

אויף וויפיל די אויבנדערמאָנטע פונקציעס זיינען די עלעמענטאַרע און די איינציקע אויפגאַבע פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב, קען באַשטעטיקט ווערן דורך דער פאָרמע ווי עס ווערט געטאָן. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס ווערט געטאָן אָן דער נויטיקייט פון מיטינגען, באַראַטונגען און גוט־הייסונגען פון קלוב. די אַבסאָלוטע רעכט ליגט אין די הענט פון דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַר און צום דאַנק זיין זאָרגפולקייט, איבערגעבנקייט צו יעדן קאָלעגע אין דער גלייכער מאָס, באַפרידיקט ער יעדן קאָלעגע צו יעדער צייט.

איך ווייס זייער גוט, אַז דאָס וואָס ווערט געזאָגט אין דעם אַרטיקל איז ניט קיין אַנטדעקונג פאַר די קאָלעגן פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב. עס איז דער גאַנץ אַלטער פּרינציפּ פון די בויער פון קלוב און ווערט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון זיין עקזיסטענץ מיט דער זעלבער הייליקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. וויל איך ביי דער יום־טוב׳דיקער געלעגנהייט אויס־דריקן מיין באַזונדערע פרייד מיט מיין אָנגעהעריקייט צום נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב און ווינטשן די בויער צוזאַמען מיט אַלע קאָלעגן לאַנגע יאָרן פון אָנהאַלטן דעם פּרינציפּ פון אינטימקייט און חברישער באַציאונג.

י. פּאָגעל

לעיבאָר (אַרבעטס) רעדאַקטאָר
פון „פאָרווערטס", נ. י.

דער קלוב דאַרף איצט באַשיצן און באַדינען דעם אַרבעטער רינג מער ווי אין וועלכער ניט איז אַנדער צייט

אין פאַרבינדונג מיט מיין טאָג טעגלעכער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט קומט מיר אויס צו קומען פּנים־אל־פּנים מיט אַלערליי „אַסאַינמענטס", אָבער קיינע פון די אַסאַינמענטס אָדער באַפעלן איז פאַר מיר ניט אַזוי אָנגענעם ווי דער וואָס איך האָב באַקומען פון מיין און אונזער אַלעמענס טשיף יעפּים ישורין.

די אויפגאַבע איז צו שרייבן אַ מין אָפּשאַצונג וועגן אונדזער באַליבטער אָרגאַניזאַציע, וואָס טראָגט דעם אומשולדיקן נאָמען „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב". אומשולדיק איז דער נאָמען מחמת דעם ווייל ווער עס איז ניט באַקאַנט מיט דעם אמתן ציל פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט קען „חלילה" מיינען, אַז די פליכטן פון די מיטגלידער זענען געווען צו טאַנצן, צו זינגען און בכל זיך צו פאַרוויילן, ווייל אין גרונט זענען דאָך דאָס די פונדאַמענטאַלע פונקציעס פון אַ „קלוב".

אָבער דאָס זיינען ניט געווען די פונקציעס פון אונזער „קלוב", וועלכער שליסט איצט אָפּ אַ קאַפּיטל פון 50 יאָר עקזיסטענץ.

אונזערע אויפגאַבן זענען ניט געווען צו טאַנצן, צו זינגען און זיך צו פאַרוויילן. אונזערע פליכטן זענען אַלעמאָל געווען אָנצוצינדן מיט באַגייסטערונג די וואָס האָבן געטראָגן דעם פאַקל צו באַלויכטן דעם וועג פון אַרבעטער־רינג. אונזער חוב איז געווען צו שטאַרקן די, וועלכע האָבן זיך געוואַקלט; אויפצוהויבן פון אָפּגרונד די, וועלכע זענען אַהין אַריינגעפאַלן; אַרונטערצורייסן די מאַסקע פון די, וועלכע האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר פאַלשע משיחים; צו פאַרטרייבן די, וועלכע זענען אַריינגעשיקט געוואָרן פון דרויסן אין אונזערע רייען צו פאַרברודיקן אונז; צו באַשיצן אונזער פאָן פון די, וועלכע האָבן זי געוואָלט באַפלעקן.

אַך. וויפל טרערן זענען עס אין דעם צייט־אָפּשניט פאַרגאָסן געוואָרן. וויפל ליידן מיר האָבן דורכגעטראָגן זיך אָפּצוגרעניצן פון די שענדער, פאַרדאַרבער און לעסטערער. דער אַרבעטער־רינג האָט דערגרייכט צו זיין הויכע שטופע פון מאָראַלער קראַפט, ווייל עס האָבן זיך אין אונזערע רייען געפונען פאַנאַטיקער און חסידים, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב", פון וועלכן ישורין איז אונזער געזאַלבער וועגווייזער.

פאַראַן אַ טענדענץ ביי געוויסע בטלנים און באַנק־קוועטשערס צו מאַכן צו קליינגעלט די אויפטוען פון דעם „קלוב". פאַראַן איינציקע, וואָס געהען אַזוי ווייט ווי צו באַהויפטן אַז דער קלוב באַשטייט פון אַ חברה „פּאָליטישענס" (ניט אויסגערעדט זאָל דאָס זיין). טאָ זאָל דאָ פעסטגעשטעלט און קאָנסטאַטירט ווערן, אַז דאָס זענען די דאָזיקע פּאָליטישענס וואָס האָבן אויסגעהיט אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל ניט גיין אויף קרומע וועגן אָדער אַז ער זאָל חלילה ווערן אַ פעסטונג פון קאָמוניסטישע אינטריגעס. אויב אַזוי, זאָלן טאַקע געבענטש זיין די הענט פון אַזעלכע „פּאָליטישענס" וואָס האָבן געראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג פון אונטערגאַנג אָדער פון פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געצייג אין די הענד פון מענטשן מיט ניט זויבערע כוונות.

און נאָך עפּעס: לאָמיר דאָ מודה זיין, אַז דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" האָט ליידער ניט אַמאָליקע יוגנטלעכע קראַפט. פילע פון אירע געוועזענע פירער זענען שוין אויף יענער וועלט און די וואָס זענען פאַרבליבן זענען מיד, שטאַרק מיד, זייער ענערגיע איז באַדייטענד אָבגעטעמפּט און זיי פעלט דער אַמאָליקער ברען.

דאָס איז באמת אַ טראַגעדיע. טראַגיש איז עס ווייל דער אַרבעטער־רינג נויטיקט זיך אין דעם איצטיקן מאָמענט אין דעם סאָרט באַגייסטערונג און אין דעם קאַליבער פון חסידים ווי אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ. מיר לעבן איצט אין אַן עפּאָכע פון ציניזם, פון אויסגעליידיקטע

באַגריפן; וועגן אַמאָליקע אידעאַלן ווערן אָפּגעלאַכט און באַשפּיגן. מיר לעבן אין אַ צייט־אָפּשניט ווען דער גלויביקער ווערט באַצייכנט ווי אַ „יאָלד״. מיר לעבן אין אַ צייט ווען די פאַלשע באַגריפן פון אָלראַיטניציזם האָבן ביי מאַנכע געשאַפן די אילוזיע, אַז דער אַרבעטער־רינג האָט אָפּגעלעבט זיין צייט און אַז ער דאַרף ארויפהענגען אַ שלאָס אויף זיין טיר. מיר לעבן אין אַ צייט ווען מענטשן האָבן ליב זיך אַרויפצודראַפּן אויף אַ וואָגן, וועלכער פאָרט נאַשפּיץ צו דער ריכטונג פון „סוקסעס״ פון דער־פאָלג. מיר לעבן אין אַ צייט ווען דער אידל־גלויביקער, דער וואָס וואַרעמט אין זיין האַרצן און צערטעלט אין זיין נשמה די הייליקע אידעאַלן פון אַרבעטער־רינג, ווערט פאַרחוזקט.

אין אַזאַ צייט, ווען אונזערע אייגענע רייען ווערן שיטערער, בויטיקן מיר זיך מער ווי ווען עס איז פריער אין אונזער „נאַציאָנאַלן סאָציאָלן קלוב״. איך וואָלט געגאַנגען אַ שריט ווייטער: די צייט איז איצט פיל געפערלעכער ווי אין דער עפּאָכע ווען די קאָמוניסטן האָבן געוואָלט פאַר־כאַפּן אונדזער אָרגאַניזאַציע. געפערלעכער איז זי מחמת דעם ווייל מיט 30 און 40 יאָר צוריק זענען מיר אַלע געווען יונג, ענערגיש און מיר האָבן געקענט גובר זיין אַלערליי פינצטערע אָדער רויטע כוחות.

אָבער איצט ווען אונזערע קרעפטן זיינען אָפּגעשוואַכט איז פיל שווערער בייצוקומען דעם נייעם „שונא״. ווער איז דער נייער שונא? דער נייער שונא איז גלייכגילטיקייט, פּאַסיווקייט, אינטערעסענלאָזיקייט, מיר דוכט, אַז זיי זענען אַ פיל גרעסערע סכנה ווי דער קאָמוניזם איז געווען מיט 40 יאָר צוריק.

האָבנדיק דאָס אין זינען דאַרפן מיר זיך איצט נאָך מער ארומרינגלען אַרום דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ און אַרום אונדזער טשיף ישורין, ווייל דער אַרבעטער־רינג בויטיקט זיך, אַז ער זאָל אַרומגעפּאַסט ווערן אַרום אַ פעסטן, אַ שטאָלענעם רינג — דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב״.

לאַנג לעבן זאָל אונזער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב!

לאַנג לעבן זאָל אונזער טשיף — יעפים ישורין!

לאַנג לעבן זאָל דער אַרבעטער־רינג!

הערי פישער

מיין באַגריסונג



ווי אַ געוועזענער פּאַרזיצער פון דעם ניו־יאָרקער לאָקאַל פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" באַגריס איך איך מיינע ליבע פריינד צו דער 50־יאָריקער יובילייפייערונג. אַ באַזונדער באַגריסונג צו דעם „טשיף" און צו אַלע באַאַמטע.

געוויינטלעך ווערט ביי אַ פופציק יאָריקער פייערונג פון אַן אָרגאַניזאַציע געמאַכט אַ סך־הכל פון אָפּגעטוענער אַרבעט און מען מעסט די דערגרייכונגען.

אונדזער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" צייכנט אָפּ ביי דעם היינטיקן יובל גאָר גרויסע אויפטואונגען און דערגרייכונגען, ניט בלויז פאַר די אייגענע מיטגלידער, פאַר וועמען דער קלוב האָט געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון חברשאַפט און פריינדשאַפט און וועמען דער קלוב האָט געגעבן אַ סך יום־טובדיקע צוזאַמענקונפטן, וואו מיר האָבן אַלע גוטמוטיק און אַנגענעם פאַרבראַכט.

די הויפט־דערגרייכונג פון קלוב באַשטייט דער עיקר אין דעם וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען אַ גרויסע היסטאָרישע מיסיע און זיין פונקציע ערנהאַפטיק דערפילט.

דער קלוב גרופירט אַרום זיך אַ דיסציפּלינירטע אַרמיי פון געטרייע, לאָיאַלע און איבערגעגעבענע טוער, וואָס זיינען אַלעמאָל אויף דער וואַך צו היטן די גאַנצקייט און ווירדע פון אַרבעטער־רינג.

דער קלוב האָט געראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג פון די געפערלעכסטע אינערלעכע שונאים — די קאָמוניסטן, וואָס האָבן געוואָלט דעם גרויסן יידישן פאָלקס־אָרדן פאַרכאַפּן, אָדער צעברעכן. מיט שטאָלץ און זיכערקייט איז דער פאַקט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַ דאַנק די וואַכזאַמקייט און געטריישאַפט פון די קלוב־טוער און מיטגלידער, איז דאָס זיי ניט געלונגען.

עס האָט זיך דערביי געפאָדערט אַ סך מוט, געדולד, וויזיע און פרינציפּן — און דאָס איז געווען אין אַ גאָר גרויסער מאָס ביי די פירער און טוער פון קלוב אין זייער קאַמף צו ראַטעווען דעם אַרבעטער־רינג, אַז ער זאָל ניט אַריינפאַלן אין די קאָמוניסטישע נעגל.

מיר, די טוער פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן, וויסן אפשר מער ווי אַלע אַנדערע, וואָס עס האָט געמיינט אין יענער צייט פירן אַ קאַמף קעגן

די קאָמוניסטן, וואָס האָבן פאַרסמט די יידישע גאַס מיט ליגנס, פעלשונג און פאַרראַט.

דער קאַמף פון די געטרייע קלוב־מיטגלידער קעגן די קאָמוניסטן אין אַרבעטער־רינג, האָט זיכער זייער אַ סך צוגעטראָגן צו דעם קאַמף צו באַזיגן און פאַרטרייבן די קאָמוניסטן פון אונדזער יוניאָן.

ווען מיר פייערן דעם פופציק יאָריקן יובל פון אונדזער „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" דאַרפן מיר אויסדריקן אונדזער באַגריסונג און אונדזער אָנערקענונג צו די מיטגלידער און צו אַלע וואָס פירן דעם קלוב.

לאָמיר ווייטער אָנהאַלטן די חברשאַפט און די פריינדשאַפט. לאָמיר איצטער אַלע זיין פאַראייניקט מיט טריישאַפט און איבערגעבנקייט צו דער אַרבעט פון אונדזערע אַרבעטער־רינג איסטיטוציעס, וואָס זאָרגן פאַרן וואוילזיין פון אונדזערע מיטגלידער.

איינע פון די אינסטיטוציעס, וואו עס איז דאָ ביי דער אַרבעט דער גייסט פון פריינדשאַפט, איז די היים פאַר די עלטערע אַרבעטער־רינג מיטגלידער, וואו איך האָב כבוד צו זיין דער פרעזידענט.

פריינד, מיר שליסן איצטער אַ האַלבן יאָרהונדערט עקזיסטענץ פון אונדזער קלוב. לאָמיר אַריינגיין אין דעם 2טן האַלבן יאָרהונדערט מיטן זעלבן גלויבן ווי מיר האָבן אים געהיט ביז איצט.

זייט באַגריסט פריינד ישורין, וואָס איר פירט שוין דער קלוב איבער דריי צענדליק יאָר, און זייט באַגריסט אַלע טוער און מיטגלידער פון קלוב.

מאָריס קאָוולער

מענעדזשער פון קלאָוק, סוט, סקוירט און ספּאָרטוועער
פרעסערס יוניאָן, לאָקאַל 35, א. ל. ג. וו. י.

דער קלוב — אַ האַלבן יאָרהונדערט

ווען איך האָב באַקומען די איינלאַדונג פון דעם רעדאַקטאָר, פריינט יעפים ישורין, זיך צו באַטייליקן מיט אַן אַרטיקל אין דעם בוך וואָס דאַרף באַשרייבן די וויכטיקע ראָלע און די נוצן, וואָס דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" האָט געשפּילט די לעצטע 50 יאָר אין אונדזער אָרדן; האָב איך געטראַכט, אַז אפשר האָט דער חשובער רעדאַקטאָר ניט אָנגעטראָפן אויפן ריכטיקן אַדרעס, וויל נאָך אַלעמען, בין איך דאָך אַ גאַנץ יונגער מיטגליד אין „קלוב" און באַטייליק זיך אין זיין טעטיקייט ערשט אַ קורצע צייט... שרייבן וועגן דער ראָלע פון „קלוב", האָב איך געטראַכט, דאַרפן

די אַזוי גערופענע „זקנים", וועלכע האָבן געפּאַקט און געמאָזלט און דורכ־געגאַנגען קאַלטס־און־וואַרעמס אינעווייניק אין דער אָרגאַניזאַציע פון „קלוב". אויך — האַלט איך זיך — אַז איך בין נאָך גאַנץ ווייט צו קענען אָנגערופן ווערן אַ „זקן" (כאָטש איך בין שוין טאַקע אַ זיידע מיט אייניק־לעך — זאָלן זיין געזונט) אַז איך זאָל זיין דער וואָס האָט עפּעס צוצוגעבן צו דעם, וואָס אַלע אַנדערע אַקטיווע טוער, מיט יאָרן־לאַנגער דערפאַרונג אין „קלוב", האָבן צו דערציילן...

פונדעסטוועגן האָב איך באַשלאָסן, אַז ווי באַלד מען האָט מיר צוגע־טיילט דעם כבוד (אָפּגעזען פון מיין „יוגענטלעכקייט" און נייקייט אַלס מיטגליד פון „קלוב") אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג וועגן „קלוב" און זיין עקזיסטענץ — וועל איך זיך נעמען די מי און פּרובירן אַרויסזאָגן מיין מיינונג.

עס איז זיכער אַז דאָס איז אַ קלוב פון אַ גרופּע מענטשן, וועמענס עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג איז ניט קיין נייעס און איז ניט פרעמד אין יעדער גרויסער אָרגאַניזאַציע, אַ קלוב, וואָס דינט ווי אַ שירעם (אומברע־לער) און באַשיצט די אָרגאַניזאַציע קעגן יעדן רעגן און בפרט קעגן יעדן שטורעם... נאָך מער, — אין אונדזער אַרבעטער־רינג איז די אומזעבאַרע האַנט פון „קלוב" די האַנט פון דעם שומר, וואָס וואַכט טאָג און נאַכט און היט די אָרגאַניזאַציע פון אַלעם שלעכטן — טאַקע ווי עס איז געווען — אין משך פון פאַרגאַנגענע 50 יאָר.

ניט איין מאָל איז דער גרויסער אַרבעטער־רינג געשטאַנען פאַר אַ דילעמאַ פון גרויסע פּראָפּאָנגען און ענדערונגען — און מען האָט זיך געגנויטיגט אין דעם אינערלעכן קול, וואָס זאָל זיך אַרויסזאָגן — און וואָס זאָל אָנווייזן ווי צו ראַטעווען די אָרגאַניזאַציע פון די אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים, וואָס האָבן גערן געוואָלט זי אומברענגען — דאַן האָט דאָס קול און די האַנט פון „קלוב" געשפּילט די גרויסע ראָלע, וואָס אירע „זקנים" האָבן אָפּגעהיטן און אָפּגעראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג...

זיכער קומט דעם „קלוב" דעם גאַנצן קרעדיט פאַר דעם, וואָס מיר האָבן היינט, אויף דער יידישער גאַס, אַזאַ ברייט־פאַרצווייגטע און רירעוו־דיקע, פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אויסגעשפּרייט איר טעטי־קייט אויף אַלע געביטן פון אונזער קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און איצט, ווען מען קאָן שוין פייערן די איבער זעכציק יאָריק עקזיסטענץ פון אַרבעטער־רינג, שליס איך זיך אָן אין די אַלע באַגריסער און טראָג צו מיינע וואונטשן צו אַלע מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג, סיי די „יונגע" און סיי די „זקנים" זיי זאָלן זיין געזונט און זאָלן נאָך דערלעבן אַ סך נחת פון אונזער גרויסן אָרדן — פון אונזער אַרבעטער־רינג.

לויט דער אינפאָרמאַציע פון דער געשריבענער געשיכטע פון אַרבע־

טער־רינג, האָט מען נאָך אין 1902, ביי דער אָפּגעהאַלטענער, צווייטער אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו פאַרפליכטן אַלע מיטגלידער (אַרבעטער) זיך אָנצושליסן אין זייער טרייד. — אין זייער יוניאָן — און צו פאַרדאַמען „סקעבינג". וויל איך דאָ איצט, ווען דער גוטער מזל האָט באַשערט צו זיין דער מענעדזשער פון אַ טרייד־יוניאָן מיט אַן אינטערעסאַנטער און נאָבעלער פאַרגאַנגענהייט, צו פאַרצייכענען; אַז אונזער קלאָוק־פּרעסערס לאָקאַל 35, א.ל.ג.וו.י. האָט ביי זיך אַ פונקציאָנירענדן ברענטש 535 אַרבעטער־רינג, וועלכער באַטייליקט זיך שוין יאָרן לאַנג, מיט גרויסער איבערגעבענקייט אין אַלץ וואָס דער אַרבעטער־רינג טוט. זאָל מיר דעריבער דערלויבט זיין נאָך צוצוגעבן, — אַז מיר, אין די טרייד־יוניאָנס, וועלן שטענדיק געדענקען די הילף וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט אונז געגעבן אין אַלע אונזערע שטרייטן, אויף דער פּיקעט־ליין און אין דער יוניאָן. דער אַרבעטער־רינג, וועלכער האָט אונז אַלעמאָל אויסגעשטרעקט אַ האַנט, סיי פינאַנציעל און סיי מאָראַליש (און אָן יענער הילף — וואָלטן די טרייד־יוניאָנס הײַנט ניט געווען וואָס זיי זענען און וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר). דעריבער, אין מיין אייגענעם נאָמען — און אין נאָמען פון די מיטגלידער פון לאָקאַל 535 — מיין גרויסן דאַנק אייך אַלעמען — אונז אַלעמען — די מיטגלידער פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" צו זיין פון פופציק יאָר עקסיסטענץ.

הערים רובינסקי
פּרעזידענט נאָוועלטי וואָירקערס יוניאָן,
לאָקאַל 121 אַ.פּ.ל.־סי.אי.אָ.

דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב — דער באַשיצער פונעם אַרבעטער־רינג פייערט איצט זיין 50־יאָריקן יובילעאום

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" איז אַ וויכטיקע אָרגאַניזאַציע אין דעם לעבן פון אַרבעטער־רינג. די אָרגאַניזאַציע באַשטייט פון וויכטיקע טוער און בויער פון אַרבעטער־רינג, ווי אויך אַ טייל פון זיי זיינען אַקטיוו אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. דאָס זענען פאָרשטייער פון אַ דור, וועלכער האָט געשאַפן און געבויט וויכטיקע אינסטיטוציעס וואָס שפּילן אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין אונדזער יידישן און אַלגעמיינעם פאָלקס־לעבן אין אַמעריקע.

די געקומענע אימיגראַנטן פון היינטיקן יאָר־

הונדערט, די גרויסע מחנות פון מזרח אייראָפּע זיינען געקומען אין דער פרייער, גליקלעכער לאַנד אַמעריקע. די גרעסטע טייל פון זיי האָבן מיטגע־בראַכט מיט זיך די אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליזם. זיי האָבן זיך דאָ אין אַמעריקע זייער שנעל אַקלימאַטיזירט און זיך אָריענטירט פאַרצווזעצן און ווייטער בויען אַ וועלט פון גלייכהייט, ברידערלעכקייט און מענטשלעכקייט. אַט די מענטשן האָבן אָנגעפאַנגען אַרבעטן און בויען דאָ אַ נייעם לעבן, אָבער זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן דאָ אויף נישט קיין גינסטיקע אַרבעטס־באַדינגונגען אין די שוידערלעכסטע סוועט־שאַפּס פון עקספּלואָטאַציע. קיין יוניאָנס זיינען נאָך דאַן נישט געווען צו באַשיצן זייערע אינטערעסן און עס זענען אויך ניט געווען קיינע אָרגאַניזאַציעס וואָס זאָלן זיי העלפן. די קלאַסן־באַוואוסטזיניקע עלעמענטן צווישן זיי האָבן באַשלאָסן צו גרינדן דעם אַרבעטער־רינג. גאָר אין גיכן איז עס געוואָרן די גרעסטע פּראָטערנאַלע און קולטור־אָרגאַניזאַציע אין אמעריקע, וועלכע האָט זיך געשטעלט צו דינסט אין העלפן יעדן אַרבעטס־מענטש און ער האָט באַזאָרגט מיט אַלע נויטיקע בענעפיטן אין וועלכע די אַרבעטער אין יענער צייט האָבן זיך אַזוי שטאַרק גענויטיקט. דער אַרבעטער־רינג האָט אויך געהאָלפן אין אָרגאַניזירן די טרעיד־יוניאָנס. עס פאַרנעמט אויך אין אַרבעטער־רינג אַ וויכטיק אָרט די הילף אויף אַלע געביטן פאַר די יעניקע וועלכע נויטיקן זיך אין איר.

דאָס איז מיין מיינונג וועגן דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״, דער „זקן״, וואָס פייערט איצט אַ האַלבן יאָר־הונדערט פון זיין עקזיסטענץ. דאָס איז אַ לאַנגער מהלך. דער „קלוב״ האָט פון דעם ערשטן טאָג אָן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו באַשיצן דעם אַרבעטער־רינג און העלפן די נאַציאָנאַלע פירערשאַפט פון אַרבעטער־רינג אויפצוהאַלטן די פּרינציפּן און אידעאָלאָגיע מיט וועלכן דער אַרבעטער־רינג האָט זיך געגרינדעט.

דער „קלוב״ איז געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען און אויפגעפּאַסט צו שטאַרקן די פּאָזיציע פון אַרבעטער־רינג. ווען עס איז געקומען די אינערלעכע צוויסטיקייט צווישן יונג־און־אַלט, האָט דער „קלוב״ גענומען די ריכטיקע שטעלונג. שפּעטער איז געקומען די צייט ווען די קאָמוניסטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, איבערהויפּט אין די נידל־טרעידס, וואו זיי האָבן באַוויזן צו פאַרכאַפּן אייניקע לאָקאַלן מיט דער הילף פון אייניקע נאָכשלעפּער און געדראָט צו באַהערשן די באַוועגונג, אָבער זייער גדולה האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ווי אַ טרעיד־יוניאָן טוער וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין יענע „הייסע״ צייטן, געדענק איך זייער גוט די שוידערלעכע פּאָליטישע און פראַקציאָנאַלע קאַמפּן אין דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג.

די קאָמוניסטישע דיקטאַטור האָט אויך געפּרואווט אָנגרייפן אונזער אַרבעטער רינג, זיי האָבן געזוכט מיט גיפט און גאַל צו פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג. דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" איז געשטאַנען אויף דער וואַך נישט צו דערלאָזן צו פאַרניכטן דעם אַרבעטער־רינג. די מיט־גלידער מיטן גאַנצן אַפּאַראַט פון קלוב האָבן זיך ממש מוסר־נפש געווען אין קאַמף קעגן דעם קאָמוניסטישער פאַרכאַפּונג־פּרואוו. דער אַרבעטער־רינג איז פולשטענדיק געראַטעוועט געוואָרן און ניט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די צושטערער.

קומט אַ דאַנק דער פירערשאַפט פון קלוב און איבערהויפּט אונזער גענעראַל־סעקרעטאַר און טשיף, יעפים ה. ישורין, וועלכער האָט צוגע־גרייט די סטראַטעגיע און געפירט דעם אָפּווער־קאַמף ווי אַ געניטער גענעראַל. עס פאַרשטייט זיך, אַז די אַרמיי פון קלוב האָט וואונדערלעך געקעמפט, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל געראַטעוועט און געשטאַרקט ווערן. דעריבער איז דער 50־יאָריקער יובליי פון קלוב נישט נאָר אַ יום־טוב צו פייערן פון קלוב אַליין, נאָר אַ גרויסער יום־טוב פון אונזער גאַנצן אַרבעטער־רינג, און אַלס איינער וועלכער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט און אָנטיילגענומען אין יענעם שווערן קאַמף, בין איך גליקלעך וואָס איך האָב דעם כבוד איצט, ווען דער קלוב גיט איצט אַרויס אַ בוך מיט אָפּשאַצונגען וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן, צו זיין איינער פון די וואָס האָט די מעגלעכקייט צו שרייבן די קורצע אָפּהאַנדלונג פון יענעם שטורמישן פעריאָד פון אַרבעטער־רינג.

מיר וועלן ווייטער האַלטן הויך די פאָן פון אַרבעטער־רינג און די פאָן פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

אַ סאַלוט צו די טוער און בויער פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" מיט אונזער גענאָסע און פריינד יעפים ישורין, אונדזער לאַנג־יאָריקער טשיף.

ס. רעגענסבערג

די „מינוט־מען" פון ארבעטער־רינג

(צום גאָלדענעם יובילעאום פון אונדזער קלוב)

אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע קעגן דער טיראַנישער ענגלישער מאַכט האָט זיך געפונען אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „מינוט־מען". דאָס זיינען געווען רעוואָלוציאָנערע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן באַך אַ מינוט נאָטיס, אַרויפגעצויגן אויף זיך זייערע סאָלדאַטסקע מונדירן, גענומען אַ ביקס אין דער האַנט און געווען גרייט צו קעמפן פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט. אַפילו אַ קינד וואָס לערנט אַמעריקאַנער געשיכטע, ווייסט וועגן **פאָול רעוויער**, דער רייטער, וועלכער האָט גאַלאָפּירט אויף זיין פערד צו קלאַפּן טרעוואָגע אַז דער שונא קומט.

די „מינוט־מען" פון דעם אַרבעטער־רינג זיינען געווען און זיינען נאָך היינט צו טאָג די מיטגלידער פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב", וואָס פייערט איצט זיין גאָלדענעם יובילעאום. די מיטגלידער פון דעם זיינען געווען און זיינען נאָך איצט גרייט צו ענטפערן דעם רוף צו שטעלן זיך אין קאַמף פאַר דער גאַנצקייט און זיכערקייט פון אונזער אַרבעטער־רינג. און דער „פאָול רעוויער" פון אונזערע „מינוט־מען" איז געווען און איז אויך היינט (ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר) אונזער ליבער יעפים ישורין, דער „טשיף" פון קלוב פאַר די לעצטע 37 יאָר און איינער פון די סאַמע ערשטע מיטגלידער פון קלוב, ווען ער האָט זיך געגרינדעט מיט אַ האַלבן יאָר־הונדערט צוריק.

אין דעם לעבען פון אַרבעטער־רינג זיינען געווען שטורמישע און קריטישע מאָמענטן, ווען ליידנשאַפט, היציקייט און בייזוויליקייט האָבן אַרויסגעבראַכט אויף דער אַרענע די וועלכע זיינען געווען גרייט צו פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג, אָדער צו שעדיקן זיין פרעסטיזש. אין יעדן פאַל זיינען אָבער די מיטגלידער פון קלוב געקומען אויף זייערע פּאָסטנס און צוריקגעשטויסן די שעדלעכע עלעמענטן, באַזייטיקענדיק דורכדעם די געפאַר אין וועלכער אונזער באַליבטער אָרדן האָט זיך געפונען.

די וועטעראַנען פון קלוב און פון אַרבעטער־רינג געדענקען זיכער יענע קריזיסן, ווען דרויסנדיקע שונאים און אינעווייניקסטע פאַררעטער

האָבן געשאַרפט זייערע ציין אויפן אַרבעטער־רינג. ווי פינסטערע קאָשמאַרן שוועבן יענע קריזיסן פאַר אונדזערע אויגן; די ווינטרויב־אַפּערע; דער קאַמף צווישן „יונגע און „אַלטע" ווען די „יונגע" האָבן שוין געהאַט אין זייערע הענט די פאַרוואַלטונג, וואָס איז פון זייערע הענט צוריק אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן; די קאָמוניסטישע וואַקכאַנאַליע פון „רעכטס" און „לינקס" וואָס האָט געדראָט דעם אַרבעטער־רינג צעשפּאָלטן צו ווערן און די אינערליכע אידעאָלאָגישע קאַמפן ווי די שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אָט די אַלע בייזע ווינטען זיינען צוריקגעשטויסן געוואָרן פון אונזער לאָיאַלער גוואַרדיע, ביי וועמען די אייניקייט און די אידעאישע הויטערקייט און אויסגעהאַלטענקייט פון אַרבעטער־רינג איז געווען און איז איינגעבאַקן אין אונזערע הערצער. אין אַ געוויסן זין האָבן די „מינוט־מען" פון אַרבעטער־רינג אויך געשפּילט זייער ראָל צו באַווירקן דעם קאַמף קעגן קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן צו צעברעכן די גאַנצע אַרבעטער באַוועגונג. אָט די גרייטקייט צו באַשיצן דעם אַרבעטער־רינג איז אַ לאָרבער־קראַנץ, אַ רעקאָרד פאַר די היסטאָריקער, וועלכע וועלן שרייבן די געשיכטע פון אַרבעטער־רינג און פון זיין באַשיצער, דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב".

אין אַ מאָמענט פון שמחה דערמאָנען מיר מיט ערפורכט די אַלע, וועלכע זיינען פון אונזערע רייען אַרויסגעריסן געוואָרן אין דעם האַלבן יאָר־הונדערט פון עקזיסטענץ. זייערע נעמען באַצירן און באַשיינען אונדזער פאַנטעאָן פון לאָיאַלע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען אַלע זייערע לעבנס־יאָרן געשטאַנען אויף דער וואַך צו היטן דעם אַרבעטער־רינג. מיר דערמאָנען זיי און פאַרלירען אַ הייסע טרער צוליב דעם, וואָס זיי האָבן נישט דערלעבט אַזאַ פריידיקן מאָמענט ווי דעם גאָלדענעם יובילעאום.

עס איז שווער צו רעדן אָדער שרייבן וועגן קלוב און נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון איינעם וועלכער איז די נשמה און דאָס האַרץ פון דעם קלוב. יעפּים ישורין איז נישט נאָר אַ מענטש מיט גרויסן טאַקט, נאָר אויך מיט אַ סך פעאיקייט. די פריינשאַפט און חברשאַפט פון די מיטגלידער, איז עס געווען אים צו פאַרדאַנקען. יעדער מיטגליד האָט ביי זיין געבורטסטאָג, ביי זיינער אַ שמחה, באַקומען פון אים אַ האַרציקע באַגריסונג. אַזוי איז עס געווען אין מאָמענט פון פרייד און אַזוי אויך אין אַ מאָמענט פון צער. די צוזאַמענקונפטן פון קלוב זיינען געוואָרן אָפּטערע און מער אַנגענעמער. ער האָט אַרויסגעפירט די יערליכע „קערמישלעך" פון בעטהאָווען האָל צו די גרעסטע און שענסטע האָטעלן פון ניו־יאָרק.

ווען מען קומט צו צו דעם נאָמען „יעפּים ישורין" פאַלט מען אַריין אין אַ גרויסער פאַרלעגענהייט, ווייל זיין פערזענלעכקייט איז אַזאַ פילפאַכע און זיין טאַלאַנט אַזאַ פילזייטיקער, אַז איר ווייסט נישט וועגן וועלכן

ישורין איר זאָלט שרייבן פריער. ער איז געווען אַ קאַסירער אין „פּאָר־ווערטס״; אַ בוכהאַלטער; אַ סאָציאַליסטישער טוער; דריי טערמינען דער פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג; אַ פליענדיקער דעלעגאַט צו די אינטערנאַציאָנאַלע „אָרט״־קאָנגרעסן; אַ ביבליאָגראַף, וועלכער פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אַלס זאַמלער און כראָניקער פון אונזער יידישער ליטעראַטור, און, זינט דעם טויט פון אַב. קאַהאַן, דער פּראָמינענטסטער ווילנער לאַנדסמאַן, וועלכער רעדט אַלס „אַמבאַסאַדאָר״ פון דער יידישער ווילנע, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט און וואָס איז מער נישטאָ. דערפאַר איז ער אונז אַזוי ליב און טייער און מיר בעטן פון יאָר צו יאָר פאַר זיין געזונט און לעבן.

ווען דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן האָב איך זיך געשלעפּט אויף אַ שיף קיין אַמעריקע. אין דעם פערטל יאָר־הונדערט וואָס איך בין אַ מיטגליד פון קלוב האָט די פערזענלעכקייטס פון יעפים ישורין זיך אנט־פּלעקט פאַר מיר אין איר פולער לויטערקייט. אויב דער אַרבעטער־רינג איז היינט גאַנץ, אויב די ברענטשעס און קאָמיטעט זיינען אין די הענט פון פעאיקע און לאָיאַלע מענטשן, איז עס צו פאַרדאַנקען זיין וואַכזאַמקייט און פעאיקייט איבערצוגעבן פירערשאַפט אין די ריכטיקע הענט.

אונזער פופציקסטער יובילעאום פאַלט אויס אין אַ שווערער צייט, ווען די וועלט ליידט נישט פון קיין מאַנגל אין קריזיסן. אונזערע בית־עלמינס ווערן רייכער און אונזערע רייען ווערן אָרעמער, מיר זיינען אָבער נאָך אַלץ רייך ווען מיר האָבן אַזוי פיל געשוואוירענע אידעאַליסטן און שומרים פון דעם אַרבעטער־רינג. לאָמיר אויפהויבן אַ כוס און טרינקען „לחיים״ פאַר אונזער אַלעמענס געזונט. לאָמיר דערלעבן דעם זעכציקסטן יובילעי מיט געשלאָסענע רייען, זאָל קיינער פון אונז נישט פעלן. לעבן זאָל דער קלוב! לעבן זאָל דער אַרבעטער־רינג! לעבן זאָל אונזער טשיף, יעפים ישורין!

מאָריס שאַפּיראָ
פאָרזיצער פון נאַצ. סאָצ. קלוב אין מיאַמי פלאָרידאַ

וואָס דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" האָט מיר געגעבן



ווען מען דערגרייכט די עלטער פון 80 יאָר, ווילט זיך האָבן אַ חשבון־הנפש מיט זיך אַליין, קודם־כל צי איז בכלל ווערט געווען דאָס לעבן ביז היינט, אויך וואָס זיינען געווען די עלעמענטן, וואָס האָבן ביז היינט אינספּירירט צו גיין אויף ד ע ם וועג, און ניט אויף אַנדערע וועג...

איך טראַכט: — ווערט דאָס זיין מעגלעך צו פאַרבינדן מיט דער אַרבעטער־רינג טעטיקייט און זיינע סאָציאַליסטישע צילן און האַפנונגען? — האָט דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" ערגעץ וואו באַווירקט מיין לעבענס־טעטיקייט אין דער דאָזיקער ריכטונג?...

פאַר מיינע אויגן לויפט דורך אַריבער אַ האַלב יאָר־הונדערט. וואָס איך לעב אויף דער אַמעריקאַנער ערד; שוין קרוב 55 יאָר ווי איך בין אַ מיטגליד אין אַרבעטער־רינג; שוין 40 יאָר פאַראיבער פון יענער צייט ווען נ. פיינערמאַן, דעמאָלסטיקער סעקרעטאַר פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב", האָט מיך טעלעגראַפיש אַרויסגערופן צו אַ יערלעכן צוזאַמענפאָר פון קלוב, און יעקב פישמאַן „מאַסטער אָוו צערעמאָניעס", האָט מיך איינגע־שוואָרן אַלס מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע. צו יענער צייט האָב איך שוין געפינען אַ פּאַרטיקע אָרגאַניזאַציע. וואָס איז מיט 10 יאָר פריער געשאַפן געוואָרן און האָט זיך געפונען אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, דעראָבערן איר באַרעכטיקטן פלאַץ פאַר דער צוקונפט.

מיינע ערשטע יאָרן פון אַרבעטער־רינג טעטיקייט, זיינען געווען די ניט זיכערע אַנהייב־יאָרן פון דער יוגנט, וואָס זיינען געווען אָנגע זאַפּט מיטן איינפלוס פון דער ישיבה וואו איך האָב געלערנט. דערנאָך פונם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער „בונד" אין פּוילן, ליטע, און רוסלאַנד, וואָס האָבן אין מיר איבערגעלאָזן אַ טיפן בענקען נאָך יענער צייט ווען מען האָט געלעבט מער אין אַ וועלט פון חלומות. ממילא איז שווער געווען זיך צי איינגלידערן אין דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון אַרבעטער־רינג און זיינע אינסטיטוציעס...

איך געדענק די ווערטער, וואָס איך האָב נאָכגעזאָגט פישמאַנען ביים איינשווערן מיך אַלס מיטגליד פון קלוב:

„איך פאַרפליכט זיך צו אָפּהיטן די ריינקייט און גאַנצקייט פון אַרבעטער־רינג; איך זאָג צו אָפּצוהיטן די טראַדיציעס פון דעמאָקראַטיע. סאָציאַליסטישע פירונגען און אידעאַלן פון דער אָרגאַניזאַציע; איך פאַרפליכט זיך צו אינטימער חברישקייט צווישן די אַרבעטער־רינג פירער און טוער, אין דינסט פון דער אַרבעט, וואו און וואָס ער וועט זיין נויטיק...״

צוזאַמען מיט נאָך אַ צאָל אַזעלכע ווי איך, זיינען מיר געשטאַנען און בלינדערהייט ניט געקענט פאַרשטיין וואוהין מיר פאַלן אַריין. אָבער באַלד נאָכן דערקלערן אונדז פאַר קאָלעגן מיטלידער פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״, זיינען מיט אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אויפריכטיקער חבריש־קייט און פריינדשאַפט, און יענער פריילעכער באַנקעט פון אַלע קלוב־קאָלעגן מיט זייערע פרויען. איז ביז היינטיקן טאָג נאָך פאַרבליבן אַלס אַ זיסער אָנדענק פון יענע יאָרן...

פון יענער צייט, עפּעס ווי פון זיך אַליין, האָב איך גענומען פילן אין זיך די אַנדערשקייט, איך האָב גענומען פילן אַז פון היינט אָן נעם איך אויף זיך מער פליכטן, מער אחריות צו דינען דעם אַרבעטער־רינג; אַז איך האָב געוואונען אַ צאָל נייע פריינד, וואָס זיינען אַריבער די גרענעצן פון מיין שטאָט פילאַדעלפיע; אַז איך בין מער ניט קיין לאָקאַלער מיט־גליד אין מיין ברענטש, נאָר צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַלער פירערשאַפט נעם איך אויף זיך אַ טייל נאַציאָנאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די צוקונפטיקע יאָרן פון מיין לעבן; אַז איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם, ווערט אַ טייל פון מיין לעבנס־וועג, מיט וועלכן מיין טעטיקייט אין דער צוקונפט דאַרף שטענדיק באַהויכט ווערן...

פון יענער צייט זיינען שוין פאַריבער גענויע 40 יאָר. דאָס זיינען געווען שטורעמדיקע יאָרן, יאָרן פון וועלט־מלחמות, רעוואָלוציעס; יאָרן פון העסלעכן פאַשיזם, נאַציזם, און קאָמוניזם, וואָס האָבן געדראָעט מיט לעבנס־געפאַר פאַר אַלעס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט שווערער מי און אַרבעט אויף דער יידישער גאַס, צווישן זיי אויך אונדזער אַרבעטער־רינג־שיף איז געווען אין געפאַר פון צעשטערונג און פאַרניכטונג...

אָט אין די דאָזיקע שווערע יאָרן, זיינען מיר, פילצאָליקע קאָלעגן פונם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״, און מיטגלידער פונם סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד געשטאַנען פעסט אויף אונדזערע פּאָזיציעס אין געראַנגל מיט אַלע שונאים. און אָפּגעהיט די פייערלעכע שבועה, וואָס מיר האָבן ביים אריינקומען אין קלוב זיך פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן. צוזאַמען האָבן מיר אָפּגעהיט די גאַנצקייט און ריינקייט פון אַרבעטער־רינג, צוזאַמען אָפּגע־

היט די טראַדיציעס פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליסטישע פירונגען אין אַלע טיילן פון אונדזער באַוועגונג...

ס׳איז באמת געווען אונדזער מזל, וואָס די אָנפירער פונם „נאַצ. סאָצ. קלוב״, צוזאַמען מיט אונדזער ליבן גוטן פריינד, דער טשיף יעפים ישורין, זיינען געווען באַהויכט מיט וויזיע און אינטעליגענץ, אונדזער אָרגאַני־זאַציע צו באַשיצן. צוזאַמען מיט אַלעס וואָס האָט געדאַרפט באַשיצט ווערן...

ווי איינער וואָס איז צוזאַמען מיט אייך געשטאַנען אויף זיין פּאָזיציע, פריער אין פילאַדעלפיע, און פאַר די לעצטע יאָרן אין מיאַמי־ביטש, פלאָרידאַ, שיק איך צו אייך מיינע האַרציקע גרוסן צום 50 יאָריקן יובל, וואָס איז אַ כשר פאַרדינטער יום טוב פאַר אונדז אַלעמען...

זאָל ביי דער געלעגענהייט מיט כבוד און דאַנק דערמאָנט ווערן די פיינע איינפירונג און אָפּהיטונג פון אונדזער טשיף ישורין, די אינדיווי־דועלע באַגריסונגען צו די קאָלעגן אין די היימען, ביי זייערע געבוירן־טעג „אַניווערסאַריס״ און אַנדערע שמחות... מיר דאַרפן באַזונדער שעצן אייך דאָס וואָס אין פאַל פון פאַרלוסטן, ווען איינער ווערט אָפּגעשיידט צו דער אייביקייט, ווערט מיט באַדויערן און סימפּאַטיע, פון אַ „גרופּע פריינד״ זיין נאָמען פאַרצייכענט אויף די שפּאַלטן פון „פאָרווערטס״, לאָמיר זיך אַלע פרייען מיט דאָס אָפּגעטאָענע און צוזאַמען ווייטער שפּינען די גאָלדענע פעדים פון אייניקייט, חברישקייט, און פריינדשאַפט.

י. שמולעוויטש

דרך ארץ פאַר די זקנים



ווען איך האָב דעם ערשטן מאָל געהערט דעם נאָמען „זקן״, ווי עס ווערט אָנגערופן דער „נאַציאָנאַ־דער סאָציאַלער קלוב״, די אָרגאַניזאַציע וואָס פייערט איצט 50 יאָר עקזיסטענץ, האָט דאָס ביי מיר אַרויס־גערופן גרויס פאַרוואונדערונג. איז די דאָזיקע אָרגאַ־ניזאַציע — האָב איך געטראַכט — מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק טאַקע געגרינדעט געוואָרן פון אַלטע לייט? זיינען שוין דאַן, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, אין דעם אַרבעטער־רינג געווען זקנים? אָבער ווען איך האָב געפרעגט און געזוכט האָב איך אויס־געפונען גאָר עפּעס אַנדערש. איך האָב זיך דערוואוסט דאָס, וואָס איר אַלע,

מיטגלידער אין קלוב, ווייסן שוין פון לאַנג. מילא, איך בין דאָך אַ „גרינער", דאַרף מען אויף מיר קיין פּאַראיבל ניט האָבן.

יאָ, דער קלוב־„זקן" איז באַשאַפן געוואָרן אין רעזולטאַט פון קאַמף צווישן די „יונגע" און „אַלטע" וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אַרבעטער־רינג מיט 50 יאָר צוריק. געווען איז דאָס אַן אינערלעכער קאַמף, אין דער איי־גענער משפּחה. די „אַלטע" זיינען דאַן געווען קנאַפּע דרייסיק יאָר און די „יונגע" נאָך יונגער... די „יונגע" זיינען דאַן געווען נאָר וואָס אַריבער־געקומענע פון יענער זייט ים, וועלכע האָבן זיך געבונטעוועט קעגן די עלטערע פּירער. ווי עס זעט אויס האָט מען דאָ, אין אַמעריקע, שטענדיק געהאַט צרות פון די „גרינע"... די עלטערע אין אַרבעטער־רינג האָבן דאַן געשאַפן דעם קלוב, כדי דורך דעם אָפּצוהיטן די פּרינציפּן פון דער אָרגאַ־ניזאַציע. דערפאַר רופט מען דעם קלוב פון דאַן־אָן „זקן".

אָבער דער קאַמף צווישן די „אַלטע" און „יונגע" איז געווען אַ פאַרביי־גייענדיקע דערשיינונג. גאָר גיך זיינען אָפּגעווישט געוואָרן די מיינונגס־פאַרשידענהייטן, און אויך דער עלטער. די „יונגע" און „אַלטע" האָבן זיך פאַראייניקט קעגן אַ געפערלעכן שונא, קעגן פאַרברעכער וואָס האָבן געוואָלט צעברעכן אָדער פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג — קעגן די יידישע קאָמו־ניסטן. אָט אין דעם, אין אָפּהיטן, שטאַרקן און צעמענטירן דעם אַרבעטער־רינג, ליגט דער גרויסער כוח פון דעם „זקן". ווער ווייסט ווי דער אַרבעטער־רינג וואָלט איצט אויסגעזען; ווער ווייסט צי עס וואָלט בכלל געווען דער דאָזיקער גרויסער פאָלקס־אָרדן, ווען דער „זקן" וואָלט דאַן ניט געשטאַנען אויף דער וואַך.

איז דעריבער — דרך ארץ פאַר די „זקנים", דרך ארץ פאַר די גרויע קעפּ וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אַזאַ שווערן און אידעאַליסטישן וועג. און דרך־ארץ פאַר אָט דעם גאַנצן דור בכלל, וואָס האָט אָפּגעהיט דעם אַרבע־טער־רינג און גלייכצייטיק אַריינגעשריבן אַ וואונדערלעכן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלקס־לעבן אין אַמעריקע. עס איז אַ זעלטענער דור, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער יידישער געשיכטע. אַ דאַנק דעם „זקן", וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך אָפּצוהיטן דעם אַרבעטער־רינג, איז מעגלעך געווען, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל פאַרצווייגן און פאַרטיפן יידיש פאָלקס לעבן אויפן היגן באָדן. אַ דאַנק דעם איז מעגלעך געווען, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל העלפן בויען די יידישע טרעיד־יוניאָנס, קולטור אָרגאַניזאַציעס, אויסשפּרייטן יידישע דערציאונג, העלפן און באַזאָרגן די אייגענע מיטגלידער, און גלייכצייטיק העלפן יידישע נויטן איבעראַל, ווי אויך דער דעמאָקראַטישער מדינת ישראל.

דרך ארץ פאַר די זקנים! מיר, די „יונגע״, דאַרפן זיך אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פון אָט דעם זעלטענעם דור, מיר האָבן וואָס צו לערנען. די מערסטע מיטגלידער אין דעם קלוב זיינען שוין טאַקע עלטערע און מיט גרויע קעפּ, אָבער זייער מוט און איבערגעגעבנקייט, זייערע גלויביקע און אידעאַליסטישע הערצער, זיינען וויִטער יונג ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. דער גלויבן וואָס אָט די מענטשן האָבן מיט זיך געבראַכט פון די שטעט און שטעטלעך פון דער אַלטער אייראָפּע, דעם גלויבן און אידעאַליזם וואָס זיי האָבן איינגעפלאַנצט אויף דעם היגן באָדן, דאַרף און וועט אָנגעהאַלטן ווערן נאָך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

עס קומט לויב און דאַנק אָט די „זקנים״, וועלכע זיינען שטענדיק געווען, און זיינען וויִטער יונג אין זייער גייסט. באַזונדערס אָנערקענונג קומט דעם טשיף פון די „זקנים״, אונדזער ליבן יעפים ישורין, וואָס שטייט שוין באַלד 40 יאָר ביי דער אָנפירערשאַפט פון דער מערקווירדיקער אָרגאַ־ניזאַציע. דער האַרציקער ישורין פירט אַ גענויעם חשבון פון יעדן „זקן״ וועגן אַ געבורטס־טאָג, אַ חתונה־יובילעי, אַ שמחה אין דער משפחה און פאַרגעסט אויך ניט אויסצודריקן טרויער — „אין נאָמען פון אַ גרופּע פריינט״ — אויב, חלילה, עס איז אַ טויט־פאַל. מיט דער זעלבער פּינקטלעכ־קייט, אַלס באַרימטער ביבליאָגראַף, פירט ער דעם געגויען חשבון פון דער יידישער ליטעראַטור, צייטונגס־וועזן און יידישע קולטור־וועלט.

אָבער איצט דאַרפן מיר פירן דעם חשבון. לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז אין צוויי יאָר אַרום, סוף 1965, וועלן מיר פייערן דעם 80טן געבורטסטאָג פון טשיף פון די „זקנים״, פון דעם דורך אַלעמען באַליבטן יעפים ישורין. לאָמיר זיך שוין גרייטן צו דעם, וואָס וועט אויך זיין אַ גרויסער יום־טוב אין דער גאַנצער יידישער קולטור וועלט. אַי, וועט דאָס זיין אַ יום־טוב! עס וועט זיין אַן אמתע שמחה אין דער גלאָרייכער געשיכטע פון „זקן״.

די קלובן איבערן לאַנד

דעטראָיט אָפּטייל פון נאַציאָנאַלער סאָציאַלן קלוב


יוסף הײדעמאַן, סעק.

אונדזער האַרציקע באַגריסונגען און גוטע וואונטשן צו אַלע קאַלעגן פון דעם „נאַציאָנאַל סאָציאַלן קלוב", פון גאַנצן לאַנד און פון קאַנאַדאַ, צו דעם 50טן יובל פון „קלוב". אונדזער צווייג פון דעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב" איז געקומען צום לעבן אין אַ רואיקער צייט אין אַרבעטער־רינג. דאָס איז געווען אין יאָר 1956, ווען די הייסע און קאַלטע מלחמות זיינען, און אַרום דעם אַרבעטער־רינג, זיינען שוין אויסגעפּאַכטן געוואָרן מיט אַ פולשטענדיקן זיג פאַר די דעמאָקראַטישע כוחות פון אונדזער אָרדען.

עס זיינען אויך ניט פאָרגעקומען קיינע לאָקאַלע קאָנפליקטן, אַזוי אַז דער קלוב האָט געקענט זיך אויסלעבן געמיטלעך, אויף אַ חברישן אופן. איז

דעטראָיטער קלוב

פון רעכטס צו לינקס, ערשטע רייע: נאַדיאַ ענטין, סאָניאַ בערנשטיין, ראָזע ליפּשיץ, אסתר בערנשטיין.

צווייטע רייע: הערי ענטין, בערנאַרד בראָדער, יוסף הײדעמאַן — סעק.־טרעזשורער, יוסף בערנשטיין — פּרעזידענט, דוד ליפּשיץ, יעקב ריסמאַן, לאָרענס בערנשטיין, בען שיפּרין, באיר שניידער.

דערפֿאַר אונדזער קורצע געשיכטע ניט קיין שטורמדיקע און מיר קענען ניט אָנווייזן אויף אויסערגעוויינטלעכע פּאַסירונגען, וואָס האָבן געפֿאָדערט קאַמפּסלוסטיקייט און דיפּלאָמאַטיע. דערפֿאַר האָבן די קאָלעגן פֿון „קלוב״ זיך געקענט אָפּגעבן מיט בויען אינסטיטוציעס און אויפֿהאַלטן די פֿריערדיקע אויף אַ געהעריקע הויך.

די מיטגלידער פֿון „קלוב״ נעמען זיך קרעדיט פֿאַר בויען איינעם פֿון די שענסטע און מאָדערנסטע אַרבעטער־רינג צענטערס אין לאַנד, אויף אַ זיכערן פֿונדאַמענט. פֿאַר דער אַקטיוויטעט און דער אָנפֿירונג פֿון די אַר־בעטער־רינג שולע וואָס איז ביז היינט־צו־טאָג איינע פֿון די דערפֿאָלגרייכסטע אין לאַנד, אין פּראָפּאָרציע צו דער באַפֿעלקערונג און מיטגלידערשאַפֿט.

דאָס זעלבע איז מיט אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס און באַוועגונגען אַרום דעם אַרבעטער־רינג, אין וועלכע אונדזערע מיטגלידער שטייען אין די פֿאָדערשטע רייען.

בלייבט פֿאַר אונדז נאָר צו באַגריסן דעם נאַציאָנאַלן טשיף, די אָנ־פֿירערס און קאָלעגן פֿון אונדזער לאַנד און קאַנאַדע צום 50טן יובל פֿון דעם קלוב און צו ווינטשן אַז מיר זאָלן אַלע נאָך לאַנגע יאָרן צוזאַמען פֿייערן די געבוירנטעג פֿון קלוב.

יוסף בערנשטיין, פּרעזידענט
יוסף היידעמאַן, סעקרעטאַר־טרעזשורער

א. ט. סילווער

לאָס אַנדזשעלעס



אונדזער קלוב־אַרכיוו איז ערגעץ פֿאַרלאָרן גע־גאַנגען און מיר ווייסן ניט וואו אים צו זוכן. די ערשטע און אַקטיווסטע מיטגלידער פֿון קלוב זענען שוין לאַנג אויפֿן עולם האמת. מיר מוזן זיך פֿאַר־לאָזן אויפֿן זכרון פֿון די, זיי צו לאַנגע יאָרן כדי צו בליבענע מיטגלידער פֿון די 20קער יאָרן כדי צו דערציילן וועגן די העכער פֿערציק יאָר טעטיקייט פֿון לאָס־אַנדזשעלעסער קלוב. אין זכרון פֿאַרבלייבן געוויינלעך דער עיקר די שטורמישע מאָמענטן, ניט די רואיקע. זענען טאַקע אָט די שטורמישע מאָ־מענטן, אין וועלכע דער קלוב האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל פֿאַר־בליבן איינגעקריצט אין זכרון. מאָמענטן מיט וועלכע דער קלוב קאָן שטאָלצירן ביי דער פֿייערונג פֿון דעם 50־יאָריקן יובל.

לאָס־אַנדזשעלעס איז געווען, אפשר נאָך אויך היינט — אַ שטאַרקע פעסטונג פון די קאָמוניסטן נאָך ניו־יאָרק, וואו זיי האָבן געזוכט צו פאַרכאַפּן די יוניאָנס, דעם אַרבעטער־רינג און אַלע אינסטיטוציעס אין און אַרום דעם אַרבעטער־רינג. ביז אַ געוויסער מאָס איז עס מיט אַ צייט צוריק זיי געלונגען. עס וואָלט זיי זיכער געלונגען אינגאַנצן ווען זיי וואָלטן ניט געהאַט דעם שטאַרקן ווידערשטאַנד פון דער לאָיאַלער מיט־גלדערשאַפט אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון קלוב, וועמענס פירער האָבן פאַרמאָגט פיינעם טאַקט, שטאַרקן ווילן און אויסדויער, און זענען שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך.

לאָם אַנדזשעלעסער קלוב

פון רעכטס צו לינקס, ערשטע רייע: יעטאַ ליווי, לואיס געלפאַר, מאיר וויינטרויב, נאַציאָנאַלער פּרעזידענט פון קלוב. שמואל דאַוויטש — סעק., מאיר האָפּשטיין.

צווייטע רייע: א. ט. סילווער, אסתר סילווער, מאַקס רובין, עני סילווערשטיין, דוד סילווערשטיין, דאָראַ געלפאַר, ליליען וויינטרויב, ליליען וויינשטיין, דוד גאָלדמאַן, אַדעל גאָלדמאַן, נחום אַבראַמאָוויטש, פּעני האָפּשטיין, רחל גאָרענשטיין, מאַקס גאָרענשטיין.

דריטע רייע: העררי ראָזענפעלד, יעקב לעווין, מנחם סילווערשטיין, פיליפּ וויינשטיין, מייקעל טשאַרנאָווסקי, איידאַ אַבראַמאָוויטש, דזשוליוס גאַוזי, שמואל סיגאַל, שמואל ראַצקין, מאַקס שוואַרץ, יואל ליטעווקאַ.

אין אָנהייב פון די 20קער יאָרן האָט דער אַרבעטער־רינג אין לאָס־אַנדזשעלעס געהאַט פיר ברענטשעס, אַ פיינע אַרבעטער־רינג שול, און 2 דערפאָלגרייכע פּאַרפעסטיקטע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס; די פּרעס, אָדער פּרינטינג־קאָאָפּעראַטיוו און די נייע דערפאָלגרייכע בעקעריי. פאַר־שטייט זיך, אַז די קאָמוניסטן האָבן געפּרואווט צו קאָנטראָלירן דעם אַר־בעטער־רינג, די שול און די קאָאָפּעראַטיוון. אָבער די פּאָרזיכטיקע סטראַ־

טעגיע פון דער פירערשאַפט פון סאָציאַלן קלוב האָט עס זיי געשטערט.

3 פון די 4 ברענטשעס זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קאָנט־ראָל פון די לינקע, אָבער דעם גרעסטן ברענטש — 443 האָבן זיי ניט געקאָנט איינבייסן. ער איז געבליבן לאָיאַל, אַדאַנק דער פירערשאַפט מיט דער הילף פון קלוב. עס האָט זיך אָבער געפאָדערט אַ שטענדיקע וואַכ־זאַמקייט צו האַלטן זיי אין צאַם און ניט אַריינפאַלן אין די פאַרשידענע פאַסטקעס און שמד־שטיק, וואָס זיי פלעגן אָנווענדן אויף אַריינצוכאַפּן דעם ברענטש אונטער זייער קאָנטראָל. אָבער דאָס איז זיי קיינמאָל ניט געלונגען.

אַז זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרכאַפּן דעם ברענטש, האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן די אַרבעטער־רינג שול, דעם שענסטן ווינקל אין אַרבעטער־רינג. ווען עס זיי ניט געלונגען, וועלן זיי עס פאַרניכטן. אויפן געוויינלעכן וועג האָבן זיי עס ניט געקאָנט דערגרייכן. האָבן זיי אין אַ שבת־נאַכט, ווען אַלע שלאָפן, אַוועק און אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויף דער שול. מיט פרייד פון נצחון, האָבן זיי זיך צוגעקוקט ווי דער לערער, די קינדער און זייערע עלטערן האָבן זונטיק פרי ניט געקאָנט אַריין אין שול. זייער פרייד אין נצחון האָט לאַנג ניט געדויערט. מיט דער הילף פון יידישן סאָציאַ־ליסטישן פאַרבאַנד, אונטער דעם איינפלוס פון קלוב, איז געדונגען גע־וואָרן אַ פריוואַטע היים. און גאָר גיך האָט דער פאַרבאַנד געקויפט אַ היים, וואָס איז געוואָרן די היים פון אַרבעטער־רינג און פון דער אַר־בעטער־רינג־שול.

מיט דער אויפלעזונג פון די ברענטשעס האָט דער אַרבעטער־רינג אין לאָס־אַנדזשעלעס גאָר ניט פאַרלוירן, פאַרקערט, ער האָט אַ סך גע־וואונען. עס האָבן זיך געגומען גרינדן אַנדערע ברענטשעס. דער דעבס־ברענטש 590 איז אין אַ גאָר קורצער צייט געוואָרן דער 2טער גרעסטער ברענטש אין שטאָט. עס שאַפן זעך די ברענטשעס 274, 413, 654, און 655. די קאָמוניסטן האָבן זיך גענומען טוליען צום אינדעפּענדענט אַר־בעטער־רינג און געלאָזן אַ צאָל לינקע אין די אַרבעטער־רינג ברענטשעס, כדי צו קאָנען פון דאָרטן אָנפירן מיט נייער צעשטערערישער אַרבעט.

איינע פון די שענסטע אַרבעטער־רינג ימים טובים, זענען געווען די יערלעכע אַרבעטער־רינג קאָנפערענצן. אין אַ סך שטעט און שטעטלעך האָבן זיך שוין געפונען אַרבעטער־רינג ברענטשעס. פון סאַן־דיעגאָ אין דרום, ביז סאַן־פראַנציסקאָ, סטאָקטאָן, אָוקלענד און פּאַטאַלומאַ, אין צפון־קאַליפאָרניע. יעדן יאָר פלעגט די קאָנפערענץ אָפּגעהאַלטן ווערן אין אַן אַנדער שטאָט. צו די קאָנפערענצן פלעגן קומען ניט נאָר די אויס־געוויילטע דעלעגאַטן, נאָר אויך אַ גרויסע צאָל מיטגלידער, גאַנצע פאַ־מיליעס. עס איז געווען דער יערלעכער יום־טוב פון אַרבעטער־רינג. פאַר־

כאַפּן די קאָנפערענץ האָבן זיי ניט געקאָנט. פלעגן זיי אָנווענדן אַלע מיט־לען, אַמווייניקסטן צו צעשטערן די יום־טובדיקייט פון דער קאָנפערענץ. אָבער אויך דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן, אַדאַנק דער קלוגער טאַק־טיק פון דער פירערשאַפט פון קלוב, וואָס האָט זיי געלאָזן טומלען, האָבנ־דיק דעם פולן איינפלוס אויף דער גרויסער מאַיאָריטעט פון דער לאָ־יאַלער מעטגלידערשאַפט.

דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך ניט איינגעגעבן איז די פאַרניכטונג פון די 2 שיינע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס.

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב", האָט נאָך געהאַט גענוג אַרבעט צו פאַרהיטן אַז די לאָקאַלע מיטגלידערשאַפט זאָל ניט באַאיינפלוסט ווערן פון די לינקע אין זייערע פאַרשידענע פּרוּוון צו פאַנגען עטלעכע אומ־שולדיקע מענטשן אין זייערע נעצן. ספּעציעל, ווען עס איז אויפגעבראָכן די עפּידעמיע פון „פּאַראייניקטן פראָנט". עס האָט גענומען אַ סך מי, גע־דולד און טאַקט, אויפצוקלערן די מיטגלידערשאַפט ניט צו לאָזן זיך פאַנ־גען פון אַזאַ, אין תוך אומשולדיקן לאָזונג, ווי „פּאַראייניקטער פראָנט".

ס. דאַוויטש, סעק.

דער איינפלוס און אַקטיוויטעט פון סאָציאַלן קלוב דאָ אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאָן נאָר דאַן אָפּגעשאַצט ווערן, ווען מען קאָן גענוי איבערגעבן דאַטעס און פאַקטן. איינע פון די געלונגנסטע אַקציעס איז געווען דער לעקציע־טור וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט אַראַנזשירט איבערן לאַנד פאַר ר. אַבראַמאָוויטש. מיר האָבן געוואוסט אַז די קאָמוניסטן גרייטן זיך צו צעשטערן די לעקציע. און מיר זענען געווען גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף. 1500 מענטשן האָבן איינ־געצאָלט אַ דאָלאַר יעדערער. פאַר יענער צייט איז עס געווען אַ גרויסע סומע און אין ווינציקער ווי אַ שטונדע איז דער גרויסער אוידיטאָריום פון סענטראַל לייבאָר קאונסיל געווען אָנגעפילט. די קאָמיסיע וואָס איז געשטאַנען ביים טיר, האָט ניט אַריינגעלאָזן די קאָמוניסטן, וועלכע זיי האָבן געקאָנט. אָבער דאָך האָבן זיך אַריינגע־כאַפּט אַ באַדייטנדיקע צאָל, ספּעציעל פרויען. אין פאַרשידענע ווינקלען פון זאַל האָבן זיי געפּרוּווט מאַכן טומל. עס קומט אַ גרויס אָנערקע־נונג די פירער פון אַרבעטער־רינג, וואָס זענען אויך געווען די אָנפירער פון סאָציאַלן קלוב פאַר די פאַרזיכטס־מיטלען וואָס עס זענען אָנגענומען געוואָרן כדי צו באַזייטיקן די טומל־מאַכער אין צייט. די לעק־ציע פון ר. אַבראַמאָוויטש איז דורכגעגאַנגען בשלום, מיט דעם גרעסטן דערפאָלג, וואָס עס האָט די קאָמוניסטן ניט געשמעקט.

לאָמיר דאָ צו דער געלעגנהייט פון 50־יאָריקן יובל פון קלוב דער־מאָנען די פירער פון קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס, וואָס זענען שוין אַוועק אין דער אייביקייט: וו. ל. ניושטיין; הערי שער; יודל לעוויט; א. מאַגיד; ה. רובינשטיין; הערי שיינין; י. פּאַרבער; ס. אַשרי; און א. פּילער. און זיי צו לאַנגע יאָר: א. ט. סילווער, מאַקס גאָרענשטיין, מאיר ווייַנ־טרויב און אַ גאַנצן צעטל פון שפּעטער צוגעקומענע מיטגלידער פון קלוב, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס. די באַאַמטע פון סאָציאַלן קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס זענען ווי פאָלגט: לואי געלפאַר, פּאָרזיצער; יעטאַ לעווי, וויצע־פּאָרזיצער: סעמיועל ראַוויטש, סעקרעטאַר און מאיר קאַטץ, רעקאָרדינג סעקרעטאַר.

דער מאָנטרעאַלער קלוב


ס. מירמאַן, סעק.

דער מאָנטרעאַלער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1952. עס פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער טשיף האָט געהאַט אַ וויכטיקן אָנטייל אין דעם. דער לאָקאַ־לער איניציאַטאָר און דער וואָס האַלט אים אויף זינט זיין גרינדונג, איז אַ חבר וואָס מיר האָבן אימפּאָר־טירט פון ניו־יאָרק, אין יאָר 1940, מיטן נאָמען סאַניעל מירמאַן. ער איז אונדזער סעקרעטאַר פונעם ערשטן טאָג אָן און טראָגט די גאַנצע לאַסט פונעם קלוב. מיר וועלן נישט ווערן נתפּעל אויב ער האָט אפשר חרטה אויף דעם גאַנצן ענין...

וואָס האָט אייגנטלעך געווירקט אַז אין יאָר 1952 זאָל אין מאָנטרעאָל געגרינדעט ווערן דער קלוב? עס זענען געווען עטלעכע וויכטיקע סיבות. דער אַרבעטער־רינג ביי אונדז אין שטאָט האָט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה דורכגעמאַכט אַ רייע ענדערונגען. אַ גרעסערע צאָל פּליטים פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד און עסטרייך איז דאַן געקומען קיין קאַנאַדע. אַ גרויסער טייל פון זיי — אַ דאַנק די באַמיאונגען פון אַ צאָל טוער פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, וועלכע האָבן אַלס טוער פון די נאָדל־טריידס יוניאָנס אויסגעפּועלט, אַז עס זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן וויזעס די יידישע אַרבעטער. אַ צאָל פון די פּליטים איז געווען, אין די פריערדיקע יאָרן, טעטיק אין דער פּראָפעסיאָנעלער און אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער. דער אַרבעטער קאָמיטעט צוזאַמען מיט דעם אַרבעטער־

רינג האָבן זייער וואַרעם אויפגענומען די ניי־געקומענע און אין דער ערשטער צייט זיי געהאָלפן זיך איינאָרדענען. די טירן פון אַרבעטער־רינג זענען ברייט געעפנט געוואָרן פאַר זיי. דערביי זענען געמאַכט געוואָרן אַלע באַמיאונגען זיי צו ווערבירן אַלס מיטגלידער. אַלס רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַקציע איז די מיטגלידערשאַפט פון אַרבעטער־רינג אין מאָנטרעאַל

מאָנטרעאָלער קלוב

דאָס בילד איז גענומען געוואָרן ביי דעם 11טן יערלעכן יובילײ־באַנקעט, וואו עס איז אויך געפייערט געוואָרן דער 70־יאָריקער געבורטסטאָג פון קאָלעגע יעקב רייך, שבת, דעם 19טן אָקטאָבער, 1963.

פון אויבן רעכטס צו לינקס : 1טע רייע : סעם סילווערבערג, סעם ליבערמאַן, מ. ברענ־דער און פרוי, ה. עיזעף און פרוי, פּ. גאָלדמאַן און פרוי.

2טע ריי : —, —, ס. מירמאַן און פרוי, (לאָקאַלער טשיף), מייקל רובינשטיין און פרוי.

3טע רייע : מרס. י. לעווין, ה. שוואַרץ און פרוי, נ. קולאַ און פרוי, י. פלעקסער און פרוי, דוד איגענפעלד און פרוי, י. פאַלק.

4טע רייע : יעקב רייך און פרוי, היימי טשאַרני און פרוי—1963 פרעזידענט, י. הערצמאַן און פרוי—וויצע־פּרעזידענט, און מרס. פאַלק.

פאַרטאָפּלט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ פּריידיקע דערשיינונג, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט דאָס אַרויסגערופן אַ צאָל פּראָבלעמען.

דער קלוב איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן מיט 50 יאָר צוריק צוליב רייבונגען צווישן יונג און אַלט. ענלעכע פּראָבלעמען זענען אויפגע־שוואומען אין מאָנטרעאַל. די ניי־געקומענע, וועלכע זענען באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון אַ ייִנגערן עלעמענט, זענען געוואָרן זייער אַקטיוו. אויפ־געצויגן אויף יענער זייט ים אין אַנדערע טראַדיציעס און מיט גאַר אַנדערע דערפאַרונגען, האָבן זיי פּרובירט געבן דעם אַרבעטער־רינג אַן אַנדער פּנים. עס זענען אַנטשטאַנען ערנסטע מיספאַרשטייענישן און אַפילו קריגערייען. די אַלט־איינגעזעסענע מיטגלידער, די בויער פון אַרבעטער־רינג, האָבן אָנגע־הויבן זיך שרעקן, אַז דער אַרבעטער־רינג וועט פאַרפירט ווערן. אייניקע האָבן אַפילו מורא געהאַט אַז דער אַרבעטער רינג, וואָס איז זיי אַזוי טייער זאָל נישט פאַרכאַפּט ווערן דורך פרעמדע עלעמענטן. דער אַרבעטער־רינג איז דורכגעגאַנגען דעם פּעריאָד פון „גראָאינג פּעינס". די צייט האָט גע־פאָדערט אַז די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער זאָלן זיך אַריינטראַכטן אין דעם וואָס איז פאָרגעקומען און אַריינברענגען קאָנסטרוקטיווע פּלענער אויף דעם אופן, אַז אַלע עלעמענטן אין אַרבעטער־רינג זאָלן קענען האַרמאָניש צו־זאַמענאַרבעטן. ווייל אין תוך איז דער פּראָבלעם באַשטאַנען אין צופּאַסן זיך איינע צו די אַנדערע. נאָך אַלעמען זענען דאָך אַלע געווען באַהערשט דורך אַ ווילן אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל ווערן אַלץ שטאַרקער און סאָלידער.

דער וואוקס פון אַרבעטער־רינג האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז די אָרגאַני־זאַציע זאָל זיך איבערציען אין אַן אַנדער געגנט, ווייל די ייִדישע באַ־פעלקערונג האָט דאַן זיך אַרויסגעצויגן פון די קוואַרטאַלן אין וועלכע זי האָט פריער געוואוינט און איז אַריבער אין נייע. עס זענען געווען נויטיק גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי צו בויען אַ נייעם צענטער און צו שאַפן נייע מעגלעכקייטן פאַר אַ גרעסערן וואוקס פון דער מיטגלידערשאַפט.

די אַלע פּראָבלעמען האָבן אַרויסגערופן ביי אַ צאָל טוער און פאַר־אַנטוואָרטלעכע מיטגלידער דעם פאַרלאַנג צו באַשאַפן אַן אָרגאַניזם וואו פריינד זאָלן האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַגעגענען אויף אַן אומאָפיציעלן אופן, צו דיסקוטירן אין אַ חברישער סביבה און אָפט זיך אַריינזאָגן און קיבעצן... אָט דער געדאַנק האָט שטאַרק אַפּעלירט צו אַ צאָל פון פירנדיקע פריינד און דער קלוב איז געשאַפן געוואָרן.

דער קלוב האָט אויך באַפרידיקט אַן אַנדער נויטוועדיקייט — דאָס שאַפן אַן אינטימע אַטמאָספערע. זייער אָפט האָט ער געגעבן אָנערקענונג די אָנגעשלאָסענע, אין אים פריינט און געדענקט אין זיי אַלס יחידים, ביי יובי־לעאומס און אַנדערע פייערונגען. אין אַרבעטער־רינג, פונקט ווי אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וואו עס דאָמינירט די אידייע פון טעטיקייטן פאַרן כלל,

טרעפט, אַז דער יחיד ווערט פאַרגעסן. דער קלוב האָט געגעבן דעם יחיד זיין פּלאַץ און אָנערקענונג.

דער קלוב איז די לעצטע יאָרן זייער אַקטיווביים בויען און שאַפן אַ נייעם אַרבעטער־רינג צענטער ביי אונדז אין שטאָט און באַטייליקט זיך אין די אַקציעס פון אַרבעטער־רינג און יידישן אַרבעטער קאָמיטעט און בכלל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער איינטריט־אָפּצאָל און דער פּאָס און די וויזע אויף צו ווערן אַ מיטגליד אין קלוב באַשטייט אויסשליסלעך אין דער איבערגעגעבנקייט, לאָיאַלקייט און אַקטיוויטעט וואָס דער אַפּליקאַנט קאָן באַוויזן. דער עקזאַמען פאַרן אַריינעמען אין קלוב באַשטייט אין דעם וויפיל מען האָט אָפּגעגעבן אַקטיוויטעט פאַרן אַרבעטער־רינג.

אַלס רעזולטאַט דערפון זענען די מיטגלידער פון מאָנטרעאַלער קלוב אַלע „אויסדערוויילטע". צווישן אונדזערע מיטגלידער וועט מען געפינען די „סמעטענע" פון די טוער אין אַרבעטער־רינג, אין יידישן אַרבעטער קאָמי־טעט און אין די יוניאָנס. אַזוי ציילט דער קלוב אין זיינע רייען חברים ווי: קלמן קאַפּלאַנסקי, וואָס פאַרנעמט היינט אַ זייער הויכן אַמט אין דער יוניאָן־באַוועגונג אין קאַנאַדע; מ. רובינשטיין, פאָרזיצער פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, געוו. נאַציאָנאַלער פּרעזידענט פון אונדזערע קלובן; יעקב רייך, וועמענס 70יעריקן יובילעאום דער קלוב האָט איצט געפייערט, פאָרזיצער פון דזשאָינט באָארד אין דער אַמאַלגעמייטעד און לאַנג־יעריקער טוער אין אַרבעטער־רינג; מ. פייגלזאָן, דער איינציקער נאָך לעבן־געבליבענער פון די גרינדער פון אַרבעטער־רינג אין מאָנטרעאַל, אין 1907; דער קולטור־טוער, שול־טוער און הויפּט־קיבעצער מ. טראָסמאַן, וואָס איז דער פאָרזיצער פון זיין ברענטש; די פריינד הערצמאַן און עזעף, די אַקטיוויסטע טוער אין קאַמפּיין פאַרן בוי־פאָנד ווי בכלל אין דער טעטיקייט פון אַרבעטער־רינג; מ. קולאַ, לאַנגיעריקער פאָרזיצער פון ברענטש 151; ה. טשאַרני, דער ביז־איצטיקער פאָרזיצער פון קלוב; די פריינד גרינפעלד און גאָלדמאַן, אַקטיווע טוער און געוו. דירעקטאָרן פון אַרבעטער־רינג; י. קאָסאַק, אַק־טיווער טוער אין כאָר; ס. ליבערמאַן פירער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און טשערמאַן פון ברענטש 248, און נאָך און נאָך אַנדערע. ווען מיר זאָלן אויסרעכענען אַלע וואָלטן מיר דאָך פאַרעפנטלעכט אַ רשימה פון די מיט־גלידער פון קלוב און דאָס איז דאָך נישט דערלויבט, ווייל עס וואָלט געהייסן אַרויסגעבן אַ „מלוכה־סוד".

דאָס איינציקע וואָס מיר ווינטשן איצט, ביי דער געלעגנהייט פון 50 יאָר עקזיסטענץ פון קלוב, איז אַז די מיטגלידער פון מאָנטרעאַל זאָלן דער־לעבן צו פייערן 50 יאָר פון זייער אייגענעם קלוב.

עקזעקוטיווע פון מאָנטרעאַלער קלוב

הײמאַן גאָלדבערג (סעקרעטאַר)

מיאַמי ביטש אָפּטייל פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב



מאָריס שאַפּיראָ, דער איצטיקער טשערמאַן פון קלוב אין מיאַמי, זאָגט צו מיר: קאָלעגע גאָלדבערג, איר וועט דאַרפן עפּעס אָנשרייבן וועגן לעבן פון „נאַציאָנאַלן קלוב" אין גרויס מיאַמי, דאָס איז דער פאַרלאַנג פון טשיף.

— קאָלעגע שאַפּיראָ, איר ווייסט דאָך, אַז איך בין דאָ זייער אַ קורצע צייט, וואָס ווייס איך וואָס דאָ איז פאָרגעקומען?

— שטרענגט זיך אָביסעלע אָן און טוט וואָס איר קענט.

זיינען מיר אַוועק צו מעקס פּעסקל, ער איז דאָ אַן איינוואוינער אַ לענגערע צייט, זיכער ווייס ער וואָס דאָ איז פאָרגעקומען אין שייכות מיט דעם לעבן פון דעם אָפּטייל פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב". זיינען מיר געקומען צו פּעסקעלן, מיר האָבן דערקלערט וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אים.

דערקלערט ער אונדז: קאָלעגן, דעם אמת זאָגנדיק האָב איך ניט קיין סך צו דערציילן. אַ קלוב ווי אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט, האָט דאָ ניט עקזיסטירט ביז לעצטן יאָר. דאָ האָבן אַלע געצאָלט צום אָפּיס פון ניו יאָרק; קיין רעגולערע מיטינגען האָבן מיר ניט געהאַט; מיר פלעגן האָבן פאַרשידענע צוזאַמענקונפטן, פאַרשיידענע שמחות פאַר אייניגע קאָלעגן. אַ גרויסן יום טוב האָבן מיר אַראַנזשירט ביי די וויינערס אין הויז לכבוד פּעסקאָווס, 65יאָריקן געבורטס טאָג. צוזאַמענצורופן צו די אונטערנעמונגען איז אַמאָל געווען הורוויטש סעקרעטאַר, אַמאָל פּעסקאָוו. איך בין אַמאָל געווען פאָרזיצער. אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווי מיר האָבן איצט האָבן מיר ניט געהאַט.

מיר האָבן איינגעלאַדן צו זיך וו. פּעסקאָוו, וואָס איז דאָ אַן איינוואוינער אַ לענגערע צייט. ער האָט אונדז געגעבן נעמען פון קאָלעגן און דאַטעס פון פאַרשידענע אונטערנעמונגען אָבער ער איז אין דעם ניט געווען זיכער. איין זאַך האָט ער גענוי געדענקט, אַ גרויסע אונטערנעמונג ביי י. פּאָלאַקן אין הויז, וואו עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַרום 60 מענטשן צווישן זיי אַ סך קאָלעגן, וועלכע זיינען געקומען אַהער אויף וואַקאַציע. עס איז געווען זייער אַן איינדרוקספולער צוזאַמענקונפט.

דעם אמת געזאָגט, איך אַליין געדענק אויך ניט גענוי ווען און ווי אַזוי מיר דריי האָבן זיך געטראָפן. די דריי זיינען געווען מ. שאַפּיראָ, ס. ווינער און דער שרייבער פון די צייל. איך געדענק נאָר די פּאַרזאָרגטקייט פון סעמיועל ווינער. דער טשיף האָט אים געזאָגט: פלאָרידע דאַרף האָבן אָן תירוצים אַן אָפּטיילונג פון „נאַציאָנאַלן קלוב״.

מיאַמי ביטש קלוב



פון רעכטס צו לינקס, ערשטע רייע: : סילוויאַ גלייבערמאַן, פעני ווינער, אַנאַ בלאַק, בערטאַ גאָלדבערג, אַסנע שאַפּיראָ, סאַראַ לעווין, איידאַ וועפּרינסקי, ראָוז הורוויטש.

צווייטע רייע: א. בלאַק, מאלי רובינשטיין, א. רובינשטיין—וויצע־פּאָרזיצער, היימאַן גאָלדבערג—פינ. סעק., נייטען ראָזענפעלד— פּראָט. סעק., מאָריס שאַפּיראָ—פּאָרזיצער, סעם ה. לעווין, מאַקס וועפּרינסקי, רבקה סיגעל

דריטע רייע: לואיס לעווין, איזידאָר גאַרדאָן, מאַקס גערדאַנקען, מאָריס הורוויטש, יעקב סיגעל, מאַקס גלעיבערמאַן, סעמיועל ווינער.

איך האָב ניט קיין אַנונג וואָס מען הייבט אָן צו טאָן? דער טשיף האָט מיר אויך מיטגעגעבן אַ צאָל ביכער („בויער און טוער פון אַ.־ר.״) פאַר די וואָס האָבן עס סובסקריבירט. ער האָט מיר אויך געגעבן אַ צעטל מיט נעמען פון קאָלעגן, וואָס זיינען איינוואוינער אין מיאַמי.

האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דער איינציקער וועג איז צו פאָרן צו די ר ו ב י נ ש ט י י נ ס , זיי האָבן אַ רחבותדיקע הויז, און בעטן אַ דערלויבעניש צו האָבן אַ מיטינג מיט די 10־15 סובסקרייבער; מעגלעך וועט מען דאָרטן

קענען אויפהויבן די פראַגע וועגן באַנייען, אָדער אָרגאַניזירן אַן אָפּטייל פון „קלוב".

זיינען מיר געקומען צו די רובינשטיינס, דערקלערט זיי וואָס מיר פאַרלאַנגען פון זיי. זאָגט מאַלע רובינשטיין, וואָס עפּעס די 10—15 וואָרום ניט אַלעמען וואָס איר האָט אויפן צעטל, רופט אַלעמען, מיר וועלן מאַכן אַ צובייס. לאָמיר האָפן אַז עס וועט עפּעס אַרויסקומען.

מ. שאַפּיראָ האָט גענומען אויף זיך צו זיין דער סעקרעטאַר. ווינער, האָט פאָרגעשלאָגן רופן דעם מיטינג אין זיין נאָמען, ווייל ער באַטראַכט זיך אַלס דער וויצע־פּאָרזיצער פון פלאָרידע־סטייט: ביי דעם באַנקעט פון קלוב אין ניו יאָרק איז ער פאָרגעשטעלט געוואָרן אַלס פאַרטרעטער פון פלאָרידע.

אַלע האָבן געענטפערט אונדזער רוף. עס זיינען אויך געווען אייניגע געסט, צווישן זיי יחיאל עבעריל, אייניגע האָבן זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, געהאַט טענות צו אַלץ און צו אַלעמען. אָבער אַלע האָבן איינגעשטימט צו האָבן אַן אָבטיילונג פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב".

עס איז גלייך אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייע קאָמיטע פון די קאָלעגן: י. רובינשטיין, מ. שאַפּיראָ, מ. פעסקל, ס. ווינער און ה. גאָלדבערג. די קאָמיטע האָט אויסגעאַרבעט תקנות. באַשטימט אַ מעמבערשיפּ קאָמיטע און אַן אַראַנזשיר־קאָמיטע. באַאַמטע פאַרן קלוב: טשערמאַן — מ. שאַפּיראָ, סעקרעטאַר — ה. גאָלדבערג, טרעזשורער — מ. פעסקל, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר — נ. ראָזענפעלד.

מיר האָבן דורך דעם יאָר 1962 אין וועלכן מיר האָבן געמאַכט די באַנייאונג פון „קלוב", געהאַט רעגולאַרע פערטל־יערלעכע מיטינגען. אַלע האָבן באַצאָלט זייער דיוס, בייגעשטייערט אַ באַדייטענדע סומע פאַר דער אַרויסגעבונג פון יובילײ בוך, און אויך האָבן מיר אַדורכגעפירט זייער אַן איינדרוקספולן יערלעכן צוזאַמענקונפט, וואו מיר האָבן אויסגעטיילט מתנות צו אייניגע יובילאָרן. נ. ראָזענפעלד — 80 יאָר; י. רובינשטיין 75 יאָר; נ. סאָקאָל 75 יאָר; צום באַדויערן האָבן מיר אים לעצטנס פאַרלאָרן. מ. פעסקל — 60 יאָר פאַרהייראַט; מ. שאַפּיראָ — פאַר זיינע לייסטונגען צו דער אָרטיקער אַלגעמיינער באַוועגונג.

חנוכה מתנות צו אַלע פרויען, אַריינגענומען 4 מיטגלידער. אייניגע פון זיי זיינען אין דער פירערשאַפט פון אונדזערע ברענטשעס.

מיר האָפן אַז דער קלוב וועט פאַרזעצן זיין טעטיקייט פאַר אַ סך יאָרן.

יעקב דיסענד (נואַרק)

צום פופציק יאָריקן יובילייאום פון „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב"

דערהאַלטנדיק די איינלאַדונג צו שרייבן וועגן אונדזער לאָקאַלן און נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב צו זיין פופציק־יאָריקן יובילעאום, האָב איך זיך פאַרטראַכט און איך האָב באַגריפן די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם און דעם גרויסן פאַרנעם פון אַזאַ אַרבעט.

באַלאַנגענדיק אין קלוב 30 יאָר און אין אַרבעטער־רינג 50 יאָר ; זייענדיק אַקטיוו אַלע יאָרן, באַטייליקנדיק זיך אין אַלע אינסטיטוציעס וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט געבויט לאָקאַל אין נואַרק און איבערן לאַנד, קאָן איך ערשט באַגרייפן די גרויסע ווירקונג וואָס דער קלוב האָט געהאַט, זיין ווירקונג אַז אַלץ זאָל גיין אין דער געהעריקער אידעאישער ריכטונג, ווי דער אַרבעטער־רינג האָט עס זיך געשטעלט בעת זיין גרינדונג.

אַ סך פון אונדזערע לאָקאַלע טוערס, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייער מי און אַרבעט פאַר דעם אַרבעטער־רינג זיינען שוין ליידער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. די וואָס זיינען פאַרבליבן האַלטן אָבער אָן עקשנותיק די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס עס ליגט אויף זיי.

ווען איר טראַכט זיך אַריין וועגן די געפאַרן, וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט דורכגעמאַכט, און ווי ער האָט דאָס אַלץ בייגעקומען, איז טאַקע צו באַוואונדערן דעם כוח וואָס דער אַרבעטער־רינג פאַרמאָגט. און די ראָלע וואָס דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" האָט דערביי געשפּילט.

די קעגנזייטיקע הילף און פריינדליכע באַציאונג פון איין קאָלעגע צו אַ צווייטן איז אַ גרויסע מאָראַלישע שטיצע. דער געפיל אַז איר זייט ניט אַליין קומט צו אייך פון די אָפטע באַגריסונגען צו פערזענלעכע יובילייאומס, אַניווערסאַרסעריס, און ענלעכעס אַפילו ווען אונזער טשיף, פריינט ישורין, וועלכער איז פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך, שרייבט אַ בריוועלע און ער פאַרלאַנגט עטלעכע דאָלער פאַר אַ גוטן צוועק, מאַכט אייך פילן זייער גוט, ווייל איר גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז איר באַלאַנגט צו די יעניקע וואָס מען ווענדעט זיך צו אייך איר זאָלט זיך ביישטייערן.

צום 50 יאָריקן יובילייאום פון קלוב קומען מיר מיט דער באַפרי־ דיקונג און באַוואוסטזיין פון אָפּגעטוענע אַרבעט פאַרן וואויל פון דעם אַרבעטער־רינג, און די נויטוועדיקייט אַז אונזער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" זאָל נאָך פאַר אַ סך יאָרן אָנהאַלטן זיין טעטיקייט אין דער צוקונפט, ווי ער האָט עס געטאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט; מיר נויטיקן זיך אין דעם.

צום שלום ווינטש איך אין נאָמען פון אונזערע קאָלעגן פון נואַרקער יוניטי קלוב, און אין מיין נאָמען — געזונט, צופרידענהייט און פרוכט־ באַרע טעטיקייט פאַר דעם אַרבעטער־רינג.

ניו־דזשוירזי קלוב



פון רעכטס צו לינקס, ערשטע רייע: אַ. דאָרפמאַן, א. ראָזענפעלד, י. דיסענד, ב. קאַפּלאַן, ב. גילמאַן.

צווייטע רייע: מ. גורני, ל. יאַנאָוויץ, א. סעדלעצקי, דניאל קאָגאַן, איזידאָר ראָסאַק, ס. ליפּענהאָלץ.

ניו־יאָרקער פרויען קלוב

פון רעכטס צו לינקס: 1טע רייע: דאָרפמאַן, ב. קאָהען, שאַכנער, סאָפיאַ אַדלער—סעק., מרס. דען—פּרעזידענטין, מרס בערנשטיין—רעק.סעק. סילווערבערג, פאַרקער, חייעט.

2טע רייע: יאַסער, חדש, גילמאַן, פיינערמאַן, עפּשטיין, אַלפּערט, קאַטץ, ברוקס, ניומאַן, ראָגאָף, שפּייער, גאָלדבערג, דריישפּיל, פריימאַן, גלאַזער.

3טע רייע: ראָטמאַן, פּיאָרע, שוואַרץ, ראַבינאָוויטש, טשייקינד, מאָריסאָן, בערנשטיין, היינס, בעלזעק, בלייפער, זיימאָף.

ל. לעווינסאָן

דער פילאַדעלפיער קלוב

ס׳איז נאַטירלעך, אַז אויף יובילייאומס איז מען גאָרנישט מחדש. דאָס דערציילטע איז מער אַ מין חשבון־הנפש, אָבער ביי אַזאַ געלעגנהייט איז כדאַי אַפילו צו איבערחזרן שוין אַמאָל דערמאָנטע זאַכן. אין אונדזער פאַל, גלויבן מיר, זיינען זיי ביז גאָר וויכטיק.

פאַראַן אַ צאָל „קלוגינקע" אין אונדזערע רייען, וועלכע חוזקן און טיילמאָל אַטאַקירן זיי אַפילו דעם קלוב, אַלס „דיקטאַטאָרישע און אונטערערדישע" אָר־גאַניזאַציע... אָבער די זעלביקע „חכמים" גיבן צו, — אַז טיילמאָל איז דער קלוב געווען זייער נויטיק, בכדי צו ראַטעווען דעם אַרבעטער־רינג. אָבער זיין כסדרדיקע עקזיס־טענץ זיינען זיי מבטל...

נישט נויטיק צו באַווייזן ווי נישט אויסגעהאַלטן די דאָזיקע מענטשן זיינען. וואָרום ווען ס׳איז זיי עפּעס נוגע, גיבן זיי אייך אַפילו דירעקטיוון און וואָרנונגען, אַז ס׳מוז זיין ווי זיי ווילן, אָבער ווען ס׳איז חלילה פאַר־קערט — טויג נישט דער קלוב.

וועלן מיר צורו לאָזן די דאָזיקע „קלוגינקע" און זיך האַלטן ביי דער טעמע און דערציילן וועגן אונדזערע אויפטואונגען — אַגב, בלויז פון זכרון, ווייל ליידער האָבן מיר נישט ביי דער האַנט קיין שום דאָקומענטן נאָכצופאָרשן.

* * *

געקומען צום לעבן איז דער „פסק" (פילאַדעלפיער סאָשל קלוב) דער עיקר צוליב פראַטערנאַליזם, וואָס איז דער גרונד־פּרינציפּ פון אַרבעטער־רינג. און גאָר אין גיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן די נויטיקייט פונם קלובס עקזיסטענץ.

געווען פאַרשידענע קריזיסן אין אַמעריקע, זינט דער קלוב עקזיסטירט. און דער קלוב האָט פיל אַרבעטער־רינג טוערס אַרויסגעהאָלפן, ב ס ת ר, און זייער אָפט ממש געראַטעוועט מענטשן פון הונגער און טייל פון אונטערגאַנג.

געדענקט זיך אַ פאַל, ווען אַ קאָלעגע האָט זיך גענויטיקט אין עטלעכע טויזנט דאָלאַר, וועלכע ער האָט באַדאַרפט האָבן בכדי נישט צו פאַרלירן זיין געשעפט. דער קלוב אָבער האָט נישט געהאַט אַזאַ סומע אין דער קאַסע. האָט מען געליען דאָס געלט אין אַ פינאַנץ־אינסטיטוציע; די

מערסטע מיטגלידער האָבן באַצאָלט די פּראָצענטן — פרייוויליק — און דער קאָלעגע איז גערעטעוועט געוואָרן. עד־היום איז באַוואוסט, אַז דער קלוב האָט אים גערעטעוועט. אָבער ווער פון די יחידים־מיטגלידער ס׳האָבן באַצאָלט די פּראָצענטער און דאָס קיינמאָל נישט צוריק באַקומען (מ׳האָט אַפילו נישט געטראַכט פון דאָס צוריק באַקומען, ווייל דאָס איז געווען אַ חברשע טאַט), ווייסן בלויז יחידי־סגולה.

נו, ווער געדענקט נישט די קריזיס־יאָרן? מענטשן האָבן נישט געהאַט אויף קיין ברויט. מ׳האָט זיי געהאַלטן אין אַרבעטער־רינג מיט גרויסע חובות. אָבער דער קלוב איז נישט בלויז אָפּגעקומען מיט סתם רופן מיטינגען, אָדער פאַרוויילונגען. דער קלוב האָט בפועל־ממש געהאָלפן מיטגלידער, בכדי זיי זאָלן זיך האַלטן ביים לעבן. איך שטרייך דאָס אונטער, ווייל אַזוי איז דאָס פּאַקטיש געווען.

פילאַדעלפיער קלוב



פון רעכטס צו לינקס, ערשטע רייע: מ. גאַלינסקי, ס. בראון, ב. פינגערבענער—סעק., ל. לעווינסאָן—פּאַרזיצער, ה. טייטעלמאַן, ה. סעלקאָוויטש, נ. לענאַפּט, א. מאַטיס.

צווייטע רייע: נ. פּערסאָן, ה. דאַרדיק, מ. בלעק, א. פרידמאַן, א. רודין, דזש. לעווין, מ. פינקעל, א. מאַלינסקי, א. נעגין, מ. וואָלאַד, ב. בערקאָוויטש.

צום קרעדיט פון די דאָזיקע פריינד אונדזערע, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן דאָס ווי געהעריק אָנערקענט און אָפּגעשאַצט. און אַז „דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט” און ס׳איז זיי געוואָרן בעסער, האָבן זיי דאָס געדענקט און געהאָלפן אַנדערע.

מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט. אויסער פּראַטערנאַליזם, פאַרוויילונגען און סתם צוזאַמענקונפטן, האָט דער קלוב אויך אין זינען געהאַט, אַז די מיטגלידער באַלאַנגען אין אַרבעטער־רינג און ווען ס׳דראָעט אים אַ געפאַר, פון דרויסן אָדער פון אינעווייניק, דאַרף ער שטיין אויף דער וואַך און באַזייטיקן די דאָזיקע געפאַר. און דאָס איז אויך איינע פון די

וויכטיקע אויפטואונגען פון דעם קלוב, מיט וועלכן ער גרויסט זיך, און מיט רעכט. ווייל ווער וויס צי וואָלטן מיר בכלל געהאַט אַן אַרבעטער־רינג, ווען דער קלוב זאָל נישט געווען זיין אויף דער וואַך קעגן אַלע שונאים פון אַרבעטער־רינג.


ב. פינגערברענער סעק.

קאַמפן זיינען בכלל געווען אין אַרבעטער־רינג. קאַמפן, מיינונגס־פאַרשידנהייטן, וועלכע זיינען געווען נאַטירלעכע דערשיינונגען פאַר אַן אָרגאַניזאַציע פון פאַרשידענע ריכטונגען מיט פאַרשידענע מיינונגען — פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע. די דאָזיקע קאַמפן זיינען געווען ערלעכע און האָבן אַריינגעבראַכט לעבן און אינטערעס צווישן די מיטגלידער. מיר האָבן דאָ אין זינען די קאַמפן פון פּראָטערנאַלע רייטס, יינגע און אַלטע און ענלעכע, וועלכע זיינען פאָרגעקומען צווישן פריינד און זיינען געפירט געוואָרן לשמה, אָן פּערזענלעכע אָנגריפן און באַליידיקונגען. ווען פיינערמאַן איז גע־וואָרן פּרעזידענט, איז ער אָנגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער מיט־גלידערשאַפט, טראָץ דעם וואָס אָפיציעל איז ער געווען פון די „יינגע״. ער איז אפשר דאָ און דאָרט קריטיקירט געוואָרן. איז וואָס? אַזוי פירט זיך אין אַ דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס זעלביקע איז אויך חל פאַר־קערט. אָבער פּערזענלעך אָנגרייפן פאַר נישט זיין מסכים מיט איינעמס איינשטעלונג? חס־ושלום! דאָס איז, לײדער, פּאָפּולער געוואָרן אינעם קאַמף מיט די קאָמוניסטן. און דאָס איז געווען אין אַ צייט ווען אַלע האָבן געצויגן צום מזרח... יידן האָבן באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג אין סאָוועט־רוסלאַנד; די יידישע קולטור האָט דאָרט געבליט; יידן זיינען געוואָרן קאָ־לאָניסטן. דאַן איז געקומען בירא־בידזשאַן. יידישע שרייבער זיינען געפאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד און געקומען באַגייסטערטע פון דאָרטן. דאָס האָט אַ סך געהאָלפן די קאָמוניסטן אין אויסלאַנד און זיי זיינען געוואָרן פּאָפּולער צוליב דעם און זיי האָבן דאָס אויסגענוצט. אומפּאַרטייאישע זיינען אריינ־געצויגן געוואָרן אין זייער נעץ...

אין יענער צייט האָט דער קלוב געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין ראַטעווען דעם אַרבעטער־רינג אין פילאַדעלפיע. אויבנאויף איז דאָס געווען אַן אידעאָלאָגישער קאַמף, אָבער ווי גוט ס׳געדענקט זיך די כוליגאַנסטווע מצד די קאָמוניסטן. קיין זאַך איז פאַר זיי נישט געווען קיין אָפּהאַלט: שמוץ וואַרפן, פּערזענלעכע באַליידיקונגען און פאַרלוימדונגען, באַוואַרפן מענטשן מיט פאַרשידענע עפּיטעטן, פאַרכאַפּן ברענטש־טרעזשורים, באַפאַלן סעקרע־טאַרן און צונעמען ברענטש־ביכער אאַ״וו.

ווער געדענקט נישט דעם אַזוי־גערופענעם „פאַרבאַנד פון פּראָג־רעסיווע ברענטשעס״? וויפיל בלוט אין דאָן פאַרגאָסן געוואָרן. יאָ, בלוט בפועל ממש. ס׳איז דאָך דאָן געווען אַ געפאַר צו גיין צו אַ ברענטש מיטינג. צום קרעדיט פון קלוב, וועלכער האָט געזען, אַז דער אַרבעטער־רינג איז אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן, האָט מען זיך אָרגאַניזירט און באַזיגט די קאָמוניסטן. אמת, דער אַרבעטער־רינג האָט דאָן געהאַט פאַר־לוסטן, אָבער טייל האָט זיך שפּעטער אומגעקערט. דער עיקר איז, אַז דער אַרבעטער־רינג איז געראַטעוועט געוואָרן, בלויז אַ דאַנק דעם קלוב און זיין באַגעגענען דעם קאַמף מיט די קאָמוניסטן, וועלכער איז געווען אַ גוט־צוגעגרייטער און אויסגעפּלאַנירטער פון אַ פּאָליטיש־דיקטאַטאָרישער פּאַרטיי. אויב דאָס וואָלט געווען דער איינציקער אויפטו פונעם קלוב, וואָלט געווען דיינו! איז דאָס אָבער בלויז איינער פון זיינע אויפטואונגען, וועלכע זיינען שוין דערמאָנט געוואָרן אויבן.

און ווען די קאָמוניסטן האָבן געביטן זייער פּאָליטיק פון „בויערן פון אינעווייניק״ און באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם אַרבעטער־רינג, וויפל אַרבעט האָט דאָן דער קלוב געהאַט אָפּצושלאָגן זייער נייעסטן אַטאַק? זיי האָבן זיך גענומען שדכענען צום געוועזענעם אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג, וועלכער האָט זיי לכתחילה געגלייבט און זיי טיילוויז אַריינגענומען. אָבער „אינדעפּענדעט״ האָט זיי גלייך דערקענט און געזען זייער אמתן פּנים אויף זיין שיקאַגער קאָנווענשאָן, אין 1929, און האָט זיך גלייך אָרגאַניזירט און די קאָמוניסטן באַקעמפט און באַזיגט. ערשט דאָן איז געגרינדעט געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרדן, וועלכער איז שוין אויפן עולם־האמת, בלויז אַ דאַנק דער קאָמפּאָליטיק. און ס׳זיינען פאַראַן איצט פיל אומשולדיקע, וועלכע האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון די קאָמוניסטן און זיינען שוין איצט אַלט אַריינגענומען צו ווערן אין וועלכער ס׳איז פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע. אָבער דאָס האָט שוין נישט צו טאָן מיט אונדזער טעמע. אָבער איינקע אויפריכטיקע יחידים האָט דער קלוב שפּעטער, נאָכן אויפלייזן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָרדן, מקרב געווען.

* * *

דער קלוב האָט דורכגעמאַכט אַ מעטאַמאָרפאָזע, נאָכן קאַמף מיט די מיליטאַנטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער דאָזיקער קאַמף איז געווען צווישן אייגענע און איז געווען פּאַקטיש אַן אידעאָלאָגישער. אָבער די מיליטאַנטן זיינען געווען אין דער מינאָריטעט. אין דער צייט פונעם קאַמף האָבן די מיליטאַנטן פאַרלאָזט דעם קלוב. נאָכדעם ווי זייער קאַמף איז פאַרלוירן געוואָרן האָבן זיי זיך געווענדט צו אונדז און געוואָלט צוריק אַריין אינעם קלוב. זיי זיינען ווידער אַריין און דער נאָמען פון קלוב איז דערפאַר געביטן געוואָרן אויף „איינינקייט״.

איז „פסק" צי „איינקייט" — בלויז אַן אונטערשיד אינעם נאָמען. דער תוך אין דער זעלביקער. אַ גרופּע וואָס איז פאַראינטערעסירט זיך אויסצו־לעבן אין פריינדשאַפט, העלפן איינער דעם אַנדערן, ווען נויטיק, און דער עיקר היטן אונדזער אָרגאַניזאַציע — דעם אַרבעטער־רינג, ער זאָל נישט געשעדיקט ווערן פון קיין אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים, זאָל פאַרשטאַרקט און פאַרגרעסערט ווערן, און זאָל ממשיך־זיין פאַר די קומענ־דיקע דורות אינעם זעלביקן גייסט ווי ער האָט עקזיסטירט פאַר די לעצטע דריי־און־זעכציק יאָר.

פיליפּ שניידער

קאָנעטיקוט אָפּטייל פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב



ליבער פריינד און קאָלעגע ישורין. אַ האַרציקן דאַנק פאַר איינלאַדן מיך צו באַגריסן אין נאָמען פון די קאָנעטיקוט יענקיס אונדזער אַלעמענס יום־טוב— די 50־יאָריקע עקזיסטענץ פון אונדזער קלוב. גע־הערנדיק צום אַ.־ר. 55 יאָר און זייענדיק 30 יאָר אַ מיטגליד פון קלוב, ווייס איך די געשיכטע וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען. די „לינקע" האָבן געריסן שטי־קער, געפּרואווט פאַרכאַפּן וואָס זיי האָבן געקאָנט; זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט ביז דער קלוב האָט זיך אַריינגעמישט. אַלע קלוב־מיטגלידער האָבן זיך אָר־גאַניזירט, גערופן אַלע סימפּאַטיקער צו די מיטינגען און די אַטאַקע אָפּגע־שלאָגן. עס איז אָנגעקומען שווער, אָבער דאָך האָבן מיר געוואונען.

היינט צו טאָג פאַרנעמט אונדזער אָרדן אַ וויכטיקן פּלאַץ אין אַלגע־מיינעם יידישן לעבן, מיר ווערן אָנערקענט ווי אַ פּאַטריאָטישע אָרגאַ־ניזאַציע אין אַמעריקע. איך בין זיכער אַז אונדזערע פירער וועלן געוויס שרייבן מער, חוץ דעם דערלויבט מיר ניט דער פּלאַץ צו שרייבן.

דערלויבט מיר פון דעסטוועגן אין קורצן צו שרייבן וועגן אונדזער קלוב. מיר קומען זיך צוזאַמען צו אַ יערלעכן מיטינג און דינער מיט אונדזערע פרויען. פאַר די לעצטע 20 יאָר, זייענדיק דער סעקרעטאַר האָבן מיר קיינמאָל ניט דורכגעלאָזן, אַלע וואַרטן אויף מיין איינלאַדונג. דעם יאָר איז אונדזער מיטינג באַשטימט אויף דעם 15 סעפּטעמבער אין ניו־הייוון.

די קאָלעגן גיבן איבער באַריכטן פון אונדזערע ברענטשעס, נעמען אָן געוויסע באַשלוסן, אין די אינטערעסן פון אונדזער אַרבעטער־רינג: אונזערע קאָלעגן, צוזאַמען מיט מיר ווינטשן אונדזערע פירער, וועלכע

האָבן אַזוי פיל צייט אָוועקגעגעבן צו דערלעבן צוזאַמען מיט אונדז פייערן דעם 75טן יובילעום און קיינער פון אונדז זאָל ניט פעלן.

זייט אַלע געגריסט!

קאָנעטיקוט קלוב

פון לינקס צו רעכטס, ערשטע רייע: ס. באַרנעט—טשערמאַן, מרס. באַרנעט, פיליפּ שניידער—סעקר. מרס. שניידער, א. גלאַזער, ב. גלאַזער.

צווייטע רייע: מרס. עפּשטיין, ב. עפּשטיין, מרס. עלענבערג, מ. עלענבערג, הערי סיגעל, א. גרינבערג, א. סעלקאָוויץ, מרס. גאָלדבלאַט.

דריטע רייע: ד. פרידמאַן, מרס. קאַטץ, מרס. פיינער, קרוטשקאָוו. מרס. קרוטשקאָוו. מרס. ווינער, מ. סטיין, ס. לאָווינסקי, מרס. ראָש און יעיל ראָש.

ל. וואָלפּאָף

דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" פון שיקאַגאָ

איך וויל אייך זאָגן דעם אמת, אַז דעם 50סטן יובל פון אונדזער שיקאַגער סאָציאַלן קלוב האָב איך געוואָלט איבערגעבן עפּעס פריילעכס.

אויב דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב" איז גאַנצע 50 יאָר, זענען מיר דאָ קנאַפּע 50. איר וועט צוגעבן, אַז אַ האַלבער יאָרהונדערט מיט אַדער אָן אַן עודף גייט ניט צו־פּוס.

בין איך אָבער, ניט פאַר אייך געדאַכט, דער־גאַנגען צו אַ שטיקל טעות. איך האָב אַ בלעטער געטאָן אַ ביסל אַלטע פּראָטאָקאָלן (קיין סך האָט מען ניט באַהאַלטן) און עטלעכע אַלטע נומערן פון „חברשאַפט", איז מיר געוואָרן אַ ביסל קאַלעמוטנע אַנשטאָט פריילעך אויפן האַרצן.

אַזוי פיל פעלן צו אָט דעם גרויסן יום־טוב...

מוזן מיר זיי מזכיר זיין מיט גרויס יראת־הכבוד און איבערגיין צו די לעבעדיקע.

אונדזער קלוב האָט אַ גאַנץ פיינע געשיכטע פון אויפטואונגען. דער היגער קלוב האָט געשפילט אַ גרויסע ראָלע ניט בלויז אַריינצוברענגען אַ געהויבענעם גייסט און חברשאַפט צווישן די מיטגלידער און צו פאַר־טרייבן, אויף וויפל עס האָט זיך געלאָזט, פאַרגליווערטקייט און אָפּגעלאָזנ־קייט, נאָר אויך פאַרצעמענטעוועט און פאַרשטאַרקט דעם בונד צווישן די ברענטשעס און די יחידים.

אין די שווערע צייטן פון שפּאַלטענישן און ברעכערייען מצד די קאָ־מוניסטן האָט דער קלוב געדינט ווי אַ וועגווייזער, אַ מין עמוד־האש, און ער האָט אַ גרויסן חלק אין דער אָפּהיטונג פון אונדזער גאַנצקייט און פון אונדזערע פרינציפּן.

שיקאַגער קלוב



ערשטע רייע: מ. ל. פּאָלין, י. שיפקאָוויץ—רעק. סעק. דזש. גאָלדמאַן—פּרעזידענט, ל. וואָלפאָף—סעק טשיף, ס. דיימאָנט—אַקאַונטענט, א. געיל.

צווייטע רייע פון רעכטס צו לינקס: ד. שייער, מ. סילווערמאַן, דזש. קרעמען, דזש. אָלסמאַן, מ. פּראַגער, הערי סיידעל, היימאַן שניידער.

כאָטש איך בין גוט באַקאַנט מיט דעם אינהאַלט, די טעטיקייטן און מיט דער פירערשאַפט פון קלוב, בין איך נאָך אין אַ געוויסן זין אַן „אָנ־פאַנגער" אַלס טשיף. דער ערשטער טשיף, וואָס האָט געהאָלפן שאַפן דעם קלוב און געווען זיין ערשטער פּרעזידענט, איז געווען דער זייער ענערגי־שער און איבערגעגעבענער אַרבעטער־רינג פירער לואיס בענעסאָן. ער איז געווען טשיף אַ סך יאָרן.

נאָך זיין אַוועקגיין פון דער וועלט האָט מען אויסגעקליבן דעם טרייען חבר בען אַקסעלראָד. ער וואָלט נאָך עד־היום געווען דער טשיף, ווען ער וואָלט נישט באַשלאָסן מיט זיין חברטע סיידי (און אפשר האָט זי באַשלאָסן)

זיך צו באַזעצן אויף אַן אייגענער אימעניע, אין דער אַרבעטער־רינג שטאָט סוירקל סיטי, אין אַריזאָנאַ.

אָט אַזוי אַרום בין איך געוואָרן דער טשיף. איך מוז זיך מודה זיין, אַז יעדעס מאָל ווען עס קומט מיר אויס צו מאַכן אַ וויכטיקן שריט, טראַכט איך: ווי אַזוי וואָלטן די פריערדיקע טשיפס געהאַנדלט? נישקשה, מען קאָן פון זייער דערפאַרונג פיל לערנען.

איז עס פאַר מיר אַ גרויסע פרייד, וואָס אין אַזעלכע יום־טובדיקע טעג בין איך אויף אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן.

נו, ווי האַלטן מיר דאָ היינט צו טאָג מיטן קלוב? עס איז די זעלבע פראַגע ווי מיר שטעלן זיך: ווי האַלטן מיר מיטן אַרבעטער־רינג דאָ? מוז מען מודה זיין — עס איז נישט פריילעך. מיר וואַקסן נישט אין מיט־גלידער. דער עלטערער דור ווערט אַוועקגערופן און דער יונגער דור וויל, צום באַדויערן, נישט קומען צו אונדז אין אַזאַ צאָל ווי מיר ווילן און ווי מיר דאַרפן זיי, כדי צו זיין זיכער מיט אַ המשך.

טוט טאַקע די פירערשאַפט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, אַז עס זאָל נישט בלייבן קיין חלל.

אויף די געביטן, צום ביישפּיל, פון אויפבויען אַ נייעם צענטער און אַ נייעם בנין פאַר אונדזער אַרבעטער־רינג שול, זיינען מיר געווען העכסט דערפאָלגרייך. מיר האָבן ממש באַוויזן וואונדער. קיינער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז מיר וועלן קאָנען שאַפן אַזאַ ריזיקע סומע געלט פאַר די צוויי בנינים.

שיקאַגער פרויען קלוב

פון רעכטס צו לינקס, ערשטע רייע: מרס. אָלסמאַן, ראָוז געיל—סעק., דזשעני שניידער—רעקאָרדינג סעק., ב. קרעימאַן—פרעזידענטין, בעסי וואָלפאָף—צווייטע סעק. מרס. דזש. קרעמען.

צווייטע רייע: מ. סילווערמאַן, פרידאַ שייער, ס. דיימאָנד, מרס. סיידעל, מרס. מ. פּראַגער, מרס. קרייטשעק, טילי סילווערמאַן, מרס. דזש. גאָלדמאַן, מרס. י. שיפּקאָוויטש.

איצט האַלטן מיר ביי אַ דריטן גרויסן אויפטו: אונדזער קאָלאָניע און קעמפּ גרייטן זיך צו פייערן דעם פערציק־יאָריקן יובל. האָט פּאַסירט אַ נס. אַ גוטער, איבערגעגעבענער פריינט און לאַנג־יאָריקער אַרבעטער־רינג מיטגליד, איזידאָר דימאַר און זיין פרוי סאָניאַ, האָבן געמאַכט אַ גרויסן ביישטייער פאַר דער קאָלאָניע. זיי בויען אויס אויף זייערע הוצאות אַ העכסט מאָדערנעם מאָטעל אויף דער קאָלאָניע פאַר צענדליקער טויזנטער דאָלער. איך בין זיכער, אַז זייער גרויסער אַקט וועט דינען ווי אַן אָנרעגונג פאַר אַנדערע צו טאָן גרויסע זאַכן פאַר דער קאָלאָניע און פאַר אַנדערע אַרבעטער־רינג אינסטיטוציעס.

דאָס, ליבער טשיף הגדול יעפּים ישורין, איז די פריילעכע נייעס, וואָס איך קאָן צוטראָגן צו דעם 50־יאָריקן יובל.

* * *

איך האָב דערמאָנט די נעמען פון די צוויי ערשטע טשיפס. עס וואָלט געווען אַן עוולה נישט צו דערמאָנען די אַנדערע ערשטע באַאַמטע ביי דער גרינדונג פון קלוב. עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז בענענסאָן איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט און טשיף. אָט זיינען די אַנדערע באַאַמטע: סעם פינקעלשטיין, וועלכער איז שוין מער נישט מיט די לעבעדיקע, סעקרע־טאַר, און י. שיפּקאָוויטש, ביז 120 יאָר, פינאַנציעל סעקרעטאַר. ער איז איינער פון די וואָס פלעגן אָנשרייבן לעבעדיקע און וויציקע פּראָטאָקאָלן. נאַטירלעך קומט עס נישט צו די פּראָטאָקאָלן, וואָס דער פאַרשטאָרבענער אַ. בעסטאַק פלעגט אָנשרייבן, ער איז ווירקלעך געווען טאַלאַנטפול אויף דעם געביט.

און ווי קאָן מען דורכלאָזן א. קאַלישן. ער איז געווען דער ערשטער טשיף־דזשאָסטיס, און ער טראָגט דעם אַמט ביז היינט. זיינע „דעסיזשאָנס" האָבן געדאַרפט דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַזעלכע טשיף דזשאָסטיסעס ווי וויליאַם האַוערד טאַפט, טשאַרלס יוהז און אירל וואָרען.

אונדזערע היינטיקע באַאַמטע זיינען:

דזש. גאָלדמאַן, פּרעזידענט
ד. מייקעלס, וויס־פּרעזידענט
י. שיפּקאָוויץ, רעקאָרדינג־סעק.
א. קאַליש, טשיף דזשאָסטיס
י. ש. דיימאָנד, אָדיטאָר
ל. וואָלפּאָף, סעקרעטאַר־טשיף

מעמבערשיפּ קאָמיטע:
ה. סיידעל, ד. שייער
ענטערטיינמענט קאָמיטע:
א. קאַליש, א. גייל
נאָמינײשאָן קאָמיטע:
א. גייל, ה. שניידער, ה. ברעסלער

זאָלן דאָ צום סוף פאַרצייכנט ווערן די נעמען פון די 36 פרעזידענטן, סיי די וואָס זיינען שוין אַוועק אין דער אייביקייט און סיי די וואָס מיר ווינטשן זיי, זיי זאָלן זיין מיט אונדז פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט.

אונדזערע 36 פרעזידענטן

ל. בענעסאָן	1927
מ. טאַנקוס	1928
ס. פינקעלשטיין	1929
מ. קאָפּליצקי	1930
א. בעסטאָק	1931
י. ברען	1932
ב. פייגין	1933
ד. סילווערשטיין	1934
א. קאַליש	1935
מ. אַבראַמאָוויטש	1936
מ. סלאַווין	1937
מ. גאָלדבערג	1938
איזידאָר קראַוועטץ	1939
ל. גאָלפּער	1940
ה. שניידער	1941
ה. סיידעל	1942
י. שוואַרץ	1943
י. שיפּקאָוויטץ	1944
ד. שייער	1945
מ. פּראַגער	1946
א. גייל	1947
מ. ל. פּאָלין	1948
מ. חדש	1949
ל. וואָלפּאָף	1950
א. גערנשטיין	1951
סעם גאָלדען	1952
ד. רובין	1953
ה. טער	1954
ב. סילווערמאַן	1955
מ. וועפּרינסקי	1956
ד. בערליאַנט	1957
ס. דיימאָנד	1958
פּ. שקאָלניק	1959
א. אייבראַמסאָן	1960
ב. פּריזלער	1961
דזש. גאָלדמאַן	1963

Wallace, Al.
Walsh, Mrs. G. Newark, N. J.
Wanaev, Isidore
Wasilevsky, Isidore
Wegodsky, I. Jersey City, N. J.
Weingarten, Benjamin, Philadelphia, Pa.
Weinstein, Albert, Miami Beach, Fla.
Weinstein, Philip, Los Angeles, Calif.
Weintraub, Meyer, Los Angeles, Calif.
Weiss, Morris
Weisblatt, Isidore
Weitzman, Charles
Weprinsky, Max, Miami Beach, Fla.
Wetter, Elias
Wieger, Sigmund
Wiener, Samuel, Miami, Fla.
Windman, Nat.
Wishner, H. Chicago, Ill.
Wolpert, William
Wolpoff, Louis, Chicago, Ill.

Yanowitz, Louis, Westfield, N.J.
Yasser, Louis
Yonish, Herman, L.

Zaitz, Morris
Zegas, Harry
Zelmanowicz, Motl
Zinderman, Louis
Zippin, Julius, Slingerlands, N. Y.

Zucker, Meyer, Bridgeport, Conn.

Zukerman, Jacob T.
Zukofsky, Herman
Zumoff, Abraham

Connecticut Club
Detroit Club
Montreal Club
Ladies Auxiliary, N. Y.

Schwartz, Rubin
Scolnik, Frank, Chicago, Ill.
Segal, Ben, Montreal, Canada
Seidman, Herschel
Selcovitz, Herman, Philadelphia, Pa.

Seligman, Wolf, Poughkeepsie, N. Y.

Selkowitz, Isidore, Norwich, Conn.
Seltzer, Benjamin
Shafran, Joseph S. Cleveland Heights, Ohio
Shainblum, Ben
Shapiro, Alexander, Newton, Mass.
Shapiro, Boris
Shapiro, Louis H. St. Petersburg, Fla.
Shapiro, Morris, Miami Beach, Fla.
Shelov, Samuel, Paterson, N. J.
Shier, David, Chicago, Ill.
Shipkowitz,, Israel, Chicago, Ill.
Shneider, Hyman, Hammond, Ind.
Shuster, William
Siegel, Ben, Los Angeles, Calif.
Siegel, Harry, Hartford, Conn.
Siegel, Jacob, Chicago, Ill.
Siegel, Jacob H. Miami, Fla.
Sigal, Leo
Sigal, Samuel, Los Angeles, Calif.
Silver, Alex, T., Los Angeles, Calif.
Silver, Louis
Silverberg, Dr. Samuel
Silverman, Isidore A.
Silverman, Max, Chicago, Ill.
Silverstein, David, Santa Monica, Calif.
Simon, Alex
Sisk, Arnold
Skobel, Samuel
Sobotko, Henry
Sokol, Harry, Birmingham, Ala.
Solomon, Julius
Sorkin, Isidore
Sosnoff, Leon
Spier, Mrs. Dora
Stein, Abraham, Philadelphia, Pa.
Stein, David L. Maplewood, N. J.
Stein, Herman, Newark, N. J.
Stein, Marx, Bridgeport, Conn.
Steinberg, Jacob, Spring Valley, N. Y.
Stelman, Marvin
Sterman, Oscar, Brookline, Mas.
Stern, Morris
Stern, William
Stone, Elias
Stolov, Arthur
Sutin, Hyman A.
Sweet, Morris

Tabor, Isidore M.
Tamarin, William
Teitelman, Harry, Philadelphia
Tomashow, Samuel
Trilling, Benjamin
Troy, Benjamin
Troy, Morris
Tuckel, Tteodore, New Haven, Con..
Tuvim, Joseph

Ushelevsky, Jacob

Vigoda, Abraham
Vogel, Irving

Wachtel, Isidore
Wainer, Nathan, Bridgeport, Conn.

Nemser, Hyman
Newman, Hyman
Nidenberg, Sam
Nisnavitz, Daniel
Nunberg, Arthur
Nussbaum, Frank

Olivenstein, Martin
Olsman, Jacob, Chicago, Ill.
Orlansky, William
Oronsky, Charles

Pankin, Paul
Perlmuter, Leonard, Stratford, Conn.
Persiley, Saul
Peskoff, William
Pine, David, Raynham, Mass.
Pine, Victor, Chicago, Ill.
Plotkin, Isaac, Roselle, N. J.
Pogran, Nathan
Polin, Morris L., Chicago, Ill.
Pollack, Joseph, Cleveland, Ohio
Portnoy, Frank
Portnoy, Dr. Isidore
Portnoy, Joseph
Posner, Joseph, S.
Prager, Morris, Chicago, Ill.
Press, David, J. Miami, Fla.

Rabinowitz, Morris
Ratzken, Samuel, Los Angeles, Calif.
Regensberg, Samuel
Reich, Jacob, Montreal Canada
Reiff, Louis
Rifkin, Benjamin
Riner, Sam, New London, Conn.
Rosen, David
Rosen, Matthew S. Buffalo, N.Y.
Rosen, Samuel
Rosen, Samuel, New Haven, Conn.
Rosenfield, Nathan, Miami Beach, Fla.
Rosenfeld, Harry, Los Angeles, Calif.
Rosenowitz, Louis
Rosenstein, Raphael, Los Angeles, Calif.
Roskin, Samuel
Ross, Jacob
Rubin, Max, Beverley Hills, Calif.
Rubinsky, Harris
Rubinstein, Isidore, Miami Beach, Fla.
Rubinstein, Michael, Monreal, Canada
Rubinstein, Paul
Rudin, Aaron, Philadelphia, Pa.
Rudin, Abraham
Rugoff, Hyman
Rumianeck, Sam
Russak, Isadore, Paterson, N. J.

Saidel, Harry, Chicago, Ill.
Saronson, Abraham
Satine, Dr. Solomon J.
Satz, Harry
Savit, Isidore
Sawndw, Abraham, Los Angeles, Calif.
Schaen, Louis
Schiff, Isaac M.
Schneider, Louis
Schneider Philip J. Bridgeport, Conn.
Schonhaut, Simon
Schub, Bernard, New Haven, Conn.
Schuckman, Isadore
Schutzman, Harry
Schwartz, Harry, Montreal
Schwartz, Isadore, Chicago, Ill.
Schwartz, Max, Los Angeles, Calif.
Schwatz, Max, Miami, Fla.

Keller. Max
Keller, Max
Keller, Dr. Joseph G.
Kessel, Sam, Bergefield, N. J.
Kessler, Joseph, Houston, Texas
Kessler, Joseph, New York
Kirschenbaum, Walter L.
Klatsky, Dr. Meyer
Kleiman, Louis
Klein, Hyman
Kliebard, Morris
Koff, David
Kogan, Daniel, Paterson, N. J.
Kor, Richard, M. Mt. Vernon, N. Y.
Kovler, Morris
Kreiman, Barnet, Chicago, Ill.
Kremen, Julius, Chicago, Ill.
Kruchkow, Morris, Stamford, Conn.
Kula, Nathan, Montreal, Canda
Kushner, Max
Kuznitz, Harry

Lange, Arthur
Lavinsky, Samuel, Stamford, Conn.
Lassow, Alex, New Bedford, Mass.
Leff, Abraham
Leff, Barney, Mamaroneck, N.Y.
Leiderman, Jacob, Linden, N. J.
Lerner, Hyman
Levenson, Leon, Philadelphia, Pa.
Levin, George, Philadelphia, Pa.
Levin, Israel
Levin, Sam, Chicago, Ill.
Levine, Abraham
Levine, Bella, Montreal, Canada
Levine, Jacob, Los Angeles, Calif.
Levine, Louis, Miami Beach, Fla.
Levine Sam, H. Miami Beach, Fla.
Levy, Yetta, Los Angeles, Calif.
Liberman, Sam. Montreal, Canada
Lipenholtz, Sam, Paterson, N. J.
Lipschitz, Julius
Lipschultz, I., Oak Park, Ill.
Lison, Rubin
Litewka, Joel, Los Angeles, Calif.
Litman, Boris, Toronto, Canada
Loeb, Mitchell

Malinsky, Abraham, Phtladelphia, Pa.
Malk, Rubin, Maywood, Ill.
Mandel, George, New Roshelle, N. Y.
Manis, David
Malslow, Paul,
Mechanick, Israel D.
Meed, Benjamin
Melamed, Isidore, Philadelphia, Pa.
Merlin, Michel, Atlanta, Ga.
Michels, Dave, Chicago, Ill.
Miller, Alex S.
Miller, Isadore
Miller, Jacob
Milman, Samuel
Miringoff, Barnet
Mirman, Saniel I. Montreal
Mlotek, Joseph
Monosson, David, Brookline, Mass.
Morrison, Hyman
Mosko, Benjamin, Philadelphia, Pa.
Mostoff, Barnet
Musnik, Joseph

Nachamkin, Rubin
Nachwalter, Hyman
Negin, Isidore, Philadelphia, Pa.

Goldberg, Hyman, Miami Beach, Fla.
Goldberg, Mrs. Lena, Camden N. J.
Golding, Max
Goldman, David, Los Angeles, Calif.
Goldman, Jacob, Chicago, Ill.
Golddwsky, Morris
Gordon, Abraham, Chicago, Ill.
Gordon, Isidore, Miami Beach, Fla.
Gorenstein, Max, So. Pasadena, Calif.
Gottfried, Max, Stamford, Conn.
Gottleb, Joseph
Green, Joseph, Media, Pa.
Greenberg, Adolph, Hartford, Conn.
Greenberg, Isidore, B.
Greenberg, Jacob H., Chicago, Ill.
Greenfield, Arnold, Montreal, Canada
Grobstein, Arnold
Gross, J. L. Philadelphia, Pa.
Grundland, Sidney
Grushka, Nathan

Guzman, Max

Halperin, Nathan
Halpert, Max.
Haskel, Max, Miami Beach, Fla.
Hencken, Samuel
Herman, William, Los Angeles, Calif.
Hershkowitz, Abraham
Hertzman, Isaac, Montreal Canada
Himelstein, Sam
Hoffman, Manuel, Rochester, N. Y.
Hoffstein, Meyer, Los Angeles, Calif.
Hollander, Samuel, Miami Beach Fla.
Hornstein, Louis, Somerset, Mass.
Horowitz, Leo
Horowitz, Samuel.
Hubelbank, Philip
Hurwich, Morris, Miami, Fla.

Ifshin, Daniel E.

Jacobson, Louis
Jacobson, Max
Jaffe, Sol
Jeshurin, Ephim, H.,
Jeshurin, Herbert,
Justman, Harry, Los Angeles, Calif.

Kagan, Jacob H.,
Kahn, William, W. Jeresy City, N. J.
Kaiden, David
Kalish, Abraham M., Chicago, Ill.
Kaplan, Benjamin
Kaplan, Benny, Newark, N. J.
Kaplan, Frank
Kaplan, Hy.
Kaplan, Louis
Kaplan, Max
Kaplan, Sam
Kaplansky, Kalmen, Ottawa, Canada
Karasick, Sol
Katz, Fred
Katz Meyer
Katz, Morris
Katz, Samuel, New London, Conn.
Kauffman William J.,
Kaye, Jack

Cooper, Bennie
Cushner, Samuel

Daitch, Morris, Hartford, Conn.
Damond, Samuel, J. Chicago, Ill.
Dann, Chas.
Davidoff, Mrs. Ida. Fort Lee, N. J.
Davidoff, Max
Denerstein, Harry
Denerstein, Mrs. Rose
Diamond, Jack
Diamond, Louis
Dimintberg, Isidore
Disend, Jacob, Newark, N. J.
Dordick, Harry, Philadelpia, Pa.
Dorfman, Joseph
Dovitch, Samuel, Sherman Oaks, Calif.
Dryshpel, Mrs. Bessie
Dubno, Jacob

Eberil, Echeal
Edelstein, Barney
Edison, Abraham
Efron, Salman
Ehrenreich Hayim
Eisenberg, David, A. Roxbury, Mass.
Elkin, David
Elkin, Samuel
Ellenberg, Morris, Hartford, Conn.
Ellenson, Samuel
Epstein, Benjamin, Bridgeport, Con.
Epstein, Mrs. Ethel
Epstein, Julius, Monticello, N. Y.
Epstein, Max E., Cleveland Ohio.

Erdman, Harry
Falk, Ignacy, Montreal, Canada
Federman, Rafal
Feinerman, Mrs. Ida, Maplewood, N. J.
Feldman, Sam
Finestone, Barney, Atlanta, Ga.
Finkel, Max, Philadelphia, Pa.
Finkelstein, Alex
Fingerbrenner, Benjamin, Philadelphia. Pa.
Fisher, Abe
Fisher, Harry
Fleishfarb, Benjamin
Flexer, Jacob., Montreal, Canada
Frank, Louis
Freedman, Isadore, Philadelphia, Pa.
Friedman, Ben
Friedman, Davis, Bridgeport, Conn.
Friedman, Joseph
Fytelson, Hyman, Bridgeport, Conn.

Gale, Alex, Chicago, Ill.
Galinsky, Morris, Philadelphia, Pa.
Gans, Meyer
Garbulsky, Leo
Cavzy, Julius, Los Angeles, Calif.
Gebiner, Benjamin A.
Gebiner, Raymond
Geller, Morris
Gelpar, Louis, Los Angeles, Calif.
Gershner, Emanuel
Gilman, Bernard, Newark, N. J.
Gladstone, Joseph
Glaser, James
Glazer, Samuel
Gleiberman, Max, Miami Beach, Fla.
Goldberg, Abe, Miami Beach, Fla.

SPONSORS OF THIS BOOK

רשימה פון בײשטײערער פאַר דעם בוך „אַרבעטער רינג אין ראַנגלעניש און דערגרײכונגען"

Alpert, Mrs. Yetta, Millburn, Ind.
Abrahamson, Alex, Munster, Ind.
Andelman, Louis, Chestnut Hills, Mass.
Axelrod, Barnet, Wittman, Aeriz.
Axelrod, Isidore, Cleveland, Ohio
Azeff, Harry, Montreal, Canada

Backer, Bernard
Baraz, Benjamin
Barcan, Max
Baum, Meyer
Beckerman, William, Cleveland, Ohio
Bellman, Morris, Mt. Vernon, N. Y.
Belsky, Joseph
Belson, Abraham
Bender, Abraham
Bercovitch, Ben, Philadelphia, Pa.
Berger, Harry, Philadelphia, Pa.
Bergwerk, Samuel
Berkowitz, Jacob
Berliant, David, Chicago, Ill.
Bernfeld, Moe
Bernstein, Joseph, Detroit, Mich.
Bernstein, Lawrence, Detroit Mich.
Bernstein, Sam
Bernstein, Samuel
Berschler, Leonard, Philadelphia, Pa.
Berzon, Jacob
Blank, Maxwell, Philadelphia, Pa.
Bleifer, Isidore
Block, Philip, Boston, Mass.
Block, Rudolph
Bomus, Harry
Borenstein, Herman
Borenstein, Julius
Boxer, Philip
Breslow, Israel
Breslow, Jacob, Norwalk, Conn.
Brodsky, Jacob, Philadelphia, Pa.
Bromberg, Emil
Brown, Samuel, Philadelphia, Pa.
Bruskin, Samuel
Bykofsky, Irving

Calman, Dr. Maurice S.
Carmen, Jacob
Carson, Alick, Glendale, Calif.
Chaikind, Joseph
Charney, Hymie, Montreal, Canada
Charnofsky, Michael, Beverly Hills, Calif.
Cheifetz, Aaron
Chiaet, Sam
Chipkin, Abraham
Chodosh, Morris, Chicago, Ill.
Chodosh, Simon
Chomsky, Julius, Mt. Vernon, N. Y.
Cohen, Abraham
Cohen, Mrs. Bertha
Cohen, Isidor, Miami Beach, Fla.
Cohen, Samuel, Miami Beach, Fla.

TABLE SHOWING NUMBER OF DECEASED MEMBERS DURING THE PERIOD OF 50 YEARS 1914—1964 AND THEIR AGES

Age	Number	Age	Number	Age	Number
29	1	56	8	73	21
38	2	57	8	74	25
39	1	58	8	75	17
41	1	59	15	76	10
43	3	60	19	77	11
44	2	61	9	78	3
45	2	62	17	79	6
46	2	63	14	80	6
47	1	64	15	81	2
48	3	65	13	82	8
49	2	66	15	83	3
50	5	67	17	84	3
51	5	68	18	84	1
52	3	69	17	86	1
53	3	70	16	87	1
54	4	71	17	89	1
55	5	72	14	93	1

TABLE SHOWING NUMBER OF DECEASED MEMBERS EACH YEAR FOR THE PERIOD OF 50 YEARS 1914—1964

Year	Number	Year	Number
1916	1	1944	11
1918	1	1945	9
1919	1	1946	11
1920	1	1947	9
1924	1	1948	11
1927	1	1949	10
1929	3	1950	9
1930	3	1951	24
1931	3	1952	16
1932	2	1953	18
1933	2	1954	15
1934	3	1955	22
1936	4	1956	20
1937	3	1957	21
1938	6	1958	18
1939	4	1959	28
1940	5	1960	21
1941	5	1961	25
1942	6	1962	26
1943	8	1963	14
		Total Deceased — 401	

Average Age of Deceased 66½ Years

	נאָמען	ברענטש	ווען געשטאָרבן	עלטער
392.	Ochrach, Philip	138	Mar. 13, 1963	73
393.	Sokol, Nathan	303	Mar. 20, 1963	73
394.	Kirtzman, Nicholas	203	Mar. 31, 1963	66
395.	Freiman, Nathan	39	Apr. 27, 1963	80
396.	Rush, Solomon	215	May 19, 1963	82
397.	Seligman, Wolf	501	June 4, 1963	77
398.	Zucker, Meyer	48	Sept. 11, 1963	75
399.	Guzman, Max	136	Sept. 20, 1963	70
400.	Meisner, Harry	696	Nov. 5, 1963	70
401.	Marksheid, Morris	42	Nov. 28, 1963	74

	נאָמען	ברענטש	ווען געשטאָרבן	עלטער
342.	Gorelick, Joseph	186-E	March 27, 1961	46
343.	Stern, Eli	178	April 26, 1961	83
344.	Kart, David	200	May 12, 1961	76
345.	Belzer, Isidor	259	May 19, 1961	67
346.	Sirlin, Isidore	500	May 21, 1961	68
347.	Weintraub, Berl	655	June 6, 1961	73
348.	Gold, Joseph	1010	June 10, 1961	38
349.	Friedberg, Frank	55	July 3, 1961	82
350.	Tigel, Morris	43	August 6, 1961	84
351.	Duntow, Joseph	692	August 12, 1961	75
352.	Gold, Sam	74	August 18, 1961	73
353.	Weinstein, Meyer	43	August 19, 1961	75
354.	Klukofsky, Louis	1-2	August 27, 1961	68
355.	Oshry, Meyer	443	September 5, 1961	71
356.	Laikin, Samuel	20	September 28, 1961	73
357.	Revsin, David Harry		October 18, 1961	65
358.	Rothman, Leon	49	November 12, 1961	73
359.	Kahn, Meyer B.	208	December 3, 1961	86
360.	Reissbord, Wolf	124	December 3, 1961	82
361.	Kosakoff, William	81	December 15, 1961	73
362.	Zarchin, Max	275	January 1, 1962	62
363.	Moser, Benjamin	520	January 5, 1962	70
364.	Fishman, Jacob	342	January 11, 1962	76
365.	Denerstein, Isidor	99	February 6, 1962	75
366.	Leventhal, Joseph	560	February 17, 1962	75
367.	Silverman, Mordche	32	March 3, 1962	71
368.	Hovitz, Israel	696	March 5, 1962	75
369.	Spivack, Harry	692	April 6, 1962	72
370.	Rifkin, Saul	400	April 16, 1962	81
371.	Schneid, Hyman	655	April 27, 1962	73
372.	Segal, Hyman	138	May 1, 1962	73
373.	Engar, Joseph	25	May 20, 1962	71
374.	Shore, Joseph	1-2	June 21, 1962	72
375.	Ashin, Israel D.	202	June 25, 1962	75
376.	Kittay, Jacob	511	July 30, 1962	72
377.	Goldner, Jacob	42	Aug. 5, 1962	75
378.	Gaft, Max	352	Aug. 16, 1962	77
379.	Leson, Jacob	287	Oct. 2, 1962	82
380.	Hillman, Isaac	33	Oct. 11, 1962	82
381.	Cader, Israel	112	Oct. 27, 1962	76
382.	Selnick, Samuel	210	Nov. 8, 1962	77
383.	Draisin, Abraham	206	Dec. 3, 1962	74
384.	Itzkowitz, Morris	506	Dec. 10, 1962	67
385.	Alperth, Nathan	114	Dec. 11, 1962	73
386.	Salkin, William	81	Dec. 17, 1962	74
387.	Kahn, Isaac	3	Dec. 21, 1962	80
388.	Ginsburg, Lewis	1-2	Jan. 1, 1963	79
389.	Schneider, Harry N.	12	Jan. 3, 1963	74
390.	Pollack, Sam	15	Mar. 6, 1963	89
391.	Kahl, Robert	135	Mar. 11, 1963	71

	נאָמען	ברענטש	ווען געשטאָרבן	עלטער
293.	Judkin, Louis	572	March 14, 1959	77
294.	Silver, Jonah	65	March 18, 1959	74
295.	Adler, Abraham	367	April 8, 1959	76
296.	Mantell, Louis	107	May 29, 1959	69
297.	Student, Alexander	149	May 31, 1959	74
298.	Stein, Oscar	535	June 11, 1959	83
299.	Kaplan, Lazarus	506	July 6, 1959	70
300.	Heck, Abraham	107	July 7, 1959	73
301.	Swerdloff, Louis	81	July 13, 1959	71
302.	Rothman, Jacob	49	July 22, 1959	79
303.	Landberg, Barnett	331	August 3, 1959	83
304.	Tomar, Isidore	370	August 14, 1959	63
305.	Jacobs, Shaye	206	September 10, 1959	70
306.	Solow, Isaac	206	September 17, 1959	75
307.	Shaffro, Morris	389	September 20, 1959	69
308.	Gilletz, Max	151	September 23, 1959	72
309.	Mehlsak, Max	42	September 26, 1959	93
310.	Singer, Isaac	99	October 10, 1959	72
311.	Jarcho, Michael	132	October 20, 1959	81
312.	Tepper, Abraham	3	October 28, 1959	80
313.	Rochmis, Harry	6	October 30, 1959	77
314.	Etkin, Charles	29	November 19, 1959	67
315.	Filler, Abraham	413	December 10, 1959	74
316.	Brasly, Samuel	12	January 31, 1960	60
317.	Sussman, Herbert B.	4	February 16, 1960	78
318.	Wichter, Louis	49	February 20, 1960	79
319.	Entin, Louis	132	February 28, 1960	74
320.	Bluestein, William	124	March 22, 1960	60
321.	Tuck, David	23	April 8, 1960	87
322.	Pearlstein, Max	88	April 11, 1960	73
323.	Schacht, Sam	537	April 22, 1960	75
324.	Miller, Harry	42	May 3, 1960	77
325.	Schachner, Harry	420	June 4, 1960	76
326.	Schectman, Isador	124	June 21, 1960	67
327.	Bernstein, Herman S.	692	July 4, 1960	70
328.	Fein, Harry	99	July 18, 1960	67
329.	Auerbach, Philip	206	July 28, 1960	71
330.	Cohen, Jacob	135	August 12, 1960	76
331.	Garber, Morris	275	August 15, 1960	75
332.	Aronoff, Louis	79	August 23, 1960	72
333.	Gershanoff, Morris	132	October 5, 1960	77
334.	Berkowitz, Benjamin	48	October 8, 1960	72
335.	Shalit, Isadore	31	November 11, 1960	76
336.	Levine, Israel	151	December 20, 1960	62
337.	Boroff, Abraham	47	January 12, 1961	73
338.	Hankin, Max	128	January 13, 1961	72
339.	Gershon, Aaron	75	February 1, 1961	74
340.	Pickus, Abe	206	February 9, 1961	70
341.	Kaplan, Harry	88	February 15, 1961	69

	נאָמען	ברענטש	ווען געשטאָרבן	עלטער
245.	Hochman, Isaac	49	November 28, 1956	74
246.	Grad, Edwin E.	90	December 5, 1956	67
247.	Horowitz, Max	364	December 5, 1956	72
248.	Mussaff, Meyer	142	December 28, 1956	80
249.	Goloboff, Solomon	712	January 2, 1957	72
250.	Rubin, Joseph	689	January 14, 1957	75
251.	Greenberg, Max	17	February 13, 1957	82
252.	Levenbaum, Benj.	107	February 15, 1957	68
253.	Mencoff, Jacob	443	March 27, 1957	69
254.	Munves, Max	247	April 4, 1957	65
255.	Cohen, Hyman P.	541	April 13, 1957	68
256.	Applebaum, Harry	383	June 2, 1957	63
257.	Binkow, Abraham	156	June 18, 1957	68
258.	Breslaw, Joseph	535	July 3, 1957	70
259.	Shaffran, Philip	31	August 13, 1957	72
260.	Gaft, Sidney L.	137	September 12, 1957	43
261.	Tarre, Hyman	167	September 12, 1957	74
262.	Davidoff, Meyer	2	September 24, 1957	82
263.	Sharf, Abraham	370	October 9, 1957	68
264.	Belker, Hyman	342	October 29, 1957	74
265.	Solovioff, Abraham	25	November 6, 1957	75
266.	Dworkin, Sam	950	November 12, 1957	64
267.	Kraitsik, Jacob	422	November 14, 1957	69
268.	Brooks, Albert	1049	November 28, 1957	61
269.	Rothman, Samuel	23	December 13, 1957	80
270.	Golden, Samuel	32	January 7, 1958	75
271.	Friedman, Jacob	4	January 31, 1958	71
272.	Korson, Morris	12	February 21, 1958	73
273.	Gottlieb, Harry	300	March 13, 1958	67
274.	Rabinowitz, Joe	430	March 13, 1958	69
275.	Kerstein, Joseph	958	March 20, 1958	74
276.	Gold, Isidore	64	April 6, 1958	65
277.	Podell, Louis	1037	May 2, 1958	46
278.	Stern, Isidor	74	June 16, 1958	74
279.	Post (Posklansky), Sam	484	July 3, 1958	74
280.	Frishwasser, Benj.	49	July 30, 1958	74
281.	Epstein, Frank	83	August 12, 1958	71
282.	Gordon, George	315	September 7, 1958	77
283.	Weinberg, Manuel	706	September 22. 1958	68
284.	Farber, Joshua	443	October 5, 1958	67
285.	Levin, Morris	176	November 9, 1958	78
286.	Quatman, Nathan	377	November 19, 1958	69
287.	Buchman, Harry	760	November 21, 1958	73
288.	Slotnick, Louis	146	January 8, 1959	63
289.	Fisher, Isidore	663	January 17, 1959	69
290.	Levitt, Alex	111	January 20, 1959	68
291.	Ury, Israel B.	400	January 26, 1959	71
292.	Frumhartz, Paul	572	March 7, 1959	66

	נאָמען	ברענטש	ווען געשטאָרבן	עלטער
197.	Nodelman, Solomon	275	March 5, 1954	73
198.	Schiffman, Isidore	134	April 24, 1954	62
199.	Harvey, Louis A.	4	May 25, 1954	67
200.	Evensky, Michael	194	July 1, 1954	76
201.	Chalkin, Abraham	43	July 12, 1954	68
202.	Zolan, Ralph	48	July 17, 1954	68
203.	Cohen, Solomon	99	July 19, 1954	68
204.	Wechsler, Solomon	1	August 27, 1954	77
205.	Stein-Shusterman, Harry	64	September 11, 1954	68
206.	Wolpert, Meyer G.	96	December 8, 1954	80
207.	Israel, Leon D.	367	January 12, 1955	67
208.	Slutzker, Samuel	652	January 16, 1955	61
209.	Weiner, Joseph	699	January 19, 1955	62
210.	Weinberg, Joseph	2	February 12, 1955	79
211.	Levine, Benjamin	655	February 18, 1955	55
212.	Adler, Morris	210	February 28, 1955	66
213.	Gerenstein, Isidor	462	March 19, 1955	69
214.	Pudnos, Isidore J.	100	April 7, 1955	61
215.	Berman, Louis	560	April 22, 1955	64
216.	Needelman, Ben	283	May 21, 1955	60
217.	Sideman, William	135	May 21, 1955	79
218.	Skloot, Abr. William	559	July 5, 1955	73
219.	Rhams, Abraham	47	July 14, 1955	72
220.	Zimmerman, Max	19	August 20, 1955	71
221.	Gollub, Samuel	64	August 24, 1955	65
222.	Margolis Victor	443	August 27, 1955	71
223.	Siegel, Hyman B.	138	September 3, 1955	68
224.	Cousens, Leon A.	460	November 4, 1955	45
225.	Cherman, William	542	November 10, 1955	69
226.	Gilletz, Joseph	151	November 20, 1955	77
227.	Magill, Philip R.	48	November 28, 1955	71
228.	Cohn, Solomon	23	December 20, 1955	73
229.	Walsh, Philip	107	January 24, 1956	75
230.	Alperin, David	36	January 29, 1956	68
231.	Hoffman, Harry	958	January 29, 1956	65
232.	Edelson, Max	560	February 21, 1956	65
233.	Needelman Benjamin	4	May 28, 1956	61
234.	Bestock, Abe	167	June 1, 1956	71
235.	Slutzky, Harry	247	June 16, 1956	72
236.	Turk, Henry	289	June 22, 1956	63
237.	Katz, Aaron	3	July 5, 1956	82
238.	Spier, Zundle	75	July 16, 1956	75
239.	Silverglied, Barnet	53	September 21, 1956	63
240.	Gottlieb, Joseph	54	September 24, 1956	72
241.	Troppauer, Isidore	124	October 11, 1956	60
242.	Novick, Abraham	138	October 30, 1956	65
243.	Brody, Philip	541	November 10, 1956	59
244.	Rabkin, William	206	November 14, 1956	62

	נאָמען	ברענטש	ווען געשטאָרבן	עלטער
148.	Rapoport, Abraham	223	August 18, 1951	57
149.	Fritkin, Morris	459	September 5, 1951	69
150.	Wander, Harry	665	September 11, 1951	71
151.	Hines, Nathan	410	September 20, 1951	60
152.	Pressman, Israel	511	September 30, 1951	70
153.	Guskin, Reuben	206	October 4, 1951	64
154.	Rudow, Samuel	150	October 18, 1951	62
155.	Berkowitz, Isidore	422	November 14, 1951	57
156.	Schweitzer, Israel	134	Novembe 23, 1951	63
157.	Schulman, Benjamin	489	December 13, 1951	51
158.	Krinsky, Barnet	231	February 2, 1952	63
159.	Schildcrout, Louis	206	February 25, 1952	62
160.	Kravets, Isidore	148	April 3, 1952	60
161.	Edelstein, Isadore	15	April 7, 1952	60
162.	Kotzen, Isadore	75	May 3, 1952	69
163.	Kotler, Harry	3	May 28, 1952	57
164.	Galin, Louis	146	June 24, 1952	64
165.	Levitt, Julius	663	August 9, 1952	67
166.	Sosne, Alex	517	August 10, 1952	57
167.	Ettinger, Selig	135	August 15, 1952	72
168.	Feinbeg, Israel	590	September 16, 1952	66
169.	Dubow, Hyman	535	November 12, 1952	67
170.	Goldberg, Abraham	459	November 25, 1952	63
171.	Pollack, Joseph	692	December 5, 1952	66
172.	Greenblatt, Abraham	367	December 28, 1952	60
173.	Hollenberg, Ralph	122	December 29, 1952	56
174.	Mogil, Jacob	74	February 13, 1953	60
175.	Fleeder, Max	81	March 11, 1953	73
176.	Slavin, Max	687	March 26, 1953	77
177.	Fieldman, Harry,	912	April 5, 1953	62
178.	Grossman, David	736	April 17, 1953	70
179.	Rice, Morris	675	May 6, 1953	73
180.	Kauffman, Ben	124	May 18, 1953	60
181.	Cohen, Louis	88	May 26, 1953	69
182.	Epstein, Louis	712	June 12, 1953	66
183.	Sheanin, Harry	590	July 22, 1953	69
184.	Dollins, Isidor	23	August 22, 1953	71
185.	Simchowitz, Sam	336	September 14, 1953	59
186.	Kalin, Barnet	493	September 27, 1953	74
187.	Arkin, Leon	74	September 30, 1953	65
188.	Herman, Isidor A	413	October 9, 1953	70
189.	Rothstein, Benjamin	315	October 12, 1953	80
190.	Gallen, Benjamin	283	November 4, 1953	58
191.	Katz, Philip	150	November 6, 1953	70
192.	Rothman, David	287	January 1, 1954	71
193.	Segal, Julius	338	January 4, 1954	67
194.	Braginsky, David	135	January 18, 1954	71
195.	Cornell, Dr. Julius	43	January 18, 1954	73
196.	Feldman, Joseph	481	January 23, 1954	59

	נאָמען	ברענטש	ווען געשטאָרבן	עלטער
99.	Sternick, Israel	330	June 25, 1947	66
100.	Zoloth, Benjamin	12	July 26, 1947	64
101.	Rosenfield, Morris	200	August 19, 1947	53
102.	Mard, Samuel	404	December 7, 1947	57
103.	Riceman, Max	306	December 27, 1947	64
104.	Lipson, William	2	January 8, 1948	68
105.	Dessel, Harry	536	February 18, 1948	56
106.	Ashbes, Morris J.	410	March 16, 1948	59
107.	Brody, Samuel	29	April 4, 1948	67
108.	Kaplan, Morris	88	April 15, 1948	62
109.	Steinberg, Louis	654	May 2, 1948	74
110.	Pillot, Nathan	1	July 14, 1948	73
111.	Weissberg, Julius	79	September 8, 1948	59
112.	Katz, Philip	209	October 16, 1948	59
113.	Gordon, Max L.	310	November 1, 1948	56
114.	Rubin, Julius	109	November 14, 1948	62
115.	Rosenblatt, Jacob M.	539	January 5, 1949	58
116.	Schoushan, Charles	295	February 9, 1949	70
117.	Leen, Hyman	202	February 10, 1949	61
118.	Weich, Max L.	510	February 17 1949	66
119.	Roberts, Abraham	400	April 10, 1949	59
120.	Benensohn, Louis	162	May 3, 1949	69
121.	Parker, William	210	May 22, 1949	64
122.	Fagan, Nathan	32	July 15, 1949	49
123.	Sheinbaum, Max	87	August 5, 1949	64
124.	Cohen, Barnet	60	August 30, 1949	76
125.	Zatz, Louis	74	February 2, 1950	78
126.	Racolin, Dr. Mendel	224	March 30, 1950	69
127.	Bush, Jacob	124	May 10, 1950	63
128.	Gorfien, Jacob	84	July 29, 1950	60
129.	Ginsberg, Rudolph	367	August 12, 1950	66
130.	Nagle, Sam	212	September 10, 1950	62
131.	Kauffman, Jacob	388	October 7, 1950	54
132.	Spinrad, Morris	147	October 20, 1950	60
133.	Schiller, Samuel	43	December 9, 1950	60
134.	Elkin, Leon	692	January 1, 1951	58
135.	Dryshpel, John	74	January 29, 1951	65
136.	Wollins, Isidore	88	February 12, 1951	59
137.	Oltman, Samuel	138	February 15, 1951	61
138.	Sherr, Harry	443	March 21, 1951	62
139.	Yanowitz, Penjamin	202	April 5, 1951	67
140.	Berson, Louis	107	April 18, 1951	64
141.	Rabinowitz, William	389	April 29, 1951	60
142.	Levy, Louis	413	June 2, 1951	57
143.	Denerstein, Louis	99	June 11, 1951	66
144.	Wohl, Samuel	215	June 14, 1951	58
145.	Galper, Louis	497	July 5, 1951	67
146.	Bernstein, Henry	167	July 10, 1951	53
147.	Shenkin, Abraham	423	July 31, 1951	64

	נאָמען	ברענטש	ווען געשטאָרבן	עלטער
50.	Arkin, Harry	118	February 6, 1942	48
51.	Pensler, William	12	February 28, 1942	70
52.	Scholnick, Harry	306	March 13, 1942	55
53.	Urbach, Harry	23	July 16, 1942	73
54.	Slutzky, Morris	118	July 18, 1942	52
55.	Feldman, Bernard	912	August 17, 1942	66
56.	Greenberg, Hyman	201	April 25, 1943	54
57.	Epstein, Abraham		May 24, 1943	69
58.	Black, Isidore	42	October 9, 1943	45
59.	Kahn, Victor	39	October 26, 1943	66
60.	Heiferling, Samuel	439	October 31, 1943	58
61.	Abramowich, Max B.	541	November 6, 1943	60
62.	Tarlow, Harry	710	November 7, 1943	63
63.	Satzman, Jacob	124	December 19, 1943	59
64.	Metz, Saul	401	January 22, 1944	60
65.	Feinerman, Nathan	24	February 15, 1944	58
66.	Neustein, Eugene	473	March 24, 1944	64
67.	Wilder, John	107	May 23, 1944	59
68.	Rabinowitz, Philip	692	July 15, 1944	56
69.	Trachtman, Sam	124	August 14, 1944	51
70.	Wolf, Barnet B.	11	August 15, 1944	65
71.	Gottlieb, Louis	493	December 19, 1944	64
72.	Reisen, Harry	256	December 21, 1944	57
73.	Wagman, Louis	256	December 22, 1944	64
74.	Lefkowitz, Samuel	49	December 27, 1944	63
75.	Weinblatt, Max	36	March 22, 1945	74
76.	Lipsitz, Harry	111	April 5, 1945	63
77.	Jacobson, Charles	247	April 12, 1945	61
78.	Finkelstein, Sam	252	April 27, 1945	55
79.	Shafer, Jacob	17	June 5, 1945	65
80.	Cohen, Isidor	306	July 5, 1945	60
81.	Zellot, Julius	81	July 17, 1945	61
82.	Handler, Morris	723	November 8, 1945	61
83.	Lipshitz, Meyer	587	November 10, 1945	56
84.	Forer, Louis	23	January 17, 1946	64
85.	Mindlin, Max	107	February 8, 1946	62
86.	Marshak, Max	99	February 9, 1946	58
87.	Cohen, Abraham R.	666	February 11, 1946	70
88.	Miller, Isaac	75	February 16, 1946	65
89.	Breen, Joseph	252	February 26, 1946	59
90.	Span, Abraham	13	March 7, 1946	66
91.	Rudin, Samuel	150	April 27, 1946	63
92.	Kritzer, Harry	4	May 16, 1946	57
93.	Kusnetz, Louis	252	September 17, 1946	56
94.	Miller, Benjamin	149	October 15, 1946	55
95.	Finkelstein, Eliah I.	216	January 19, 1947	68
96.	Levinson, Morris	283	January 28, 1947	66
97.	Rosenthal, Felix	164	February 8, 1947	59
98.	Bezahler, Louis	42	April 9, 1947	69

	נאָמען	ברענטש	ווען געשטאָרבן	עלטער
1.	Baxt, Julius	219	October 4, 1916	29
2.	Levine, Pincus	1	July 1, 1918	52
3.	Perlowitz, Max	280	December 7, 1919	38
4.	Nimkovsky, Morris	5	May 7, 1920	48
5.	Goldberg, Louis	370	November 12, 1924	39
6.	Rabinowitz, Morris	256	July 27, 1927	51
7.	Altman, Samuel	81	July 2, 1929	49
8.	Elkin, Samuel	32	September 13, 1929	
9.	Dubrow, Samuel	62	October 16, 1929	58
10.	Barcan, Sam	222	July 26, 1930	41
11.	Hinder, Hyman	1	August 4, 1930	64
12.	Koplitzky, Meyer	127	December 2, 1930	52
13.	Rosenblatt, Isaac	92	May 4, 1931	66
14.	Goldfine, Jacob	387	July 16, 1931	44
15.	Back, Abraham	367	October 18, 1931	51
16.	Zucker, Abraham	400	March 9, 1932	43
17.	Goldin, Harry	1	April 21, 1932	62
18.	Walitzky, Abraham	100	March 21, 1933	50
19.	Boulgach, Simon	1	November 16, 1933	58
20.	Goldstein, Nathan	280	August 6, 1934	50
21.	Seltzer, Julius	146	October 31, 1934	44
22.	Gold, Jacob	8	December 15, 1934	79
23.	Graiver, Charles	75	March 3, 1936	62
24.	Landau, Chas.	23	May 9, 1936	65
25.	Rosenberg, Wm.	289	August 7, 1936	54
26.	Reiseroff, Abraham	712	October 10, 1936	68
27.	Cohen, Isidor	43	January 18, 1937	62
28.	Chalkin, Isidor	43	July 23, 1937	50
29.	Rolnick, Morris	4	November 2, 1937	62
30.	Tankus, Morris	127	March 15, 1938	50
31.	Padnick, Jacob	149	April 8, 1938	50
32.	Rothman, Louis	195	April 14, 1938	56
33.	Lipson Morris	2	June 3, 1938	67
34.	Kretchmer, Herman	33	June 5, 1938	55
35.	Annapole, Isidore	2	December 17, 1938	73
36.	Segalowitz			
37.	Baxt, William	666	March 25, 1939	68
38.	Bearak, Joseph	666	March 27, 1939	48
39.	Finkelstein, David	206	December 4, 1939	51
40.	Wolos, Solomon	5	January 4, 1940	59
41.	Kronstadt, Max	244	March 25, 1940	54
42.	Sherman, David	521	May 9, 1940	47
43.	Magid, Abraham D.	443	August 20, 1940	56
44.	Alpert, Isaac	23	November 16, 1940	59
45.	Wexler, Jacob	156	August 12, 1941	60
46.	Schenker, Jacob	286	August 31, 1941	59
47.	Gans, Abraham	41	September 22, 1941	60
48.	Goldberg, Max	459	October 12, 1941	63
49.	Shulman, Abraham	4	November 11, 1941	70

 נר תמיד

אונדזער פּאַנטעאָן

401 פון אונדזערע חברים זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען. זייערע געשטאַלטן זיינען אַיינגעקריצט אין אונדזערע מוחות און אַיינגעבאַקן אין אונדזערע הערצער. אין דעם איצטיגן מאָמענט פון אונדזער יובל דערמאָנען מיר זיך אָן זיי, אונדזערע קאַמעראַדן, און פאַרגיסן זודיגע טרערן.

מיר וועלן זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

And long live The Club, too. Otherwise what would happen to that whole structure indispensable to a creative organizational life which we call "Behind the Scenes?" What would be without a Chief Justice to pass on all important questions or a Chief Auditor to watch every single expenditure, or a Vice-President from Tucson to strut his brief time upon the stage?

What would be without a new tablecloth for a 50th wedding anniversary, or an alarm clock for the newly-weds?

Who could endure the end of a year and not know who will wear the heavy burden of the Presidency for the coming year?

Where and when would we get a chance to really be serious and hear the majestic utterances of our scholars and philosophers?

Indeed, without The Club, life might well descend into flippancy and triviality. A mere joke might become the order of the day. Gayety would reign supreme, and good fellowship would poison the air. Perish the thought!

The Club, we are happy to say is here to stay — like The Chief — and stay, and stay, and stay.

And so be it!

when the next course is being served, or, and to be sure, when The Chief gives The Word.

So what kind of history can be written anyway about An Army of the Republic which has become a Society of Veterans of the War Between the Rechter and the Linker? History was written before I came upon the scene. Now it is belle-lettristic and feuilletonic.

Some of the masters of this great style are lately gone from our ranks — Frank Epstein, Max Gaft, Jacob Fishman, fine men of the pen all. But we still have — them to long years — the Abe Hershkowitzes and the Henry Sobotkos and the Ben Gebiners and the Israel Breslows. Sometimes even a Leon Levinson from Philadelphia. It proves that even the post-historical era has produced giants among us who fill our blank pages with fine paragraphs and question marks and genzellfieslech galore. And when they get to a microphone, they sound so terribly eloquent, it is a shame to waste it on what they try so nobly to say. Wars make heroes, yes, but it takes a dreary peace to make the true greatness of a Hershkowitz, a Sobotko, a Gebiner, or a Breslow. Not to speak of a Levinson.

Of course, there is The Chief himself. But can the pen that writes of a Hershkowitz also mention the name of The Chief? When The Chief is the highest by Divine Right? When The Chief is the one who decides whether a Hershkowitz sits at this table or the other? Or whether Sobotko writes the protocol or makes the nomination speech? One is the Creator and the other is the Creature. But why explain a simple fact which nobody even questions? It's not very feuilletonic, is it? Makes me feel feuillish.

The Chief Thing is that The Chief architect of the Club has also been The Chief publisher, The Chief editor, The Chief maestro, The Chief tactician, The Chief king-maker, The Chief constitution writer, The Chief law-giver, The Chief greeting card dispenser, The Chief matonah-geber — in a word, The Head Indian.

As one of our belletricians once cautioned us, "Jeshurin think you can replace The Chief, because Jecant." How true these words are! So we say, "Long live The Chief!"

constant companion of generations to come, as it was for those of our immediate past.

We have come a long way. We look upon our past with pride, and with gratitude to those members of the National Social Club who made this outstanding record. We have a deep conviction that our future will in no way darken the bright record of our past achievements.

WILLIAM STERN

ENERGY AND VITALITY OF THE CLUB

In England it's called The Establishment. Here it's The Club. In Yiddish, Der Kloob.

There it's His Royal Highness. Here it's The Chief. Same in Yiddish.

There history is very important. Here too. Einmol a geschichte.

But for that you need a historian, here like there. Which leaves me out. But not so fast. I can still be a a belle-lettrist or a feuilletonist. In The Club, who isn't?

I entered The Club after it had won the Battle of Constantinople, hurling back the Russian hordes and opening up the floodgates to the new Young Turks who were streaming into the Arbeter Ring and claiming their rightful places in the palace guard. Some twenty years of war had left some scars on the old veterans, but the newcomers were untouched by all that had preceded them. They came into a chummy atmosphere in which there never was heard a call to the colors or the rattle of drums. It was only an annual reunion of the war horses, strutting around in their spanking new blue serge uniforms, escorted by their bespangled mates. In one corner was a special table for the young leftenants, all wondering what they were doing there, but never failing to pitch their wonderment in the topmost decibels. From year to year this table grew — it grew larger, and quieter. Today its occupants are hardly to be distinguished from the older war horses. They have learned to move from table to table and return to their base only

by the wayside. The Club thus provided Workmen's Circle with the energy, and the lifeblood, to keep our organization vital and throbbing.

Another sinew of the Club's muscle was its progressive spirit. Our great society of the Common Man was occasionally exposed to howling winds, particularly during the 20's. These winds were whipped up by enemies who sought to capture or kill the Workmen's Circle. At this time, the progressive spirit of the Club inspired its members to fight the good, Socialist battle against political dictatorship, just as Workmen's Circle had always fought against every form of man's enslavement. The Club's progressive approach to the life of our organization gave courage and strength to the average Workmen's Circle member, and inspired him to such heights, that the Workmen's Circle became one of the foremost forces in the drive to achieve a healthy and secure life for the ordinary American Jew.

The third quality which bound Club members together was their humanism. The immigrant masses who arrived here during the course of several decades, found a warm and homelike atmosphere in the ranks of the Workmen's Circle. They felt a hearty feeling of family kinship, which reminded them of Jewish life in Eastern Europe. Club members helped to foster these humanistic links between those already established here, and the new arrivals. The "less green" Club members had experienced the same sufferings and joys as those who came later. They therefore promoted a spirit in our organization, which bound all of its members together as brothers and sisters — a spirit which helped the Workmen's Circle to survive and which encouraged constructive and creative activities.

These three qualities which I have listed seem to be the characteristics by which the Club contributed to the morale, the constructive force, the beauty and the great eternal values of the Workmen's Circle.

In these jubilee days, we must live not only with that which has been, but we must be determined to uphold the traditions of Workmen's Circle, so that our organization will continue to be the

HERSCHEL SEIDMAN
Chairman Entertainment Committee

THREE STERLING QUALITIES

Many contributors to these pages are recounting the bright and vivid history of the National Social Club. Many are telling of their own experiences in connection with the growth of the Club, and its influence upon the development of our Workmen's Circle during these last 50 years.

I have made quite a thorough study of this rich record of half a century's achievements. I would like to use this space so kindly allotted to me, for a small analysis of what I consider to be the vital qualities of the Club. It seems to me that these characteristics of the National Social Club were responsible for providing the leadership for Workmen's Circle, and, like a torch in a miner's cap, lighting up the paths ahead.

It seems obvious that the growth of the Club, and its influence upon our organization, developed as a result of the fraternal solidarity, the strength and the unity which were provided by the members of the Club.

Three sterling qualities which characterized the development of the Club were: 1) its energy; 2) its progressive spirit; 3) its humanism.

The National Social Club was always dynamic and active. This was so not only in its activities and accomplishments, but also in its general approach to the development of the Workmen's Circle. From the very beginning, Club members stood on guard for the benefit of Workmen's Circle interests. The Club's "eye" was always an eye for the future. Due to this farsighted approach, the Club's leaders were aware of the necessity for making occasional organizational changes, in order to meet the requirements of the times, and the ever-changing needs of our membership. These contructive changes helped to insure the existence of Workmen's Circle, while other, even more powerful organizations, fell

ashamed of our traditions and our heritage in order to satisfy those who are willing to buy some petty honor by sacrificing our traditions. There is a free Workmen's Circle because men like my father and Jeshurin and Chanin and hundreds of others fought for it to be free. Our Jewish community and our labor movement is free of the Communist pest because our ideals were better and our organization was filled with those ideals. And in many nations of the world there is freedom because those who learned the lesson that The Club had propagated are now in positions where they can influence such a course of freedom.

So, I say to The Club, thanks for teaching me and watching me and helping me keep these traditions alive.

LOUIS REIFF

Former Manager
Eastern Out of Town Dept.
I. L. G. W. Union

GREETINGS

Dear Friend Jeshurin:

I am grateful to you for your reminder and in telling how neglectful some of us were in failing to reply to the first letter you sent out in conjunction with the 50th Jubilee Celebration of our Club. My only regret is that I wasn't among the first of the group that built this organization that has done so much for our Workmen's Circle, especially in the years when we fought the communist conspiracy that attempted to capture and control or destroy. Needless to say that I have enjoyed my membership, although I wasn't able to give of my time and activity largely due to the fact that I have been for over thirty years working away from home in the Out-of-Town Department of the I. L. G. W. U. In short I want to be counted among those still carrying on the work of our National Club and to rejoice with you in partaking in our celebration.

WALTER L. KIRSCHENBAUM

NATIONAL SOCIAL CLUB

To one of my generation, the Club is tradition and legend. But I knew what its goals were and what its accomplishments were designed to be because, as a child, the shock waves of history shook our household. My father was a Yiddish journalist who grew from youth into adulthood in the then fledgling Jewish labor movement. He had served as one of the first officials of the Gewerkschaften and was the first manager of the Hebrew Actors Union. He was also a charter member of Branch 49 of the Workmen's Circle. With this background the invasion of the Communists who sought to wreck the Workmen's Circle became, in our household, a challenge that had to be met. I remember well his fiery opposition to this invasion and his outraged rhetoric on the subject. So, to me, the Club was a reality long before I was welcomed into its ranks and long before I fully comprehended its significance. I often came, as a youngster, to the Forward Building on East Broadway in the company of my father who was then associated with a rival newspaper. But his friends and his heart were at 175 East Broadway. There I first met The Chief, Ephim H. Jeshurin. At a time when most youngsters were finding a romance with Tom Mix and Colleen Moore on the screen, I was getting a different type of an education, a more indelible one.

The traditions of The Club are needed now more than ever. The Workmen's Circle is strong; its leadership is welcomed in areas where, years ago, it was rejected or rebuffed. Our anti-communism was premature just as our anti-fascism was premature. The Communists we have repelled in a manner that was positive and filled with dignity. Many of our younger members have risen to positions of prominence throughout the land. Our work is known in many labor circles of the world. Our anti-totalitarian concepts are models for others to emulate. But we should never be

In this sad situation it is good to know that the Workmen's Circle is not content to rest on past laurels. As this member sees it, the Workmen's Circle contends that the best form of society is one which seeks to benefit all and discriminate against none. Moreover, the Workmen's Circle has been pragmatic in judgments and actions and has never succumbed to any political or economic dogma or doctrine. In this respect it seems to hold a position maintained by Democratic Socialists and their supporters.

The Workmen's Circle condemns and fights all racial, religious and national prejudices and inequities in all phases and fields of American public and official life. On the premise that education — social, political, economic — is one of the prime requisites for improving the well-being of the people, the Workmen's Circle cooperates with groups and governmental agencies dedicated to such democratic and progressive endeavors.

In recent years, the Workmen's Circle has broadened its programs and intensified its activities along lines of secular Jewishness. Discussion and comment about such subjects this member leaves to President Jacob T. Zukerman and National Administrator William Stern. Of such matters they are masters, while this writer is woefully and shamefully ignorant.

Finally, there is the National Social Club to which this publication is a tribute. This club is the brilliant and glorious satellite of the Workmen's Circle. It radiates eternal wit and humor, good cheer, and widens warm friendships.

One shudders to contemplate what this troubled world of ours would be like without wholesome merriment, devotion and affection.

In a very real sense the National Social Club is the spiritual arm of the Workmen's Circle. May its character endure and its influence grow ever more powerful.

that it belongs to the adherents of communism. Possessed by this faith, it is easy for a Communist to rant against the discrimination of the Negroes in the South and, at the same time, deny, ignore or justify the persecution of the Jewish people in Russia. A Communist can bitterly denounce Election Law restrictions against minority parties in several states and, then, boisterously acclaim the one-party slate in Russia.

The same Communist will catalog volumes of "evils" in the United States, but will view Russia as a haven of perpetual sunshine, happiness and honey. To a Communist Party member with his split personality, such fantasies constitute genuine democracy.

So much for domestic politicians and the Communists. Now for a few generalizations of the aims and attitudes of the Workmen's Circle as perceived by a member after 26 years in the organization.

The Workmen's Circle does not pretend to be able to solve our global problems of today, tomorrow or for all time to come. Far from being an admission of weakness, this is an indication that the Workmen's Circle is an intellectually mature and stable entity.

In the early part of the century it was the Workmen's Circle that spurred legions of Jewish immigrants to challenge man's inhumanity to man. The Workmen's Circle led in the organization of unions and sparked the battles against sweatshops, child labor, fire-trap tenements, disease due to malnutrition, evictions and starvation.

The Workmen's Circle impressed upon the newcomers that the opportunity for a better existence was not a mere mirage or fairy tale and that poverty was not written into the Constitution of our great land.

Today the American standard of living is higher than in any nation in the world. Yet, there still are millions of unemployed, substandard wages in cities and on the farms, and a great deal of economic insecurity. Government statistics show that a total of seven billion dollars is spent each year to help the hungry and needy in this richest of all countries.

JAMES S. GLASER
Member Editorial Staff
New York Post

THE WORKMEN'S CIRCLE AND DEMOCRACY

Human beings are born with creative instincts and impulses. With many people the thirst for knowledge is avid and perennial. However, the acquisition of knowledge is valueless unless it is utilized for the democratic enhancement of civilized society.

Hence people ask: "Why religion? Or science? Or politics? Or economics? Or peace and war? Why life itself or, perforce, death?

Consequently we have the churches, temples and synagogues to rescue the world from sin and the devil, and we have the political parties to save it for democracy. Indeed, what is this phenomenon that goes by the name of democracy?

To some it is just another vague and abstract term, to others it hinges on what is called Free Enterprise, and many equate it with anything that is in opposition to communism.

We also come face to face with a big question mark because the communists proclaim themselves to be the authentic founders and the only real champions of democracy. Though it's not within the scope of this brief essay to examine the multitudinous creeds, ologies and isms, nevertheless the presumptuous and rainbowish claims of the Communists warrant a bit of attention.

In their thoughts, words and actions, the Communist Party members observe and pursue a "line" handed down from Moscow or, during the current internal rift, possibly from Peking. Since Communists must hew to the "line", they cannot weigh results, and neither can they be shown that they are treading a wrong path.

Communists are convinced that they have found the answer to all things, that only their ways represent what is right, that there is no wisdom but their own, that the Future is fixed, and

JOSEPH BELSKY
Secretary Hebrew Butcher Workers Union, Local 234

THE BUTCHER AND THE SOCIAL CLUB

The year of 1963 marks the completion of 37 years of activity of Joseph Belsky, as Secretary Treasurer of the Hebrew Butcher Workers Union. The story of these crowded years, the response of the workers for organization, and the services rendered by the pioneers, such as the Workmen's Circle, the United Hebrew Trades, and the Jewish Daily Forward is an amazing story.

In the early years, in order to organize a kosher butcher worker, meant not only increasing the pay and lowering the number of working hours, but it also meant that a lodging place had to be secured for the butcher worker. The butcher was employed and hired with board and lodging. Then again, it was the Jewish Daily Forward that made possible the elimination of taking lodging and board with the butcher employer.

The Workmen's Circle and the National Social Club had the task of informing the Jewish community of the hidious efforts of the communists in their attempt to take over the union. These attempts failed. The many branches of the Workmen's Circle supported our union financially during the days of crisis, and to these organizations the Kosher Butchers Union will always owe a debt of gratitude.

And so as the years rolled by, the National Social Club is accumulating a world of records that deal with the experiences of the members of the organization, and the part the Club and its Chief has played.

אינהאַלט:

50 יאָר לעבן און ווירקן פון אונדזער קלוב 6-5
National Officers for 1963 7
50th Anniversary Committee 8
יעפים ישורין — וויליאַם באַקסט, דער גרינדער פון אונדזער קלוב 11—9
יעפים ישורין — אונדזער ערשטער פרעזידענט יוסף וויינבערג 12-11
דער ערשטער רוף צום גרינדן דעם קלוב 14
נייטען פריימאַנס דערינערונגען 19—15
אונדזערע גענעראַל־סעקרעטאַרן פון קלוב פאַר די לעצטע 50 יאָר 20
יעקב ראָבערטס — די געשיכטע פון דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב 206—21
יעקב פישמאַן — מיכל איווענסקי 210—207

אונדזערע פופציק פרעזידענטן פון קלוב

נ. כאַנין — יוסף וויינבערג — 1914 215—213
מ. איווענסקי — אַברהם עפשטיין — 1915 217-216
מ. איווענסקי — שבתי בולגאַטש — 1916 220—218
מ. איווענסקי — איזידאָר (איסר) קאָהען — 1917 223—221
מ. איווענסקי — אייזיק אַלפּערט — 1918 225-224
בערנאַרד ליליענבלום — 1919 228—226
מ. איווענסקי — נפתלי פיינערמאַן — 1920 234—229
פרענק עפשטיין — משה לעווענסאָן — 1921 235
נתן פילאַט — 1922 236
ס. רעגענסבערג — לעאָן אַרקין — 1923 239—237
י. פאַגעל — ראובן גוסקין — 1924 241-240
מאיר דייווידאָף — 1925 243-242
יעפים ישורין — זלמן וואָלאָס — 1926 245-244
יעפים ישורין — יאַנקל ראָטמאַן — 1927 247-246
אָסקאַר סטירמאַן — 1929 250—248
ד״ר סעמיועל סילווערבערג — 1930 253—251
לואי דינערשטיין — 1931 255-254
ד״ר יודל קאָרנעל — 1932 256
מאַקס גאַפּט — באַרנעט וואולף — 1933 260—257
נחום כאַנין — 1934 265—261
מ. איווענסקי — רפאל גינזבערג — 1935 267-266
מ. איווענסקי — בערנאַרד פעלדמאַן 1936 270—268
הערי בערגער — 1937 271
ב. געבינער — ד״ר אַלעקסאַנדער זעלדין — 1937 272
פיליפּ בלאַק — 1938 273
בן־ציון מיימאַן — 1940 275-274
יעקב ראָבערטס — 1941 277-276
בענדזשאַמין קאַפּלאַן — 1942 278
י. פאַגעל — ישראל פיינבערג — 1943 281—279

באַרנעט אַקסעלראַד — 1944 283־282

מ. איוועגסקי — —דזשאַן דריישפּיל 1945 285־284

מ. איוועגסקי — שמואל רודאָוו — 1946 286

לואיס עפּשטיין — 1947 287

מ. איוועגסקי — משה י. אַשפּיז — 1948 291—288

לעאָן אַרקין — דזשוליוס (יודל) וויסבערג — 1948 293־292

י. פּאַגעל — מאַקס גאַפּט — 1949 295־294

יודל באַרענשטיין — 1950 296

דזשאָזעף ברעסלאָוו — 1951 298־297

אַלעקס לאַסאָוו — 1952 300־299

מ. ל. פּאַלין — 1953 303—301

Joseph Tuvim — 1954 305־304

מ. רובינשטיין — 1955 309—306

יוסף בערנשטיין (דעטראָיט) — 1956 312—310

יחיאל עבעריל — 1957 313

Daniel E. Ifshin — 1958 315־314

Jacob T. Zukerman — 1959 317־316

ישראל ברעסלאָוו — 1960 319־318

דזשאָזעף דאָרפמאַן — 1961 322—320

אַברהם לעף — 1962 324־323

מאיר ווײַנטרויב — 1963 328—325

מ. איוועגסקי — יעפים ישורין 334—329

בילד פאָטאָגראַפירט אויף דער קאָנפערענץ פון ניו־יאָרקער שטאָטישן קאָמיטעט אין 1963, ווען מען האָט אויסגעדריקט אָנערקענונג צו געוועזענע פּרעזידענטן פון אַרבעטער־רינג 335

בילד פון געוועזענע פּרעזידענטן פון אַרבעטער־רינג, גענומען אויף דער 50טער קאָנווענשאַן 336

פּרעזידענטן פון אַרבעטער־רינג, וועלכע זײַנען געווען און זײַנען איצט מיטגלידער פון קלוב 337

סעקרעטאַרינס פון ניו־יאָרקער פּרויען קלוב 338

מיינונגען און אָפּשאַצונגען וועגן קלוב

דוד אײַזענבערג — ״זקנים״, וועלכע סימבאָליזירן מיט זיך טרײַע חברשאַפט 344—341

אַברהם בלאַק — אַ באַגריסונג פון איינעם וועלכער בענקט נאָך אַלע אַלטע פרײַנד 345־344

מרדכי וו. בערנשטיין — דער ריכטיקער יובל 348—345

מאָריס גאָלדאָווסקי — דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב — דער אַוואַנגאַרד פון אַרבעטער־רינג 350־349

בנימין געבינער — מיר זײַנען שטאָלץ מיט אונדזער פּאַרגאַנגענהייט 352־351

רעימאָנד געבינער — די געזעלשאַפטלעכע ראָל פון אַרבעטער־רינג לכבוד דעם 50טן יובל פון אונדזער קלוב 356—352

מאַנועל ל. האָפמאַן — אַ באַגריסונג פון אַ פּראָווינציאָנאַלן ייִד 358—356

אַב. הערשקאָוויץ — אונדזערע פרעזידענטן און דער טשיף (פעליעטאָן) 361—359
נעט ווינדמאַן — אונדזער קלוב האָט מיט וואָס זיך צו גרויסן 362-361
ה. זיגאַס — אַ גרוס פון „זקן" פון דער אַלטער היים 364-363
ב. טאַבאַטשינסקי — אַ פאַרדינטער יובל 366-365
זלמן יעפרויקין — די גרויסע מתנה 368—366
י. לעווין־שאַצקעס — אויף דער וואַך 373—370
ש. מילמאַן — דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב און „אָרט" 376—374
יאָסל מלאָטעק — אין די פוסטריט פון די 36 378—376
מיכל ל. מערלין — מיין האַרציקן גרוס 379-378
הענרי סאָבאָטקאַ — נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב — דער אַוואַנגאַרד
פון אַרבעטער־רינג 382—379
י. סיגעל — דער פאַרביסענער קאַמף אין שיקאַגאָ 385—383
לואיס סילווער — פופציק יאָר 388—385
פרענק עפשטיין — די ראָל פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב 393—389
י. פאָגעל — דער קלוב דאַרף איצט באַשיצן און באַדינען דעם אַרבע־
טער־רינג מער ווי אין וועלכער ניט איז אַנדער צייט 395—393
הערי פישער — מיין באַגריסונג 397-396
מאָריס קאָוולער — דער קלוב — אַ האַלבן יאָרהונדערט 399—397
העריס רובינסקי — דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב — דער באַשי־
צער פונעם אַרבעטער־רינג — פייערט איצט זיין 50־יאָריקן יובילעאום 401—399
ס. רעגענסבערג — די „מיניטמען" פון אַרבעטער־רינג 404—402
מאָריס שאַפּירא — וואָס דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב האָט מיר געגעבן 407—405
י. שמולעוויטש — דרך־ארץ פאַר די זקנים 409—407

די קלובן איבערן לאַנד

דעטראָיט אָפּטייל 411-410
א. ט. סילווער — לאָס אַנדזשעלעס 414—411
דער מאָנטרעאַלער קלוב 418—415
היימאַן גאָלדבערג — מיאַמי ביטש אָפּטייל פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב 421—419
יעקב דיסענד — צום פופציק יאָריקן יובילעאום פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב 423-422
ניו־יאָרקער פרויען קלוב 423
ל. לעווינסאָן — דער פילאַדעלפיער קלוב 428—424
קאָנעטיקוט קלוב 429
ל. וואָלפּאָף — דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב פון שיקאַגאָ 433—429

Joseph Belsky — The Butcher and the Social Club 1
James S. Glaser — The Workmen's Circle and Democracy III-IV
Walter L. Kirschenbaum — National Social Club V-VI
Louis Reiff — Greetings VI
Herschel Seidman — Three Sterling Qualities VII—IX
William Stern — Energy and Vitality of the Club IX—XI
In Memoriam XIII—XXII
Table of deceased members each year XXIII
Ages of deceased members XXIV
Sponsors of the book XXV—XXXI

צום סוף איז נויטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף די ווייטערדיקע פּרטים:

א. אין אַ ריי אַרבעטן ווערן ציטירט פאַרשידענע דאָקו־מענטן, רעזאָלוציעס, אַרטיקלען, בריוו אדג״ל פון די פריערדיקע יאָרן. עס איז אין זיי בכוונה איבערגע־לאָזן געוואָרן די דעמאָלטיקע באַנוצטע אויסדרוקן, וואָס כאַראַקטעריזירן טאַקע די פאַרהעלטענישן פון יענער צייט.

ב. אין בוך באַטייליקן זיך העכער פופציק אַקטיווע בויער און טוער פון קלוב. עס איז דעריבער פאַר־שטענדלעך, אַז טייל פּאַסירונגען ווערן אין די זכרונות און אָפּשאַצונגען איבערגעחזרט. אמת — זיי ווערן פאָרגעשטעלט אין אַ באַזונדער ליכט און פון אַן אַנדערן קוק־ווינקל.

איך האַלט פאַר מיין אַנגענעמע פליכט אויסצודריקן מיין דאַנק דער דרוקעריי .KNIGHT PRINTING CORP און איר אָנפירער פריינד ה ע ר ש ל ק ו פ פ ע ר ש ט י י ן פאַר אַלע באַמיאונגען דאָס בוך זאָל אַרוים אין דער בעסטער אויסשטאַטונג.

ביי דער טעכנישער צוגרייטונג און רעדאַקציאָנעלער קאָנסולטאַציע פון בוך האָט מיטגעאַרבעט פריינד מ ר ד כ י וו. ב ע ר נ ש ט י י ן.

יעפים ישורין, רעדאַקטאָר